STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00869

IN TSVEY REVOLUTSYES

Raphael R. Abramovitch

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Doug Gersh
in memory of
Abe Leventhal

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר. אבראַמאָוויטש

אין צוויי רעוואָלוציעס

די געשיכטע פון אַ דור

צווייטער באַנד

אַרויסגעגעבן פון פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג"
ביי דעם אַרבעטער־רינג בילדונגס־קאָמיטעט

Copyright 1944
by the Educational Department
of the Workmens Circle
175 East Broadway
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
Tel. CHelsea 2-9878
166



ר. אַבראַמאָוויטש אין 1937

אינהאַלט

זייט

דער וועג אַהיים

1. די רעוואָלוציע איז געקומען — 5
2. דער „פלאַמבּירטער וואַגאָן" פון לענינען — 10
3. מיר פאָרן אויך דורך דייטשלאַנד — 12

דער פרילינג פון דער רעוואָלוציע

1. פּעטראָגראַד, מאַי 1917 — 25
2. דער סאָוועט און די רעגירונג — 31
3. אַרעסט פון די ראָמאַנאָווס און „פּריקאַז נומער איינס" — 37
4. דער „בונד" אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע — 43
5. מיין לאַגע אין „בונד" און אין דער פּאַרטיי — 48
6. דאָס פּראָבלעם פון מאַכט. — דער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע — 57
7. דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן — 61
8. לענין און טראָצקי אויפן צוזאַמענפאָר — 70
9. די רעוואָלוציע צעשפּאַלט זיך — 75
10. פּעטערבורג אין די יוני-טעג — 79

די רעוואָלוציע צעשפּאַלט זיך

1. דער רוסישער אָנגריף פון יוני 1917 — 86
2. די יולי-טעג 1917 — 89
3. דער דורכפאַל פונם יולי-אויפשטאַנד — 97
4. די באָלשעוויקעס און דייטשע געלט — 99
5. מיין ערשטע אַרויסטרעטונג אין עקזעקוטיוו-קאָמיטעט — 106
6. די מלוכה-באַראַטונג אין מאָסקווע — 110
7. דער קאָרנילאָוו-אויפשטאַנד — 113
8. די רעוואָלוציע אויף דער אידישער גאַס — 119
9. די אַמעריקאַנער בונדיסטן אין זומער 1917: א. ליטוואַק. — מאַקס גאָלדפאַרב. — מענדל דייטש. — פּאָפּלאַק — 121
10. די דרום-קאָנפערענץ פון „בונד" אין קיעוו — 125
11. דער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. — די דעמאָקראַטישע באַראַטונג — 132
12. דער „ציטוווייליקער ראַט פון דער רעפּובליק" — 136
13. דער „בונד" אין האַרבסט 1917 — 140
14. ערב דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע — 146

די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש

1. דער 25-טער אָקטאָבער 1917 — 157
2. די אָקטאָבער-רעוואָלוציע אין לאַנד — 171
3. דער „וויקזשעל" — 176
4. קריג און פרידן: אַ דיסקוסיע אויפן פראָנט — 186
5. די מאַסן און די באָלשעוויקעס — 191
6. די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג — 197

די באָלשעוויקעס און דער פרידן

1. די שלום-פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד — 207
2. דער אָנהייב פון טעראָר — 217
3. מיר פאָרן אַריבער קיין מאָסקווע — 223
4. די ערשטע אויפשטאַנדן קעגן די באָלשעוויקעס: די לינקע ס. ר. — יאַראָסלאַוול — 230

אָנהייב פון טעראָר: אַרעסט און טורמע

1. די אַרבעטער-קאָנפערענץ אין מאָסקווע. — דער אַרעסט — — — — — — 234
2. אין „סאָציאַליסטישע" טורמעס: בוטירקי, טאַגאַנקע — — — — — — 244
3. די דייטשע רעוואָלוציע — — — — — — — — — — — — 255
4. די ווירקונג פון דער דייטשער רעוואָלוציע אין מאָסקווע — — — — 262
5. שטרייטן וועגן כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע — — — — 267

דער „קריגס-קאָמוניזם" און דער בירגער-קריג

1. אָנהייב פון פולשטענדיקן קאָמוניזם — — — — — — — — — — 271
2. דער רוסישער פויער און דער „קריגס-קאָמוניזם" — — — — — — — 276
3. ווינטער 1918—1919. — מיין אָפּעראַציע — — — — — — — — — 282
4. מיין צווייטער אַרעסט. — לעצטע באַגעגעניש מיט דזשערזשינסקין 286
5. מיין אַרבעט אין בילדונגס-קאָמיסאַריאַט — — — — — — — — — 292
6. דער בירגער-קריג — — — — — — — — — — — — — 298
7. מיר שלאָגן פאָר אַן אויסוועג — — — — — — — — — — — 304

דער באָלשעוויזם און דער בונד

1. די האָמלער באַראַטונג פון „בונד" — — — — — — — — — — — 310
2. די שפּאַלטונג פון „בונד" — — — — — — — — — — — — — 316

די געבורט פון קאָמינטערן

1. די גירנדונג פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל — — — — — — — — 321
2. דער ווינטער 1919—1920. — פויליש-סאָוועטישער קריג — — — — 326

באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס

1. די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס אין 1920 — — — — — — — — 330
2. איך באַשליס צו פאָרן אין דייטשלאַנד — — — — — — — — — 338
3. מאַרטאָוו און איך באַקומען אויסלענדישע פּעסער — — — — — — 344
4. אָלגין אין מאָסקווע — — — — — — — — — — — — — 351
5. גוד-באַי, מאָסקווע! — — — — — — — — — — — — — 356

אנשטאט אַ שלוס-וואָרט

— — — — — — — — — — — — — 356

דער וועג אַהיים

1

די רעוואָלוציע איז געקומען

דעם 14־טן מערץ, 1917, בין איך געזעסן אין מיין אָפיס אין בלומס פּאַטענטן ביוראָ אין ציריך אויף דער באַנהאָף־שטראַסע, ווען עס האָט זיך אומגעקערט פון לאַנטש מיינער אַ קאָלעגע, אַ דייטשער עמיגראַנט, וואָס האָט בשום אופן ניט געוואָלט קעמפן אין דער אַרמיי פון קייזער ווילהעלם. ער איז אַריין אַן אויפגערעגטער, אַ צעשויבערטער און האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן צו מיר: „אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוואָלוציע!"

איך האָב אַפילו דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן און ניט געגעבן קיין שום אַכטונג אויף דער דאָזיקער סענסאַציאָנעלער מיטטיילונג. ערשטנס, פלעגן אַזוינע קלאַנגען אין ציריך אין אָנהויב 1917 אויפקומען גאַנץ אָפט, און יעדעס מאָל האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַלש; צווייטנס, איז דער דאָזיקער קאָלעגע, וואָס האָט זיך גערופן דייטשער עמיגראַנט און אין דער אמתן איז ער געווען פשוט אַ דייטשער דעזערטער, קיין מאָל ניט געגנאָסן פון פאַרטרויען אין מיינע אויגן. האָב איך קיינעם ניט טע־לעפאָנירט, און מיט קיינעם ניט גערעדט און געבליבן רואיק ביי מיין אַרבעט און בין רואיק אַוועקגעפאָרן אַהיים אין דער געוויינטלעכער צייט. ערשט דאָרטן האָב איך געפונען אַ געוואָלטיקע אויפרעגונג. אַנ־דערע חברים זיינען שוין געווען דאָ מיט דער זעלביקער בשורה טובה און עס איז אויסגעקומען, אַז עפּעס האָט זיך יאָ געטראָפן אין רוסלאַנד. האָט מען שוין ניט גערוט און מען איז אַוועקגעלאָפן אין שטאָט איבער די רעדאַקציעס פון די צייטונגען, צו באַקאַנטע זשורנאַליסטן. און אין עטלעכע שעה אַרום האָבן מיר שוין אַלע געוואוסט דעם אמת. די לאַנג־דערוואַרטעטע רעוואָלוציע איז טאַקע געקומען. פון יעמאָלט אָן האָט זיך אונדזער נאָרמאַל, געוויינטלעך לעבן אָפּגעשטעלט, און אונדזער ווייַ־טערדיקער זיין אין ציריך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנגער, פיבער־האַפטער אויפרעגונג, און אונדזער גאַנצע, עמיגראַנטיש־רוסישע קאָלאָ־ניע איז געוואָרן אַן אויפגערעגטער קאָך־קעסל, וועלכער האָט ניט גערוט ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט. גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָט מען פאַרבראַכט אין לייענען טעלעגראַמעס פון די צייטונגען, מיט טעלע־פאָנירן, מיט טעלעגראַפירן קיין פּעטערבורג און קיין מאָסקווע, — און מיט גרייטן זיך אין וועג.

די צוגרייטונג איז געווען אַ דאָפּלטע. פון איין זייט האָט מען גע-דאַרפט געפינען אַ וועג ווי אַזוי אַריבערצופירן קיין רוסלאַנד, אין צייט פון קריג, עטלעכע טויזנט רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן מיט זייערע פאַמיליעס; צווייטנס, האָט מען זיך געדאַרפט צוגרייטן אידעאיש, פּאָ-ליטיש, אָרגאַניזאַטאָריש צו יענער געוואַלטיקער אַרבעט, וועלכע האָט אויף אונדז געוואַרט אין אונדזער רעוואָלוציאָנערן פאָטערלאַנד. זיינען מיר ניט אַרויסגעקראָכן פון די זיצונגען, מיטינגען, דיסקוסיעס, באַראַ-טונגען, קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן. מען האָט זיך באַראַטן וועגן דעם בעסטן וועג אויף צו פאָרן, וועגן די מעגלעכקייטן דורכצופאָרן דורך די קריג-פירנדיקע לענדער, וועגן פּאַספּאָרטן און וויזעס, וועגן געלט און שיפן. אָבער נאָך וויכטיקער זיינען פאַר אונדז אין יענעם מאָמענט געווען די פּאָליטישע שטרייטן, די מיינונגס-פאַרשיידנהייטן וועגן דער טאַקטיק, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע מוז פירן, כדי צו באַזיגן אי די אינעווייניקסטע רעאַקציע, אי די געפערלעכע ווירקונג פון דעם וועלט-קריג אויף דער רעוואָלוציע.

די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַציע, וואָס איז דער עיקר באַשטאַנען פון סאָציאַליסטן מכל המינים — מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס, סאָציאַ-ליסטן-רעוואָלוציאָנערן, — רעכטע און לינקע, בונדיסטן, פּ. פּ. ס.-אָווצעס, לאָטווישע ס.-ד., אַרמענישע „דאַשנאַקן”, גרוזינער, אַנאַרכיסטן אאַז"וו. — האָט געבילדעט אַ פיל-טויזנט-קעפּיקע מאַסע, וואָס האָט זיך קאָנ-צענטרירט פון איין זייט אין פראַנקרייך און ענגלאַנד, פון דער אַנדערער זייט אין דער שווייץ. דער דריטער טייל, אויך אַ גאַנץ צאָלרייכער, וואָס האָט זיך געפונען אין דייטשלאַנד, עסטרייך, אָדער אין יענע רוסישע גע-ביטן, וואָס זיינען געווען אָקופּירט דורך דייטשלאַנד, איז, פאַרשטייט זיך, ניט אַריין אין חשבון, וואָרים אויף זייער שיקזאַל האָבן מיר קיין שום איינפלוס ניט געקאָנט האָבן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די רוסישע פּאָליטישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן און אין פראַנקרייך, זיינען זיי געשטאַנען אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט דער נייער רוסישער רעגירונג, וואָס איר פּרעזידענט איז געווען דער פירשט לוואָוו און דער אויסלענדישער מיניסטער איז געווען פּאַוועל מי-ליוקאָוו. דער איינציקער וועג, וואָס איז פאַר זיי געווען מעגלעך, איז געווען פון פראַנקרייך קיין ענגלאַנד און מיט שיפן אָדער קריג-שיפן דורך נאָר-וועגן און שוועדן קיין פינלאַנד און רוסלאַנד. צוליב די דייטשע אונ-טערוואַסער שיפלעך איז דער שיפס-פאַרקער צווישן ענגלאַנד און רוס-לאַנד געווען זייער אַ באַשרענקטער און לאַנגזאַמער.

אויף די שיפן, וואָס זיינען געגאַנגען אונטער דעם קאָנוואָי פון ברי-טישע קריגס-שיפן, פלעגט מען נעמען נאָר אַ גאַנץ קליינע צאָל ציווילע מענטשן און דערביי נאָר מאַנסבילן; פרויען און קינדער פלעגט מען בכלל ניט וועלן מיטנעמען. חוץ דעם האָט יעדער פּאַסאַזשיר געמוזט דורכגיין אַ שטרענגן מיליטערישן קאָנטראָל. אָבער צווישן די עמיגראַנטן

אין פראַנקרייך, ענגלאַנד און דער עיקר אין דער שווייץ זיינען געווען די פאַרשיידנסטע שטרעמונגען און ריכטונגען.

פון שטאַנדפונקט פון דעם „מיליטערישן קאָנטראָל" פון די אַליאירטע לענדער איז געווען אַן אונטערשייד, צי עס האַנדלט זיך וועגן אַ רוסישן „אָבאָראָנעץ" אָדער וועגן אַ רוסישן „אינטערנאַציאָנאַליסט". דער מיליטערישער קאָנטראָל פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און די אַנדערע „עלאַים" האָט זיך ניט צו שטאַרק פאַרטיפט אין די טעאָרעטישע דיסקוסיעס, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן צווישן זיך געפירט. פאַר זיי איז אפילו אַ סאָציאַליסטישער „אָבאָראָנעץ" אויך ניט געווען אין גאַנצן כשר, ווער רעדט שוין וועגן אַ „צימערוואַלדיסט". די מיליטערישע פּאָליציי האָט געהאַלטן, אַז „צימערוואַלדיסטן" זיינען דייטשע אַגענטן אָדער גאַר שפּיאָנען; יעדנפאַלס שעדלעכע און פאַרדעכטיקע מענטשן, און כמעט אַלע באַוואוסטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין צימערוואַלד און קינטאַל, זיינען געשטאַנען אויף דער „שוואַרצער ליסטע" פון דער אַליאירטער פּאָליציי.

די גרעסטע און פאַרשיידנאַרטיקסטע קאָלאָניע פון רוסישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן האָט זיך געפונען אין דער שווייץ.

אמת, אין די פּאָר לעצטע יאָר, פון 1912 ביז 1914, האָט זיך די פירערשאַפט פון דער רוסישער עמיגראַציע אַ ביסל צעשפּרייט איבער אַנדערע לענדער, אחוץ דער שווייץ: דער באָלשעוויסטישער צענטער האָט זיך אַריבערגעקליבן קיין גאַליציע, כדי פון דאָרט צו האָבן אַ נעענטערע פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד. ווען דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן, איז לענין געווען אין דעם גאַליצישן שטעטל פּ אָ ר אָ נ י ן, ניט ווייט פון קראָקע. ער איז דאָרטן אַרעסטירט געוואָרן אין די ערשטע טעג פון קריג דורך די עסטרייכישע זשאַנדאַרמען אַלס אַ רוסישער שפּיאָן, און נאָכדעם באַפרייט געוואָרן דורך דער אַריינמישונג פון וויקטאָר אַ ד ל ע ר. און ער איז פון גאַליציע, איבער ווין, אַריבערגעפאָרן אין דער שווייץ און האָט זיך באַזעצט אין ציריך.

אויך מאַרטאָוו איז צום אָנהייב פון קריג ניט געווען אין דער שווייץ. ער איז געווען אין פּאַריז און האָט דאָרטן אַרויסגעגעבן אַ רוסישע אינטערנאַציאָנאַליסטישע צייטונג צוזאַמען מיט טראָצקין. אָבער שפּעטער האָט מען די צייטונג פאַרמאַכט, טראָצקין האָט מען אַרויסגעשיקט פון פראַנקרייך און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, און מאַרטאָוו האָט געמוזט פאַרלאָזן פראַנקרייך און אַריבערקלייבן זיך אין דער שווייץ.

אַזוי איז דאָס אויך געשען מיט אַ ריי אַנדערע סאָציאַליסטישע פירערס, וואָס האָבן אין לויף פון דער מלחמה אַרויסגעקליבן זיך, אָדער אַרויסגעראַטעוועט זיך פון פראַנקרייך, דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, אין דער שווייץ, אין דעם איינציקן נייטראַלן לאַנד, וואָס איז נאָך געבליבן אין צענטראַל-אייראָפּע. און אויב די שווייץ איז צוליב דער

מלחמה און צוליב די געזעצן וועגן נייטראַליטעט שוין מער ניט געווען יענע אַלטע, פרייע שווייץ, ווי אַמאָל, איז אין איר דאָך געבליבן נאָך גענוג פּאָליטישע פרייהייט, און דער עיקר פרייהייט פון וואָרט און פּרעסע, כדי די רוסישע סאָציאַליסטישע עמיגראַציע זאָל קאָנען דאָרטן פירן איר פּאָליטישע טעטיקייט, אַרויסגעבן אירע צייטונגען און פאַר־זעצן די דיסקוסיעס און שטרייטן איבער די ברענענדיקסטע פּאָליטישע און מלחמה־פּראָגעס. אַלע גרופּעס האָבן דאָרטן אַרויסגעגעבן זייערע זשורנאַלן און צייטונגען.

און טאַקע אין דער שווייץ זיינען פאַרגעקומען יענע אינטערנאַ־ציאָנאַלע קאָנפערענצן, וואו די קעגנער פון מלחמה האָבן געהאַט אַ גע־לעגנהייט אויסצודריקן זייערע מיינונגען און אויסצואַרבעטן זייערע פּראָגראַמען פון שלום „אָן זיגער און אָן באַזיגטע“. אין דעם שווייַ־צאַרישן קליינעם שטעטל צ י מ ע ר װ א ל ד איז פאַרגעקומען אין מאַי, 1915, די באַרימטע קאָנפערענץ, אין וועלכער ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער אַזוי גערופענער „צימערוואַלדער מאַניפעסט“ פון די אינ־טערנאַציאָנאַליסטישע גרופּעס פון אַ ריי לענדער. די וויטערדיקע זי־צונגען פון דעם דאָזיקן צימערוואַלדער אינטערנאַציאָנאַל זיינען אויך פאַרגעקומען אין שווייצאַרישע שטעט: אין ק י נ ט א ל און א ל ט ע ן.

אַזוי אַרום איז צום פרילינג 1917 אין דער שווייץ קאָנצענטרירט געוואָרן כמעט די גאַנצע פירערשאַפט פון דער רוסישער סאָציאַליס־טישער עמיגראַציע. נאָר פּלעכאַנאָוו און טשערנאָוו זיינען געווען אין פראַנקרייך, און טראָצקי מיט בוכאַרינען (בוכאַרין איז אָבער יעמאָלט נאָך ניט געווען קיין פירער, נאָר אַ יונגער חבר) זיינען געווען אין אַמעריקע. אין זשענעווע האָט זיך געפונען דער אויסלענדישער קאָ־מיטעט פון „בונד“, אין דער שפּיץ פון וועלכן עס זיינען געשטאַנען וולאַדימיר ק א ס א װ ס ק י און פראַנץ ק ו ר ס ק י, אונטערגע־שטיצט פון די אינגערע חברים, ווי יוליוס ר א ב י נ א װ י ט ש (שפּעטער דער פירער פון „בונד“ אין לאַטוויע), ליבמאַן ה ע ר ש (איצט אַ באַ־וואוסטער פּראָפעסאָר אין זשענעווע) און אַנדערע. דזשאָן מ י ל ל איז אַריבערגעפאָרן קיין אַמעריקע און יונה ק א י ג ע ן איז געלעגן אַ שווער קראַנקער אין דעם באַרג־שטעטל ל ע י ז ע ן, ניט ווייט פון לאָזאַן, אין דער שווייץ.

אין אָט דער שווייצאַרישער שטאָט, ל א ז א ן, אויפן ברעג פון דער זשענעווער אָזערע, האָבן געלעבט דער אַלטער סאָציאַליסט־רעוואָלו־ציאָנער, איינער פון די עלטסטע „נאַראָדניקעס“, מאַרק נ א ט א נ ס א ן־ב א ב ר א װ, דער סאָציאַל־דעמאָקראַט אַלעקסאַנדער ט ר א י א־נ א װ ס ק י, אַ פריערדיקער באָלשעוויק, דערנאָך אַ מענשעוויק און צום סוף ווידער אַ באָלשעוויק און סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן. אין יענעם מאָמענט אין לאָזאַן איז ער געווען אַ מעסיקער אינטערנאַציאָנאַליסט און רעכטער מענשעוויק. דאָרטן האָבן זיך גע־

פֿונען אויך עטלעכע בונדיסטישע עמיגראַנטן: אסתר איווינסקאַ, די שוועסטער פֿון וויקטאָר אַלטער; דער יונגער אָבער זייער פּעאיקער בנימין חפֿץ (דער אינגערער פֿון די דריי ברידער חפֿץ, וואָס שטאַמען אַלע פֿון ריגע), דער פֿון איטאַליע אַריבערגעקומענער וואולף דראַבקין א״אַ.

אין ציריך האָבן געלעבט לענין מיט זיין פֿרוי, מאַרטאָוו, פּאַוועל אַקסעלראָד, דער פֿריינט פֿון פּלעכאַנאָוון און דער מיטבאַגרינדער פֿון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע; די מענשעוויקעס אַסטראָוו־פּאָוועז, וואָס איז שפּעטער אַזוי טראַגיש אומגעקומען פֿון באָלשעוויסטישן טעראָר; סעמקאָווסקי און אַנדערע. די פּוילישע פּע־פּע־עס גענאָסן לעווינסאָן־לאַפּינסקי און ד״ר האָראָוויץ, דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַט (פּ. ס. ד.) וואַרשאַווסקי־בראָנסקי, דער שפּעטערדיקער סאָוועטישער פֿינאַנץ־קאָמיסאַר און אַמבאַסאַדאָר אין ווין; און אַ ריי אַנדערע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיינען דעמאָלט נאָך ניט געווען באַרימט, אָבער האָבן שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. צווישן זיי דאַרף מען דערמאָנען ד. גאָלדענדאַך־ריאַזאַנאָוו, דעם באַרימטן סאָציאַליסטישן היסטאָריקער און אַרכיוו־פֿאָרשער; אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי, וואָס איז שפּעטער געווען דער ערשטער סאָוועטישער פֿאָלקס־קאָמיסאַר פֿאַר בילדונג; מאַנואילסקי („בעזראַבאָטני״), דער שפּעטערדיקער דיקטאַטאָר פֿון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל; אַחוץ דעם לענינס אַדיוטאַנטן, וואָס האָבן געלעבט צום טייל אין בערן, צום טייל אין ציריך: ג. זינאָוויעוו, קאַרל ראַדעק און אַ ריי אַנדערע.

האָט זיך געשאַפֿן פֿאַר די רוסישע עמיגראַנטן־סאָציאַליסטן אין דער שווייץ, בפֿרט נאָך פֿאַר די אינטערנאַציאָנאַליסטן, אַזאַ מין לאַגע: פֿאָרן קיין פֿראַנקרייך, פֿון פֿראַנקרייך קיין ענגלאַנד און פֿון ענגלאַנד מיט שיפֿן קיין רוסלאַנד — איז געווען זייער אַ שווערער ענין צוליב מאַנגל אין שיפֿן, צוליב די שוועריקייטן פֿון דער רייזע, צוליב דעם, וואָס פֿרויען און קינדער האָט מען ניט געקאָנט מיטנעמען. ווען עס איז דערצו נאָך געקומען דער פּאָליטיש־פּאָליצייאישער מאָמענט, ד״ה די פֿיינטלעכע באַציאונג פֿון די מיליטערישע קאָנטראָל־אָרגאַנען צו אינטערנאַציאָנאַליסטן, איז די לאַגע געוואָרן גאָר אַ ביטערע. אויב מ׳וואָלט געלאָזט אַלץ גיין אַזוי, וואָלט אַ גרויסע צאָל מענטשן בכלל קיין מאָל ניט באַקומען קיין וויזעס אויף דורכצופֿאָרן קיין פֿראַנקרייך און ענגלאַנד. און די נאַכריכטן, וואָס זיינען אָנגעקומען פֿון פּאַריז, האָבן פֿאַרשטאַרקט דעם חשד, אַז די צימערוואַלדיסטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן וועלן אַזוי גיך קיין רוסלאַנד ניט קאָנען קומען, אַפֿילו ווען מען זאָל זיי געבן טראַנזיט־וויזעס. וואָרים מען האָט געהאַט דעם געפֿיל, אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג, בראש מיטן מיניסטער מיליוקאָוו, יאָגט זיך גאָר ניט אַזוי שטאַרק נאָך דעם, אַריינצובאַקומען קיין רוסלאַנד די פֿאַר טויזנט סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן פֿון אויסלאַנד.

2

דער „פּלאָמבירטער וואַגאָן" פון לענינען

אין צען-פערצן טעג נאָך דעם אָנהייב פון דער רוסישער רעוואָלו-ציע זיינען צו מיר געקומען צו לויפן אויפגערעגטע בונדיסטן און סאָ-ציאַל-רעוואָלוציאָנערן (מארק נאַטאַנסאָן) און האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז אין בערן קומט פאָר עפּעס אַ באַראַטונג, וואָס איז אָרגאַניזירט פון לענינען און פון זיינע פריינט, און וואו אויך אַנדערע סאָציאַליסטישע גרופּעס ווערן איינגעלאַדן. און די דאָזיקע באַראַטונג זאָל באַהאַנדלען די פראַגע וועגן דעם, אַז די רוסישע עמיגראַנטן זאָלן ד ו ר כ פ א ר ן קיין רוסלאַנד דורך דייטשלאַנד.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן איינדרוק די דאָזיקע נאַכ-ריכט האָט געמאַכט אויף מיך און אויף אַלע מיינע פריינט, די „אינ-טערנאַציאָנאַליסטן". פאָרן דורך דייטשלאַנד אין דער צייט פון מלחמה, בשעת מיר זיינען רוסן און דייטשלאַנד פירט קריג קעגן רוסלאַנד! אָנקומען קיין רוסלאַנד אין דייטשע וואַגאָנען און מוזן דערנאָך דער-קלערן דער רוסישער באַפעלקערונג ווי אַזוי עס איז געקומען, אַז קיי-זער ווילהעלם האָט אונדז, רוסן, דערלויבט דורכצופאָרן דורך זיין טעריטאָריע אין אַ צייט פון קריג! — דאָס איז אויסגעקומען אַזוי משונהדיק ווילד, אַז אין ערשטן מאָמענט האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט צו גלויבן אין דער גאַנצער נאַכריכט. מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען ריידן מיט די באָלשעוויקעס און מיט פאָרטרעטער פון אַנדערע גרופּעס און דערוואוסט זיך, אַז דאָס איז טאַקע אמת. נאָך מער, מיר האָבן פאַר-שטאַנען, אַז דאָס איז ניט נאָר אַ פאָרשלאַג, נאָר שוין אַ באַשלאָסענע זאַך; אַז לענין מיט זיין גרופּע, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר לעטישע און לינקע בונדיסטישע חברים, גרייטן זיך שוין אין וועג; עס איז אַ פאַר-טיקע זאַך, און די גאַנצע „באַראַטונג" אין בערן איז ניט מער ווי אַ פאָרמעלע זאַך, כדי אָפיציעל צו באַשטעטיקן דאָס, וואָס איז שוין פּאַק-טיש דורכגעפירט געוואָרן.

און דערוואוסט האָבן מיר זיך וועגן אַזעלכע איינצלהייטן: פריץ פּ ל א ט ע ן, איינער פון די באַוואוסטע פירער פון די ציריכער סאָציאַל-דעמאָקראַטן, האָט זיך פאַרבונדן מיט דער דייטשער אַמבאַסאַדע אין בערן און האָט אָנגעפרעגט, צי וועט די דייטשע רעגירונג דערלויבן אַ גרופּע רוסישע רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן דורכצופאָרן דורך דייטש-לאַנד קיין שוועדן, כדי פון דאָרטן צו פאָרן ווייטער קיין רוסלאַנד. עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז ניט די דייטשע רעגירונג שטעלט קיין שום פאָדערונגען צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס וועלן זיך באַ-נוצן מיט דער דייטשער אייזנבאַן, און ניט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן גיבן דער דייטשער רעגירונג מאָראַלישע אָדער פּאָליטישע „קאָמפּענ-

סאָציעס" דערפּאַר, וואָס זי גיט זיי די מעגלעכקייט דורכצופאָרן דורך איר טעריטאָריע.

פריץ פּלאַטען, יעמאָלט אַ יונגער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טוער, איז געווען באַוואוסט אַלס אַ נאָענטער תלמיד און פריינט פון לענינען. עס איז געווען פאַר אונדז קלאָר, אַז ניט אין דעם יונגן קאָפּ פון פריץ פּלאַטען, נאָר אין לענינס קאָפּ איז אויפגעקומען דער דאָזיקער געדאַנק. דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס די דייטשע רעגירונג האָט תיכף געגעבן איר הסכם און האָט צוגעשטימט אַריבערצופירן די גרופּע רוסישע עמיגראַנטן קיין שוועדן, ניט קאָנטראָלירנדיק קיין שום פּעסער, קיין פּאַפּירן, קיין שום פּאָליטישע ריכטונגען, ניט זוכנדיק אין די זאַכן, ניט האָבנדיק אַפילו קיין גענויע רשימה פון די מענטשן, וואָס פאָרן. מען וועט זיי אַוועקזעצן אין אַ טרעין, מען וועט פאַרשפּאַרן די טירן, אַוועקשטעלן אַ מיליטערישע וואַך און מען וועט זיי אַזוי דורכפירן דורך דער גאַנצער דייטשער טעריטאָריע, ביז צום שוועדישן גרענעץ, און דאָרטן מעגן זיי טאָן וואָס זיי ווילן.

עס איז ערשט פיל שפּעטער באַקאַנט געוואָרן, אַז וועגן דעם ענין איז אָנגעגאַנגען אַ גאַנצע דיסקוסיע אין די קרייזן פון דער דייטשער רעגירונג און פון דייטשן מיליטער. גענעראַל האָפמאַן, דער זעלבי־קער וואָס האָט שפּעטער געפירט די „פרידנס־אונטערהאַנדלונגען" מיט די באָלשעוויקעס אין ברעסט־ליטאָווסק, איז געווען יענער וואָס האָט אונטערגעשטיצט דעם פאָרשלאַג פון לענינען, און זיין שעף, גענעראַל לודענדאָרף איז צוגעשטאַנען צו דער מיינונג פון האָפמאַנען. מען האָט איבערגעגעבן, אַז אַ געוויסע ראָלע אַלס פאַרמיטלער צווישן די באָלשעוויקעס און דער דייטשער רעגירונג האָבן געשפּילט די פירער פון די דייטשע געווערקשאַפטן, צווישן זיי קאַרל לעגיען, און דער באַוואוסטער דייטש־רוסישער רעוואָלוציאָנער פּאַרוואוס (העלפאַנד), וואָס איז געווען אַ גרויסער רעוואָלוציאָנער פאַר דער מלחמה, איז אָבער בשעת דער מלחמה געוואָרן אַ דייטשער פּאַטריאָט.

די דאָזיקע אַלע איינצלהייטן און נאָך אַנדערע זאַכן האָבן מיר אויסגעפונען ערשט פיל שפּעטער, מאַנכע אין יאָרן אַרום. אין יענעם מאָמענט אָבער, אין ציריך, ענדע מערץ און אָנהייב אַפּריל, 1917, זיינען מיר געשטאַנען פאַר דעם פּשוטן, אָבער ניט אין גאַנצן פאַרשטענדלעכן פאַקט, אַז די דייטשע רעגירונג לאָזט־דורך דורך איר טעריטאָריע רוסישע עמיגראַנטן־רעוואָלוציאָנערן און אַז די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן נעמען די דאָזיקע טובה אָן. לויט זיין גאַנצער נאַטור האָט לענין ניט געמאַכט קיין לאַנגע ישוב־הדעתן און האָט זיך ווייניק געקימערט וועגן דעם, וואָס די וועלט וועט וועגן אים זאָגן. אַזוי גיך ווי ער האָט באַ־קומען די געלעגנהייט אַריינצוקלייבן זיך קיין רוסלאַנד, אַפילו אויף דעם וועג דורך דייטשלאַנד, האָט ער קיין מינוט ניט געצווייפלט און האָט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג גלייך אָנגענומען. אין עטלעכע טעג אַרום איז דער „פּלאַמבירטער וואַגאָן" פון לענינען מיט זיין גרופּע אָפּגעפאָרן פון

שווייצאַריש-דייטשן גרענעץ און מיט זיי צוזאַמען זיינען געפאָרן פריץ פלאַטען, אַ פּאָר לעטישע, אַ פּאָר פּוילישע און צוויי-דריי בונדישע גע־נאָסן, וואָס זיינען געווען באַלשעוויסטיש געשטימט.

אוועקגעפאָרן זיינען אַ פּאָר צענדליק מענטשן, געבליבן זיינען אָבער אַ פּאָר טויזנט און צווישן די געבליבענע זיינען אויך געווען מיר, די אָפיציעלע פירערס פון דער בונדיסטישער, מענשעוויסטישער, עס־ערישער, פּע-פּע-עסישער און אַנדערע עמיגראַציעס. אויך אַ טייל באַל־שעוויסטיש-געשטימטע סאָציאַליסטן זיינען ניט מיטגעפאָרן מיט לע־נינען, ווייל זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר אָט דעם, צו-דרייסטן, שריט.

3

מיר פאָרן אויך דורך דייטשלאַנד

לענין מיט זיין גרופּע זיינען אוועקגעפאָרן סוף מערץ און מיר זיי־נען געבליבן אין דער שווייץ; געבליבן אין דער האָפענונג, אַז עס וועט זיך דאָך איינגעבן צו געפינען אַ מעגלעכקייט, אַז די מערהייט פון דער שווייצאַרישער רוסישער עמיגראַציע זאָל קאָנען פאָרן אַהיים דורך פראַנקרייך און ענגלאַנד. האָבן מיר נאָך לענינס אָפּפאָר מיט נאָך אַ גרעסערער איינגעשפּאַרטקייט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די רו־סישע עמיגראַנטישע קאָמיטעטן אין פּאַריז און אין לאָנדאָן, מיט די נייע רוסישע אַמבאַסאַדאָרן אין פראַנקרייך און אין דער שווייץ און אָן אַ שיעור געשיקט טעלעגראַמעס קיין פּעטערבורג צו אונדזערע חברים, צו די צענטראַל-קאָמיטעטן פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען און, פאַר־שטייט זיך, צו דעם פּעטערבורגער סאָוועט פון אַרבעטער- און סאָל־דאַטן-דעפּוטאַטן.

די אַמבאַסאַדאָרן האָבן זיך ניט געאיילט צו ענטפערן, און האָבן אַלץ פּרובירט אונדז צו דערווייזן, אַז ט ע כ נ י ש וועט זיין מעגלעך אַריבערצונעמען נאָר אַ פּאָר צענדליק מענטשן יעדן חודש, ניט מער. פון אונדזערע גענאָסן אין פּעטערבורג און פון די פירערס פון סאָוועט (סקאָבעלעוו, טשכעידזע) און די אַנדערע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פי־רערס, האָבן מיר באַקומען די פאַרזיכערונג, אַז זיי וועלן טאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, כדי צו פאַרגיכערן אונדזער קומען אַהיים. זיי האָבן אונדז אויך געשיקט געלט אויפן וועג*), אָבער קיין קאָנקרעטן וועג, ווי אַזוי צו פאָרן, האָבן זיי אין זייערע טעלעגראַמעס ניט אָנגע־וויזן. איין וואָך איז פאַרגאַנגען נאָך דער אַנדערער, און מיר אַלע, וואָס מיר האָבן אויף דער רעוואָלוציע געוואַרט יאָרן און יאָרן, האָבן גע־

*) די געלט האָט געשיקט דער הילפס-קאָמיטעט פאַר פּאָליטישע פאַרשיקטע און עמיגראַנטן, בראש פון וועלכן עס האָט זיך געשטעלט וועראַ פיגנער.

האָט דאָס געפיל, אַז יעדע וואָך איז דאָס זעלביקע ווי אַ יאָר אין נאָר־מאַלע צייטן. און פון די נאַכריכטן, וואָס זיינען געקומען פון פעטער־בורג, האָבן מיר געזען, אַז די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע הייבן זיך אַלץ העכער און העכער, אַז די שוועריקייטן פון דער רעגירונג ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער, און מיר האָבן געציטערט פאַרן גורל פון דער רעוואָלוציע. וואָרים פאַר אונדז איז שוין גלייך פון ערשטן מאָמענט געוואָרן קלאָר, — און דאָס האָט אויסגעדריקט באַזונדערס בולט אונדזער פירער מ א ר ט אָ ו — אַז די לאַגע איז אַזאַ: אָדער די רעוואָלוציע וועט פאַרניכטן די מלחמה, אָדער, אויב ניט, וועט די מלחמה אויפפרעסן די רעוואָלוציע. האָבן מיר געציטערט, אַז די קאַ־טאַסטראָפע זאָל ניט קומען יעדן טאָג און מיר האָבן ניט געקאָנט איבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז מיר, איבערגעגעבענע און אויפריכטי־קע רעוואָלוציאָנערן, זאָלן זיין געצוואונגען צו זיצן אין דער שווייץ, פאַרלייגט די הענט, און ניט האָבן די מעגלעכקייט אַקטיוו מיטצואווירקן אויף צו ראַטעווען די רעוואָלוציע פון די גרויסע סכנות, וואָס דראָען איר פון אַלע זייטן.

אונדזער אומגעדולד און אונדזער נערוועזקייט זיינען געוואַקסן מיט יעדן טאָג: דאָס פיינלעכע געפיל צו זיין אָפּגעשניטן פון דער לאַנג־דערוואַרטעטער רעוואָלוציע איז געוואָרן אַלץ מער און מער אומדערטרעגלעך. און דאָ זיינען אָנגעקומען די ערשטע נייס וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט אויפגענומען לענינען ביי זיין אָנקומען אין פעטערבורג.

פיל חברים זיינען געווען איבערצייגט, אַז דער עולם וועט פשוט צערייסן לענינען מיט זיינע חברים אויף שטיקער, ווען מען וועט זיך דערוויסן, אַז זיי זיינען געקומען קיין רוסלאַנד מיט דער „דערלויבעניש פון קייזער ווילהעלם". מען איז געווען איבערצייגט, אַז די רעוואָלו־ציאָנערע באַוועגונג וועט אַזעלכע מענטשן אַרויסשטויסן פון אירע רייען, אַז זיי וועלן בלייבן קאָמפּראָמיטירט און וועלן זיך ניט קאָנען באַטייליקן אין דער אַקטיווער פּאָליטישער טעטיקייט.

דערוויסן מיר זיך אָבער פון די טעלעגראַמעס, אַז אין דער אמתן איז אַלץ צוגעגאַנגען גאָר אַנדערש. די בורזשואַזע צייטונגען האָבן געדונערט קעגן לענינען און האָבן אים געזידלט אַלס אַ „דייטשן אַגענט", אָבער די ברייטע פּראָלעטאַרישע עפנטלעכקייט האָט פון דעם ניט גע־מאַכט קיין שום ווען און אין סאָוועט האָט מען אויפגענומען די באָל־שעוויסטישע עמיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען איבער בערלין, מיט דער זעלביקער פריינטשאַפט און פייערלעכקייט, ווי די עמיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען איבער פּאַריז און לאָנדאָן. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז עס זיינען אַפילו ניט געווען נייטיק יענע פאַרזיכטס־מאָס־מיטלען, וואָס לענין האָט אָנגענומען פאַר זיין אָפּפאָר: כדי צו „פאַר־לויפן דעם וועג" און צו באַרעכטיקן מאָראַליש דאָס דורכפאָרן דורך

דייטשלאַנד בשעת אַ קריג, האָט לענין געלאָזט פֿאַרעפֿנטלעכן אין די סאָציאַליסטישע צייטונגען אַ דערקלערונג, וועלכע איז געווען אונטער־געשריבן פֿון די באָלשעוויקעס גופֿא און פֿון אַ ריי אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן (אמת, אַלץ תּלמידים פֿון לענינען), האָבן, אַזוי צו זאָגן, געגעבן לענינען אַ מאָראַלישן הכשר דורכצופֿאָרן דורך דייטשלאַנד.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אַפֿילו לענין האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו באַוואָרענען זיך מיט אַזאַ מין מאָראַלישער אַטעסטאַציע, כּדי זיך ריינצוואַשן אין די אויגן פֿון רוסישן פֿאָלק, אָבער נאָך כאַראַק־טעריסטישער איז, וואָס דאָס „רוסישע פֿאָלק" האָט אַזאַ מין אַטעס־טאַציע גאָר ניט פֿאַרלאַנגט . . .

און מען זאָל ניט מיינען, אַז דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס די רוסישע מאַסן האָבן געהאַט אַ באַזונדערן צוטרוי דווקא צו לענינען. אין יענעם מאָמענט האָט אין רוסלאַנד קיינער, אַחוץ עטלעכע טויזנט מענטשן, ניט געוואוסט דעם נאָמען „לענין". נאָר אין ענגע פּאַרטיי־קרייזן האָט מען געוואוסט, ווער און וואָס לענין איז, אָבער די ברייטע מאַסן פֿון אַרבעטער, פּויערים, רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן האָבן דעם נאָמען געהערט צום ערשטן מאָל. זייער באַציאונג צו דער רייזע דורך דייטשלאַנד איז דערקלערט געוואָרן ניט דורך דער אויטאָריטעט פֿון לענינען, נאָר דורך דער גלייכגילטיקייט פֿון די רוסישע מאַסן צום פּאַטריאָטיזם, ווי ער ווערט פֿאַרשטאַנען אין אַנדערע לענדער. מיר האָבן שפּעטער נאָך געהאַט גענוג געלעגנהייט זיך אין דעם צו איי־בערצייגן.

האָבן מיר דייטלעך דערזען, אַז דאָס דורכפֿאָרן דורך דייטשלאַנד איז אין די אויגן פֿון די רוסישע פֿאָלקס־מאַסן קיין פֿאַרברעכן ניט און דערפֿון וועט ניט אַרויסקומען קיין שום „דיסקרימינאַציע" פֿאַר די רע־וואָלוציאָנערן, וואָס וועלן באַנוצן דעם וועג דורך דייטשלאַנד.

פֿון דער אַנדערער זייט האָט אויף אונדז אַ שטאַרקן איינדרוק גע־מאַכט די מעשה טראָצקי.

ווי די לייענער איז באַוואוסט, איז טראָצקי בשעת דעם קריג אַרויס־געטריבן געוואָרן פֿון פֿראַנקרייך און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. דער אָנהייב פֿון דער רעוואָלוציע האָט טראָצקין (צוזאַמען מיט בוכאַ־רינען און אַנדערע) געטראָפֿן אין ניו־יאָרק. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז גלייך אין די ערשטע טעג האָט זיך טראָצקי אַוועקגעלאָזן אויף אַ שיף קיין אייראָפּע. אָבער אונטערוועגס, אין האַליפֿאַקס, האָט דער ענגלישער ים־קאָנטראָל אָפּגעשטעלט די שיף, אויף וועלכן טראָצקי איז געפֿאָרן, און האָט פֿון איר אַראָפּגענומען אַ ריי רוסישע עמיגראַנטן און צווישן זיי טראָצקין מיט זיין פֿאַמיליע. מען האָט אויף אים אָנגעטאָן קייטן און געהאַלטן אויף דעם אינדזל ווי אַן אַרעסטאַנט. דאָס האָט געמאַכט אַן אומגעהייערן איינדרוק אויף די רוסישע עמיגראַנטן אין דער שווייץ.

דאָס האָט פאַר אונדז אין גאַנצן קלאָר געמאַכט די לאַגע, אין וועלכער מיר וועלן אַריינקומען, ווען מיר גיבן זיך איבער אין די הענט פון ענג־לישן ים־קאָנטראָל. באַזונדערס מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען אין די רשימות פון דער מיליטערישער „אינטעלידזשענטס" פון די עלאָיס פאַרשריבן געוואָרן ווי „דייטשע אַגענטן", מיר וועלן דאָך געוויס קיין מאָל ניט קומען אַהיים, נאָר מען וועט אונדז פאַרהאַלטן ערגעץ־וואו אונטערוועגס און האַלטן אין פּריזאָן ביזן סוף פון דער מלחמה.

אמת, טראָצקין האָט מען נאָך אַ געוויסער צייט אַרויסגעלאָזן, לויט דער פאָדערונג פון פּעטערבורגער סאָוועט, אָבער דער איינדרוק איז געבליבן, און די צייט איז געלאָפן און די רעוואָלוציע איז אַריינגע־טראָטן אין צווייטן חודש פון איר אַנטוויקלונג און מיר זיצן נאָך אַלץ אין ציריך, אין לאָזאַן, אין זשענעווע און עס זעט זיך גאָר קיין סוף ניט.

אָט אין יענעם מאָמענט איז אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אויך מיר זאָלן באַנוצן דעם וועג דורך דייטשלאַנד, אָבער אויף אַן אַנדער אופן ווי לענין האָט דאָס געמאַכט.

דער געדאַנק איז געווען אַזאַ: די שווייצאַרישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישע פּאַרטיי זאָל אָפיציעל, עפנטלעך, ניט עפּעס אין געהיימע אונטערהאַנדלונגען, מאַכן דער רוסישער און דער דייטשער רעגירונג דעם פאָרשלאַג, אַז זיי זאָלן אויסטוישן אַ געוויסע צאָל רוסישע עמיגראַנטן, וואָס געפינען זיך אין דער שווייץ און וואָס זיינען אין אַ געוויסער מאָס „געפאַנגענע", קעגן אַ גלייכער צאָל דייטשע געפאַנגענע, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד. אַזוינע מין אויסטוישן זיינען אין דער צייט פון יענער מלחמה פאָרגעקומען ניט איין מאָל, און אין דעם קאָן קיינער ניט זען אַ ניט־דערלויבטע האַנדלונג. די דייטשע רעגירונג וועט דורכלאָזן אַ געוויסע צאָל רוסישע בירגער דורך איר טעריטאָריע אַהיים, און דערפאַר וועט די רוסישע רעגירונג אַרויסלאָזן פון איר טעריטאָריע אַ געוויסע צאָל ציוויל־געפאַנגענע דייטשע בירגער.

די אונטערהאַנדלונגען האָט געפירט אין נאָמען פון דער שווייצאַ־רישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי דער פּאַרטיי־טרעזשורער פ אַ ג ע ל. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז פון דייטשלאַנד געקומען דער ענטפער, אַז די דייטשע רעגירונג איז מסכים. זי וועט ניט קאָנטראָלירן ניט די פּעסער, ניט די פּאַפּירן, ניט די זאַכן פון די רוסישע דורכפאָרער, זי דאַרף נאָר וויסן די גענויע צאָל פון די פּערזאָנען, וואָס וועלן פאָרן. און די רוסישע עמיגראַנטן, וואָס וועלן זיך באַנוצן מיט דעם דאָזיקן רעכט, זאָלן זיך פאַרפליכטן אויסצופועלן ביי דער רוסישער רעגירונג, זי זאָל אַרויסלאָזן אַן אַנטשפּרעכנדיקע צאָל דייטשע געפאַנגענע פון רוסלאַנד. פון דער רוסישער רעגירונג האָבן מיר אָבער קיין שום ענט־פער ניט באַקומען. האָבן מיר טעלעגראַפירט צו אונדזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צענטראַל־קאָמיטעט, צו די פירערס פון דעם פּעטער־בורגער סאָוועט. מיר האָבן זיי דערציילט וועגן דעם פּלאַן און האָבן

ביי זיי אָנגעפרעגט, צי וועלן זיי גוטהייסן אונדזער דורכפֿאָרן דורך דייטשלאַנד אונטער אַזוינע באַדינגונגען. צוערשט זיינען די ענטפֿערס געווען אומבאַשטימט, דערנאָך אָבער זיינען דאָרטן פֿאָרגעקומען באַראַטונגען און סוף-כל-סוף האָבן מיר באַקומען דעם היתר: „איר מעגט פֿאָרן”.

האָבן מיר צענויפֿגערופֿן אין ציריך אַ באַראַטונג פֿון אַלע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס און קאָמיטעטן, האָבן נאָך לאַנגע דעבאַטן אָנגענומען דעם באַשלוס צו פֿאָרן און האָבן אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָלט טעכניש, פֿינאַנציעל און פּאָליטיש דורכפֿירן די גאַנצע אַרבעט. אין דעם קאָמיטעט איז אַריין דער אַלטער ב אָ ב ר אָ ו ו (מאַרק נאַטאַנסאָן) פֿון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן; די גרופּע „ווּפּעריאָד” האָט אַריינגעשיקט, צווישן אַנדערע, אַנאַטאָלי ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י; פֿון די מענשעוויקעס זיינען אַריין מ אַ ר ט אָ ו ו, מ אַ ר ט י נ אָ ו ו, ס ע מ ק אָ ו ו ס ק י; פֿון די בונדיסטן בין איך אַריין אין קאָמיטעט.

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פֿיבערהאַפֿטע טעטיקייט, וואָס האָט געדויערט אַ 10 טעג, טאָג און נאַכט. באַזונדערס אָנגעשטרענגט איז געווען די אַרבעט פֿאַר מיר, וואָס אויף מיר איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די גאַנצע טעכנישע דורכפֿירונג פֿון דער רייזע, די פֿאַרזאָרגונג מיט עסן און די אָרגאַניזירונג פֿון די רייזנדע אין דעם צוג גופֿא.

אונדזערע צוגרייטונגען זיינען געפֿירט געוואָרן אין גאַנצן אָפֿן, מיט עפֿנטלעכע דיסקוסיעס, מיט צייטונג-אַרטיקלען, מיט ספּעציעלע דערקלערונגען אין דער פּרעסע, וואָס זיינען דורך אונדז אַלעמען אונטערגעשריבן געוואָרן. אונדזער צוג (מיט 250 מענטשן) האָט געזאָלט זיין דער ערשטער. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן געזאָלט גיין נאָך ווייטערע צוגן מיט הונדערטער עמיגראַנטן.

און דאַן איז געקומען דער מערקווירדיקער טאָג, דער 13-טער מאַי, 1917. אויף דעם ציריכער באַנהויף זיינען געווען פֿאַרזאַמלט הונדערטער מענטשן, ציריכער אַרבעטער, סאָציאַליסטן, פֿריינט, קרובים, פּרעסע-פֿאַרטרעטער און סתם נייגעריקע, וואָס האָבן אונדז געגעבן אַ „פֿאַרגעזונט”. מען האָט אונדז באַגלייט מיט רעדעס, אויסגעשרייען, רויטע פֿאָנען און אַ רוישיקער דעמאָנסטראַציע לכּבֿוד דער רוסישער רעוואָלוציע און אונדז אַלעמען.

העכער 250 רוסישע עמיגראַנטן פֿון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען, יונגע און אַלטע, פֿרויען און קינדער, האָבן זיך אַריינגעזעצט דעם 13-טן מאַי 1917 אין דער פֿרי אין אַ צוג, וואָס האָט אונדז געזאָלט ברענגען פֿון ציריך קיין שאַפֿהאַוזען, אַ שטעטל אויף דער שווייצאַריש-דייטשער גרעניץ. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר וועלן דאַרפֿן פֿאָרן פֿון שאַפֿהאַוזן דורך גאַנץ דייטשלאַנד קיין שוועדן; אָבער ווי אַזוי מען וועט אונדז פֿירן און ווי לאַנג דאָס וועט נעמען, דאָס האָט אונדז קיינער ניט געזאָגט. האָבן מיר געהאַלטן פֿאַר מעגלעך, אַז די רייזע וועט געדויערן

אַ פּאָר טעג, אפשר מער, און אַזוי ווי אין דייטשלאַנד האָט יעמאָלט גע־הערשט אַ שטאַרקער דוחק אין שפּייז־פּראָדוקטן, האָבן מיר מיטגע־נומען פון שווייצאַריע פּראָוויאַנט אויף עטלעכע טעג פאַר 250 מענטשן. גאַנצע בערג ברויט, פלייש, מילך פאַר די קינדער און פאַרשיידענע קאָנסערוון זיינען געווען אויפגעשטאַפּלט אין איינעם פון די וואַגאָנען אין דעם צוג, אין וועלכן מיר זיינען געפאָרן. חוץ דעם: אויב מיר זיינען געצוואונגען צו פאַרברענגען עטלעכע טעג אונטערוועגס, און די צייט איז דאָך אַ רעוואָלוציאָנערע, טאָ מוז מען זיך איינאָרדענען אין די וואַגאָנעס אַזוי, אַז מען זאָל קאָנען די צייט אויסנוצן פאַר פּאָליטישע באַשפּרעכונגען, באַראַטונגען, דיסקוסיעס אאַז״וו. איז געבליבן, אַז מען זאָל די עמיגראַנטן אויסזעצן אין די וואַגאָנעס לויט פּאָליטישע גרו־פּעס, אַזוי אַז יעדע גרופּע זאָל האָבן אירע מענטשן אַרום זיך און מען זאָל קאָנען פריי ריידן און דיסקוטירן. דער דאָזיקער באַשלוס האָט שיער ניט געבראַכט צו אַ „פּאַרטיי־קאָנפליקט״ אויף דעם אייזנבאַן־וואָקזאַל אין שאַפהאַוזן ביים אַריינזעצן זיך אין די דייטשע וואַגאָנעס, וואָס האָבן אונדז געזאָלט ברענגען קיין שוועדן.

איך דערצייל וועגן דעם דאָזיקן הומאָריסטישן עפּיזאָד, ווייל ער איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַטמאָספערע, אין וועלכער מיר האָבן יעמאָלט געלעבט. די וויכטיקסטע פּאָליטישע גרופּעס זיינען גע־ווען די מענשעוויקעס, די באָלשעוויקעס, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־נערן און דער „בונד״. חוץ דעם אָבער איז געווען נאָך אַ ספּעציעלע גרופּע, וואָס איז אייגנטלעך אויך געווען באָלשעוויסטיש, וואָס האָט אָבער געבילדעט אַ באַזונדערע ריכטונג אין באָלשעוויזם. זי האָט זיך גערופן די גרופּע „וופּעריאָד״ (פאָרווערטס) און צווישן אירע פירערס זיינען געווען: ד. ר י אַ ז אַ נ אָ ו, אַנאַטאָלי ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י און אַ ריי אַנדערע. אַזוי ווי די גרופּע איז געווען אַ קליינע און קיינער האָט ניט געוואוסט גענוי איר צוזאַמענשטעל, האָט מען פאַר איר קיין באַזונדערן וואַגאָן ניט באַשטימט, אַזוי ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר די פיר גרויסע גרופּעס. אין דעם מאָמענט, אָבער, ווען דייטשע אייזנבאַן־באַאַמטע האָבן שוין דערלאַנגט דעם צוג, אויף וועלכן מיר האָבן געוואַרט אין שאַפהאַוזן ביז שפּעט אין אָוונט, און מיר האָבן זיך געזאָלט אַריינזעצן אין די וואַגאָנעס מיט קינד און קייט און אונדזער פּראָוויאַנט, האָט זיך ריאַזאַנאָוו מיט אַמאָל געכאַפּט, אַז אויך זייער גרופּע דאַרף האָבן אַ באַזונדערן וואַגאָן. האָט ער מיר, אַלס דעם „קאָ־מענדאַנט״ פון צוג, איבערגעגעבן אַן אולטימאַטום: אָדער מיר גיבן פאַר זיין גרופּע אַ באַזונדערן וואַגאָן, אָדער זיי זעצן זיך ניט אַריין אין צוג.

אַ צוויי הונדערט און פערציק מענטשן זיינען שוין געווען צוזעצט אין די וואַגאָנעס און אַ צען־צוועלף זיינען געבליבן זיצן אויף זייערע טשעמאָדאַנעס און וואַליזעס און האָבן זיך ניט גערירט פון אָרט. דער טעמפּעראַמענטפולער און ברוזיקער ריאַזאַנאָוו האָט געדונערט מיט

זיין הילכיקער שטים און די אַנדערע זיינען געזעסן אַ ביסל פאַרשעמט און געוואַרט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן דער דאָזיקער „זיץ-סטרייק״. צווישן זיי איז געזעסן מיט אַ פּאַרלעגענעם און איראָנישן שמייכעלע דער קלוגער און צינישער לונאַטשאַרסקי, וועלכער האָט וואַרשיינלעך אין זיך געלאַכט איבער דעם גאַנצן „קאַמף״, האָט אָבער געמוזט האַלטן „פּאַרטיי-דיסציפּלין״. דער צוג איז דאָ געשטאַנען אַן איבעריקע האַלבע שעה. די דייטשע אייזנבאַן-באַאַמטע און די וואַך-סאָלדאַטן האָבן מיט פאַרוואונדערונג באַטראַכט די אומבאַגרייפלעכע סצענע. עס איז סתם געווען פאַר זיי אַ בייזער וואונדער דער גאַנצער פאַקט, וואָס אין מיטן קריג פאָרן עפּעס אַ פּאָר הונדערט רוסן מיט פרויען און קינדער קיין דייטשלאַנד און דערצו נאָך קריגן זיי זיך צוליב ניט-פאַרשטענדלעכע זאַכן גראַד אין דעם מאָמענט, ווען דער צוג מוז אָפּפאָרן.

די גאַנצע ווילדקייט פון דער סצענע האָבן וואַרשיינלעך אויך פאַרשטאַנען די „פּראַטעסטאַנטן״ גופא, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט פאַרלירן די עטלעכע טעג וואָס זיי וועלן זיין אונטערוועגס און פאַר זיי איז געווען אַ פּרינציפּיעלע פראַגע ניט צו דערלאָזן „דיסקרימינאַ-ציע״ פון זייער פּאָליטישער ריכטונג, וועגן וועלכער זיי האָבן, פּונקט ווי יעדע אַנדערע ריכטונג, געהאָפט, אַז זי וועט זיין די זיגרייכע אין דער רעוואָלוציע.

מיט גרוים מי האָט זיך מיר ענדלעך איינגעגעבן אויסצוגעפינען אַ קאָמפּראָמיס. איך האָב אַרויסגענומען פון איין וואַגאָן אַ טייל בונ-דיסטן און געמאַכט פריי פאַר דער גרופּע „וופּעריאָד״ אַ באַזונדערן ווינקל אין וואַגאָן, און דערמיט איז דער קאָנפליקט סוף כל סוף דער-ליידיקט געוואָרן.

דעם 13-טן מאַי ביי נאַכט איז אונדזער צוג אַרויף אויף דער דיי-טשער טעריטאָריע.

עס איז געווען אַ מערקווירדיקע קאָמפּאַניע, וואָס איז געפאָרן אין צוג. צווישן זיי זיינען געווען אַ ריי אַלטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייערע נעמען זיינען פאַרבונדן מיט דעם סאַמע אָנהייב פון דער רעוואָלוציאָ-נערער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, זקנים מיט גרויע בערד און באַרימטע נעמען: פּאַוועל אַ ק ס ע ל ר אָ ד, דער מיטקעמ-פער פון פּלעכאַנאָוו, דער גרעסטער מאָראַלער אויטאָריטעט אין דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי; מאַרק נ אַ ט אַ נ ס אָ ן - ב אָ ב ר אָ ו ו, דער אַלטער פירער פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, דער פריינט פון טשאַיקאָווסקי און זשעליאַבאָוו; יוסף אַ פּ ט ע ק מ אַ ן, דער אַל-טער נאַראָדאָוואָליעץ, וואָס האָט זיך פון סיביר אַרויסגעראַטעוועט קיין שווייצאַריע און איז געשטאַנען נאָענט צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטי-שער באַוועגונג; דאַן איז געקומען דער צווייטער דור, אַ ביסל אינגער, נאָר אויך שוין באַרימט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער סאָציאַ-ליסטישער און אַרבעטער-באַוועגונג, מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמי-

טעט, אַלטע רעדאַקטאָרן פון דער „איסקרא״, אָנערקענטע טעאָרעטי־קער און פירערס פון דער באַוועגונג, צווישן זיי: יוליוס מ אַ ר ט אָ ו, דער גייסטיקער פירער פון מענשעוויזם; א. מ אַ ר ט י נ אָ ו, איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „איסקרא״ און מענשעוויסטישער טעאָרעטי־קער; פּ. ל אַ פּ י נ ס ק י, איינער פון די קאָמפּעטענטסטע פירער פון פּ.פּ.ס.־לעוויצע; די שוין דערמאָנטע ד. ר י אַ ז אַ נ אָ ו און א. לו־נ אַ ט ש אַ ר ס ק י; די מענשעוויסטישע שרייבער יו. ס ע מ ק אָ ו ־ ס ק י און י. אַ ס ט ר אָ ו; דער שפּעטערדיקער באָלשעוויסטישער פירער קאַרל ר אַ ד ע ק; א. מ אַ נ ו א י ל ס ק י; דער פּוילישער סאָ־ציאַל־דעמאָקראַט ב ר אַ נ ס ק י, און עטלעכע צענדליק אַנדערע, וועמענס נעמען זיינען ניט אַזוי באַוואוסט.

די קלענסטע צאָל „פירער״ איז געווען צווישן די בונדיסטן. דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס יונה ק אָ י ג ע ן איז געלעגן אַ שווער־קראַנקער אין אַ טובערקולאָז־סאַנאַטאָריע אין לעיזען. וולאַדימיר ק אָ־ס אָ וו ס ק י און פראַנץ ק ו ר ס ק י האָבן זיך אין לעצטן מאָמענט אָפּגעזאָגט מיטצופאָרן דורך דייטשלאַנד, ניט געקוקט אויף אַלע בקשות פון מיר און פון קאָיגענען. גראָד אין זומער 1940, דורכקוקנדיק פאַר מיין אָפּפאָר פון פּאַריז אַ פּעקל אַלטע בריוו, האָב איך געפונען דאָס בריוועלע, וואָס וולאַדימיר און פראַנץ האָבן מיר צוגעשיקט פון זשע־נעווע אין אָנהייב מאַי 1917, דערקלערנדיק, פאַרוואָס זיי ווילן ניט מיט־פאָרן מיט אונדזער צוג. איך האָב זיך אין משך פון אַט די יאָרן ניט איין מאָל אומגעקערט אין מיינע געדאַנקען צום 13־טן מאַי 1917, און ווען איך האָב איצט געלייענט דאָס אַלטע שוין געל־געוואָרענע שטיקל פּאַפּיר מיט קאָסאָווסקיס כאַראַקטעריסטישער שריפט, בין איך ווידער אַמאָל געקומען צום שלוס, אַז מיר זיינען יעמאָלט דאָך געווען גערעכט, וואָס מיר זיינען געפאָרן. וואָרים די, וואָס זיינען יעמאָלט ניט מיטגעפאָרן, זיינען שוין קיין מאָל ניט געקומען קיין רוסלאַנד און האָבן ניט מיטגעמאַכט דעם עקספּערימענט פון דער רוסישער רעוואָלוציע מיט אַלע אירע פּיין און צרות, אָבער אויך מיט איר גרויסקייט און טראַגישקייט.

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין דייטש־לאַנד. נאָך אַ גאַנצן טאָג לויפעניש, אויפרעגונג און דערוואַרטונג, זיי־נען די מענטשן מיד געוואָרן, אָבער די נערוועזיטעט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זעלטן ווער עס איז איינגעשלאָפן אָדער געזעסן שטיל. יעדע מינוט פלעגט עמיצער קומען צו לויפן צו מיר און זיך באַקלאָגן, אַז מען זיצט שלעכט, אַז די פלעצער זיינען ניט־יושרדיק פאַרטיילט, אַז מען דאַרף פריי מאַכן אַ באַנק פאַר אַן עלטערן מענטשן אָדער אַ קינד אָוועקצולייגן זיך. די דאָזיקע אומצאָליקע קאָנפליקטן צוליב פלעצער זיינען געווען נאָר אַן אויסדרוק פון יענער טיפער נערוועזקייט און אויפ־רעגונג, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַלע אונדזערע רייזנדע. שפּעטער איז געקומען די צייט פון אָוונט־מאָלצייט. האָט מען אָוועקגע־

שטעלט אַ גרופּע מענטשן שניידן ברויט, עפֿענען קאָנסערוועך, מאַכן סענדוויטשעס, אָנוואַרעמען מילך פֿאַר די קינדער, און דאָ האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגעוויזן, אַז פֿון געשעפֿט אין ציריך האָט מען פֿאַרגעסן צוצושיקן אַ באַזונדערן סאָרט מילך, וואָס האָט זיך געפֿאָדערט פֿאַר מאַנואילסקיס צוויי קליינע קינדער. זיין פֿרוי האָט מיך בוכשטעבלעך פֿאַרשוואַרצט די יאָרן, פֿאָדערנדיק מילך פֿאַר אירע קינדער. אַזוי איז עס געקומען, אַז איך פֿערזענלעך בין די גאַנצע צייט אַרומגעלאָפֿן אין צוג, זוכנדיק פֿלעצער, פֿאַרטיילנדיק דאָס עסן און לייזנדיק קאָנפֿליקטן. אמת, קוקן אין די פֿענצטער האָט מען סיי ווי סיי ניט געקאָנט: עס איז געווען אַ פֿינצטערע נאַכט; אַרויסגיין פֿון די וואַגאָנעס אויף די סטאַנציעס האָט מען אויך ניט געקאָנט: עס זיינען געשטאַנען דייטשע סאָלדאַטן מיט ביקסן, און עס איז אונדז נאָך אין ציריך דערקלערט גע־וואָרן, אַז קיינער וועט ניט טאָרן אַרויסגיין פֿון צוג אָדער אַריינגיין אין צוג. אָבער איך האָב אַפֿילו ניט געהאַט קיין צייט זיך צוצוזעצן אין וואַגאָן, וואו עס איז געווען מיין פֿאַמיליע, און וועגן שמועסן מיט די חברים איז שוין גלאַט געווען אָפּגערעדט.

אָבער ניט אַלע חברים זיינען געווען אַזוי פֿאַרנומען ווי איך. די יונגוואַרג, אַ טייל פֿון אונדזערע בונדיסטן, און דער עיקר די באָלשע־וויקעס, בראָש מיט קאַרל ר אַ ד ע ק, אַ גרויסער „יונגאַטש" און לץ, האָבן געפּרוּאווט אָנקניפּן באַציאונגען מיט דער דייטשער וואַך. ביי אונדז איז געווען שוין אין ציריך, אין געמיינזאַמען קאָמיטעט, אָנגע־נומען אַ באַשלוס, אַז מיר זאָלן זיך פֿאַרהאַלטן די פֿאַר טעג, וואָס מיר וועלן זיין אויף דער דייטשער טעריטאָריע, מיט דער גרעסטער פֿאַרזיכ־טיקייט און ניט געבן קיין שום גרונט פֿאַר וועלכע עס איז קאָנפֿליקטן. מיר האָבן זייער גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ווען די דייטשע מיליטער־מאַכט דערלויבט אונדז דורכצופֿאָרן דורך איר טעריטאָריע, וועט זי שוין אָנ־נעמען מיטלען, אַז די סאָלדאַטן, וואָס וועלן אונדז באַוואַכן, זאָלן זיין אין גאַנצע „זיכערע". פֿירן פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַגענטן פֿון דער מיליטער־פּאָליציי, וואָס דער דייטשער גענעראַל־שטאַב וועט אַוועק־שיקן אונדז באַגלייטן און באַוואַכן, איז סיי ווי סיי אַ נוצלאָזע מי. האָבן מיר בפֿירוש פֿאַרבאָטן אַלע רייזנדע חברים צו פֿאַרנעמען זיך מיט וועלכער ניט איז פּראָפּאַגאַנדע אָדער מיט געשפּרעכן מיט די דייטשע וואַך־סאָלדאַטן. אָבער גיי האַלט איין יונגע פֿייערדיקע רעוואָלוציאָ־נערן, וואָס האָבן דעם איינדרוק, אַז איצט האָבן זיי ענדלעך באַקומען די גאָלדענע געלעגנהייט אָנצופֿירן רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דייטשן אימפּעריאַליזם . . .

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדעס מאָל, ווען מיר אַליין האָבן געגעסן, האָבן מיר געגעבן לרוב די וואַך־סאָלדאַטן און די אייזנבאַן־אַרבעטער אַרום אונדז. זיי האָבן געגעסן זשעדנע, ווי מענטשן וואָס הונגערן שוין אַ לאַנגע צייט, וואָס האָבן שוין חדשים־לאַנג ניט געזען קיין וויים־ברויט, קיין פֿלייש, קיין קאָנסערוון און קיין מילך. ביים עסן האָבן

זיי אַ ביסל אָנגעהויבן צוריידן. פון זייערע רייד איז געוואָרן קלאָר, אַז די נויט אין דייטשלאַנד איז זייער גרויס, און נאָך גרעסער איז די האָפענונג אויף דער רוסישער רעוואָלוציע. וואָס אָזוינס זיי האָבן דער־וואָרט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן דעם זיינען די מיינונגען פון אונדזערע חברים געווען פאַרשיידן. אייניקע האָבן פאַרשטאַנען אַזוי, אַז די דייטשע סאָלדאַטן דערוואַרטן, אַז די רעוואָלוציע וועט צוברעכן די מיליטערישע מאַכט פון רוסלאַנד און פאַרלייכטערן דעם זיג פון דייטשלאַנד; אַנדערע, פאַרקערט, האָבן אויסגעטייטשט אַזוי, אַז די דייטשע וואַך־סאָלדאַטן האָפן, אַז פון אַ רוסישער רעוואָלוציע וועט אַרויסקומען אַ דייטשע רעוואָלוציע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע איינדרוקן זיינען געווען אָפּהענ־גיק פון די אַלגעמיינע פּאָליטישע אָנשויאונגען פון די חברים. וואָרים קיין שום קלאָרע און אויספירלעכע דיסקוסיעס האָט מען מיט די סאָל־דאַטן ניט געקאָנט פירן.

מיר האָבן אין אָנהייב ניט געוואוסט, וואו מיר געפינען זיך און דורך וועלכע שטעט מיר פאָרן, אָבער אין דער פרי, נאָך דער ערשטער נאַכט, זיינען מיר אָנגעקומען עפּעס אין אַ גרויסער שטאָט. האָבן מיר געעפנט די פענצטער און דערזעען, אַז דאָס איז ב ע ר ל י ן. העלפעריגס פון „רויטן קרייץ" האָבן אונדז דערלאַנגט דורך די פענצטער וואַרעמע זופּ. מיט פאַרוואונדערונג האָבן זיי געקוקט אויף די מערקווירדיקע „פּליכטלינגע", אָבער ניט געשטעלט קיין שום פראַגעס און האָבן פריינטלעך פאַרטיילט טאָסן מיט זופּ. אָבער אויב מיר זיינען שוין אין בערלין, איז דאָס אַ באַווייז, אַז מיר וועלן שוין אין עטלעכע שעה אַרום זיין אויפן גרעניץ פון שוועדן. ערשט אין אָט דעם מאָמענט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז די רייזע גייט פיל שנעלער ווי מיר האָבן דערוואַרט און אַז אונדזער גאַנצע פאַרשטעלונג וועגן דער רייזע און דער גאַנצער טאַראַראַם מיט די פּאַרטיי־וואַגאָנעס און פּראָטעסט־זיצונגען זיינען געווען אין גאַנצן איבעריקע. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אין 4־5 שעה אַרום האָט זיך אונדזער צוג אָפּגעשטעלט אין ש ט ר א ל ס ו נ ד, אויפן ברעג פון באַלטישן ים, וואו אַ פערי־שיף האָט אונדז געזאָלט אַריבערנעמען אויפן שוועדישן ברעג, וואָס האָט זיך געזען שוין פון דער ווייטנס ווי אַ גרויער שטריך אויפן האָריזאָנט.

גלאַט, אָן שום צווישנפאַלן און שטערונגען, אָן שום פּעסער און וויזעס, אָן שום קאָנטראָל פון אונדזערע זאַכן און פּאַפּירן, זיינען מיר פון די דייטשע וואַגאָנעס אַריבער אויפן שוועדישן שיף.

איצט זיינען מיר שוין ווידער געווען פרייע בירגער אויף אַ נייטראַ־לער טעריטאָריע. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז אונדזער שיף צוגע־שוואומען צום שוועדישן ברעג, אין דעם האַפן פון דער גרויסער אַר־בעטער־שטאָט מ א ל מ ע. אַ קאָמיטעט פון שוועדישע און רוסישע חברים, וואָס זיינען געקומען פון סטאָקהאָלם, האָט אונדז באַגעגנט.

אין דעם גרויסן זאַל פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישן „אַרבעטער-היים” אין מאַלמע איז פאַר אונדז געמאַכט געוואָרן אַ פייערלעכע אויפנאַמע, מיט רעדעס, מיט אַ מאָלצייט, מיט טאָסטן, מיט לחיימס פאַר דער רוסישער און פאַר דער וועלט-רעוואָלוציע. צווישן די חברים, וואָס האָבן אונדז באַגעגנט אין מאַלמע, זיינען אויך געווען פאַרטרעטער פונם רוסישן סאָציאַליסטישן עמיגראַנטן-קאָמיטעט אין סטאָקהאָלם, און צווישן זיי איז געווען אונדזער אַלטער בונדיסטישער חבר מ ע ה ר, וואָס איז שוין יעמאָלט געווען אַן אַנגעזעענער טוער אויך אין דער שוועדישער באַוועגונג (ער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן אין סטאָקהאָלם).

אין דער זעלביקער נאַכט האָט אַ ספּעציעלער צוג מיטגענומען אונדזער גאַנצע חברה קיין סטאָקהאָלם. דאָרטן זיינען ווידער געווען פייערלעכע אויפנאַמעס מיט רעדעס, מיט באַנקעטן, מיט באַגריסונגען. פון דאָרט איז דער צוג אַוועקגעפאָרן אויף דעם שוועדיש-פינישן גרעניץ העט-ווייט אין צפון און דאָ ביי דער ערשטער באַגעגעניש פון אונדזערע עמיגראַנטן מיט דער נייער רוסישער רעפובליקאַנישער מאַכט (פינלאַנד האָט נאָך יעמאָלט באַלאַנגט צו רוסלאַנד) זיינען אויך פאָרגעקומען די ערשטע צוזאַמענשטויסן צווישן רוסישע אָפיצערן און אַ טייל פון אונדזערע עמיגראַנטן. אָבער די רייזע דורך פינלאַנד און די באַגעגעניש אין רוסלאַנד איז געווען אַ מין טריאומף-רייזע פאַר אונדזערע 250 שווייצאַרישע עמיגראַנטן. קיינער האָט זיי ניט געפרעגט, ווי אַזוי זיי זיינען געפאָרן דורך דייטשלאַנד, קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט דער גאַנצער פראַגע, מען האָט זיי שטורעמדיק און חבריש אויפגענומען, ווי אַלטע און ליבע חברים און פירער.

גלייך פון וואָקזאַל, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ רירנדיקער און פייערלעכער קבלת פנים, האָט מען אַקסעלראָדן, מאַרטאָוון, מאַרטינאָוון און די אַנדערע מענשעוויקעס אַוועקגעפירט אויף דער קאָנפערענץ פון די רוסישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס איז גראָד אין יענע טעג פאָרגעקומען אין פעטערבורג (אָדער פ ע ט ר אָ ג ר אַ ד, ווי ער האָט זיך גערופן זינט דעם אָנפאַנג פון קריג). אַקסעלראָד איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס ערן-טשערמאַן פון דער קאָנפערענץ און איז אַריין אַלס ערן-פאָרזיצער פון דעם ניי-אויסגעקליבענעם צענטראַל קאָמיטעט פון דער מענשעוויסטישער ריכטונג (דער אַזוי גערופענער „אָ-ק.” — אָרגאַניזיר-קאָמיטעט). פונקט מיט דער זעלביקער האַרציקייט זיינען אויפגענומען געוואָרן מאַרטאָוו, מאַרטינאָוו און די אַנדערע מענשעוויקעס. אמת, די דאָזיקע האַרציקייט איז געווען נאָר אַ פּערזענלעכע, ניט קיין פּאָליטישע, זי איז געווען אַן אַריינפיר צו אַ פאַרביטערטן פּאָליטישן קאַמף. איך דערמאָן אָבער וועגן דעם נאָר כדי צו קאָנסטאַטירן, אַז דאָס דורכפאָרן דורך דייטשלאַנד האָט ניט געשאַפן קיין שום מאָראַלישע דיסקרימינאַציע פאַר אונדזערע 250 חברים. אמת, אין דער בורזשואַזער פּרעסע האָט מען אונדז ניט אויפגעהערט צו זידלען און צו באַשימפּן, אָבער די אַנ-

שטענדיקערע ליבעראַלע פּרעסע, די ראַדיקאַלן און די סאָציאַליסטן האָבן פון אונדזער רייזע דורך דייטשלאַנד ניט געמאַכט קיין שום „אישו", קיין שום באַשולדיקונגס-אַקט קעגן אונדזער פּאָליטישער ערלעכקייט.

אָבער איך פּערזענלעך האָב שוין די דאָזיקע רייזע פון אונדזערע 250 ניט מיטגעמאַכט, אָנהייבנדיק פון מאַלמע. שוין אויפן שיף פון דייטשלאַנד קיין שוועדן איז שטאַרק קראַנק געוואָרן מיין קליין טעכ-טערל, וואָס איז יעמאָלט אַלט געווען 7 חדשים. זי איז שוין געווען אַן „אַלטע רייזנדע", מיין קליינע ליע, ניט געקוקט אויף אירע 7 חדשים. אָבער איצט איז זי שווער קראַנק געוואָרן און די חברים, וואָס האָבן אַ ביסל פאַרשטאַנען אין דאָקטאָריע, האָבן מיך בשום אופן ניט געראָטן פאָרן ווייטער. אָנשטאָט זיך צו באַטייליקן אין די פייערלעכע אויפ-נאַמעס פון די שוועדישע חברים, בין איך מיט מיין פאַמיליע פאַרפאָרן אין אַ רואיקן האָטעל אין מאַלמע און האָב באַלד געלאָזן רופן אַ דאָק-טאָר. דער דאָקטאָר האָט געהייסן בלייבן אַ פּאָר טעג אין מאַלמע און לאָזן דאָס קינד זיך אויסרוען. אָבער אויפן נעקסטן טאָג איז ליען בעסער געוואָרן און מיר האָבן באַשלאָסן אַריבערצופאָרן אין סטאָקהאָלם: אפשר וועט זיך נאָך איינגעבן אָנצויאָגן די חברה. אָבער אויפן וועג קיין סטאָק-האָלם איז דאָס קינד ווידער קראַנק געוואָרן און דער דאָקטאָר האָט אונדז געהייסן אומבאַדינגט בלייבן רואיק מינדעסטנס 8 ביז 10 טעג. זיינען מיר פאַרפאָרן אין אַ רואיקן פּענסיאָן אויפן ברעג ים ניט ווייט פון סטאָק-האָלם און דאָרט האָט זיך דאָס קינד טאַקע גאַנץ גוט דערהאָלט. אָבער אין דער צווישנצייט זיינען אַלע חברים אַוועקגעפאָרן און מיר האָבן שוין די ווייטערדיקע רייזע קיין רוסלאַנד געמאַכט כמעט אַליין מיט נאָר אַ פּאָר חברים, וואָס זיינען פאַרבליבן אין סטאָקהאָלם צוליב פאַרשיי-דענע סיבות. מיר זיינען געפאָרן לאַנגזאַם, רואיק, שטיל, אָן אינצידענטן און אָן שום אויפנאַמעס. ערשט אין פּעטערבורג, אויף דעם פינלענדער וואָקזאַל, האָב איך באַקומען דעם ערשטן קבלת-פּנים אין רוסלאַנד. אַ פּאָר הונדערט מענטשן, בונדיסטן, מענשעוויקעס, פּערזענלעכע באַ-קאַנטע, קרובים, האָבן אונדז אָפּגעוואַרט און אונדז געגעבן אַ וואַרעמע אויפנאַמע. חבר ס. ש ו ו אַ ר ץ, אַ גרויסער קינדער-פריינט, האָט אַרויסגעכאַפּט ליען און זי אַוועקגעטראָגן אין אַן אויטאָמאָביל; מיין אַלטער פריינט הענריק ע ר ל י ך, יעמאָלט אַ מיטגליד פון מענשעוויס-טישן צענטראַל-קאָמיטעט און פון בונדישן צענטראַל-קאָמיטעט, האָט מיך באַגריסט אָפיציעל אין נאָמען פון די ביידע פּאַרטייען. אַ גאַנצע ריי פריינט זיינען צוזאַמען מיט מיינע עלטערן און שוועסטער געווען אויפן וואָקזאַל. און אָט שוין דאָ, אין דער ערשטער מינוט פון מיין אַרויסגיין אויף דער רוסישער ערד, האָב איך באַקומען דעם ערשטן איינדרוק פון יענע געוואַלטיקע שוועריקייטן, מיט וועלכע עס איז אויסגעקומען צו ראַנגלען זיך דער רוסישער רעוואָלוציע. אַ ריי אַלטע פריינט און חברים האָבן מיך ניט געקאָנט קומען באַגעגענען, ווייל עס זיינען פאַר-געקומען אין סאָוועט און אין די צענטראַלע פּאַרטיי-אָרגאַנען פאַרשיי-

דענע זיצונגען און קאַמפּן צווישן די ריכטונגען, און גראַד אין יענעם אַוונט, ווען איך בין אָנגעקומען, איז געווען אַ קאָלאָסאַלער מאַסן־מי־טינג, אויף וועלכן עס האָט גערעדט עמיל וואַנדערוועלדע, וועלכער איז ספּעציעל אַריבערגעקומען פון בעלגיע כדי צו באַאיינפלוסן די נייע רוסישע רעגירונג און ספּעציעל אַריינצוטרעטן אין קאָנטאַקט מיט די רוסישע סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען.

מיין אַלטער חבר מאַרק ליבער, וואָס איז גלייך פון די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פירערס פון פּעטערבורגער סאָוועט, האָט געמוזט וואַנדערוועלדעס רעדע איבער־זעצן פון פראַנצויזיש אויף רוסיש און האַלטן באַגריסונגען. אויך אַ ריי אַנדערע חברים האָבן אומבאַדינגט געמוזט זיין אויף דעם דאָזיקן מי־טינג, וואָרים די „באַגריסונגס־פאַרזאַמלונג" פאַר אַן אויסלענדישן גאַסט איז אין דער אמתן געוואָרן די ערשטע גרויסע שלאַכט צווישן די אָבאָ־ראָנצעס און די אינטערנאַציאָנאַליסטן, און קיינער האָט ניט געטאָרט אויספעלן ביי דער דאָזיקער שלאַכט.

דעם 13־טן מאַי, לויט דעם אייראָפּעאישן קאַלענדאַר, זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון ציריך. דעם 13־טן מאַי, לויט דעם רוסישן קאַלענדאַר, דאָס הייסט, דעם 26־טן מאַי לויטן אייראָפּעאישן סטיל, בין איך אָנגעקו־מען קיין פּעטערבורג. אין יענעם טאָג האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן די רוסישע רעוואָלוציע 1917.

דער פרילינג פון דער רעוואָלוציע

1

פּעטראָגראַד, מאַי 1917

גלייך אין דעם ערשטן אָוונט פון מיין אָנקומען קיין פּעטערבורג האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רוסישער פּאָליטיק, ווי אַ דאָרשטי־קער, וואָס האָט שוין עטלעכע טעג ניט געהאַט קיין טרונק וואַסער. פון העגריק ע ר ל י כ ן און פון ש ו ו א ר צ ן, דער עיקר אָבער פון מיין אַלטן פריינט מארק ל י ב ע ר, וואָס איז געקומען צו לויפן צו מיר שפּעט ביי נאַכט, דירעקט פון דעם גרויסע וואַנדערוועלדע־מאַסמיטינג, האָב איך זיך געסטאַרעוועט אַרויסצוקוועטשן וואָס מער אינטימע אינפאָר־מאַציע וועגן דער לאַגע פון דער רעוואָלוציע, וועגן די באַציאונגען צווישן די פּאַרטייען, וועגן דער אינעווייניקסטער לאַגע אין דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי און — פאַרשטייט זיך — וועגן „בונד”.

איך בין אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד אין אָנהייב 1911, דאָס הייסט, אַז איך בין אָפּגעווען אין עמיגראַציע איבער זעקס יאָר. אמת, איך בין די גאַנצע צייט געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט רוסלאַנד און מיט אונדזערע חברים. איך האָב אפילו בשעת מיין זיין אין ווין, אַלס אַ רוסישער „ציוויל־געפאַנגענער”, ניט אויפגעהערט צו באַקומען רעגל־מעסיק נאַכריכטן פון רוסלאַנד (דורך דעם אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד” אין זשענעווע). אָבער אַן עמיגראַנט איז פאָרט אַן עמיגראַנט, און די אַנטוויקלונג אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע גייט דאָך אַזוי שנעל . . . האָב איך מיט דער גרעסטער זשעדנעקייט איינגעזאַפּט אין זיך די אינפאָרמאַציע, וואָס די חברים האָבן מיר געגעבן און „באַצאָלט” זיי מיט מיין אייגענער אינפאָרמאַציע וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין אויסלאַנד.

פאַרלויפנדיק אַ ביסל דעם וועג, וואָלט איך געקאָנט זאָגן, אַז די ווייי־טערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז מיר, די פון רוסלאַנד אָפּגע־פרעמדטע עמיגראַנטן, האָבן גראָד אין יענעם מאָמענט קלאָרער פאַר־שטאַנען די אמתע לאַגע אין רוסלאַנד, איידער אונדזערע פריינט, וואָס האָבן די גאַנצע יאָרן אָפּגעלעבט אין רוסלאַנד. און פאַרקערט, די „רו־סאַקעס”, וואָס זיינען געווען אָפּגעריסן פון אויסלאַנד, האָבן אין פיל פּרטים ריכטיקער אָפּגעשאַצט די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע, איידער מיר, די פון שווייצאַריע געקומענע „אויסלענדער”.

דאָס איז איינער פון די פיל פּאַראַדאָקסן פון אונדזער פּאַראַדאָקסאַלער רעוואָלוציע. אָבער אין יענעם אָוונט האָט דאָס קיינער פון אונדז נים פאַרשטאַנען.

זיצנדיק ביז אין דער פרי מיט מיינע פריינט אין דעם הויז פון מיינע עלטערן אין פּעטערבורג, האָב איך זיך אין מיין ערשטער נאַכט אין רוסלאַנד גרינטלעך אינפאָרמירט פריער פאַר אַלץ וועגן דער ר ע ג י ר ו נ ג. די גרונד-פראַגע פון יעדער רעוואָלוציע איז די פראַגע וועגן דער מ אַ כ ט. אָבער די טרעגערין פון דער מלוכה-מאַכט איז דאָך די רעגירונג. און וואָס איז געווען די רעגירונג פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד אין יענעם מאָמענט?

די ערשטע רעגירונג נאָך דער דעמיסיע פון ניקאָלאַי דעם צווייטן איז געשאַפן געוואָרן פון די ד ו מ ע-קרייזן, די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דעם רוסישן כלומרשט-פּאַרלאַמענט, מיט דעם שטילן הסכם פון דעם הויפּט-אָרגאַן פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען (סאָציאַל-דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן), — דעם פּעטראָגראַדער „סאָוועט".

די דאָזיקע „ציטווייליקע רעגירונג", ווי זי האָט זיך אָפיציעל גערופן, איז באַשטאַנען פון עלף אָנגעזעענע פּאָליטישע טוערס, דאָס רוב דומע-דעפּוטאַטן פון די ליבעראַלע פּאַרטייען. פּרעמיער און אינערן-מיניסטער איז געווען דער מעסיקער ליבעראַל פירשט ל װ אָ װ. קריגס-מיניסטער איז געוואָרן דער באַרימטער „אָקטיאַבריסט" (קאָנסערוואַטיווער ליבעראַל) ג ו ט ש ק אָ װ. אויסלאַנדס-מיניסטער איז געווען פּראָפעסאָר פּאַוועל מ י ל י ו ק אָ װ, דער פירער פון די דומע-ליבעראַלן, די אַזוי גערופענע „קאַדעטן" („קאַ-דע"). דריי מיניסטאָרן זיינען געווען מעסיקע ליבעראַלן (רעכטער איידער די „קאַדעטן"). און נאָר איין איינציקער מיניסטער פון עלף איז געווען אַ לינקער — דער שוין יעמאָלט באַרימטער דומע-דעפּוטאַט אַלעקסאַנדער ק ע ר ע נ ס ק י, וואָס איז אַריין אין מיניסטעריום אַלס י ו ס ט י ץ-מיניסטער. דאָס איז געשען מיט דעם הסכם פון „סאָוועט", וואו קערענסקי איז געווען דער וויצע-פּרעזידענט (פּרעזידענט איז געווען דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער דומע-דעפּוטאַט, דער גרוזינער ניקאָלאַי טשכעאידזע).

שוין אין ווייניקע טעג אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע רעגירונג, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי שאַרף „רעוואָלוציאָנער" אין ערשטן מאָמענט נאָך דעם צוזאַמענברוך פון ניקאָלאַיס זעלבסט-הערשאַפט, איז נים גענוג לינק פאַרן לאַנד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קאָנפליקטן און צוזאַמענשטויסן מיט דעם „סאָוועט", מיט די סאָלדאַטן-קאָמיטעטן, מיט אַ טייל רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אין אַ רעוואָלוציע זיינען וואָכן דאָס זעלבע ווי יאָרן אין אַ נאָרמאַלער צייט. אין דעם פייערדיקן וויכער פון די גיגאַנטישע פאָלקס-באַוועגונגען וואַקסן אויס אין אַ גאַנץ קורצער צייט מעכטיקע באַוועגונגען דאָרטן, וואו ס'איז פריער קיין זאַך נים געווען; און פונקט אַזוי שנעל פאַרשווינדן אַלטע און, דוכט זיך, פעסט-איינגעפונדעוועטע אָרגאַניזאַציעס און כוחות. פריער אין גאַנצן אומ-

אַלעקסאַנדער קערענסקי (צווייטער פון רעכטס) און זיינע אַדיוטאַנטן אין צאַר ניקאָלאַיס אַרבעט־צימער

באַוואוסטע טוערס און רעדנער באַקומען אין עטלעכע וואָכן אַן אומ־געהייערע פּאָפּולאַריטעט, און אַלטע באַרימטע נעמען ווערן פאַרגעסן און פאַרשאָלטן. די באַהאַלטענע קרעפטן פון לאַנג־אונטערגעדריקטע פאָלקס־שטימונגען רייסן זיך אַרויס אויף דער פריי מיט אַ סטיכישער מאַכט; די לײדנשאַפטן, די אָנגעזאַמלטע שנאה, די אומגעדולד פון די פּאָליטיש־

ניקאָלאַי טשכעאידזע, פּרעזידענט פון סאָוועט.
(רעכטס פון אים שטייט, דער צווייטער, וויקטאָר טשערנאָוו)

אומדיסציפּלינירטע מאַסן טראָגן זיך אַרום איבערן לאַנד, ווי גיגאַנטישע שטורעם־ווינטן, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום לאָגישע געזעצן און פּרינציפּן, פאַרניכטנדיק אַלע שטערונגען, אַרויסרייסנדיק מיט די וואָרצלען די שטאַרקסטע ביימער . . . וואויל איז צו די, וואָס קאָנען זיך לאָזן טראָגן פונם ווינטער, וואָס פאַרשטייען צו שווימען מיטן שטראָם, און אַז ווי איז צו די, וואָס שטעלן זיך קעגן דעם סטיכישן שטראָם, וואָס פּרובירן אים איינצוהאַלטן אָדער צו קירעווען אין אַן אַנדער ריכטונג.

ווען די פאָלקס־רעוואָלוציע געפינט זיך אין אויפשטייג, ווען זי גייט באַרג־אַרויף, ווערט זי אַלץ לינקער און ראַדיקאַלער, ביז עס ווערן ניט פאַרווירקלעכט אירע היסטאָרישע אויפגאַבעס, דאָס הייסט, ביז עס ווערן ניט דורכגעפירט יענע צייטיק־געוואָרענע פאָדערונגען און רעפאָרמעס, וואָס צוליב זיי איז אייגנטלעך אַרויסגערופן געוואָרן די רעוואָלוציע גופא. און דאָס רוב פאַרטראָגט דער סטיכישער שטראָם די רעוואָלוציע פיל ווייטער.

אין מערץ-אַפּריל איז די רוסישע רעוואָלוציע שנעל געגאַנגען באַרג-אַרויף, און די רעגירונג פון פירשט לוואָוו איז געווען אַבסאָלוט אומ-פּעאיק כאָטש אין אַ קלײנער מאָס צו פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן פון דער שוין לאַנג-לאַנג צײטיק-געוואָרענער און אַזוי שטאַרק פאַרשפּעטיק-טער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס האָט זיך מיט יעדן טאָג אַרויסגעוויזן אַלץ קלאָרער און בולטער.

דער גרעסטער און וויכטיקסטער צוזאַמענשטויס איז געקומען אויף יענעם געביט, וואָס איז אין יענעם מאָמענט געווען דער אַנגעווייטאָק-סטער — אין דער פראַגע פון מ ל ח מ ה - פ י ר ו נ ג.

די אָפיציעלע דעקלאַראַציעס פון דער „צײטווײליקער רעגירונג" האָבן וועגן דער מלחמה-פּאָליטיק פון דעם נײעם רוסלאַנד גאָר ניט גערעדט. די דעקלאַראַציע פון 3-טן (16-טן) מערץ, פּונקט אַזוי ווי די צווייטע דעקלאַראַציע פון 27-טן מערץ (8-טן אַפּריל) האָבן זיך באַ-שרענקט מיט אָנווייזונגען אויף די חטאים און פאַרברעכנס פון דער צאַ-רישער מאַכט אין דער פירונג פון קריג און מיט דערקלערן, אַז דאָס פאָלק דאַרף פאַרטיידיקן דאָס לאַנד קעגן דעם מעכטיקן שונא און וועט ניט דערלאָזן, אַז מען זאָל אונדזער לאַנד, וואָס איז ענדלעך פריי געוואָרן, צעברעקלען אָדער פאַרשקלאַפן.

אין אָט דער אַלגעמײנער פאָרם האָט דאָס באַדײט פ אַ ר ט י י ד י-קונג פון א י י ג ע נ ע ם ל אַ נ ד, און אין יענעם מאָמענט זײנען אַ ל ע, אפילו די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און די „סאָוועטן", געווען מיט דעם מסכים.

אָבער דעם 18-טן אַפּריל (1-טן מאַי) האָט דער אויסערן-מיניסטער מ י ל י ו ק אָ ו ו פּאַנאַנדערגעשיקט אַ „דיפּלאָמאַטישע נאָטע" צו אַלע „פאַרבינדעטע רעגירונגען", אין וועלכער עס ווערט גערעדט וועגן דעם „פעסטן אַנטשלוס פון רוסישן פאָלק צו דערפירן די מלחמה ביז צום פולשטענדיקן זיג", און וועגן דער פעסטער טרײשאַפט פון רוסלאַנד צו „אַ ל ע פ אַ ר פ ל י כ ט ו נ ג ע ן", וואָס די פריערדיקע רעגירונג האָט איבערגענומען בנוגע צו די עלאַיס. און כדי נאָך קלאָרער צו מאַכן די לאַגע, האָט מיליוקאָוו אין אַ צײטונגס-אינטערוויו געגעבן צו פאַרשטיין, אַז רוסלאַנד זאָגט זיך ניט אָפּ פון די אַלטע רוסישע פּלענער וועגן צו-נעמען די דאַרדאַנעלן ביי טערקיי . . .

אַ שטורעם פון אַנטריסטונג האָט זיך אויפגעהויבן צווישן די לינקע עלעמענטן אין די סאָוועטן און אין לאַנד. דעמאָנסטראַציעס פון סאָלדאַטן (180טער פאָלק פון רעזערוויסטן) זײנען פאָרגעקומען אין די גאַסן פון פעטערבורג קעגן מיליוקאָוון און דער לוואָוו-רעגירונג. (דעם 20-טן און 21-טן אַפּריל, דאָס הייסט, דעם 3-טן און 4-טן מאַי). טעלעגראַמעס און אָנפראַגעס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון אַלע עקן רוסלאַנד, פון די סאָל-דאַטישע קאָמיטעטן און סאָוועטן. שטורעמדיקע זיצונגען פון פעטער-בורגער סאָוועט זײנען פאָרגעקומען מיט דער באַטײליקונג פון די מיניס-

טאָרן און די סאָציאַליסטישע פירערס, ווי צערעטעלי, טשכעאידזע, סקאָבעלעוו, קאַמענעוו א"אַ. מען האָט פּרובירט פאַרבעסרן די לאַגע דורך אַרויסגעבן אַ נייעם סטעיטמענט פון דער רעגירונג, וואָס זאָל „אויפקלערן געוויסע אומקלאָרקייטן" אין דער נאָטע פון אַפּריל 18 (1-טן מאַי). דאָס איז געווען דער פאָרשלאַג פון צערעטעלי. אָבער קיין שום דיפּלאָמאַטישע קונצן האָבן שוין אין יענעם מאָמענט ניט געקאָנט פאַרדעקן און פאַרגלעטן דעם פאַקט, אַז די גרויסע מערהייט פון די מאַסן האָט געהאָפט, אַז די רעוואָלוציע וועט העלפן צו פ אַ ר ע נ ד י ק ן דעם קריג, און טאַקע וואָס גיכער, בשעת די צווייטע ריכטונג האָט גערעכנט, אַז די רעוואָלוציע וועט ערשט געבן רוסלאַנד די ריכטיקע מעגלעכקייט פ אַ ר צ ו ז ע צ ן דעם קריג, און צו פירן אים ווייטער אויף אַ בעסערן אופן ווי אונטער דעם צאַריזם.

דער תהום צווישן אָט-די צוויי היפּובדיקע טענדענצן, וואָס האָט שפּעטער געבראַכט צום בירגער-קריג און וואָס איז בכלל, ווי איך וועל ווייטער פּרובירן דערווייזן, געווען דער הויפּט-שליסל פון דער גאַנצער רעוואָלוציע, איז שוין אין יענעם מאָמענט, אין מאַי 1917, גאַנץ קלאָר אַרויסגעטראָטן.

דער קאַמף אַרום דער רעגירונגס-דעקלאַראַציע האָט זיך געענדיקט מיט דער דעמיסיע פון דער ערשטער „צייטווייליקער רעגירונג". צו־ערשט איז אַוועק דער קריגס-מיניסטער גוטשקאָוו, דאַן איז אַוועק מי־ליוקאָוו, און מיט אים די אַנדערע „קאַדעטישע" מיניסטאָרן. די נייע רע־גירונג איז געשאַפן געוואָרן אונטער דער השפּעה פון סאָוועט און פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און אין איר זיינען אַריין, פון איין זייט, פאַרטרעטער פון די ליבעראַלע בורזשואַזע פּאַרטייען (קאַדעטן, פּראָ־גרעסיסטן), פון דער אַנדער זייט, רעפּרעזענטאַנטן פון די סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען: מענשעוויקעס, סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן (מען האָט זיי גערופן מיט די ראשי-תיבות: עס-ער) און פון די פאָלקס-סאָ־ציאַליסטן (אַ מין רעכטער פליגל פון די עס-ערן).

דעם 4-טן (17-טן) מאַי, שפּעט אין דער נאַכט, איז ענדלעך, נאָך לאַנגע דיסקוסיעס און שטורעמדיקע באַראַטונגען, צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דאָס נייע מיניסטעריום, די „צייטווייליקע רעגירונג" נומער צוויי.

אין איר זיינען אַריין פירשט ל וו אָ וו, אַלס פּרעמיער און אינערן־מיניסטער; ק ע ר ע נ ס ק י, אַלס קריגס- און פלאָטן-מיניסטער; וויק־טאָר ט ש ע ר נ אָ וו (פירער פון די עס-ער) — אַגריקולטור; מ ע ר ע־ש ט ש ע נ ק אָ (אַ רייכער צוקער-פאַבריקאַנט פון קיעוו, אומפּאַרטיי־איש, פּראָגרעסיוו) — אויסלאַנדס-ענינים; פּ ע ש ע כ אָ נ אָ וו (פאָלקס־סאָציאַליסט) — דערנערונגס-מיניסטער. אין דער רעגירונג זיינען אַריין צוויי מענשעוויקעס-סאָציאַל-דעמאָקראַטן: איראַקלי צ ע ר ט ע ל י, דער באַרימטער דעפּוטאַט פון דער צווייטער דומע, וואָס איז כמעט 10 יאָר אָפּגעווען אויף קאַטאָרגע און איז אָקערשט געקומען צוריק פון סי־

ביר — ער האָט באַקומען דעם אַמט פון מיניסטער פון פּאָסט און טעלע־גראַף; דער צווייטער איז געווען ס ק אָ ב ע ל ע ו ו, דער יעמאָלט זייער פּאָפּולערער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט פון דער פּערטער דומע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס אַרבעטס־מיניסטער.

נאָך לאַנגע און שטורעמדיקע דעבאַטעס איז די דאָזיקע רעגירונג באַשטעטיקט געוואָרן פון פּעטערבורגער סאָוועט. נאָך גרעסערע און שאַרפערע קאַמפן האָט די באַטייליקונג פון אונדזערע חברים אין דער רעגירונג אַרויסגערופן אין אונדזער מענשעוויסטישער פּאַרטיי. מיר, די שווייצאַרישע עמיגראַנטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָבן זיך וועגן דער ענדערונג פון דער רעגירונג דערוואוסט אונטערוועגס, אין שוועדן, און פון דאָרטן דורך טעלעגראַמעס אויסגעדריקט אונדזער שטאַרקע אומצו־פרידנקייט. אָבער קומענדיק אין פּעטערבורג, האָבן מיר שוין געפונען די נייע רעגירונג אַ פּאַרטיקע. און אַט דאָס איז געווען איינער פון די שטריטן, וואָס האָט צום שאַרפסטן צעריסן די אינעווייניקסטע איינ־קייט פון אונדזער פּאַרטיי.

2
דער סאָוועט און די רעגירונג

נאָך פריער, איידער עס איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע „צייט־ווייליקע רעגירונג", איז שוין אויפגעקומען דער פּעטערבורגער „סאָוועט פון אַרבעטער־סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן". דאָס איז געווען דעם 27־טן פעברואַר, גלייך אין דעם ערשטן טאָג פון דער זיגרייכער איבערקע־רעניש. רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן פון וואָלינער, ליטאָווסקער, פּאַוו־לאָווסקער און פּרעאָבראַזשענסקער גוואַרדיע־פּאָלקן האָבן פאַרכאַפּט די פּעטערבורגער טורמעס און באַפרייט די אַרבעטער און סאָציאַליסטן, וואָס זיינען דאָרטן געזעסן. מיט די סאָלדאַטן צוזאַמען זיינען די באַ־פרייטע סאָציאַליסטישע טוערס געקומען צום טאַווריטשן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען די געביידע פון דער „גאָסודאַרסטווענע דומע", און האָבן דאָרטן גלייך אויפן אָרט אין דער ערשטער שעה פון זייער פרייהייט געשאַפן אַ „צייטווייליקן אויספיר־קאָמיטעט פון דעם סאָוועט פון אַר־בעטער־דעפּוטאַטן", און זיי האָבן גלייך אויפן שטעל אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו אַלע פאַבריקן אין פּעטערבורג צוצושיקן 7 אַזייגער אין אָוונט פון דעם ז ע ל ב י ק ן טאָג זייערע אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן צום „סאָ־וועט". די דאָזיקע גרופּע סאָציאַליסטישע אַרבעטער און אינטעליגענטן איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון מ ע נ ש ע ו ו י ק ע ס. אַט זיינען זיי־ערע נעמען לויט די אָפיציעלע פּראָטאָקאָלן פון סאָוועט: גוואָזדיעוו, באָרים באָגדאַנאָוו, קאַפּעלינסקי, גריניעוויטש, טשכעאידזע, סקאָבע־לעוו, פראַנקאָרוסקי.

דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון פעטראָגראַדער סאָוועט ביי דעם קבלת פנים פאַר ג. פלעכאַנאָוו: אין דער ערשטער ריי זיצן (פון רעכטס צו לינקס: א. צערעטעלי, טשכעאידזע, פלעכאַנאָוו, סקאָבעלעוו, באָגדאַנאָוו, סטעקלאָוו, קאַפּעלינסקי, וו. לעבעדעוו.

אין דעם זעלביקן אָונט האָבן זיך טאָקע צענויפגעקליבן אין טאַוו־רישן פּאַלאַץ עטלעכע צענדליק פּאָרטרעטער פון די פּעטערבורגער אַר־בעטער, ווי אויך דעלעגאַטן פון אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוון און פון רע־וואָלוציאָנערע פּאָלקן. אויך די פּעסטונג קראָנשטאַדט מיט אירע צענ־דליקער טויזנטער מאַטראָסן איז צוגעשטאַנען צום סאָוועט. און עס איז דאָ גלייך אויפן שטעל באַשלאָסן און איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אַז מען זאָל די פּעטערבורגער אַרבעטער צוזאַמענעמען אין איין רעוואָ־לוציאָנערער אָרגאַניזאַציע מיט די רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און דער סאָוועט זאָל הייסן: „פּעטראָגראַדער סאָוועט פון אַרבעטער־ און סאָל־דאַטן־דעפּוטאַטן”.

מען האָט אויסגעקליבן אַן „אויספיר־קאָמיטעט”, געשאַפן אַ ריי קאָמיסיעס און אַזוי האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן דער באַרימטער פּעטראָגראַדער אַרבעטער־ראַט, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן דער אָנערקענטער צענטער פון דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציע.

אין משך פון עטלעכע טעג האָבן זיך עֶנלעכע סאָוועטן (אַמאָל נאָר פון אַרבעטער, אַמאָל פון אַרבעטער און סאָלדאַטן, אין אייניקע געגענטן פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און פּויערים), געשאַפן איבער גאַנץ רוסלאַנד: פון וולאַדיוואָסטאָק און אירקוטסק ביז מינסק און וויטעבסק, פון אַרכאַנ־געלסק ביז אָדעס און סעוואַסטאָפּאָל. אין אַפּריל איז פאָרגעקומען די ערשטע רוסלענדישע באַראַטונג פון די אַלע סאָוועטן, וויניקסטנס פון די וויכטיקסטע סאָוועטן אין די גרעסטע רוסישע שטעט. אין אָנהייב יוני איז אין פּעטערבורג פאָרגעקומען דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן איבערן גאַנצן לאַנד און אַט דער צוזאַמענפאָר האָט אויסגעקליבן אַ „צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט” (מען האָט אים אויף רוסיש גערופן „ציק”), וועלכער איז געוואָרן דער אמתער רעוואָלוציאָ־נערער פּאַרלאַמענט פון די רוסישע פאָלקס־מאַסן אין יענע חדשים.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז די ערשטע איניציאַטאָרן און גרינדער פון פּעטערבורגער סאָוועט זיינען געווען דורכאויס סאָציאַל־דעמאָקראַטן־מענשעוויקעס. ווען דער סאָוועט איז אויסגעבויט געוואָרן ברייטער, זיי־נען אין אים אַריין אַלע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און ריכטונגען: סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן מכל המינים, באָלשעווי־קעס, אינטערנאַציאָנאַליסטן, אַנאַרכיסטן, פאָלקס־סאָציאַליסטן, אאַז״וו. אָבער אַ לאַנגע צייט, ביז אומגעפער אויגוסט־סעפּטעמבער, 1917, האָבן אין אים די סאָציאַל־דעמאָקראַטן צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן געשפּילט די הויפּט־ראָל און פאַרנומען די וויכטיקסטע אַמטן.

איך האָב שוין דערמאָנט אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען (ב׳ 1, ז׳ 233), אַז די באָלשעוויקעס בראש מיט לענינען האָבן זיך באַ־צויגן צום געדאַנק פון אַ סאָוועט, דאָס הייסט, אַן אומפּאַרטייאישער און איבער־פּאַרטייאישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, זייער סקעפּטיש, מיט אומצוטרוי און אַפילו מיט אַ געוויסן חשד. דער גרונד־געדאַנק פון לע־

ניזם איז שוין יעמאָלט (1905) געווען די דיקטאַטור פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי איבער דעם פּראָלעטאַריאַט, און ניט די פרייע אַליין־פּאַרוואַלטונג פון אַן אומפּאַרטייאישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

אין פעברואַר 1917 האָבן די באָלשעוויקעס געהאַט אין פּעטער־בורג, פּונקט אַזוי ווי די מענשעוויקעס, אַן אומלעגאַלע געהיימע אָרגאַ־ניזאַציע. אמת, זי איז געווען אַ קליינע און אַ שוואַכע, פּונקט אַזוי ווי די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון די מענשעוויקעס. און די רעוואָ־לוציע, וואָס איז אויפגעקומען אין די לעצטע טעג פון פעברואַר 1917, איז געווען אַ ריין־סטיכישע דערשיינונג, וואָס איז ניט געווען אָרגאַ־ניזירט ניט דורך די מענשעוויקעס, ניט דורך די באָלשעוויקעס און ניט דורך אירגענד אַנדערע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען. אָבער עס ווערט פאַרשטענדלעך פון דער קליינער היסטאָרישער דערמאָנונג וואָס איך האָב דאָ געגעבן, ווי אַזוי עס איז געקומען, אַז די מענשעוויקעס האָבן גלייך אין דער ערשטער שעה פון זייער באַפרייאונג פון טורמע ניט גע־טראַכט וועגן קיין שום אַנדער זאַך, ווי וועגן שאַפן אַ סאָוועט, בעת די באָלשעוויסטישע טוערס זיינען אויף דעם דאָזיקן געדאַנק ניט געקומען.

צווייטנס, איז די שטימונג פון די ברייטע מאַסן רוסישע אַרבעטער אין פּעטערבורג און אין גאַנץ רוסלאַנד (אחוץ איינִיקע שטעט, ווי מאָס־קווע, איוואַנאָווא־וואָזנעסענסק אאַז״וו) געווען אַ מענשעוויסטישע און ניט קיין באָלשעוויסטישע. אַזוי איז געבליבן נאָך אַ היפּשע צייט אפילו אין יענע שטורעמדיקע טעג, ווען די באָלשעוויסטישע כוואַליע האָט זיך שוין געהויבן אין רוסלאַנד אַלץ העכער און העכער.

פאַרלויפנדיק דעם וועג, וויל איך שוין איצט זאָגן, אַז די מאַסע וואָס איז אַרונטערגעפאַלן די ערשטע אונטער דעם איינפלוס פון באָלשעוויזם איז געווען ניט די אַרבעטערשאַפט פון די אינדוסטריעלע צענטרען, נאָר די רעוואָלוציאָנערע און ראַדיקאַלע סאָלדאַטן, פּויערים־זין אין יוניפאָרמס. מיר וועט אויסקומען וועגן דעם צו ריידן נאָך פיל מאָל אין פאַרלויף פון מיינע ווייטערדיקע זכרונות, אָבער איך דערמאָן איצט וועגן דעם נאָר, כדי צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער צו איין פּונקט: ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער פּעטערבורגער סאָוועט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גע מ יי נז א מ ע ר אָרגאַניזאַ־ציע פון אַ ר ב ע ט ע ר און ס אָ ל ד אַ ט ן.

דער באַוואוסטער אַלטער באָלשעוויק ש ל י אַ פּ נ י ק אָ װ און־טערשטרייכט אין זיינע זכרונות, אַז דער פאָרשלאָג אַריינצונעמען די סאָלדאַטן אין פּעטערבורגער סאָוועט איז געמאַכט געוואָרן פון די באָל־שעוויסטישע רייען: ער דערמאָנט די נעמען פון ס ט י ע ל ק אָ װ און ז אַ ל ו צ ק י (אויף דער זיצונג איז געווען אויך מ אָ ל אָ ט אָ װ, אָבער ער האָט קיין שום עפנטלעכע ראָלע ניט געשפּילט).

לויט ווי שליאַפּניקאָוו דערציילט*), זיינען די מענשעוויקעס אַרוים־

*) אַ. שליאַפּניקאָוו: זכרונות (רוסיש) מלוכה־פאַרלאַג, 1923.

געטראָטן קעגן דעם פאָרשלאָג. זיי האָבן געטענהט, אַז די סאָלדאַטן זיינען פּאָליטיש אַן אומבאַשטימטע מאַסע, וואָס קיינער קאָן ניט זאָגן, אין וועלכער ריכטונג זיי וועלן שטופּן דעם סאָוועט; אַז צווישן זיי זיינען פאַראַן אַ סך ניט-פּראָלעטאַרישע עלעמענטן און אַז מען דאַרף דעם סאָוועט איינהיטן, אַלס אַ ריין-פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע. אחוץ דעם האָבן פיל מענשעוויקעס אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דער צוזאַמענשטעל פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן ענדערט זיך כסדר און אַז דורך דעם וועט מען קיין מאָל ניט האָבן די זעלביקע מענטשן אַלס פאַרטרעטער. אָבער די אָנוועזנהייט פון הונדערטער סאָלדאַטן אין דער דאָזיקער זיצונג פון 28-טן פעברואַר האָט געמאַכט פּסיכאָלאָגיש און פיזיש אוממעגלעך צו דיסקוטירן אָפן אַזעלכע פראַגעס און אָפּצוזאָגן זיך אַריינצונעמען די רע-וואָלוציאָנער-באַגייסטערטע סאָלדאַטן אין דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אַזוי אַרום איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אין סאָוועט אַ „ס אָ ל ד אַ ט ן - ס ע ק צ י ע", און אין דער דאָזיקער סעקציע אַריינצונעמען צו איין דעפּוטאַט פון יעדער „ר אָ ט ע". אין יענער צייט פון מלחמה און אַלגעמיינער מאָביליזאַציע זיינען די ראָטעס געווען זייער גרויסע, ביז צו טויזנט סאָלדאַטן אין יעדער. אַזוי ווי די פאָר-טרעטערשאַפט פון די אַרבעטער איז געווען איין דעלעגאַט אויף יעדע טויזנט אַרבעטער אין די פאַבריקן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו נעמען צו איין דעלעגאַט פון יעדער ראָטע סאָלדאַטן. אָבער אין דער אמתן, שרייבט וויטער שליאַפּניקאָוו (ז' 194 פון זיינע זכרונות) זיינען דאָס רוב ראָטעס געווען פ י ל ק ל ע נ ע ר, און אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז די סאָלדאַטן האָבן געהאַט אין סאָוועט אַ ש ט אַ ר ק ע ר ע פאָר-טרעטונג איידער די אַרבעטער. אין די ערשטע וואָכן זיינען די דאָזיקע סאָלדאַטישע דעפּוטאַטן געווען פּאַטריאָטיש געשטימט און האָבן אונ-טערגעשטיצט די „אָבאָראָנצעס", אָבער וואָס מער עס האָט זיך געביטן די שטימונג פון דער געשלאָגענער און דעזאָרגאַניזירטער רוסישער אַר-מיי, אַלץ מער זיינען דווקא די סאָלדאַטן אַוועק אויף לינקס, און זייערע דעלעגאַטן זיינען דאָס געוואָרן אין אַלע סאָוועטן די הויפּט-טרעגער פון באָלשעוויזם און דעפּיטיזם.

דאָס אַלץ איז שוין געווען אַ שפּעטערדיקע זאַך. ס'איז אָבער געווען איין דערשיינונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך אין די ערשטע טעג פונם סאָוועט, און דאָס איז געווען דער ק אַ מ ף פ אַ ר מ אַ כ ט צווישן דעם סאָוועט און דער אָפיציעלער רעגירונג.

איך האָב שוין דערמאָנט אין פאָריקן קאַפּיטל וועגן דעם, אַז אי די ערשטע „צייטווייליקע רעגירונג", אי די צווייטע (מיט דער באַטיילי-קונג פון סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און מענשעוויקעס) זיינען גע-שאַפן געוואָרן אין הסכם מיט דעם סאָוועט און מיט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, — חוץ די באָלשעוויקעס, — און אָפיציעל און פאָרמעל איז געווען אַ פולשטענדיקע איינשטימיקייט צווישן דער „צייטווייליקער רעגירונג" און דעם סאָוועט. אָבער אין דער אמתן איז די לאַגע גלייך

פון ערשטן טאָג געווען אַזאַ, אַז עס האָבן זיך געבילדעט צוויי צענטרען פון מאַכט: דער איינער איז געווען די אָפיציעלע רעגירונג, דער צווייטער איז געווען דער ניט-אָפיציעלער סאָוועט, אָדער ריכטיקער געזאָגט, זיין „אויספיר-קאָמיטעט„ (מען האָט עס גערופן אויף רוסיש „איספאָלקאָם").

אין אַ לאַנד ווי רוסלאַנד, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים, קיין פרייע דעמאָקראַטישע רעגירונגס-אינסטיטוציעס, איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז די ברייטע פאָלקס-מאַסן זאָלן זיך באַציען מיט אַ געוויסן אומצוטרוי צו יעדער רעגירונג. אין משך פון הונדערטער יאָרן זיינען די רוסישע פאָלקס-מאַסן געווען צוגעוויינט צו דעם, אַז די „רעגירונג" איז אַ פרעמדע, אַ „פּריצישע" און דאָס רוב אַ פיינטלעכע מאַכט, וואָס גייט ניט מיטן פאָלק, נאָר קעגן פאָלק. די „רעגירונג" — דאָס זיינען געווען מיניסטאָרן, גענעראַלן, פּריצים, הויכע באַאַמטע, וואָס זיינען געזעסן ערגעץ-וואו אין פאַרשיידענע מיניסטעריומס, אין זייערע אָפיסעס און פּאַלאַצן, און מען האָט צו זיי ניט געקאָנט צוקומען.

גאָר אין אַן אַנדער לאַגע איז געווען דער סאָוועט. דער טאַורישער פּאַלאַץ און דערנאָך דער סמאָלני אינסטיטוט, וואו דער סאָוועט האָט געהאַט זיין רעזידענץ, איז פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען פאַרפּלייצט פון אַ מחנה אַרבעטער, סאָלדאַטן, דעלעגאַטן, פּויערים, משולחים פון פאַרשיידענע שטעט און דערפער. יעדן טאָג זיינען דאָרט פאָרגעקומען זיצונגען און מיטינגען, מיט פלאַמעדיקע רעדעס און אַרויסטרעטונגען. צווישן די קאָמיסיעס פון סאָוועט און די פּעטערבורגער פאַבריקן און די פּעטערבורגער קאַזאַרמעס איז געווען אַ שטענדיקע לעבעדיקע פאַרבינדונג. דער סאָוועט — דאָס זיינען געווען „אייגענע מענטשן", עפּעס אַ היימישע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אינטים פאַרבונדן מיט די מאַסן גופא, כדי אָפּצוהיטן די רעוואָלוציע און די אינטערעסן פון פאָלק.

דעריבער איז דער איינפלוס פון סאָוועט געווען אַן אומגעהייערער און זיין פּרעסטיזש איז געווען אַ „דיקטאַטאָרישער" אפילו דאַן, ווען ער גופא האָט זיך שטענדיק אָפּגעזאָגט פון דער מאַכט, ווער רעדט שוין וועגן דיקטאַטור.

קיין מאָל האָט אַ שאָפער אָדער אַן איזוואָשטשיק, אָדער אַן אייזנבאַן-באַאַמטער אָדער אַ קאָנדוקטאָר, אָדער אַ טעלעגראַפיסט אויפן טעלעגראַף ניט אָפּגעזאָגט זיך צו פאָלגן אַ מיטגליד פון „איספאָלקאָם", ווען יענער פלעגט אים באַווייזן זיין דעלעגאַטן-קאַרטע און עפּעס פון אים פאַרלאַנגען. ווען דער טעלעגראַף האָט געסטרייקט, האָט דער סטרייק ניט געהאַט קיין קראַפט פאַר דעם סאָוועט. ווען די דרוקערייען האָבן ניט געאַרבעט, האָט מען אָבער פאַרן סאָוועט געדרוקט אַלץ, וואָס מען האָט באַדאַרפט. ווען די אייזנבאַנען זיינען ניט געגאַנגען, האָט זיך

אָבער שטענדיק געפונען אַ לאָקאָמאָטיוו פאַר אַ מיטגליד פון סאָוועט, אויב ער האָט געדאַרפט ערגעץ־וואו פאָרן לויטן באַפעל פון סאָוועט.

אַזוי איז עס געווען אין פעטערבורג, אַזוי איז עס געווען אין יעדער רוסישער שטאָט. די אַרבעטער האָבן ניט געפאָלגט זייערע דירעקטאָרן און באַלעבאַטים, אָבער זיי האָבן געפאָלגט די דעלעגאַטן פון סאָוועט און די מיטגלידער פון „איספּאָלקאָם". די סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעטריבן זייערע אָפיצערן. די מאַטראָסן האָבן אָפט דערשאָסן זייערע קאַפּיטאַנען, אָבער די גרעסטע מערהייט פון סאָלדאַטן און מאַטראָסן האָבן געהאָרכזאַם געפאָלגט די באַפעלן פון סאָוועט און „איספּאָלקאָם".

די אמתע מאַכט איז געלעגן ניט אין די הענט פון דער אָפיציעלער רעגירונג, נאָר האָט זיך געפונען אין רשות פון סאָוועט.

גלייך אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע זיינען פאָרגעקומען צוויי שאַרפע צוזאַמענשטויסן צווישן דער רעגירונג און סאָוועט, וואָס האָבן באַוויזן, אַז דער סאָוועט איז שטאַרקער.

3
אַרעסט פון די ראָמאַנאָווס און "פּריקאַז נומער איינס"

איין עפּיזאָד איז געווען די מעשה מיט דער קייזערלעכער פאַמיליע, וואָס האָט געזאָלט אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד (ענגלאַנד).

ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען עס איז אויפגעקומען דער פּלאַן פּטור צו ווערן פון די ראָמאַנאָווס, מיט זייער געפערלעכער ווירקונג אויף אַ טייל פון דער אַרמיי, דורך דעם, וואָס מען וועט זיי דערלויבן אַרויס־צוראַטעווען זיך פון רוסלאַנד קיין ענגלאַנד. עס זיינען געווען קלאַנגען, אַז די רעגירונג האָט שוין אַלץ צוגעגרייט פאַר דעם אָפּפאָר פון די ראָ־מאַנאָווס און אַז אַפילו דער רעוואָלוציאָנערער יוסטיץ־מיניסטער קע־רענסקי האָט צו דעם צוגעשטימט. ווען מען האָט זיך וועגן דעם דער־וואוסט אין די קרייזן פון סאָוועט, האָט מען תיכף טעלעגראַפירט און טעלעפאָנירט אין אַלע אָרטיקע סאָוועטן, אויף אַלע באַן־סטאַנציעס און אויף דער רוסיש־פינלענדישער גרעניץ, דורך וועלכער די ראָמאַנאָווס האָבן באַדאַרפט פאָרן. די דאָזיקע מיטטיילונג פון סאָוועט האָט גע־שטעלט אויף די פיס אומעטום די לאָקאַלע סאָוועטן, די אייזנבאַן־אָרגאַ־ניזאַציעס, די סאָלדאַטישע קאָמיטעטן, און ס'פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם גאַנצן פּלאַן האָט זיך קיין זאַך ניט אויסגעלאָזן. וואָרים די דאָזיקע אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס האָבן גלייך מיטגעטיילט דעם פעטערבורגער סאָוועט, אַז זיי וועלן די ראָמאַנאָווס ניט אַרויסלאָזן, וואָס די רעגירונג זאָל ניט זאָגן. און עס איז געווען פאַרשטענדלעך, אַז ווען מען זאָל פּרובירן האַנדלען קעגן ווילן פון אָט די אַלע קאָמיטעטן, וועט זיך די גאַנצע אונטערנעמונג ענדיקן מיט אַ בלוטיקער טראַגעדיע: ניט

נאָר די ראָמאַנאָווס וועלן ניט באַווייזן אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד, נאָר פּאַרקערט — עס וואָלט זיך געקאָנט טרעפן, אַז די אויפגערעגטע סאָלדאַטן און אַרבעטער זאָלן נעמען בלוטיקע נקמה אָן דער פּאַרהאַסטער צאַרישער פּאַמיליע.

אַזוי אַרום האָט זיך דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישן דעם סאָוועט און דער רעגירונג געענדיקט מיט אַ זיג פון סאָוועט: די ראָמאַנאָווס זיינען אַרעסטירט געוואָרן כמעט אַלע, און ניקאָלאַי דער צווייטער מיט זיין משפּחה זיינען געשטעלט געוואָרן אונטער הויז-אַרעסט אין צאַרסקאָיע סעלאָ (ניט ווייט פון פּעטערבורג).

אַ צווייטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען צוליב דעם באַרימטן „פּריקאַז נומער איינס".

די ערשטע שריט פון דער ערשטער „ציטווייליקער רעגירונג" זיינען געווען אין אַ ריי פּונקטן זייער רעוואָלוציאָנער: מען האָט אַראָפּגעזעצט פון טראָן די צאַרישע דינאַסטיע (הגם מען האָט דערווייל נאָך ניט דערקלערט אָפיציעל אַ רעפּובליק); מען האָט אַרויסגעגעבן אַ *פּאָליטישע אַמנעסטיע* פאַר אַלע פּאָליטישע געפאַנגענע און רעוואָלוציאָנערן און מ'האָט גלייך באַפרייט אַלע, וועלכע זיינען געזעסן אין די טורמעס, אין סיביר. מען האָט פּראָקלאַמירט פולשטענדיקע *פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און פון פּרעסע*, פון וואָרט און פון שריפט, פון אָרגאַניזאַציעס און פון פּאַרטייען, און עס איז ספּעציעל אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז די דאָזיקע פרייהייט וועט אָפּגעהיט ווערן *ניט געקוקט אויף דעם קריגס-צושטאַנד*. מ'האָט פּראָקלאַמירט די *גלייכהייט פון אַלע בירגער* אָן אונטערשייד פון נאַציע און רעליגיע און מען האָט אָפּגעשאַפט אַלע באַשרענקונגען קעגן אונטערדריקטע נאַציעס, צווישן זיי אַלע *געזעצן קעגן אידן* (די אידישע גלייכבאַרעכטיקונג איז איינגעפירט געוואָרן דורך אַ דעקרעט פון דער ציטווייליקער רעגירונג, דורך דעם יוסטיץ-מיניסטער קערענסקי, דעם 20-טן מערץ 1917). אָבער צוויי פראַגן זיינען געבליבן אין גאַנצן אָפן: ערשטנס, די פראַגע וועגן *ערד פאַר פּויערים*, וואָס דאָס האָט געזאָלט באַשלאָסן ווערן שפּעטער דורך דער „נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג" (גרינדונגס-פאַרזאַמלונג) און די פראַגע וועגן די *רעכט פון די סאָלדאַטן*.

וואָס אָנבאַלאַנגט די אַגראַר-רעפאָרם, האָט גענומען עטלעכע מאָנאַטן ביז די כוואַליע פון פּויערשער אויפרעגונג האָט זיך דערקייקלט פון די ווייטע דערפער צו די הויפּט-שטעט. אַנדערש איז דאָס געווען מיט די סאָלדאַטן. די סאָלדאַטן זיינען געווען אומעטום, גלייך אַרום אונדז און ספּעציעל אין פּעטערבורג האָבן די צענדליקער טויזנטער סאָלדאַטן פון פּעטערבורגער גאַרניזאָן געשפּילט די אַקטיווסטע ראָלע סיי אין דער רעוואָלוציע גופא, סיי אין אַלע ווייטערדיקע געשעענישן. גלייך ווי עס האָט זיך געגרינדעט דער פּעטערבורגער סאָוועט און עס

איז פאַרגעקומען איינע פון די ערשטע זיצונגען פונם אויספיר־קאָמיטעט דעם 1־טן — 14־טן — מערץ, 1917, האָבן די סאָלדאַטישע דעפוטאַטן פון קאָמיטעט פאַרלאַנגט, אַז ס'זאָל עפּעס געטאָן ווערן פאַר די סאָלדאַטן אויך. זיי האָבן דאָס פאַרלאַנגט, סיי אין די אינטערעסן פון די סאָלדאַטן־מאַסן, וואָס האָבן אַזוי לאַנג געליטן פאַרפאָלגונגען און אונטערדריקונגען מצד די אָפיצערן, סיי אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע, ווייל ס'האָט געפעלט צוטרוי צו די אָפיצערן, וואָס זיינען, לויט דער מיינונג פון די סאָלדאַטן, ניט געווען גענוג רעוואָלוציאָנער און רעפּובליקאַניש.

די אַלטע צאַרישע אַרמיי איז ניט געווען אויפגעבויט לויטן פּרינציפּ פון די מאָדערנע אַרמייען אין די דעמאָקראַטישע לענדער. די אָפיצערן, בפרט די העכערע אָפיצערן, זיינען געווען „דוואָריאַנעס", פּריצים, מענטשן פון פּריווילעגירטע קלאַסן, „פּאַנעס", משעת די פּשוטע סאָלדאַטן זיינען געווען „כלאָפּעס", פּויערים, המון. ס'איז געווען אַ שאַרפע קאַסטן־גראַדאַציע צווישן פּשוטע סאָלדאַטן און אָפיצערן. דער אָפיצער האָט געזאָגט צום פּשוטן סאָלדאַט „דו" און יענער האָט אים געמוזט ענטפערן: „אייער הויכגעבאָרן", „אייער וואוילגעבאָרן", „אייער עקסעלענץ" אדג"ל. דער סאָלדאַט האָט ניט געטאָרט פאָרן אין צווייטן קלאַס פון אַן אייזנבאַן, ניט געטאָרט זיין אין איין טראַמוואַי מיט אַן אָפיצער, געמוזט אויפשטיין און אָפּגעבן „טשעסט", ווען עס פלעגט זיך באַווייזן אַן אָפיצער — אין אַ טעאַטער, צי אויף אַ לעקציע, צי אין אַ ביבליאָטעק, צי אין דער אייזנבאַן, צי אַפילו סתם אויף דער גאַס. די אָפיצערן האָבן געהאַט אַן אַנדער עסן ווי די סאָלדאַטן, און ראָס עסן פון די סאָלדאַטן איז אָפט מאָל געווען שלעכט, בפרט אין דער צייט פון מלחמה, ווען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין רוסלאַנד זיינען שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן. די אַלע קריוודעס, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין דער נשמה פון אַ רוסישן סאָלדאַט קעגן דער „נאַטשאַלסטווע", זיינען טויזנטפאַך פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דער פיר־יאָריקער בלוטיקער מלחמה, וואָס איז געפירט געוואָרן אָן אַ טאָלק און אָן אָן אָרדענונג, מיט שלעכטע גענעראַלן, מיט אומפעאיקע אָפיצערן, מיט אַ שלעכטער טעכנישער באַוואָפנונג, אַזוי אַז די רוסישע סאָלדאַטן האָבן געמוזט מיט זייערע לייבער און זייערע לעבנס אויסגלייכן דעם מאַנגל אין האַרמאַטן און מאָדערנע וואָפן. די סאָלדאַטן זיינען געווען שלעכט אָנגעטאָן, האָבן שלעכט געגעסן און געלעבט אין שמוץ, בשעת די אָפיצערן האָבן געהוליעט. די סאָלדאַטן האָבן דאָס אַלץ געזען און פאַרשטאַנען און האָבן דאָס נאָך שטאַרק איבערגעטריבן אין זייער נאַטירלעכער פאַרביטערונג.

די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס, און די ליבעראַלע פּראָפּאַגאַנדע אין דער דומע האָבן בולט אונטערגעשטראָכן די שולד פון דער רעגירונג און פון דער העכערער נאַטשאַלסטווע אין אַלע זייערע צרות און אומגליקן. יאָרן און יאָרן זיינען די סאָל־

דאַטן געווען אויפן פראָנט און אין די קאַזאַרמעס אין שלעכטע מאַטע־ריעלע באַדינגונגען, מאַראַליש נידערגעשלאָגענע דורך די שטענדיקע מפלות, שטענדיק גערייצטע דורך די פּריווילעגיעס פון די אָפיצערן, דורך דער פּערזענלעכער דערנידעריקונג, וואָס זיי האָבן געמוזט פאַר־טראָגן.

ווען עס איז ענדלעך געקומען די רעוואָלוציע, האָבן זיי דערפילט, אַז איצט איז געקומען זייער צייט, אַז איצט מוז קומען די שעה פון באַ־פרייאונג און פון נקמה אויך פאַר זיי. אָט די סטיכישע שטימונג האָט אָנגעטריבן דאָס הייפל סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן אין פּעטערבורגער סאָוועט דעם 1־טן מערץ, ווען זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם באַוואוסטן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אַדוואָקאַט נ. ד. ס אָ ק אָ ל אָ וו, כדי אויס־צואַרבעטן צוזאַמען מיט אים עפּעס אַ „מאַניפעסט״ פאַר די סאָלדאַטן. עס איז ביזן היינטיקן טאָג ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווער עס איז געווען דער אמתער פאַרפאַסער פון יענעם דאָקומענט, וואָס האָט באַ־קומען דעם נאָמען „פּריקאַז נומער איינס״. וואַרשיינלעך איז דאָס גע־ווען אַ קאָלעקטיווע אַרבעט פון דעם קרייזל סאָלדאַטן צוזאַמען מיט סאָקאָלאָוון. דער דאָזיקער באַפעל איז געגעבן געוואָרן צו אַלע סאָל־דאַטן פון דער גוואַרדיע, פון דער אַרמיי, פון דער אַרטילעריע, און צו אַלע מאַטראָסן פון פּ ע ט ע ר ב ו ר ג ע ר קרייז. אין אָט דעם באַפעל ווערט געזאָגט:

1.—אין יעדער ראָטע, אין יעדן באַטאַליאָן, אין יעדן פּאָלק, אויף יעדער שיף מוזן גלייך געשאַפן ווערן געקליבענע סאָלדאַטישע קאָ־מיטעטן.

2.—אַלע מיליטערישע איינהייטן מוזן אויסקלייבן צו איין דעפּו־טאַט פון יעדער ראָטע, וואָס זאָל זיין דער פאַרטרעטער אין פּעטערבור־גער סאָוועט.

3.—אין אַלע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען מוזן די מיליטערישע איינהייטן פאָלגן דעם סאָוועט און זייערע געקליבענע סאָלדאַטן־קאָמי־טעטן.

4.—די באַפעלן פון דער מיליטערישער קאָמיסיע ביי דער גאָסו־דאַרסטווענער דומע (וואָס איז ביז יעמאָלט געווען דער העכסטער אָרגאַן פאַר אַרמיי־ענינים — ר. א.), מוזן אויסגעפירט ווערן נאָר דאַן, ווען זיי שטייען ניט אין ווידערשפּרוך צו די באַפעלן פונם סאָוועט.

5.—דאָס גאַנצע געווער, וואָס די אַרמיי־איינהייטן פאַרמאָגן, מוז זיך געפינען אין רשות פון די סאָלדאַטן־קאָמיטעטן און טאָר בשום אופן ניט אַרויסגעגעבן ווערן צו די אָפיצערן.

6.—אין דער צייט פון דינסט מוזן די סאָלדאַטן אָפּהיטן די שטרענג־סטע דיסציפּלין, אָבער מחוץ דעם דינסט, אין זייער פּאָליטישן, ביר־גערלעכן און פּריוואַט־לעבן מוזן די סאָלדאַטן האָבן די זעלביקע רעכט, ווי אַלע אַנדערע בירגער.



די „סאָלדאַטן־סעקציע" פון פעטראָגראַדער סאָװעט אין 1917

7.—ווייטער ווערט דערקלערט, אַז די אָפיצערן טאָרן מער ניט זאָגן צו די סאָלדאַטן „דו", און די סאָלדאַטן זיינען ניט מחויב אָנצו־רופן זייערע קאָמאַנדירן מיט די ערן־טיטולן, נאָר דאַרפן פשוט זאָגן: „הער קאַפּיטאַן", „הער גענעראַל", אאַז"וו. עס איז אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס אָפּגעבן „טשעסט" און דאָס אויפשטעלן זיך אין פראָנט, ווען מען באַגעגנט אין גאַס אַ הויכן אָפיצער. ווען אַן אָפיצער באַ־ליידיקט אַ סאָלדאַט אָדער באַהאַנדלט אים גראָב, מוז דאָס געמאָלדן ווערן צום קאָמיטעט.

איך האָב בכיוון געבראַכט, כמעט ווערטערלעך, דעם גאַנצן טעקסט פון דעם היסטאָרישן דאָקומענט, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזוי פיל טומל אין יענער צייט אין רוסלאַנד, כדי צו באַווייזן, אַז אייגנטלעך זיינען אין דעם באַרימטן „פּריקאַז" ניט געווען קיין שום „קרימינעלע" פונקטן. דער איינציקער וויכטיקער פונקט, וואָס האָט געהאַט אַן ערנסטע באַ־דייטונג, איז געווען דאָס ניט־אַרויסגעבן געווער צו די אָפיצערן און דער קאָנטראָל פון די סאָלדאַטן־קאָמיטעטן איבער די פּאָליטישע אַרוים־טרעטונגען פון די אַרמיי־איינהייטן.

די קאָנסערוואַטיוו־ליבעראַלע געשיכט־שרייבער פון דער רעוואָלוציע, ווי גוטשקאָוו, מיליוקאָוו, דער גענעראַל אַלעקסעיעוו און פיל־פיל אַנ־דערע, האָבן שטענדיק פאַרגעשטעלט די זאַך אַזוי, אַז דער דאָזיקער „פּריקאַז" איז אייגנטלעך געווען די גרונט־סיבה פון דעם גאַנצן רו־סישן צוזאַמענבראָך. זיי פאַרזיכערן, אַז דער דאָזיקער פּריקאַז האָט געבראָכן די דיסציפּלין פון דער רוסישער אַרמיי און האָט איר פאַקטיש פאַרניכטעט.

אין דער אמתן אָבער בין איך טיף איבערצייגט, אַז די אַנט־וויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע וואָלט זיך אויף אַ האָר ניט גע־ענדערט, אַפילו אויב נ. ד. סאָקאָלאָוו וואָלט ניט אָנגעשריבן דעם 1־טן מערץ אָט דעם אויבן־געבראַכטן דאָקומענט. דער פּאָליטישער קאָנטראָל פון סאָוועט איבער דער אַרמיי וואָלט סיי ווי סיי געווען אַ פאַקט, מיטן פּריקאַז אָדער אָן דעם פּריקאַז. די אָפּשוואַכונג פון דער דיסציפּלין וואָלט סיי ווי געקומען, ווייל זי האָט געהאַט טיפערע וואָרצלען איידער געשריבענע פּריקאַזן. און דער מיליטערישער צוזאַ־מענבראָך פון דער אַרמיי אין זומער 1917 איז געקומען ניט פון דעם, וואָס די סאָלדאַטישע קאָמיטעטן האָבן ניט אַרויסגעגעבן געווער צו די רוסישע אָפיצערן.

אין דער צייטווייליקער רעגירונג און אין דער פרעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכער טומל צוליב אָט דעם פּריקאַז. מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף דעם סאָוועט, ער זאָל צונעמען צוריק אייניקע פונקטן פון באַפעל, ווייל דאָס קאָן האָבן אַ שעדלעכע ווירקונג אויפן פראָנט, וואו עס גייען אָן קאַמפן. דער סאָוועט האָט אַרויסגעגעבן אַ צוגאָב־דערקלערונג, אַז דער פּריקאַז ווענדעט זיך בפירוש נאָר צו די סאָלדאַטן

פון פעטערבורגער קרייז, וואו קיין שום פראָנט איז ניט פאַראַן, און אַז ער האָט לחלוטין ניט צו טאָן מיט מיליטערישע אָפּעראַציעס און רעדט נאָר וועגן דער פּאָליטישער טעטיקייט פון די מיליטערישע איינהייטן און נאָר אין דער הויפּט־שטאָט.

אָבער דאָס האָט אַלץ ניט געהאָלפן. דער באַפעל איז דורכגעפירט געוואָרן אין גאַנץ רוסלאַנד און די סאָלדאַטן האָבן אים אַליין אויסגע־טייטשט אין ברייטסטן זין פון וואָרט און האָבן אים שפּעטער, ווען די אַרמיי איז נאָך מער צעבראָכן געוואָרן דורך די נידערלאַגעס, אָנגע־ווענדעט ניט נאָר אויף פּאָליטישע זאַכן, נאָר אויך אויף מיליטערישע און אויפן פראָנט דערצו.

דער סאָוועט האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פאַר דער רעגירונג און אַפילו שטאַרקער, איידער ער האָט אַליין געוואָלט.

4
דער „בונד" אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע

צום אָנהייב פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע זיינען גרויסע טיילן פון דער רוסישער אימפּעריע, ווי פּוילן (וואַרשע, לאָדזש), די צפון־מערב געגנט (גראָדנע, ביאַליסטאָק, ווילנע), ליטע (קאָוונע) געווען אָקופּירט דורך די דייטשע אַרמייען, און זייער פּאָליטישער גורל האָט זיך צעשיידט אויף לאַנג פונם גורל פון רוסלאַנד. דורך דעם זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן פון דעם אַלטן „בונד", דעם „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד", די גרעסטע מאַסן אי־דישע אַרבעטער, און צוזאַמען מיט זיי אויך די גרעסטע און שטאַרקסטע בונדישע אָרגאַניזאַציעס.

אין דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָבן זיך צום מאָמענט פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע געפונען נאָר די אידישע אַרבעטער־מאַסן פון אוקראַינע און ווייס־רוסלאַנד, און אַ טייל פון יענע אידישע מאַסן, וואָס זיינען דורך דער מלחמה אַרויסגעטריבן געוואָרן פון די פראָנט־געגנטן און האָבן זיך באַזעצט אין רוסישע שטעט און שטעטלעך, מחוץ פון דער פריערדיקער „טשערטאַ". אויך אַ טייל פון די בונדישע פירערס זיינען געבליבן מחוץ רוסלאַנד און האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. צווישן זיי מוז מען דערמאָנען וולאַדימיר מע־דעם, נח, ביינישׁ מיכאַלעוויטש אין פּוילן און ליטע, וולאַדימיר קאָסאָווסקי, יונה קאָיגען און פראַנץ קורסקי אין שווייצאַריע.

די אַנדערע צענטראַלע טוערס, מיטגלידער פון צ. ק., שרייבערס וואָס האָבן געאַרבעט פאַר אונדזערע אָרגאַנען, בונדישע אינטעליגענטן, אַחוץ מיר און ליטוואַק, זיינען געווען אויף דער טעריטאָריע פון דער רוסי־שער רעוואָלוציע, און האָבן פון דעם ערשטן מאָמענט אָן גענומען דעם

אַקטיווסטן אָנטייל אין די פּאָליטישע געשעענישן אין די סאָוועטן און די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, סיי ריין־בונדישע, סיי אַלגעמיין־רוסלענדישע.

צום מאָמענט פון דער רעוואָלוציע האָט דער „בונד", פּונקט אַזוי ווי די באָלשעוויקעס, מענשעוויקעס און די עס־ערן, געהאַט גאָר אַ קליינע צאָל אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען דערצו נאָך געווען זייער אָפּט אָפּגעשוואַכט דורך די מאָביליזאַציעס, דורך די פאַרפאָלגונגען און אַרעסטן פון דער צאַרישער פּאָליציי.

אָבער גלייך נאָך דער איבערקערעניש, וואָס האָט סטיכיש אויסגעבראָכן אין פעברואַר 1917, זיינען מיט אַן אומגעהייערער גיכקייט אויסגעוואַקסן אַ גאַנצע קייט בונדישע אָרגאַניזאַציעס, קאָמיטעטן, גרופּעס איבער גאַנץ רוסלאַנד, — פון מינסק ביז סאַראַטאָוו און אירקוטסק; פון קרים ביז פּעטערבורג און מאָסקווע.

גלייך אין די ערשטע שעהן פון דער רעוואָלוציע האָבן אַ ריי אָנגעזעענע בונדיסטן גענומען אַנטייל אין די צענטראַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען וואָס זיינען אויפגעקומען אין פּעטערבורג. דער באַוואוסטער בונדיסט משה ראַפעס, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון דער פּעטערבורגער טורמע, איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין טאַווריש ן פּאַלאַץ. מיט אים צוזאַמען הענריק ערליך, וואָס איז געווען אין פּעטערבורג אַ פאַרטרעטער פון „בונד" ביי דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פון גאָסודאַרסטווענע דומע. אַקטיווע בונדיסטישע טוערס זיינען אויך געווען אין יענעם מאָמענט די באַוואוסטע זשורנאַליסטן ד. זאַסלאַווסקי, וולאַדימיר קאַנטאָראָוויטש. מיט זיי צוזאַמען האָבן געאַרבעט אידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס־בונדיסטן, ווי די פאַרשטאָרבענע קאַהאַן־ווירגילי און יעקב עטקין, וואָס האָט געאַרבעט אין „אָרט". צו אָט דער גרופּע איז באַלד צוגעקומען גאָר אַ גרויסע פאַרשטאַרקונג אין דער פּערזאָן פון דעם באַוואוסטן אַלטן בונדיסטישן טוער און רעדנער מאַרק ליבער, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון דער פאַרשיקונג נאָך דער אַמנעסטיע, און איז שוין אין עטלעכע טעג אַרום געקומען קיין פּעטערבורג. מיט דער גאַנצער מאַכט פון זיין פייערדיקן טעמפּעראַמענט און מיט דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיין גרויסן רעדנערישן טאַלענט האָט זיך מאַרק ליבער אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אין „בונד", אין פּעטערבורגער סאָוועט און אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין משך פון אַ פּאָר וואָכן איז ער געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע און איינפלוסרייכסטע פירערס פון דער רעוואָלוציע.

די אַנדערע אַלטע בונדיסטישע פירערס האָבן זיך געפונען דאָס רוב אין פאַרשיקונג, צווישן זיי יודין־אייזענשטאַט און „אסתר" פרומקין, וואָס זיינען געוועזן פאַרשיקט אין אַסטראַכאַן; רחמיאל ווינשטיין, וואָס איז געווען אין סיביר (אירקוטסק); גאָזשאַנסקי־לנו („דער לערער"); טשעמערינסקי און פיל אַנדערע. אַזוי גיך ווי זיי האָבן זיך באַפרייט נאָך דער אַמנעסטיע, זיינען זיי

אוועקגעפֿאָרן פון זייערע פֿאַרשיקונג-ערטער אין דעם בונדישן ראַיאָן און האָבן זיך געשטעלט בראש פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס און די פֿאַרשיידענע שטעט: אין מינסק, וויטעבסק, מאָהילעוו, האָמעל, קיעוו, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס, און אַזוי ווייטער.

צום סוף מערץ זיינען שוין געווען 37 בונדישע קאָמיטעטן און אָר-גאַניזאַציעס מיט אַ פּאָר צענדליק טויזנטער מיטגלידער. גיך וואַקסן אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציאָנערן אויפשטייג סאָציאַליסטישע אָרגאַ-ניזאַציעס. דער שטורם-ווינט פון רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג ברענגט אַריין אין אונדזערע רייען צענדליקער טויזנטער, רייסט-מיט אין גאַסן-דעמאָנסטראַציעס און מאַסן-מיטינגען הונדערטער טויזנטער, און צוזאַמען מיט דעם שטראָם פון אויפריכטיקער און סטיכישער באַ-וועגונג דרינגען אַריין אין אונדזערע רייען אויך די „פּראָפּיט-זוכער" פון יעדער רעוואָלוציע: די וואָס ווערן צוגעצויגן דורך דער מאַכט, דורך דעם גלאַנץ, דורך די פּערספּעקטיוון פון אַ פּאָליטישער קאַריערע, פון אַ רעגירונגס-דזשאָב אין דער נייער דעמאָקראַטישער אַדמיניסטראַ-ציע, וואָס איז אויפגעקומען אין אַלע שטעט.

און פּונקט אַזוי גיך, ווי די כוואַליע הייבט זיך אין צייטן פון שטורם, פּונקט אַזוי גיך פֿאַלן די וואַסערן פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם אין די צייטן פון באַרג-אַראָפּ, און די ערשטע פֿאַרלאָזן אונדז און אַנטלויפן צו די זיגער אָט די פּראָפּיט--זוכער, וואָס נישטערן אַרום אין דער פּאָלי-טישער לופט און דערשמעקן די ערשטע, אַז די כוואַליע האָט זיך אַ קער געטאָן אין אַן אַנדערער ריכטונג.

אָבער אין די ערשטע וואָכן פון רעוואָלוציאָנערן פרילינג און דער אַלגעמיינער באַגייסטערונג און פון אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, האָט זיך די כוואַליע געהויבן אַלץ העכער און העכער. אין „בונד" און אין דער אידישער סביבה האָט זיך די צוציאונג-קראַפט פון רעוואָלוציאָנערן זיג אַרויסגעוויזן פיל שוואַכער, איידער אין דער אַלגעמיין-רוסישער באַ-וועגונג. אויב אין „בונד" האָבן אַריינגעשטראָמט צענדליקער טויזנט-טער, זיינען צו די רוסישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צוגעשטאַנען הונ-דערטער טויזנטער און מיליאָנען, ספּעציעל צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז רעפּרעזענטירט געוואָרן אין דער רעוואָ-לוציע דורך דער פּערזאָן פון ק ע ר ע נ ס ק י ן. יעדער רוסישער פּויער, וואָס האָט געשטרעבט צו אַן אַגראַר-רעוואָלוציע, און האָט פיינט גע-האַט דעם פּריץ, איז געווען מיט קערענסקין, הייסט דאָס, אַז ער איז געוואָרן אַ „סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער". און אַזוינע זיינען געווען מיליאָנען און מיליאָנען. יעדער רוסישער אינטעליגענט און באַאַמטער איז געוואָרן אין יענעם מאָמענט אַ „סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער"; און אויב ער האָט ווען-עס-איז אין זיין לעבן געהאַט געלייענט אַן אומ-לעגאַלע בראָשור פון די „עס-ערן", האָט ער זיך שוין באַטראַכט פֿאַר אַן „אַלטן פּאַרטיי-קעמפער". און ווען ער האָט ווען-עס-איז אין זיין לעבן געגעבן הונדערט רובל פֿאַר די „עס-ערן", אָדער האָט גאָר געלאָזן

איבערגעכטיקן ביי זיך אַן אומלעגאַלן „עס-ער“, אָדער גאָר אויב ער האָט דורכגעמאַכט אַ פּאָליציייאישע הויז-זוכונג, — איז ער דאַן שוין געווים געווען אַ פאַרדינסטפולער „מאַרטירער“ פאַר דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן.

נאָר אַ טייל פון דער פאַרמעגלעכער שטאָטישער בורזשואַזיע און מענטשן פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן שוין פריער אין דער פּאַרטיי „קאַ-דע“, אָקטיאַבריסטן אָדער אַנדערע קאָנסערוואַטיוו-ליבעראַלע אָרגאַניזאַציעס, זיינען ניט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם פון רעוואָלוציאָנערער התלהבות. און, פאַרשטייט זיך, די פּריצים און די דערפער, זייערע זין אין דער אַרמיי און אין דער אַדמיניסטראַציע, זיינען געבליבן רעאַקציאָנער און מאָנאַרכיסטיש, אוים שנאה צו דער רעוואָלוציע. זיי האָבן זיך אָבער געהאַלטן שטיל און רואיק, איינגעשראָקענע און דעפּרימירטע דורך זייער אייגענער מאַכטלאָזיקייט און דורך דעם געוואַלטיקן איינפלום פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

אַן ענלעכע בילד איז געווען אויך אין דער אידישער סביבה, אָבער אין אַ שוואַכערער פאָרם. ניט אַזוי געוואַלטיק, ווי אין די רוסישע מאַסן, איז געווען דער איינפלום פון „בונד“, און ניט אַזוי שוואַך, ווי אין רוסישן פאָלק, איז געווען דער איינפלום פון די מעסיק-ליבעראַלע, דעמאָקראַטיש-בורזשואַזע און רעליגיעז-קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן. אמת, דערפאַר האָבן אָבער אין אידישן פאָלק אויסגעפעלט די רעאַקציאָנער-מאָנאַרכיסטישע און פּריצישע שטרעמונגען.

פון 1-טן ביזן 5-טן אַפּריל (פון 14-טן ביז צום 18-טן אַפּריל לויט דער אייראָפּעאישער צייט-רעכענונג) איז אין פּעטערבורג פאָרגעקומען אַן אַל-רוסלענדישע קאָנפערענץ פון „בונד“, דער ערשטער צוזאַמענקונפט פון „בונד“ נאָך דער רעוואָלוציע. עס האָבן זיך אין איר, לויט די אָפיציעלע ידיעות, באַטייליקט 60 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 37 אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, און אַחוץ דעם אַ ריי איינגעלאַדענע געסט מיט באַראַט-שטים. די קאָנפערענץ, וואָס איז געווען אָפיציעל די „צ ע נ ט ע ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ פ ו ן ב ו נ ד“ (די ניינטע קאָנפערענץ איז געווען אין יאָר 1910; דער ניינטער צוזאַמענפאָר האָט געזאָלט פאָרקומען אָנהייב אויגוסט 1914 און איז צוליב דעם קריג שוין ניט פאָרגעקומען), איז דורכגעגאַנגען מיט אַ גרויסער באַגייסטערונג און אונטער דעם צייכן פון גרויסע רעוואָלוציאָנערע האָפענונגען. באַהערשט האָט איר כמעט אין גאַנצן מאַרק ליבער, און ער איז דאָס געווען אויך יענער, וואָס האָט אין זיין שלום-רעדע צום ערשטן מאָל אַריינגעטראָגן אַ פּעסימיסטישע נאָטע אין דער אַלגעמיינער יום-טוב-שטימונג. רייידנדיק וועגן די שוועריקייטן פון דער רוסישער רעוואָלוציע און וועגן די פינצטערע כוחות, מיט וועלכע עס וועט נאָך אויסקומען צו קעמפן, האָט ער פאַרענדיקט מיט דער פּאָעטישער נבואה: „איך האָב מורא“, — האָט ער אויסגעשריען, — „אַז עס וועט נאָך קומען די צייט, ווען

איך וועל פון דאָס ניי זיצן אין טורמע און מיין קליינע טאָכטער וועט קומען צו מיר אויף אַ זעאונג, אַזוי ווי דאָס איז געווען נאָך מיט עטלעכע וואָכן צוריק" . . .

ליבערס פעסימיזם אין אָנהייב אַפּריל, 1917, איז שפּעטער אָפט ציטירט געוואָרן אין פּאַרטיי־דיסקוסיעס אַלס אַ ביישפּיל פון פּאָליטי־שער ווייטזיכטיקייט און אַלס אַ באַווייז פאַר ליבערס טיפן אַריינדרינ־גען אין דעם גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. פאַר מיר פּערזענלעך איז אָט דער עפּיזאָד שטענדיק געווען דער בעסטער באַווייז פאַר דעם, ווי ווייניק די יעמאָלטיקע פירערס פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַפילו אַזוינע קלוגע און טאַלענטפולע ווי ליבער, האָבן פאַרשטאַנען דעם אמתן מעכאַניזם פון דער געוואַלטיקער איבערקערעניש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד. ווען ליבער האָט גערעדט וועגן ווידער זיצן אין טורמע, האָט ער דאָך געהאַט אין זינען די מעגלעכקייט, אַז די רעוואָ־לוציע זאָל באַזיגט און אונטערדריקט ווערן דורך די ר ע אַ ק צ י אָ־נ ע ר־פּ ר י צ י ש ע און מ אָ נ אַ ר כ י ס ט י ש ע כוחות. זיין פעסימיזם איז יעמאָלט געקומען פון דעם, וואָס ער האָט די רעוואָלוציע אין עצם געהאַלטן פאַר צו־שוואַך און האָט אומגעהייער איבערגע־שאַצט די כוחות פון דער פּריצישער קאָנטר־רעוואָלוציע. אין דער אמתן אָבער איז די לאַגע געווען פונקט אַ פאַרקערטע: די רעאַקציע איז געווען אין יענעם מאָמענט אומגעהייער שוואַך, אין גאַנצן נישטיק; די רעוואָלוציע איז געווען אומגעהייער שטאַרק, פיל שטאַרקער איידער אירע פירערס האָבן געמיינט, — און זייער מפּלה איז געקומען ניט פון דעם, וואָס זיי האָבן די רעוואָלוציע געטריבן צו־ווייט, נאָר פאַרקערט, פון דעם, וואָס זיי זיינען געגאַנגען צ ו־ל אַ נ ג ז אַ ם און צ ו־ש וו אַ ך.

אָבער איך וויל דאָ ניט פאַרלויפן דעם וועג.

די צענטע קאָנפערענץ פון „בונד" איז דורכגעגאַנגען אין גאַנצן אין דעם גייסט פון די „אָבאָראָנצעס" („פאַרטיידיקער"). אויב אין יאָר 1916, אויף אַ קליינער אומלעגאַלער בעראַטונג, וואָס איז פאָרגע־קומען ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" (אין איר האָבן זיך באַ־טייליקט סך־הכל 9 מענטשן), האָבן זיך די בונדיסטישע פירערס נאָך געוואַקלט צווישן „צימערוואַלד" און די „אָבאָראָנצעס", איז די צענטע קאָנפערענץ שוין געשטאַנען פעסט אויף דעם זעלביקן באָדן, ווי די מער־הייט פון די מענשעוויקעס, וואו די פירערס זיינען געוואָרן פיאָדאָר ד אַ ן, איינער פון די עלטסטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שרייבער און טוערס; איראַקלי צ ע ר ע ט ע ל י, דער באַרימטער דעפּוטאַט פון דער צווייטער דומע, וואָס האָבן זיך ביידע אָקערשט צוריקגעקערט פון סיביר (אירקוטסק); באָריס ב אָ ג ד אַ נ אָ וו (אַן אָדעסער מענשע־וויק); ט ש כ ע א י ד ז ע און ס קאָ ב ע ל ע וו, דעפּוטאַטן פון דער פערטער דומע, און אַנדערע. די פאַרטרעטער פון „בונד" אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי זיינען געווען מאַרק ל י ב ע ר

און ע ר ל י ך, וואָס זיינען אין יענעם מאָמענט געווען איבערצייגטע „אָבאָראָנצעס", און האָבן געאַרבעט אין איינעם מיט דער מערהייט פון די מענשעוויקעס־„אָבאָראָנצעס".

אָבער דער „בונד" איז דאָך דער „בונד", און אַזוי־אַרום האָט מען אויף דער צענטער קאָנפערענץ אויסגעקליבן אין צ. ק. ניט נאָר יענע טוערס, וואָס זיינען געווען באַוואוסטע אַלס „אָבאָראָנצעס", נאָר אויך אַ פּאָר אַזוינע, וועגן וועלכע מען האָט געוואוסט, אַז זיי זיינען אינטער־נאַציאָנאַליסטן־צימערוואַלדיסטן. דעריבער זיינען אין צ. ק. אויסגע־קליבן געוואָרן וולאַדימיר ק אָ ס אָ װ ס ק י און איך. מיר זיינען אין יענעם מאָמענט געווען נאָך אין דער שווייץ, אָבער מען איז געווען זיכער, אַז מיר וועלן באַשטימט קומען קיין רוסלאַנד. אַחוץ דער אַלטער בונדי־שער „דינאַסטיע", ד"ה די אַלטע מיטגלידער פון צ. ק., וואָס זיינען שוין געווען אויסגעקליבן אויף די ערשטע צוזאַמענפאָרן, זיינען צוגעקליבן גע־וואָרן אייניקע אינגערע, — צווישן זיי ע ר ל י ך, ר אַ פּ עַ ס, און אַלס קאַנדידאַטן ד. ז אַ ס ל אַ װ ס ק י און לאַזאַר ע פּ ש ט י י ן (איצט אין ניו יאָרק).

5

מיין לאַגע אין „בונד" און אין דער פּאַרטיי. — אָבאָראָנצעס און אינטערנאַציאָנאַליסטן

וועגן דעם, אַז איך בין אויסגעקליבן געוואָרן אין צ. ק., האָב איך ניט געוואוסט באַשטימט ביז מיין קומען אין פּעטערבורג. וועגן דער בונדישער קאָנפערענץ און וועגן דעם ניי־אויסגעקליבענעם צ. ק. האָבן מיר זיך דערוואוסט אין שווייצאַריע פון צייטונגס־טעלעגראַמעס. צופע־ליק אָבער איז מיין נאָמען אַרויסגעלאָזן געוואָרן אין די דאָזיקע טעלע־גראַמעס. עס איז אויסגעקומען אומוואַרשיינלעך, אַז די בונדיסטן זאָלן זיין אַזעלכע פאַנאַטיקער און זאָלן ניט אַריינגעמען אין צ. ק. אַן אַלטן „צעקיסט", ווייל ער איז ניט פון דער זעלביקער ריכטונג, ווי די מער־הייט. אָבער ווער ווייסט?

ערשט ווען איך בין געקומען קיין פּעטערבורג, און ערליך האָט מיך באַגעגנט אויפן וואָקזאַל און מיר זיינען פאַרפאָרן אין דער הויז פון מיינע עלטערן און אַוועקגעזעצט זיך דאָרטן שמועסן, האָט מיר ערליך דערציילט געגוי וועגן אַלץ, און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". אָבער גלייך פון די ער־שטע פּאָר ווערטער פון ערליכן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כאָטש אין צ. ק. האָבן זיי מיך יאָ אויסגעקליבן, אָבער אַ ביסל האָבן זיי פאַר מיר מורא, און זיי וואָלטן געוואָלט געגויער וויסן, וואָס עס זיינען מיינע אָנשויאונגען און מיט וועלכע פּלענער איך בין געקומען קיין פּעטערבורג.

אין שפּעטערדיקע שמועסן מיט מיין אַלטן פּערזענלעכן פריינט ליבער און מיט די אַנדערע מיטגלידער פון צ. ק. און פון פּעטערבורגער

קאָמיטעט פון „בונד”, ספּעציעל אָבער אין דער ערשטער לעקציע, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר די מיטגלידער פון „בונד” אין פּעטערבורג, זיינען גאַנץ שאַרף אויפגעקלערט געוואָרן די מיינונג-פאַרשיידנקייטן צווישן מיר און דער גרויסער מערהייט פון דער בונדישער פירערשאַפט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין צענטראַל-קאָמיטעט בין איך דער איינציקער צימערוואַלדיסט. עס איז געווען קלאָר, אַז דער דאָזיקער פאַקט, אין פאַרבינדונג מיט מיין אַקטיווער פּאָליטישער נאַטור, מאַכט פאַר מיר אוממעגלעך, אַז איך זאָל קאָנען אָ פ י צ י ע ל פאַרטרעטן דעם „בונד”, סײַ אין סאָוועט, סײַ אין די אַנדערע אָרגאַנען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואו דער „בונד” האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פאַרטרעטונג. אמת, איך בין געווען אין משך פון פיל יאָרן, אָנהייבנדיק פון 1905, אַ שטענדיקער פאַרטרעטער פון „בונד” אין די צענטראַלע אָרגאַנען פון דער רוסלענדער פאַרטיי, אָבער איצט איז געווען קלאָר, אַז מען וועט מיר שוין מער אויף דער דאָזיקער פונקציע ניט אויסקלייבן. איך האָב זיך געפילט פאַראיינזאַמט אין „בונד”, און עס זיינען פאַרגאַנגען אַ פאָר וואָכן, ביז איך האָב בכלל באַקומען אַ וועלכע-ניט-איז אַרבעט אין צענטראַל-קאָמיטעט.

אין אָנהייב יוני, אין פאַרבינדונג מיט דעם אַל-רוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַר-זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד” מיט די מיטגלידער, וועלכע זיינען געקומען פון די פּראָווינץ-שטעט, ספּעציעל פון מינסק, וואו עס איז געווען די ביוראָ פון צ. ק. און די רעדאַקציע פון „וועקער”. נאָך אַ שאַרפן קאַמף אויף דער דאָזיקער זיצונג, האָב איך זיך דערשלאָגן צוויי זאַכן: ערשטנס, האָט מען מיך באַשטימט אַלס דעם רעדאַקטאָר פון דער „אַרבעטער-שטימע”, וואָס איז אַרויס יעמאָלט צוויי מאָל אַ וואָך אין פּעטערבורג; צווייטנס, האָט מען מיך געמאַכט פאַר איינעם פון די פאַרטרעטער פון „בונד” אין דעם אָ. ק. („אָרגאַניזיר-קאָמיטעט”, ד"ה צ. ק. פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער מענשעוויסטישער פאַרטיי). אָבער נאָך אַ לאַנגע צייט האָב איך ניט געקאָנט אַרויסטרעטן אין סאָוועט, ניט אין נאָמען פון „בונד” און ניט אין נאָמען פון די מענשעוויקעס, ווייל אין בײדע אָרגאַניזאַציעס האָב איך באַלאַנגט צו דער מינדערהייט, וואָס האָט קיין זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פאַרטרעטונג אין די סאָוועטן ניט באַקומען. דאָס איז געווען די אורזאַך, פאַרוואָס איך בין בכלל אין יענע חדשים קיין מאָל ניט אַרויסגעטראָטן מיט עפנטלעכע רעדעס אויף די זיצונגען פון סאָוועט: די דיסציפּלין האָט געפאָדערט, אַז אַלס אָפיציעלע רעדנער פון די פאַרטייען זאָלן אַרויסטרעטן די פאַרטרעטער פון דער מערהייט, און אַרויסטרעטן אַלס פּריוואַטער מענש איז בכלל ניט געווען קיין פיזישע מעגלעכקייט, — די צאָל אָפיציעלע רעדנערס איז געווען געוואַלטיג-גרויס, די רעדעס זיינען דאָס רוב געווען געוואַלטיק-לאַנגע און עס פלעגט כמעט קיין מאָל ניט דערגיין צו די ניט-אָפיציעלע רעדנערס, וואָס זיינען פאַרשריבן

געוואָרן צום סוף. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז איך פלעג מיין שטאַנד-פּונקט מוזן אויסדריקן אין דער „אַרבעטער-שטימע" אין אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען „ניט-געהאַלטענע רעדעס".

ווי איך האָב שוין דערמאָנט אין פאַריקן קאַפּיטל, בין איך געווען אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס פון „בונד" דער איינציקער אינטערנאַציאָנאַליסט. אַלע בונדישע פירערס זיינען געווען „אָבאָראָנצעס" — איינע אַ ביסל רעכטער, די אַנדערע אַ ביסל לינקער. נאָר געציילטע מענטשן צווישן דער אַלטער בונדיסטישער גוואַרדיע זיינען געווען אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט: צווישן זיי ראָזע לעוויט (פרידע) און גריגאָרי אַראָנסאָן.

דערפאַר אָבער זיינען די פון אויסלאַנד געקומענע בונדיסטן כמעט אַלע געווען צימערוואַלדיסטן-אינטערנאַציאָנאַליסטן: בנימין חפץ, אַ פעאיקער יונגער בונדיסט, אַ גוטער רעדנער; וויקטאָר אַלטער, וואָס איז געקומען ניט מיט אונדז פון שווייצאַריע, נאָר פון ענגלאַנד און וואָס איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די פירער פון פּוילישן „בונד"; איליא סוויעטיצקי, אַ שווייצאַרישער סטודענט; מ. נאכימזאָן, אַן אַלטער בונדיסטישער טוער און שרייבער; עסטערקע איווינסקאַ, וואָלף דראַבקין, ד"ר זאַקין, ראַכקין און נאָך אַ ריי יונגע בונדיסטן פון שווייצאַריע.

גלייך אין די ערשטע טעג נאָך מיין אָנקומען קיין פּעטערבורג האָבן מיר, די פון אויסלאַנד געקומענע בונדיסטן-צימערוואַלדיסטן, צו-זאַמען מיט די פּאָר אַרטיקע אינטערנאַציאָנאַליסטן בונדיסטן, געמאַכט אַ באַראַטונג, כדי צו באַשטימען אונדזער ווייטערדיקע טאַקטיק.

מיר האָבן געפילט, אַז מיר זיינען אין „בונד„ גאָר אַ קליינע מינ-דערהייט, וואָס האָט אַ קנאַפּן איינפלוס אין דער אָרגאַניזאַציע און אויף די מאַסן. האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו פאַרטיילן איבער פאַרשיידענע שטעט פון בונדישן ראַיאָן, כדי דאָרטן אין דער אַרבעט צווישן די מאַסן פּראָפּאַגאַנדירן די אָנשויאונגען פון צימערוואַלדיזם, און צו זען צו באַ-קומען איינפלוס אין די בונדישע אָרגאַניזאַציעס. איניקע זיינען אַוועק-געפאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, די אַנדערע — קיין קיעוו, די דריטע — אין אָדעס, די פערטע — קיין וויטעבסק אאַז"וו. איך בין געבליבן אין פּעטערבורג, אין ביוראָ פון צ. ק. און אין דער רעדאַקציע פון דער „אַרבעטער-שטימע". דאָס איז געווען די איינציקע צענטראַלע פּאָזיציע, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פליגל האָט פאַרמאָגט אין „בונד". די פּראַקטישע פירונג פון צ. ק. איז געווען אין מינסק. די טעגלעכע צייטונג פון „בונד", דער מינסקער „וועקער", איז געווען אין די הענט פון די „אָבאָראָנצעס" און די וויכטיקסטע ליטעראַרישע קראַפט איז דאָרטן געווען אסתר פרומקין — אין יענעם מאָמענט אַ פאַרברענטע אָבאָראָנקע פון רעכטן מין.

פּיל שטאַרקער איידער אין „בונד" זיינען די אינטערנאַציאָנאַליסטן געווען פאַרטראָטן אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַר־טיי (מענשעוויקעס). דאָרטן האָט דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פליגל פאַרמאָגט אַזוינע פּראָמינענטע שרייבערס און פירערס, ווי יולי מאַרטאָוו, א. מאַרטינאָוו, אַסטראָוו, סעמקאָווסקי, און פיל אַנדערע. אַחוץ די אָפיציעלע מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן זיינען נאָך געווען אַ ריי צווישן־גרופּעס צווישן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, וואָס זיינען אין דער פראַגע פון מלחמה געווען צימערוואַלדיסטיש גע־שטימט. עס איז געווען אַ גרופּע בראַש מיט לאַרין און גריגאָרי בינשטאָק, וואָס האָבן פריער באַלאַנגט צום רעכטן „ליקווידאַטאָרישן" פליגל פון דער מענשעוויסטישער ריכטונג און איצט זיינען זיי געווען צימערוואַלדיסטן; ס'איז געווען די גרופּע „נאָוואַיאַ זשיזן", וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אַ טעגלעכער צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון מאַקסים גאָרקי, ניקאָלאַי סוכאַנאָוו און אַנדערע; אַן אינטערנאַציאָנאַ־ליסטישע צווישן־פּאָזיציע צווישן די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס האָט פאַרנומען אויך יענע גרופּע, וואָס בראַש פון איר זיינען געשטאַנען אין יענעם מאָמענט טראָצקי, יורענעוו א"אַ. (זיי האָבן זיך גערופן „מיעזשראַיאָנצי"). אַפילו אַ טייל אַלטע באָלשעוויקעס, ווי סטיעקלאָוו, מיעשקאָווסקי א"אַ זיינען אין יענעם מאָמענט ניט געגאַנגען מיט דער אָפיציעלער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, ד"ה מיט לענינען, אָבער זיינען געווען אינטערנאַציאָנאַליסטיש געשטימט.

אין וואָס איז אָבער אין יענעם מאָמענט באַשטאַנען דער פּאָליטי־שער און פּראַקטישער אונטערשייד צווישן די אינטערנאַציאָנאַליסטן און די „אָבאָראָנצעס" פון איין זייט און די אינטערנאַציאָנאַליסטן און באָלשעוויקעס פון דער אַנדערער זייט?

איך וויל דאָ ניט איבערגעבן אַלע יענע פּרינציפּיעלע שטרייטן, וואָס האָבן זיך געפירט אין פאַרלויף פון יענער וועלט־מלחמה צווישן די פאַרשיידענע שטרעמונגען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג. די מיינונג־פאַרשיידנהייטן צווישן די רוסישע אינ־טערנאַציאָנאַליסטן און רוסישע „אָבאָראָנצעס" זיינען געווען ניט אין גאַנצן די זעלביקע, ווי צווישן די צימערוואַלדיסטן און די „סאָציאַל־פּאַטריאָטן" אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך אָדער ענגלאַנד. די מעשה פון דעם איז געווען, וואָס די רוסישע „אָבאָראָנצעס" זיינען, אייגנטלעך, ניט געווען קיין „סאָציאַל־פּאַטריאָטן" אין אייראָפּעאישן זין פון וואָרט און זיינען אין זייער גרויסער מערהייט אַ לאַנגע צייט געשטאַנען גאַנץ נאָענט צו דער וועלט־אַנשויאונג פון צימערוואַלד. עס איז כאַראַקטע־ריסטיש, אַז אין סאַמע אָנהייב פון קריג, ווען מען האָט אין רוסישן פּאַרלאַמענט (דומע) געשטעלט די פראַגע וועגן אָפּשטימען מיליטערישע קרעדיטן פאַר דער מלחמה, האָבן ניט נאָר די באָלשעוויסטישע דעפּו־טאַטן, נאָר אויך די דעפּוטאַטן־מענשעוויקעס געשטימט קעגן די קרעדיטן. אין אויגוסט 1914 האָבן, הייסט דאָס, די צוקונפטיקע רוסישע

„אָבאָראָנצעס" טשכעאידזע, סקאָבעלעוו, טשכענקעלי, געגעטשקאָרי א"אַ געשטימט אויף דעם זעלביקן שטייגער, ווי קאַרל ליבקנעכט אין דייטשן רייכסטאַג, אָדער די סערבישע סאָציאַליסטן אין סערבישן פּאַרלאַמענט, וועלכע מען האָט שטענדיק פאַרהערלעכט אַלס די מוסטער פון עכטן אינטערנאַציאָנאַליזם. אויך אַזוינע פּראָמינענטע פירערס פון דער צוקונפטיקער אָבאָראָנצי־ריכטונג ווי צערעטעלי, דאַן, ס. ווײנ־שטיין (זוועזדין) א"אַ האָבן זיך ביז צו דער רעוואָלוציע 1917 באַטראַכט אַלס צימערוואַלדיסטן און זיינען געשטאַנען גאָר נאָענט צו פּאַוועל אַקסעלראָד, וואָס האָט אונטערגעשריבן דעם באַרימטן צימערוואַלדער מאַניפעסט. די אמתע רוסישע „סאָציאַל־פּאַטריאָטן" זיינען געווען נאָר אַ קליינע גרופּע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וואָס האָבן געגרינדעט אין פּאַריז די גרופּע „יעדינסטוואָ" (אייניקייט). בראש פון אָט דער גרופּע זיינען געשטאַנען פון די אַלטע סאָציאַל־דע־מאָקראַטן: פּלעכאַנאָוו, דייטש און פּאָטרעסאָוו. פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן: נ. אַווקסענטיעוו א"אַ.

פּאַטריאָטישע גאַסן־דעמאָנסטראַציע פון מלחמה־בלינדע: זיי רופן צו קעמפן „ביזן פולן זיג"

אָבער אָט די דאָזיקע סאָציאַליסטישע ריכטונג האָט געהאַט גאָר אַ קנאַפּן איינפלוס אי פאַר דער רעוואָלוציע, אי נאָך איר. די גרעסטע מערהייט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען געגאַנגען אונטער דער פאָן פון די אַזוי גערופענע „רעוואָלוציאָנערע אָבאָראָנצעס". און דער שכל פון דעם דאָזיקן רעוואָ־לוציאָנערן אָבאָראָניזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די דאָזיקע ריכ־

טונג האָט באַשלאָסן צו פאַרטיידיקן רוסלאַנד אין דער וועלט-מלחמה נאָר צוליב דעם, וואָס אין איר איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע, פאַר־טיידיקן „רוסלאַנד" האָט שוין געהייסן ניט פאַרטיידיקן דעם צאַריזם, נאָר יענע דעמאָקראַטישע פרייהייטן און פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך איצט געעפנט פאַרן רוסישן פאָלק. זייער טענה איז געווען אַזאַ: אויב רוסלאַנד זאָל אָפּשטעלן דעם מיליטערישן קאַמף קעגן דייטש־לאַנד, וועט דאָס באַדייטן, אַז מען וועט פאַרראַטן די אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס, וואָס פירן אַזאַ פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן דעם מורא־דיקן דייטשן מיליטאַריזם, — מען וועט פאַרראַטן בעלגיע, סערביע, פראַנקרייך, און דאָס איז אַזוינס, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע קאָן ניט טאָן, ניט פאַרראַטנדיק אירע אייגענע פּרינציפּן, איר אייגענע גרויס־קייט, ניט פאַרשוועכנדיק איר אייגענעם כבוד. וואָרים די גאַנצע רע־וואָלוציע איז געקומען פון דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג מיט איר פאַרפוילטערווירטשאַפט און אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אומפעאיק צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד און צו באַוואָרענען די אינטערעסן פון רוסישן פאָלק. די גאַנצע קאַטאַסטראָפע פון צאַריזם איז דאָך גע־קומען פון דעם, וואָס ער האָט דורך הויף-אינטריגעס, דורך די ראַס־פּוטינס, די גאָרעמיקינס, די סוכאָמלינאָווס פאַרראַטן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון רוסלאַנד און איז ניט געווען בכח צו אָרגאַניזירן די פאַר־טיידיקונג פון לאַנד. היינט ווי אַזוי קאָן אַ רעוואָלוציע, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צאַריזם מחמת זיין נאַציאָנאַלן פאַרראַט, אַליין באַ־גיין אַזאַ פאַרראַט? פון דער אַנדערער זייט וואָלט אַ סעפּאַראַטער פרידן מיט דייטשלאַנד, שוין ניט גערעדט וועגן דער מאָראַלישער ני־דעריקייט פון אַזאַ מין שריט, אויך ניט געבראַכט קיין שום פּראַקטישן נוצן, וואָרים רוסלאַנד וואָלט דאַן אַריינגעפאַלן צווישן צוויי פייערן און דער סוף וואָלט געווען, אַז ביידע צדדים וואָלטן געשלאָסן אַ קאָמ־פּראָמיס אויפן חשבון פון רוסלאַנד. אַזאַ טאַקטיק וועט ניט זיין דער אָנהייב פון אַן אַלגעמיינעם פרידן, דאָס וועט ניט פאַרענדיקן די וועלט־מלחמה, נאָר וועט זיין דער סוף פון רוסלאַנד. דעם וועלט-שלום וועט מען ניט ראַטעווען, אָבער רוסלאַנד וועט מען פאַרניכטן. און רוסלאַנד, — דאָס מיינט דאָך איצט די רעוואָלוציע, די אַגראַר-רעפאָרם, די גרינ־דונגס-פאַרזאַמלונג, דעם 8-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג פאַר די אַרבעטער.

די אָקערשט פון אויסלאַנד געקומענע רוסישע צימערוואַלדיסטן האָבן אויף די דאָזיקע אַרגומענטן געענטפערט מיט דער אָנווייזונג אויף דעם, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט ביי אַ ריכטיקער פּאָליטיק אויפהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין אַלע לענדער; די רוסישע רעוואָלוציע קאָן ווערן דער אָנהייב פון דער וועלט-רעוואָלוציע; די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז אַזאַ, — האָבן צוגעגעבן אַנדערע (דאָס איז געווען אויך מיין שטאַנדפּונקט), אַז אויב רוסלאַנד זאָל אַרויס פון דער מלחמה, וועלן די עלאַיס ניט קאָנען די מלחמה ווייטער פירן, אָבער אויך דייטשלאַנד וועט די מלחמה ניט קאָנען געווינען, — וועלן

ביידע צדדים זיין געצוואונגען צו שליסן שלום, ווייל יעדער צד וועט ענדגילטיק פּאַרלירן די האָפענונג אויפן זיג. און אויב עס וועט קומען אַ שלום אָן אַ זיג, וועט דאָס זיין אָט יענער שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע דאַרף האָבן.

עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, און איך וויל דאָס פון אָנהייב־אָן אונטערשטרייכן, אַז אין יענעם פּעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט קיינער ניט גערעדט וועגן שליסן אַ ס עפּאַראַטן פ ר י ד ן מיט דייטשלאַנד, אָדער דורך דעם, וואָס מען וועט דירעקט פאַרהאַנדלען מיט דייטשלאַנד אָן דער דערלויבעניש פון די פאַרבינדעטע, — אָדער דורך דעם, וואָס מען וועט פּשוט אויפהערן צו קעמפן אויפן פראָנט. אַלע פאָרשלאָגן פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן זיינען באַשטאַנען נאָר אין דעם, אַז די רעוואָלוציאָנערע רוסישע רעגירונג זאָל צווינגען די פאַר־בינדעטע, פראַנקרייך און ענגלאַנד, אַז מען זאָל אַלע אין איינעם פאָר־שלאָגן דייטשלאַנד אַ שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס מיט דער זעלבסטבאַשטימונג פון די אונטערדריקטע פעלקער. צו דעם צוועק האָבן די אינטערנאַציאָנאַליסטן געפאָדערט, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל אָפּגעבן אַ קלאָרע דערקלערונג אין דעם דאָזיקן גייסט, אַז עס זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַ קאָנפערענץ פון די פאַרבינדעטע רעגירונגען, וואו מען זאָל דורכפירן אַזאַ מין באַשלוס און כדי דאָס צוגרייטן און שאַפן די נייטיקע מאַסן־ווירקונג אין אַלע לענדער, זאָל צוזאַמענ־גערופן ווערן אַן א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ס אָ צ י אַ ל י ס־ ט י ש ע ק אָ נ פ ע ר ע נ ץ אין סטאָקהאָלם.

ביז וואַנען די רוסישע רעוואָלוציע וועט אויסקעמפן ביי אירע פאַרבינדעטע אָט די דאָזיקע פאָדערונגען, זיינען די אינטערנאַציאָנאַ־ליסטן געווען מסכים מיט דעם, אַז די רוסישע רעוואָלוציאָנערע סאָל־דאַטן זאָלן שטיין אויפן פראָנט מיט די ביקסן אין די הענט און זאָלן זיך פאַרטיידיקן, אויב די דייטשן וועלן אָנגרייפן. אָבער די דאָזיקע פאַר־טיידיקונג וועט האָבן אַ צוועק און וועט באַגייסטערן די מאַסן נאָר דאַן, — האָבן דערקלערט די אינטערנאַציאָנאַליסטן, — ווען דאָס פאָלק וועט וויסן, אַז די רעוואָלוציאָנערע רוסישע רעגירונג קעמפט אויפריכטיק און ערלעך פאַר אַ ד ע מ אָ ק ר אַ ט י ש ן פ ר י ד ן און אַז הינטער דעם באַהאַלטן זיך ניט קיין שום אימפּעריאַליסטישע צוועקן.

אין יענעם מאָמענט האָבן אַפילו די באָלשעוויקעס, און אַפילו לע־נין, וואָס איז אָקערשט געקומען פון אויסלאַנד מיט זיינע „אַפּריל־טעזיסן", ניט דערוועגט זיך צו ריידן וועגן אַ סעפּאַראַטן פרידן מיט דייטשלאַנד, אָדער וועגן אַנטלויפן פון פראָנט. ניין, — האָט לענין דער־קלערט אין איינעם פון זיינע אַרטיקלען פון יענעם פּעריאָד, — עס איז אַ ל י ג ן, אַז מיר ווילן אַ סעפּאַראַטן פרידן, אַז מיר ווילן עפענען דעם פראָנט פאַר די דייטשע אַרמייען. „מיר וועלן דעם דעמאָקראַטישן פרידן געווינען נ י ט דורך דעם, וואָס מיר וועלן פּשוט א ו נ ד ז ע ר ע ב אַ־ י אָ נ ע ט ן אַ ר יי נ ש ט ע ק ן א י ן ד ע ר ע ר ד".

די אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן געהאַלטן, אַז דערגרייכן וואָס גי-
כער אַ דעמאָקראַטישן שלום קאָן מען דורך אַ מעכטיקער סאָציאַליס-
טישער פּראָפּאַגאַנדע אין דער גאַנצער וועלט און דורך אַ פּראַקטישער
דעמאָנסטראַציע, אַז די רעגירונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט
גאָר ניט צו טאָן מיט אימפּעריאַליסטישע און קריגערישע צוועקן. דע-
ריבער האָבן זיי געשטרעבט דערצו, אַז די פאַרטרעטער פון אַלע רו-
סישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זאָלן בילדן אַן א י י נ ע נ ע רעוואָ-
לוציאָנערע רעגירונג, וואָס זאָל זיין פריי פון קאַפּיטאַליסטישע און אימ-
פּעריאַליסטישע עלעמענטן, און וואָס זאָל מיט דער גאַנצער מאָראַלי-
שער און מאַטעריעלער מאַכט פון רוסלאַנד שטופּן די עלאַים אויפן וועג
פון שלום-פאַרהאַנדלונגען און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן.

נאָך ווייטער זיינען געגאַנגען די ב אָ ל ש ע ו ו י ק ע ס. לענינס
אַפּריל-טעזיסן האָבן געפאָדערט אַ ווייטערדיקע פּ אַ ר ט י פ ו נ ג און
אַ נ ט ו ו י ק ל ו נ ג פון דער רעוואָלוציע דורך איבערנעמען די מאַכט
דורך די סאָוועטן און דורך פאַרוואַנדלען די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע
אין אַ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש - פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע. נאָר אַזאַ מין
טיפע סאָציאַלע איבערקערעניש אין רוסלאַנד וועט קאָנען אַרויסרופן
אַ געהעריקן אָפּקלאַנג אין די אַנדערע לענדער, און נאָר אַ סאָציאַליס-
טישע וועלט-רעוואָלוציע, וואָס וועט א ו מ ע ט ו ם פאַרניכטן די בור-
זשואַזיע און דעם קאַפּיטאַליזם, וועט קאָנען פאַרענדיקן די מלחמה דורך
אַן אמת-דעמאָקראַטישן פרידן. דער קאַפּיטאַליזם האָט דעם קריג אָנ-
געהויבן, אָבער ער איז שוין ניט בכוח אים צו פאַרענדיקן.

אָט אַזוי האָבן אויסגעזעען די פאַרשיידנהייטן צווישן די רוסישע
סאָציאַליסטישע ריכטונגען אין די ערשטע חדשים פון דער רעוואָלוציע.
פון אויבן-אויף האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן פאַרשיידענע מעטאָדן
אויף צו דערגרייכן דעם סוף פון דער וועלט-שחיטה דורך אַ יושרדיקן,
דעמאָקראַטישן פרידן. אין דער אמתן אָבער, האָט זיך הינטער אָט די
טעאָרעטישע דיסקוסיעס און שטרייטן באַהאַלטן גאָר אַן אַנדער אַנט-
וויקלונג. און דאָס איז געווען יענער פּשוטער פאַקט, וואָס פון חודש צו
חודש איז פאַרקלענערט געוואָרן די מאַטעריעלע, פּאָליטישע און פּסיכאָ-
לאָגישע מעגלעכקייט פון דער רוסישער אַרמיי (און פון גאַנצן רוסישן
פאָלק) צו פירן ווייטער די מלחמה. וואָס מען זאָל ניט באַשליסן אין די
העכסטע רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונגען, ווי אַזוי פלעכאַנאָוו, מאַר-
טאָוו אָדער לענין זאָלן ניט אויסטייטשן די ציטאַטן פון מאַרקסן, און
ווי אַזוי מיליוקאָוו, צערעטעלי אָדער קערענסקי זאָלן ניט באַגרינדן די
אינטערעסן פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע, — דאָס האָט קיין זאַך ניט
געקאָנט ענדערן אין דעם פאַקט, אַז די רוסישע אַרמיי האָט מער ניט
געקאָנט פירן די מלחמה. די רוסישע פּויערים האָבן וועגן קיין שום
אַנדער זאַך ניט געטראַכט, ווי וועגן דער אַגראַר-רעוואָלוציע, וועגן
צונעמען ביי די פּריצים די ערד, און די רוסישע אַרבעטער, וועמענס
מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער דורך דער צע-

רודערונג פון גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן, האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי אײַנצוהאַלטן אַ געװיסן לעבנס-מינימום פאַר זײער אַרבעט.

די אַבאַראָנצעס האָבן געהאַלטן, אַז די רעװאָלוציע איז געקומען צוליב דעם, װאָס דער צאַריזם איז געװען אומפעאיק צו אָרגאַניזירן די פאַרטײדיקונג פון לאַנד, און אַז דעריבער קאָן דער איבערגאַנג צו דער-מאָקראַטיע ברענגען מיט זיך אַ נײַע אױפלעבונג פון דעם רעװאָלוציאָנערן פאַרטײדיקונגס-קריג. דער אמת אָבער איז געװען, אַז דער צאַריזם איז געפאַלן צוליב דעם, װאָס דאָס לאַנד האָט שױן מער ניט געקאָנט אױסהאַלטן די בלוטיקע מלחמה, װאָס האָט פאַרניכטעט די מאַטעריעלע און מאָראַלישע כוחות פון פאָלק. דער קריג איז פאַר רוסלאַנד שױן געװען פאַרענדיקט נאָך אײדער דער צאַריזם איז געפאַלן.

די רעװאָלוציע און די גאַנצע צערודערונג, װאָס זי האָט אַרױסגערופן, האָבן ענטגילטיק פאַרניכטעט די מעגלעכקײט פון אַ קריג פאַר רוסלאַנד. די אָביעקטיװע היסטאָרישע אױפגאַבע, װאָס איז געשטאַנען פאַר דער נײַער רעגירונג, איז געװען צו ליקװידירן די מלחמה פאַר רוסלאַנד װאָס גיכער און אױף אַזאַ אופן, װאָס זאָל צום װײניקסטן אָנרירן די רעװאָלוציע. דאָס האָבן די אַבאַראָנצעס ניט פאַרשטאַנען.

די צימערװאַלדיסטן זײַנען געקומען קײן רוסלאַנד מיט מאַרטאָװס פאָרמולע: אָדער די רעװאָלוציע װעט פאַרניכטן דעם קריג, אָדער דער קריג װעט פאַרניכטן די רעװאָלוציע. דאָס איז געװען אַבסאָלוט ריכטיק, אָבער ערשט אין אײניקע חדשים אַרום האָבן אַ טײל צימערװאַלדיסטן פאַרשטאַנען, אַז דער קריג אין רוסלאַנד איז ש ו י ן פ אַ ר נ י כ ט עֶ ט דורך דער רעװאָלוציע, אָבער נאָר אין ר ו ס ל אַ נ ד! און עס זײַנען ניטאָ קײן שום רעאַלע מעגלעכקײטן, אַז די רוסישע רעװאָלוציע זאָל פאַרניכטן דעם קריג אין אַנדערע לענדער. די שענסטע רעװאָלוציאָנערע פּלענער, די גרעסטע אינטערנאַציאָנאַלע פּערספּעקטיװן האָבן ניט געקאָנט ענדערן דעם פאַקט, אַז די רוסישע מלחמה איז סײַ װי סײַ פאַרענדיקט. פּראַקטיש האָבן זיך די אינטערנאַציאָנאַליסטן אַרױסגעװיזן גערעכט, װען זײ האָבן געפאָדערט װאָס אַ גיכערן שלום. אָבער גערעכט זײַנען זײ ניט געװען צוליב די אױסזיכטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעװאָלוציע, אױף װעלכער זײ האָבן געהאָפט, נאָר צוליב דעם פּשוטן פאַקט, װאָס די רוסישע פּױערים און סאָלדאַטן האָבן מער ניט געװאָלט און ניט געקאָנט קעמפן.

אױך בײַ די באָלשעװיקעס איז פאָרגעקומען אַ צעשײדונג צװישן דער טעאָריע און פּראַקטיק, — נאָך אַ גרעסערע, װי בײַ די אינטערנאַציאָנאַליסטן. זײער גאַנצע פּאָליטיק פון שלום איז געװען פאַר זײ נאָר אַן אַרײַנפיר צו אַ סאָציאַליסטישער װעלט-רעװאָלוציע. זײער גאַנצע טאַקטיק, װאָס האָט אױסגעזען װי דער שענדלעכסטער נאַציאָנאַלער פאַרראַט, איז געװען באַשײנט און פאַרהײליקט פאַר זײ דורך דער

טיפער איבערצייגונג, אַז דאָס איז נאָר דער ערשטער שריט צו אַ פּראָ־לעטאַרישן אויפשטאַנד איבער דער גאַנצער וועלט. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז די סאָלדאַטן, וואָס לויפן פון פראָנט און „פאַרברי־דערן" זיך מיט די דייטשע מיליטאַריסטן, זיינען קעמפער פאַרן „דריטן אינטערנאַציאָנאַל" און פאַר דער „סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע". אין דער אמתן זיינען פאַר די מידע און אויסגעמאַטערטע סאָלדאַטן די אומ־פאַרשטענדלעכע פרעמד־ווערטער געווען נאָר אַן אַנטשולדיקונג אויף אָפּצושטעלן דעם קאַמף און אַוועקפאָרן אַהיים, צו זיך אין די דערפער, כדי דאָרטן צו פאַרכאַפּן די פּריצישע ערד.

אַלע אידעאָלאָגיעס, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון די פאַרשיידענע רוסישע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע ריכטונגען, זיינען געווען געבויט אויף אילוזיעס און פאַלשע פּערספּעקטיוון.

דער איינציקער ריכטיקער אמת איז געווען, אַז רוסלאַנדס קריג איז געווען פאַרענדיקט, אַז רוסלאַנד איז אַרויס פון קריג און אַלע טע־אָריעס זיינען געווען ניט מער ווי שיינע קליידלעך אויף צו פאַרדעקן אַט דעם פּשוטן און פּראָזאאישן פאַקט.

די ערשטע האָבן די דאָזיקע לאַגע פאַרשטאַנען לענין און זיינע חברים, ניט געקוקט אויף אַלע זייערע רעוואָלוציאָנערע פראַזעס. און יענע פּאַרטיי, וואָס האָט די ערשטע געגעבן אַ פּראַקטישן אויסוועג פון אַט דער טראַגישער לאַגע, יענע פּאַרטיי, וואָס האָט געעפנט די מעג־לעכקייט אַרויסצוגיין פון דער מלחמה, — גאַנץ גלייך מיט וועלכע מיטלען און גאַנץ גלייך פאַר וועלכן פּרייז! — יענע פּאַרטיי האָט גע־וואונען די מאַכט אין דער רעוואָלוציע.

אַט דאָס האָבן די אָבאָראָנצעס ניט געוואָלט פאַרשטיין ביזן סאַמע סוף. דאָס האָבן מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן, אָנגעהויבן צו פאַרשטיין נאָך די יולי־טעג. אָבער אונדז האָט זיך בשום אופן ניט איינגעגעבן צו איבערצייגן די אָבאָראָניסטישע מערהייט פון אונדזערע פּאַרטייען אין דער רעאַלקייט פון דעם דאָזיקן פאַקט.

6

דאָס פּראָבלעם פון מאַכט. — דער כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע

נאָך אַ צווייטע פראַגע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינם קאַמף פון די ריכטונגען: דאָס איז די פראַגע וועגן דעם, ווער עס זאָל איבערנעמען די רעוואָלוציאָנערע רעגירונג אין נייעם רוסלאַנד?

די אָבאָראָנצעס זיינען געווען פאַר אַ קאָאַליציע־רעגירונג מיט די ליבעראַלן און דעמאָקראַטן. ס'איז ניט איבעריק צו דערמאָנען, אַז גאָר

אין אָנהייב זיינען אַפילו די אָבאָראָנצעס געווען קעגן דעם, אַז סאָציאַ־ליסטישע מיניסטאָרן זאָלן אַריין אין דער צייטווייליקער רעגירונג. ביי די ערשטע אָפּשטימונגען אין די צענטראַלע אינסטיטוציעס פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי איז די מערהייט געווען קעגן קאָאַליציע. אויך אויף דער 10־טער קאָנפערענץ פון „בונד“, אין אַפּריל 1917, איז דער פאָרשלאַג, אַז דער סאָוועט זאָל שיקן פאָרטרעטער אין דער רעגירונג צוערשט אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ מערהייט פון 29 שטימען קעגן 19 ביי 3 אָפּגעהאַלטענע. אָבער שפּעטער איז די דאָזיקע באַציאונג געענדערט געוואָרן, און ביז צום סאַמע סוף האָבן די אָבאָ־ראָנצעס פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון קאָאַליציע.

די אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון אַ געמיינזאַמער רעגירונג פון אַלע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען.

די באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט, אַז די מאַכט זאָלן איבערנעמען די סאָוועטן, און קיין שום אַנדער רעגירונג זאָל בכלל ניט זיין.

אָבער די פראַגע וועגן דער פאָרם פון מאַכט, וואָס איז זיכער געווען זייער אַ וויכטיקע, האָט זיך פאַרמישט מיט אַן אַנדער שטרייט, וואָס האָט ספּעציעל צעטיילט די אינטערנאַציאָנאַליסטן און די באָלשעוויקעס. דאָס איז געווען די פראַגע וועגן דעם, ווי ווייט זאָל גיין די רוסישע רעוואָלוציע אין איר סאָ־ציאַלן פאַרנעם? דאָס הייסט, צי זאָל זי בלייבן אַ דעמאָ־קראַטישע רעוואָלוציע מיט אַ שטאַרקן סאָציאַליסטישן איינפלוס, אָדער צי זאָל מען איר פאַרוואַנדלען אין אַ פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע מיטן צוועק צו פאַרניכטן דעם קאַפּיטאַליזם און איינצו־פירן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג?

עס איז באַוואוסט, אַז ביז 1916 (אָדער ביז סוף 1915) האָט לענין, פּונקט אַזוי ווי אַלע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, געהאַלטן אַז די קומענדיקע רוסישע רעוואָלוציע וועט זיין אַ דעמאָקראַטישע. אַט די דאָזיקע טראַדיציאָנעלע, קלאַסישע פאָרשטעלונג פון רוסישן מאַרקסיזם אין אַלע זיינע ריכטונגען און שאַטירונגען (אַחוץ טראָצקי, פּאַרוואוס און ראָזאַ לוקסעמבורג) האָט לענין פאַרלאָזן ערשט אין 1916, אונטער דעם איינפלוס פון דער פאָרשטעלונג, אַז די וועלט־מלחמה וועט ברענגען צו אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער וועלט.

אָבער נאָך אין זיינע „אַפּריל־טעזיסן“ פון 1917 האָט לענין דער־קלערט, אַז די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט ניט איינפירן קיין סאָ־ציאַליזם, נאָר אַן אַרבעטער־קאָנטראָל איבער דער אינ־דוסטריע, און די ערד וועט מען צווישן די פּויערים צעטיילן אַלס פּריוואַט־אייגנטום, און נאָר איין גרויסע פאַרם אין יעדן געביט וועט מען מאַכן אַלס אַ מוסטער־ביישפּיל פון קאָלעקטיווער ווירטשאַפט, געפירט דורך די פּויערים גופא. אַפילו נאָך שפּעטער, אין יולי און

אויגוסט, האָט לענין שאַרף פּאָלעמיזירט קעגן דעם „בלבול”, וואָס מען מאַכט אויף אים, זאָגנדיק, אַז ער וויל כלומרשט עקספּראָפּריאירן אַ ל ע שיכטן פון דער בורזשואַזיע.

אָבער פאַר אונדז, אינטערנאַציאָנאַליסטן, איז שוין גלייך אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע געוואָרן קלאָר, אַז לענינס טאַקטיק שיידט זיך אָפּ פון אונדזער טאַקטיק אין זייער וויכטיקע פונקטן. פאַר אונדז איז געוואָרן קלאָר, אַז אין דער אמתן, — הגם ער זאָגט דאָס ניט אַרוים אָפן, — איז זיין צוועק איינצופירן אין רוסלאַנד די דיקטאַטור פון דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, דאָס הייסט פון ז י י ן פּ אַ ר ט י י, און אַז זיין ציל איז ניט קיין דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע, נאָר אַן אמתע סאָציאַלע איבערקערעניש. און אָט דיביידע זאַכן האָבן מיר אין דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אָקערשט באַפרייט פון האַלב-פעאָדאַלן צאַריזם, געהאַלטן פאַר אוממעגלעך און אוטאָפּיש.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וויל איך דערציילן וועגן צוויי עפּנטלעכע צוזאַמענשטויסן, וואָס איך האָב געהאַט מיט לענינען אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען נאָך אין ציריך, ערב לענינס אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד. אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון כמעט דער גאַנצער רוסישער קאָלאָניע אין ציריך האָט לענין געהאַלטן אַ פאָרטראַג וועגן די אויפגאַבעס פון פּראָלעטאַריאַט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אין אַ צען-פערצן טעג אַרום נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין פּעטערבורג. ווי איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, איז דער דאָזיקער רעפעראַט געווען דער גרונד-שטאָק פון זיינע „אַפּריל-טעזיסן”. ווען איך האָב גענומען אַ וואָרט אין דער דעבאַטע, האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם ווידערשפּרוך, וואָס איך זע אין זיינע אויספירונגען אין דער פראַגע וועגן דער מאַכט. ער האָט זייער פיל גערעדט וועגן דעם, אַז די מאַכט מוזן אַריינעמען אין זייערע הענט די סאָוועטן פון די אַרבעטער-דעפּוטאַטן און אַז נאָר די סאָוועטן זיינען די איינציקע מעגלעכע פאָרם פון דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט אין דער הייינטיקער עפּאָכע. אין דער זעלבער צייט איז אָבער אין אַלע פּראָגראַמען, אויך אין דער באָלשעוויסטישער, געשטאַנען די פאָדערונג פון אַ ג ר י נ ד ו נ ג ס - פ אַ ר ז אַ מ ל ו נ ג. איז ביי מיר אויסגעקומען עפּעס מאָדנע, ווי אַזוי לענין וועט אין זיין פּראָגראַם פון אַ סאָוועטן-רעגירונג קאָנען אַריינברענגען די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. דאָס באַדייט דאָך, — האָב איך געזאָגט, — אַז די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג ווערט גאָר אַן איבעריקע זאַך און מען דאַרף איר בכלל ניט האָבן! אויב איר פירט איין די סאָוועטן, אַלס די איינציקע אָרגאַנען פון רעוואָלוציאָנערער מאַכט, — הייסט דאָס, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון אונזער אַלטער פאָדערונג פון אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג? איז דאָס אמת אָדער ניט?

איך האָב זיך שפּעטער ניט איין מאָל דערמאָנט, אַז לענין האָט אין זיין שלום-וואָרט אין גאַנצן ניט געענטפערט אויף מיין דירעקט און שאַרף-געשטעלטער פּראַגע. אַלזאָ, שוין אין ציריך, אין מיטן מערץ, 1917, איז פאַר לענינען געווען אַ באַשלאָסענע זאַך, אַז ווען זיין פּאַרטיי כאַפּט-אַריין די מאַכט, וועט ער קיין שום גרינדונגס-פאַרזאַמלונג ניט דערלאָזן.

און אַן אַן ענטפער האָט ער געלאָזן אויך אַ וויכטיקע פראַגע, וואָס איך האָב אים געשטעלט אין דער זעלביקער רעדע: אַרויסנע-מענדיק ציטאַטעס פון מאַרקסעס קאָרעספּאָנדענץ מיט ענגעלסן, האָב איך אָנגעוויזן אויף דעם, אַז ניט געקוקט אויף זיין גאַנצער אָפיציעלער באַגייסטערונג פאַר דער פּאַריזער קאָמונע 1871, האָט מאַרקס אין זיינע אינטימע בריוו צו ענגעלסן געשריבן, אַז עס איז געווען אַ שרעק-לעכע נאַרישקייט פון די פראַנצויזישע קאָמונאַרן צו פּרובירן מאַכן אַ סאָציאַלע רעוואָלוציע אין אַ מאָמענט, ווען די פּרייסישע אַרמייען זיינען געשטאַנען הינטער די ווענט פון באַלאַגערטן פּאַריז. פאַר-בינדענדיק דאָס מיט לענינס פּלענער וועגן אַ פּראָלעטאַרישער דיקטאַ-טור אין רוסלאַנד און וועגן דעם בירגער-קריג, וואָס איז מיט דעם אומ-פאַרמיידלעך פאַרבונדן, אין מאָמענט, ווען די דייטשע אַרמייען שטייען גאָר ניט אַזוי ווייט פון פּעטערבורג, האָב איך דערקלערט, אַז מיר וועלן אַריינקומען אין רוסלאַנד אין דער זעלבער לאַגע, ווי די פּאַריזער קאָ-מונאַרן אין יאָר 1871. אונזער בירגער-קריג וועט אַנטשיידן ווערן דורך די דייטשע אַרמייען, און אונדזער סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט זיין אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון די דייטשע גענעראַלן.

אָבער אויך אויף אָט דער פראַגע מיינער האָט מיר לענין ניט געגעבן קיין ענטפער.

אַ צווייטע דעבאַטע מיט לענינען האָב איך געהאַט אומגעפער אין אַ זעקס וואָכן אַרום (ענדע מאַי, 1917). איך האָב זיך באַגעגנט מיט לענינען אויף אַ געמיינזאַמער פאַרזאַמלונג פון אַלע אינטערנאַ-ציאָנאַליסטן און לינקע צימערוואַלדיסטן אין פּעטערבורג, אויף סאַ-דאָווע גאַס, אין דער הויז פון דער „געזעלשאַפט צו ראַטעווען מענטשן, וואָס טרינקען זיך".

די דאָזיקע געמיינזאַמע זיצונג איז פאַררופן געוואָרן פון דעם שווייצאַרישן סאָציאַליסט ראָבערט גרים, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער פון דער צימערוואַלדער פאַראייניקונג, און פון אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ, וואָס איז געווען די סעקרעטאַרין פון צימער-וואַלד. אין דער זיצונג האָבן זיך באַטייליקט אַלע אָנגעזעענע באָל-שעוויקעס בראָש מיט לענין, בוכאַרין, זינאָוויעוו, קאַמענעוו; אַלע מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן; טראָצקי און זיין גרופּע; לאַרין, ראַקאָווסקי, וועלכער איז דאַן אָקערשט באַפרייט געוואָרן פון אַ רומע-נישער טורמע; ריאַזאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי, באַבראָוו און פיל-פיל אַנ-דערע. גרים האָט געשטעלט די פראַגע, צי איז מעגלעך אַ פאַרבינדונג

פון אַלע רוסישע לינקע פּאַרטייען, פון אַלע צימערוואַלדיסטן, וואָס שטייען אין אָפּאָזיציע צו דער מערהייט פון די אַבאַראָנצעס.

און יעמאָלט זיינען פאַרטרעטער פון יעדער ריכטונג אַרויסגע־טראָטן מיט גרויסע פּראָגראַמאַטישע רעדעס. אָט אין דער זיצונג איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז צווישן לענינען און טראָצקין קומט־פאָר אַ שטאַרקע דערנעענטערונג, און פון לענינס רעדע איז פאַר מיר פער־זענלעך קלאָר געוואָרן (דאָס איז געווען סוף מאַי 1917), אַז זיין צוועק איז צו פאַרווירקלעכן אין רוסלאַנד אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע איבערקערעניש דורך אַ דיקטאַטור פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס דאָס איז געשטאַנען אין קעגנזאַץ צו אַלע טראַדיציאָנעלע דער־קלערונגען און פּראָגראַמען פון רוסישן מאַרקסיזם.

איך האָב זיך אין מיין רעדע ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף דעם פּונקט, און האָב פּרובירט דערווייזן, אַז אויב מיר, מאַרקסיסטן און סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן די גאַנצע צייט פּאָלעמיזירט קעגן די נאַראָד־ניקעס און די מאַקסימאַליסטן, דערקלערנדיק, אַז אין דעם אָפּגעשטאַ־נענעם רוסלאַנד קאָן מען ניט פאַרווירקלעכן קיין סאָציאַליזם, ווייל עס פעלן אוים די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר אַ סאָציאַליסטישער אָר־דענונג, טאָ ווי אַזוי קאָן דער פאַקט פון אַ רעוואָלוציע ענדערן די ממשות־דיקייט פון אונדזערע אַלטע אַרגומענטן ?

פון זיין ענטפער איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז לענין שטרעבט ניט נאָר צו אַ דיקטאַטור פון זיין פּאַרטיי און צו אַ בירגער־קריג, נאָר אַז ער וויל די דאָזיקע דיקטאַטור באַנוצן, כדי צו פּרובירן פאַרווירק־לעכן אַ פולשטענדיקע סאָציאַלע איבערקערעניש.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר זיינען געזעסן מיט לע־נינען אויף איין זיצונג ווי גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער און חברים.

איך בין אַרויסגעטראָטן שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל קעגן אים אויף פאַרשיידענע זיצונגען, אָבער ער איז שוין יעמאָלט געווען דער „פאָרזיצער פון דעם ראָט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן" . . .

7

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן

דעם 1־טן יוני 1917 האָט זיך אין פּעטראָגראַד געעפנט דער ער־שטער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־דעפּוטאַטן. ס'איז געווען אַ גיגאַנטישער צוזאַמענקונפט פון אַן ערך 1,200 דעלעגאַטן, וואָס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דעם גרויסן רוסלאַנד, פון דער גאַנצער קאָלאָסאַלער רוסישער אַרמיי, וואָס איז געשטאַנען אויפן פראָנט, און פון די מאַטראָסן פון פלאָט. די פּוי־ערים־סאָוועטן זיינען ניט געווען פאַרטראָטן אויף דעם דאָזיקן צוזאַ־

מענפאָר, ווייל מיט איייניקע טעג פריער איז אין דעם זעלביקן פּעטראָ־גראַד פאָרגעקומען אַ גראַנדיעזער פ ו י ע ר י ם ־ צ ו ז א מ ע נ פ א ָ ר, וואו עס איז געשאַפן געוואָרן אַן „אַ ל ר ו ס ל ע נ ד ע ר פ ו י ע ר י ם ־ פ אַ ר ב אַ נ ד".

דער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן איז געווען אַן אמתער רעוואָלו־ציאָנערער פּאַרלאַמענט. אויף אים זיינען געווען פאַרטראָטן אַלע כוחות פון דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד: די אַרבעטער און די סאָל־דאַטן, דער פראָנט און דאָס הינטערלאַנד, די אינטעליגענץ און דאָס דאָזיקן צוזאַמענפאָר: אַלע ריכטונגען פון דער סאָציאַליסטישער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַלע שאַטירונגען פון פּאָליטישן און סאָ־ציאַלן געדאַנק האָבן געשיקט אַהין זייערע בעסטע פאָרטרעטער און רעדנער.

דער גיגאַנטישער זאַל פון דעם פּעטערבורגער „קאַדעטן־קאָרפּוס" אויף „וואַסיליעווסקי אָסטראָוו" האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פאַרבנ־רייכן און קאָלירפולן בילד אין יענע היסטאָרישע טעג. אויסגעריבענע רעקלעך און בלוזעס פון אַרבעטער זיינען געווען בונט־דורכגעמישט מיט די גרוי־גרינע מונדירן און אוניפאָרמס פון די פאַרשיידנסטע מילי־טערישע טיילן, און בלויע מאַטראָסן־בלוזעס מיט ווייסע קראַגנס זיינען געזעסן זייט ביי זייט מיט די אויסלענדישע רעקלעך פון די אָקערשט צוריקגעקערטע שווייצאַרישע עמיגראַנטן.

אַחוץ די דעלעגאַטן זיינען אַרום און אַרום געזעסן גרויסע מאַסן צוהערער און צושויער פון אַלע שיכטן פון דער פּעטערבורגער באַפעל־קערונג. פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך אין די לאַנגע קאָרידאָרן און אין די פאַרשיידענע זאַלן פון דעם גרויסן בנין אַרומגעשטויסן, אַרומגעשפּאַצירט, אַרומגעשטאַנען אין קופּקעס אַ גרוי־סער המון. עס זיינען אָן אַ סוף פאָרגעקומען זיצונגען פון פאַרשיידענע „פראַקציעס", קאָמיסיעס, קאָמיטעטן, אויספיר־קאָמיטעטן, דעלעגאַ־ציעס פון פאַרשיידענע געגענטן, דעפּוטאַציעס פון די פראָנטן, פון די פעסטונגען און קריג־שיפן, פון פאַרשיידענע פאַבריקן פון פּעטערבורג, און אַזוי ווייטער.

די טאָג־אָרדענונג פון צוזאַמענפאָר איז געווען פול מיט די וויכ־טיקסטע עקזיסטענץ־פראַגן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. כאָטש דער צוזאַמענפאָר האָט ניט געהאַט קיין אָ פ י צ י ע ל ע קראַפט, און זיין אויטאָריטעט האָט געקאָנט זיין נאָר אַ מאָראַלישער, ניט קיין געזעצ־לעכער — איז דאָך פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז די אַנטשיידונגען פון דעם צוזאַמענפאָר וועלן האָבן אַ באַשטימנדיקע ווירקונג פאַר דער גאַנצער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די פאַר טויזנט מענטשן אין ציווילע אָן מיליטערישע קליידער, וואָס זיינען געזעסן אין זאַל, דאָס זיינען געווען די מענטשן וואָס האָבן אין זייערע הענט פאַקטיש געהאַלטן די רעדלעך פון דער גאַנצער אינדוסטריעלער, מיליטערישער און אַדמיניסטראַטיווער מאַשין אין דער מלוכה.

עס איז געווען אין גאַנצן אומדערוואַרטעט פאַר מיר, וואָס די ער־שטע רעדע אויף דעם צוזאַמענפאָר איז געווען מיינע. איך בין אַרויס־געטראָטן נאָך איידער דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגעהויבן זיין רעגולערע אַרבעט, און אַרויסגעטראָטן בין איך מיט דעם פאָרשלאַג, אַז דער צוזאַ־מענפאָר זאָל פריער פאַר אַלץ באַטראַכטן די מעשה ראָבערט גרים.

**
*

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז צוזאַמען מיט אונדז זיינען פון שווייצאַריע געקומען קיין רוסלאַנד דער פאָרזיצער פון דער צימערוואַלדער פאַראייניקונג, ראָבערט גרים, און די סעקרעטאַרין פון צימערוואַלד אַנדזשעליקא באַלאַבאַנאָווא. דאָס איז געווען סוף מאַי. די בורזשואַזע און פאַטריאָטישע צייטונגען פון יענעם פעריאָד האָבן באַגעגנט גרימען מיט זייער אַ שאַרפער און פיינטלעכער אַטאַקע. דאָס האָט אונדז ניט אויפגערעגט: מיר זיינען שוין געווען צוגעוואוינט צו דעם, אַז די קריגס־באַגייסטערטע בורזשואַזע שרייבער זאָלן וועגן צימערוואַלדיסטן שרייבן, אַז זיי זיינען „דייטשע אַגענטן". אָבער מען קאָן זיך פאָר־שטעלן אונדזער פאַרוואונדערונג און אַנטריסטונג, ווען מיר האָבן זיך מיט אַמאָל, אין סאַמע אָנהייב פון צוזאַמענפאָר דערוואוסט, אַז די צייט־ווייליקע רעגירונג (מיט דער באַטייליקונג פון צערעטעלי, סקאָבעלעוו און וויקטאָר טשערנאָוו) האָט אָנגענומען דעם באַשלוס אַרויסצו־שיקן ראָבערט גרימען פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

ניט האָבנדיק קיין שום ווייטערדיקע אינפאָרמאַציע און שטייענדיק אין גאַנצן אונטער דעם איינדרוק פון אָט דער אומבאַגרייפלעכער האַל־טונג, האָבן מיר גלייך אויפן אָרט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף אויפקלערן די גאַנצע זאַך עפנטלעך אויף דער אַרענע פון דעם רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענפאָר. פאַר אונדז, צימערוואַלדיסטן, איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז אַ פאָליטישער אָנגריף אויף צימערוואַלד, און אַז די אָפיציעלע מיט־טיילונג אין דער פרעסע איז בכיוון פאָרמולירט נעפּלהאַפט, כדי צו וואַרפן אַ חשד אויף דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַליסטישער ריכטונג. אין דער אָפיציעלער מעלדונג איז געזאָגט געוואָרן, אַז די רעגירונג האָט פאַרלאַנגט געוויסע אויפקלערונגען פון ראָבערט גרימען און אַז „זיינע אויפקלערונגען האָבן ניט באַפרידיקט די מיניס־טאָרן".

האָב איך פאַרלאַנגט, אַז די רעגירונג זאָל אונדז גלייך דערציילן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. וואָרים אַרויסשיקן גרימען פון רוסלאַנד נאָר פאַר זיין צימערוואַלדער פּראָפּאַגאַנדע וואָלט געווען אי פאָליטיש שעדלעך אי ניט יושרדיק. עס זיינען דאָך אין רוסלאַנד פאַראַן אַחוץ אים אַ גאַנצע רייע אויסלענדישע סאָציאַליסטן, וואָס פירן פּראָפּאַגאַנדע פאַר זייערע רעגירונגען, פונדעסטוועגן שיקט מען זיי ניט אַרויס. וואָס באַדייט דאָס, — האָב איך געפרעגט, — אַז גרימס דערקלערונגען האָבן די מיניסטאָרן ניט באַפרידיקט? אויב עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן

סאָציאַליסטישע פּרינציפּן און צערעטעלי און סקאָבעלעוו האָבן אויס־געפֿונען, אַז גרים איז ניט קיין לאַגישער סאָציאַליסט, טאָ איז דען אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד פֿאַראַן אַזאַ געזעץ, אַז ניט־לאָגישע סאָ־ציאַליסטן מוז מען באַשטראָפֿן? עס זיינען פֿאַראַן אין רוסלאַנד גענוג שלעכטע סאָציאַליסטן, אָבער מען שיקט זיי ניט אַרויס. האַנדלט עס זיך אָבער ניט וועגן סאָציאַליסטישע איבערציינגונגען, נאָר וועגן עפּעס פֿאַרדעכטיקטע האַנדלונגען. טאָ זאָל מען אונדז זאָגן וואָס פֿאַר אַ קרי־מינאַל גרים האָט אָפּגעטאָן, און מיט וואָס ער האָט פֿאַרדינט אַזאַ מין שטראָף?

פֿון דעם האָב איך געמאַכט דעם אויספֿיר, אַז מען מוז אויף דער טאָג־אָרדענונג אַוועקשטעלן די פֿראַגע „ראָבערט גרים“. אין נאָמען פֿון דער רעגירונג האָט צערעטעלי צוגעשטימט צו מיין פֿאָרשלאַג. עס איז אָנגענומען געוואָרן, און מיט אַ גרויסער פּאָליטישער רעדע וועגן דער פֿראַגע איז אַרויסגעטראָטן מ אַ ר ט אָ װ.

די דעבאַטע איז געווען אַ הייסע און אַ ליידנשאַפֿטלעכע, אָבער ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מיר זיך דערוואוסט דעם אמת וועגן גאַנצן קאָנפֿליקט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז חבר גרים, זייער אַן אויפֿריכטיקער סאָציאַליסט און פּערזענלעך אַן אַבסאָלוט ערלעכער און ריינער מענטש, האָט זיך אין יענעם מאָמענט געלאָזט פֿאַרפֿירן פֿון דעם געדאַנק, אַז אפֿשר וועט ער, דורך זיין פּערזענלעכער אינטער־װענץ, דורך דעם גרויסן אויטאָריטעט וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט צווישן די רוסישע סאָציאַליסטן, קאָנען מיטהעלפֿן צו פֿאַרענדיקן די מלחמה וואָס גיכער. און צו דעם צוועק איז ער אַריינגעטראָטן אין באַציאונגען מיט דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין שווייצאַריע, כדי דורך אים צו באַ־קומען פֿון דער דייטשער רעגירונג אַן מין ניט־אָפֿיציעלן ש ל ו ם ־ פֿ אָ ר ־ ש ל אַ ג, וועלכן ער זאָל קאָנען אַריבערברענגען קיין רוסלאַנד צו זיינע סאָציאַליסטישע פֿריינט.

דאָס איז געווים געווען זייער אַ נאַאיווער פּרואוו, וואָס האָט גע־קאָנט ווערן זייער געפֿערלעך פֿריער פֿאַר אַלץ פֿאַר גרימען גופֿא. די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע אין יענעם מאָמענט, גראָד ווען אַמעריקע איז אַריינגעטראָטן אין קריג, איז ניט געווען אַזאַ פּשוטע, אַז מען זאָל קאָנען דעם קריג פֿאַרענדיקן דורך דעם פּערזענלעכן איינפֿלוס פֿון גוטמיינענדע סאָציאַליסטן, אָדער דורך דיפּלאָמאַטישע פֿאָרמולירונגען פֿון אַ קאָמ־פּראָמיס־שלום צווישן ביידע צדדים. און אויב שוין יאָ גלויבן אין דער מעגלעכקייט פֿון אַזעלכע פֿרידנס־פֿאָרשלאָגן, טאָ איז געווען פֿאַר־שטענדלעך, אַז אַזוינע פֿאָרשלאָגן קאָנען געמאַכט ווערן ניט ווי געהיימע שריט פֿון איינצלנע פּערזאָנען, נאָר מיט דעם הסכם פֿון גרויסע און איינ־פֿלוסרייכע פּאַרטייען אָדער גרופּעס.

חבר גרים האָט אָבער זיינע אונטערהאַנדלונגען געפֿירט בשתיקה אַפֿילו פֿון זיינע נאָענטסטע פֿריינט, די רוסישע מענשעוויקעס־אינטער־

נאַציאָנאַליסטן. ער האָט ניט אָנפאַרטרויט דעם סוד קיין איינציקן פון אונדז, און ער איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען איבערצייגט, אַז קיין מענטש אין דער וועלט ווייסט ניט וועגן זיין געהיימער קאָרעס־פּאָנדענץ אין שווייצאַריע מיט דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר. אָבער דער ענגלישער „אינטעלידזשענס סוירוויס" האָט זיך וועגן דעם יאָ דער־וואוסט, און דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין פּעטערבורג האָט צוגע־שטעלט דער „צייטווייליקער רעגירונג" קאָפּיעס פון גרימס קאָרעספּאָנ־דענץ מיט די דייטשן . . .

אַזוי ווי די רעגירונג האָט ניט געוואָלט אויסזאָגן, אויף וועלכן וועג זי האָט באַקומען די דאָקומענטן, האָט מען אונדז וועגן דעם אַ גע־וויסע צייט ניט דערציילט. אָבער דאַן האָבן מיר זיך דערוואוסט דעם גאַנצן אמת און דאָס איז פּובליקירט געוואָרן אין אַלע צייטונגען.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פון דעם איז בשום אופן ניט אַרויסגעדרונ־גען, אַז ראָבערט גרים איז אַ „דייטשער אַגענט", אָדער אַז ער איז געקומען קיין פּעטערבורג צו ברענגען שאָדן דער רוסישער פּאַרטיי־דיקונג. עס איז אויך ניט געווען אַפילו דער קלענסטער גרונט חושד צו זיין גרימען אין וועלכע עס איז פּערזענלעכע צוועקן. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט געווען, אַז דאָס איז געווען די גרעסטע פּאָליטישע נאַאיוויטעט, וואָס האָט געקאָנט ברענגען דעם שווערסטן שאָדן פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַליסטישער ריכטונג. דעריבער בין איך אין אַ קורצער צייט אַרום אויסגעטראָטן אין דער „אַרבייטער־שטימע" מיט אַן אַרטיקל, אין וועלכן איך האָב געשילדערט די גאַנצע זאַך און דערקלערט, אַז הגם גרימס פּערזענלעכקייט בלייבט אין גאַנצן ריין, איז זיין האַלטונג דאָך אַ **פּאָליטישער פאַרברעך** און אַז זיין טעטיקייט אַלס אַ פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג איז דורך דעם ליקווידירט.

ראָבערט גרים איז אַוועקגעפאָרן פון רוסלאַנד אַ קראַנקער און צעבראָכענער מענטש. אַ לאַנגע צייט האָט ער געשוועבט צווישן לעבן און טויט, און ערשט אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער זיך געקאָנט צוריק־קערן צו דער פּאָליטישער טעטיקייט, נאָך דעם ווי זיין פּאַרטיי האָט פעסטגעשטעלט, אַז קעגן אים איז ניט פאַראַן קיין שום חשד, און אַז זיין פּאָליטישע ערלעכקייט ווערט ניט געשטעלט אין פראַגע.

די נאַציאָנאַלע פראַגע אויפן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר. — פינלאַנד

נאָך אַ צווייטן עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיט מיינע אַרויסטרע־טונגען, וויל איך שילדערן אין צוזאַמענהאַנג מיטן ערשטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר אין יוני 1917.

איינע פון די וויכטיקסטע און די שווערסטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1917, איז געווען די נאַציאָנאַלע פראַגע. אין דער גרויסער אימפּעריע פון די רוסישע צאַרן האָבן געלעבט צענדליקער פאַרשיידענע פעלקער פון פאַרשיידענע

ראַסן מיט פֿאַרשיידענע שפּראַכן, מיט פֿאַרשיידענע היסטאָרישע און קולטורעלע באַדינגונגען. אויב מען זאָל לאָזן אַפּילו אין אַ זייט די פּרי־מיטיווע, ווייניק־אַנטוויקלטע פֿעלקער און שבֿטים אין וויטן סיביר, אויפֿן קאַווקאַז, אויף דער וואָלגע, איז דאָס נאַציאָנאַלע בילד פֿון דער רוסישער נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה דאָך געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע און פֿאַרפּלאָנטערטע. אין דעם באַשטאַנד פֿון דער רוסישער אימפּעריע איז אַריין פֿינלאַנד, אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטיש־אָרגאַניזירטע הויך־ציוויליזירטע נאַציע מיט אַ פֿולשטענדיק אייגנאַרטיקער שפּראַך און קולטור, מיט אַן אייגענעם דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט, מיט אַן אייגענער אויטאָנאָמיע אַפּילו אונטער דער צאַרישער הערשאַפֿט. עס איז געווען, צווייטנס, פּוילן, — אַ פֿאָלק, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַמאָל זיין אייגענע מלוכהשקייט און וועגן וועלכן עס איז געווען קלאָר, אַז לויט דער שפּראַך, קולטור, היסטאָרישע טראַדיציעס און דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, איז די פֿראַגע וועגן אַ זעלבשטענדיקער פּוילישער מלוכה אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפֿן סדר היום. און עס איז שוין געווען אַן אָפּיציעלע דערקלערונג פֿון דער צייטווייליקער רעגירונג, אַז זי וועט אָנערקענען דאָס פּוילישע זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט. אָבער אַחוץ אָט די צוויי פֿעלקער, וועגן וועלכע די פֿראַגע איז שוין אַ באַשלאָסענע, זיינען געווען נאָך אַזוינע נאַציעס, ווי די אוקראַאינער, די ליטווינער, די לעטן, די עסטאָניער, די גרוזינער, די אַרמעניער, די טאַטאַרן, וועגן וועלכע עס איז געווען אין גאַנצן ניט קלאָר, אין וועלכער ריכטונג ס׳וועט גיין זייער זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט. אַפּילו צווישן די פּאָליאַקן איז געווען אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (די פּוילישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן), וואָס זיינען געווען קעגן דער זעלבשטענדיקער מלוכהשקייט פֿון פּוילן. וואָס אַנבאַלאַנגט די לעטן, די ליטווינער, די גרוזינער, די אַרמעניער, די טאַטאַרן, האָבן אָט די אַלע נאַציעס קיין מאָל ניט אַרויסגעשטעלט די פֿאָדערונג פֿון זעלבשטענדיקער מלוכהשקייט. פֿאַרקערט: זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די נאַציאָנאַלע באַוועגונג צווישן די אַלע פֿעלקער, זיינען די קאָמפּעטענטסטע פֿאַרטרעטער פֿון אָט די קליינע נאַציעס שטענדיק אַרויסגעטראָטן ניט אַלס סעפּאַראַטיסטן, נאָר אַלס אָנהענגער פֿון אַ פֿאַראייניקטער רוסלענדער פֿעדעראַציע מיט אויטאָנאָמע רעכט פֿאַר די איינצלנע נאַציאָנאַלע טעריטאָריעס. די גרוזינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין זייער פֿאָלק, די לעטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, די ליטווינער זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע קעגנער פֿון סעפּאַראַטיזם, און האָבן שטענדיק געשטרעבט צו בלייבן אינאיינעם מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע כּוחות. ניט אַזוי איז געשטאַנען די אוקראַאינישע פֿראַגע: דאָרטן זיינען געווען אי אָנהענגער פֿון אַן אַלרוסלענדער פֿעדעראַציע, אי סעפּאַראַטיסטן, וועגן וועלכע מיר האָבן געוואוסט, אַז זינט דעם אָנהייב פֿון קריג שטייען זיי אין פֿאַרבינדונג מיט עסטרייך און דייטשלאַנד.

אָבער ווי פאַרשיידענע חברים האָבן ניט געקוקט אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין רוסלאַנד, איין זאַך איז געווען קלאָר פאַר אַלע רוסלענדער רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען: אין דער היינטיקער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, ווען דער קריג צעפלאַקערט זיך שאַרפער און שאַרפער און ווען די אינעווייניקסטע פראָבלעמען פון רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד ווערן אַלץ שווערער און שווערער, וועט עס זיין די גרעסטע סכנה פאַר דער גאַנצער רוסישער רעוואָלוציע, ד"ה אויך פאַר אַלע קליינע נאַציעס, ווען עס זאָל זיך אָנהייבן אַ שאַרפער נאַציאָנאַלער קאַמף אין רוסלאַנד. באַזונדערס מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן און לינקע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך פעסט געהאַלטן פאַרן פּרינציפּ, אַז די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע און פון שלום דאַרפן שטיין העכער פאַר אַלץ, — זיינען מיר געווען דערפאַר, אַז אַט די אַלע נאַציאָנאַלע שטרייטן זאָלן אָפּגעלייגט ווערן אויף שפּעטער און זאָלן אַנטשידן ווערן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן אויף דער אַלגעמיינער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג.

אויף דעם זעלביקן שטאַנדפּונקט זיינען געשטאַנען פּראַקטיש, אויב ניט טעאָרעטיש, אויך אונדזערע קעגנער, די „אָבאָראָנצעס". פאַר זיי איז געווען אַנטשיידענד די מיליטערישע לאַגע, די נייטיקייט צו האַלטן דעם פראָנט קעגן דייטשלאַנד און ניט לאָזן אים צוּבראָכן ווערן דורך נאַציאָנאַלע שטרייטן.

אָבער אין דער צייט, ווען די אָבאָראָנצעס און די אינטערנאַציאָנאַליסטן האָבן געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז פאַראַן אַ קעגנזאַץ צווישן די אינטערנאַציאָנאַליסטן און די באָלשעוויקעס.

די באָלשעוויסטישע טאַקטיק איז באַשטאַנען אין דערפירן ביז צו דער שאַרפסטער מדרגה די סאָציאַלע פאָדערונגען פון די אַרבעטער אין די פאַבריקן, די שלום-פאַרלאַנגען פון די סאָלדאַטן אויפן פראָנט, די פּויערים-ליידנשאַפטן צו דער אַגראַר-רעוואָלוציע. און פּונקט אַזוי האָבן זיי אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע מיט אַלע כוחות געשטרעבט צו דערפירן ביז צום העכסטן גראַד די נאַציאָנאַליסטישע און סעפּאַראַטיסטישע ליידנשאַפטן פון די איינצלנע נאַציאָנאַלע גרופּעס. מאַקסימאַליזם אויף אַלע פראָנטן און אויף אַלע געביטן, פאַרשאַרפונג פון אַלע פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קעגנזאַצן — אין דעם איז באַשטאַנען די טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס, אָנהייבנדיק פון יוני. איך האָב זיך אין דעם געקאָנט איבערצייגן אַמבעסטן אין דער „נאַציאָנאַלער קאָמיסיע" פון דעם סאָוועט-צוזאַמענפאָר.

די נאַציאָנאַלע פראַגע איז געשטאַנען אַלס איינע פון די וויכטיקסטע אויף דער טאָג-אָרדענונג פון צוזאַמענפאָר. שוין אין אָרגאַניזיר-קאָמיטעט זיינען אָנגענומען געוואָרן וועגן דעם געוויסע באַשלוסן, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דעם רעפעראַט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן צוזאַמענפאָר זאָל האַלטן וולאַדימיר וואָיטינסקי (איצט

אַ באַוואוסטער סטאַטיסטיקער, וואָס אַרבעט אין וואַשינגטאָן; יעמאָלט דער קאָמיסאַר פֿון דער ציטוויליקער רעגירונג ביי דער צוועלפֿטער צפֿון־אַרמיי). איך געדענק שוין ניט צוליב וואָס עס איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן, אַז דעם רעפֿעראַט זאָל האַלטן מאַרק ליבער (מיר דוכט זיך, אַז וואָיטינסקי האָט געמוזט אָפּפֿאָרן אַלס דעלעגאַט צו אַ וויכטיקן קאַזאַקן־צוזאַמענפֿאָר אין קובאַן אָדער אויפֿן דאָן); אָבער ליבער איז געווען צו־שטאַרק פֿאַרנומען מיט רעגירונגס־געשעפֿטן און הויכער פּאָליטיק, — האָט מען אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער נאַציאָנאַלער קאָמיסיע באַשטימט מיך, וואָס איז פֿאַררעכנט געוואָרן אין דער פּאַרטיי אַלס אַ שטיקל פֿאַכמאַן אויף דעם געביט פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע.

איך האָב טאַקע אָרגאַניזירט די נאַציאָנאַלע סעקציע, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעגאַנגען פֿאַרטרעטער פֿון די פֿאַרשיידנסטע נאַציאָנאַלע גרופּעס, ווי אויך פֿון די רוסישע פּאַרטייען. אַ גרויסער טייל פֿון דעם עולם, באַזונדערס די פֿאַרטרעטער פֿון די רוסישע פּאַרטייען, זיינען געווען אין גאַנצן ניט אינפֿאָרמירט וועגן אַט די אַלע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער איינאָרדענונג פֿון אַ פֿיל־נאַציאָנאַלער מלוכה. איז מיר אויסגעקומען צו האַלטן אַ גאַנצע ריי רעפֿעראַטן און לעקציעס און דורכצופֿירן לאַנגע און שווערע דיסקוסיעס. באַזונדערס פֿיל צרות האָב איך געהאַט אין דער קאָמיסיע פֿון די באָלשעוויקעס, די אוקראַינער און די אידישע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופּעס, וואָס זייער פֿירער איז געווען יודל נאָוואַקאָווסקי.

אין דער צייט, ווען כמעט אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס און פּאַרטייען האָבן צוגעשטימט צו דעם גרונט־געדאַנק פֿון מיינע רעפֿעראַטן, אַז יעדע נאַציע דאַרף באַקומען דאָס פֿולע רעכט פֿון אַליינבאַשטימונג, אָבער אַז די סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין יעדער נאַציע דאַרפֿן שטויסן זייער פֿאָלק ניט צו סעפּאַראַטיזם, נאָר צו אַן אַלרוסלענדער דעמאָקראַטישער פֿעדעראַטיווער מלוכה מיט פֿולע רעכט פֿאַר די איינצלנע נאַציאָנאַלע קולטורן, און אַז נאָר אַזאַ מין רעוואָלוציאָנערער פֿאַרבאַנד פֿון אַלע נאַציעס אין די ראַמען פֿון דער אַלגעמיין־רוסלענדער רעפּובליק וועט אַמבעסטן גאַראַנטירן די קליינע נאַציעס פֿון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג מצד אימפּעריאַליסטישע מלוכות, זיינען קעגן דעם אַרויסגעטראָטן פֿון איין זייט די באָלשעוויקעס און פֿון דער אַנדערער זייט די אוקראַינער, וואָס האָבן, ווי עס ווייזט אויס, געהאַט עפּעס אַן אָפּמאַך מיט נאָוואַקאָווסקיס גרופּע.

די באָלשעוויקעס זיינען געווען פֿאַרטראָטן דורך פּרוי קאָלאָנטאַי, וואָס איז איצט די רוסישע אַמבאַסאַדאָרין אין שוועדן, דורך סקריפּניק, וואָס איז שפּעטער געווען דער פֿאָרזיצער פֿון פֿאָלקס־קאָמיסאַרן־ראַט אין אוקראַינע (און איז באַגאַנגען אַ מערקווירדיקן „זעלבסטמאָרד”) און דורך סטאַלינען, וואָס איז פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר דעם באָלשעוויסטישן ספּעציאַליסט אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, צי סטאַלין האָט ווען עס איז גענומען אַ

וואָרט אין דער קאָמיסיע, איך געדענק אָבער זייער גוט די דיסקוסיע, וואָס איך האָב געהאַט מיט פרוי קאָלאָנטאַי אין דער פראַגע פון פ י נ ־ ל אַ נ ד.

פינלאַנד האָט שטענדיק פאַרנומען אַ באַזונדערן פּלאַץ צווישן אַלע רוסלענדער נאַציעס. דאָס איז געווען אין גאַנצן אַ זעלבסטשטענדיקע דעמאָקראַטישע אייראָפּעאישע מלוכה, וואָס איז דורך אַ היסטאָרישן צופאַל אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון די רוסישע צאַרן. פריי־הייט פאַר פינלאַנד איז שטענדיק געווען אַ פּראָגראַם־פּונקט ניט נאָר ביי די רוסישע סאָציאַליסטן, נאָך אַפילו ביי רוסישע ליבעראַלן. עס איז דעריבער געווען קלאָר, אַז די פראַגע פון פינלאַנד מוז אויסגעטיילט ווערן פון אַלע איבעריקע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. דעריבער האָב איך פאָרגעשלאָגן אויף דער קאָמיסיע אַ באַזונדערע רעזאָלוציע וועגן פינ־לאַנד, וואָס איר אינהאַלט איז געווען אומגעפער אַזאַ: דער פינישער פּאַרלאַמענט מוז גלייך באַקומען די פולשטענדיקע אָנטשיידונגס־קראַפט אין אַלע אינעווייניקסטע ענינים און די פולע זעלבשטענדיקייט אין דער גאַנצער אינעווייניקסטער פאַרוואַלטונג פון דער פינישער מלוכה, וואָס איר פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ק י י ט ווערט פייערלעך אָנערקענט פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אָבער אַזוי לאַנג ווי דער קריג דויערט און די דייטשע אַרמייען שטייען ביי די ברעגן פון פינלאַנד און גרייטן זיך אָנצופאַלן דורך פינלאַנד אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, מוז די א ו י ס ל ע נ ד י ש ע פּ אָ ל י ט י ק און דאָס ק ר י ג ס ־ מ י נ י ס ט ע ר י ו ם פון פינלאַנד בלייבן פאַרבונדן מיט די געהעריקע אָרגאַנען פון דער רוסישער רעוואָלוציע, כדי עס זאָל זיין גאַ־ראַנטירט די געמיינזאַמע פאַרטיידיקונג קעגן דער פרעמדער אַגרעסיע.

אין דער קאָמיסיע האָבן די פינישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן שוין גע־האַט אָנגענומען מיין פאָרשלאַג, וואָס איז געווען דער איינציק־מעגלע־כער אין דער צייט פון דער מלחמה. יעמאָלט איז אָבער אויפגעשפּרונ־גען פרוי קאָלאָנטאַי, וואָס איז אַליין געווען אַ פינלענדערין, און האָט אין אַ פייערדיקער רעדע פאַרלאַנגט, אַז פינלאַנד זאָל ג ל י י ך באַקומען פ ו ל ש ט ע נ ד י ק ע זעלבשטענדיקייט, אויך אין די אינטערנאַציאָ־נאַלע באַציאונגען, און אַז די רוסישע אַרמיי און פלאָט זאָלן אַרויסגע־צויגן ווערן פון פינלאַנד, אויב די פינלענדער וועלן דאָס פאַרלאַנגען. ניט שוין מוז דאָס גרויסע רוסלאַנד מורא האָבן פאַרן קליינינקן פינ־לאַנד? — האָט פּאַטעטיש אויסגערופן פרוי קאָלאָנטאַי.

איך האָב זיך וועגן דאָזיקן עפּיזאָד ניט איין מאָל דערמאָנט אין יאַנואַר, 1940, ווען קאָלאָנטאַיס קאָלעגע אין דער קאָמיסיע, סטאַלין, האָט פאַרפירט אַ מלחמה קעגן אָט דעם קליינינקן פינלאַנד, און ווען פרוי קאָלאָנטאַי אַליין האָט אין שוועדן אָנגעפירט סטאַלינס פּאָליטיק קעגן איר אייגענעם „קליינינקן לאַנד״.

אין דער קאָמיסיע איז מיין רעפעראַט וועגן פינלאַנד אָנגענומען געוואָרן און די רעזאָלוציע, וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן, איז גוט־

געהייסן געוואָרן פון דעם צוזאַמענפאָר (אחוץ די באָלשעוויקעס). ווי איך האָב זיך מיט יאָרן שפּעטער דערוואוסט פון פינלענדישע חברים, איז דער באַשלוס פון סאָוועטן-צוזאַמענפאָר אָנגענומען געוואָרן אין פינישן פאַרלאַמענט אַלס דער באַזיס פון זייער נייער קאָנסטיטוציע אין דער „איבערגאַנגס-צייט" אונטער דעם נאָמען „לעקס אַבראַמאָוויטש". (לעקס הייסט געזעץ). אַזוי אַרום, אַליין ניט וויסנדיק וועגן דעם, בין איך געוואָרן יענער אינסטרומענט, וואָס האָט דורך דער קראַפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע צוריקגעגעבן דער אונטערדריקטער פינלאַנד איר נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט.

8

לענין און טראָצקי אויפֿן צוזאַמענפאָר

דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן אין אָנהייב יוני, 1917, איז באַהערשט געוואָרן פון די „אָבאָראָנצעס" — די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, מענשעוויקעס, פאָלקס-סאָציאַליסטן אא"וו. די אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן זיינען אין אים געווען אַ קליינע מינדערהייט. אַפילו די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען צווישן אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן געווען די שטאַרקסטע און האָבן פאַרמאָגט אַן אַלטע איינגעפונדעוועטע אָרגאַניזאַציע, האָבן געהאַט אויפן צוזאַמענפאָר סך הכל 105 דעלעגאַטן. (אין גאַנצן זיינען געווען איבער 1100, פון זיי 822 מיט באַשטימונגס-רעכט און 268 מיט באַראַט-שטים.) אַלע רעזאָלוציעס זיינען טאַקע אָנגענומען געוואָרן אין גייסט פון די „אָבאָראָנצעס". ניט געקוקט אויף דעם האָט דער לינקער פליגל, ספּעציעל די פיגורן פון לענין און טראָצקי, געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט אי פון די דעלעגאַטן אי פון דעם עולם, וואָס איז געקומען הערן די רעדנער.

מען דאַרף ניט איבערטרייבן: גאַר אַ קליינע צאָל דעלעגאַטן און געסט האָט געקאַנט די נעמען אַפילו פון די סאַמע באַרימטע „לינקע". אין דער צייט, ווען די נעמען קערענסקי, טשכעאידזע, סקאָבעלעוו, צערעטעלי, ליבער, זיינען געווען באַקאַנט אַלעמען, האָבן נאָר אַלטע פאַרטיי-טוערס און די מיטגלידער פון די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס געוואוסט, ווער עס איז לענין, טראָצקי, מאַרטאָוו, שוין ניט גערעדט וועגן די קלענערע מענטשן. טראָצקין האָבן זייער פיל דעלעגאַטן גערופן „ט ר אָ י צ ק י", ווייל „ט ר אָ י צ ק י" איז אַ פאַרשפּרייטער עכט-רוסישער נאָמען און „טראָצקי" איז אַ פוילישער פּסעוודאָנים. אַז טראָצקי הייסט גאַר ב ר אָ נ ש ט י י ן און לענין הייסט אוליאַנאָוו, אַז דאָס זיינען מענטשן, וואָס האָבן הינטער זיך אַ לאַנגע רעוואָלוציאָנערע קאַריערע, דאָס האָט דער עולם בכלל ניט געוואוסט.

און די, וואָס האָבן יאָ געוואוסט, האָבן ניט געפילט קיין באַזונדערע סימפּאַטיעס צו די דאָזיקע רעוואָלוציאָנערן. בשעת טראָצקי איז אַרויסגעטראָטן צום ערשטן מאָל אויפן צוזאַמענפאַר און האָט אָנגעהויבן זיין רעדע מיט דער טראַדיציאָנעלער ווענדונג: „חברים", האָבן אים אַ טייל דעלעגאַטן איבערגעריסן עטלעכע מאָל מיט אויסגעשרייען: „וואָס זיינען מיר דיר פאַר חברים?"

אויך לענינס אַרויסטרעטונג האָט ניט אַרויסגערופן קיין שום באַגייסטערונג, נאָר, פאַרקערט, אַ פאַרביטערונג און אַן אויפרעגונג.

ביי דעם ברייטן, זייטיקן עולם האָבן דאָ אפשר געווירקט די אָנפאַלן פון דער בורזשואַזער פּרעסע אויף די באָלשעוויקעס, וועלכע מען האָט באַשולדיקט, אַז זיי זיינען „דייטשע אַגענטן". אויך וועגן טראָצקין איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז ער האָט פאַר זיין אָפּפאָר פון אַמעריקע באַקומען 10 טויזנט דאָלער פון דער דייטשער רעגירונג, אָדער פון דייטש-אַמעריקאַנער אַגענטן פון קייזער ווילהעלם. אמת, טראָצקי האָט דערקלערט, אַז ער האָט טאַקע באַקומען געלט פון די דייטשן, אָבער די דאָזיקע „דייטשן" זיינען געווען חברים פון דעם דייטשן אינטערנאַציאָנאַליסטישן אַרבעטער-פאַראיין אין ניו-יאָרק, און די סומע, וואָס ער האָט באַקומען איז געווען . . . 100 דאָלער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ קאָלעקשאָן אויף אַן אָפענעם מיטינג. אָבער אין דער פּרעסע און ספּעציעל אין מיליוקאָווס צייטונג „ריעטש" איז די דאָזיקע באַשולדיקונג קעגן טראָצקין פון דאָס ניי איבערגעחזרט געוואָרן. און ווען טראָצקי האָט אויף דעם צוזאַמענפאַר פון די סאָוועטן אין אַ פּאַטעטישער פאָרם פּראָטעסטירט קעגן די דאָזיקע רכילות, האָבן דיזעלביקע דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך פריער אָפּגעזאָגט צו באַטראַכטן טראָצקין אַלס זייערן אַ חבר, אים געמאַכט אַ הילכיקע אָוואַציע. מיט אַנדערע ווערטער, די מערהייט פון די דעלעגאַטן איז געווען אויפגעבראַכט קעגן לענין און טראָצקין ניט דערפאַר, וואָס זיי זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין דער בורזשואַזער פּרעסע, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין די אַרויסטרעטונגען פון די באָלשעוויסטישע גרופּעס דערשפּירט די סכנה פון ש פּ אַ ל ט ו נ ג.

טראָצקי איז אין יענעם מאָמענט נאָך ניט געווען אָפיציעל פאַרבונדן מיט די באָלשעוויקעס. אמת, ניט אָפיציעל איז שוין באַשטאַנען אַן אינטימע צוזאַמענאַרבעט צווישן דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע און דער טראָצקיסטישער גרופּע „מיעזשראַיאָנצי". אַ באַווייז איז, אַז אַ ריי דאָקומענטן, וואָס זיינען אויפן צוזאַמענפאַר פאָרעפּנטלעכט געוואָרן אין נאָמען פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע, זיינען אָנגעשריבן געוואָרן פון טראָצקין (זע ל. טראָצקי „שריפטן", באַנד 3, „דאָס יאָר 1917 פון פעברואַר ביז אָקטאָבער", מאָסקווע, מלוכה-פאַרלאַג 1925). ניט געקוקט אויף דעם, איז אין יוני, 1917, נאָך אַלץ געווען אַ היפּשער אונטערשייד אין דעם טאָן פון די אַרויסטרעטונגען פון לע-

נינען און טראָצקין, און אין דער גאַנצער מאַניר פון די דאָזיקע ביידע רעדנער.

איך האָב שטענדיק געהאַלטן טראָצקין פאַר אַ פיל בעסערן רעדנער, איידער לענינען. און אויך אויף דעם צוזאַמענפאַר פון די סאָוועטן האָט טראָצקי אויסגענומען פיל מער איידער לענין. דער עולם איז יעמאָלט נאָך געווען זשעדנע אין שיינע רעדעס, אין רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, אין רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. און טראָצקי האָט דאָס אַלץ פאַרמאָגט. ער האָט פאַרשטאַנען צו ווירקן אויף אַזוינע מאַסן. ער האָט גערעדט אין ווייכע און ברידערלעכע טענער. ער האָט מיט אַלע מיטלען אונטערגעשטראָכן, אַז ער וויל, חלילה, קיינעם ניט באַליידיקן; אַז ער האָט אין זינען נאָר צו פאַרשטאַרקן די מאַכט פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע; אַז ער וואַרפט אָפּ פון זיך דעם געדאַנק פון אַ ס ע פּ אַ ר אַ ט ן פ ר י ד ן מיט דייטשלאַנד, ווי אויך יעדע חברשאַפט מיט דעם ענגליש-פראַנצויזישן אָדער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט י ש ע מיניסטאָרן, האָט פאַרבייגייענדיק גיפטיק אויסגעלאַכט זיין פריערדיקן תלמיד סקאָבעלעוו, אָבער ער האָט געלויבט אין הימל אריין דעם מעסיקן פאָלקס-סאָציאַליסט, אָדער טרודאָוויק פּ ע ש ע כ אָ נ אָ ו ו און האָט דערקלערט, אַז זיין פּראָגראַם איז „אַ רעגירונג פון 12 פּעשעכאָנאָווס", ד"ה צוועלף טיכטיקע דעמאָקראַטיש-געזאָנענע פּאַכלייט. עס פאַרשטייט זיך, אַז די אמתע מאַכט דאַרף געהערן צום סאָוועט, אָבער דער סאָוועט, דאָס איז די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטיע און די אַדמיניסטראַציע פון דער דאָזיקער מאַכט קאָן ליגן אין די הענט פון טיכטיקע פּאַכלייט.

אין דער מלחמה-פראַגע האָט ער דערקלערט, אַז דאָס וויכטיקסטע איז צו שאַפן אַ פּסיכאָלאָגישן איבערברוך אין דער שטימונג פון דער אַרמיי. די סאָלדאַטן אַנטלויפן פון פראָנט, זיי ברעכן די דיסציפּלין, זיי ראַבירן, ווייל זיי ווייסן ניט פאַרוואָס זיי קעמפן, ווייל זיי האָבן ניט קיין צוטרוי צו דער רעגירונג. אויב די רעגירונג וועט זיין אַן „אייגענע", און אויב די דאָזיקע רעגירונג וועט זיך אין גאַנצן אָפּרייניקן פון יעדן חשד פון אימפּעריאַליזם, יעמאָלט וועט די אַרמיי גענוי ווייסן פאַרוואָס זי קעמפט; יעמאָלט וועט אין איר אַנטשטיין אַ נייע דיסציפּלין, אַן אייגענע, אַ רעוואָלוציאָנערע. און אויב דייטשלאַנד וועט ניט אָננעמען די באַדינגונגען פון דער רוסישער רעוואָלוציע וועגן אַ דעמאָקראַטישן שלום, דאַן וועט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אַרמיי קעמפן און ניט אַנטלויפן ווי איצט. זי וועט קעמפן אַזוי העלדיש, ווי עס האָט געקעמפט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אין דער צייט פון די יאַקאָבינער.

טראָצקי, און מיר אַלע, אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען אין פיל פּרטים געווען מסכים מיט טראָצקין, האָבן אין יענעם מאָמענט ניט געקאָנט פאָראויסזען ניט דאָס צעפאַלן ווערן פון דער רוסישער

אַרמיי נאָך דער „סאָציאַליסטישער אָקטאָבער-רעוואָלוציע”, ניט דאָס אַנטלויפן פון די סאָלדאַטן ווי אין אַ פּאַניק אין דעצעמבער 1917, און ניט דעם ברעסט-ליטאָווסקער פרידן.

אין גאָר אַן אַנדער טאָן האָט גערעדט אויף דעם צוזאַמענפאַר לענין. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן צו רעדן, איז ער באַגעגנט געוואָרן קאַלט, אָבער מיט דער גרעסטער נייגעריקייט. היפּשע מאַסן בירגערלעכע צוהערער זיינען ספּעציעל געקומען צו דעם מאָמענט אין זאַל, כדי צו הערן וואָס עם האָט צו זאָגן אָט דער געהיימניספולער רעוואָלוציאָנער, וואָס די באָלשעוויקעס פאַרגעטערן אים, און אין די בירגערלעכע צייטונגען שרייבט מען וועגן אים ווי וועגן אַ „דייטשן שפּיאָן”. דער ערשטער איינדרוק איז געווען אַן אַנטוישונג. אַ גאַנצע ריי מענטשן זיינען צו מיר צוגעגאַנגען נאָך זיין רעדע און האָבן מיר אַזוי ווי אויסגערעדט: „אָט דאָס איז א י י ע ר לענין?!”

די אַנטוישונג איז אַרויסגערופן געוואָרן, פריער פאַר אַלץ, דורך דער אויסערלעכער פאָרם פון זיין רעדע. עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך: לענין האָט געהערט צו יענעם טיפּ רעדנער, וואָס קאָנען אַרויסרופן ענטוזיאַזם נאָר אין אַן „אייגענער” פאַרזאַמלונג, ביי אַ מאַסע, וואָס איז פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט צו זיין מיט אים מסכים, אין אַ סביבה, וואו עס איז פאַראַן אַן אינטימע קרובהשאַפט צווישן די צוהערער און דעם רעדנער. ביי אַנדערע באַדינגונגען ווירקן זיי ניט. נאָר אַזוי קאָן מען דערקלערן, וואָס אין איינע פאַרזאַמלונגען פלעגט לענין אַרויסרופן די גרעסטע באַגייסטערונג און התלהבות, און אין אַנדערע פאַרזאַמלונגען פלעגט ער ניט מאַכן קיין שום איינדרוק, אָדער פאַרקערט — אַרויסרופן קעגן זיך פאַרביטערונג. אָט אויף דער זיצונג פון צוזאַמענפאַר, וועגן וועלכער איך דערצייל, האָט לענין גערעדט אויסערלעך זייער ניט געראָטן, ער האָט זיך שרעקלעך געאיילט, און אַז ער פלעגט זיך איילן פלעגט ער רעדן מיט אַ מערקווירדיקער גיכקייט: די ווערטער פלעגן זיך פון אים ממש שיטן ווי אַרבעס פון אַ זאַק: גיך-גיך. אָבער אויף אונדז, פאַרהאַרטעוועטע פּאָליטיקער, האָבן רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס און די שיינקייט פון דער רעדע שוין ניט געמאַכט אַזאַ גרויסן איינדרוק; פאַר אונדז איז לענינס רעדע געווען פיל אינטערעסאַנטער און באַדייטונגספולער איידער די רעדעס פון טראָצקין. דאָס כאַראַקטעריסטישע און אינטערעסאַנטסטע אין לענינס רעדע איז פאַר אונדז געווען זיין דערקלערונג, אַז זיין פּאַרטיי איז ג ר י י ט ג ל י י ך א י ב ע ר צ ו נ ע מ ע ן די מ אַ כ ט.

— מען באַקלאָגט זיך דאָ, — האָט לענין מיט חוזק אויסגעשריען, — אַז די פּראָבלעם פון מאַכט איז אַ שווערע און קאָמפּליצירטע, אַז עס זיינען ניט פאַראַן אין לאַנד קיין אָרגאַניזירטע כוחות, וואָס זאָלן קאָנען איבערנעמען און האַלטן די מאַכט. נו, דערקלער איך אייך, אַז א ו נ ד ז ע ר פּ אַ ר ט י י, די באָלשעוויקעס, איז גרייט און פּעאיק איבערצונעמען די מאַכט כ אָ ט ש ה י י נ ט.

בשעת טראָצקי האָט גערעדט וועגן דער מאַכט פון די סאָוועטן אַלס דער מאַכט פון דער פּאַראייניקטער דעמאָקראַטיע, און איז געווען גרייט זיך צו באַנוגענען מיט אַ רעגירונג פון 12 פּעשעכאָנאָווס, האָט לענין קלאָר אָוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דער הערשאַפט פון זיין פּאַרטיי. און דער געדאַנק פון אַ פּאַרטיי־דיקטאַטור איז נאָך בולטער אַרויסגעטראָטן, ווען ער האָט פאָרמולירט זיין באַוואוסטע שטעלונג צום קריג, און האָט אויסגעפירט, אַז מען דאַרף דעם אימפּעריאַליסטישן וועלט־קריג פאַרוואַנדלען אין אַ אינעווייניקסטן בירגער־קריג קעגן די הערשנדיקע קלאַסן. אויך ער האָט געהאַלטן, ווי טראָצקי און ווי מיר אַלע אינטערנאַציאָנאַליסטן אין יענעם מאָמענט, אַז דער ביישפּיל פון דער רוסישער רעוואָלוציע וועט אָנצינדן דעם פייער פון אַ רעוואָלוציאָנערער שריפה אין אַלע לענדער. ס'איז אָבער אינטערעסאַנט צו אונטערשטרייכן, אַז אויף וויפיל איך קאָן זיך דערמאָנען, האָט לענין אין זיין רעדע קיין מאָל ניט גערעדט וועגן „רעוואָלוציאָנערן קריג", וואָס מיר וועלן פירן, אויב אונדזערע באַדינגונגען זאָלן ניט אָנגענומען ווערן דורך די דייטשן. טראָצקי האָט וועגן דעם דווקא יאָ גערעדט, און אַ טייל דעלעגאַטן האָבן צו אים געשריען, אַז יעמאָלט וועט זיין „צו שפּעט". אָבער וויפיל איך געדענק, האָט לענין די דאָזיקע טעמע ניט באַרירט.

דער אונטערשייד, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי בולט צווישן לענין און טראָצקי בעתן ברעסט־ליטאָווסקער שלום, האָט אַזוי־אַרום שוין עקזיסטירט אין יוני 1917.

מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן, (איך רעד דאָ וועגן אונדזער גאַנצער ריכטונג, ניט וועגן מיר פּערזענלעך), זיינען דווקא געווען אָנהענגער פון אַ רעוואָלוציאָנערער מלחמה. דעם געדאַנק פון אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד האָבן מיר אָפּגעוואָרפן מיט דערזעלבער אַנטשידנקייט ווי טראָצקי, און אונדזער טאַקטיק איז געווען אין גאַנצן אויסגערעכנט אויף דעם מאָראַלן עפעקט, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע, מיט איר קלאָרן אָפּזאָג פון יעטווידע אימפּעריאַליסטישע צילן, וועט אַרויסרופן ביי די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט. אין דעם זינען האָט גערעדט דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן מאַרטאָוו. איך פּערזענלעך האָב שוין יעמאָלט אָנגעהויבן זייער שטאַרק צו צווייפלען וועגן די פּערספּעקטיוון פון אַ וועלט־רעוואָלוציע. דערפאַר איז אָבער פאַר מיר אַלץ דייטלעכער און דייטלעכער געוואָרן די אינעווייניקסטע צעשפּאַלטונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פריער פאַר אַלץ — די מיליטערישע קאַטאַסטראָפע פון דער רוסישער אַרמיי.

9
די רעוואָלוציע צעשפּאַלט זיך

קורץ איז דער פרילינג פון אַ רעוואָלוציע. ניט לאַנג האָט זיך געהאַלטן דער רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאַזם, דאָס געפיל פון אַלגע־מיינער ברידערלעכקייט, וואָס האָט געהערשט אין רוסלאַנד אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע. מיט יעדער וואָך זיינען אַלץ שאַרפער און שאַרפער אַרויסגעטראָטן די אינעווייניקסטע קעגנזאַצן, די קאַמפן פון פאַרשיידענע כוחות, די פּאָליטישע, סאָציאַלע און נאַ־ציאָנאַלע אָנשפּאַנונגען, וואָס זיינען אַזוי לאַנג געווען פאַרבאַהאַלטן אונ־טער דעם אויבערפלאַך פון דעם רוסישן לעבן. דאָרטן, וואו אַלץ האָט אויסגעוויזן אין אָנהייב אַזוי גלאַט און פרידלעך, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן געפערלעכע שפּאַלטן. דער באָדן איז צעריסן געוואָרן ווי דורך אַן אינעווייניקסטער ערד־ציטערניש. טיפע טאָלן זיינען אויסגעגראָבן געוואָרן, הויכע בערג זיינען אויפגעקומען, אַ געאָלאָגישע איבערקערע־ניש האָט געביטן דעם פּנים פון דער רוסישער ערד.

שוין פאַר דער רעוואָלוציע זיינען אויפגעקומען גרויסע שטערונ־גען אין דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן בוי פון רוסלאַנד. דורך דעם לאַנגן און שווערן קריג האָט געליטן דער אייזנבאַן־טראַנספּאָרט, איז געשטערט געוואָרן די פּראָדוקציע, זיינען רואינירט געוואָרן די פי־נאַנצן פון לאַנד. דער ווערט פון דעם רובל איז געפאַלן, עס איז אויפ־געקומען אַ יקרות אויף פּראָדוקטן, און פיל פּראָדוקטן האָבן בכלל אומ־געפעלט אין די שטעט. אָט איז אין איין שטאָט פאַרשוואונדן ווייסע ברויט, אין אַ צווייטער שטאָט זיינען ניט געווען קיין קאַרטאָפל, אין אַ דריטער גובערניע האָט אויסגעפעלט קעראָסין. נאָך ערגער איז גע־וואָרן בשעת דער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציאָנערע צערודערונג צווישן די אַרבעטער, דאָס קאָכיקע פּאָליטישע לעבן אין די פאַבריקן, די גאַנצע פּסיכאָלאָגישע אויפטרייסלונג פון דער געוואַלטיקער איבערקערעניש — דאָס אַלץ האָט נאָך מער דעזאָרגאַניזירט די אינדוסטריע, דעם טראַנספּאָרט, די פינאַנצן. ווי שטענדיק אין אַזוינע צייטן האָבן די אַרבעטער דערפילט זייער מאַכט. דער ווידערשטאַנד פון די אונטער־נעמער און פון דער איינגעשראָקענער בורזשואַזיע איז כמעט פאַר־שוואונדן, די שכירות פון די אַרבעטער זיינען געהעכערט געוואָרן, אָבער אין דערזעלביקער צייט האָבן אָנגעהויבן נאָך מער שטייגן די פּרייזן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוועט־געיעג צווישן דער העכערונג פון די שכירות און דעם וואַקסן פון די פּרייזן. דער סוף פון דעם איז געווען אינפלאַציע, — יענע שרעקלעכע פינאַנציעלע קרענק, וואָס האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אָנגענומען אַזעלכע פאַנטאַסטישע פאָרמען אין רוסלאַנד און אין דעם באַזיגטן דייטשלאַנד . . . אָבער שוין אין

יוני, 1917, האָבן מיר אין פּעטראָגראַד דייטלעך געפילט דעם וואוקס פון אינפלאַציע. די מלוכה-דרוקעריי האָט אָן אַ שיעור געדרוקט פּאַפּירענע געלט. אחוץ די אַלטע געלט פון צאַר ניקאָלאַי, די אַזוי-גערופענע „ראָמאַנאָווסקע" געלט, האָט די צייטווייליקע רעגירונג אָנגעהויבן צו דרוקן נייע געלט, וואָס האָבן באַקומען דעם נאָמען „קערענקעס". וואָס מער געלט מען האָט געדרוקט, אַלץ טייערער זיינען געוואָרן די פּראָדוקטן, אַלץ נידעריקער זיינען געוואָרן די רעאַלע שכירות, און אַלץ אָפטער זיינען פאָרגעקומען אומרוען און סטרייקס אין די פאַבריקן.

אָבער די כוואַליע פון רעוואָלוציאָנערן אומרו און פון עקאָנאָמישער צערודערונג האָט זיך פאַר די פּאָר חדשים דערקייקלט אויך אין די אומצאָליקע רוסישע דערפער. רוסלאַנד איז דאָך געווען ניט סתם אַ לאַנד, וואָס האָט געליטן פון אַן אומגליקלעכער מלחמה און איז מאָראַליש און עקאָנאָמיש רואינירט געוואָרן דורך שטענדיקע מיליטערישע מפּלות. מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז אין רוסלאַנד, צום אונטערשייד פון די אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, איז דאָך געווען שוין פון לאַנג אַן אומגעלייזטע טיפע פּראָבלעם — די שוין לאַנג צייטיק-געוואָרענע און ניט דורכגעפירטע אַגראַר-רעוואָלוציע!

אָנגעשראָקן און אָנגעלערנט דורך די בלוטיקע עקזעקוציעס פון יאָר 1905, האָט דער רוסישער פּויער אין יאָר 1917 צוערשט גאָר פאַרזיכטיק און לאַנגזאַם אָנגעהויבן רוקן זיך צו דער פּריצישער ערד. אָבער וואָס מער ער האָט דערפילט, אַז די רעוואָלוציע האָט צעשטערט די צאַרישע מאַכט, וואָס האָט אים פריער איינגעהאַלטן מיט אַן אייזערנער האַנט, אַלץ דרייסטער און דרייסטער איז דער רוסישער פּויער געוואָרן. און פון יעדן דאָרף זיינען אומאויפהערלעך געגאַנגען בריוו אויפן פראָנט, צו די מענער, צו די ברידער און די זין פון די אַלטע פּויערים און פּויערטעס, וואָס זיינען געבליבן אין די דערפער, און אין יעדן בריוו איז געווען נאָר איין טעמע: איצט איז געקומען די שעה, איצט דאַרפן מיר דיך האָבן אין דאָרף, זע צוריקצוקומען אין צייט, ווען עס וועט זיך אָנהויבן די פאַרטיילונג פון דער פּריצישער ערד.

די נייע מאַכט, — די צייטווייליקע רעגירונג, די סאָוועטן, — זיי אַלע זיינען באַשטאַנען צום גרעסטן טייל פון מענטשן, וואָס האָבן קלאָר געזען די אומפאַרמיידלעכקייט און די נויטיקייט פון אַן אַגראַרער רעפאָרם. פאַר קערענסקין און טשערנאָוון, פאַר פּעשעכאָנאָוון אָדער טשכעידזען, פאַר אַוואָקסענטיוון און גאָצן, ווי פאַר צערעטעלין, ליבערן און דאַנען איז געווען אַבסאָלוט קלאָר, אַז די הויפּט-אויפגאַבע פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז דורכפירן אַ גרינטלעכע אַגראַר-רעפאָרם, וואָס זאָל אָפּנעמען די ערד ביי די פּריצים און איבערגעבן איר צו די פּויערים. דער אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר פון די פּויערים, אין מאַי 1917, האָט אויסגעאַרבעט אַ קלאָרן פּראָגראַם פון דער דאָזיקער אַגראַר-רעפאָרם און האָט אַריינגענומען אין דעם דאָזיקן פּראָגראַם אויך די סאָציאַ-

ליזאַציע פון דער ערד, לויט דער אַלטער טעאָריע פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען דאָך איצט געוואָרן די הערשענדע פּאַרטיי אין רוסלאַנד.

אָבער די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס האָט איבערגענומען די רעגירונג פון די ראָמאַנאָווס, האָט זייער שלעכט אָפּגעשאַצט דעם טעמפּאָ, אין וועלכן עס אַנטוויקלען זיך פאָלקס-באַוועגונגען אין דער צייט פון רעוואָלוציאָנערער אויפרעגונג און קריג. פילנדיק אויף זיך די אחריות פאַר דעם גורל פון דער דעמאָקראַטיע אין דער גאַנצער וועלט, מורא האָבנדיק פאַר אַ מיליטערישער קאַטאַסטראָפע און פאַרשטייענדיק זייער גוט, אַז די דאָזיקע מיליטערישע קאַטאַסטראָפע איז אומפאַרמיידלעך, אויב מען זאָל גלייך עפענען אין רוסלאַנד די טויערן פון דער אַגראַר-רעוואָלוציע, — האָט די נייע רעגירונג, צוזאַמען מיט די פירערס פון די סאָוועטן, באַשלאָסן דורכצופירן די אַגראַר-פּראָגראַם אויף אַ מער לאַנגזאַמען און אָרגאַניזירטן אופן, דורך דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, דורך אויסגעקליבענע פויערים-קאָמיטעטן, אין פולסטער אָרדענונג און לויט גענוי אויסגעאַרבעטע פּלענער.

אָבער אַ רעוואָלוציאָנערער פאָלק פאַרלירט גיך די געדולד און פאַר דער אומגעדולדיקער אויפגערעגטער מאַסע זיינען טעג דאָס זעלבע ווי וואָכן, און וואָכן ציען זיך ווי חדשים. האָט אין די פויערים-מאַסן אָנגעהויבן אויפצוקומען דער חשד, אַז די רעגירונג טראַכט ניט וועגן זיי, אַז מען פאַרנאַכלעסיקט די אינטערעסן פון די פויערים און פריער פאַר אַלץ איז פאַר זיי געווען וויכטיק, אַז די מאָביליזירטע פויערים, וואָס שטייען אויפן פראָנט, זאָלן קומען אַהיים. און דערצו האָט מען ווידער געדאַרפט, אַז דער קריג זאָל זיך ענדיקן וואָס גיכער. אַ סוף צום קריג, כדי עס זאָל זיך קאָנען אָנהויבן די אַגראַר-רעוואָלוציע! — דאָס איז געווען די שטימונג, וואָס האָט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער צו הערשן אין די דערפער.

די שטימונגען אין שטאָט און די רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג אין דאָרף האָט זיך אַלץ מער און מער אָפּגערופן אויפן פראָנט. 15 מיליאָן מענער אין עלטער פון 20 ביז 40 יאָר זיינען געווען מאָביליזירט אין רוסלאַנד צו יענער צייט. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען פויערים פון די דערפער. מען האָט זיי אַרויסגענומען פון דער סיבירער טאַיגע, פון די וואַלינער וועלדער, פון די אַרכאַנגעלסקער טונדרעס, פון די פינסקער בלאָטעס, דער גרעסטער טייל אַנאַלפאַבעטן, — מענטשן וואָס זיינען קיין מאָל ניט אַרויסגעפאָרן פון די גרעניצן פון זייער אויעזד אָדער וואָלאָסט, פאַר וועלכע „רוסלאַנד" איז געווען אַן אַבסטראַקטער באַגריף, און אויסלאַנד איז פאַר זיי שוין געווען הרי חושך. מען האָט זיי אָנגעטאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער, מען האָט זיי אויסגעלערנט אַ ביסל לייענען, מען האָט זיי אָרגאַניזירט אין ראָטעס און פּאָלקן, און מען האָט

זיי געגעבן אין די הענט געווער. פון אַ צעשאָטענער מאַסע מענטש־לעכע זעמדעלעך זיינען זיי געוואָרן אַן אָרגאַניזירטע מענטשלעכע גע־מיינשאַפט. ניט זייער שטאַרק איז געהעכערט געוואָרן זייער גייסטיקע מדרגה, זייער קולטור און זייער בילדונג. אָבער גוואַלדיק איז אויסגע־וואַקסן דערפאַר זייער מאַכט און זייער איינפלוס אין דער מלוכה. און אין די הענט פון אַ גאַנצער אַרמיי פּאָליטישע קאָמיסאַרן, אַגיטאַטאָרן, פּראָפּאַגאַנדיסטן און אונטער דער פירונג פון אַ מער אינטעליגענטן טייל, — וואָס איז געקומען פון די שטעט, פון די פאַבריקן, פון די אוני־ווערסיטעטן, פון די אומלעגאַלע פּאַרטייען, — איז די דאָזיקע מאַסע געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערע מאַכט.

אָבער נאָר אַ קליינער טייל איז געווען באַוואָוסטזיניק־רעוואָלוציאָנער און האָט דערוואָרבן אַ געוויסן באַגריף וועגן פּאָליטישע ענינים, פּאָדערונגען, פּאַרטייען. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען גע־בליבן פּויערים, וואָס האָבן אין די רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען און אין די אויסלענדישע ווערטער, וועלכע זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַריינ־געלייגט זייער אייגענעם אינהאַלט, די אַגראַר־רעוואָלוציע, די פּריצישע ערד.

אין דער צייט, ווען עס זיינען, אַזוי־אַרום, געוואַקסן אין לאַנד אַלץ מער און מער די רעוואָלוציאָנערע ענערגיעס פון די מאַסן, ניט אַלע מאָל באַוואוסטזיניקע, זייער ווייניק דיסציפּלינירטע, אָבער אַלץ מער און מער שאַרפע, — אין דערזעלבער צייט האָט אָבער אויך אָנגעהויבן אָנצוואַקסן דער ווידערשטאַנד פון די הערשנדיקע קלאַסן, וואָס איז אין די ערשטע וואָכן געווען אין גאַנצן פּאַראַליזירט.

אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע האָט דער באַוואוסטער גענעראַל איוואַנאָוו פּרובירט מאַכן אַ באַזונדערן פּאָלק „געאָרגיעווסקי קאַוואַלערן", וואָס זאָלן פרייוויליק גיין קעמפן קעגן די רעוואָלוציאָנערן און פּאַרטיידיקן דעם צאַר. דעם ווייסן „געאָרגי־צלמל" פלעגן אין צאַ־רישן רוסלאַנד באַקומען נאָר באַזונדערס טאַפּפערע און העלדישע סאָל־דאַטן. אָבער אַפילו צווישן אָט די אויסדערוויילטע העלדן פון דער צאַרישער אַרמיי האָבן זיך ניט געפונען אַפילו עטלעכע הונדערט, וואָס זאָלן וועלן ריזיקירן זייער לעבן אויף צו פאַרטיידיקן דעם „צאַר באַ־טיושקאַ". און ס'איז באַוואוסט, אַז צווישן די אָפיצערן, וואָס זיינען געקומען צום מאַוורישן פּאַלאַץ מיט רויטע פאַנען צו באַגריסן די נייע רעגירונג, איז געווען אויך איינער פון ניקאָלאַיס קאָזינס, אַ גרויס־פירשט.

אַזוי איז עס געווען אין די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע. אָבער אין אייניקע וואָכן אַרום האָט זיך די רעאַקציע אין רוסלאַנד אָנגעהויבן צו פילן שטאַרקער און מוטיקער. וואָס מער עס איז געשפּאָלטן געוואָרן די פריערדיקע אייניקייט פון דער רעוואָלוציאָנערער און ליבעראַלער מאַסע, אַלץ דרייסטער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן דער ווידער־שטאַנד פון די שיכטן, ביי וועלכע די רעוואָלוציע האָט געדראָט אָפּצו־

נעמען די פריווילעגיעס, זייער פאַרמעגן, זייער הערשנדע פּאָזיציע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן געהיימע געזעלשאַפטן פון אָפי־צערן און קאָזאַקן. צווישן די פאַבריקאַנטן האָבן זיך פאַרשטאַרקט יענע שטרעמונגען, וואָס האָבן מער ניט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט דער צייטווייליקער רעגירונג און האָבן געהאָפט, אַז פון דער עקאָנאָמישער צעשטערונג און אַנאַרכיע, וואָס וועט קומען אין רוסלאַנד, וועט אויס־וואקסן אַ שטאַרקע רעאַקציאָנערע באַוועגונג, וואָס וועט זיי צוריק ברענגען צו דער מאַכט. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער סאַבאָטאַזש פון די פינאַנץ־לייט און באַנקירן, וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט דער קערענסקי־רעגירונג: פאַר די באָלשעוויקעס איז דאָס געווען רעכטס שברעכטס, אָבער פאַר די באַנקירן איז דאָס געווען רעוואָלו־ציאָנערער סאָציאַליזם און אַנאַרכיע.

אָבער יעדע אַרויסטרעטונג און יעדער שריט פון די רעאַקציאָנערן האָט אַרויסגערופן אַ נייע פאַרשטאַרקונג פון ראַדיקאַלע און מאַקסי־מאַליסטישע שטימונגען צווישן די מאַסן און די פּויערים, און יעדער עקסצעס פון דער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע האָט פון דאָס ניי פאַר־שטאַרקט דעם צאָרן פון די רעאַקציאָנערן. אַזוי האָבן זיך ביידע עקס־טרעמען פאַרשטאַרקט קעגנזייטיק איינע די אַנדערע, און די צייט־ווייליקע רעגירונג, וואָס האָט געפּרואווט איינהאַלטן דעם מיטן, איז אַלץ מער און מער אָפּגעשוואַכט און צעריבן געוואָרן צווישן די מיל־שטיינער פון עקסטרעמיזם.

דעם ערשטן שטאַרקן קלאַפּ האָט די צייטווייליקע רעגירונג באַקו־מען פון דעם אַזוי־גערופענעם יוני־אָנגריף אויפן פראָנט. אָבער נאָך פאַר דעם דאָזיקן אָנגריף זיינען פאָרגעקומען די יוני־געשע־ענישן אין פעטראָגראַד און די דעמאָנסטראַציע פון 18טן יוני.

10
פעטערבורג אין די יוני־טעג

די געשעענישן אויפן פראָנט און דער אומגליקלעכער קערענסקי־אָנגריף, וואָס האָט זיך אַזוי טראַגיש געענדיקט, האָבן אומגעהייער פאַרשטאַרקט די באָלשעוויסטישע שטימונגען אין לאַנד, און ווען איך זאָג דאָ באָלשעוויסטישע שטימונגען, האָב איך אין זינען — די שטרע־בונג צו פאַרענדיקן דעם קריג וואָס גיכער און פאַר יעדן פּרייז. די באָלשעוויסטישע פירערס האָבן די דאָזיקע געדאַנקען ניט אַלע מאָל אַרויסגעבראַכט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט, אָבער אַפילו ווען די פירערס האָבן דאָס ניט קלאָר געזאָגט, האָבן דאָס זייערע מאַסן זייער גוט פאַרשטאַנען. זיין אַ „באָלשעוויק" האָט אין יענע וואָכן געהייסן אָפּזאָגן זיך פון יעדער קריגס־פירונג און שליסן וואָס גיכער

שלום. דאָס איז געווען דער עיקר. צו דעם איז צוגעקומען ביי די פויע־רים די שטרעבונג צו דער אַגראַר־רעוואָלוציע, ביי די אַרבעטער אין די שטעט איז צוגעקומען די סאָציאַלע ליידנשאַפט, די קלאַסן־שנאה צו די קאַפּיטאַליסטן און פאַבריקאַנטן. אָבער די הויפּט־קראַפט, וואָס האָט געטריבן די באָלשעוויסטישע כוואַליע אַלץ העכער, איז געווען זייער פרידנס־פּראָפּאַגאַנדע. און די דאָזיקע פּראָפּאַגאַנדע האָט זייער געשיקט אויסגענוצט יענעם אומצוטרוי, וואָס די רוסישע מאַסן, דער־צויגן אין יאָרהונדערטער פון זעלבסטהערשאַפט, האָבן געהאַט קעגן יעדער רעגירונג, קעגן יעדן מיניסטער, קעגן יעדן „באַרין" (פּאַן). די מלחמה ווילן ווייטער פירן נאָר די „באַרינס" (די פּאַנעס) און דער פּשוטער נאַראָד, דאָס פאָלק וויל קיין קריג ניט. און דאָס פּשוטע פאָלק — דאָס זיינען די סאָוועטן. דאַרף מען זיין קעגן דער רעגירונג און פאַר די סאָוועטן. אָט אויף דעם איז געווען אויפגעבויט די גאַנצע פּראָפּאַ־גאַנדע פון די באָלשעוויקעס אין יענער צייט. און די דאָזיקע פּראָפּאַ־גאַנדע איז געפאַלן אויף אַ צוגעגרייטן באָדן. די פאַרשאַרפונג פון דער סאָציאַלער שנאה, פון דעם קעגנזאַץ צווישן פּשוטן המון און די „פּאַ־נעס", — דאָס האָט יעדער פון אונדז געקאָנט דערפילן אויף יעדן שריט און טריט.

גלייך אין די ערשטע טעג נאָך מיין קומען פון אויסלאַנד איז מיר אויסגעקומען דורכצופאָרן אין אַ טראַמוואַי דורך דעם וויבאָרגער ראַיאָן, איינע פון די סאַמע געדיכטע אַרבעטער־געגנטן פון פעטערבורג, וואו דער באָלשעוויזם איז געווען באַזונדערס שטאַרק. אין טראַמוואַי איז גע־ווען זייער ענג, די מענטשן זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעקוועטשט און מיר איז אויסגעקומען צו שטיין לעבן אַ מיטל־יאָריקער פרוי, אַן אַר־בעטערין, וואָס איז וואַרשיינלעך געפאָרן פון דער אַרבעט. ווי איך האָב זיך ניט באַמיט וואָס ווייניקער צו דריקן אויף מיינע שכנים און צו לאָזן זיי וואָס מער פּלאַץ, האָב איך אָבער דייטלעך באַמערקט, אַז די דאָזיקע אַרבעטער־פרוי שטופּט מיך די גאַנצע צייט בכיוון אויף אַ גאַנץ שאַרפן אופן. איך האָב צוערשט געשוויגן און דערנאָך האָב איך מיט אַ שמייכעלע אַ פרעג געטאָן: „פאַרוואָס שטופּט איר מיך די גאַנצע צייט, איך שטער דאָך אייך ניט?" — זי האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיר מיטן פּנים און האָט מיך בייז אַ פרעג געטאָן: „און פאַרוואָס זאָל איך דיך ניט שטופּן?" לויט איר ענטפער און לויט די פּנימער פון די אַרומיקע אַרבעטער האָב איך דייטלעך געזען, אַז איך בין פאַר זיי אַ „באַרין", — אַ מענטש אין אויסלענדישע קליידער מיט אַ קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, אין ברילן — ווער ווייס אים, וואָס ער איז, אַ קאַפּיטאַליסט, אַ באַאַמטער, אפשר גאָר אַ דוואָריאַנין, יעדנפאַלס, אַ „באַרין". היינט צו וואָס דאַרף מען מיט אים מאַכן צערעמאָניעס?! איך האָב ניט גע־וואוסט וואָס איך זאָל איר ענטפערן: גיי שטעל זיך אוועק דערקלערן, ווער איך בין און וואָס איך בין.

אַזוינע סצענעס האָט מען געקאָנט זען אויף יעדן טריט און שריט

אין יענער צייט. די פאַרביטערונג און אויפרעגונג קעגן די הערשדע קלאַסן איז שטאַרק געוואַקסן פון טאָג־צו־טאָג. און דאָס זיינען דיזעלבע הערשנדיקע קלאַסן, וואָס ניט נאָר וואָס זיי פאַרמאָגן אַלע פאַבריקן, די גאַנצע בילדונג און אַלע פּריווילעגיעס און „זויגן אויס דאָס בלוט פון די אַרבעטער", נאָר זיי פירן אויך ווייטער די מלחמה, וואָס דאָס פאָלק וויל איר ניט . . .

די דעמאַגאָגיש־פּאַציפיסטישע און מאַקסימאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע פון די באָלשעוויקעס האָט אין יענע טעג שטאַרק געווירקט אויף די מאַסן אין פּעטערבורג. דער פאַקט גופא, וואָס זיי זיינען געווען רעלאַטיוו שוואַך פאַרטראָטן אין די סאָוועטן, האָט איבערגעלאָזן פאַר זיי מער צייט פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע און אָרגאַניזאַציע אין די פאַבריקן און אין די קאַזאַרמעס. אין דער צייט, ווען די אָבאָראָנצעס האָבן זייערע בעסטע מענטשן אָוועקגעשיקט אין סאָוועט, אין דער רעגירונג, אין דער נייער אַדמיניסטראַציע, האָבן די באָלשעוויקעס אַלע זייערע פּראָפּאַגאַנדיסטן, אַגיטאַטאָרן און אָרגאַניזאַטאָרן געלאָזן אַרבעטן אין דער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. טאָג־איין, טאָג־אויס, פלעגן באָלשעוויסטישע רעדנער קומען אין די פאַבריקן; יעדן אָוונט פלעגן פאָרקומען מאַסן־מיטינגען אין פאַרשיידענע האַלס, אין צירקן, אין זאַלן. זיי האָבן אויך אויפגעבויט אין פּעטערבורג, ווי אויך אין אַנדערע שטעט אַ גאַנץ היפּשע אומלעגאַלע מ י ל י ט ע ר ־ אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע, בראש פון וועלכער עם זיינען געשטאַנען ק ר י ל ע נ ק אָ, פּ אָ ד װ ו אַ י ס ק י, ס י ע מ אַ ש ק אָ, דער שפּעטערדיקער קאָמיסאַר פאַר פאָלקס־געזונט, דער מינסקער פ אַ ז ע ר ן און אַ ריי אַנדערע אַלטע באָלשעוויסטישע אינטעליגענטן, וואָס זיינען אין דער צייט פון דער מלחמה געוואָרן רעזערוו־אָפיצערן.

מען קאָן זאָגן, אַז שוין אין אָנהייב יוני זיינען די באָלשעוויקעס געווען אין פּעטערבורג אַ פיל־שטאַרקערע מאַכט, איידער עס איז אויסגעקומען לויט דער צאָל פון זייערע דעלעגאַטן אויפן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר. און עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער ערשטער פּרוּוו פון די באָלשעוויקעס אַ רוק צו טאָן זיך צו דער מאַכט, צו מאַכן אַ רעפּעטיציע פון אַן אויפשטאַנד, איז אייגנטלעך שוין פאָרגעקומען דעם 10־טן יוני, אין די ערשטע טעג פון דעם סאָוועט־צוזאַמענפאָר, וועלכן איך האָב באַשריבן.

דעם 8־טן אָדער דעם 9־טן יוני, איך געדענק שוין ניט גענוי, איז מאַרק ל י ב ע ר, איינער פון די הויפּט־פירער פון צוזאַמענפאָר, געקומען צולויפן אין גאַנצן אַן אויפגערעגטער מיט עפּעס פּאַפּירלעך אין די הענט. די פּאַפּירלעך, דאָס זיינען געווען קאָרעקטור־אָפּדרוקן (פּרופס) פון באָלשעוויסטישע אויפרופן און פון דער „פּראַוודאַ". און אין די אויפרופן ווערן די אַרבעטער און סאָלדאַטן גערופן צו אַ קאָלאָסאַלער דעמאָנסטראַציע אין דעם טאָג פון 10־טן יוני. די סלאָגאַנס פון דער

דעמאָנסטראַציע זיינען געווען דיזעלביקע, וואָס לענין האָט אויסגע־רעכנט אין זיין רעדע אויפן צוזאַמענפאָר: „נידער מיט דער רעגירונג, די גאַנצע מאַכט צו די סאָוועטן; נידער מיט דער מלחמה, גלייך שליסן פרידן", אאַ"וו.

אין פרעזידיום פון צוזאַמענפאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלע־כער טומל. הייסט דאָס, אַז די באָלשעוויקעס מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, דעם העכ־סטן אָרגאַן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. הייסט דאָס, אַז די באָלשע־וויקעס העצן אויף די פעטערבורגער סאָלדאַטן, וואָס האָבן אין זייערע הענט־ביקסן, האַרמאַטן, קוילן־וואַרפערס, קעגן די סאָוועטן! די באָל־שעוויקעס, וואָס שרייען די גאַנצע צייט, אַז די גאַנצע מאַכט דאַרפן האָבן די סאָוועטן, ווילן ניט אָננעמען דעם באַשלוס פון די סאָוועטן (און דאָס איז דאָך דער צוזאַמענפאָר!) נאָר זיי ווילן אַרויפצווינ־גען אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן דעם ווילן פון דער באָל־שעוויסטישער פאַרטיי.

די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געווען אַביסל פאַרלאָרן, ווייל זיי האָבן געהאָפט צו מאַכן די דעמאָנסטראַציע אַלס אַן איבעררעאַשונג פאַר דעם צוזאַמענפאָר, האָבן פּראָטעסטירט קעגן דער „טיראַניי" פון צוזאַמענפאָר און האָבן געטענהט, אַז דאָס איז אין גאַנצן אַ פריד־לעכע דעמאָנסטראַציע, אַז איצט איז „פרייהייט" און אַלע בירגער האָבן דאָס רעכט צו דעמאָנסטרירן. אָבער פאַר מענטשן, וואָס זיינען געווען מער באַהאַוונט אין די פּאָליטישע באַציאונגען, איז געווען קלאָר, אַז דאָ ווערט געמאַכט אַ פּרוואו אַראָפּצוואַרפן די צייטוויייליקע רע־גירונג, אויב ניט דורך אַ דירעקטן אויפשטאַנד, איז וויניקסטנס, דורך דער דראָונג פון אַ באַוואָפנטן צוזאַמענשטויס צווישן די באָל־שעוויסטישע און ניט־באָלשעוויסטישע טיילן פון פעטערבורגער גאַר־ניזאָן. ווען מען פירט אַרום אויפן גאַס הונדערטע טויזנט באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען צעטיילט אויף צוויי מחנות, וועלכע זיינען איינע קעגן די אַנדערע פיינטלעך געשטימט, קאָן קיינער ניט פאָראויסזאָגן, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. עס קאָן זיין, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן בשלום; עס קאָן אָבער זיין, אַז פון דעם זאָל אַרויסקומען אַ שיסעריי, אַ בלוט־פאַרגיסונג, אַ בירגער־קריג.

די שטימונג פון גאַנצן צוזאַמענפאָר, אַפילו פון די לינקע סאָציאַ־ליסטן, אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָט זיך געווענדט קעגן די באָלשעווי־קעס. אַלע האָבן געשפירט, אַז דאָס איז אַ ניט־חברשע האַנדלונג, אַז דאָ איז עפּעס פאַראַן אַ פאַרבאַהאַלטענע אינטריגע און אפשר אַן ערנסטע־רע זאַך — אַ פאַרשווערונג קעגן דער איצטיקער רעוואָלוציאָ־נערער אָרדענונג. אין יאָרן אַרום האָט דער באַוואוסטער סאָציאַליסט סוכאַנאָוו, וואָס האָט אַליין באַלאַנגט צו די לינקע סאָציאַליסטן און איז געווען ענג באַפריינדעט מיט לונאַטשאַרסקי, גאָרקי און אַנדערע

— אין זיין בוך וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, צוגעגעבן, אַז עס האָט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן אַ מיליטערישער פאַרשווערונג פון די באָל־שעוויקעס קעגן דער ציטווייליקער רעגירונג און קעגן דעם סאָוועטן־צוזאַמענפאָר. ווען לענין האָט דערקלערט אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענ־פאָר, אַז זיין פאַרטיי איז גרייט איבערצונעמען די מאַכט כאָטש היינט, האָט ער דאָס ניט געמיינט בלויז פּרינציפּיעל, נאָר אויך פּראַקטיש. אָבער, זאָגט סוכאַנאָוו, עס איז אין יענעם מאָמענט ניט געווען קיין אינעווייניקסטע אייניקייט אין די באָלשעוויסטישע רייען אין דער פראַ־גע פון מאַכט. די פאַרשווערונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון מיליטע־רישן קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס און אַ טייל פון באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט האָט וועגן דעם בכלל ניט געוואוסט, אַ טייל איז געווען קעגן. לענין אַליין איז אויך ניט געווען אין גאַנצן אַנטשלאָסן, — לויט סוכאַנאָווס ווערטער. — זיין פּלאַן איז געווען אַזאַ: מאַכן די דעמאָנסטראַציע, אַריינציען אין איר וואָס מער סאָלדאַטן און אַרבעטער, און דערנאָך זען, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. (סוכאַנאָוו, באַנד 4).

אָבער וועגן דעם אַלעם האָט זיך די וועלט דערוואוסט ערשט שפּע־טער מיט אַ 4—5 יאָר. דעם 8־טן און 9־טן יוני, 1917, האָבן מיר נאָר געוואוסט, וואָס מען האָט אונדז געזאָגט. דעריבער זיינען פאַר אונדז, לינקע, די דערקלערונגען פון ליבערן און צערעטעלין, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן אמתער פאַרשווערונג, אויסגעקומען שטאַרק איבערגע־טריבן. אָבער אַפילו אויב ניט קיין פאַרשווערונג, איז דאָס אויך געווען אַ געפערלעכער ענין, וואָס האָט געדראָט צו צעשפּאַלטן די רוסישע רע־וואָלוציע. און דעריבער זיינען מיר אַלע אַרויסגעטראָטן ק ע ג ן ד י ב אָ ל ש ע ו ו י ק ע ס. אונטערן דרוק פון אָט דער שטימונג אויפן צו־זאַמענפאָר און זעענדיק, אַז די רעגירונג איז סאַי־ווי־סאַי אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע און וועט אָננעמען אירע מיטלען, האָבן די באָלשעווי־קעס באַשלאָסן „צו טאָן אַ טובה" דעם צוזאַמענפאָר און אָפּזאָגן זיך אין דער לעצטער מינוט פון דער דעמאָנסטראַציע. דערפאַר אָבער האָט דער צוזאַמענפאָר געמוזט באַשליסן, אַז ער וועט אַליין אָרגאַניזירן אין אַ וואָך אַרום, דעם 18־טן יוני, אַ גרויסע פ אָ ל ק ס - ד ע מ אָ נ־ ס ט ר אַ צ י ע לכבוד דער רעוואָלוציע און אין יענער דעמאָנסטראַציע, וואָס דאַרף פאָרקומען פרידלעך און אָן שום געווער, וועלן זיך קאָנען באַטייליקן אַ ל ע פּאַרטייען און ריכטונגען, אונטער זייערע אייגענע פענער און לאָזונגען.

אָט די דעמאָנסטראַציע איז טאַקע פאָרגעקומען אין דעם באַשטימטן טאָג און דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע פאָלקס־דעמאָנסטראַציע, וואָס איך פּערזענלעך האָב מיטגעמאַכט אין דעם נייען רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

מענטשן, וואָס האָבן געזען די מאַי־דעמאָנסטראַציע, האָבן מיר פאַר־זיכערט, אַז יענע איז געווען פיל גרעסער, פיל שענער און געהויבענער

איידער די דעמאָנסטראַציע פון 18־טן יוני. אָבער אין מיינע אויגן איז די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע אויסגעקומען גענוג גרויס און אימפּאָנירנ־דיק. מיך האָבן אינטערעסירט דער עיקר ניט די צאָל מענטשן, ניט די אויסגעשרייען, אָדער די לידער — איך האָב געזען גענוג גרויסע דעמאָנ־סטראַציעס אין בערלין, אין בריסל און אין ווין! מיך האָט פריער פאַר אַלץ אינטערעסירט די שטימונג פון די מאַסן, און דאָ איז פאַר מיר צום ערשטן מאָל דייטלעך געוואָרן דער אומגעהייערער איינפלוס, וואָס עס האָבן באַקומען אין פעטערבורג די באָלשעוויקעס. די באָלשעוויקעס זיינען שטענדיק געווען מייסטערס אויף צו אָרגאַניזירן פאַראַדן און אויף צו ווירקן אויף דער עפנטלעכער מיינונג. ווען עס איז געגאַנגען אַ מענ־שעוויסטישע פאַבריק אָדער אזא, אין וועלכער עס האָבן געהערשט סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָט מען געטראָגן איין פאָן און עטלעכע פלאַקאַטן: „עס זאָל לעבן די ציימווייליקע רעגירונג, עס זאָל לעבן די רוסי־שע רעוואָלוציע, עס זאָל לעבן אַ דעמאָקראַטישער שלום, עס זאָל לעבן דער סאָציאַליזם!" אאַ"וו. ווען עס איז אָבער געגאַנגען אַ באָלשעוויסטישע פאַבריק, האָבן דיזעלבע טויזנט אַרבעטער געטראָגן 10 פאָנען און 30—40 פלאַקאַטן: „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן, נידער מיט די מיניסטאָרן־קאַ־פּיטאַליסטן, נידער מיטן קריג!" אאַ"וו.

אַפילו ווען די באָלשעוויקעס וואָלטן געהאַט דיזעלבע צאָל אַרבעטער אין דער דעמאָנסטראַציע ווי די סאָציאַליסטן, וואָלט דער איינדרוק גע־ווען דאָך דער, אַז זיי האָבן אַ מערהייט (לויט דער צאָל פון זייערע פאָנער און פלאַקאַטן!). איך האָב אָבער געהאַט דעם איינדרוק, אַז די צאָל באָל־שעוויסטישע דעמאָנסטראַנטן איז טאַקע געווען אַ גרעסערע ווי די אַנדערע. דעם צווייטן אָרט נאָך די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווייל איך האָב זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט. אַז אין דער אַרבעטער־שטאָט פעטערבורג זאָלן זיין אַזוי פיל סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אין די פאַבריקן. (אַריינטראַכטנדיק זיך שפּעטער אין דער דאָזיקער דערשיינונג האָב איך פאַרשטאַנען, פון וואַנען דאָס קומט: אין דער צייט פון דער מלחמה זיינען אַריינגעקומען אין פעטערבורג אַ גרויסע צאָל פרישע אַרבעטער פון דאָרף. אַחוץ דעם איז דער פּרעס־טיזש פון קערענסקין און זיין פּאַרטיי געווען נאָך קאָלאָסאַל גרויס אין יענעם מאָמענט). און ערשט אויפן דריטן אָרט זענען געשטאַנען די מענשעוויסטישע אַרבעטער מיט זייערע פאָנער און פלאַקאַטן.

איך בין געשטאַנען צוזאַמען מיט אַ גרופּע דעלעגאַטן פון צוזאַמענ־פאָר, לעבן מיר איז געשטאַנען אַן אַלטער באָלשעוויק, מיט וועלכן איך בין געווען באַקאַנט נאָך פון יאָר 1905, ווען מיר זיינען ביידע געווען מיטגלידער פון רוסלענדער צ. ק.; איך בין געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער און אַ נידערגעשלאָגענער. ער — אַ טריאומפירנדיקער און מיט דעם פּנים פון אַ זיגער. „נו, וואָס וועט איר זאָגן?" — האָט ער מיך געפרעגט. איך האָב ניט געוואָלט ענטפערן דירעקט, האָב איך פאַרפירט דעם גע־

שפּרעך אויף דער טעמע, פון וואַנען עס נעמען זיך אַזוי פיל סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אין פּעטערבורג. אָבער דער קלוגער דעמיאַן, וועלכן מיר האָבן אין „בונד" שטענדיק גערופן „פערד־גנב", האָט נאָר גע־שמייכלט. ער האָט דייטלעך געזען, וואָס פאַר אַן איינדרוק די דעמאָנ־סטראַציע האָט אויף מיך געמאַכט.

אָבער די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געענדיקט פאַר מיר מיט נאָך אַ פיל אומאנגענעמערן עפּיזאָד. צווישן די טויזנטער רויטע פענער, וואָס זיינען דעם טאָג געטראָגן געוואָרן אין די גאַסן פון פּעטערבורג, איז געווען אויך אַ אידישע פאָן: דאָס איז געווען די פאָן פון „אַלגעמיינעם אידישן אַרבעטער בונד", די פאָן פון אונדזער פּעטערבורגער גרופּע. הינטער איר זיינען געגאַנגען אין גאַנצן אַ פאַר הונדערט מענטשן, אידי־שע אַרבעטער און אינטעליגענטן. די פּעטערבורגער בונדישע גרופּע איז געווען זייער אַ רעכטע, פון די סאַמע פאַרברענטע אָבאָראָנצעס. די פּלאַקאַטן, וואָס אונדזער גרופּע האָט געטראָגן האָבן פאַרלאַנגט „פולן צוטרוי צו דער צייטווייליקער רעגירונג", און גראָד איז אויסגעקומען, אַז אונדזער קליינע קופּקע מענטשן מיט דער אידישער פאָן און מיט די רוסישע פּלאַקאַטן וועגן צוטרוי צו דער צייטווייליקער רעגירונג איז אריינגעפאַלן צווישן די טויזנטער רוסישע אַרבעטער פון פּוטילאָווער פאַבריק, וואָס זיינען געווען שאַרף באָלשעוויסטיש געשטימט. גייענדיק אַזוי אין דער דעמאָנסטראַציע, האָט מען זיך צעווערטלט, און צווישן די פּוטילאָווער אַרבעטער האָבן זיך דערהערט אַנטיסעמיטישע אויסגע־שרייען, און איינער פון זיי האָט אַראָפּגעריסן די בונדישע פאָן. אונדזער אַלטער ווירגילי־קאַהאַן, וואָס האָט די פאָן געטראָגן, האָט זיך איינגע־שטעלט פאַרן כבוד פון אונדזער פאָן, און עס איז פאָרגעקומען אַ קליינער געשלעג. ווען איך האָב שפּעטער געזען אונדזערע חברים מיט דער צעריסענער פאָן און האָב דערהערט די איינצלהייטן פון גאַנצן צוזאַמענ־שטויס, איז מיר געוואָרן אויפן האַרצן נאָך אומעטיקער. אין די שפּע־טערדיקע צייטן איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו באַמערקן די מערק־ווירדיקע פאַרבינדונג פון סאָציאַלער דעמאַגאָגיע און רעוואָלוציאָנעריש־קייט מיט אַנטיסעמיטיזם. וואָס נעענטער עס איז צוגעקומען צו די אָק־טאָבער־טעג, אַלץ אָפטער האָט מען געקאָנט באַמערקן אין פּעטערבורג, אַז אין די זעלבע קופּקעס אויפן גאַס, וואו מען שרייט וועגן שלום, רעדט מען אויך וועגן דעם, אַז קערענסקי איז אַ איד און זיין אמתער נאָמען איז גאָר קערענסאָן.

די רעוואָלוציע צעשפּאַלט זיך

1

דער רוסישער אַנגריף פון יוני 1917

דאָס געפיל, אַז די מלחמה איז פאַר רוסלאַנד פּראַקטיש פאַרענ־דיקט, און די רוסישע אַרמיי איז מער ניט פעאיק צו פירן ווייטער דעם קריג, איז אין מיטן יוני, 1917, שוין געווען גאַנץ קלאָר פאַר אַלע, וואָס האָבן געוואָלט זען די פאַקטן אַזוי ווי זיי זיינען. אָבער די פירנדיקע קרייזן פון דער ציטווייליקער רעגירונג און פון די אָבאַראָנצעס האָבן דאָס בשום אופן ניט געוואָלט איינזען. פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געמאַכט די פעברואַר־רעוואָלוציע, מיינענדיק, אַז דער צוזאַמענברוך פון צאַריזם וועט שאַפן אין רוסלאַנד אַ נייעם רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָ־טיזם און וועט דורך דעם פאַרשטאַרקן רוסלאַנדס ראָלע אין דער מלחמה קעגן דייטשן קייזערטום, איז געווען פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך צוצו־געבן, אַז די דאָזיקע גאַנצע טעאָריע איז געווען אַ פאַלשע. זיי האָבן אַלץ געהאָפט, אַז דורך רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, דורך אַפּע־לאַציע צו דעם נייעם געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס דער רו־סישער בירגער דאַרף איצט האָבן פאַר זיין רעפּובליקאַנישן פאָטער־לאַנד, וועט זיך איינגעבן אויפצוהאַלטן דעם מוט און צו פאַרשטאַרקן דעם קאַמפּס־ווילן פון די רוסישע מאַסן. דעריבער האָט קערענסקי גראָד אין דעם מאָמענט, ווען אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן איז פאַר אונדז אַזוי קלאָר געוואָרן די גאַנצע האָפנונגסלאָזיקייט פון דער ווייטערדיקער רוסישער מלחמה־פירונג, באַשלאָסן צו „ברעכן די שטימונג" און אַריינצוטראָגן אַ נייע באַגייסטערונג אין די מאַסן ניט דורך פּראָפּאַגאַנדע, נאָר דורך טאַט, דורך מעשים, און די מעשים זיינען באַשטאַנען אין דעם, וואָס די רוסישע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן אַן אַ נ ג ר י ף א ו י ף ן ד י י ט ש ן פ ר אָ נ ט.

טעכניש איז די אָפּעראַציע געווען גוט צוגעגרייט, ס'האָט זיך איינ־געגעבן צו פאַרבאַרגן די צוגרייטונגען פון דעם דייטשן שפּיאָנאַזש, אַזוי אַז דער רוסישער אַנגריף איז געווען אַ פולשטענדיקע איבערראַשונג פאַר די דייטשן. דער ווידערשטאַנד, וואָס די דייטשע אַרמייען האָבן אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ גאַנץ שוואַכער. ערשטנס, צוליב אָט דער איבערראַשונג, צווייטנס, צוליב דעם, וואָס גרויסן טיילן פון די דייטשע חיילות זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן פון רוסיש־דייטשן פראָנט נאָך מיט אַ צייט צוריק.

דער אָנהייב פון רוסישן אַנגריף איז פאָרגעקומען דעם 18-טן יוני, אין דער אָנוועזנהייט פון קערענסקין, וואָס איז פערזענלעך אַרויסגעפאָרן אויפן פראָנט. די רוסישע סאָלדאַטן האָבן זיך געהאַלטן גאַנץ גוט, אָבער דאָס האָט מען דערגרייכט דורך דעם, וואָס מען האָט די „אומזיכערע" פאָלקן געלאָזן אין אַ זייט, און אַוועקגעשיקט אין קאַמף נאָר די, ביי וועלכע עס איז נאָך געווען אַ געוויסע קריגערישע שטימונג.

די ערשטע טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען אין פעטערבורג דעם 19-טן יוני און האָבן געווירקט ווי אַ דונער. אָבער ווי פאַרשיידן דער דאָזיקער דונער האָט געווירקט אויף די פאַרשיידענע טיילן פון דער באַפעלקערונג! אין די קרייזן פון דער רעגירונג, ביי די בורזשואַזע פאַרטייען, ביי אַ טייל אָבאָראָנצעס האָט די דאָזיקע נאַכריכט וועגן די רוסישע זיגן אויפן דייטשן פראָנט אַרויסגערופן אַן אומגעהייערע באַגייסטערונג. מען האָט איינע די אַנדערע אָפּגעגעבן מזל-טוב אין די גאַסן און אויף ניעווסקי פּראָספּעקט איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ דעמאָנסטראַציע. מען האָט געשריען הורא, מען האָט געטראָגן פאָנען, מען האָט טריאומפירט.

אָבער גאָר אַנדערש האָט געווירקט די נאַכריכט וועגן דער באַנייאונג פון די קריגס-אָפּעראַציעס אויף די מאַסן, אויף די אַרבעטער אין די פעטערבורגער פאַבריקן, אויף די סאָלדאַטן פון פעטערבורגער גאַרניזאָן. אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, וואָס איז נאָך ניט געווען פאַרענדיקט (דער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַרמאַכט ערשט דעם 23-טן יוני) זיינען פיל דעלעגאַטן אַרומגעגאַנגען צעטומלטע, פאַרלאָרענע. הייסט דאָס, אַז דער קריג וועט נאָך גיין ווייטער? הייסט דאָס, אַז די מלחמה הייבט זיך אָן אויף אַ נייעם קאָן? און די אָנגרייפער זיינען דאָס מאָל גאָר מיר, די רוסישע רעוואָלוציע?!

די גרעסטע צעטומלונג און נידערגעשלאָגנקייט האָט די נאַכריכט וועגן דעם אָנגריף פון 18-טן יוני געמאַכט צווישן יענע טויזנטער רעזערוו-סאָלדאַטן, וואָס זיינען אָקערשט מאָביליזירט געוואָרן אין פעטערבורגער געגנט ווי אין גאַנץ רוסלאַנד. דאָס איז גראָד געווען דער מאָמענט, ווען די ציטווייליקע רעגירונג האָט מאָביליזירט די 40-יאָריקע „זאַפּאַסנע" (רעזערוויסטן). צענדליקע טויזנטער 40-יעריקע פּויערים האָבן זיך געצויגן פון די דערפער אין די שטעט, צו די מאָביליזאַציע-פונקטן. עס איז געווען דער אָנהייב פון זומער, די צייט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פעלד-אַרבעטן, און יעדער פּויער האָט זיך געמוזט אָפּרייסן ניט נאָר פון זיין פאַמיליע, נאָר אויך פון זיין סאָכע. דאָס איז געווען אין גאַנצן אַן אומפאַרשטענדלעכע און אומנוציקע מאָביליזאַציע. די רוסישע אַרמיי האָט זיך גענויטיקט ניט אין מענטשן, נאָר אין געווער און טעכנישע קריגס-געצייג. אויפן פראָנט זיינען סאַי-ווי-סאַי געשטאַנען 10 אָדער 12 מיליאָן סאָלדאַטן, שלעכט-באַוואָפנטע, שלעכט-דיסציפּלינירטע, אומצופרידענע, אויסגעמאַטערטע. צוגעבן צו זיי נאָך

אַ פּאָר הונדערט טויזנט עלטערע מענטשן, נאָך ווייניקער באַוואָפנטע, נאָך ווייניקער דיסציפּלינירטע, נאָך מער אומצופרידענע, איז געווען אַ קנאַפּער געווינס פאַר דער שלאַג-קראַפט פון דער אַרמיי. דערפאַר אָבער איז דער פּאָליטישער און פּסיכאָלאָגישער פאַרלוסט פון דער מאָביליזירונג געווען אַ געוואַלדיקער. פינצטערע, אָנגעכמאַרעטע, בייזע זיינען די דאָזיקע 40-יעריקע פּויערים אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון פּעטערבורג מיט פאָנען און פּלאַקאַטן: „לאָזט אונדז שאַפן ברויט, ברויט איז דאָך אַ פאָלקס-זאַך!". די צושויער אויף די גאַסן האָבן געפילט, זעענדיק די דאָזיקע פּלאַקאַטן, אַז די פּויערים זיינען גערעכט. צונעמען זיי פון לאַנדווירטשאַפט איז אַ גרויסער עקאָנאָמישער פאַרלוסט, און אויפן פראָנט דאַרף מען זיי סאַי-ווי-סאַי ניט האָבן

און אָט גראָד אין דעם מאָמענט קומט דער אָנגריף פון 18-טן יוני.

אין דער קריגס-קונסט איז פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן סטראַטעגישן אָנגריף און טאַקטישן אָנגריף. אַן אַרמיי קאָן מאַכן אין איין טייל פון פראָנט אַ טאַקטישן אָנגריף און דאָס מיינט גאָרניט, אַז די אַרמיי גרייפט אָן אין דער אמתן. די אמתע לאַגע קאָן זיין אַזאַ, אַז די אַרמיי טרעט גאָר אָפּ צוריק, און דער אָרטיקער אָנגריף איז געמאַכט געוואָרן נאָר כדי צו פאַרטומלען דעם קעגנער, אָדער צו געווינען עפּעס אַ נויטיקן לאָקאַלן דערפאָלג. אויך קערענסקים אָנגריף פון 18-טן יוני איז געווען אַ טאַקטישער און ניט קיין סטראַטעגישער. ער האָט בשום אופן ניט געמיינט, אַז די רוסישע אַרמיי וועט בכלל איבערגיין צו אַן אָנגריף אויף דייטשלאַנד.

אָבער די ברייטע מאַסן פון פאָלק פאַרשטייען דעם אונטערשייד ניט, יעדנפאַלס האָט מען דאָס ניט פאַרשטאַנען אין רוסלאַנד אין יוני, 1917, און דעריבער האָט דער אָנגריף אָנשטאָט באַגייסטערונג אַרויסגערופן ביי די רוסישע מאַסן אַ טיפע דערשיטערונג. ס'טייטש, מיר זאָגן דאָך אַלע, אַז מיר ווילן פאַרענדיקן דעם קריג, מיר רעדן אַלע וועגן שלום; די סאָוועטן און אַפילו די ציטווייליקע רעגירונג האָבן דערקלערט, אַז זיי שטרעבן צו אַן ערנהאַפטן שלום. און מיט אַמאָל ווערן מיר גאָר די אָנגרייפער, די אַגרעסאָרן, — מיר, די אַרמייען פון דער רוסישער רעוואָלוציע!

ביי די מאַסן איז אויסגעקומען, אַז דאָ איז פאַראַן אַן אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך, אַ ניט-אויפריכטיקייט. מען האָט אָנגעהויבן חושד צו זיין די ציטווייליקע רעגירונג, אַז רעדן רעדט זי וועגן שלום און אין דער אמתן געפינט זי זיך אין די הענט פון קאַפּיטאַליסטן, אימפּעריאַליסטן, — אַזוינע ווי מיליוקאָוו. די גאַנצע שטימונג, וואָס איז געוואָרן אַ ביסל רואיקער אין דער צווייטער העלפט יוני, האָט זיך פון דאָס ניי פאַרשאַרפט. און ווען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך די ראָד אויפן פראָנט איבערגעדרייט און די דייטשן זיינען אַרויסגעטראָטן מיט אַ קעגן-אָפענסיווע, וואָס האָט צעריסן דעם רוסישן פראָנט ביי טאַרנאָ-

פאַל, און די רוסישע אַרמייען האָבן זיך אַ קייקל געטאָן צוריק, ניט שטעלנדיק כמעט קיין ווידערשטאַנד און מאַכנדיק דערביי נאָך אַ פּאָר פּאָגראָמען אויך. — דאָן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער גאַנצער אָנגריף פון 18־טן יוני איז געווען ניט מער ווי אַ לייכטזיניקע אַוואַנטורע, וואָס האָט געבראַכט דעם גרעסטן שאָדן. דאָס איז געווען איינער פון די שווערסטע קלעפּ פאַר דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך אַזוי הערלעך אָנגעהויבן אין פעברואַר, 1917. לויט מיין פּערזענלעכן איינדרוק איז דער אָנגריף פון 18־טן יוני געווען דער אמתער איבערברוך־פּונקט אין דעם באַרג־אַרויף פון דער רעוואָלוציע. עס איז מעגלעך, אַז אויך אָן דעם דאָזיקן פעלער, וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט, וואָלט דער גורל פון דער רעוואָלוציע געווען דערזעלביקער, אָבער פאַר מיר איז קיין ספק ניטאָ, אַז די בלינדקייט פון די רעגירנדיקע קרייזן, וואָס האָבן בשום אופן ניט געוואָלט פאַרשטיין דעם אמתן כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט אומגעהייער פאַרגיכערט און פאַרשאַרפט די קאַטאַ־סטראָפע. ווי איך פאַרשטיי די אַנטוויקלונג, איז דעם 18־טן יוני פאָר־געקומען דער ערשטער גרויסער זיג פון באָלשעוויזם אין רוסלאַנד.

און דאָס האָבן באַלד באַוויזן די יולי־טעג אין פּעטראָגראַד.

2

די יולי־טעג 1917

דעם 3־טן יולי, 1917, בין איך אַוועקגעפאָרן טרעפן זיך מיט מיינעם אַ פריינט, אין זיין דירה אויף „פּעטערבורגער זייט”. די פענצטער פון זיין צימער זיינען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ גרויסע פּלאַץ. טרינקענדיק טיי און שמועסנדיק מיט אים, האָב איך מיט אַמאָל באַמערקט אויפן שטילן פּלאַץ עפּעס אַ צוזאַמענלויף פון פיל מענטשן: סאָלדאַטן, אַר־בעטער, ציוויל־מענטשן. די צייט איז געווען אָן אומרואיקע, האָב איך באַשלאָסן אַראָפּצוגיין און אַ קוק צו טאָן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָרט. איך קום צו נעענטער און זע, אַז אַן עולם פון עטלעכע צענדליק מענטשן האָט אַרומגערינגלט צוויי אויטאָמאָבילן. אין איין אויטאָמאָביל זיצן סאָלדאַטן און אין דעם צווייטן אויטאָמאָביל זיצן עפּעס איבערגע־שראָקענע ציוויל־מענטשן מיט בלייכע פּנימער און צעשראָקענע אויגן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — גיב איך אַ פרעג. — איך בין אַ מיט־גליד פון „ציק” (צענטראַלני איספּאָלניטעלני קאָמיטעט, — עקזעקוטיוו קאָמיטע פון די סאָוועטן).

די סאָלדאַטן האָבן זיך גלייך אַרומגעקליבן אַרום מיר און איינער פון זיי האָט מיר אָנגעהויבן צו דערקלערן:

— איר פאַרשטייט, חבר, איך וויל רעקווירירן ביי זיי דעם אויטאָ־מאָביל און זיי לאָזן ניט.

— און פאַרוואָס ווילט איר רעקווירירן ביי זיי דעם אויטאָמאָביל?

— וואָס הייסט, — גיט אויף מיר דער סאָלדאַט אַ קוק אַ פאַרוואונדערטער, — איר ווייסט דען ניט? מיר האָבן דאָך באַקומען אַ באַפעל אַרויסצוטרעטן, דאַרפן מיר האָבן אויטאָמאָבילן.

— אַ באַפעל אַרויסצוטרעטן? און ווער האָט אייך געגעבן אַזאַ באַפעל? מיר אין „ציק" ווייסן וועגן דעם ניט.

מיט נאָך אַ גרעסערער פאַרוואונדערונג האָט דער סאָלדאַט אַ קוק געטאָן אויף מיך, האָט אָנגעהויבן עפּעס צו שטאַמלען און זעענדיק, אַז איך פאַרשטיי אים ניט, האָט ער האַפנונגסלאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. וויפיל פראַגן איך האָב אים ניט געשטעלט, האָט ער געשוויגן און ניט געענטפערט. דער עולם איז געשטאַנען אַרום, האָט זיך צוגעהערט צו אונדזער געשפּרעך און האָט געשוויגן. איך האָב געהייסן באַפרייען די צעשראָקענע מענטשן מיט זייער אויטאָמאָביל און די סאָלדאַטן האָבן געפאָלגט. דערנאָך האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין זייער מיליטערישן אויטאָמאָביל און זיינען אַוועקגעפאָרן.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען. איך בין אָבער געוואָרן זייער אומרואיק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס טוט זיך אין פּעטערבורג, און איך האָב אויך גלייך פאַרשטאַנען, ווער עס טוט. האָב איך געכאַפּט דעם ערשטן איזוואָזטשיק און בין אַוועקגעפאָרן אין סאָוועט, צום טאַווּרישן פּאַלאַץ. ווען איך בין אָנגעקומען אַהין, האָב איך שוין געפונען אין פּרעזידיום אַ ריי ענלעכע מעלדונגען פון אַנדערע טיילן פּעטערבורג. עפּעס אַ געהיימניספולע אָרגאַניזאַציע האָט געגעבן באַפעלן וועגן אַרויסטרעטונגען אין די קאַזאַרמעס, אין די פאַבריקן. און אומעטום האָבן זיך די אויפגערעגטע מאַסן אָנגעהויבן צו רירן און אַרויסצוגיין אין גאַס. און די מעלדונגען זיינען געוואָרן אַלץ מער אומרואיקע. אין די פאַרשטעט האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. סאָלדאַטן זיינען אַרוים אין די גאַסן מיט געווער. הונדערטער אויטאָמאָבילן האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן פון פּעטערבורג מיט סאָלדאַטן, אַרבעטער און סתם־עולם. וואוהין און פאַרוואָס? דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. אָבער באַלד זיינען די מעלדונגען געוואָרן נאָך אומרואיקער: אין אייניקע פּונקטן האָט מען ג ע ש אָ ס ן. געשאָסן פון ביקסן, געשאָסן מיט קוילן־וואָרפערס. אויטאָמאָבילן און טראָקס, אָנגעלאָדענע מיט סאָלדאַטן, האָבן זיך מיט אַ משוגענער גיכקייט אַרומגעטראָגן איבער די הויפּט־גאַסן פון פּעטערבורג, און דאָס כאַראַקטעריסטישע „טאַ־טאַ־טאַ" פון די קוילן־וואָרפערס האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן אַלץ אָפטער און אָפטער. דאָס רוב האָט מען געשאָסן אין דער לופטן, אָבער באַלד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע דערהרגעטע און פאַרוואונדעטע.

אין סאָוועט האָבן זיך אָנגעהויבן אומאונטערבראָכענע טומלדיקע זיצונגען. די טעלעפאָנען האָבן ניט אויפגעהערט צו קלינגען פון אין דער פרי ביז ביינאַכט. שפּעט ביינאַכט, ווען אויף די גאַסן איז געוואָרן אַ ביסל

רואיקער, האָבן זיך אין טאַווערישן פּאַלאַץ אָנגעהויבן זיצונגען פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און פון די קאָמיסיעס. דאָס בילד איז געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער. ווידער אַמאָל, ווי אין דער נאַכט פון 9־טן יוני אי,ז



די יולי־־טעג 1917 אין פּעטראָגראַד

די מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פון די באָלשעוויקעס געווען די אָרגאַניזאַטאָרין פון דער באַוועגונג. און פון דאָס ניי האָט דער אָפיציעלער צענטראַל־קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס געלייקנט זיין איניציאַטיוו און האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די אַרויסטרעטונגען. ער האָט אָפיציעל דערקלערט, אַז ער ווייסט פון קיין זאַך ניט און איז גאָט די נשמה שולדיק.

אזוי־אַרום איז די באַוועגונג געבליבן אָן אַ פּאָליטישן צוועק, אָן אַ פּאָליטישער פירונג, אָן אַ צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע. מען האָט אַרויסגערופן די מאַסן אויף דער גאַס און מען האָט זיי איבערגעלאָזן איינע אַליין: טוט, וואָס איר פאַרשטייט! איז מען אַרומגעפלויגן אויף טראָקס אין די גאַסן, האָט מען געשאָסן איינע אויף די אַנדערע, אין די פענצטער פון הייזער און סתם אין דער לופט. פיל פאַבריקן האָבן אָפּגע־שטעלט די אַרבעט. און וואוהין זאָלן גיין די אַרבעטער, ווען די פאַבריק סטרייקט? גייט מען צום סאָוועט, ד"ה צום טאַווריִשן פּאַלאַץ. און אַז מען גייט, נעמט מען מיט די אַלטע פאָנען און פּלאַקאַטן, וואָס זיינען גע־בליבן פון דער דעמאָנסטראַציע פון 18־טן יוני. און אויף די פּלאַקאַטן שטייט: „נידער מיט די מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן!"

אָבער די „קאַפּיטאַליסטן" זיינען שוין אין דעם מאָמענט מער ניט געווען קיין מיניסטאָרן. די באַוועגונג איז אויסגעבראָכן גראָד אין דעם טאָג, ווען די קאָאַליציע־רעגירונג — פירשט לוואָוו־קערענסקי־צערעטעלי — איז אויפגעריסן געוואָרן דורך דעם, וואָס די בורזשואַזע „קאַדעטישע" מיניסטאָרן האָבן דערלאַנגט אין דימיסיע. און דערלאַנגט אין דימיסיע האָבן זיי צוליב דעם, וואָס דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיניסטער צע־רעטעלי און דער אומפּאַרטייאישער בורזשואַזער מיניסטער טערעש־טשענקאָ האָבן אין קיעוו פאַרהאַנדלט מיט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטן און האָבן געגעבן דער אוקראַינישער „ראַדע" היפּשע הנחות, וואָס האָבן פּראַקטיש באַדייט אויטאָנאָמיע פאַר אוקראַינע.

אזוי ווי די רוסישע „קאַדעטן" זיינען געווען קעגן דער אוקראַיני־שער אויטאָנאָמיע, זיינען זיי אַרויסגעטראָטן פון דער רעגירונג און די רעגירונג האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

כמעט אין דעם זעלבן מאָמענט איז אויך צוזאַמענגעבראָכן דער קערענסקי־אָנגריף אויפן דייטשן פראָנט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 18־טן יוני. די רוסישע אַרמייען האָבן זיך ענדגילטיק אָפּגעזאָגט צו קעמפן.

אַלע פרוּוון אויפצולעבן דעם מיליטערישן אָנגריפס־גייסט זיינען דורכגעפאַלן. די פּאָליטישע קאָמיסאַרן, וואָס דער סאָוועט האָט גע־שיקט אויפן פראָנט, כדי דאָרטן צו פירן פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיך דאָרטן אָנגעשטויסן אויף זייער אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד פון די באָלשעוויס־טישע אַגיטאַטאָרן און פון סתם אומצופרידענע סאָלדאַטן. אין אייניקע ערטער זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די צעבושעוועטע סאָלדאַטן און די פאַרטרעטער פון סאָוועט. צווישן די קאָמיסאַרן פון סאָוועט איז געווען אויך דער באַרימטער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַדוואָקאַט נ. סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן צוליב זיין מוטיקער פאַרטיידיקונג פון פאַר־משפּטע רעוואָלוציאָנערן אין דער צאַרישער צייט. דאָס איז געווען דער זעלבער סאָקאָלאָוו, וואָס איז געווען דער פאַרפאַסער פון באַרימטן

„באַפעל נומער 1״ וועגן די רעכט פון די סאָלדאַטן. אין איינעם פון די דערמאָנטע צוזאַמענשטויסן איז סאָקאָלאָוו שטאַרק צעשלאָגן און צע־בלוטיקט געוואָרן פון סאָלדאַטן. מען האָט אים אַרויסגעראַטעוועט קוים אַ לעבעדיקן, מיט אַ צעמזיקטן קאָפּ, און ער איז דערנאָך וואָכן־לאַנג אַרומגעגאַנגען מיט אַ ווייסן באַנדאַזש אויף זיינע שוואַרצע האָר.

אַ שווערער קריזיס אין דער רעגירונג, אַ מפּלה און אַ דעמאָראַלי־זאַציע אויפן פראָנט, אַן אַלגעמיינע צערודערונג אין לאַנד און אַ סטי־כישע, אומאָרגאַניזירטע מאַסן־באַוועגונג מיט אַ שיסעריי און באַ־וואָפנטע דעמאָנסטראַציעס אויף די גאַסן פון פּעטערבורג! אָט דאָס איז געווען די קאַטאַסטראָפאַלע לאַגע, אין וועלכער מיר האָבן זיך גע־פונען דעם 3־טן, 4־טן און 5־טן יולי אין פּעטערבורג.

דער באַלאַגערטער סאָוועט. — אוריצקי און די פּוטילאָווער אַרבעטער

דער סאָוועט, דער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט, די סאָציאַ־ליסטישע מיטגלידער פון דער רעגירונג זיינען אין משך פון דריי טעג געווען באַלאַגערט אין טאַווּרישן פּאַלאַץ. פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן צום פּאַלאַץ געשטראָמט צענדליקע און הונדערטע טויזנטער דעמאָנסטראַנטן: אַרבעטער פון פאַבריקן מיט זייערע פּע־נער; סאָלדאַטן פון די קאַזאַרמעס מיט ביקסן און קוילן־וואַרפערס; די „40־יאָריקע״ רעזערוויסטן, וועגן וועלכע איך האָב שוין דערמאָנט, מיט זייערע ווייסע פּענער וועגן „ברויט״, און באַוואָפנטע מאַטראָסן פון קראָנשטאַדט. טאָג און נאַכט איז דער טאַווּרישער פּאַלאַץ געווען באַ־לאַגערט פון אַלע זייטן מיט טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געשריען, געליאַרעמט און געפּאָדערט; אָבער וואָס? דאָס האָט קיינער ניט גע־וואוסט! און די פירערס, וואָס האָבן אויפגעהעצט די גאַנצע באַווע־גונג, — די באָלשעוויקעס, — האָבן זיך אַליין ניט געקאָנט אַנטשליסן צו שטעלן זיך בראש פון די מאַסן, וועלכע זיי האָבן אַרויסגערופן אויף דער גאַס.

די פירערס פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָבן אַרויסגערופן צו זיך איינעם פון די פּאָלקן, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געקאָנט פאַרלאָזן, און האָבן אַוועקגעשטעלט אַ באַוואָפנטע וואַך אין דעם גאָרטן און אין די לאַנגע קאָרידאָרן פון טאַווּרישן פּאַלאַץ. די שוואַרצע רערן פון די קוילן־וואַרפערס זיינען געווען געווענדט צו די טירן און טויערן פון טאַווּרישן פּאַלאַץ און סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען אַרום די קוילן־וואַר־פערס און די פּיראַמידעס אויפגעשטעלטע ביקסן. אָבער צי וואָלטן די סאָלדאַטן טאַקע געשאָסן, ווען עס וואָלט געקומען צו אַן אמתן צוזאַ־מענשטויס און צו אַן אָנגריף אויף אונדז? דאָס איז אַ גרויסע פראַגע. דער שוין־דערמאָנטער היסטאָריקער סוכאַנאָוו האָט אין זיין בוך וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז אַרויס אין 1922, גע־שריבן, אַז דער דאָזיקער פּאָלק, וועלכן דער סאָוועט האָט איינגעלאַדן

אלס זיין פארטיידיקער, איז גאר געווען א באלשעוויסטישער פאלק, וואס האט זיך אין גאנצן געפונען אין די הענט פון דער באלשע־וויסטישער מיליטער־ארגאניזאציע. אויפן צווייטן טאג ביינאכט האבן זיך די טויערן פון טאורישן פאלאץ געעפנט און אין דעם גרויסן גארטן זיינען אריינגעפארן צוויי פאנצער־אויטאמאבילן (טאנקס) מיט האר־מאטן און קוילן־ווארפערס. ווי שווארצע טורעמס זיינען זיי געשטאנען אומבאוועגלעך, אונדזערע געפאנצערטע שומרים. אבער קיינער פון אונדז איז ניט געווען זיכער, צי די הארמאטן פון די טאנקס וועלן טאקע שיסן, ווען עס וועט זיך פאדערן, און אויף וועמען זיי וועלן שיסן!

פאקטיש זיינען מיר געזעסן אין טאורישן פאלאץ אין גאנצן אן שום שוץ. אויב די מאסן וואלטן געוואלט מיט אונדז עפעס טאן, וואלט זיי קיינער אין דעם ניט געשטערט. אונדזער איינציקער שוץ איז גע־ווען די ציללאזיקייט פון דער באוועגונג, דאס פעלן פון א באשטימטן פלאן און — יענער מאראלישער אפשיי פאר דער פירערשאפט פון דער רעוואלוציע, וואס האט נאך געלעבט יעמאלט אין די הערצער פון די צערודערטע, פארביטערטע רעוואלוציאנערע מאסן.

טאג און נאכט האבן זיך די מענטשלעכע כוואליעס געקייקלט ארום דעם טאורישן פאלאץ. אין די קארידארן און אין גארטן האט געהערשט אן אומאויפהערלעכער מיטינג, וואו מען האט געהאלטן אין איין רעדן און דיסקוטירן. פון צייט צו צייט פלעגט דער טעלעפאן מעלדן וועגן נייע שיסערייען און נייע קרבנות אין שטאט. אבער אין טאורישן פאלאץ גופא זיינען קיין צוזאמענשטויסן ניט פארגעקומען, נאר צוויי עפיזאדן געדענק איך, וואס האבן זיך געקאנט ענדיקן דראמאטיש, אבער אויך זיי האבן זיך געענדיקט בשלום.

***

איין שארפער מאמענט איז געווען, ווען אין טאורישן פאלאץ האבן זיך אריינגעריסן א גרופע באוואפנטע באלשעוויסטישע ארבעטער פון פוטילאווער פאבריק. איך בין יעמאלט גראד געשטאנען אין קארידאר פארן הויפט־אריינגאנג און האב דערהערט, אז ביי דעם אריינגאנג קומט פאר עפעס א גרויסער טומל. איך גיי צו אהין: א גרופע ארבעטער מיט ביקסן אין די הענט פארלאנגט, מען זאל זיי אריינלאזן צו דער זי־צונג פון צענטראלן עקזעקוטיוו־קאמיטעט. זיי ווילן זיך „דורכרעדן" מיט די פירערס פון סאוועט. די וואך, וואס איז געשטאנען ביים טויער, וויל זיי ניט אריינלאזן, ווייל עס איז געווען פארבאטן, אז באוואפנטע מאסן זאלן אריינגיין אין טאורישן פאלאץ. לייג איך זיך אריין אין דעם ענין: אלעמען קאנען מיר ניט אריינלאזן, אבער איינעם א דעלעגאט וועל איך אריינלאזן, ער זאל קאנען זאגן וואס ער וויל. האט די גרופע אנגענומען מיין פארשלאג און זייער דעלעגאט, א יונגער בחורל פון א יאר 18—19, איז אריינגעלאזן געווארן אין הויפט־זאל, פון וואנען מען האט געקאנט אריינגיין אין דעם זיצונג־זאל. בין איך אריינ־

געגאַנגען צו דער זיצונג און זיך דורכגערעדט מיטן פּאָרזיצער פון סאָ־וועט, טשכעאידזע, אַז דער יונגער פּוטילאָווער דעלעגאַט זאָל באַקומען אַ וואָרט פאַר אַ מעלדונג. קום איך אַרויס, מעלד וועגן דעם און בעט דעם יונגן אַרבעטער ער זאָל מיטקומען אויף דער טריבונע. גיט ער זיך אַ לאָז מיט מיר, אָבער די ביקס גיט ער ניט אַרויס פון די הענט.

— עי, חבר, — זאָג איך צו אים, — אויף אַ זיצונג פון די פירערס פון דער רוסישער רעוואָלוציע דאַרפן אַרבעטער ניט גיין מיט ביקסן.

אָבער יענער וויל בשום אופן ניט אַרויסלאָזן די ביקס פון דער האַנט.

זיינען מיר אַזוי געשטאַנען און דיסקוטירט, און די גרופּע פּוטי־לאָווער ביים הויפּט־אַריינגאַנג הויבט שוין אָן טומלען.

די לאַגע האָט געראַטעוועט א ו ר י צ ק י, דער זעלבער אוריצקי, וואָס איז פון אַ מענשעוויק געוואָרן אַ טראָצקיסט, פון אַ טראָצקיסט — אַ באָלשעוויק און צווישן די באָלשעוויקעס איז ער געוואָרן דער ער־שטער פאָרזיצער פון ט ש ע ק אַ! דאָס איז געווען יענער מענטש, מיט וועמענס נאָמען עס איז מיט אַ פאָר חדשים שפּעטער פאַרבונדן געוואָרן דער אָנהייב פון „רויטן טעראָר" אין רוסלאַנד. (ווי באַוואוסט, איז אוריצקי שפּעטער דערשאָסן געוואָרן פון דעם סטודענט קאַנעגיסער און דער פּלאַץ פאַרן צאַרישן ווינטער־פּאַלאַץ טראָגט נאָך ביז היינט דעם נאָמען „אוריצקים פּלאַץ".)

ווען דער יונגער פּוטילאָווער אַרבעטער האָט דערזען אוריצקין, מיט וועמען ער איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען גוט באַקאַנט, האָט ער אים אָפּגעגעבן זיין ביקס און איז אַוועק אויף דער טריבונע האַלטן זיין רעדע. די רעדע אַליין איז געווען ניט אַזוי וויכטיק; עס איז אָבער געווען אַן אָנזאָג אויף אַן אָפענעם קאַמף פון אַ טייל אַרבעטער קעגן דעם סאָוועט, אויב מען טוט ניט דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס פאַרלאַנגען. די גאַנצע סצענע איז געווען אינטערעסאַנט. איך געדענק איר ביז איצט. אוריצקי, אַ אידישער אינטעליגענט, מיט אַ כאַראַקטעריסטי־שער אידישער פיגור און מיט אַ שאַרפן אידישן פּנים, אַזוי ווי מען מאָלט דאָס אין אַנטיסעמיטישע קאַריקאַטורן, מיט אַ לאַנגער נאָז, אָפּ־געשטאַנענע אויערן, קרומע פיס, אַ קליינער, אַ דאַרער מיט אַן איינגע־קרומטן רוקן, מיט גרויסע ברילן אויף דער נאָז, איז געשטאַנען ביי דער טיר פון סאָוועט, האַלטנדיק אומגעלומפּערט איןביידע הענט די ביקס פון דעם פּוטילאָווער אַרבעטער. און דער יונגער אינגל אויף דער טרי־בונע, מאַכנדיק מיט די הענט, האָט אויסגעשריען פאַר די פירערס פון דער רעוואָלוציע זיין צאָרן און זיין פאַרצווייפלונג, זיינע רעוואָלוציאָ־נערע וואונטשן און זיינע אָפענע דראָאונגען קעגן דעם סאָוועט.

אַ צווייטער אינצידענט איז געווען ווייניקער אומשולדיק און האָט זיך געקאָנט ענדיקן גאָר טראַגיש.

אויפֿן דריטן טאָג פֿון די אומרוען איז פּעטראָגראַד פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון אַ מחנה סאָלדאַטן.

אַנאַטאָלי לונאַטשאַרסקי האָט געבראַכט 20,000 מאַטראָסן אויף שיפֿן פֿון קראָנשטאַדט. דער גרעסטער טייל איז געבליבן אויף די שיפֿן, אָבער אַ פּאָר טויזנט זיינען אַוועק צום טאַווּרישן פּאַלאַץ אין אַ שטאַרק אויפֿגערעגטער שטימונג. צווישן די קראָנשטאַדטער מאַטראָסן, וואָס האָבן דאָס רוב געשטאַמט פֿון אוקראַאינער פּויערים, זיינען כמעט אין גאַנצן ניט געווען קיין סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אויך סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען אין אַ קליינער צאָל. די גרויסע מערהייט פֿון די קראָנשטאַדטער מאַטראָסן איז באַשטאַנען פֿון באָלשעוויקעס, אַנאַרכיסטן און אומפּאַרטייאישע, אָבער בונטאַרישגעשטימטע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. ווען די טויזנטער קראָנשטאַדטער מאַטראָסן, דורכגעמישט מיט דעמאָנסטרירענדיקע אַרבעטער און סאָלדאַטן, זיינען געשטאַנען אַרום דעם טאַווּרישן פּאַלאַץ און האָבן געטומלט און געשריען און קיינער האָט ניט געקאָנט דערגיין קיין טאָלק, האָט זיך אין זיצונג־זאַל מיט אַמאָל פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די מאַטראָסן האָבן אַרעסטירט וויקטאָר טשערנאָוו, דעם באַוואוסטן פֿירער פֿון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ער איז אַרויס צו זיי ריידן, האָבן „אומבאַקאַנטע מענטשן" אים אַ כאַפּ געטאָן, פֿאַרשלעפּט ערגעץ־וואו אויף אַ טראָק, — אויף איינעם פֿון יענע פֿיל טראָקס, וואָס זיינען שטענדיק געשטאַנען אַרום דעם טאַווּרישן פּאַלאַץ. האָט מען באַשלאָסן, אַז אַ פּאָר מענטשן זאָלן גיין ראַטעווען טשערנאָוון. די „רעטער" האָבן געזאָלט זיין מאַריאַ ספּירידאָוואָנאַ און טראָצקי, וואָס איז אָקערשט געקומען, נאָך צוויי טעג אָפּוועזנהייט, אין סאָוועט. מען האָט אויסגעקליבן די צוויי מענטשן, ווייל מען האָט גערעכנט, אַז זיי קאָנען האָבן דעם גרעסטן איינפֿלוס אויף די צעבושעוועטע קראָנשטאַדטער מאַטראָסן.

די בלאַסע, קליינע, מאָגערע, צעבראָכענע ספּירידאָנאָוואַ איז ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק באַפֿרייט געוואָרן פֿון דער קאַטאָרזשנער טורמע, וואו זי איז אָפּגעזעסן 12 יאָר. אַלס אַ סטודענטקע האָט זי אין 1905 דערשאָסן דעם כאַרקאָווער גובערנאַטאָר, וואָס האָט געהייסן שמייסן מיט ריטער די פּויערים בשעת אַן אַגראַר־אויפֿשטאַנד. מען האָט איר אויף דער שטעל אַרעסטירט, בעסטיאַליש געפּייניקט און פֿאַרמשפּט צו אייביקע קאַטאָרגע. איצט איז זי געזעסן אין סאָוועט, שטענדיק אַן ערנסטע, שווייגנדיקע, בלייכע, און שטענדיק אין אַ לאַנגען קלייד, וואָס האָט זיך געשלעפּט איבער דער פּאָדלאָגע, אַזוי ווי דאָס איז געווען די מאָדע אין יאָר 1905.

איך בין גראָד געזעסן לעבן איר, און ווען זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו די הויפּט־טרעפּ גיין ריידן צו די מאַטראָסן, האָב איך איר גענומען אונטערן אָרעם און האָב איר אַוועקגעפֿירט צו דער קאָלאָנאַדע, פֿון

וואַנען די רעדנער האָבן געוויינטלעך גערעדט צום עולם. אָבער די צעבושעוועטע מאַטראָסן האָבן זיך ניט צוגעהערט צו דער שוואַכער שטים פון דער קליינער, בלייכער פרוי אין לאַנגן קלייד. אומזיסט האָבן די אַרומיקע געשרייען: „לאָזט רעדן חברטע ספּירידאָנאָוואַ, חברטע ספּירידאָנאָוואַ האָט דאָס וואָרט!" אָבער איך האָב גלייך געזען, אַז דער עולם הויבט ניט אָן צו וויסן ו ו ע ר ספּירידאָנאָוואַ איז, אַז איר נאָמען מאַכט קיין שום איינדרוק ניט אויף דער מאַסע. האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט און פּרובירט דערקלערן די מאַטראָסן און סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום, ו ו ע ר עס איז מאַריאַ ספּירידאָנאָוואַ, וועלכע קרבנות זי האָט געבראַכט פאַרן פאָלק, און וואָס פאַר אַ מאַר־טירער־לעבן זי האָט דורכגעמאַכט. דער עולם איז געוואָרן שטילער און האָט אָנגעהויבן זיך צוצוהערן צו איר. אָבער פאַר דער צייט האָט דער צווייטער „רעטער", טראָצקי, געהאַט מער דערפאָלג איידער ספּי־רידאָנאָוואַ. אים האָט אַ טייל מאַטראָסן גוט געקאָנט, און זיין כאַראַק־טעריסטישער פיגור, מיט דער שפּיציקער בערדל און מיט די שטעכיקע אויגן איז געווען היפּש פּאָפּולער אין יענער צייט צווישן די פּעטער־בורגער אַרבעטער. רעדנדיק מיט זיין הויכער מעטאַלישער שטים, האָט זיך טראָצקי אַ לאָז געטאָן צו די טראָקס, וואו מען האָט געהאַלטן טשערנאָוון, און האָט אים פון דאָרט אַליין אַרויסגעפירט. אַזוי־אַרום האָט זיך די רעטונגס־עקספּעדיציע באַלד אומגעקערט אין זאַל מיט דעם געראַטעוועטן טשערנאָוון. טראָצקי האָט דערנאָך פאַרזיכערט, אַז די מענטשן, וואָס האָבן פאַרשלעפּט טשערנאָוון, זיינען אַלטע זשאַנדאַרמען און פּראָוואָקאַטאָרן פון דער אָכראַנע. אָבער פיל וואַרשיינלעכער איז, אַז דאָס זיינען געווען צעטומעלטע אַרבעטער און מאַטראָסן, וואָס האָבן גענומען ערנסט די קלינגענדיקע פראַזעס פון די באָלשעוויקעס וועגן דעם, אַז אַלע אַנדערע סאָציאַליסטן זיינען „פאַררעטער", וואָס ווילן דעם פאָלק ניט געבן ניט קיין ברויט, ניט קיין שלום און ניט קיין ערד. און טשערנאָוו איז דאָך געווען דער אַגראַר־מיניסטער.

3

דער דורכפאַל פון יולי־אויפשטאַנד

אַזוי צי אַזוי, די יולי־טעג זיינען פאַרגאַנגען אין סאָוועט גופא אָן שום טראַגישע צווישנפאַלן. אויף דער דריטער נאַכט האָט אין פּעטער־בורג אויסגעבראָכן אַ שלאַקס־רעגן; אָן אמתע פאַרפלייצונג האָט זיך אַ גאַס געטאָן פון גרויען פּעטערבורגער הימל, און די גאַסן זיינען אויס־געליידיקט געוואָרן. לאַכנדיק האָבן מיר זיך אויף דער זיצונג דערמאָנט וועגן דעם היסטאָרישן טאָג פון 9־טן טערמידאָר 1793 אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווען עס איז אַרעסטירט געוואָרן דער רע־וואָלוציאָנערער דיקטאַטאָר ר אָ ב ע ס פּ י ע ר און זיינע פריינט. אויך

יעמאָלט האָט אַ שטאַרקער רעגן צעטריבן דעם רעוואָלוציאָנערן המון פון די פּאַריזער גאַסן.

הייסט דאָס, אַז אויך ביי אונדז ענדיקט זיך די רעוואָלוציע אַזוי ווי זי האָט זיך געענדיקט דעם 9־טן טערמידאָר אין פראַנקרייך? הייסט דאָס, אַז אויך ביי אונדז איז איצט דער אָנהייב פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע, פּונקט ווי דער 9־טער טערמידאָר ווערט פאַררעכנט פאַר דעם אָנהייב פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע אין פראַנקרייך?

אַזוי האָט געטראַכט איראַקלי צערעטעלי, דער באַרימטער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט, וואָס איז יעמאָלט געווען דער הויפּט־פירער פון דער סאָוועט־מערהייט. אַ שטאַרקער קעגנער פון די באָלשעוויקעס, האָט ער אין יענע יולי־נעכט, ווען מען האָט דיסקוטירט וועגן גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, געזאָגט זיין באַרימטע פראַזע: „די רוסישע קאָנטער־רעוואָלוציע וועט אַריינקומען אין רוסלאַנד דורך דעם טויער פון באָלשעוויזם". אָבער נאָר געציילטע מענטשן האָבן יעמאָלט געטראַכט ווי צערעטעלי. און אויך צערעטעלי אַליין, פּונקט אַזוי ווי זיין געזינונגס־גענאָסע מאַרק ליבער, וואָס איז אויך געווען זייער פּעסימיסטיש וועגן דער צוקונפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן זיך דאָס אָנקומען פון דער רוסישער קאָנטער־רעוואָלוציע פאָרגעשטעלט גאָר אַנדערש ווי עס איז געוואָרן אין דער אמתן. אָבער איך וויל ניט פאַרלויפן דעם וועג.

דער רעגן האָט צעטריבן די דעמאָנסטראַנטן, די שיסערייען האָבן אויפגעהערט, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז די רעגירונג אויך ניט אין גאַנצן געשלאָפן. עס זיינען פאָרגעקומען זיצונגען, באַראַטונגען, און איין רעזולטאַט פון די דאָזיקע באַראַטונגען איז געווען, אַז דעם 7־טן יולי האָבן אין פּעטערבורג אַריינגעמאַרשירט אַ פּאָר פּאָלקן, וואָס זיינען אויף דעם באַפעל פון דעם קריגס־מיניסטער קערענסקי אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון פראָנט. די רעגירונג האָט ניט פאַרמאָגט אין דעם דעמאָראַליזירטן און באָלשעוויזירטן פּעטראָגראַדער גאַרניזאָן קיין מיליטערישע מאַכט, אויף וועלכער זי זאָל זיך קאָנען פאַרלאָזן: דאָס האָט מען דייטלעך געזען אין די ערשטע 3 יולי טעג, ווען די רעגירונג און דער סאָוועט זיינען געזעסן אין גאַנצן שוצלאָזע, און אויב מען האָט אונדז ניט גענומען, איז דאָס געווען צוליב דעם, וואָס קיינער האָט ניט געגעבן קיין באַפעל דערצו. בלייבן ווייטער אין אַזאַ לאַגע איז געווען אוממעגלעך. האָט מען אַראָפּגעבראַכט פון פראָנט אַן אַרמיי־טייל, וואָס איז געווען פּאָליטיש פאַרלעסלעך, און וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון אייגענע מענטשן. בראש פון די ניי־געקומענע סאָלדאַטן איז געשטעלט געוואָרן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָפיצער מאַזורענקאָ, וואָס זיין צווייטער ברודער איז געווען אַ מיטגליד פון צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן (ציק).

די סטיכישע אָפּשוואַכונג פון דער פאָלקס־באַוועגונג און דאָס באַווייזן זיך פון מאַזורענקאָס פּאָלקן אין פּעטערבורג האָט געשאַפן

אַ פּסיכאָלאָגישן און פּאָליטישן איבערברוך. דער סטיכישער אויפ־שטאַנד האָט געליטן אַ מפּלה. די רעגירונג און דער סאָוועט האָבן געזיגט אָן שום קאַמף. „אַ מאָראַלער זיג פון דער רעגירונג", — אַזוי האָב איך יעמאָלט כאַראַקטעריזירט די לאַגע אין אַ לייט־אַרטיקל אין דער בונדישער „אַרבייטער שטימע". אָבער גראָד אין דעם מאָ־מענט, איז ווי אַ דונער פון הימל געקומען אַ ווייטערדיקע סענסאַציע, גאָר אַ שטוינענדיקע: די רעגירונג איז אַרויסגעטראָטן קעגן די באָלשע־וויקעס, וואָס האָבן אָקערשט געליטן אַ פּאָליטישע מפּלה דורך דעם דורכפאַל פון דער יולי־באַוועגונג, מיט אַ פאַרניכטענדיקער מאָראַלישער אָנקלאַגע: זי האָט דערקלערט, אַז זי האָט באַוויזן פאַר דעם, אַז די באָלשעוויסטישע פירערס האָבן באַקומען ג ע ל ט פ ו ן ד ע ר ד י י ט ש ע ר ר ע ג י ר ו נ ג אויף אָנצופירן די רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רוסישער רעפּובליקאַנישער רעגירונג, און אַז די גאַנצע באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער מלחמה ווערט אַזוי־אַרום פינאַנסירט מיט דייטשע געלט. „לענין און טראָצקי דייטשע שפּיאָנען", — אַזוי האָבן געשריבן די בורזשואַזע צייטונגען אין פּע־טערבורג.

4

די באָלשעוויקעס און דייטשע געלט

די דאָזיקע נאַכריכט האָט געווירקט ווי אַ דונער, ניט נאָר אין דער באַפעלקערונג, נאָר אויך אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן גופא. און נאָך אַ טיפערן איינדרוק האָט געמאַכט דער פאַקט, וואָס ז י נ אָ ו י ע ו ו און ל ע נ י ן, אַנשטאָט זיך צו שטעלן עפנטלעך צום געריכט און אָפּלייקענען די באַשולדיקונגען קעגן זיי, זיינען אַנטלאָפן פון פּעטערבורג און האָבן זיך ערגעץ־וואו אויסבאַהאַלטן. (שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט, אַז זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ניט ווייט פון פּעטערבורג, אויף דער פינ־לענדישער זייט פון גרעניץ). פאַרקערט, טראָצקי האָט זיך געלאָזט אַרעסטירן.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דורכפאַל פון דער באַוועגונג, וואָס איז אָנ־געפירט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס, האָט די באַשילודיקונג געשאַפן אַ געוואַלדיקן איבערברוך אין דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג. פיל מענטשן, וואָס זיינען גאָר ניט לאַנג צוריק געוועזן באַגייסטערט פאַר דער באָלשעוויסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון באָל־שעוויזם. די אַרבעטער אין די פאַבריקן, וואָס זיינען נאָר מיט אַ פּאָר טעג צוריק געגאַנגען אונטער די באָלשעוויסטישע פענער צום טאַווריש־פּאַלאַץ, זיינען איצט אָפּהענטיק און פאַרשעמט געוואָרן. אַפילו די אוים־פּראָפּאַגאַנדירטע סאָלדאַטן אין די פּעטערבורגער קאַזאַרמעס האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן.

אַט אַזאַ מין פּסיכאָלאָגישער איבערברוך נאָך אַ ניט-געלונגענער אַרויסטרעטונג פאַרשטאַרקט שטענדיק די אַנטי-רעוואָלוציאָנערע שטי-מונגען. אין פּעטערבורק האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון אַנטי-באָל-שעוויסטישע אַרויסטרעטונגען: מען האָט געכאַפּט אויף דער גאַס מענטשן באַשולדיקנדיק זיי, אַז זיי זיינען באָלשעוויקעס און דייטשע אַגענטן. מיליטערלייט האָבן געמאַכט הויז-זוכונגען אין די באָלשעווים-טישע אָפיסעס, אין די באָלשעוויסטישע ציַיטונגען („פּראַוודאַ"), וואו מען האָט צעריסן די פּאַפּירן און באַשעדיקט די מאַשינען. אַ גאַנצע ריי באָל-שעוויסטישע פירערס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַלס אָנפירער פון דעם אויפשטאַנד-פּרואוו פון 3—5 יולי, צווישן זיי טראָצקי, קאַמע-נעוו און אַנדערע. דאָס איז אָבער ניט געווען קיין באַוועגונג, וואָס איז אויפגעהעצט אָדער געשטיצט געוואָרן פון דער אָפיציעלער רעגירונג אָדער פון די רעגירונגס-פּאַרטייען — די מענשעוויקעס און די סאָציאַ-ליסטן-רעוואָלוציאָנערן. גראָד פאַרקערט: אין דעם דראַמאַטישן מאָ-מענט זיינען ביי אונדז גאַנצע טעג אַוועק אויף אַרויסצוראַטעווען פון טורמע אַלטע באָלשעוויסטישע חברים. די מיליטער-פאַרוואַלטונג האָט זיך ניט זייער שטאַרק מיט אונדז גערעכנט, אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך אונדז דאָך איינגעגעבן אַרויסצונעמען פון אַרעסט אַ גאַנצע ריי באָלשע-וויקעס. ווען איך בין געקומען אין דער קאָמענדאַטור צו פאַרלאַנגען די באַפרייאונג פון אַ פּאָר פון מיינע באָלשעוויסטישע פריינט און האָב אָנגעבאָטן מיין גאַראַנטיע, אַלס מיטגליד פון צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, האָב איך געהערט ווי איין אָפיצער האָט געזאָגט צום צווייטן: „ער גייט גאַראַנטירן פאַר אַנדערע, און באַלד וועט מען אים אַליין אַרעסטירן".

אָבער ניט נאָר מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן און לינקע סאָציאַליסטן, האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר די אַרעסטירטע באָלשעוויסטישע פירערס, — אויך אַזוינע אָבאָראָנצעס און קעגנער פון באָלשעוויזם, ווי מאַרק לי-בער, צערעטעלי, גאָץ און אַנדערע, האָבן אָפּגעגעבן פיל צייט און כוחות אויף צו באַפרייען אָדער אויף צו גאַראַנטירן די זיכערהייט פון זייערע באָלשעוויסטישע קעגנער. מורא האָבנדיק, אַז דעם אַרעסטירטן קאַמע-ניעוו וועט מען עפּעס טאָן אונטערוועגס, איז ליבער אַליין אַוועקגעפאָרן אים באַוואַכן און באַשיצן, און איז דערביי אַליין אַרעסטירט געוואָרן, ביז דער פעלער איז אויפגעדעקט געוואָרן. אויך טראָצקי, לונאַטשאַר-סקי און אַלע אַנדערע אַרעסטירטע באָלשעוויקעס זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און קיינער פון זייערע סאָציאַליסטישע קעגנער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט זיי צו העלפן, איינ-שטעלן זיך פאַר זיי, אויספּועלן פאַר זיי די בעסטע באַהאַנדלונג. אַפילו קערענסקי אַליין, דער פּרעזידענט פון דער רעגירונג, איז צוויי מאָל אין דערזעלביקער נאַכט אַרויסגערופן געוואָרן דורך טעלעפאָן אין דער דירה פון דעם באַוואוסטן באָלשעוויק סטיעקלאָוו, ווייל פרוי סטיעק-לאָס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז סאָלדאַטן ווילן זיך אַריינרייסן אין דער

וואוינונג. האָט קערענסקי פאַרלאָזן די זיצונג פון דער רעגירונג און איז אַוועקגעפאָרן ראַטעווען סטיעלקאָוון. מיט אים איז מיטגעפאָרן אווקסענטיעוו, דער אינערן-מיניסטער . . .

די סאָציאַליסטן האָבן דאָס אַלץ געטאָן, ווייל זיי האָבן געהאַלטן פאַר נייטיק זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן אומגעזעצלעכע רעפּרעסיעס; ווייל זיי זיינען אַלע געווען פרייהייט-ליבענדע און דעמאָקראַטישע מענטשן, און האָבן ניט געוואָלט, אַז די פרייהייט, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפט אין מערץ, זאָל פאַרניכטעט ווערן דורך דעם ווילקיר פון אַ רעאַקציאָנערער אַדמיניסטראַציע. אָבער פאַר אונדז אַלעמען איז דאָך געשטאַנען די פראַגע: וואָס איז אמת און וואָס איז ליגן אין די באַשולדיקונגען קעגן די באָלשעוויקעס?

אַז די יולי-באַוועגונג איז געווען אָרגאַנזירט פון די באָלשעוויקעס — אין דעם איז פאַר מיר פערזענלעך ניט געווען קיין שום צווייפל, הגם די באָלשעוויקעס האָבן דאָס אָפיציעל אָפּגעלייקנט. און אין דער נאַכטזיצונג פון 7-טן יולי האָב איך דאָס גאַנץ אָפן דערקלערט. אָבער אין דער זעלביקער צייט בין איך אַרויסגעטראָטן אי אין סאָוועט, אי אין דער „אַרבייטער-שטימע", וואָס איז אַרויס אונטער מיין רעדאַקציע, קעגן דער באַשולדיקונג, אַז לענין האָט באַקומען דייטשע געלט.

איך האָב אין יענעם מאָמענט געהאַט די טיפע פערזענלעכע איבערצייגונג, אַז דאָס איז ניט אמת. און די דאָזיקע איבערצייגונג איז געווען באַגרינדעט אויף דעם פערזענלעכן איינדרוק, וואָס איך האָב שטענדיק געהאַט פון לענינען, און נאָך אויף אַ קליינעם פאַקט, וואָס איז געווען פאַר מיר אַן אינעווייניקסטער באַוויז. איך בין איין מאָל שפּעט ביינאַכט, אַ פּאָר וואָכן פאַר דער רעוואָלוציע, פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי לענינס וואוינונג אין ציריך. לענין איז געשטאַנען ביי דער טיר פון הויז מיט נאָך איינעם, און גאַנץ הויך גערעדט אויף רוסיש. פאַרבייגייענדיק, האָב איך גאַנץ דייטלעך געהערט די פראַזע: „מיר זיצן אָן אַ קאָפּיקע געלט, און אויב דאָס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועלן מיר פשוט פגרן פאַר הונגער".

זיין שטים איז געווען זייער אַ ביטערע און אַ שניידנדיקע, ווען ער האָט דאָס געזאָגט. און דאָס האָט געשטימט מיט מיינע אייגענע באַאָבאַכטונגען, ווען איך בין אַ פּאָר מאָל געווען אין לענינס הויז אין ציריך. איך בין איין מאָל געזעסן ביי אים אין צימער, וואַרטנדיק אויף זיין פרוי, צו וועלכער איך האָב געהאַט עפּעס אַ געזעלשאַפטלעכן ענין, און זי איז געווען אין צווייטן צימער און האָט געקאָכט מיטאָג אויף אַ ספּירטמאַשינקע, ווי אַלע רוסישע סטודענטן-עמיגראַנטן. און איבער דער וואוינונג האָט זיך געטראָגן דער ריח פון פאַרברענטע מאַקאַראָנען. דאָס איז געווען דער גאַנצער מיטאָג-עסן. די לענינס האָבן געלעבט אין אָרימקייט און דחקות, אין דער זעלביקער לאַגע ווי מיר אַלע, רוסישע עמיגראַנטן, אין ציריך.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז די רוסישע עמיגראַנטישע קאָלאָניע אין ציריך איז געווען ווי איין פאַמיליע, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ווי אַ קליין שטעטל. ניט געווען קיין סודות אין ציריך און יעדער עמיגראַנט האָט געוואוסט וואָס ביים צווייטן קאָכט זיך אין טעפּל, וויפיל געלט ער איז שולדיק דעם בוטשער און וויפיל פראַנק ער דאַרף באַצאָלן פאַר זיין וואוינונג. וואָרים אַ גרויסער טייל קאָלאָניע האָט געלעבט פון דעם, וואָס איינער האָט ביים צווייטן געליען די 20 פראַנק, וואָס מען דאַרף האָבן צום לעבן. האָבן מיר אין שווייצאַריע געוואוסט גאַנץ גענוי, אַז די באָלשעוויסטישע קאָלאָניע איז פונקט אַזוי אָרים ווי מיר אַלע.

פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אינעווייניקסטער באַווייז, וואָס איז געווען גענוג פאַר מיין איבערצייגונג, אַז ווייניקסטנס ביז צו דעם מאָמענט פון אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד האָבן די באָלשעוויקעס קיין שום געלט ניט געהאַט און ניט באַקומען. אמת, טעאָרעטיש איז געווען מעגלעך, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן באַקומען די דייטשע געלטער ערשט שפּעטער, אין אַפּריל, מאַי אָדער יוני, אָבער דאָס האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל צוליב אונדזער אַלעמענס צוגאַנג צו דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַפילו אין איר באָלשעוויסטישן פליגל. מיר האָבן נאָך געדענקט, אַז אין יאָר 1905, בשעת דעם רוסיש־יאַפּאַנעזישן קריג, האָט אונדז די יאַפּאַנישע רעגירונג אָנגעבאָטן געלט און יעמאָלט האָבן אַלע רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זיך אָפּגעזאָגט פון דעם מיט אַנטריסטונג. (אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, האָבן נאָר די פּוילישע פּ. פּ. ס. פון פּילסודסקים פליגל אָנגענומען די יאַפּאַנישע הילף).

קערענסקי האָט אין דער שפּעטערדיקער צייט דערקלערט, אַז די רעגירונג האָט גראָד אין די נאָענטסטע טעג געדאַרפט באַקומען גאַנץ זיכערע דאָקומענטאַלע באַווייזן וועגן דער פאַרבינדונג צווישן די באָלשעוויקעס און דער דייטשער רעגירונג. און ער איז געווען זייער אומצופרידן, וואָס דער יוסטיץ־מיניסטער פּערעווערזעוו איז צו פרי אַרויסגעטראָטן מיט דער באַשולדיקונג און האָט דורך דעם געמאַכט אוממעגלעך צו באַקומען די נייע באַווייזן. אָבער אַפילו אין די ניט־פולשטענדיקע באַווייזן זיינען געווען אייניקע זאַכן, וואָס האָבן געוואָרפן אַ שטאַרקן חשד אויף אַ ריי באָלשעוויסטישע טוערס.

צווישן די שטעט, וואָס האָבן אין דער צייט פון יענעם קריג געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אינטערנאַציאָנאַלן שפּיאָנאַזש און דעם אינטערנאַציאָנאַלן שמוגל, האָט אַן אָנגעזעענעם אָרט פאַרנומען די דענישע הויפּט־שטאָט קאָפּענהאַגען. אין קאָפּענהאַגען האָבן אַלע רעגירונגען געהאַט זייערע שפּיאָנען און קאָנטער־שפּיאָנען, זייערע האַנדלס־אַגענטן, וואָס האָבן געטריבן אומגעזעצלעכן האַנדל מיט די פיינטלעכע לענדער, זייערע אינפאָרמאַציע־ביוראָס, טעלעגראַפן־אַגענטורן, אאַ״וו. און דאָרטן האָבן זיך אויך באַזעצט אַ גאַנצע מחנה אינטערנאַציאָנאַלע ספּעקולאַנטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט שמוגל,

קריגס־ליפערונגען, פאַרשיידענע געלט־אָפּעראַציעס און אַנדערע כשרע און ניט־כשרע געשעפטן. און אין אָט דער שטאָט קאָפּענהאַגען האָט געלעבט אויך אַ גרופּע באָלשעוויקעס, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען דער באַוואוסטער פּוילישער ס.־ד. פירער און באָלשעוויק, לענינס אַ פּערזענלעכער פריינט, ג אַ נ ע צ ק י, וועמעס אמתער נאָמען איז געווען קובא פ י ר ש ט ע נ ב ע ר ג (זע באַנד 1, ז׳ 148). צוזאַמען מיט גאַנעצקין האָט געאַרבעט אַ צווייטער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, דער ווילנער אַדוואָקאַט ק אָ ז ל אָ ו ו ס ק י, וועמען פיל בונדיסטן פון יענער צייט מוזן זייער גוט קענען. ער איז איצט אַ וויכטיקער באָלשעוויסטישער טוער, פּונקט אַזוי ווי גאַנעצקי. מיט זייביידן צוזאַמען האָט געאַרבעט אַלס אַ פּאַרמיטלערין איינע אַ פרוי ס ו מ ע נ ס אָ ן, וועמעס פּאָליטישע טעטיקייט און וועמעס נאָמען זיינען מיר געווען אין גאַנצן אומבאַקאַנט.

דער רוסישער קאָנטער־שפּיאָנאַזש אין קאָפּענהאַגען האָט פעסטגעשטעלט, אַז גאַנעצקי, קאָזלאָווסקי און פרוי סומענסאָן האָבן באַקומען גרויסע סומעס געלט פון דייטשע בענק און זיינען אין דער זעלביקער צייט געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט פּעטערבורג, ד״ה מיט די באָלשעוויסטישע פירערס אין פּעטערבורג, סאַי דורך טעלעגראַמעס, סאַי דורך בריוו, וואָס זיינען געגאַנגען דורך דער ד י פּ ל אָ מ אַ ט י ש ע ר פּ אָ ס ט. און אין די מאַטעריאַלן, וואָס פּערעווערזעוו האָט פאַרעפנטלעכט, איז געווען אַ גאַנצער הויפן זייער פאַרדעכטיקע טעלעגראַמעס פון גאַנעצקי, קאָזלאָווסקי און סומענסאָן. מען האָט עפּעס געקויפט און פאַרקויפט פאַרשיידענע סחורות, „טערמאָמעטערס״ און אַנדערע זאַכן, מען האָט עפּעס באַקומען און אויסגעצאָלט גרויסע געלטער. די בריוו און די טעלעגראַמעס זיינען געשריבן געוואָרן אין אָט יענער פאַרשטעלטער שפּראַך, אין וועלכער מיר, רוסישע רעוואָלוציאָנערן, זיינען שטענדיק געוואוינט געווען צו שרייבן קאָנספּיראַטיווע בריוו. (צ״ב ביי אונדז אין „בונד״ אין 1905, האָבן מיר אָנשטאָט געווער געשריבן „מים״, וואָס מיינט אויף העברעאיש ו ו אָ ס ע ר, ווייל געווער איז דאָך פ י י ע ר; און אָנשטאָט באָמבעס פלעגן מיר שרייבן „קניידלעך״ אאַ״וו.).

ס׳איז פאַר אונדז קיין שום צווייפל ניט געווען, אַז עפּעס איז דאָ ניט כשר, אָבער צי זיינען לענין און דער באָלשעוויסטישער צענטראַל־קאָמיטעט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די טונקעלע געשעפטן פון גאַנעצקי און קאָזלאָווסקי? און וואו איז דאָ דער באַווייז, אַז דאָ האַנדלט זיך טאַקע וועגן געלט פון דער ד י י ט ש ע ר ר ע ג י ר ו נ ג?

ווען מיר זיינען מיט די דאָזיקע פראַגעס געקומען צו די באָלשעוויקעס, האָבן זיי געלייקנט שטיין און ביין. זיי האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט די געשעפטן פון גאַניעצקי און קאָזלאָווסקי, זיי ווייסן פון קיין זאַך ניט, און עס איז גאָר פאַר זיי אַ באַליידיקונג, אַז מען קומט צו זיי מיט אַזעלכע פראַגעס.

מיין פערזענלעכע טעאָריע אין יענעם מאָמענט איז געווען אזא: גאניעצקי און קאָזלאָווסקי האָבן טאַקע אָרגאַניזירט אַ ספּעקולאַנטן געשעפט, אָבער ניט פאַר זייער אייגענעם פּראָפּיט, נאָר לטובת דער פּאַרטיי. דער געשעפט איז טאַקע ניט קיין שיינער, אָבער יעדנפאַלס זיינען גאניעצקי און קאָזלאָווסקי ניט קיין וואולגאַרע ספּעקולאַנטן, און יעדנפאַלס ניט קיין שפּיאָנען. די פּאַרטיי באַקומט טאַקע פון זיי די געלט פאַר דער פּאַרטיי-אַרבעט, אָבער דאָס האָט ניט צו טאָן מיט דער דייטשער רעגירונג. די באָלשעוויקעס וואָלטן געקאָנט דאָס צוגעבן, נאָר זיי האָבן מורא דאָס צו טאָן, כדי מען זאָל זיי ניט חושד זיין אין ערגערע זאַכן.

מיין טעאָריע איז געווען גוט באַגרינדעט דורך דעם פאַקט, וואָס הגם די באָלשעוויקעס האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן גאָרניט צו טאָן מיט די האַנדלס-געשעפטן פון גאניעצקי און קאָזלאָווסקי, איז דאָך אין דער זעלביקער צייט קיין זאַך ניט געשען, כדי אָוועקצושטעלן אָט די צוויי באָלשעוויסטישע פירערס מחוץ דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. איך בין געווען מיט קאָזלאָווסקין באַקאַנט נאָר פון די פריערדיקע יאָרן. מיר זיינען מיט אים צוזאַמען געווען ריכטער אין דעם באַוואוסטן פּאַר-טיי-משפּט איבער לענינען, אין יאָר 1907, און האָבן אויך איצט (1917) געטראָפן זיך שטענדיק אויף די זיצונגען פון סאָוועט. איך האָב דייט-לעך געזען, אַז ער איז ביי די באָלשעוויקעס אַן אייגענער מענטש, אַ בן-בית, און אַז ער האָט דאָס פאַרטרויען פון די באָלשעוויסטישע פי-רערס. דאָס וואָלט אָבער געווען ניט מעגלעך, אויב ער וואָלט געווען אַ פּשוטער ספּעקולאַנט און וואָלט אויסגענוצט זיין הויכע לאַגע אין דער באַוועגונג, און די פאַרבינדונגען אין סאָוועט (דיפּלאָמאַטישע פּאָסט!) פאַר זיין פּערזענלעכער באַרייכערונג. דאָס וואָלט קיין שום אָנשטענ-דיקע פּאַרטיי ניט דערלאָזן, און די באָלשעוויקעס אוודאי ניט, — ביי זיי איז דאָך די פּאַרטיי-דיסציפּלין שטענדיק געווען אַ שטרענגערע, ווי ביי אַלע אַנדערע גרופּעס.

לעניִן נעמט געלט פון ספּעקולאַציע-געשעפטן, וואָס זיינען אָרגאַ-ניזירט דורך אַ גרופּע באָלשעוויקעס, אָבער פון דעם איז בשום אופן ניט געדרונגען, אַז לענין באַקומט געלט פון דער דייטשער רעגירונג. דאָס איז אין יענעם מאָמענט געווען מיין איבערצייגונג און איך האָב דאָס אַרויסגעזאָגט עפנטלעך אויף פאַרזאַמלונגען און אין דער פּרעסע.

אָבער מיט יאָרן שפּעטער אין בערלין זיינען מיר באַקאַנט געוואָרן פאַקטן, וואָס האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ געוויסן ספק און וואָס האָבן מיך געצוואונגען איבערצוקוקן מיין פריערדיקע מיינונג. די מעשה איז געווען אזא:

אין 1921—1922, און אויך שפּעטער, איז מיר ניט איין מאָל אויס-געקומען צו ריידן וועגן אָט דער פראַגע מיט דעם באַרימטן דייטשן און אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסט עדואַרד ב ע ר נ ש ט י י ן. בערנ-

שטיין, אַ נאָענטער פריינט פון פרידריך ענגעלס, אַ פּערזענלעכער תלמיד פון קאַרל מאַרקס, אַ לאַנג-יאָריקער מיטאַרבעטער און פריינט פון קאַרל קאַוטסקי, אויגוסט בעבעל, פּאַול זינגער, ווילהעלם ליבקנעכט און די אַנדערע באַגרינדער פון דייטשן סאָציאַליזם, איז געווען איינער פון די שענסטע און נאָבלסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס די סאָציאַליסטישע וועלט האָט ווען עס איז פאַרמאָגט. אַפילו די, וואָס זיינען ניט געווען מסכים מיט בערנשטיינס „רעוויזיאָניסטישע" אַנשויאונגען וועגן מאַרקסיזם האָבן דאָך שטענדיק באַוואונדערט די לויטערקייט, קרישטאָלענע ריינ-קייט און מענטשן-פריינטלעכקייט פון בערנשטיינס כאַראַקטער. איך שטרייך דאָס אונטער צוליב דעם, וואָס עדוואַרד בערנשטיין האָט מען ניט געקאָנט באַשולדיקן אין לייכטזיניקער אָדער בייזוויליקער באַציאונג צו דער ערע פון אַ צווייטן סאָציאַליסט, אַפילו ווען דאָס איז געווען אַ פּאָליטישער קעגנער. און אָט דער אומגעהייער געוויסנהאַפ-טער, פּאַרזיכטיקער און ריינער בערנשטיין האָט מיר אין יאָר 1921 דערציילט וועגן אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט איינעם, זייער אַ הויכגעשטעלטן דייטשן אָפיצער. יענער האָט אים, בערנשטיינען, קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער ווייסט גענוי, אַז דער דיי-טשער גענעראַל-שטאַב האָט אין יאָר 1917 געשיקט גרויסע סומעס געלט צו לענינען און צו די באָלשעוויקעס, און ער האָט אַפילו גענוי אָנגערופן די סומע, וועלכע מען האָט געשיקט. איך האָב פּרובירט שפּע-טער צו באַקומען וועגן דעם אַ באַשטעטיקונג אָדער אַן אָפּלייקענונג ביי די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס זיינען געוואָרן פּרעזידענטן, ווי עבערט, אָדער מיניסטאָרן, און וואָס האָבן דורך זייער צוטריט צו די געהיימע אַרכיוון אפשר געקאָנט האָבן אַ גענויע ידיעה וועגן אַזוינע זאַכן. אָבער איך האָב קיין זאַך ניט געקאָנט דערגיין, ניט יאָ און ניט ניין. מען האָט מיר פּשוט דערקלערט, אַז מען ווייסט וועגן דעם ניט. ס'איז מעגלעך, אַז די געהעריקע דאָקומענטן זיינען געלעגן אין אַרכיוו פון גענעראַל-שטאַב, און אין דייטשלאַנד האָט אַפילו בשעת דער ווייַ-מאַרער רעפּובליק די ציווילע אַדמיניסטראַציע קיין מאָל ניט געהאַט קיין שליטה איבער די געהיימענישן פון דער מיליטערישער, דער רייכסווער. בערנשטיין, וועמען איך האָב דערציילט וועגן מיינע פּרואוון, האָט מיר געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג מוז עבערט וויסן, אָבער ער וועט קיין מאָל ניט אויסזאָגן דעם אמת, בכדי ניט צו קאָמפּראָמי-טירן די דייטשע פּאָליטיק. אונדזער געמיינזאַמע מיינונג איז געווען, אַז אויב אַפילו דאָס איז אמת, וועלן די דייטשע רעגירונגס-פאַרטרעטער דאָס קיין מאָל ניט צוגעבן, ווייל זיי וועלן מורא האָבן, אַז דאָס וועט פאַרעפנטלעכט ווערן און דאָס וועט פאַרדאַרבן די באַציאונגען צווישן דייטשלאַנד און סאָוועט-רוסלאַנד (יעמאָלט איז דאָך שוין געווען די צייט פון ראַפּאַלאָ-אָפּמאַך צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, און אין דאָזיקן אָפּמאַך זיינען געווען געהיימע מיליטערישע פּונ-קטן, וואָס זיינען פאַר דייטשלאַנד געווען אויסערגעוויינטלעך וויכ-טיק).

דאָס זיינען די פאַקטן. אָבער אַחוץ דער פאַקטישער זייט איז נאָך פאַראַן אַ מאָראַליש־פּסיכאָלאָגישער מאָמענט. פאַר די 25 יאָר, וואָס זיינען פאַרגאַנגען זינט די יולי־טעג 1917, האָבן מיר אַלע באַקומען אַן אַנדער באַגריף וועגן דעם, וואָס עס איז די אמתע מאָראַל פון באָלשע־וויזם און ווי ווייט עס איז אַפילו ביי די פאָטערס פון באָלשעוויזם דער־גאַנגען די אַמאָראַלישקייט און דער מאַקיאַוועליזם. עס זיינען פאַר דער לעצטער צייט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַזוי פיל פאַקטן פון דער באָל־שעוויסטישער טעטיקייט אין יענע יאָרן, עס זיינען אַרויס אַזוי פיל דער־אינערונגען, זכרונות און מעמואַרן וועגן דער דאָפּל־פּאָליטיק, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געטריבן אין יענער צייט, אַז היינטיקן טאָג האָב איך בשום אופן ניט די זיכערקייט, אַז די באַשולדיקונג וועגן די דייטשע געלט איז געווען אַ פאַלשע.

אָבער פאַר דער געשיכטע פון יענע טעג איז וויכטיק ניט דאָס, וואָס איך דענק איצט, נאָר דאָס, וואָס איך האָב געפילט און גע־דענקט יעמאָלט. און יעמאָלט האָט די באַשולדיקונג, אַז די באָל־שעוויקעס זיינען דייטשע אַגענטן און באַקומען געלט פון דער דייטשער רעגירונג, אַרויסגערופן ביי אונדז, אינטערנאַציאָנאַליסטן, דעם געפיל פון פּראָטעסט און אַנטריסטונג. אָבער צוזאַמען מיט דעם פּראָ־טעסט קעגן די פאַלשע באַשולדיקונגען קעגן די באָלשעוויקעס איז ביי מיר יעמאָלט, אונטער דער ווירקונג פון די יולי־טעג, — ווען מיר זיינען געזעסן באַלאַגערטע אין טאַוורישן פּאַלאַץ, — פאַרשאַרפט און קריסטאַ־ליזירט געוואָרן די איבערצייגונג, אַז דער באָלשעוויזם ווערט אַ גרויסע געפאַר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע.

5

מיין ערשטע אַרויסטרעטונג אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט

די בהלה פון די יולי־טעג, דער דורכפאַל פון באָלשעוויסטישן אויפ־שטאַנד־פּרואוו, די מאָראַלע נידערשלאָגענקייט פון דער באָלשעוויסטי־שער כוואַליע צוליב די שווערע באַשולדיקונגען וועגן פאַרבינדונג מיט דייטשלאַנד, — דאָס אַלץ האָט אויף אַ קורצער צייט פאַרשטאַרקט די פּאָזיציעס פון דער קערענסקי־רעגירונג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די ליבעראַלן האָבן פאַרלאָזט די רעגירונג און דאָס קערענסקי־מיניסטע־ריום איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין „דיקטאַטור" פון די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען. די צייטונגען האָבן זייער פיל גערעדט וועגן דער דאָזיקער „דיקטאַטור", אָבער אין דער אמתן, אַחוץ דעם אַרעסט פון אייניקע באָלשעוויסטישע פירערס, האָט די דאָזיקע דיקטאַטור ניט אַרויסגעוויזן קיין שום פעסטקייט, און דער עיקר, זי האָט ניט געהאַט קיין שום קלאָרן פּלאַן וועגן דעם, וואָס זי זאָל טאָן. אָבער אַ דיקטאַטור

אָן אַ פּלאַן איז דער גרעסטער ווידערשפּרוך, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. און דווקא אין די דאָזיקע טראַגישע טעג, ווען עס איז בוכשטעבליך אַנטשידן געוואָרן דער גאַנצער גורל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער רעגירונג און פון די רעגירנדיקע פּאַרטייען ניט געהאַט קיין שום פּלאַן, קיין שום קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דער נאָענטסטער צוקונפט.

דאָס איז בולט אַרויסגעטראָטן אין דער ערשטער גרויסער זיצונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע פון סאָוועט, וואָס איז פאָרגעקומען נאָך די יולי־טעג. איך געדענק ניט גענוי דעם טאָג, אָבער דאָס האָט געמוזט זיין אַרום 15—12־טן יולי.

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם, אַז ביז צום סוף פון ערשטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר (סוף יוני 1917), האָב איך ניט פאַרנומען אין סאָוועט קיין שום אָפיציעלע פּאָזיציע, ווייל אין „בונד" גופא בין איך געווען אין גאָר אַ קליינער מינדערהייט. אָבער ווען אויפן סאָוועטן־צוזאַ־מענפאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ „צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט" (ציק), בין איך אויסגעקליבן געוואָרן אַלס אַ מיטגליד און בין פון דעם גרויסן אויספיר־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון 200 מיטגלידער, אויסגעקליבן געוואָרן אויך אין דער ענגערער ביוראָ, אין וועלכער עס זיינען אַריין אַ 30 מענטשן.

אַט אין דער זיצונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע, וועגן וועלכער איך דערצייל, האָב איך צום ערשטן מאָל געהאַט די גע־לעגנהייט אַרויסצוטרעטן מיט אַ גרויסער רעדע און צו באַרירן אַלע וויכטיקע פראַגעס פון דער רעוואָלוציע. מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן, זיי־נען געווען אין דער פראַקציע אַ קליינע מינדערהייט. און ווען איך האָב אָנגעהויבן צו ריידן, האָט מען זיך צו מיר צוגעהערט אויפמערקזאַם, אָבער קאַלט און מיט חשד: וואָס ווילן שוין ווידער די אינטערנאַ־ציאָנאַליסטן? איך האָב אָבער געוואָלט פון דער מערהייט נאָר אַ קליי־ניקייט — איך האָב געוואָלט וויסן וואָס זיי קלייבן זיך איצט צו טאָן, נאָך די טראַגישע דערפאַרונגען, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט? וואָס איז זייער פּלאַן? ווי דענקען זיי ווייטער צו פירן די פּאָליטיק פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ שרעקלעכער געפאַר?

איך האָב אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דער פּרואוו צו גאַלוואַניזירן מי־ליטעריש די רוסישע אַרמיי, וואָס איז פאַקטיש צוזאַמענגעבראָכן, האָט זיך ניט איינגעגעבן. איך האָב ווידער און ווידער אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, אַז די סאָלדאַטן אויפן פראָנט ווילן מער ניט קעמפן. איך האָב געבראַכט עדות־זאָגן פון אונדזערע אייגענע דעלעגאַטן, וואָס זיינען געקומען פון פראָנט: עס איז ניט געווען צווישן זיי קיין איינער, וואָס זאָל ניט האָבן צוגעגעבן, אַז ווען עס וועט קומען דער האַרבסט מיט די רעגנס, מיט קעלט, וועלן זיך די סאָלדאַטן פּשוט צעלויפן פון

פראָנט. שוין איצט קומען פאָר שטענדיקע „פאַרברידערונגען" („בראַטאַניע") אויפן פראָנט צווישן די רוסישע און דייטשע סאָלדאַטן, דערביי אָבער קומען פון דער רוסישער זייט צו די פאַרברידערונגען רעוואָלוציאָנער־ און פאַציפיסטיש־געשטימטע סאָלדאַטן, מענטשן נאַאיווע און אויפריכטיקע, וואָס גלויבן אין פרידן. אָבער פון דער דייטשער זייט זיינען צו די דאָזיקע „פאַרברידערונגען" געקומען ספּעציעל אָרגאַניזירטע גרופּעס פון מיליטערישע שפּיאָנען און פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס האָבן ניט געטראַכט וועגן פרידן, נאָר וועגן אַרויסקריגן ביי די נאַאיווע רוסישע סאָלדאַטן וואָס מער מיליטערישע ידיעות און אויפנעמען וואָס מער פאָטאָגראַפיעס. יעמאָלט, אין זומער 1917, איז די דייטשע אַרמיי נאָך געווען אין די הענט פון די אָפיצערן, פון לודענדאָרפן, הינדענבורגן און פון דייטשן קייזער. די פאַרברידערונגען, וואָס זיינען אַזוי פייערדיק פּראָפּאַגאַנדירט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס אַלס אַ מיטל פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף קעגן קייזעריזם, זיינען אין דער אמתן פון דער דייטשער זייט געווען ניט מער ווי פּלאַנמעסיקע פּראָוואָקאַציע און שפּיאָנאַזש.

אַלזאָ, די סאָלדאַטן וועלן מער ניט קעמפן, די אַרמיי ווערט צעפאַלן פאַר אונדזערע אויגן און דער צעפאַל פון פראָנט דעמאָראַליזירט דאָס גאַנצע לאַנד, פאַרגיפטעט די רעוואָלוציע, פאַרשטאַרקט די כוואַליע פון געפערלעכן באָלשעוויזם צווישן די מאַסן. מיר פאַרלירן דעם איינפלוס אויף די אַרבעטער־מאַסן און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וועלן באַלד אָנהייבן פאַרלירן דעם איינפלוס אויף די פויערים. יעדער פּרואוו צו פאַרלענגערן דעם קריג וועט אין גאַנצן רואינירן די רעוואָלוציע, וועט אונדז אָפּשוואַכן און מאַכן מאַכטלאָז קעגן דער דעמאַגאָגיע פון באָלשעוויקעס און נאַציאָנאַליסטן מכל המינים. עס זיינען פאַראַן רעוואָלוציאָנערע פּראָצעסן אין די מאַסן, וועלכע מען קאָן ניט אָפּהאַלטן, וועלכע עס איז געפערלעך צו פאַרציען אין דער לענג, וואָרים אין לאַנד זיינען פאַראַן אַנדערע כוחות, וועלכע וועלן אַרויסרייסן פון אונדזערע הענט די איניציאַטיוו און די פירונג און וועלן ווערן די באַלעבאַטים פון דער רעוואָלוציע. מיר דאַרפן פאַרענדיקן דעם קריג פאַר רוסלאַנד. ווער עס וועט דער ערשטער ברענגען שלום פאַר די רוסישע מאַסן, יענער וועט באַהערשן די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. ווילן מיר, אַז די פירונג זאָל בלייבן אין אונדזערע הענט, מוזן מיר זיין די יעניקע, וואָס וועלן ברענגען רוסלאַנד דעם סוף פון קריג.

אונדזערע עלאַים מוזן פאַרשטיין אונדזער לאַגע, און אויב זיי פאַרשטייען אַליין ניט, מוזן מיר זיי דאָס בולט און דייטלעך דערקלערן. און וואָס וועלן זיי געווינען, אויב אונדזער רעוואָלוציע זאָל צוזאַמענברעכן און אין איר זאָלן אָנהייבן צו הערשן באָלשעוויקעס אָדער סעפּאַראַטיסטן? וועט דען די לאַגע פון ענגלאַנד און פראַנקרייך ווערן דורך דעם בעסער? איצט טרעט אַריין אַמעריקע אין דעם קריג. די כוחות פון די עלאַים ווערן אומגעהייער פאַרשטאַרקט, און עס איז ניט

אויסגעשלאָסן, אַז רוסלאַנדס איניציאַטיוו פון שלום זאָל ברענגען צו אַן אַלגעמיינעם שלום פאַר דער וועלט. אָבער אויב אַפילו ניט, בלייבט אַ פאַקט, אַז רוסלאַנד קאָן ווייטער ניט קעמפן און קאָן מער די עלאַים ניט העלפן, ווי שטאַרק מיר זאָלן דאָס ניט ווילן.

ווילן מיר ראַטעווען די רעוואָלוציע, מוזן מיר געפינען אַ וועג צום שלום, אַז ניט זיינען מיר באַרמלאָז פאַרלאָרן און צוזאַמען מיט אונדז וועט גיין פאַרלאָרן די גאַנצע רעוואָלוציע.

אַט דאָס איז אומגעפער געווען דער קורצער זין פון יענער לאַנגער רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטן אין דער זיצונג.

אויפמערקזאַם, אָבער קאַלט, האָט מיך אויסגעהערט די מערהייט פון אונדזערע דעלעגאַטן. קיינער פון די פירערס האָט ניט גענומען אַ וואָרט, כדי מיר צו ענטפערן. איך האָב מורא, אַז זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן, ווייל אַלע האָבן געמוזט פילן, אַז איך רעד אַרויס אָפן דעם אמת. אָבער די יעמאָלטיקע פירערס פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן פּסיכאָלאָגיש ניט געקאָנט אַקצעפּטירן יענעם צוגאַנג צו דער רוסישער רעוואָלוציע, אויף וועלכן איך בין געשטאַנען. זיי האָבן געפילט, אַז איך בין גערעכט, אָבער זיי האָבן געזען אין דער דאָזיקער שטעלונג אַ פאַרראַט צו יענע פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן און דעמאָקראַטישן פּאַטריאָטיזם, מיט וועלכן עס איז דורכגעדרונגען געווען אין יענעם מאָמענט די גרויסע מערהייט פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ.

געענטפערט האָט מיר אין איינינקע ווערטער נאָר דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, חבר טשכעאידזע.

מיט זיין געוויינטלעכן פאַרזיכטיקן, עכט קאַווקאַזישן מאַניר האָט מיר טשכעאידזע געענטפערט, אַז די פראַגע, וואָס איך האָב געשטעלט, איז זייער אַ פאַרפלאָנטערטע, אַז געוויס איז דאָס אַלץ זייער וויכטיק און אַז מען דאַרף דאָס באַטראַכטן, אָבער דערויף פאָדערט זיך צייט און דער פּרעזידיום פון סאָוועט וועט זיך מיט דער דאָזיקער פראַגע באַשעפטיקן. דאָס איז געווען דער גאַנצער מאָגערער רעזולטאַט פון מיין ערשטער גרויסער אַרויסטרעטונג אין די פירנדיקע קרייזן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. אַ ריי חברים זיינען צו מיר צוגעגאַנגען פּריוואַט נאָך דער פאַרזאַמלונג און האָבן צוגעגעבן, אַז איך בין אייגנטלעך גערעכט, אָבער אַז מיר געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע, פון וועלכער עס איז ניטאָ קיין אויסוועג.

אַ רעוואָלוציע אָן אַן אויסוועג — אַט דאָס איז געווען די לאַגע פון דעם מענשעוויסטיש־סאָציאַליסטישן בלאָק נאָך די יולי־טעג 1917.

6
די מלוכה־באַראַטונג אין מאָסקווע

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען אין אָנהייב יולי די פּאַרטרע־טער פון די ליבעראַלן און „קאַדעטן" אַרויסגעטראָטן פון דער קערענ־סקי־רעגירונג צוליב דער אויטאָנאָמיע, וואָס צערעטעלי און טערעש־טשענקאָ האָבן צוגעזאָגט די אוקראַינער אין קיעוו. פון יעמאָלט אָן איז די רעגירונג געבליבן טעאָרעטיש אַ קאָאַליציע־רעגירונג פון סאָ־ציאַליסטן מיט ניט־סאָציאַליסטן, אָבער אין דער אמתן זיינען די סאָ־ציאַליסטן געבליבן אין דער רעגירונג כמעט איינע אַליין. זיי האָבן קעגן זיך אין די אַרבעטער־מאַסן און צווישן די סאָלדאַטן געהאַט אַ שטאַרקע און באַרמלאָזע אָפּאָזיציע פון די באָלשעוויקעס, וואָס גרייטן זיך אַריינצוכאַפּן די מאַכט דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד. און אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי קעגן זיך געהאַט דעם גאַנצן פּאָליטישן ווידערשטאַנד פון די בורזשואַזע קלאַסן און צווישן דעם אויך אַ טייל רעכטע רעאַקציאָנערע עלעמענטן, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט פּלענער פון באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען (באַזונדערס אין די קאָזאַקישע טערי־טאָריעס אויפן דאָן און אין קובאַן). אָט דאָס איז געווען אַ צו שווערע לאַגע פאַר אַ רעגירונג אין דער צייט פון אַ וועלט־מלחמה און אַ רע־וואָלוציע. האָט מען באַשלאָסן צו שאַפן אַ פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס זאָלן זיך קאָנען פון דאָס ניי צוזאַמענטרעפן די פּאַרטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע, חוץ די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך אַליין אויסגעשלאָסן פון דער מחנה, מיט די פּאַרטרעטער פון יענע בירגערלעך־דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וואָס זיינען גרייט צוזאַמענצו־אַרבעטן מיט די סאָציאַליסטן אויף צו ראַטעווען דאָס לאַנד און די דע־מאָקראַטישע אָרדענונג. קערענסקי און באַזונדערס צערעטעלי זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז אַזוינע דעמאָקראַטיש־בירגערלעכע עלעמענטן, וואָס זיינען גרייט צו גיין צוזאַמען ניט מיט דער רעאַקציע, נאָר מיט די סאָציאַליסטן, זיינען אין רוסלאַנד פאַראַן, און אַז די דאָזיקע „לעבעדיקע כוחות" פון לאַנד, ווי צערעטעלי פלעגט זיך שטענדיק אויס־דריקן, זיינען פעאיק צו שאַפן אַ געהעריקן פונדאַמענט פאַר אַ שטאַר־קער רעגירונג.

אַזאַ מין עפנטלעכע פּלאַטפאָרם, וואו עס זאָלן זיך קאָנען טרעפן די פּאַרטרעטער פון די אַלע קלאַסן, האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיין אַ צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, ווארים אין די סאָוועטן זיינען גע־ווען פאַרטראָטן נאָר די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אַ טייל אינטע־ליגענטישע פאַראיינען. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, צו וועלכער אַלע האָבן זיך געריכט און צוגעגרייט, איז געווען נאָך ווייט, האָט מען באַ־שלאָסן צו פאַררופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ, אין וועלכער עס זאָלן זיך

באַטייליקן סאַי די פאַרטרעטער פון די סאָוועטן, די אַרבעטער־פּאַר־טייען, די טרעיד יוניאָנס, סאַי די פאַרטרעטער פון די בורזשואַזע אָרגאַ־ניזאַציעס, די בורזשואַזע פּאַרטייען און די אָרגאַניזאַציעס פון די אונ־טערנעמער.

אָט די „מלוכה־באַראַטונג", ווי מען האָט איר גערופן, איז פאָרגע־קומען פון 12־טן ביזן 18־טן אויגוסט 1917, אין מאָסקווע. אין איר האָבן זיך באַטייליקט אַרום 2,000 דעלעגאַטן. 300 דעלעגאַטן זיינען איינגע־לאַדן געוואָרן פון די אַרבעטער־סאָוועטן, די פּויערים־סאָוועטן און פון פראָנט. 300 פאַרטרעטער זיינען געווען די דעפּוטאַטן פון די אַלע פיר גאָסודאַרסטווענע דומעס, וואָס רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט פון 1906 ביז 1917. דאַן זיינען געווען 400 דעלעגאַטן פון די ניי־דערוויילטע שטאָט־ראַטן און זיעמסטוועס; 120 דעלעגאַטן זיינען געקומען פון די אונטער־נעמער־אָרגאַניזאַציעס, 100 פון די לאַנד־אייגנטימער (פּריצים), 100 פון די אוניווערסיטעטן, 150 פון די אַרבעטער־יוניאָנס, 300 פון די אַרבע־טער־און־פּויערים קאָאָפּעראַטיוון, 80 פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס, צווישן זיי אויך אידן אאַ"וו.

די מאָסקווער מלוכה־באַראַטונג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָלאָסאַלן מאַסן־מיטינג, אין וועלכן עס זיינען אַרויסגעטראָטן אַ גאַנצע קייט דעלעגאַטן פון די פאַרשיידנסטע אָרגאַניזאַציעס, פון די סאַמע רעכטע ביז די באָלשעוויקעס. (די באָלשעוויקעס זיינען אַריינגעקומען דורך די סאָוועטן און דורך די טרעיד יוניאָנס). אויך איך בין אַרויס־געטראָטן אין דער מאָסקווער באַראַטונג אַלס אַ פאַרטרעטער פון אַלע אידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, אַריינגערעכנט דעם „בונד", די פּ"צ, די פאַראייניקטע אאַז"וו. מיט אַ רעדע אין נאָמען פון די אידישע בירגער־לעכע אָרגאַניזאַציעס איז אַרויסגעטראָטן דער איצט פאַרשטאָרבענער אַדוואָקאַט גרוזענבערג.

דעם צענטער פון די מאָסקווער אַרויסטרעטונגען האָבן געבילדעט די רעדעס פון קערענסקי און צערעטעלי. צערעטעלי האָט אין אַ גרוי־סער פּאָליטישער רעדע אויפגעפאָדערט די „לעבעדיקע כוחות" פון דער רוסישער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע צו פאַראייניקן זיך אין אַ פּאַטריאָטישער און דעמאָקראַטישער טאַט מיט די כוחות פון דער רע־וואָלוציאָנערער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע און צו שאַפן אַ פעסטע רע־גירונג, וואָס זאָל אָפּהיטן דעמאָקראַטיע, די רעכט פון דער אַרבעטער־שאַפט, די ספּעציעלע פאַרלאַנגען פון פּויערים־קלאַס און זאָל אין דער־זעלביקער צייט פאַרפעסטיקן די מאַכט פון רוסלאַנד אויף די פראָנטן. אָבער זיין רעדע איז געבליבן אָן אָן אָפּקלאַנג פון אַנדערן צד. די אמתע אָנפירער פון דער רוסישער בורזשואַזיע האָבן געשוויגן אָדער געענט־פערט מיט קעגן־פאָדערונגען, וואָס האָבן באַדייט אַן אָפּזאָג פון יענער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, פאַר וועלכער צערעטעלי האָט גע־קעמפט.

דער פאליטישער צוועק פון דער מלוכה־באראטונג — אויפשטעלן פון דאס ניי אן ענגע פארבינדונג צווישן די רוסישע בורזשואזע דעמאָקראטן און די רוסישע סאציאליסטן, האט זיך אין מאסקווע ניט איינגעגעבן. עס איז געווען קלאר, אז די בורזשואזע פארטייען האבן עפעס אנדערע פלענער און אנדערע האפענונגען.

פאר מיר, ווי פאר פיל אנדערע, וואס האבן יעמאלט ניט באלאנגט צום ענגן קרייז פון דער רעגירונג, איז דער ערשטער סיגנאל, אז עפעס איז ניט אין אָרדענונג, געקומען פון קערענסקים רעדע אין מאסקווע. קערענסקים רעדעס זיינען קיין מאל ניט געווען קיין זייער פרעציזע און אויסגעטאקטע; צום אונטערשייד פון צערעטעלי, וואס האט שטענדיק גערעדט לויט א שטרענגן לאגיש־אויפגעשטעלטן פלאן, האט ביי קערענסקין געהערשט מער שטימונג איידער א שטרענגע סיסטעם. צו דעם זיינען מיר שוין געווען צוגעוואוינט. אבער דעם מאל, אויף דער מאסקווער מלוכה־באראטונג, איז קערענסקים גרויסע רעדע, אויף וועלכער אלע האבן געווארט מיט אומגעדולד, געווען אויף אזוי פיל אומקלאר, נערוועז און אויפגערעגט, אז אלע האבן פארשטאנען, אז עפעס איז דא ניט גלאטיק, אז עפעס קומט פאר הינטער די קוליסן, וועגן וואס מען דערציילט אונדז ניט. און דער איינדרוק איז פארשטארקט געווארן דורך דער ארויסטרעטונג פון יענעם מענטשן, וואס דער רעכטער טייל פון דער מלוכה־באראטונג האט אים געמאכט פאר זיין פירער און נביא. דאס איז געווען דער ג ע נ ע ר א ל ק א ר נ י ל א ו.

שוין זיין אריינפאר אין מאסקווע אין א וויסן אויטאמאביל, ארומגערינגלט מיט רייטער, איז געווען א מין דעמאנסטראציע. איידער ער איז פארפארן אויף דער באראטונג, האט ער געמאכט א פייערלעכן באזוך ביי דעם „הייליקן בילד" פון מאריא ביי דעם איווערסקי טויער אין קרעמל, — אזוי ווי דאס פלעגן טאן די רוסישע קסרים ביי זייערע באזוכן אין מאסקווע. און ווען ער איז אויפגעשטאנען אין דעם זאל פון דער מאסקווער מלוכה־באראטונג אויף צו האלטן זיין קורצע רעדע, האט אים דער רעכטער פליגל פון דער פארזאמלונג געמאכט אן אומגעהייערע אוואציע.

עס איז געווען קלאר: אויב די מער לינקע און דעמאקראטישע טיילן פון דער רוסישער בורזשואזיע וואקלען זיך נאך צווישן די סאוועטן און דער רעאקציע, האבן די אנפירנדיקע און אנטשיידנדע קרייזן פון דער רוסישער בורזשואזיע אויסגעקליבן פאר זיך אן אנדער וועג. זיי ווילן מער ניט קיין קאמפראמיסן מיט די סאוועטן און מיט די ארבעטער־פארטייען, זיי ווילן מער ניט קיין „קערענשטשינע", זיי ווילן האבן א „פעסטע רעגירונג" מיט אן אייזערנער האנט און אין דער צייט פון א קריג קאן דאס זיין נאר א מ י ל י ט ע ר י ש ע ד י ק ט א ט ו ר. און זיי האבן שוין אפילו א קאנדידאט פארן פאסטן פון א מיליטערישן דיקטאטאר, און דאס איז דער גענעראל קארנילאוו.

נאָך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געמאַכט געוואָרן דער פּרואוו צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן פּלאַן. עס איז פאָרגעקומען דער באַרימטער קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד.

7
דער קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד

ווער ווייסט, ווי עס וואָלט געגאַנגען ווייטער די אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די רעאַקציאָנערע פאַרשווערער וואָלטן נישט פאַרלוירן די געדולד און וואָלטן ניט געמאַכט דעם ניט־געלונגענעם קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד. אָבער זיי האָבן פאַרלוירן די געדולד צום סוף אויגוסט, 1917.

די פאַרהאַנדלונגען צווישן קאָרנילאָוון און קערענסקין האָבן זיך געצויגן וואָכן־לאַנג. אין זיי האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט באַרים סאַווינקאָוו, דער באַרימטער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טעראָריסט פון 1905, וואָס איז שפּעטער אַנטוישט געוואָרן אין דער רעוואָלוציע און איז אין יאָר 1917 געוואָרן פון דאָס ניי אַ רעוואָלוציאָנער און הויפּט־קאָמיסאַר פון דער קערענסקי־רעגירונג ביים רוסישן גענעראַל־שטאַב. נאָך דעם זיג פון די באָלשעוויקעס איז סאַווינקאָוו אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, האָט דאָרט געפירט אַ שאַרפן אַנטי־באָלשעוויסטישן קאַמף; אין 1922 איז ער אומלעגאַל אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, פירן אַנטי־באָלשעוויסטישע אַרבעט און דאָרט האָט אים די „טשעקא" אַריינגענאַרט אין אַ פּאַסטקע און אַרעסטירט. בשעת זיין אַרעסט איז ער פּלוצלונג אַריבערגעגאַנגען צו די באָלשעוויקעס און האָט וועגן דעם אָפּגעגעבן אַן עפנטלעכע דערקלערונג. אָבער דאַן זאָל ער האָבן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

איך דערמאָן וועגן אָט דער מערקווירדיקער ביאָגראַפיע פון אָט דעם אַוואַנטוריסטישן רעוואָלוציאָנער, ווייל ער האָט אין די קאָרנילאָוו־טעג געשפּילט אַ ראָלע, וואָס איז נאָך ביז איצט אין גאַנצן ניט אויפגעקלערט.

קערענסקי האָט געהאָפט צו קריגן קאָרנילאָווס אונטערשטיצונג ביי די העכערע אָפיצערן, כדי צו רעאָרגאַניזירן די אַרמיי, ניט ביטנדיק דעם רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראַטישן צוזאַמענשטעל און כאַראַקטער פון דעם רעזשים. קאָרנילאָוו און זיינע עצה־געבער האָבן געהאָפט אויסצונוצן קערענסקין, כדי צו דערשלאָגן זיך די נייטיקע רעפאָרמען, וואָס זאָלן איבערגעבן די רעאַלע מאַכט אין זייערע הענט, כדי זיי זאָלן קאָנען שפּעטער באַזייטיקן קערענסקין, די סאָוועטן און די גאַנצע רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג. דאָס איז געווען אַ פאַרפּלאָנטערטער פּאָליטישער שאַך־שפּיל, אין וועלכן יעדער צד האָט געהאָפט צו זיין קליגער

און געשיקטער פון צוויטן צד. דערבײַ האָט סאַווינקאָוו זיך געפירט אַזוי, אַז קערענסקי האָט געמיינט, אַז ער איז מיט אים, און קאָרנילאָוו האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז סאַווינקאָוו העלפט א י ם, קאָרנילאָוון, אַריינצונאַרן די רעוואָלוציע אין פּאַסטקע. עס איז מעגלעך, אַז סאַווינקאָוו האָט געשפּילט זיין א י ג ע נ ע ם שפּיל, האָפנדיק אָפּצונאַרן אי קערענסקין, אי קאָרנילאָוון און אַליין ווערן דער דיקטאַטאָר.

אָבער די שפּיל איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב דעם, וואָס קאָרנילאָוו און זיינע מענטשן האָבן פאַרלוירן די געדולד.

דעם 21־טן אויגוסט, 1917, האָבן די דייטשן געעפנט אַ שרעקלעכע אַרטילעריע־אַטאַקע אַרום דער שטאָט ריגע, און האָבן נאָך אַ שאַרפן קאַמף איינגענומען אָט די וויכטיקע רוסישע שטאָט אויפן באַלטישן ים. נאָך מיט אַ געוויסער צייט פריער איז אין דער שטאָט ק אַ ז אַ ן אויפגעריסן געוואָרן אַ קאָלאָסאַלער וואָפן־רעזערוו, ביי וועלכן עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן עטלעכע מיליאָן ביקס־פּאַטראָנען און 12 טויזנט מאַשין־געווער (קוילן־וואַרפער). כמעט אין דער זעלבער צייט זיינען אין פּעטערבורג פּלוצים אויסגעבראָכן אַ ריי שׂרפות, ביי וועלכע עס זיינען פאַרברענט געוואָרן זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן. עס האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז עפּעס אַ מעכטיקע געהיימע אָרגאַניזאַציע פאַרניכטעט די מיליטערישע קראַפט אין רוסלאַנד, און די מפּלה ביי ריגע האָט אַרויסגערופן אַן אומגעהייערע אויפרעגונג אין די קרייזן פון די אָפיצערן, און דאָס איז געווען דער לעצטער טראָפּן, וואָס האָט געמאַכט פול דעם בעכער פון קאָרנילאָווס צאָרן.

דעם 26־טן אויגוסט איז דער פריערדיקער מיניסטער וו. נ. לוואָוו (ניט דער פ י ר ש ט לוואָוו, נאָר אַ צווייטער), געקומען צו קערענסקין אין אַ זייער אויפגערעגטן צושטאַנד און האָט אים אין נאָמען פון גענעראַל קאָרנילאָוו געשטעלט די אולטימאַטיווע פאָדערונג, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער רעגירונג, זאָל איבערגעבן די גאַנצע מאַכט אין די הענט פון גענעראַל קאָרנילאָוו, און זאָל אַליין (צוזאַמען מיט סאַווינקאָוון), אַרויספאָרן גלייך קיין מאָהילעוו, וואו ער וועט באַקומען די שטעלע פון אַ יוסטיץ־מיניסטער אין דער קאָרנילאָוו־רעגירונג, און קאָרנילאָוו גאַראַנטירט מיט זיין ערן־וואָרט אַז אים וועט קיין זאַך ניט געשען.

פאַר קערענסקין איז דאָס געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט אַ קאַמף צווישן דער רעגירונג און דער אויבערשטער אָנפירונג פון דער אַרמיי, און ער האָט פאַרשטאַנען, ו ו אָ ס דאָס מיינט פאַר דער מיליטערישער און פּאָליטישער צוקונפט פון רוסלאַנד. ער האָט גלייך אַרויסגערופן צום טעלעגראַף דעם גענעראַל קאָרנילאָוו און האָט אויף אַ זייער געשיקטן אופן אַרויסבאַקומען פון דעם גענעראַל אַן אָ פ י צ י ע ל ע באַשטעטיקונג, אַז דאָס, וואָס לוואָוו פאָדערט פון אים, שטאַמט טאַקע פון קאָרנילאָוון און אַז קאָרני־

לאָוו טרעט אַרויס קעגן דער גצוועצלעכער רעגירונג. עס איז גלייך צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דער צייטווייליקער רעגירונג, וואָס האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט. קערענסקי האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל גלייך אָננעמען די שטרענגסטע מיטלען קעגן דעם בונטאַרישן גענעראַל. די בורזשואַזי־קאַדעטישע מיניסטאָרן זיינען געווען קעגן דעם און האָבן זיך אָנגעגעבן אין דימיסיע. אָבער די איבעריקע מיטגלידער פון דער רעגירונג האָבן איינגעשטימט מיט קערענסקין און דעם 27־טן אויגוסט, 7 אַ זייגער אין דער פרי, האָט קערענסקי פאַרעפנטלעכט אַ באַפעל, אַז קאָרנילאָוו ווערט אַראָפּגעזעצט פון זיין פּלאַץ און דאַרף אַרעסטירט ווערן, אַז זיינע באַפעלן טאָרן מער ניט דורכגעפירט ווערן און אַז ער באַשטימט פאַרן שעף פון גענעראַל־שטאַב אַן אַנדער גענעראַל.

קערענסקיס טעלעגראַמע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַלע צייטונגען, האָט געווירקט ווי אַ דונער איבערן גאַנצן לאַנד און באַזונדערס אין די סאָוועטן. עס איז גלייך צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט (ציק), און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו ווענדן זיך צו אַלע סאָוועטן און צו אַלע סאָלדאַטנקאָמיטעטן איבערן גאַנצן לאַנד מיט דער פאָדערונג צו אָרגאַניזירן דעם שאַרפסטן ווידערשטאַנד קעגן דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער צענטראַלער קאָמיטעט זאָל זיך געפינען אין אַן אומאויפהערלעכע זיצונג טאָג און נאַכט, און אַז די מיטגלידער זאָלן ניט פאַרלאָזן דעם טאַוורישן פּאַלאַץ.

אין דער זעלבער צייט איז, לויט מיין פאָרשלאַג, באַשלאָסן געוואָרן, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט באַקעמפן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, און די קאָמיסיע האָט באַקומען דעם נאָמען: „אויסעראָרדענטלעכע קאָמיסיע צום קאַמף קעגן דער קאָנטער־רעוואָלוציע”, און איך בין אַריין אין דער דאָזיקער קאָמיסיע. איך דערמאָן וועגן דעם מחמת דעם, וואָס אין די שפּעטערדיקע צייטן האָבן מיך די חברים ניט איין מאָל געקיבעצט, אַז דער ערשטער „טשעקאַ” („טשרעזוויטשאַינאַיאַ קאָמיסיאַ” — מיינט: „אויסעראָרדענטלעכע קאָמיסיע”) איז אייגנטלעך געשאַפן געוואָרן לויט מיין פאָרשלאַג!

מיט אַן אומגעהייערן ענטוזיאַזם און געטריישאַפט האָבן זיך די אָרטיקע סאָוועטן, באַזונדערס אַרום מאָהילעוו, מינסק, וויטעבסק, האָמעל אאַ״וו. אָפּגערופן אויף דעם רוף פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט. עס האָבן זיך איבערן גאַנצן לאַנד געגרינדעט ספּעציעלע „קאָמיטעטן צו באַקעמפן די קאָנטער־רעוואָלוציע” און עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסער טייל פון אַזעלכע קאָמיטעטן זיינען געגרינדעט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס, וועלכע האָבן דערביי פאַרפאָלגט זייערע באַזונדערע צוועקן.

דער גענעראַל קאָרנילאָוו האָט ניט אָנגענומען קערענסקיס באַפעל וועגן פאַרלאָזן זיין פּלאַץ. ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ „מאַניפעסט צום פאָלק", וואָס איז געווען פול מיט מליצה און פּאַטריאָטישע פראַזעס, וואָס האָט באַשולדיקט קערענסקין און זיין רעגירונג אין אַלע אומגליקן, וואָס האָבן זיך געטראָפן מיט רוסלאַנד, און וואו ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען ווייטער די געזעצלעכקייט פון קערענסקין און זיין רעגירונג. דער קאַמף איז געוואָרן אַן אָ פ ע נ ע ר ב ו נ ט פונם גענעראַל קעגן דער רעגירונג. און כדי זיינע ווערטער זאָלן ניט זיין קיין פוסטע דראָאונגען, האָט דער גענעראַל קאָרנילאָוו אַוועקגעשיקט קיין פּעטערבורג דעם גאַנצן „דריטן קאַוואַלעריע-קאָרפּוס", ספּעציעל די אַזוי-גערופענע „ווילדע דיוויזיע", אַ גרופּע קאַזאַקישע און קאַווקאַזישע רייטער-פאָלקן, וואָס זיינען באַשטאַנען פון פאַרשיידענע קאַווקאַזישע און טורקעסטאַנישע פעלקער, וועלכע די רעאַקציאָנערן האָבן באַטראַכט פּאָליטיש אַלס זייער פאַרלעסלעך. בראָש פון דעם קאָרפּוס איז געשטאַנען דער גענעראַל ק ר י מ אָ װ, און דער קאָמאַנדיר פון דער „ווילדער דיוויזיע" איז געווען דער גרוזינישער פירשט ב אַ ג ר אַ ט י אָ נ אָ װ.

נאָר אַ טייל פון קאָרנילאָווס רייטער זיינען אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע ד נ אָ, ניט ווייט פון פּעטערבורג. די איבעריקע טראַנספּאָרטן פון סאָלדאַטן און קאַוואַלעריע זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערע אייזנבאַן-אַרבעטער, ניט געקוקט אויף אַלע דראָאונגען פון די גענעראַלן.

די לאַגע איז אָבער געווען זייער אַ טראַגישע. די צאָל סאָלדאַטן, וואָס האָבן מאַרשירט לויט קאָרנילאָווס באַפעל קעגן פּעטערבורג, איז געווען אַ קליינע. מיט דער צאָל סאָלדאַטן, וואָס דער סאָוועט האָט פאַרמאָגט אין פּעטערבורג אין די רעוואָלוציאָנערע פאָלקן, וואָלט מען געקאָנט זייער לייכט אָפּשלאָגן אַפילו אַ שטאַרקע אַטאַקע. דער אומגליק איז אָבער געווען דער, וואָס די רעוואָלוציאָנערע פאָלקן האָבן ניט געטויגט צום קאַמף. ווען מיר זיינען געזעסן אין די אומאונטערבראָכענע זיצונגען די ערשטע דריי-פיר טעג און האָבן אויסגעהערט די באַריכטן פון די דעלעגאַטן, וואָס זיינען געפאָרן אָדער געפלויגן צום פראָנט (ווי, צ. ב., וויקטאָר טשערנאָוו, וואָס איז געפלויגן אויף אַן עראָפּלאַן), האָט זיך דאָס מיליטערישע בילד באַקומען אַזאַ, אַז אין אונדזער „פראָנט" איז געווען אַ לאָך פון 50 קילאָמעטער, וואו קיינער האָט אונדז ניט פאַרטיידיקט און דורך וועלכן די אַרמייען פון גענעראַל קאָרנילאָוו וואָלטן זיך געקאָנט גאַנץ לייכט אַריינרייסן אין פּעטערבורג.

ריין מיליטעריש גערעדט, איז אונדזער לאַגע געווען אַ פאַרצווייפלטע. מיר זיינען געזעסן שוצלאָז, און יעדע מינוט האָט דער קעגנער געקאָנט אַריינגיין אין שטאָט און נעמען אונדז מיט די הוילע הענט און מיר וואָלטן געמוזט אַנטלויפן, אָדער זיך לאָזן אויפהענגען פון די צע-

ווילדעוועטע קאָזאַקן פון דער „ווילדער דיוויזיע". און אַז גענעראַל קרימאָוו האָט דעם פּלאַן באַרמלאָז צו פאַרניכטן דעם גאַנצן סאָוועט און אויסראָטן די גאַנצע רעוואָלוציע, וועגן דעם איז ניט געווען קיין שום צווייפל.

זיינען מיר געזעסן אין אונדזערע זיצונגען און ניט געוואוסט, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט אונדז ברענגען. נאָר איין מענטש איז געווען צווישן אונדז פריילעך, אויפגעלייגט און אָפּטימיסטיש: דאָס איז געווען אונדזער חבר וולאַדימיר וואָיטינסקי, דער קאָמיסאַר פון דער ציטוויילעקער רעגירונג ביי דער צפון-אַרמיי אין ריגע. „עט, — האָט ער געטענהט שמייכלענדיק, — קאָרנילאָוו וועט אונדז ניט נעמען. איר וועט זען, אַז די רעוואָלוציע איז שטאַרקער פון אים!".

און ער איז געווען גערעכט.

פינצטערע, בייזע, אויפגערעגטע, אויפגעהעצטע דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אָפיצערן, זיינען די רייטער פון דער „ווילדער דיוויזיע" אָנגעקומען צו דער סטאַנציע דנאָ, אין לוגאַ, — אין די סטאַנציעס, וואָס רינגלען אַרום פּעטערבורג. זיי זיינען אָבער נאָך געווען צו שוואַך, כדי גלייך אָנצוהייבן די אַטאַקע, האָבן זיי געמוזט וואַרטן. און אַזוי ווי זיי האָבן געוואַרט, האָבן זיך פון אַלע זייטן אָנגערוקט אַרבעטער, סאָלדאַטן, פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, און די מער אינטעליגענטערע צווישן דער „ווילדער דיוויזיע", וואָס האָבן פאַרשטאַנען רוסיש, זיינען גלייך אַריינגעצויגן געוואָרן אין אומאויפהערלעכע פּאָליטישע דיסקוסיעס. און דאָ האָט זיך גאָר באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די „ווילדע רייטער" האָבן פּונקט אַזוי וויניק חשק צו קעמפן און צו שיסן אין די אייגענע ברידער, ווי די רעוואָלוציאָנערע פאָלקן אין פּעטערבורג. וואָס לענגער קאָרנילאָווס סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען, אַלץ „ווייכער" זיינען זיי געוואָרן און אַלץ מער איז געפאַלן זייער קאַמף-גרייטשאַפט און זייער צאָרן קעגן די „פאַרברעכערישע רעוואָלוציאָנערן" און „דייטשע שפּיאָנען". די וויטערדיקע אַרמייען, וואָס האָבן געזאָלט אָנקומען, זיינען ניט געקומען צוליב דעם סאַבאָטאַזש פון די באַן-אַרבעטער. אָנהייבן די אַטאַקע מיט אַ קליינער צאָל ווייך-געוואָרענע מענטשן האָבן די גענעראַלן ניט געהאַט קיין מוט. דערווייל איז אין גאַנצן לאַנד געשטיגן די רעוואָלוציאָנערע טעמפּעראַטור. די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען נאָך די יולי-טעג געשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה און האָבן פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון זייער פּרעסטיזש, האָבן זיך איצט ווידער אַרויפגעהויבן אין זאָטל. זייער מיטהילף איז אומעטום געווען נייטיק אויף צו פאַרשטאַרקן דעם רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד קעגן דעם אָנגריף פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע. דאָס לאַנד איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון בירגער-קריג, וואָס וואָלט אין גאַנצן פאַרניכטעט די רעשטלעך פון דער אַרמיי און וואָלט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן חורבן.

די פאַרשווערער האָבן דאָס איינגעזען און פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג צו דער רעוואָלוציע, צו קערענסקין, צו די סאָוועטן און האָבן געמיינט, אַז ווען מען שיקט אַ צענדליק טויזנט קאָזאַקן קיין פּעטערבורג, וועלן זיך די רעוואָלוציאָנערע „אידליקעס" איבערשרעקן און צעלויפן זיך.

אָבער דער פּאָליטישער אָפּקלאַנג אין לאַנד, די גרויסע רעוואָלוציאָנערע אויפרעגונג, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אומעטום, האָט זיי איבערגעשראָקן. זיי האָבן נעבעך ניט געוואוסט, אַז מיר זיצן אין גאַנצן שוואַכע און אויב זיי האָבן אַביסל מוט און אַביסל אַנטשלאָסענע מענטשן, קאָנען זיי אונדז פיזיש גובר זיין.

אָבער פּונקט אַזוי, ווי די באָלשעוויסטישע מחנות האָבן אין די יולי־טעג ניט געפונען אין זיך דעם מוט אַריינצורייסן זיך אין טאַווּרישן פּאַלאַץ און אַרעסטירן אונדז, הגם מיר זיינען געווען פּאַקטיש שוואַכע, — פּונקט אַזוי האָבן איצט די קאָרנילאָוועס ניט געפונען דעם מוט און די כּוחות צו אַן אַנטשיידנדיקן שריט.

דעם 1־טן סעפּטעמבער האָט זיך דער גענעראַל קאָרנילאָוו מיט זיינע מיטהעלפער געלאָזט אַרעסטירן און איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער טורמע וואו ליבער האָט אים פאַרהערט, און די „ווילדע דיוויזיע" האָט געשיקט אירע דעלעגאַטן אויף דער זיצונג פון צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן, ניט כּדי דעם סאָוועט צו אַרעסטירן און אויפצוהענגען, נאָר כּדי אונדז צו באַגריסן אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע! שוואַרצע, פאַרברענטע פון דער זון, מיט זייערע קרומע שווערדן און זייערע מאָלערישע קאַווקאַזיש־קאָזאַקישע מונדירן, מיט די הויכע היטלען, זיינען די דעלעגאַטן פון דער „ווילדער דיוויזיע" געקומען צו אונדז אין דעם זיצונג־זאַל און האָבן געשריען „הוראַ" פאַר דעם סאָוועט און פאַר צערעטעלין, וואָס האָט זיי באַגריסט אויף רוסיש און גרוזיניש אין נאָמען פון סאָוועט. „עס לעבע די ווילדע דיוויזיע!" — האָבן מיר געשריען, באַגריסנדיק דיזעלבע רייטער, וועלכע מיר האָבן נאָך מיט פיר טעג צוריק באַטראַכט אַלס אונדזערע וואַרשיינלעכע הענקער.

דער קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד איז צוזאַמענגעבראָכן פון זיך אַליין, אָן איינציקן שאָס!

אָבער די סאָוועטישע געשיכטע־שרייבער זיינען גערעכט, ווען זיי שרייבן, אַז אין דעם מאָמענט, ווען עס איז צוזאַמענגעבראָכן דער קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד, איז היסטאָריש אַנטשידן געוואָרן דער זיג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

8

די רעוואָלוציע אויף דער אידישער גאַס

איך האָב ביז איצט דערציילט כמעט אויסשליסלעך וועגן די אַלגעמיין־רוסלענדער פּאָליטישע געשעענישן אין די שטורעמדיקע חדשים יוני, יולי, אויגוסט, 1917. עס זיינען אָבער פאָרגעקומען גרויסע אינעווייניקסטע ענדערונגען אויך אויף דער אידישער גאַס און ספּעציעל אין „בונד”.

די ערשטע דעקרעטן פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג (פירשט לוואָוו—קערענסקי) האָבן נאָך אין מערץ 1917 באַזייטיקט אַלע באַגרעניצונגען קעגן די אידן און געגעבן זיי — ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין רוסלאַנד — פולשטענדיקע בירגערלעכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַל־קולטורעלע רעכט. די „טשערטאַ”, דער פאַרבאָט פאַר אידן צו באַזעצן זיך אין די רוסישע גובערניעס, איז שוין אייגנטלעך אַנולירט געוואָרן דורכן לעבן גופא נאָך פאַר דער רעוואָלוציע, צוליב די וואַנדערונגען, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער מלחמה. עס פאַרשטייט זיך, אַז די רעוואָלוציע האָט אין דעם פּרט נאָך ווייטער אויסגעמישט די אידישע באַפעלקערונג מיט דער ניט־אידישער אין יענע שטעט, וואו אידן האָבן ביז איצט ניט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען. אין מאָסקווע און פּעטערבורג, אויף דער וואָלגאַ, אין קרים און אין סיביר, אומעטום האָבן זיך באַזעצט צענדליקער טויזנטער אידן פון פּוילן און ליטע, פון ווייס־רוסלאַנד און אוקראַינע. עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן אויך דער חרם פון די אידן אין אַלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אוניווערסיטעטן, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס א. ד. גל. עס זיינען ניט געווען קיין אידישע מיניסטאָרן אין דער צייטווייליקער רעגירונג, אָבער עס זיינען באַשטימט געוואָרן אידישע סענאַטאָרן (גרוזענבערג, סליאָזבערג א”אַ.), אידישע מלוכה־סעקרעטאַרן, דירעקטאָרן פון וויכטיקע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, פּראָפעסאָרן אין די רעגירונגס־אוניווערסיטעטן; ס'זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אידן אַלס מעיאָרס פון גרויסע שטעט (גריגאָרי שריידער אין פּעטערבורג א”אַ.), מיליציע־דירעקטאָרן און באַאַמטע אין פאַרשיידענע שטעט, אאַ”וו.

איך וויל שוין ניט ריידן וועגן דעם, אַז אין אַלע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס פון מעסיק־ליבעראַלע ביז באָלשעוויסטישע און אַנאַרכיסטישע, אין די סאָוועטן, אין די יוניאָנס און אויף געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענפאָרן האָט די אידישע אינטעליגענץ געשפּילט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע. ווען מיר קוקן דורך די רשימה פון די אָנגעזעענסטע פּאָליטישע טוערס, שרייבערס און רעדנערס פון יענער צייט, געפינען מיר צווישן זיי גאָר אַ גרויסן פּראָצענט אידן. אמת, די אידן זיינען אין ערגעץ ניט געווען די „נומער איינס”־פירערס. אין די קאָנסערוואַטיוו־ליבעראַלע קרייזן

זיינען געווען ניט ווייניק אידישע פֿאַבריקאַנטן, סוחרים, אָבער די פירערס זיינען געווען ניט קיין אידן. צווישן די דעמאָקראַטיש־ליבעראַלע עלעמענטן זיינען געווען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי ווינאַווער, גרוזענבערג, בראַמסאָן און פיל אַנדערע. אָבער דעם אויבן־אָן האָבן ווידער פֿאַרנומען מענטשן ווי גוטשקאָוו, מיליוקאָוו, פּעשעכאָנאָוו און אַנדערע ניט־אידן. אין די לינקע פּאַרטייען איז דער פּראָצענט אידן געווען אַ גרעסערער ווי אין די מעסיקע, אָבער אויך דאָ האָבן זיי אין ערגעץ ניט פֿאַרנומען די גאָר ע ר ש ט ע פּלעצער. ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געגלאַנצט קערענסקי, אַווקסענטיעוו, טשערנאָוו, רודניעוו, ברעשקאָווסקאַיאַ. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז גאָץ, הענדעלמאַן, שריידער און אַנדערע אידישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געשפּילט אין דער פּאַרטיי גופא אַ גאַנץ וויכטיקע ראָלע, אָבער דעם אויבן־אָן האָבן פֿאַרנומען אַנדערע טוערס, ניט־אידן. און דאָס איז געשען ניט צוליב דעם, וואָס די אידן האָבן זיך באַהאַלטן, נאָר טאַקע דערפֿאַר, וואָס די ניט־אידן האָבן פֿאַרנומען פֿעסטערע און העכערע פּאָזיציעס אין דער באַוועגונג גופא. צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירערס איז דער פּראָצענט אידן געווען אַ גרעסערער איידער צווישן די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז אין תוך געווען אַ פּויערישע פּאַרטיי. אָבער אויך דאָ זיינען גאָר אויבן־אָן געשטאַנען ניט־אידן. ביי די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן — פּלעכאַנאָוו, פּאָטרעסאָוו. ביי די מענשעוויקעס — צערעטעלי, סקאָבעלעוו, טשכעאידזע און ערשט נאָך זיי זיינען געגאַנגען ליבער, דאַן, מאַרטאָוו, באָגדאַנאָוו, אַא״וו. גאָר גרויס איז געווען דער פּראָצענט אידן צווישן די אָנגעזעענע באָלשעוויסטישע פירערס. אָבער אַפילו דאָ האָט דעם ערשטן אָרט פֿאַרנומען ל ע נ י ן, און ניט טראָצקי, זינאָוויעוו אָדער קאַמעניעוו.

איך ברענג דאָס אַנטקעגן דעם, וואָס עס האָט זיך שפּעטער געשאַפֿן די לעגענדע וועגן דער „אידישער פֿאַרפּלייצונג״ אין אָט די אַלע לינקע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד. אָבער אויב די אידן זיינען ניט געווען דאָמינירנדיק, האָבן זיי דאָך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. דאָס האָט געגעבן די שוואַרצע, רעאַקציאָנערע אַגיטאַטאָרן די מעגלעכקייט צו פירן אַן אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע, אָבער דאָס האָט פון דער אַנדער זייט מאָראַליש געהויבן די אידישע באַפעלקערונג אין אירע אייגענע אויגן. אין רוסלאַנד, אין לאַנד וואו אידן האָבן ניט געטאָרט אַריבערטרעטן די שוועל פון פּעטערבורג און מאָסקווע, פון ניזשני נאָווגאָראָד און סאַראַטאָוו, זיינען די אידן מיט אַמאָל אַרויף אויף דער היסטאָרישער סצענע ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער און אָנגעזעענער עלעמענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. און מען מוז זאָגן דעם אמת: די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער רוסישער באַפעלקערונג האָט דאָס אויפגענומען אַלס אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך און האָט קעגן דעם ניט פּראָטעסטירט. אַלע פּרוּוון אויפצוהעצן אַנטיסע־

מיטישע געפילן אין די רוסישע מאַסן האָבן ניט געבראַכט קיין שום רעאַלן דערפאָלג ביזן סאַמע אָנהייב פון בירגער-קריג, אין זומער 1918.

אָבער די רעוואָלוציע, וואָס האָט די אידן אויפגעוועקט צום פּאָליטישן לעבן און האָט פאַר זיי דערמעגלעכט די אַקטיווע און אָנגעזעענע באַטייליקונג אין אַלע פּאָליטישע באַוועגונגען, האָט געשאַפן אַ שטאַרקע סאָציאַלע צעשפּאַלטונג אין די אידישע מאַסן גופא. נאָר אַ רעלאַטיוו קליינער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג איז אַוועק מיטן „בונד" און די אַנדערע רעוואָלוציאָנער-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. די גרויסע מערהייט פון דער בירגערלעכער און קליינבירגערלעכער באַפעלקערונג איז אַוועק מיט די נאַציאָנאַליסטישע און אַגודיסטישע פּאַרטייען, באַזונדערס ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן די אינעווייניקסטע פּראָבלעמען. דאָס האָט זיך קלאָר אַרויסגעוויזן אין דעם מאָמענט, ווען די אידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צו בויען אַ נייע זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דער פאָרם פון **דעמאָקראַטישע קהילות** און ווען עס איז אַרויפגעקומען דער פּראָיעקט פון אַן **אַלגעמיינעם אידישן צוזאַמענפאָר**, — אַ מין אידישן פּאַרלאַמענט פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד אויף צו אָרגאַניזירן דאָס קולטורעל-נאַציאָנאַלע לעבן.

9

די אַמעריקאַנער בונדיסטן אין זומער 1917: א. ליטוואַק, מאַקס גאָלדפאַרב, מענדל דייטש, פּאַפּלאַק

איך האָב שוין אין איינעם פון די פריערדיקע קאַפּיטלען כאַראַקטעריזירט דעם צוזאַמענשטעל פון דער בונדישער פירערשאַפט אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע. דאָס זיינען געווען דאָס רוב די אַלטע טוערס פון דער אומלעגאַלער צייט, די אַלטע „דינאַסטיע" פון דעם בונדישן צענטראַלן קאָמיטעט מיט יענע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געאַרבעט אַרום דעם צ. ק.; עס זיינען צוגעקומען אינטעליגענטן, אָבער קיין נייע **פּאָליטישע** פירערס האָט די רוסישע פעברואַר-רעוואָלוציע צווישן דער אידישער אַרבעטערשאַפט ניט אַרויסגערוקט. איסאַי **אייזענשטאַט**, רחמיאל **וויינשטיין**, אסתר **פרומקין** און נאָך אייניקע זיינען געזעסן אין מינסק, און האָבן דאָרטן אָנגעפירט מיט דעם ביוראָ פון צ. ק. און מיט דער צייטונג „דער וועקער". משה **ראַפעס** איז געווען אין קיעוו, דער פירער פון דרום-קאָמיטעט פון „בונד". אייניקע אַלטע בונדישע פירערס ווי גאָזשאַנסקי (לנו), פּאַוועל ראָזענטאַל מיט זיין פרוי, אַננאַ, ב. בענסקי (לעווינסאָן) זיינען געזעסן אין פּראָווינץ-שטעט און האָבן קיין דירעקטן אָנטייל אין דער אַרבעט פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען ניט גענומען. די פון אויסלאַנד צוריקגעקו-

מענע „אינטערנאַציאָנאַליסטן" זיינען זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע פראָווינץ-שטעט, לויט דעם פּלאַן, וועלכן מיר האָבן אויסגעאַרבעט אויף דער ערשטער באַראַטונג פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן, און זיינען גע־וואָרן דאָרטן וויכטיקע פּאַרטיי-טוערס, ווי וויקטאָר אַלטער אין יעקאַ־טערינאָסלאַוו, בנימין חפץ אין אדעס און אַנדערע.

עס האָבן אונדז אויסגעפּעלט מענטשן, שרייבערס, פּירערס, זשור־נאַליסטן, און דעריבער זיינען מיר געווען זייער צופרידן, ווען מיר האָבן דערהערט, אַז עס קומען צוריק קיין רוסלאַנד אַ ריי אָנגעזעענע אַלטע בונדיסטן פון אַמעריקע.

איינער פון די ערשטע, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע און וועמען מיר אַלע האָבן באַגעגנט מיט אַן אמתער פרייד, איז געווען אונ־דזער אַלטער ל י ט וו אַ ק. ווען ער איז אַריינגעקומען צו מיר, אינם אָפיס פון „בונד" אין פּעטערבורג, דירעקט פון צוג, האָב איך מיינע אויגן ניט געגלויבט. וואו איז אַהינגעקומען דער אַלטער חיים יאַנקל, וועמען איך האָב געקאַנט אין מינסק, אין דווינסק, אין ווילנע און אין ווין — מיט דעם אויסגעריבענעם רעקל, מיט די צעקנייטשטע הויזן, מיט די שטענדיק־צעריסענע שטיוול, מיט אָפּגעלאָזענע האָר? פאַר מיר איז געשטאַנען אַן עלעגאַנטער אַמעריקאַנער דזשענטלמען אין אַ שיינעם נייעם אַמערי־קאַנער אָנצוג, מיט אַ שאַרפן קנייטש אויף די הויזן, מיט אַ שניי-ווייסן קראַגן, מיט אַ נייעם שליפס, אַ זויבער-געשאָרענער, אַ געגאָלטער, מיט אַ נייעם קאַפּעליוש, מיט גאָלדענע ברילן און מיט בלישטשענדיקע שיך. מיר, דאָ אין פּעטערבורג, אין די הייסע זומער-טעג, אין די אייביקע נאַכט-זיצונגען אין סאָוועט, האָבן זיך שוין אָפּגעוואוינט פון דער דאָזי־קער עלעגאַנץ, און זיינען אַליין אַרומגעגאַנגען אין רוסישע בלוזעס, מיט אַרבעטער-קעפּקעס.

אָבער ליטוואַק איז געווען זייער צופרידן מיט דעם עפעקט, וואָס ער האָט אויף אונדז געמאַכט, האָט זיך געלאָזט באַוואונדערן פון אַלע זייטן, שכייכלענדיק מיט זיין נאַאיוו-קלוגן, אַביסל קינדערשן שמייכעלע און שטאָלצירנדיק מיט זיין זייגערל, דער פאַונטען-פּען, וואָס מ'האָט אים געשאָנקען אין אַמעריקע פאַרן אָפּפאָרן, און מיט עטלעכע צענדליק אַמע־ריקאַנער דאָלאַר, וועלכע ער האָט געהאַט ביי זיך אין קעשענע.

ער איז ניט לאַנג געבליבן אין פּעטערבורג, און האָט זיך גלייך אַריינ־געוואָרפן אין דער אַרבעט אין דער פּראָווינץ, און ספּעציעל אין קיעוו, וואו ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער דאָרטיקער בונדישער צייטונג.

אָבער איך דערמאָן זיך שטענדיק וועגן דער ערשטער באַגעגעניש נאָך דער רעוואָלוציע, ווייל איך מוז דאָס ניט-ווילנדיק פאַרגלייכן מיט אונדזער לעצטער באַגעגעניש אין רוסלאַנד, אין אָקטאָבער 1920, אַ פּאָר וואָכן איידער איך בין אַוועקגעפאָרן פון רוסלאַנד.

ווידער האָט זיך געעפנט די טיר פון מיין הויז אויף דער אַרבאַט־גאַס, און עס האָט זיך אַריינגעלאָזן חיים-יאַנקל, אָבער וואָס פאַר אַ

חיים-יאַנקל! דאָס איז שוין געווען דער סאַמע ברען פון „מיליטערישן קאָמוניזם" מיט דעם הונגער און דחקות. ליטוואַקס „אָנצוג" איז באַשטאַנען פון אַ לייווענטענעם זאַק, אין וועלכן עס זיינען געמאַכט געוואָרן גאַנץ פּרימיטיווע אויסשניטן, כדי צו פּאַרוואַנדלען אים אין אַ מין בלוזע. עס איז געווען אַ געוויינטלעכער גרויער מעלזאַק פון אַ גראָבער סוראָווער לייוונט און אויף איין זייט האָט זיך נאָך געזען אַ טייל פון יענעם שוואַרצן שטעמפּל, מיט וועלכע מ'האָט אין רוסלאַנד אָפּגעשטעמפּלט די מעל-זעק. אויך זיינע הויזן זיינען געמאַכט געוואָרן פון אַ צווייטן זאַק און זיינען געווען אַרומגעבונדן אַרום די לענדן מיט אַ שטריקל. אויף די פיס האָט ער געטראָגן לייוונטענע סאַנדאַלן אויף הילצערנע פּאָדעשוועס, און כדי די סאַנדאַלן זאָלן ניט אַראָפּפאַלן פון די פיס, זיינען זיי געווען אַרומגעבונדן אַרום און אַרום מיט שטריקלעך. אין איינעם פון די קעשענעס פון אָט דעם לייוועטענעם אָנצוג האָט ער נאָך אַרומגעשלעפּט מיט זיך די עטלעכע צענדליק דאָלאַר, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון אַמעריקע. דאָס איז געווען דער „קאַפּיטאַל", מיט וועלכן ער האָט געהאָפּט אָפּצופאָרן פון רוסלאַנד צוריק קיין ניו-יאָרק; דאָס זיינען געווען יענע דאָלאַרן, וועלכע די טשעקא האָט ביי אים שפּעטער קאָנפיסקירט, באַשולדיקנדיק אים אין „ספּעקולאַציע" . . .

אָבער אין זיין עלעגאַנטן אַמעריקאַנער סוט, ווי אין די קיעווער זעק, איז ליטוואַק אַלץ געווען דער אַלטער ליטוואַק: די ריינע נשמה, דער איבערגעגעבענער בונדיסט, דער עכטער סאָציאַליסט, דער געטרייער חבר, אויף וועלכן מ'האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן, — און דער גאָטבאַגאַבטער שרייבער און רעדנער.

גאָר אַן אַנדער איינדרוק האָט אויף אונדז געמאַכט, ווען ער איז געקומען פון אַמעריקע אין יוני, 1917 (דוכט זיך) אַ צווייטער אַלטער בונדיסט, וואָס מ'האָט אים אַמאָל גערופן אין „בונד" „מאַקס מיט דער נאָז". זיין אמתער נאָמען איז געווען ליפּעץ, אין אַמעריקע האָט מען אים גערופן: ד"ר מאַקס גאָלדפאַרב; און אין רוסלאַנד האָט מען אים שפּעטער גערופן: פּעטראָווסקי (וועלכע נעמען ער האָט שפּעטער געטראָגן אַלס אַגענט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דאָס ווייס איך שוין ניט). ער איז געקומען צו אונדז אויך אַן עלעגאַנטער, ווי ליטוואַק, נאָר זיין עלעגאַנץ איז געווען אַ מער ראַפינירטע, באַלעבאַטישע, אינטעליגענטישע. און ער איז געבליבן עלעגאַנט ביז צום לעצטן מאָמענט, ווען איך האָב אים געזען, אויך אין זומער 1920.

מאַקס איז אַמאָל, אין 1905 יאָר, געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע מאַסן-רעדנער אין „בונד". דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און האָט דאָרטן געמאַכט אַ קאַריערע אַלס רעדנער, פּאָליטישער טוער און פּאַרטיי-מענטש. ווען ער איז געקומען פון אַמעריקע און האָט זיך גראַד באַטייליקט אין די פּאַרטיי-צוזאַמענפאָרן פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי און פון „בונד", האָט ער שוין מער ניט געמאַכט דעם

איינדרוק פון יענעם פלאַמענדיקן מאַסן-אַגיטאַטאָר, וואָס ער איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן אין רוסלאַנד. ער איז געוואָרן אַ דיפּלאָמאַטישער, שטאַטסמענישער, הויך-פּאָליטישער רעדנער, וואָס האָט געגנוי גע-מאָסטן און געוואויגן זיינע ווערטער, וואָס האָט געהאַלטן אין צוים זיין איינגעבוירענעם טעמפּעראַמענט און האָט זיך באַמיט צו זיין ניט אַזוי-פיל אַ רעדנער ווי אַ שטאַטסמאַן. ער איז דערנאָך אַוועקגעפאָרן אין דרום-רוסלאַנד, געלאָפן אַלס קאַנדידאַט פון „בונד" צו די וואַלן, געווען אין קיעוו און האָט זיך נאָכן זיג פון באָלשעוויזם אַ געוויסע צייט געשלאָגן מיט דער דעה, וואוהין צו גיין? אַלס אַ פאַרזיכטיקער שטאַטסמאַן, וואָס ער איז איצט איצט געוואָרן, האָט ער באַשלאָסן צו אַרבעטן אין ביידע לאַ-גערן: ער איז געבליבן אָפיציעל אין דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי, אָבער ניט-אָפיציעל האָט ער שוין געאַרבעט ביי די באָלשעוויקעס, אוים-באַהאַלטנדיק דאָס פון אונדז, זיינע אַלטע חברים. ווען דער באָלשעוויזם האָט ענדגילטיק געזיגט, איז ער אָפיציעל אַריבערגעגאַנגען צו זיי, גע-וואָרן אַ הויכער קאָמיסאַר אין די מיליטערישע לערן-אַנשטאַלטן פון דער רויטער אַרמיי, און איז שפּעטער אַריבער אַרבעטן אַלס אַ רייזנדער אַגענט אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

זייער אַ שלעכטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט, ווען ער איז אַריינגעקומען צו מיר אין אָפיס פון בונדישן צענטראַל-קאָמיטעט, אַ דריטער אַמעריקאַנער בונדיסט, מיין דווינסקער לאַנדסמאַן מענדקע דייטש. איך האָב אים פריער קיין מאָל ניט געזען, אָבער איך האָב וועגן אים געוואוסט. ער האָט אַלס אַ יונגער בונדיסט געשאָסן אין אַ דווינסקער פּאָליציי-פּריסטאַוו, איז אַרעסטירט און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אים האָט אַרויסגעראַטעוועט פון טויט דער באַרימטער אַדוואָקאַט סאָקאָלאָוו, דער מחבר פון „באַפעל נומער איינס", וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן אין אַנדערע קאַפּיטלען פון מיין בוך. און די דווינ-סקער בונדיסטן, בראש מיט לייבעטשקע בערמאַן (לייבעטשקע דער סטאָליער) האָבן געהאָלפן מענדקען אַנטלויפן פון דער דווינסקער פעס-טונג און אַרויסצוראַטעווען זיך קיין אַמעריקע. ווען איך האָב געהערט וועגן אים אין דווינסק אין 1905, איז ער געווען אַ אינגל פון אַ יאָר 18—17. איצט האָב איך געהאַט פאַר מיר אַ מאַן פון אַ יאָר 30 מיט זייער אַ ניט-סימפּאַטישן פּנים, מיט בלאָנדזשענדיקע אייגעלעך און בלאָנדזשענדיקע רייד. איידער ער האָט מיר נאָר אַ וואָרט געזאָגט וועגן דער רעוואָלוציע, צוליב וועלכער ער איז געקומען, וועגן פּאַרטיי-אַרבעט, וועגן „בונד" — האָט ער מיר גלייך אָנגעהויבן צו דערציילן אַ פאַרפּלאָנטערטע מעשה מיט באַשולדיקונגען, וואָס אַנדערע אַמעריקאַנער חברים, וואָס זיינען געפאָרן מיט אים צוזאַמען, רוקן אַרוים קעגן אים עפּעס וועגן געלט און זאַכן, וואָס ער זאָל האָבן פאַרכאַפּט. אין יענע טעג אין רוסלאַנד האָבן פאַר אונדז געלט און קליידער געשפּילט גאַר אַ קליינע ראָל און איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַ רעוואָלוציאָנער, אַן אַמאָ-ליקער טעראָריסט, וואָס קומט צוריק אין זיין רעוואָלוציאָנערער היים-

לאַנד נאָך אַזוי פיל ליידן, קאָן קומען אין צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" און פאַרדרייען אונדז דעם קאָפּ מיט אַזעלכע נישטיקע קלייניקייטן.

ער איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ־וואו אין דער פּראָווינץ און איך האָב אים מער ניט געזען. אָבער געהערט וועגן אים האָב איך יאָ, און ניט איין מאָל. ער איז געוואָרן איינער פון די גרויזאַמסטע טשעקיסטן אין אָדעס און דערנאָך אין סאַראַטאָוו. וועגן זיין אַכזריות און ביטולדיקע באַציאונג צו מענטשלעכע לעבנס זיינען אַרומגעגאַנגען שוידערלעכע קלאַנגען. שפּעטער זאָלן די באָלשעוויקעס אים האָבן באַזייטיקט, אָבער וואָס מיט אים איז ווייטער געוואָרן, ווייס איך ניט.

גאָר אַ קעגנגעזעצטן איינדרוק, ווי מענדקע דייטש, האָט אויף מיר און אונדז אַלעמען געמאַכט אַן אַנדערער אַמעריקאַנער אַרבעטער־בונדיסט, דער בלעכער פּ אַ פּ ל אַ ק. אַ שיינער קרעפטיקער מאַן מיט קלוגע, ווייכע אויגן, האָט דער באַשיידענער און רואיקער פּאַפּלאַק גלייך אַרויסגערופן צו זיך סימפּאַטיע און צוטרוי. איך האָב אין די פריערדיקע יאָרן אים קיין מאָל ניט געקאַנט און אפילו זיין נאָמען ניט געהערט. אָבער ווען איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין יאָר 1917 אויף איינער פון די בונדישע באַראַטונגען, איז ער שוין געווען איינער פון די טיכטיקסטע פירער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין יעקאַטערינאָסלאַוו. בשעת דער שפּאַלטונג פון „בונד" אין מאַי 1920 איז פּאַפּלאַק אַוועק מיט אונדז, סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בונדיסטן. דאָס איז שוין יעמאָלט געווען אַ געפערלעכע זאַך, אָבער פּאַפּלאַקן האָט די געפאַר ניט אָפּגעשטעלט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ פרוי און קינדער. ווען איך בין שוין געווען אין אויסלאַנד, האָב איך געהערט, אַז מען האָט אים אַרעסטירט און פאַרשיקט. פון יעמאָלט אָן האָב איך פון אים ניט געהערט.

10

די דרום־קאָנפערענץ פון „בונד" אין קיעוו

אין אויגוסט 1917 זיינען די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון „בונד", ווי פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, נאָך געווען אין גאַנצן אין דער אַלטער ליניע פון די „אָבאָראָנצעס"; אָבער אין די מאַסן פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע האָבן שוין אָנגעהויבן שטאַרק צו וואַקסן די אַנטי־מלחמהשע — אינטערנאַציאָנאַליסטישע, ווי מ'האָט זיי דאַן גערופן — שטימונגען. ווען מיר זיינען געקומען פון אויסלאַנד אין מאַי, זיינען אין „בונד" געווען נאָר געציילטע אינטערנאַציאָנאַליסטן. איצט, אין אויגוסט, איז דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פליגל שוין געוואָרן אַ גאַנץ היפּשער טייל פון דער בונדישער מאַסע. און דאָס איז געוואָרן צום ערשטן מאָל קלאָר פאַר דער עפנטלעכקייט אויף דער קיעווער געגנט־קאָנפערענץ פון „בונד" אין אָנהייב אויגוסט, 1917.

די דרום-אָרגאַניזאַציע פון „בונד" איז פאַר דער צייט פון דער רע־וואָלוציע שטאַרק אויסגעוואַקסן. פריער האָבן מיר דאָרטן געהאַט בלויז דריי-פיר אָרגאַניזאַציעס. פאַר די 5 מאָנאַטן פון דער רעוואָלוציע זיינען געשאַפן געוואָרן אָרגאַניזאַציעס אין 62 פונקטן, מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון 16,000 מענטשן. עלף טויזנט פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן צו דער געגנט-קאָנפערענץ און זיינען געווען פאַרטראָטן דורך 82 דעלעגאַטן. אַחוץ דעם זיינען געווען מיטגלידער פון דעם געגנט-קאָמי־טעט, פאַרטרעטער פון צ. ק. און געסט, אַזוי אַז די קאָנפערענץ איז געווען אַ צאָלרייכע און פּאָליטיש אַ זייער לעבעדיקע.

אויפן סדר-היום זיינען, פאַרשטייט זיך, געשטאַנען אַלע פראַגעס פון דעם אַלגעמיין-רוסלענדער לעבן און פון דער אידישער ווירקלעכקייט. אָבער אַזוי ווי די דרום-קאָנפערענץ האָט פאַקטיש געהאַט צו טאָן מיט דער טעריטאָריע פון אוקראַינע, זיינען דאָרט אויך געשטאַנען גאַנץ וויכטיקע פּאָליטישע פראַגן, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער אויטאָנאָמיע פון אוקראַינע און מיט דער אוקראַינישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אין די אַלגעמיין פּאָליטישע פראַגעס איז דער אידעאישער קאַמף גע־ווען דער זעלבער ווי אין פּעטערבורג און אין אַנדערע שטעט פון רוס־לאַנד: די פראַגע פון קריג און שלום, די פראַגע פון רעוואָלוציע און קאָנטר-רעוואָלוציע, די פראַגע פון באָלשעוויזם און מענשעוויזם, פון צוזאַמענאַרבעט מיט די בירגערלעכע דעמאָקראַטישע עלעמענטן. די אינ־טערנאַציאָנאַליסטן זיינען געווען גאַנץ שטאַרק פאַרטראָטן אויף דער קאָנפערענץ אין קיעוו. אַחוץ מיר, וואָס איך בין געווען אַ פאַרטרעטער פון צ. ק., זיינען געווען אַלס דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ: וויקטאָר אַלטער, וואָס איז געקומען פון יעקאַטערינאָסלאַוו; בנימין חפץ, וואָס איז געווען אַ דעלעגאַט פון אָדעס; אַ פּאָלטאַווער דעלעגאַטקע, וועמענס נאָמען איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, און אַ ריי אָרטיקע טוערס. דער פירער פון די אָבאָראָנצעס איז געווען מ. ראַפעס. מיט אים צוזאַמען איז געגאַנגען א. זאָלאָטאַראָוו, און צום טייל א. ליט־וואַק.

וויקטאָר אַלטערן דאַרף איך ניט שילדערן פאַר די לייענער. קיין פלאַמענדיקער מאַסן-אַגיטאַטאָר, באַזונדערס אויף אידיש, איז ער קיין מאָל ניט געווען; אָבער זיין שטאַרקע לאָגיק, זיין פּילזייטיק וויסן און די אָריגינאַלקייט פון זיינע געדאַנקען האָבן אים שטענדיק געמאַכט פאַר אַ רעדנער, צו וועלכן דער עולם האָט זיך שטאַרק צוגעהערט, — באַזונ־דערס אַן אינטעליגענטער עולם, ווי אונדזערע דעלעגאַטן צו דער דרום-קאָנפערענץ.

גאָר אַן אַנדער טיפּ מענטש און רעדנער איז געווען בנימין חפץ. איך האָב אים נאָך געקאָנט אַלס קליינעם אינגל אין ריגע, ווען איך פלעג אַריינגיין צו זיינע עלטערע ברידער, וואָס זיינען געווען טעטיקע בונ־דיסטן. אַ געוויסע צייט האָט ער געלעבט אין ווין פאַר דער מלחמה. ווען

עס איז אויסגעבראָכן דער קריג, איז ער פון ווין אוועקגעפאָרן אין דער שווייץ, און פון דאָרטן איז ער מיט אונדז אַלעמען צוזאַמען אוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

בנימין איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן טעמפּעראַמענט און מיט אַ רעדנערישן טאַלענט פון דעם טיפּ מאַסן-אַגיטאַטאָר. אַ שוואַרצער, ווי אַ טאַטער, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און מיט גלאַטע, לאַנגע שוואַרצע האָר, וואָס פלעגן שטענדיק אַראָפּפאַלן איבערן שטערן, פלעגט ער ריידן אומגעוויינטלעך היציק און אומגעוויינטלעך גיך. קיין גרויסער פּאָליטיקער איז ער ניט געווען. קיין אייגענע געדאַנקען האָט ער אויך ניט פאַרמאָגט. אָבער די מאַסע האָט אים האָלט געהאַט פאַר זיין רעוואָלוציאָנערן ברען און פאַר זיין קאָכעדיקן טעמפּעראַמענט. מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט און איז דערנאָך אַריין אין דער אַרבעט פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער איז געוואָרן איינער פון יענע רעוואָלוציאָנערע אַוואַנטוריסטן, וועלכע עס באַשרייבט אַזוי פאַרבנרייך וואַלטין אין זיין בוך „אַרויס פון דער נאַכט". אין 1923 איז ער געווען אין בערלין צוזאַמען מיט יענער פאַלטאַוער בונדישער דעלעגאַטקע, וועמענס נאָמען איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, און האָט דאָרטן, צוזאַמען מיט קאַרל ראַדעק, צוגעגרייט די דייטשע „אָקטאָבער-רעוואָלוציע", וואָס איז קיין מאָל ניט געקומען. וואָס מיט אים איז ווייטער געוואָרן, ווייס איך ניט: צי ער לעבט נאָך, צי ער איז דערשאָסן געוואָרן ביי איינער פון די „רייניקונגען", צי ער איז אין רוסלאַנד, צי ער איז אפשר ערגעץ-וואו אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע מיט אַפגעפאַרבטע בלאָנדע האָר, — ווער ווייסט.

צוויי פון יענע אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען געווען אויף דער קיעווער קאָנפערענץ, זיינען, הייסט עס, שפּעטער געוואָרן קאָמוניסטן. אָבער עס איז מערקווירדיק, אַז אויך די אַנטי-אינטערנאַציאָנאַליסטן, די סאַמע רעכטע בונדישע אָבאָראָנצעס, וואָס זיינען געווען די וואָרט-פירער פון רעכטן פליגל פון דער קיעווער קאָנפערענץ, זיינען אויך געוואָרן קאָמוניסטן: מ. ראַפעס און א. זאָלאָטאַראָוו.

וועגן זאָלאָטאַראָוון איז מיר אויסגעקומען צו דערמאָנען ווען איך האָב דערציילט וועגן דעם ווילנער פעריאָד פון 1905—1906. זאָלאָטאַראָוו איז קיין מאָל ניט געווען קיין פּאָליטישער טוער און קיין פּאַרטיי-מענטש. ער איז געווען אין „בונד" אַ צופעליקער מענטש, ווי הונדערטער אַנדערע אידישע אינטעליגענטן.

אַנדערש איז געווען די פּערזענלעכקייט און די ראָלע פון משה ראַפעס, דעם אמתן פירער פון דעם בונדישן דרום-קאָמיטעט און דעם הויפּט-רעדנער פון רעכטן פליגל פון דער קיעווער קאָנפערענץ.

אין דער הויפּט-פּאָליטישער פראַגע, וועגן דער טאַקטיק בנוגע דער רעגירונג, וועגן קריג און שלום, האָט זיך די קאָנפערענץ צעטיילט כמעט אויף העלפט. מיט אַ מערהייט פון אַ פּאָר שטימען האָט די קאָנפערענץ

אָנגענומען די רעזאָלוציע, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון מיר; אָבער אין לויף פון די דעבאַטן האָט ראַפעס — ווידער מיט אַ מערהייט פון אַ פּאָר שטימען פון די וואַקלדיקע דעלעגאַטן — אַריינגעטראָגן אין מיין רעזאָלוציע אייניקע אויסבעסערונגען (אַמענדמענטס), וואָס האָבן ביי מיין רעזאָלוציע צוגענומען די שאַרפקייט און קלאָרקייט.

אין דער קריג-פראַגע איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען דאַרף זאָרגן דערפאַר, אַז די אַרמיי זאָל זיין דיסציפּלינירט און זאָל אויפן פראָנט פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע, אָבער פון דער אַנדערער זייט זאָל די רוסי־שע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג לאָזן וויסן די פאַרבינדעטע, אַז עס מוזן געמאַכט ווערן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן אַ גיכן שלום לויט די פּרינציפּן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און אַז עס טאָר ניט דורכגעלאָזן ווערן קיין שום ערנסטער פאָרשלאַג פון שלום, וואָס ווערט געמאַכט ווערן פון וועלכן עס איז צד.

דאָס איז שוין געווען דער ערשטער אָנזאָג אין דער בונדישער סביבה, אַז פאַר אונדז שטייט אין רוסלאַנד ניט די פראַגע וועגן ווייטער פירן דעם קריג, נאָר וועגן זוכן דעם וועג צו אַ שלום, כדי די רעוואָלוציע זאָל ניט גיין פאַרלוירן.

און איינע פון די גרויסע געפאַרן פאַר דער רעוואָלוציע איז געווען טאַקע אין קיעוו גופא, אין דער שנעל-אָנוואַקסנדיקער אוקראַינישער נאַ־ציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט שוין יעמאָלט אָנגענומען גאַנץ געפער־לעכע פאָרמען.

גראָד אין די טעג, ווען מיר האָבן געהאַט די קאָנפערענץ אין קיעוו, זיינען דאָרטן פאָרגעקומען וויכטיקע באַראַטונגען פון דער אוקראַינער „נאַציאָנאַלער ראַדע" (נאַציאָנאַל-ראַט). דאָס איז געווען אַ מין אוּ־קראַינער נאַציאָנאַלער פּאַרלאַמענט, געקליבן ניט לויט פאָרמעלע דעמאָ־קראַטישע וואַלן, נאָר אויף דעם געוויינטלעכן רעוואָלוציאָנערן שטייגער, ווי עס זיינען יעמאָלט געקליבן געוואָרן סאָוועטן, צוזאַמענפאָרן, קאָנ־גרעסן אאַ"וו. אין דער קיעווער ראַדע האָבן געפירט די גרענדע די אוּ־קראַינער נאַציאָנאַליסטישע אינטעליגענטן פון רוסיש-אוקראַינע און פון מזרח-גאַליציע: פּראָפעסאָרן, לערער, באַאַמטע, אָפיצערן, סטודענטן און דער עיקר די מער אינטעליגענטע שיכטן פון דער אוקראַינער פּויער־שאַפט, וואָס איז דער רוב מנין און רוב בנין פון אוקראַינישן פאָלק. עס זיינען געווען פאַרשיידענע אוקראַינער פּאַרטייען: סאָציאַל-דעמאָקראַטן, נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, פעדעראַליסטן און אַנדערע. אָבער די סאָציאַלע און פּאָליטישע אונטערשיידן צווישן די אַלע פּאַרטייען זיינען כמעט ווי פאַרשוואונדן אין פאַרגלייך צו יענעם שטאַרקן און ברענענדיקן נאַציאָנאַליסטישן געפיל, מיט וועלכן עס זיינען געווען דורכגעדרונגען אַלע אוקראַינער פּאַרטייען אין יענער צייט.

פון אָנהייב אָן האָט די אוקראַינער באַוועגונג פאַרלאַנגט נאָר אַן אויטאָנאָמיע פאַר אוקראַינע. אָבער די צייטווייליקע רעגירונג

אין פעטערבורג האָט זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן צו אַ ברייטער אויטאָ־נאָמיע פאַר אוקראַינע אָן דעם הסכם פון דער „גרינדונגס־פאַרזאַמלונג", און דער גרויס־רוסישער נאַציאָנאַליזם האָט שטענדיק געציטערט פאַר אַ צו־ברייטער אויטאָנאָמיע פאַר אוקראַינע, בפרט נאָך ניט וויסנדיק גענוי די גרענעצן פון דער אוקראַינער טעריטאָריע. אָבער יעדער אָפּהאַלט אין דער דערפילונג פון די אוקראַינישע נאַציאָנאַלע אידעאַלן האָט אין דער זודיקער אַטמאָספערע פון דער רעוואָלוציע נאָך מער פאַרשטאַרקט און אָנגעצונדן די נאַציאָנאַליסטישע ליידנשאַפטן פון דער אוקראַינער אינטעליגענץ. און די מאַסע אוקראַינער פויערים, וואָס האָט וועגן „גרויס־אוקראַינישע" נאַציאָנאַלע אידעאַלן געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף, האָט אָבער געלעבט אין דער זעלבער וועלט פון סאָציאַלן מאַקסימאַליזם און שנאה צו דער מלחמה, ווי אַלע אַנדערע, ניט־אוקראַינישע, פויערים פון רוסלאַנד. דער אוקראַינער פויער אין פּאָלטאַווע אָדער אין טשערני־גאָוו האָט פונקט אַזוי געלעכצט נאָך דער פריצישער ערד, ווי דער „קאַ־צאַפּישער" פויער אין ריאַזאַנער און וולאַדימירער גובערניע. דער אוּ־קראַינער פויער פון דער קיעווטשינע, וואָס האָט געדינט אַלס אַ מאַט־ראָס אין קראָנשטאָט (אַ גרויסער טייל קראָנשטאָטער מאַטראָסן זיינען געווען אוקראַינער) האָט פונקט אַזוי געוואָלט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן וואָס גיכער, ווי עס האָט דאָס געוואָלט דער פויער פון מאָסקווער גובערניע, וואָס איז געשטאַנען אויפן פראָנט ביי ריגע.

אָבער די אוקראַינער אינטעליגענץ האָט דאָס אַלץ, אי דעם סאָ־ציאַלן מאַקסימאַליזם פון די פויערים, אי דעם אַנטי־מלחמה געפיל, אָפּגע־פאַרבט אין די קאָלירן פון אוקראַינישן נאַציאָנאַליזם און סעפּאַראַטיזם. אַלע אידעאַלן און אַלע וואונטשן וועלן מקוים ווערן אין דעם מאָמענט, ווען אוקראַינע וועט ענדלעך אויסגעלייזט ווערן פון קאַצאַפּישן יאָך.

איך האָב זיך מיט דעם עקסטרעמען טיפּ פון אוקראַינישן נאַציאָנאַ־ליסט באַגעגנט צום ערשטן מאָל ניט אין קיעוו. גלייך אין אָנהייב פון דער מלחמה, ווען איך האָב נאָך געלעבט אין ווין, פלעגן צו מיר גאַנץ אָפט אַריינקומען אוקראַינישע חברים פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי „ספּילקאַ", מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט אַמאָל אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי. פון זיי האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אין עסטרייך איז געשאַפן געוואָרן אַ שטאַרקע אָרגאַני־זאַציע פון מזרח־גאַליצישע און רוסישע אוקראַינער, וואָס אַרבעטן צו־זאַמען מיט דער דייטשער און עסטרייכישער רעגירונג אויף צו באַקעמפן דעם רוסישן צאַריזם מיט דער הילף פון אוקראַינישן סעפּאַראַטיזם.

די דאָזיקע אוקראַינישע אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען געלט פון דער דייטשער און עסטרייכישער רעגירונגען און האָט געהאַט דאָס רעכט צו פירן פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן רוסלאַנד אין די לאַגערן פון די רוסישע קריגס־געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געפונען אין עסטרייך און אין דייטשלאַנד.

איך האָב געפירט לאַנגע און היציקע דיסקוסיעס מיט די דאָזיקע אוקראַינער „סאָציאַליסטן", וועלכע דער בלינדער אוקראַינער נאַציאָנאַ-ליזם האָט פאַרוואַנדלט אין אַגענטן פון קייזער ווילהעלם און קייזער פראַנץ יאָזעף. איך האָב אָנגעוויזן אויף דער מאָראַלישער און פּאָליטי-שער ניט-דערלאָזבאַרקייט פאַר אַ סאָציאַליסט צו אַרבעטן אינאיינעם מיט די אימפּעריאַליסטן און מיליטאַריסטן פון אַ פרעמדן לאַנד. מיר, צימערוואַלדיסטן, — האָב איך געטענהעט, — זיינען דאָך אויך שאַרפע קעגנער פון קריג, אָבער אַן עכטער אינטערנאַציאָנאַליסט דאַרף קעמפן אי קעגן די אייגענע מיליטאַריסטן אי — ניט ווייניקער — קעגן די פרעמ-דע. פאַרבינדן זיך מיט קייזער ווילהעלם קעגן צאַר ניקאָלאַי, קעמפן קעגן דעם רוסישן גענעראַל-שטאַב מיט דער הילף פון דייטשן גענעראַל-שטאַב און עסטרייכישע געלט, דאָס איז מאָראַליש און פּאָליטיש ניט-דערלאָזבאַר, דאָס איז אַ פאַרראַט פון דער רעוואָלוציע, דאָס איז אַ גע-פערלעכע אַוואַנטורע.

די אוקראַינער פלעגן מיך אויסהערן און פלעגן ווייטער פירן זייער אייגענע פּאָליטיק.

מיט די זעלבע רייד, און נאָך שאַרפער, איז אַ פּאָר מאָל געקומען צו מיר אין ווין דער באַוואוסטער פּוילישער סאָציאַליסט (פון דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט"), פּראָפעסאָר לודוויג קולטשיצקי, וואָס האָט גע-האַט אַ גרויסן נאָמען אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וואָס האָט דורכגעמאַכט סיביר, רוסישע טורמעס און איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסן פריינט פון „בונד" און פון דער אוקראַינישער באַוועגונג. ער איז אויך געקומען צו מיר מיט דער זעלבער טענה, ווי די אוקראַינער: פאַרוואָס זאָלן מיר ניט אָננעמען די הילף פון דייטשלאַנד און עסטרייך, כדי צו באַקעמפן דעם רוסישן צאַריזם, דעם גרעסטן שונא פון פּראָגרעס און פון נאַציאָנאַלער פרייהייט?!

איין מאָל, אויסהערנדיק מיינע מאָראַליש-פּאָליטישע אַרגומענטן קעגן אָט דער אַוואַנטוריסטישער טאַקטיק, האָט ער מיר מיט אַ שמייכע-לע געענטפערט:

„איר, רוסישע רעוואָלוציאָנערן, זייט צופיל סענטימענטאַלע אינטע-ליגענטן און צו-ווייניק רעאַלע פּאָליטיקער. פאַר אייך זיינען מאָראַלע פּרינציפּן וויכטיקער איידער פּאָליטישע דערפאָלגן. צווישן אייך אַלעמען איז פאַראַן נאָר איין מענטש, וואָס איז אין דער אמתן אַ רעאַלער פּאָ-ליטיקער און רעוואָלוציאָנער, און וואָס איז שטענדיק גרייט אַוועקצולייגן אָן אַ זייט אַלע פּרינציפּן, נאָר כדי צו דערשלאָגן זיך אַ כלומרשט פּראַק-טישן דערפאָלג: דאָס איז לענין!"

דער פּראָפעסאָר קולטשיצקי איז שפּעטער געוואָרן אַ פּוילישער רע-אַקציאָנער און מאָנאַרכיסט. אָבער זיצנדיק אין קיעוו, אין אויגוסט 1917, אין דער אוקראַינישער ראַדע אַלס אַ דעלעגאַט פון „בונד" צוזאַמען מיט ראַפעסן און זאָלאָטאַראָוון, האָב איך זיך ניט ווילנדיק דערמאָנט וועגן

אַט די רייד, וואָס איך האָב געהערט פון די אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן אין ווין אין אָנהייב פון דער מלחמה. איך האָב דערשפּירט אין דער אַטמאָספערע פון דער אוקראַאינישער „ראַדע" אַט יענעם גייסט פון עקס־טרעמען נאַציאָנאַליזם, פאַר וועלכן פּרינציפּן און מאָראַל שפּילן קיין שום ראָלע ניט. און מיין גענייטער אויער האָט דערהערט אין די אַרויס־טרעטונגען פון די פאַרשיידענע אוקראַאינער דעלעגאַטן די שטים פון יענע אַוואַנטוריסטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן דייטשן און עסטרייכישן גענעראַל־שטאַב. איך האָב דערפילט, אַז די אוקראַ־אינישע באַוועגונג קאָן ווערן פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע אַן אומגע־הייערע געפאַר, ווען די אויפריכטיקע און דעמאָקראַטישע אוקראַאינישע נאַציאָנאַליסטן זאָלן אַריינפאַלן אונטער דער פירונג פון די דייטשע און עסטרייכישע אַגענטן, וואָס אַרבעטן אונטער דער מאַסקע פון אוקראַאיני־שער „נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט".

די זיצונג, צו וועלכער איך בין געקומען, איז געווען זייער אַן אויפ־גערעגטע און אַ היציקע. ווען צערעטעלי און טערעשטשענקאָ זיינען גע־ווען אין קיעוו אין אָנהייב יולי, האָבן זיי געמאַכט געוויסע הנחות צו די אוקראַאינער, אָבער צוליב דעם ווידערשטאַנד פון די קאַדעטישע מינים־טאָרן און צוליב דער פאַרנומענקייט מיט אַנדערע ברענענדיקע ענינים (יולי-טעג, מלוכה-באַראַטונג אין מאָסקווע, קאָרנילאָוו-סכנה) האָט די צייטווייליקע רעגירונג ניט אָנגענומען קיין פּראַקטישע שריט, בכדי אין צייט צו לעשן די שריפה, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין אוקראַאינע.

זיצנדיק און צוהערנדיק זיך צו די היציקע דעבאַטעס אין דער או־קראַאינער ראַדע, האָב איך דערפילט די פליכט, אַלס מיטגליד פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון די סאָוועטן, זיך אַריינצומישן אין דעם שטרייט און פּרובירן דערגרייכן אַ פאַרבעסערונג פון דער לאַגע. איך האָב זיך געווענדט דורך ראַפּעסן צו די פירער פון דער אוקראַאינער ראַדע, זיי זאָלן מיר געבן די מעגלעכקייט צו פאַרבינדן זיך דורך דעם דירעקטן טעלעגראַף מיט פּעטראָגראַד, מיט דער פּראָוויזאָרישער רעגי־רונג, ספּעציעל מיט צערעטעלי, מיט וועלכן איך בין שטענדיק געווען פּערזענלעך אין זייער פריינטלעכע באַציאונגען. איך האָב דערקלערט די אוקראַאינער, אַז איך האָף דורך דער פּערזענלעכער אינטערווענץ צו דערשלאָגן זיך אַ ריי פּראַקטישע באַשלוסן, וואָס זאָלן באַפרידיקן זייערע יושרדיקע פאָרלאַנגען. די צייטווייליקע רעגירונג האָט געטאָן אַ סך פאַר די פינלענדער, לויט מיין פאָרשלאַג, האָף איך, אַז זי וועט ענלעכעס טאָן אויך פאַר די אוקראַאינער.

די איקראַאינער גענאָסן האָבן מיין פאָרשלאַג באַטראַכט און — אָפּגעוואָרפן. עס איז געווען קלאָר, אַז זיי ווילן ניט קיין פאַרמיטלונג, אַז זיי שטרעבן ניט צו אַן אויסגלייך: זייער טאַקטיק איז שוין געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסטיש-מאַקסימאַליסטישע. וואָרים זייער ציל איז שוין געוואָרן — אַ פולשטענדיק פרייע און אומאָפּהענגיקע אוקראַאינישע מלוכה.

11

צוזאַמענפאַר פון דער פּאַרטיי. — די „דעמאָקראַטישע באַראַטונג"

אין אויגוסט 1917 איז אין פּעטראָגראַד, אין ליעסנאָי אינסטיטוט, פאַרגעקומען דער צוזאַמענפאַר פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

ריין אויסערלעך איז דאָס געווען אַ שיינער און רייכער צוזאַמענפאַר. עס זיינען אויף אים געווען פאַרטראַטן כמעט אַ פערטל מיליאָן (240,000) אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון דער גאַנצער רוסלענדער מלוכה. צווישן די דעלעגאַטן זיינען געווען מענטשן מיט באַרימטע נעמען און גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. זייער אַ רייכע גאַמע פון ריכטונגען און שאַטירונגען איז פאַרגעשטעלט געוואָרן אויף דעם אויגוסט-צוזאַמענפאַר: פון פּאָטרעסאָוו און זיינע פריינט פון רעכטס ביז יורי לאַרין און די גרופּע „נאָוואַיאַ זשיזן", וואָס איז געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון סוכאַנאָוו און מאַקסים גאָרקי.

אַ גאַנצע ריי באַרימטע שרייבערס, פּובליציסטן און רעדנערס זיינען אַרויסגעטראָטן אויף דעם צוזאַמענפאַר און האָבן אים צוגעגעבן גלאַנץ און פּראַכט. עס איז געווען וואַרשיינלעך איינער פון די אינטערעסאַנטסטע און שענסטע סאָציאַליסטישע צוזאַמענקונפטן פון יענער צייט, לויט דער רייכקייט פון אינהאַלט און לויט דער הויך פון דער רעדנערישער מדרגה.

דער צוזאַמענפאַר איז אין זיין מערהייט געווען נעענטער צו די אָבאָראָנצעס און אַזוי זיינען אויך פאָרמולירט געוואָרן די רעזאָלוציעס. אין דעם צענטראַלן קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן, זיינען אַריין פאַרטרעטער פון דעם רעכטן פליגל, פאַרטרעטער פון דעם לינקן פליגל, אינטערנאַציאָנאַליסטן פון מאַרטאָווס ריכטונג, און מעסיקע אָבאָראָנצעס פון דער ריכטונג דאַן.

דיזעלביקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אונדז באַשעפטיקט אויף דעם צוזאַמענפאַר פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, זיינען אויך געשטאַנען, און נאָך אין אַ פיל שאַרפערער פאָרם, אויף דער „דעמאָקראַטישער באַראַטונג", וואָס איז פאַרגעקומען אין סעפּטעמבער אין פּעטערבורג.

דער געדאַנק פון דער באַראַטונג איז געווען אַזאַ: דער קאָרנילאָוו-אויפשטאַנד האָט באַוויזן, אַז מען קאָן ניט שטיין אויף איין אָרט, אַז רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען מוזן עפּעס טאָן און עפּעס אויפטאָן נייעס.

אַ גאַנצע ריי וויכטיקע רעפאָרמען און באַשלוסן האָט מען ניט געקאָנט אָננעמען, ווייל עס איז ניט געווען קיין קאָמפּעטענטע קער-

פֿערשאַפֿט, וואָס זאָל דאָס קאָנען באַשליסן. די איינציקע באמת קאָמפּעטענטע קערפּערשאַפֿט וואָלט געקאָנט זיין די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג: אי די אַגראַר־פֿראַגע, אי די פֿראַגע וועגן רעפּובליק, אי די פֿראַגע וועגן דער אויטאָנאָמיע פֿון די איינצלנע נאַציאָנאַליטעטן, דאָס אַלץ זיינע געווען פֿראַגעס, וואָס באַשליסן זיי האָט געהאַט דאָס רעכט נאָר די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג. אָבער די צוגרייטונגען צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זיינען געגאַנגען שרעקלעך לאַנגזאַם. אין דער קאָמיסיע, וואָס איז געווען באַשעפֿטיקט מיט אויסאַרבעטן דעם וואַל־געזעץ און די גאַנצע קאָנסטיטוציע פֿון דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זיינען געזעסן אַ סך געלערנטע יוריסטן, וואָס האָבן געוואָלט ניט אַנדערש אַרויסבאַקומען די אידעאַלסטע פֿאָרם, וואָס עס קאָן נאָר זיין פֿאַר אַן אמתער דעמאָקראַטישער און רעפּובליקאַנישער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג (צווישן זיי איז געווען לעאָן בראַמסאָן, דער שפּעטערדיקער פֿירער פֿון „אָרט" און מאַרקווישניאַק, פֿון די סאָצ.־רעוואָל.). דאָס האָט גענומען פֿיל צייט. זיצונגען זיינען פֿאָרגעקומען אָן אַ שיעור. אויף יעדער זיצונג האָט מען דעבאַטירט און דאָס וואַל־געזעץ איז נאָך אַלץ ניט געווען פֿאַרטיק. דערווייל אָבער האָבן די פֿאָלקס־מאַסן אָנגעהויבן צו פֿאַרלירן די געדולד, און דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אומאויפֿהערלעכע אומרוען פֿון די פּויערים און די אַרבעטער פֿון די איינצלנע נאַציעס און פֿון די סאָלדאַטן אויפֿן פֿראָנט. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ביי פֿיל קעגנער פֿון דער רעגירונג איז אויפֿגעקומען דער חשד, אַז מען פֿאַרציט בכיוון די אַרבעט פֿון דער קאָמיסיע, כדי די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג זאָל זיך ניט צוזאַמענקלייבן אַזוי גיך און כדי די אַגראַר־פֿראַגע זאָל אָפּגעלייגט ווערן וואָס ווייטער. אויך אין די אַגיטאַציע־בלעטלעך פֿון די באָלשעוויקעס האָט אַלץ אָפֿטער אָנגעהויבן צו באַווייזן זיך די פֿאָדערונג, אַז מ'זאָל וואָס גיכער צונויפֿרופֿן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג! . . . קערענסקי וויל ניט צונויפֿרופֿן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג, — האָבן געליאַרעמט די באָלשעוויקעס, — ער וויל אונדז אָפּנאַרן, דאַרף מען אים צווינגען!

אָבער צוגרייטן די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג און אָרגאַניזירן די ערשטע אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע וואַלן אין אַ מלוכה פֿון 180 מיליאָן מענטשן איז ניט געווען אַזאַ פּשוטע זאַך, אַפֿילו ביים בעסטן ווילן. דעריבער איז נאָך די קאָרנילאָוו־טעג באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפֿן דערווייל־וואָס, ביז די גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג וועט ווערן צוגעגרייט, עפּעס אַן אַנדער קערפּערשאַפֿט. און אַזוי ווי מען האָט געוואָלט באַפֿרידיקן ניט נאָר יענע טיילן פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס זיינען פֿאַרטראָטן אין די סאָוועטן, נאָר אויך יענע בירגערלעכע עלעמענטן און פּויערים, וואָס גייען אין די סאָוועטן ניט אַריין, האָט מען פֿאַררופֿן אין פּעטערבורג אַ קאָלאָסאַלע באַראַטונג פֿון אַלע סאָוועטן, אַלע געווערקשאַפֿטן, אַלע קאָאָפּעראַטיוון, אַלע זיעמסטוועס און אַלע אַנדערע בירגערלעך־דעמאָ־

קראַטישע אָרגאַניזאַציעס פון גאַנץ רוסלאַנד, אַחוץ די רעכטע רעאַק-ציאָנערע און קאַפּיטאַליסטישע גרופּעס.

אין דער מאָסקווער מלוכה-בּאַראַטונג זיינען געווען פּאַרטראָטן אויך די רעכטע עלעמענטן, — ווי איך האָב שוין באַשריבן. אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג אין פּעטראָגראַד זיינען די רעכטע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן געווען אויסגעשלאָסן.

דער הויפּט-קאַמף אויף דער דאָזיקער באַראַטונג, אין וועלכער עס זיינען געווען פּאַרטראָטן דער עיקר די דריי גרויסע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען (די מענשעוויקעס, די באָלשעוויקעס, די סאָציאַליסטן-רע-וואָלוציאָנערן), האָט זיך געפירט אַרום דער פראַגע פון דער רעגי-רונג: קאָאַליציע, צי ניט קאָאַליציע? בילדעט מען ווידער אַ רע-גירונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט די בירגערלעכע עלע-מענטן, הייסט עס, אַז מען בייט ניט די מלחמה-פּאָליטיק און אַז מען פירט דערוויל נאָך ניט דורך די אַגראַר-רעפאָרם. מאַכט מען אָבער אַ ריין-סאָציאַליסטישע רעגירונג, באַדייט דאָס, אַז מען ענדערט די פּאָ-ליטיק אין דער פראַגע פון מלחמה און מען טרעט צו באַלד צו יענע סאָציאַלע און אַגראַרע רעפאָרמעס, וואָס פאָדערן זיך לויט דער אויפ-גערעגטער שטימונג פון די פאָלקס-מאַסן.

עטלעכע טעג און עטלעכע נעכט זיינען פאָרגעקומען די זיצונגען פון אָט דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג, און דער עיקר האָט מען גע-אַרבעט ניט אין די אָפענע זיצונגען, נאָר אין די געשלאָסענע זיצונגען פון די איינצלנע פּאַרטיי-פראַקציעס. זייער שטורעמדיק איז געגאַנגען דער אינעווייניקסטער קאַמף אין אונדזער מענשעוויסטישער פראַקציע. די צעטיילונג ביי אונדז איז געווען כמעט העלפט אויף העלפט, אינטער-נאַציאָנאַליסטן און אָבאָראָנצעס. ביי דער לעצטער אָפּשטימונג וועגן קאָאַליציע, וואָס האָט גענומען אַ גאַנצע נאַכט, האָט אונדזער ריכטונג, די אינטערנאַציאָנאַליסטישע, זאָגאַר באַקומען אַ מערהייט. פאַקטיש איז די מענשעוויסטישע פּאַרטיי אין יענעם מאָמענט שוין געווען אַנ-טוישט אין דער קאָאַליציע און האָט געזוכט אַ וועג צו אַן אַנדער פּאָ-ליטיק.

וועגן די באָלשעוויקעס איז שוין אָפּגערעדט. צווישן די סאָציאַ-ליסטן-רעוואָלוציאָנערן האָט זיך אויך אין יענעם מאָמענט פאַרשטאַרקט דער לינקער פליגל, די אַזוי-גערופענע „לינקע ס. ר.", וואָס זיינען יע-מאָלט געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז, מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַ-ליסטן.

און דאָך איז אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע ווייטער צו פירן די פריערדיקע טאַקטיק פון דער קערענסקי-רעגירונג, סיי אין דער פראַגע פון מלחמה, סיי אין דער פראַגע פון קאָאַליציע. אויף דער לעצטער פולער זיצונג פון דער דע-מאָקראַטישער באַראַטונג איז פאָרגעקומען אַ דראַמאַטישער רעדנער-

דועל צווישן צערעטעלין און טראָצקין, די צוויי גרעסטע רעדנער, וואָס די רוסישע רעוואָלוציע האָט יעמאָלט פאַרמאָגט. אין זיין רעדע האָט צערעטעלי געזאָגט די באַרימטע פראַזע: „ווען מען רעדט מיט די באָלשעוויקעס, דאַרף מען מיטנעמען אַ נאָטאַריוס און צוויי שרייבערס, וואָרים אויב ניט, וועלן די באָלשעוויקעס אַפּלייקענען אַלץ, וואָס זיי האָבן געזאָגט".

און טראָצקי האָט אין זיין רעדע געוואָרפן די באַרימטע באַשולדיקונג קעגן קערענסקין, אַז קערענסקי איז דער „מאַטעמאַטישער אָנשפּאַר-פּונקט" פאַר אַ ב אָ נ אַ פּ אַ ר ט י ס ט י ש ן דיקטאַטאָר.

טראָצקיס פראַזע איז רעדנעריש געווען זייער גלענצנד, אָבער די וויטערדיקע געשעענישן האָבן באַוויזן, ווי פאַלש זיין שטאַנדפּונקט איז געווען אין תוך. קערענסקי איז קיין מאָל קיין דיקטאַטאָר ניט געוואָרן, און אין יענעם מאָמענט פון דער רעוואָלוציע האָבן קיין באָנאַפּאַרטיסטישע דיקטאַטאָרן בכלל ניט געקאָנט אויפקומען. אַ „באָנאַפּאַרט" קומט שטענדיק ניט אין אָ נ ה ו י ב פון אַ רעוואָלוציע, נאָר צום ס ו ף פון אַ רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע. אין רוסלאַנד האָט זיך אָבער די רעוואָלוציע ערשט אָנגעהויבן אין יענעם מאָמענט. עס איז נאָך געווען ערב דער אַגראַר-רעוואָלוציע און ערב דעם בירגער-קריג. אויך פּערזענלעך האָט קערענסקי זיך קיין מאָל ניט געשניטן אויף אַ דיקטאַטאָר. און אויב עס איז יאָ געווען אין רוסלאַנד אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַ דיקטאַטאָר, און איז עס טאַקע שפּעטער געוואָרן, איז עס ניט קערענסקי, נאָר טראָצקי אַליין (צוזאַמען מיט וולאַדימיר לענינען), — אָט יענער טראָצקי, וואָס האָט געשליידערט די אומבאַרעכטיקטע באַשולדיקונג קעגן קערענסקין.

אָבער אויב טראָצקי מיט לענינען זיינען געוואָרן דיקטאַטאָרן, זיינען זיי אין יענע יאָרן נאָך ניט געווען קיין ב אָ נ אַ פּ אַ ר ט י ס ט י ש ע דיקטאַטאָרן: דער באָנאַפּאַרט פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז געוואָרן מיט אייניקע יאָר שפּעטער אַ דריטער באָלשעוויק, און זיין נאָמען איז ס ט אַ ל י ן.

לאָזנדיק אַלץ ווי געווען אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט די „דעמאָקראַטישע באַראַטונג" דאָך אַריינגעטראָגן א י י ן נייעס: זי האָט באַשלאָסן, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אין פּעטערבורג ביז צו דעם צונויפקום פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג (וואָס האָט געזאָלט פאַרקומען אין דעצעמבער אָדער יאַנואַר), אַ „צייטווייליקער ראַט פון דער רוסלענדער רעפּובליק" — אַ מין פּאַרלאַמענט, אין וועלכן עס זאָלן אַריינגיין עטלעכע הונדערט דעפּוטאַטן, אויסגעקליבן ניט פון פאָלק דורך אַלגעמיינע וואַלן (דאָס האָט געזאָלט מאַכן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג), נאָר דורך די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. און אין אַזאַ פאָר-פּאַרלאַמענט האָבן געזאָלט זיין פאַרטראָטן אויך די רעכטע עלעמענטן פון דער באַפעלקערונג.

אַט דער צוויטוויליקער ראַט" פון דער רעפובליק איז טאַקע צו־שטאַנד געקומען און האָט אָנגעהויבן צו פירן זיינע אַרבעטן אין פּעטער־בורגער מ אַ ר י ע ן ־ פּ אַ ל אַ ץ סוף סעפּטעמבער, 1917, אונטער דעם פּאָרזיץ פון נ. אַ ו ו ק ס ע נ ט י ע ו ו.

12

דער „ציטוויליקער ראַט פון דער רעפובליק"

ווי איך האָב שוין דערציילט, זיינען אין די סאָוועטן אריין נאָר די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און די יוניאָנס. וואָס אָנ־באַלאַנגט די אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פון אַרבעטנדיקע, דער עיקר אינ־טעליגענץ, באַאַמטע, קליינבירגער, זיינען זיי על פּי כלל אין די סאָוועטן ניט געווען פאַרטראָטן. אָבער זייער ראָלע אין לאַנד איז געווען אַ גאַנץ היפּשע און דעריבער האָט מען אין יענע קריזיס־טעג שטענדיק געזוכט אַ וועג ווי אַזוי איינצושטעלן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע דעמאָקראַטישע, אָבער ניט־סאָציאַליסטישע עלעמענטן.

די קאָאַליציע פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט די בירגערלע־כע איז אויפגעריסן געוואָרן דורך די יולי־טעג און דורך דעם קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד. פּאַקטיש זיינען די פּאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון דער רוסישער בורזשואַזיע שוין מער ניט געווען פאַרטראָטן אין דער קערענסקי־רעגירונג אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער. געבליבן אין דער רע־גירונג זיינען נאָר עטלעכע יחידים, וואָס זיינען לויט זייער אָנשויאונג ניט געווען קיין סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אָבער ניט געהאַט קיין שום איינפלוס אין די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן. אָבער קערענסקי און דער רעכטער פליגל פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, ווי אויך אַ טייל גאָר רעכטע מענשעוויקעס, האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אָפּזאָגן זיך ענטגילטיק פון דעם געדאַנק וועגן צוזאַמענאַרבעט מיט די ליבעראַל־בירגערלעכע עלעמענטן פון לאַנד. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז אָן אַזאַ קאָאַליציע פון די סאָוועטן מיט די בירגערלעכע־קאַפּיטאַליסטי־שע עלעמענטן וועט די רעוואָלוציע גיין פאַרלוירן און עס וועט זיגן די קאָנטער־רעוואָלוציע. וואָרים דער רעכטער פליגל פון אונדזערע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען האָט אין גאַנצן פאַלש אָפּגעשאַצט אי די א י נ ע־ו ו י י נ י ק ס ט ע לאַגע אין רוסלאַנד, אי די א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ־ל ע לאַגע אין קריג.

וועגן קריג זיינען זיי געווען איבערצייגט, אַז אויב רוסלאַנד גייט אַרויס פון דער מלחמה און די רוסישע אַרמייען ווערן דעמאָביליזירט, וועט דאָס זיין פאַר דייטשלאַנד אַזאַ הילף, וואָס וועט איר געבן די מעגלעכקייט צו באַזיגן די עלאַיס. און דאָס האָבן זיי באַטראַכט אַלס אַ שרעקלעכן פאַרראַט אין דער וועלט־דעמאָקראַטיע און האָבן בשום

אופן ניט געוואָלט נעמען אויף דער רעוואָלוציע די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט דערפאַר. און וואָס איז שייך דער אינעווייניקסטער לאַגע אין רוסלאַנד, האָבן זיי שרעקלעך איבערגעשאַצט די כוחות פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע און רעאַקציע און האָבן ניט פאַרשטאַנען די גאַנצע מאַכט פון דער אָנוואַקסנדיקער רעוואָלוציאָנערער סטיכיע.

הונדערטער מאָל איז מיר אויסגעקומען אויסצוהערן די דאָזיקע אַרגומענטן פון די פאַרשיידענע רעכטע סאָציאַליסטן, מיט וועלכע איך האָב ניט אויפגעהערט צו פּאָלעמיזירן עפנטלעך און פריוואַט. באַזונ־דערס אָפטע און היציקע דעבאַטן האָב איך געהאַט מיט מיין אַלטן פערזענלעכן פריינט און חבר, דעם אַלטן בונדיסט מאַרק ליבער. אויף די מיטגלידער־פאַרזאַמלונגען פון פעטערבורגער „בונד", אין די אָרגאַניזאַציעס פון די פעטערבורגער מענשעוויקעס, וואו מיר זיינען ביידע אַריין, אויף די זיצונגען פון סאָוועט, אויף די קאָנגרעסן פון „בונד" און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי — אומעטום איז אַלץ אָפטער און אָפטער אַרויסגעקומען אַזוי, אַז ליבער און איך זיינען אַרויסגעטראָטן איינער קעגן דעם צווייטן: איז ער געווען דער רעפע־רענט, האָט מען מיך באַשטימט אַלס אַ קאָ־רעפערענט; בין איך געווען דער רעפערענט, האָבן די אָבאָראָנצעס אַרויסגעשטעלט ליבערן אַלס קאָ־רעפערענט.

צעפּאַלן געוואָרן אונדזער אַמאָליקער בונדישער „דריילינג": מע־דעם, ליבער און איך. מעדעם איז געווען אין וואַרשע און מ'האָט בשום אופן אים ניט געקאָנט אַריבערברענגען קיין רוסלאַנד. ער האָט דאָס שטאַרק געוואָלט, עס האָט אים געצויגן אין דעם לאַנד פון דער גרוי־סער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, אָבער מיר האָבן בשום אופן ניט געקאָנט פועלן, אַז עס זאָל געפונען ווערן אַ וועג אויף אַריבערצוברענגען אים פון וואַרשע קיין פעטערבורג. עס איז דאָך געווען קריג, און וואַרשע איז געווען אָקופּירט דורך די דייטשן. איך פערזענלעך האָב אייניקע מאָל פּרובירט באַוועגן די קערענסקי־רעגי־רונג, אַז זי זאָל דורך דעם אינטערנאַציאָנאַלן „רויטן קרייץ" אויסטוישן מעדעמען אויף אַ דייטשן ציוויל־געפאַנגענעם פון די וויכטיקערע. אָבער די קערענסקי־רעגירונג איז געווען פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן, און פון אַלע מיינע באַמיאונגען איז גאָר נישט געוואָרן.

די אַרבעטן פונם פאָר־פּאַרלאַמענט האָבן זיך אָנגעהויבן אין זייער אומגינסטיקע באַדינגונגען.

פריער פאַר אַלץ, זיינען די באָלשעוויקעס בכלל אין דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענט ניט אַריין. זיי זיינען געקומען אויף דער ערשטער זיצונג, אָבער נאָר כדי גלייך דעמאָנסטראַטיוו אַוועקצוגיין, אָפּגעבנדיק דורך זייער פאָרזיצער, טראָצקי, אַ פייערלעכע דערקלערונג, אַז זיי האָבן ניט וואָס צו זוכן אין דעם דאָזיקן פּאַרלאַמענט און אַז זיי וועלן ווייטער קעמפן מיט אַלע מיטלען, אַז די מאַכט זאָל איבערגיין „צו די סאָוועטן".

די דאָזיגע האַלטונג פון די באָלשעוויקעס איז געווען אַ קאָמפּראָמיס. לעניִן און די אַנדערע באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך נאָר אינטערעסירט מיט די צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד, זיינען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל זיך בכלל ניט באַטייליקן אין דער נייער „מאַכערייקע" פון קערענסקין. די מעסיקע באָלשעוויקעס, בראש מיט קאַמעניעוו, זיינען געווען דערפאַר, אַז מען זאָל זיך יאָ באַטייליקן אין פּאַרלאַמענט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פּאַרטייען. און דער קאָמפּראָמיס צווישן די ביידע ריכטונגען איז געווען, אַז מען זאָל קומען צו דער ערשטער זיצונג און דערנאָך דעמאָנסטראַטיוו אַוועקגיין מיט אַ דערקלערונג.

דאָס אַוועקגיין פון די באָלשעוויקעס איז געווען זייער אַ שלעכטער סימן: ווען אַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי זאָגט זיך אָפּ אַריינצוגיין אין אַ פּאַרלאַמענט און דערקלערט אַ מלחמה קעגן אים, הייסט דאָס, אַז זי גרייט צו אַן אויפשטאַנד. זי זאָגט זיך אָפּ צו קעמפן פאַר אירע צוועקן מיט פרידלעכע מיטלען, וואָס אויף דעם איז דער בעסטער וועג דאָך זיך צו באַטייליקן אין פּאַרלאַמענט. טראָצקיס דערקלערונג ביים אַרויסגיין פון פּאַרלאַמענט האָט דעריבער באַדייט אַ מלחמה־דערקלערונג און אַן אָנזאָג אויף אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד.

דאָס האָבן מיר אַלע זייער גוט פאַרשטאַנען, און דעריבער איז אונדזער גאַנצע טעטיקייט אין פּאַרלאַמענט באַשטאַנען אין דעם — צו דערשלאָגן זיך אָזוינע שריט, וואָס זאָלן ווידער מאַכן מעגלעך אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן אַלע טיילן פון דער רוסלענדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ווען כ'זאָג „מיר", מיין איך די מענשעוויקעס און בונדיסטן פון אינטערנאַציאָנאַליסטישן פליגל. נאָכן אַוועקגיין פון די באָלשעוויקעס זיינען מיר אינם דאָזיקן פּאַרלאַמענט געבליבן די סאַמע לינקסטע פראַקציע. אָבער צו דעם מאָמענט איז שוין פאַרגעקומען אַ גאַנץ טיפע שפּאַלטונג אין די רייען אי פון דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, אי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

ביי אונדז, די מענשעוויקעס־סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט זיך צווישן די רעכטע, ווי ליבער, באָגדאַנאָוו, צערעטעלי און די אינטערנאַציאָנאַליסטן (מאַרטאָוו, לאַפּינסקי, סוכאַנאָוו, איך), אויסגעבילדעט אַ צענטראַלע גרופּע, בראש פון וועלכער עס האָט זיך געשטעלט דער פריערדיקער פירער פון רעכטן פליגל, פיאָדאָר דאַן. ער איז דאָס געווען צווישן די, וואָס האָבן פּרובירט אויף דער דעמאָקראַטישער באַראַטונג צו שאַפן אַ לינקע קאָאַליציע־רעגירונג מיט די דעמאָקראַטישע אינטעליגענטן און אָן די קאַפּיטאַליסטן. און אויך איצט, אין דעם פּאַרלאַמענט, איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט מאַרטאָוון און אונדז, כדי צו דערשלאָגן זיך אָן אַנטשלאָסענע האַלטונג אין דער פראַגע פון שלום און פון דער אַגראַר־רעפאָרם. פון יענעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן דאָנס גרופּע „מיטעלע" און צווישן די אינטערנאַציאָנאַ־

ליסטן פון מאַרטאָװס גרופּע, — אַ צוזאַמענאַרבעט, וואָס האָט געבראַכט אין די יאָרן 1918—1920 צו אַ פולשטענדיקער צוזאַמענגיסונג פון ביידע גרופּעס.

אויך ביי די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן איז פאָרגעקומען אַ פּאָליטישע צעשיידונג: אויפן רעכטן פליגל זיינען געבליבן קערענסקי, ברעשקאָווסקאַיאַ, רודניעוו, אַווקסענטיעוו. אויפן לינקן פליגל האָבן זיי געהאַט די אַזוי־גערופענע „לינקע עס־ער", וואָס זיינען שפּעטער אַוועק מיט די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען אָבער אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז, די מאַרטאָווצעס. מיר האָבן געהאַט מיט זיי שטענדיקע געמיינזאַמע באַראַטונגען, זיצונגען און אַ טייל זייערע מענטשן האָבן זיך געפונען אונטער אַ שטאַרקן איינפלוס פון מאַרטאָװן. און צווישן אַט די ביידע פליגלען זיינען ביי די עס־ער געווען אַ „מיטעלע גרופּע", אמת, ניט אַזאַ שטאַרקע ווי ביי אונדז, וואָס בראש פון איר איז געשטאַנען א. גאָץ.

די אינטערעסאַנטסטע און שטורעמדיקסטע זיצונגען זיינען פאָרגעקומען אין דער מיליטערישער קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט. און די ריכטונגען, וואָס האָבן געשטרעבט צו פירן אַ מער ענערגישע פּאָליטיק אין דער פראַגע פון שלום, האָבן געפונען אַן אומדערוואַרטעטע אונטערשטיצונג אין דעם קריגס־מיניסטער פון דער קערענסקי־רעגירונג, דעם גענעראַל ווערכאָווסקי. אין איינער פון די סאַמע שטורעמדיקסטע נאַכט־זיצונגען אין דער קריגס־קאָמיסיע פון פּאַרלאַמענט, זיינען אַרויסגעטראָטן איינער קעגן דעם אַנדערן צוויי וויכטיקע עקספּערטן, וואָס מען האָט געקאָנט באַטראַכטן אַלס די מענטשן, וואָס זיינען אַמבעסטן אינפאָרמירט איבער דער לאַגע. דאָס איז געווען פון איין זייט דער גענעראַל ווערכאָווסקי, פון דער אַנדערער זייט, דער אויסערן־מיניסטער פון דער קערענסקי־רעגירונג טערעשטשענקאָ.

דער גענעראַל ווערכאָווסקי, דער קריגס־מיניסטער, וואָס איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע אויפן פראָנט, האָט אין גאַנצן אונטערגעשטיצט אונדזער מיינונג, אַז רוסלאַנד קאָן מער ניט פירן קיין קריג, אַז יעדער פּרוּוו פון דאָס ניי צו באַלעבן די קאַמפן אויפן פראָנט וועט ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפע און אַז עס בלייבט פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט נאָר איין וועג: אָפן צו מעלדן די עלאַיס — פראַנקרייך און ענגלאַנד — אַז די רוסישע אַרמיי איז מער ניט אימשטאַנד צו קעמפן און אַז די פאַרבינדעטע מוזן אָדער קעמפן אַליין, אָדער אָננעמען מיטלען, כדי גלייך אָנצוהויבן אין דער אָדער יענער פאָרם פרידנס־פאַרהאַנדלונגען.

זייער שאַרף איז אַרויסגעטראָטן קעגן אים דער אויסערן־מיניסטער טערעשטשענקאָ, וואָס האָט אַזעלכע שריט דערקלערט פאַר אוממעגלעך און וואָס האָט פאַרלאַנגט מען זאָל ווייטער פירן די פריערדיקע פּאָליטיק.

אויך איך בין אַרויסגעטראָטן אין דער קריגס-פראַגע, אָבער ניט אין דער קאָמיסיע, נאָר אין דער עפנטלעכער זיצונג פון פּאַרלאַמענט. דאָס איז געווען מיין ערשטע אַרויסטרעטונג אין אַזאַ מין אינסטיטוציע, ניט אין אַן אַרבעטער-פאַרזאַמלונג, וואו איך בין אַרויסגעטראָטן זייער אָפט, נאָר פאַר אַ קערפּערשאַפט, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען פיינטלעך געשטימט קעגן מיין ריכטונג און קעגן מיינע אָנשויאונגען. דער הויפּט-געדאַנק, וועלכן איך האָב זיך באַמיט צו דערווייזן אין אָט דער רעדע, איז געווען, אַז רופן צו פרידן היינטיקן טאָג, ביי די באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין רוסלאַנד, באַדייט ניט שעדיקן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון לאַנד, נאָר פאַרקערט — זיי אַמבעסטן צו פאַרטיידיקן. מיר, וואָס רופן אייך אָנצונעמען שריט צום שלום, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך ניט שפּעט, מיר זיינען בעסערע פּאַטריאָטן ווי איר, און מיר פאַרטיידיקן בעסער די אינטערעסן פון לאַנד און פון דער רעוואָלוציע, איידער די, וואָס שרייען די גאַנצע צייט וועגן פּאַטריאָטיזם.

מען האָט מיך אויסגעהערט אין אָנהייב מיט פּראָטעסט, צום סוף איז דער עולם געוואָרן שטילער און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז מען האָט זיך צוגעהערט צו מיין רעדע זייער אויפמערקזאַם. די אָונטצייטונגען האָבן געבראַכט גרויסע אויסצוגן פון מיין רעדע, אָבער נאָך אין דער זעלביקער נאַכט האָב איך פאַרלאָזן פּעטערבורג, ווייל מען האָט מיך אַרויסגערופן קיין מינסק, אויף דער פייערונג פון 20-טן יובילײ פון „בונד".

13

דער „בונד" אין האַרבסט 1917

דער „בונד" איז פאַר דער צייט פון דער רעוואָלוציע געוואָרן אַ גרויסע מאַסן-פּאַרטיי, וואָס איז געווען פאַרטראָטן אין די דעמאָקראַטישע שטאָט-פאַרוואַלטונגען, אין די סאָוועטן, אין די געווערקשאַפטן, מיט אַ ריי לאָקאַלע צייטונגען, מיט אַ גרויסן פּרעסטיזש אין דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן לעבן. עס איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז מיר האָבן באַשלאָסן צו פייערן דעם 20-יאָריקן יובילײ פון „בונד" מיט גרויס פּאַראַד. ווילנע איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן, וואַרשע אויך. דעריבער איז געבליבן, אַז מען זאָל די פייערונג איינאָרדענען אין יענעם גרויסן אידישן אַרבעטער-צענטער, וואָס איז געבליבן ביי רוסלאַנד — אין מ י נ ס ק.

די גאַנצע שטאָט האָט מיטגעפייערט דעם יום-טוב פון „בונד". גרויסע דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן, קאָלאָסאַלע מאַסן-מיטינגען אין שטאָטישן טעאַטער, יובילײ-פאַרשטעלונגען, ספּעציעלע נומערן פון

ציימונגען, באַגריסונגען פון אַלע אָרגאַנען פון דער מאַכט, פון אַלע פּאַרטייען. און, פאַרשטייט זיך, אַ „ליאַמע" פאַר די נעענטערע מענטשן. אַלץ איז געווען יום-טובדיק אין דער שטאָט און עס האָט געהערשט אַן אמתע באַגייסטערונג.

און דאָך זיינען געווען שוין אויפן הימל פינצטערע כמאַרעס, וואָס האָבן צום טייל פאַרשטערט די שמחה.

עס איז געווען ניט רואיק און ניט פריילעך אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן לעבן פון לאַנד. איך האָב דאָס באַמערקט שוין אין דער אייזנבאַן. די צוגן זיינען געגאַנגען שרעקלעך איבער־פולטע, ממש איבערגעפּאַקטע מיט סאָלדאַטן, וואָס זיינען געפאָרן פון פראָנט, צום פראָנט און אין אַלע ריכטונגען און קיינער האָט ניט גע־וואוסט, פאַרוואָס און פאַר וועו. עס האָבן שוין אָנגעהויבן אויסצופעלן פּראָדוקטן אין די פּראָווינץ-שטעט און אַלץ איז געוואָרן טייערער. פאַרשוואונדן געוואָרן די פריינטלעכקייט און ליבנסווירדיקייט, וואָס האָט געהערשט אין די ערשטע טעג און וואָכן פון דער רעוואָלוציע. מען האָט זיך שוין מער ניט באַגריסט אין די וואַגאָנען מיט רעוואָלו־ציאָנערער באַגייסטערונג, און דאָס וואָרט „טאָוואַרישטש" האָט שוין מער ניט געקלונגען אַזוי פריינטלעך און פאַרטרוילעך ווי אין אָנהייב. אָנגעכמאַרעטע פּנימער, בייזע קוקן, שאַרפע ווערטלעך, — אַן אָט־מאָספערע פון אינעווייניקסטע קאַמפן און צעשפּאַלטונג.

דיזעלבע אינעווייניקסטע צעשפּאַלטונג האָט אויך אָפּגעשוואַכט פאַר אונדז דעם איינדרוק פון דער אויסערגעוויינטלעך שיינער פייע־רונג, וואָס די מינסקער אָרגאַניזאַציע האָט אַראַנזשירט. די גאַנצע פירערשאַפט פון „בונד" האָט זיך דאָרטן צוזאַמענגעקליבן: אַלע צ. ק.־מיטגלידער פון פּעטערבורג, די גאַנצע ביוראָ פון צ. ק. אין מינסק, די חברים פון אוקראַינישן געגנט-קאָמיטעט פון קיעוו און אַ ריי אַנדערע בונדיסטישע פירערס און טוערס.

די מינסקער אָרגאַניזאַציע, פּונקט אַזוי ווי דער מינסקער צ. ק., זיינען געווען אין דער מערהייט אַבאָראָנצעס. האָט מען די הויפּט־רעדעס אין די גרויסע מאַסן-פאַרזאַמלונגען איבערגעגעבן צו יענע חברים, וואָס האָבן רעפּרעזענטירט דעם רעכטן פליגל. דעם גרויסן פּאָליטישן רעפעראַט האָט געהאַלטן מאַרק ליבער. מיך האָט מען געלאָזט ריידן איבער דעם „בונד" און דער נאַציאָנאַלער פראַגע. ניט געקוקט אויף דעם גרויסן בונדישן פּאַטריאָטיזם, האָט מען אויך אין טעאַטער, וואו עס זיינען געווען עטלעכע טויזנט מענטשן, געקאָנט דייטלעך באַמערקן, אַז דער עולם האָט אויפגענומען די פאַרשיידענע אַלטע פירערס אויף אַ פאַרשיידענעם אופן, לויט די פּאָליטישע סימ־פּאַטיעס. און אָט דאָ אין מינסק האָב איך געקאָנט באַמערקן, אַז אין דער צייט ווען אין גאַנץ רוסלאַנד און אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי איז דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פליגל

געוואָרן אומעטום שטאַרקער פאַרן צווייטן צד, זיינען אין „בונד" די פּאָזיציעס פון די אָבאָראָנצעס נאָך געווען זייער שטאַרק. דאָס איז באַזונדערס דייטלעך אַרויסגעקומען, ווען נאָך אַלע פייערונגען און נאָך דער גרויסער בונדישער „ליאַמע", וואו מען האָט נאָך אַלע צוזאַמען גענומען אַ גלעזל וויין און געזונגען בונדישע לידער, איז פאָרגעקומען די פּלענאַרע זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט, אויף וועלכער עס זיינען געשטעלט און באַשלאָסן געוואָרן די וויכטיקסטע און שאַרפסטע פּאָליטישע פּראָבלעמען.

די יובילעי-פייערונג אין מינסק איז געווען די לעצטע צוזאַמענקונפט פון אַלטן „בונד", וואו אַלע טוערס זיינען נאָך געווען פריינט און חברים צווישן זיך; זיי האָבן נאָך געהאַט דיזעלבע שפּראַך און דיזעלביקע פּראָגראַם, דיזעלביקע צילן און דיזעלביקע טאַקטיק. אַלע וויטערדיקע בונדישע קאָנפערענצן, וואָס זיינען פאָרגעקומען נאָך דעם, אַפילו דער צוזאַמענפאָר אין דעצעמבער 1917, אין פּעטערבורג, זיינען שוין געווען פול מיט שאַרפע אינעווייניקסטע קאַמפן און האָבן זיך געענדיקט מיט שפּאַלטונגען.

אָבער אין מינסק זיינען מיר נאָך געווען איין פאַראייניקטע משפּחה, און קיין מאָל איז די ליבע צום „בונד" און דער בונדישער פּאַטריאָטיזם ניט געווען אַזוי שטאַרק ווי ביי יענער פייערונג. און וויפיל בונדישע לידער מ'האָט דאָרטן געזונגען! ווען עס וועט ווען-עס-איז אָנגעשריבן ווערן די געשיכטע פון דעם אידישן אַרבעטער-ליד, וועט מען זען וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע פאַרענדערונג עס איז פאָרגעקומען אויף דעם דאָזיקן געביט פאַר דער צייט פון רעאַקציע, פון דער מלחמה און ערשטן פּעריאָד פון דער רעוואָלוציע 1917.

מען האָט שוין מער ניט געזונגען אויף די בונדישע ליאַמעס אין 1917-טן יאָר די אַלטע מעלאַנכאָלישע און טרויעריקע לידער פון די ערשטע יאָרן. אַ נייער, פרישער שטראָם איז אַריינגעקומען. עס האָט זיך געשאַפן אַ מין געמיש פון חסידישע פאָלקס-לידער מיט אַ נייעם מאָדערנעם אינהאַלט. מען האָט מכבד געווען איינער דעם אַנדערן מיט „אַ גלעזעלע וויין" לויטן חסידישן נוסח („לאָמיר אַלע אין איינעם, אין איינעם . . ."), מען האָט צוגעטראַכט נייע ווערטער פאַר דעם אַלטן פאָלקס-ליד: „וואָס איינס באַדייט? וואָס צוויי באַדייט?" אאַ"וו. און דער ענטפער איז געווען:

איינס איז דער „בונד"
דער „בונד" איז איינער
און מער איז קיינער.
צוויי — זיינען די „פאַראייניקטע".
איינס איז דער „בונד",
דער „בונד" איז איינער
און מער איז קיינער.

און ווען עס איז געקומען צו „דריי", האָט מען געענטפערט אין אַ הילכיקן כאָר:

דריי — דאָס זיינען גאָץ, ליבער, דאַן,
צוויי — זיינען די „פּאַראייניקטע",
איינס איז דער „בונד"
דער „בונד" איז איינער, אאַ"וו.

און „פיר" איז געווען — „אונדזער וואַל-רעכט", אַלגעמיינע, דירעקטע, געהיימע און גלייכע וואַלן, אאַז"וו, אאַז"וו.

איך געדענק שוין ניט אַלע לידער, וואָס זיינען געווען פאַר מיר ניי, ווייל איך האָב דאָך געלעבט אין פּעטערבורג און בין געווען אָפּגעריסן פון דירעקטן צוזאַמענלעבן מיט די אידישע אַרבעטער-מאַסן. אָבער די גרעסטע ספּעציאַליסטקע אויף אַזוינע לידער איז געווען אסתר פרומקין. זי האָט געהאַט אַ גוט געהער און אַ קלינגענדיקע שטים, און האָט שטענדיק בעסער פאַר אַלעמען געוואוסט די ווערטער פון יעדן ליד און די מעלאָדיע.

עס איז געווען אָבער אָנגענעמער צו זינגען מיט אסתר פרומקין חסידישע לידלעך אויף אַ בונדישער ליאַמע, איידער צו פירן מיט איר פּאָליטישע דיסקוסיעס אין דער זיצונג פון צ. ק.

אסתר פרומקין איז געווען איינע פון די מערקווירדיקסטע פרויען אין דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג און איינע פון די באַגאַבטסטע טוערינס, וואָס איך האָב ווען-עס-איז באַגעגנט. ווען איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט אין יאָר 1905, איז זי געווען אַ הויכע, שלאַנקע, שיינע יונגע פרוי, מיט בליסטשנדיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָט שוין פאַרמאָגט אַ נאָמען אין „בונד". אין איר מוטער-שטאָט מינסק איז זי געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע פערזענלעכקייטן אין דער באַוועגונג. זי האָט שטודירט אין פּעטערבורג אויף קורסן און איז געווען פאַרהייראַט מיט אַ געבילדעטן און ערנסטן מענטשן, וואָס איז זייער יונג געשטאָרבן, לאָזנדיק איר אַ יונגע אלמנה מיט אַ קליין קינד. אַחוץ דער אַלגעמיינער בילדונג, וואָס זי האָט באַקומען אין פּעטערבורג, איז זי נאָך געווען היפּש באַהאַוונט אין אידישע לימודים דורך איר פאָטער, וואָס איז געווען אַ איד אַ למדן. אַלס קינד איז זי שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ מין מיידעלשן עילוי. זי איז טאַקע אין דער אמתן געווען זייער אַ באַגאַבטער מענטש מיט אַ שאַרפן קאָפּ, מיט אַ גוטן רעדנער-טאַלענט, מיט זייער אַ לייכטער און פלינקער פען און מיט אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט. מען האָט קיין מאָל אסתרן ניט געזען אַ רואיקע. איר קאָכיקער טעמפּעראַמענט האָט איר ניט געלאָזט קיין איינציקן מאָמענט זיצן רואיק. ווען זי אַליין האָט גערעדט, האָט זי גערעדט מיט די אויגן, מיט די הענט, מיטן גאַנצן פּנים, מיטן גאַנצן קערפּער. ווען אַן אַנדערער האָט גערעדט און זי האָט זיך צוגעהערט, האָט

מען לויט איר פּנים, דעם גלאַנץ פון אירע אויסדרוקספולע אויגן און דעם מאַך פון איר האַנט, שטענדיק געקאַנט פאַרשטיין, ווי אַזוי דער אַנדערער רעדט. מען האָט איר געהאַלטן פאַר היסטעריש און זי איז אפשר געווען היסטעריש אינם ברייטן זין פון וואָרט, אויב מען זאָל אונטער „היסטעריע" פאַרשטיין אַן איבערגעטריבענע רעאַקציע, אַ גוזמאדיקן אָפּרוף פון דעם מענטשן אויף אויסערלעכע דערשיינונגען. זי איז אָבער בשום אופן ניט געווען קיין היסטערישע פרוי אין געוויינטלעכן זין פון וואָרט. זי האָט געהאַט אַ מאַנסבילשן קאָפּ, אַ גוטע און קלאָרע לאָגיק און די פעאיקייט צו באַנעמען אַ פרעמדן געדאַנק. איר היסטערישקייט האָט זיך אויסגעדריקט נאָר אין איין זאַך: ווען זי איז געגאַנגען אויף אַ געוויסער ליניע, איז זי שטענדיק אין דער דאָזיקער ליניע פאַרקראָכן צו עקסטרעם, צו גוזמאדיק, צו ווייט.

בשעת דער מלחמה און ביז צו דער רעוואָלוציע 1917 איז זי געווען אין פאַרשיקונג אין אסטראַכאַן. לויט איר ריכטונג איז זי עגווען שטאַרק אידישיסטיש און אַפילו נאַציאָנאַליסטיש געשטימט. זי איז געווען איינע פון די אַנטיילנעמערינס אין דער באַרימטער „טשערנאָוויצער קאָנפערענץ" וועגן אידיש און אידישע שולן און איז געווען אין „בונד" די עקסטרעמע אידישיסטקע, וואָס האָט ווייט, ווייט אַריבערגעיאָגט ניט נאָר אונדז אַלעמען, נאָר אַפילו מעדעמען. דאָס ביכל, וואָס זי האָט יעמאָלט אַרויסגעלאָזן וועגן אידיש און אידישע שולן, איז געשריבן געוואָרן גלענצנד, אָבער אָט אין דעם גייסט פון גראָדליניקער איינזייטיקייט, וואָס פאַרקריכט שטענדיק צו ווייט. פּאָליטיש איז זי געווען אַן אָבאַראָנקע און עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען אסתר איז אַן אָבאַראָנקע, מוז זי זיין אַן עקסטרעם רעכטע, וואָס קיינער האָט שוין ניט געקאָנט זיין רעכטער און עקסטרעמער פאַר איר.

מען קאָן זיך דעריבער פאַרשטעלן, ווי שאַרף עס איז געווען די מיינונגספאַרשיידנקייט צווישן אסתרן און אונדז, די אינטערנאַציאָנאַליסטן.

פערזענלעך זיינען מיר מיט אסתרן שטענדיק געווען גוטע פריינט. איך האָב איר צוגעצויגן צו דער ליטעראַרישער אַרבעט פון צ. ק. נאָך אין יאָר 1905, און מיר האָבן אָנגעשריבן צוזאַמען אַ גאַנצע ריי וואָלבראָשורן ביי די וואַלן צו דער גאָסודאַרסטווענע דומע. דערנאָך זיינען מיר געווען צוזאַמען אין ווין אין דער רעדאַקציע פון „אונזער צייט". מיר האָבן זיך אויך איצט, נאָך דער רעוואָלוציע, באַגעגנט ווי אַלטע גוטע פריינט פערזענלעך, אָבער פּאָליטיש זיינען מיר די גאַנצע צייט געשטאַנען אין שאַרפסטן ווידערשפרוך. און אָט דער ווידערשפרוך איז אַרויסגעטראָטן באַזונדערס בולט אָט אין יענע זיצונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט אין מינסק ביי אַ צווייטן צוזאַמענקונפט, דוכט זיך אין נאָוועמבער.

נאָך גרויסע און היציקע דעבאַטן אין דער אַלגעמיינער זיצונג, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון 5 מענטשן, וואָס האָט געזאָלט צוגרייטן אַ רעזאָלוציע. אין דער קאָמיסיע זיינען אַריינגעגאַנגען וויינשטיין (רחמיאל), אסתר, איך, און נאָך צוויי חברים. איך קאָן זיך אָבער איצט ניט דערמאָנען ווער עס זיינען געווען די איבעריקע צוויי. יעדנפאַלס איז ליבער ניט געווען אין דער קאָמיסיע, ווייל ער האָט געמוזט אָפּפאָרן קיין פּעטראָגראַד אויף אַ וויכטיקער זיצונג. אין צענטראַלן קאָמיטעט איז רחמיאל אויך געווען אַן אַבאָראָניעץ, אָבער ער האָט אָנגענומען געוויסע געדאַנקען פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן, פּונקט ווי דאָס איז געווען מיט גענ. דאַן אין פּעטראָגראַד. אויך ראַפּעס האָט זיך יעמאָלט אַ וואַקל געטאָן. אָבער אסתר איז געבליבן שטאָל און אייזן אויף דער אַלטער פּאָזיציע. מיר זיינען אָפּגעזעסן אין דער דירה פון רחמיאל וויינשטיין די גאַנצע נאַכט, ביז 4 אָדער 5 אַזייגער אין דער פרי, זוכנדיק אויסצוגעפינען אַ קאָמפּראָמיס-רעזאָלוציע, וואָס זאָל באַפרידיקן ביידע פליגלען. מיר האָבן שוין כמעט אויסגעפונען דעם קאָמפּראָמיס, אָבער אַלע באַמיאונגען צו באַקומען דעם הסכם פון אסתרן און פון אירע פריינט צו דעם דאָזיקן קאָמפּראָמיס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן דורך אסתרס עקשנות. זי איז געזעסן אַ בלייכע, כמעט אַ געחלשטע, אָבער זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבן ביזן סוף.

פּונקט מיט דערזעלביקער עקשנות, פּונקט מיט דערזעלביקער התלהבות, פּונקט מיט דעמזעלביקן חסידישן ניגון אין איר קול, פּונקט מיט דערזעלביקער היסטערישער איינזייטיקייט, קלאַפּנדיק זיך אין האַרצן מיט אירע לאַנגע הענט, האָט אסתר מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער פאַרטיידיקט דעם קאָמוניזם און האָט פּאַטעטיש פאַרשאָלטן די יאָרן, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין „קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן בונד" . . .

ניט געקוקט אויף אַפּתרס ווידערשטאַנד, האָבן מיר דערגרייכט אַ קאָמפּראָמיס, וואָס איז ניט געגאַנגען אַזוי ווייט ווי די רעזאָלוציע פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי אין פּעטערבורג, וואָס האָט אָבער געגעבן די מעגלעכקייט די בונדישע פאַרטרעטער אין די אָקטאָבער-טעג צו פאַרנעמען יענע פּאָליטישע פּאָזיציע, וואָס זיי האָבן פאַרנומען.

דער צוריק וועג פון מינסק קיין פּעטערבורג איז געווען אַ שרעקלעכער צוליב דער ענגשאַפט אין די אייזנבאַנען. טויזנטער סאָלדאַטן האָבן זיך געצויגן פון די פראָנטן אין לאַנד אַריין. אויף איינער פון די סטאַנציעס, מיר דוכט זיך אין וויטעבסק, בין איך אַרויס צום טעלעגראַף, כדי אָנצופרעגן אויפן „דירעקטן דראָט", וואָס עס הערט זיך אין נייעם פּאַרלאַמענט. אָבער ווען איך האָב באַדאַרפט, קומענדיק צוריק פון טעלעגראַף, אַריינקומען אין וואַגאָן, איז דאָס געווען פיזיש אוממעגלעך. געראַטעוועט האָבן מיך אַ גרופּע סאָלדאַטן אין איינעם פון די וואַגאָנעס, וואָס האָבן מיך דערקאָנט און אָנגעהויבן רופן מיך ביים נאָמען. איניקע געזונטע בחורים האָבן מיך גענומען אויף די הענט

און האָבן מיך „דערלאַנגט" דורכן פענצטער, צעברעכנדיק די שויב. די גרופּע סאָלדאַטן, וואָס האָבן מיך אַריינגענומען צווישן זיך, זיינען געווען באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן, וואָס זיינען שוין געפאָרן קיין פּעטער־בורג אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, וואָס האָט זיך גע־דאַרפט אָנהייבן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. און איינער פון די סאָלדאַטן, אַ יונגער, לאַנגער בחור, טאַקע דער, וואָס האָט מיך דער ערשטער דער־קאַנט און גערופן, איז געווען מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער פון ווין, טשודנאָווסקי. דאָס איז געווען אַ יונגער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט זיך אין יאָר 1914, זייענדיק אין ווין אַלס עמי־גראַנט, געוואַקלט צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם און איז געווען נאָענט באַפריינדעט מיט ניקאָלאַי בוכארין, וואָס האָט יעמאָלט אויך געלעבט אין ווין און איז געווען אַ „האַרטער" באָלשעוויק, שטענ־דיק אין קאַמף קעגן טראָצקין אויף יעדער פאַרזאַמלונג פון דער רוסי־שער קאָלאָניע אין ווין.

טשודנאָווסקי, אַן אינטעליגענטער אידישער יונגערמאַן מיט זייער אַ סימפּאַטישן כאַראַקטער, איז געווען אַן אַריינגייער ביי מיר אין הויז אין ווין און האָט זיך ביי מיר באַקאַנט און אינטים באַפריינדעט מיט דערזועלביקער אסתר פרומקין, פון וועלכער איך בין איצט געפאָרן פון מינסק. טשודנאָווסקי און אסתר זיינען צוזאַמען אָפּגעפאָרן אין אָנפאַנג פון דער מלחמה פון ווין קיין שווייצאַריע. אסתר איז דער־נאָך אַוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד און איז דאָרטן פאַרשיקט געוואָרן קיין אַסטראַכאַן. טשודנאָווסקי איז אַוועק קיין אַמעריקע און איז דער־נאָך מיט טראָצקין צוזאַמען אַוועקגעפאָרן אין רוסלאַנד אין מאַי, 1917. איצט איז ער געוואָרן אַ באָלשעוויק און איז געפאָרן מיט אַ דעלעגאַציע פון באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן פון פראָנט.

מיר האָבן פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט, שטייענדיק ביים פענצטער פון וואַגאָן, דערמאָנענדיק זיך וועגן דער וויינער צייט און דיסקוטירנדיק וועגן פאַרשיידענע פראַגעס. אָבער מיר ביידע האָבן אין יענער נאַכט ניט געאַנט, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט טשודנאָווסקי זיין צווישן יענע, וואָס וועלן איינעמען דעם ווינטער־פּאַלאַץ אין דער נאַכט פון 25-טן אָקטאָבער, און אַז נאָך אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועט טשודנאָוו־סקי פאַלן אין אוקראַינע ביי איינער פון די ערשטע שלאַכטן פון רו־סישן בירגער־קריג.

14

ערב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע

אַ געדריקטע און אויפגערעגטע שטימונג, אַ טיפע אינעווייניקסטע נערוועזקייט האָב איך געפונען אין פּעטערבורג, ווען איך בין געקומען צוריק פון מינסק. פאַר די עטלעכע טעג, וואָס איך בין געווען אָפּגע־פאָרן פון דער הויפּט־שטאָט, האָט זיך דאָ די לאַגע אומגעהייער פאַר־

שאַרפֿט. מיר זיינען מיט ריזיקע שריט געגאַנגען צו אַ קאַטאַסטראָפֿע און קיינער האָט זיך גענוי ניט פֿאָרגעשטעלט, וועלכע פֿאָרמען די קאַטאַסטראָפֿע וועט אָננעמען.

אין שטאָט און אין לאַנד איז אומגעהייער אויסגעוואַקסן די באָלשעוויסטישע כוואַליע. ביי די לעצטע ניי־וואַלן צום פּעטערבורגער סאָוועט האָבן געזיגט די באָלשעוויקעס און מיר, די פֿריערדיקע מערהייט, וואָס זיינען אַלץ געווען אַ מערהייט אין צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט, האָבן זיך געפֿילט ווי אַ מאַכטלאָזע מינדערהייט אין דעם פּעטערבורגער סאָוועט. אין דעם גרויסן ווייסן זאַל פֿון סמאָלני אינסטיטוט, וואוהין עס האָט זיך אַריבערגעקליבן דער סאָוועט און דער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

די „סאָלדאַטישע סעקציע” פֿון סאָוועט איז געשטאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון באָלשעוויסטישע מיליטער־לייט, און עס איז פֿאַר קיינעם ניט געווען קיין סוד, אַז דער פּאַקטישער באַלעבאָס אין דאָרטן געוואָרן דער באָלשעוויסטישער „מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט”, בראש פֿון וועלכן עס זיינען געשטאַנען טראָצקי, דזשערזשינסקי, סטאַלין, בובנאָוו און אַנדערע באָלשעוויסטישע פֿירערס (טראָצקי איז שוין יעמאָלט געווען באַפֿרייט פֿון דער טורמע: ער איז אַרויס גלייך נאָך די קאָרנילאָוו־טעג).

די צוגרייטונגען פֿון די באָלשעוויקעס צו אַ נייעם אויפֿשטאַנד זיינען געווען אין גאַנצן קלאָר. מיין אַלטער פֿריינט, פּ. לאַפּינסקי, אַ פּוילישער סאָציאַליסט פֿון דער פּ. פּ. ס., וואָס איז געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און האָט צוזאַמען מיט אונדז געאַרבעט אין פּעטערבורגער סאָוועט, האָט ניט אויפֿגעהערט צו טענהן, אַז ניט שפּעטער ווי אין נאָוועמבער וועלן מיר אין פּעטערבורג האָבן אַ צווייטע אויפֿלאַגע פֿון דער פּאַריזער קאָמונע. ער האָט געהאַט זייער פֿיל פּערזענלעכע פֿריינט צווישן די באָלשעוויקעס און אַנדערע לינקע סאָציאַליסטן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער אַרבעטער־מיטינגען, איבער פֿאַבריקן און איז בכלל געווען זייער אַ געבילדעטער און אינטערעסאַנטער מענטש (איך זאָג ג ע ו ו ע ן, ווייל לויט מיינע ידיעות, איז לאַפּינסקי, וואָס איז געוואָרן אַ קאָמוניסט און האָט פֿאַרנומען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דעם קאָמיסאַריאַט פֿאַר אויסלענדישע ענינים, שפּעטער דערשאָסן געוואָרן פֿון סטאַלינען). די שטימונג אין די מאַסן איז אַזאַ, האָט ער שטענדיק געטענהעט, אַז עס מ וז קומען צו אַן אויפֿרייס. מיר וועלן האָבן דאָ אַן אַרבעטער־אויפֿשטאַנד וואָס וועט זיגן ווי אין פּאַריז אין 1871. דער אויפֿשטאַנד וועט זיגן און וועט וואַרשיינלעך שפּעטער, פּונקט ווי אין פּאַריז, בלוטיק דערשטיקט ווערן.

נו, מוז מען דאָך זען, אַז דער אויפֿשטאַנד זאָל ניט קומען? מוז מען דאָך פֿאַרמיידן יענע שרעקלעכע פֿאַרגיסונג פֿון אַרבעטער־בלוט, וואָס וועט קומען נאָכן אויפֿשטאַנד? — האָב איך מיט אים פּאָלעמיזירט.

מיר קאָנען קיין זאַך ניט אויפטאָן, מיר זיינען מאַכטלאָז, און די באָלשעוויקעס ווערן געטראָגן פון שטראָם, — האָט מיר מעלאַנכאָליש געענטפערט דער פּעסימיסטישער לאַפּינסקי.

אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך האָב איך אין אָט די טעג געהאַט אויך מיט אַ צווייטן פּוילישן סאָציאַליסט, אויך מיינעם אַן אַלטן פריינט פון די פריערדיקע יאָרן. דאָס איז געווען דער פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַט (פּ. ס. ד.) פעליקס דזשערזשינסקי, וואָס האָט שפּעטער באַקומען אַזאַ טרויעריקע באַרימטקייט, אַלס דער בלוטיקער אָנפירער פון דער טשעקאַ.

דזשערזשינסקי איז געווען גאָר אַן אַנדערער מענטשלעכער און פּאָליטישער טיפּ ווי לאַפּינסקי. לאַפּינסקי איז געווען אַ ראַפינירטער, ברייט־געבילדעטער אייראָפּעאישער אינטעליגענט מיט זייער פיל וויסן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן, מיט אַ שאַרפן אידישן קאָפּ און מיט אַ גרויסן געפיל פון מאָראַלישער אחריות. דזשערזשינסקי איז געווען אַ פלאַמעדיקער רעוואָלוציאָנער, אַ פאַנאַטיקער מיט אַ שמאָלן קאָפּ אָן פיל וויסן, אַן אויפריכטיקער און איבערגעגעבענער סאָציאַליסט, אָבער יעמאָלט שוין אין גאַנצן אונטער דעם איינפלוס פון לענינסטישן אַמאָראַליזם, וואָס פאַרוואַנדלט די ערלעכסטע און ריינסטע מענטשן אין אַוואַנטוריסטן און גרויזאַמע מערדער.

זינט דזשערזשינסקי איז געוואָרן אַ פאַרברענטער לעניניסט, זיינען מיר שוין ניט געווען מער אַזוי באַפריינדעט, פונדעסטוועגן פלעגט מען זיך נאָך אַמאָל טרעפן און גאַנץ פריינטלעך דורכריידן. און אָט אין דער צייט פון אַ נאַכט־זיצונג, ווען מיר ביידע זיינען געשטאַנען „אין לאַין" ביים בופעט פון סמאָלני־אינסטיטוט, וואַרטנדיק אויף אַ גלעזל שיטערע טיי, גיט ער מיר אַ פרעג:

„איר געדענקט, אַבראַמאָוויטש, לאַסאַלס טעאָריע וועגן דער פאַרהעלטעניש פון כוחות?"

„געוויס! — רוף איך זיך אָפּ, — ווער פון אונדז געדענקט עס ניט?"

„נו, ווערט אָבער דען ניט די פאַרהעלטעניש פון כוחות באַשטימט אויך דורך דער פיזישער צאָלרייכקייט פון די קעגנערישע קלאַסן?"

„פאַרשטייט זיך, אַז ביז אַ געוויסן גראַד איז דאָס ריכטיק".

„נו, אַז מען זאָל פיזיש אויסראָטן אַ גרויסן טייל פון קעגנערישן קלאַס, לאָמיר זאָגן, די קאַפּיטאַליסטן, טאָ איז דאָך מעגלעך צו מאַכן אַזוי, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל ווערן שטאַרקער איידער דער קלאַס פון די קאַפּיטאַליסטן?"

קאָנענדיק דזשערזשינסקין און זיין שמאָלקעפּיקן פאַנאַטיזם, האָב איך גלייך פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. מיר האָבן דאָך די גאַנצע צייט, אַלס מאַרקסיסטן, געהאַלטן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד איז נאָך צו־וויייניק אַנטוויקלט, כדי מיר זאָלן קאָנען אין דעם אָפּגע־

שטאַנענעם רוסלאַנד מאַכן אַ זיגרייכע פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע. דאָס איז געווען די טיפע אורזאַך פאַרוואָס מיר, רוסישע מאַרקסיסטן, אָנהייבנדיק פון פּלעכאַנאָוו און ענדיקנדיק מיט לענין, זיינען אין דער רעוואָלוציע 1905 שטענדיק געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז די קומענדיקע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד וועט ניט זיין קיין ס אָ צ י אַ ל י ס־ ט י ש־פּ ר אָ ל ע ט אַ ר י ש ע, נ אָ ר אַ ב י ר ג ע ר ל ע ך־ד ע מ אָ־ ק ר אַ ט י ש ע.

פון דזשערזשינסקיס ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער פּרי־מיטיווער קאָפּ פון דעם פּוילישן פאַנאַטיקער שטרעבט אויסצוגעפינען אַ מיטל, ווי אַזוי בייצוקומען די סאָציאַלע אָפּגעשטאַנענקייט פון רוס־לאַנד. אויב מען קאָן די פּאָר מיליאָן אַרבעטער פון רוסלאַנד ניט פאַר־וואַנדלען אין אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג, ווי דאָס איז אין די אינדוסטריעלע לענדער, איז אפשר מעגלעך דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס פיזיש צו פאַרניכטן און דורך דעם פאַרניכטן די לעבעדיקע טרעגער פון קאַפּיטאַליזם אַלס סיסטעם ? !

דער דאָזיקער געדאַנק איז מיר אויסגעקומען אַזוי משונהדיק פאַר אַ מאַרקסיסט, אַז איך האָב וועגן דעם ערנסט ניט געקאָנט דיסקוטירן. אַחוץ דעם האָב איך געוואוסט אַז דזשערזשינסקי האָט פּסיכיש שטאַרק געליטן דורך די פיל יאָרן, וואָס ער איז אָפּגעזעסן אין קאַטאָרגע (אַ צייט איז ער געזעסן צוזאַמען מיט מעדעמען אין אָרלאָווער צענטראַלער קאַטאָרזשנע טורמע) און אַז דעריבער דאַרף מען זיך צו זיינע רייד ניט באַציען אין גאַנצן ערנסט. אָבער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָב איך געהאַט אַ צווייטן שמועס מיט דזשערזשינסקין ביי גאַנץ אַנדערע טראַ־גישע באַדינגונגען און דאַן האָב איך פאַרשטאַנען אַז דזשערזשינסקיס טעאָריעס זיינען ניט קיין פּראָדוקט פון אַ קראַנקער פּסיכיק, נאָר עפּעס גאָר ערנסטעס.

די נערוועזקייט אין פּעטערבורג האָט אָבער געהערשט ניט נאָר אין סאָוועט און אין די קרייזן פון די סאָציאַליסטישע פּירערס. נאָך שטאַרקער איז געווען די אויפרעגונג אין די אַרבעטער־מאַסן, אין די פאַבריקן, און אין די קאַזאַרמעס צווישן די סאָלדאַטן. די באָלשעוויקעס האָבן געפירט אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט און עס איז געווען באַוואוסט, אַז זיי גרייטן זיך אַקטיוו צו אַן אויפשטאַנד.

אַ באַזונדערער מקור פון אינפאָרמאַציע פאַר אונדז איז געווען די פאַרבינדונג מיט די אַזוי־גערופענע „לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־נערן״. דאָס איז געווען די עקסטרעם לינקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע ריכטונג אין קערענסקיס פּאַרטיי, בראש פון וועלכער עס זיינען גע־שטאַנען דער אַלטער מאַרק באָבראָוו־נאַטאַנסאָן ; אַ. קאַמקאָוו ; דער אידישער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, ד״ר י. נ. שטיינבערג, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ פאָלקס־קאָמיסאַר אין דער באָלשעוויסטישער רעגירונג ; די באַרימטע טעראָריסטקע ספּירידאָנאָוואַ, וועגן וועלכער

איך האָב שוין דערמאָנט; אַלעקסאַנדראָוויטש, וואָס איז שפּעטער דער־שאָסן געוואָרן פון די באָלשעוויקעס; פּראָשיאַן, אַן אַרמענישער סאָציאַליסט, וואָס איז שפּעטער אויך אַריין אין דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, און אַזוי ווייטער. די דאָזיקע גרופּע האָט, אמת, ניט פאַרמאָגט קיין גרויסע גייסטיקע פירערס, אָבער זי האָט געהאַט אַ היפּשן איינפלוס צווישן אַ טייל רוסישע פּויערים און אין דער אַרמיי. צו דער פּאַרטיי האָט אויך באַלאַנגט דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער פּאָלקאָווניק גריגאָריעוו, וועלכער האָט געשפּילט אַ היפּשע ראָלע אין דער ערשטער צייט פון באָלשעוויזם אין אוקראַינע. די גרופּע „לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן" איז געשטאַנען אין פּריינטלעכע באַציאונגען מיט אונדזער אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּע. מיר פלעגן האָבן מיט זיי אָפטע באַראַטונגען און זיצונגען אין פאָר־פּאַרלאַמענט און אין צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט. זיי האָבן זיך באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט צו מאַרטאָוון און האָבן זיך שטאַרק גערעכנט מיט זיין מיינונג.

מיר האָבן זיי ניט איין מאָל געוואָרנט קעגן זייער חברשאַפט מיט די באָלשעוויקעס. אָבער זיי האָבן שטענדיק מיט אַ שמייכעלע געענטפערט, אַז זיי זיינען אין די מיליטערישע זאַכן שטאַרקער און געניטער איידער די באָלשעוויקעס, און אַז ניט די באָלשעוויקעס האַלטן זיי אין די הענט, נאָר פאַרקערט, זיי, דורך זייערע גרויסע פאַרבינדונגען צווישן די סאָלדאַטן, האַלטן די באָלשעוויקעס אין זייערע הענט. „די באָלשעוויקעס קאָנען אָן אונדז קיין זאַך ניט מאַכן, און מיר וועלן ניט דערלאָזן, אַז עס זאָל עפּעס געמאַכט ווערן קעגן דעם ווילן פון די סאָוועטן און קעגן די אינטערעסן פון דעם פאַראייניקטן סאָציאַליזם". די לינקע ס.־ר. זיינען פּרינציפּיעל געשטאַנען אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט וואָס מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן, אין דער פראַגע פון דער רעגירונג. פּונקט אַזוי ווי מיר, האָבן זיי געוואָלט, אַז עס זאָל געבילדעט ווערן אַן אַלגעמיין סאָציאַליסטישע רעגירונג, וואָס זאָל אַריינעמען אַלע סאָציאַליסטן. פאַרכאַפּן די מאַכט דורך אַן אויפשטאַנד קעגן די אַנדערע ליסטן. פאַרכאַפּן די מאַכט דורך אַן אויפשטאַנד קעגן די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, דאָס האָבן די לינקע ס. ר. ניט געוואָלט און זיי זיינען געווען זיכער, אַז זיי קאָנען איינהאַלטן די באָלשעוויקעס פון געפערלעכע שריט. ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַוועק פון פאָר־פּאַרלאַמענט מיט אַ דעקלאַראַציע פון טראָצקין, זיינען די לינקע ס. ר. ניט אַוועק מיט אים, נאָר געבליבן מיט אונדז אין פּאַרלאַמענט און האָבן מיט אונדז צוזאַמען געסטאַרעוועט זיך, אַז דער פאָר־פּאַרלאַמענט זאָל ענדלעך אָננעמען אַן אַנטשלאָסענעם שריט אין דער פראַגע פון שלום.

אַזאַ מין שריט איז טאַקע אָנגענומען געוואָרן אין די לעצטע טעג פון פאָר־פּאַרלאַמענט.

***

די לעצטע טעג פון פאַר־פּאַרלאַמענט זיינען געווען אָנגעפילט מיט אַ פיבערהאַפטער טעטיקייט, וואָס האָט געהאַט אין עצם דעם צוועק צו „פאַרלויפן דעם וועג" דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד, וועגן וועלכן אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער ווערט צוגעגרייט.

לעניו האָט פון פינלאַנד, וואו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון גע־ריכט, ניט אויפגעהערט צו באַמבאַרדירן דעם באָלשעוויסטישן צענ־טראַל־קאָמיטעט מיט פאָדערונגען, אַז מען זאָל דעם אויפשטאַנד אָרגאַ־ניזירן וואָס גיכער, וואָרים אַז ניט, קאָן ווערן שפּעט. אין דעם צענ־טראַל־קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס איז געווען אַ היפשער טייל, וואָס האָט מורא געהאַט פאַר דעם אויפשטאַנד, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז ברענגען צו אַ בירגער־קריג און מעגלעך אויך צו אַ ווידער־האַלונג פון דער פּאַריזער קאָמונע מיט אירע טראַגישע רעזולטאַטן. (ווען לאַפּינסקי האָט מיט מיר גערעדט וועגן דער פּאַריזער קאָמונע, האָט ער אָפּגעשפּיגלט די שטענדיקע דיסקוסיעס, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיינע פריינט אין באָלשעוויסטישן לאַגער.)

אָבער דער „מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט", וואָס האָט כמעט אָפן אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד הינטער דעם רוקן פון פּע־טערבורגער סאָוועט, איז באַשטאַנען פון עכטע לעניניסטן, און צו זיי האָט געהערט אויך טראָצקי, די באַדייטיקסטע פיגור אין דער יעמאָלטי־קער באָלשעוויסטישער באַוועגונג, אַחוץ לענינען.

מיר האָבן אַלע געוואוסט וועגן די אינעווייניקסטע קאַמפן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, מיר האָבן אָבער ניט געוואוסט, אַז דער לע־ניניסטישער פליגל האָט פאַקטיש געזיגט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אין די סאָוועטן האָבן מיר זיך שטענדיק באַגעגנט מיט די „רעכטע" באָלשעוויקעס — קאַמעניעוו, ריקאָוו, ריאַזאַנאָוו, לונאַטשאַר־סקי, טעאָדאָראָוויטש — און האָבן קיין מאָל כמעט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו טרעפן זיך פּערזענלעך מיט טראָצקין, שוין ניט גערעדט וועגן לענינען, וועלכער איז בכלל ניט געווען אין פּעטערבורג. האָבן מיר דעריבער ניט געהאַט קיין ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. דעריבער האָבן מיר געהאָפט, אַז עס וועט קיין זאַך ניט געשען ביז צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, וואָס האָט זיך גוזאָלט עפענען דעם 25־טן אָקטאָבער (7־טן נאָוועמבער לויטן אייראָפּעאישן סטיל) אין אָוונט. פאַר אונדז איז ניט געווען קיין פראַגע, אַז אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענ־פאָר וועלן די באָלשעוויקעס אָדער האָבן אַ מערהייט, אָדער, יעדנפאַלס, כמעט אַ העלפט פון די דעלעגאַטן. ערשטנס, איז טאַקע אין לאַנד אָנגעוואַקסן שטאַרק די באָלשעוויסטישע כוואַליע; צווייטנס, זיינען צו די באָלשעוויקעס צוגעשטאַנען די אַזוי־גערופענע „לינקע ס. ר."; און דריטנס, האָבן מיר אַלע געוואוסט פון דער לאַנג־יאָריקער דערפאַרונג,

וואָס פאַר גרויסע קינסטלער די באָלשעוויקעס זיינען אויף צו קריגן מאַנדאַטן (קרעדענשלס) ביי וואָלן אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן שטענדיק באַוויזן ביי אַלע וואָלן צו די פּאַרטיי־קאָנגרעסן צו קריגן מאַנדאַטן, אי דאָרטן, וואו זיי האָבן געהאַט אָרגאַניזאַציעס, און אי דאָרטן, וואו זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין שום אָרגאַניזאַציעס.

און די באָלשעוויקעס האָבן זיך טאַקע געגרייט צו דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן מיט אַן אוממענטשלעכער ענערגיע. אין דער צייט, ווען די הויפּט־פירערס פון די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען פאַרנומען אין דער רעגירונג, אין דער אַדמיניסטראַציע, אין פאַרלאַמענט, זיינען די באָלשעוויסטישע רעדנערס, פירערס און אָרגאַניזאַטאָרן אַן אַן אויפהער אַרומגעפאָרן איבער דעם גאַנצן לאַנד און אָרגאַניזירט די וואָלן צום צוזאַמענפאָר אין באָלשעוויסטישן גייסט (קיין געלט האָט ביי זיי ניט אויסגעפעלט).

די צוגרייטונגען האָבן זיך שוין אָנגעהויבן לאַנג. שוין גלייך נאָך די יולי־טעג, און ווען די באָלשעוויסטישע שטימונג האָט אָנגעהויבן צו פאַלן אין לאַנד, זיינען צו אונדז אַלעמען, צו מאַרטאָוון, צו מיר, אַפילו צו ליבערן, געקומען פאַרשיידענע לינקע סאָציאַליסטן, האַלבע באָלשעוויקעס, ווי צ"ב דער שפּעטער־באַרימט־געוואָרענער נ א כ י מ ס א ן (אַ באָלשעוויסטיש־געשטימטער בונדיסט), און האָבן אונדז געבעטן, מען זאָל זיי דערלויבן צו גיין אויפן פראָנט אַלס קאָמיסאָרן, וואָרים זיי זיינען אַנטוישט געוואָרן אין באָלשעוויזם. און פון דער אַנדער זייט, ווילן זיי אין דער אַרמיי גופא באַקעמפן די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. מיר זיינען דאָך שטענדיק נאַאיווע מענטשן, וואָס גלויבן אין דער ערלעכקייט און אויפריכטיקייט פון אַנדערע, און אַזוי־אַרום האָבן מיר זיך געלאָזט אָפּנאַרן. די יונגעלייט זיינען אַוועקגעפאָרן אויפן פראָנט מיט רעקאָמענדאַציע־בריוו פון מענשעוויקעס און האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע רעקאָמענדאַציעס, כדי צו באַקומען שטעלעס, אין וועלכע זיי האָבן פּאַקטיש געפירט באָלשעוויסטישע פּראָפּאַגאַנדע און געהאָלפן צוגרייטן אין דער אַרמיי דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד. דאָס איז געווען איינער פון די טריקס פון דער באָלשעוויסטישער „מאַשין”, צו וועלכער מיר זיינען יעמאָלט נאָך ניט געווען צוגעוואוינט.

אַ צווייטער טריק, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אָנגעווענדט אין די קאָרנילאָוו־טעג און שפּעטער, איז געווען — אויסצונאָרן ג ע ו ו ע ר ביי די יעמאָלטיקע פירערס פון די סאָוועטן, כלומרשט אויף צו באַקעמפן קאָרנילאָוון. איך אַליין האָב געהאַט אַזעלכע באַגעגענישן מיט דעלעגאַציעס פון באָלשעוויקעס, וואָס פלעגן קומען צו מיר כמעט יעדן טאָג אין דער „אויסעראָרדענטלעכער קאָמיסיע אויף צו באַקעמפן קאָנטער־רעוואָלוציע”. די דעלעגאַציעס פלעגן האַלטן גרויסע רעדעס וועגן זייער גרייטשאַפט צו באַקעמפן, צוזאַמען מיט אונדז, די קאָרנילאָווצעס,

און דער סוף איז געווען, אַז זיי פלעגן פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל, ערשטנס, גלייך באַפרייען טראָצקין (ער איז נאָך יעמאָלט געזעסן אין פּריזאָן), און צווייטנס, מען זאָל באַוואָפענען „די אַרבעטער”, און דאָס האָט שטענדיק געמיינט, אַז מען זאָל עטלעכע טויזנט ביקסן איבערגעבן אין די הענט פון דער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב שפּעטער, אין די דעראינערונגען פון אַן אַלטן באָלשעוויק, געלייענט ווי אַזוי אַ באָלשעוויסטישער אָרגאַנייזער אין פּעטערבורג האָט זיך ציניש באַרימט מיט דעם, אַז ער האָט אָפּגענאַרט איינעם אַן אָנגעזעענעם מענשעוויק. „איך האָב צוערשט געפּרואווט רעדן מיט דעם אינטערנאַציאָנאַליסט אַבראַמאָוויטש, — שרייבט ער, — אַבראַמאָוויטש איז תיכף געווען מסכים צו באַפרייען טראָצקין, אָבער וועגן ביקסן האָט ער ניט געוואָלט הערן. בין איך אַוועקגעגאַנגען צו דעם אַבאַראָניעץ „אַזוי און אַזוי . . .” און יענעם איז מיר טאַקע געלונגען איינצורעדן, אַז ער זאָל אונדז אַרויסגעבן עטלעכע טויזנט ביקסן. מיר האָבן אַ מינוט ניט פאַרלאָרן און זיינען תיכף אַוועקגעפאָרן מיט די טראָקס אין די וואָפן־פאַבריקן און דאָרטן באַקומען די ביקסן. און מיט זיי האָבן מיר טאַקע שפּעטער באַוואָפנט די רויטע גוואַרדיע, וואָס האָט אונדז געהאָלפן פאַרכאַפּן די מאַכט . . .”

די אַלע דעטאַלן וועגן דער מאַקיאַוועליסטישער פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס און דעם געניטעם אינהאַלט פון קאַמף, וואָס לענין האָט געפירט קעגן די מעסיקע עלעמענטן פון די באָלשעוויקעס — וועגן דעם אַלעמען האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער. אין יענעם מאָמענט, אין דער צווייטער העלפט פון אָקטאָבער, 1917, האָבן מיר געוואוסט נאָר איינס: מיר מוזן זען, אַז נאָך פאַרן אָנהייב פון צווייטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, זאָל פאָרקומען אַן ענדערונג אין דער גאַנצער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, ספּעציעל אין דער פראַגע פון מלחמה. אויב מיר וועלן האָבן מיט וואָס צו קומען צום צוזאַמענפאָר, וועלן מיר דאָרטן דורכפירן דעם אידעאישן קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, און ווי דער צוזאַמענפאָר וועט באַשליסן, אַזוי וועט זיין.

זיינען אונדזערע גאַנצע אָנשטרענגונגען אין פאָר־פּאַרלאַמענט געווען געווענדעט אויף צו דערשלאָגן זיך צו יענעם באַשלוס פון פאָר־פּאַרלאַמענט, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט פאַרלאַנגט, נעמלעך: אַז די רעגירונג זאָל זיך ווענדן צו די עלאַיים מיט דער אויפפאָדערונג גלייך צוצוטרעטן אַלע צוזאַמען צו פרידנס־פאַרהאַנדלונגען וועגן אַ ד ע מ אָ־ ק ר אַ ט י ש ן שלום; צווייטנס, באַשליסן, אַז די פּויערישע ערד זאָל גלייך איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון די פּויערישע קאָמיטעטן ביז צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וואָס וועט באַשליסן, וואָס מיט דער ערד זאָל געטאָן ווערן; דריטנס, צו באַשטימען גלייך דעם וואַל־טאָג צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און טאַקע אויף אַ וואָס קירצערן טערמין.

אין דער פראַגע פון קריג און שלום האָבן מיר, אינטערנאַציאָנאַ־ליסטן און די „צענטראַלע“ גרופּע מענשעוויקעס, געפונען אונטער־שטיצונג ביי דעם יעמאָלטיקן קריגס־מיניסטער גענעראַל ווערכאָווסקי, ווי אויך ביי דעם נעיווי־מיניסטער, אַדמיראַל ווערדערעווסקי. זיי ביידע האָבן אין גאַנצן צוגעשטימט, אַז ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער רוסישער אַרמיי, און ביי דער שטימונג פון די רוסישע סאָלדאַטן און מאַטראָסן, קאָן מען מער ניט טראַכטן וועגן פירן מיליטערישע אָפּעראַציעס, און עס בלייבט קיין שום אַנדער ברירה ניט, ווי אַרויסצוגיין פון דער מלחמה, אַזוי לאַנג ווי די אַרמיי איז נאָך אין גאַנצן ניט צעפאַלן געוואָרן.

עס איז געקומען אַ נאַכט, ווען נאָך לאַנגע און לאַנגע דיסקוסיעס איז אונדז געלונגען דורכצופירן אַזאַ מין באַשלוס אין דער קריגס־קאָמיסיע פון פאַרלאַמענט. אָבער די דאָזיקע רעזאָלוציע איז קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, וואָרים איידער עס איז נאָך געקומען דער מאָמענט פון פּובליקאַציע, איז פאָרגעקומען דער באָלשעוויסטישער אויפשטאַנד. און דאָס ערשטע, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן געטאָן, ווען זיי זיינען געקומען צו דער מאַכט, איז געווען — אַרויסצוגעבן אַ באַפעל, אַז דער דאָזיקער באַשלוס פון פאָר־פּאַרלאַמענט זאָל פאַרניכטעט ווערן, און קיינער זאָל זיך וועגן אים ניט דערוויסן. עס איז זאָגאַר מעגלעך, אַז דאָס אָנגעמען די דאָזיקע רעזאָלוציע אין פאָר־פּאַרלאַמענט האָט געטריבן די באָלשעוויקעס צו פאַרגיכערן זייער אויפשטאַנד.

די באָלשעוויסטישע צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד זיינען שוין אָבער דערגאַנגען זייער ווייט, און וועגן דעם האָבן זיך דערוואוסט, ניט נאָר מיר, די פּאַרטיי־מענטשן, נאָר אויך די רעגירונג. אַרום דעם 22־טן אָדער 23־טן אָקטאָבער, איז מיט אַמאָל דערשינען אין פאָר־פּאַרלאַמענט קערענסקי, זייער אָן אויפגערעגטער, און האָט געהאַלטן פאַר אונדז אַ פייערלעכע רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט גענויע ידיעות וועגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס גרייטן צו אין די נאָענטסטע טעג אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, און אַז ער, קערענסקי, וועט אָננעמען קעגן דעם אויפשטאַנד די שטרענגסטע מיטלען, כדי אים צו אונטערדריקן, און ער פאַרלאַנגט פון פאַרלאַמענט און פון די פּאַרטייען, אַז מען זאָל דער רעגירונג געבן די פולשטענדיקסטע אונטערשטיצונג אין קאַמף קעגן די אויפשטאַנדלער.

מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען פון קערענסקים טאָן, אַז ער פאַרמאָגט ניט נאָר גענויע ידיעות וועגן די אויפשטאַנדס־פּלענער פון די באָלשעוויקעס, נאָר אַז ער האָט אויך די נייטיקע מיליטערישע כוחות אויף צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. מיר זיינען אַלע געווען פּרינציפּיעל מסכים מיט דעם, אַז די רעגירונג האָט דאָס רעכט צו אונטערדריקן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון אַ פּאַרטיי, וואָס וועט וועלן אַראָפּוואַרפן

מיט געוואַלט אַ רעגירונג, וועלכע איז באַשטעטיקט געוואָרן פון די קאָמפּעטענטע אָרגאַנען פון דער אַרבעטער באַוועגונג און פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. צי די קערענסקי-רעגירונג איז אַ גוטע, צי אַ שלעכטע, איז אַן אַנדער פראַגע. יעדנפאַלס, איז זי געשאַפן געוואָרן מיט דעם הסכם פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן און פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אַחוץ די באָלשעוויקעס. און אַזוי לאַנג, ווי דער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן האָט נאָך ניט אַרויסגעטראָגן זיין באַשלוס וועגן אַ נייער רעגירונג, און אַזוי לאַנג ווי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן זיך צווישן זיך ניט צענויפגערעדט וועגן אַ נייעם צוזאַמענשטעל פון דער רעגירונג, האָט איין פּאַרטיי ניט דאָס רעכט, מיט דעם אייגענעם ווילן, געוואַלדזאַם צו אונטערדריקן אַלע אַנדערע פּאַרטייען און אייגנוויליק צו פאַרנעמען דעם אָרט פון דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן. און אויב זי טוט יאָ אַזוינס, האָט די רעגירונג דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיקן און צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער געפיל אין פאָר-פּאַרלאַמענט. אייניקע פון אונדז זיינען אַוועקגעגאַנגען ריידן מיט די באָלשעוויקעס, כדי צו דערגיין ביי זיי דעם אמת וועגן דער לאַגע: אפשר איז קערענסקי פאַלש אינפאָרמירט, אפשר איז דאָס גאָר ניט אמת? מיר, די אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמע זיצונג מיט די לינקע ס. ר., וואָס זיינען דאָך געווען מיטגלידער פונם „מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט". ס'טייטש, איר האָט דאָך אונדז צוגעזאָגט, אַז איר וועט ניט דערלאָזן קיין שום אַרויסטרעטונגען ביז צו דעם סאָוועטן-צוזאַמענפאָר? און איר האָט דאָך פאַרזיכערט, אַז די באָלשעוויקעס וועלן אָן אייך ניט קאָנען מאַרשירן?

איך פּערזענלעך האָב געהאַט אַ שמועס מיט אבראַם גאָץ, דעם פירער פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, איינעם פון די סימפּאַטישסטע מענטשן, וואָס כ'האָב ווען ניט איז געטראָפן, און פּרובירט ביי אים אויסצוגעפינען, צי איז טאַקע קערענסקיס אינפאָרמאַציע אַ ריכטיקע, און צי איז ער טאַקע בכוח בייצוקומען דעם אויפשטאַנד, אויב אַזאַ אויפשטאַנד זאָל פאָרקומען. ער האָט פאַרזיכערט, אַז יאָ, און ביי דער געלעגנהייט האָב איך איינגעטענהעט מיט אים, אַז די רעגירונג זאָל ניט באַגיין קיין שום ברוטאַליטעטן, און אַז מען זאָל ניט שאַפן קיין שום אָפּגרונט צווישן די ביידע טיילן פון דער רעוואָלוציע דורך אַ בלוטיקער אונטערדריקונג.

מיט אַ זיכערער מינע און מיט זיין קלוגן שמייכעלע האָט גאָץ פּרובירט באַרואיקן מיך, דעם אינטערנאַציאָנאַליסט, אַז אַלץ וועט גיין אין אָרדענונג, אַז עס וועט געזאָרגט ווערן דערפאַר, אַז עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין שום אומגעזעצלעכקייטן, אַזוי אַז איך בין אַוועק מיט דעם געפיל, אַז איך בין דאָס דער נאַאיווער אומדערפאַרענער אינטעליגענט און ער — דער געניטער שטאַטסמאַן, וואָס האַלט אין זיינע הענט אַלע פעדים פון דער פּראַקטישער פּאָליטיק.

אָבער ווען איך בין מיט צוויי טעג שפּעטער, אין דער פרי, אַ זייגער צען, געקומען אויף דער זיצונג פון פאַרלאַמענט אין מאַריען פּאַלאַץ, האָב איך געפונען פאַר דער טיר אַ טאַנק, סאָלדאַטן מיט מאַשינגעווערן און אַ יונגען באָלשעוויסטישן אָפיצער, וואָס האָט קיינעם ניט אַריינגעלאָזן און דערקלערט, אַז דער פ אָ ר - פּ אַ ר ל אַ מ ע נ ט א י ז א ר ע ס ט י ר ט. דאָס איז געווען דער טאָג פון 25-טן אָקטאָבער, 1917, און דער טאַנק פאַר דעם טויער פון פאָר-פּאַרלאַמענט האָט באַדייט, אַז אין דער נאַכט פון 24-טן אָקטאָבער האָבן די באָלשעוויקעס דערפאָלגרייך דורכגעפירט זייער אויפשטאַנד און האָבן מיט באַוואָפנטער קראַפט פאַרכאַפּט אַלע וויכטיקסטע מאַכט-פּאָזיציעס אין דער שטאָט פּעטערבורג.

די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש

1

דער 25־טער אָקטאָבער 1917

עס איז אַ מערקווירדיקע זאַך מיט די אַזוי־גערופענע „היסטאָרישע טעג”. די טעג ווערן געוויינטלעך *היסטאָריש* ערשט אין אונדזער שפּעטערדיקן באַוואוסטזיין. אין דעם מאָמענט, ווען די געשעענישן קומען פאָר, פאַרשטייען מיר אָפט נאָך ניט, אַז דאָס זיינען מאָמענטן, וואָס וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע. דעריבער קומט אָפט אויס, אַז דווקא וועגן אָט די גרויסע טעג בלייבן אין זכרון נאָר גאַנץ אַלגעמיינע און וואָכעדיקע דעראינערונגען.

ווען איך בין געקומען אין דער פרי צו דעם מאַריען־פּאַלאַץ צו דער זיצונג פון פאָר־פּאַרלאַמענט און האָב דערזען דעם באָלשעוויסטישן טאַנק פאַרן טויער און האָב זיך דערוואוסט, אַז עס איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט אַ מיליטערישע איבערקערעניש, בין איך, פאַרשטייט זיך, גלייך אַוועקגעפאָרן צום סמאָלני אינסטיטוט, צום צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די סאָוועטן. אין דעמזעלביקן אָוונט האָט זיך דאָך געזאָלט אָנהייבן דער צווייטער אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, און אָט אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט דאָך געזאָלט אַנטשיידן ווערן די פראַגע וועגן דער רעגירונג און וועגן דער מאַכט. הייסט דאָס, אַז די באָלשעוויקעס זיינען פאַרלאָפן דעם וועג און האָבן, ניט אָנפרעגנדיק ביים צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן און ניט אָפּוואַרטנדיק זיין באַשלוס און ניט מאַכנדיק קיין פּרואוו צוזאַמענצורעדן זיך מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, *פאַרכאַפּט די מאַכט* איינע אַליין, *אַלס פּאַרטיי*. הייסט דאָס, אַז דאָס איז אַ פּאַרטייי־רעוואָלוציע קעגן דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָעווטן און קעגן דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

פאַר דעם סמאָלני־אינסטיטוט זיינען אויך געשטאַנען טאַנקען מיט באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן, אָבער זיי האָבן די מיטגלידער פון סאָוועט אומגעשטערט אַריינגעלאָזן און אַרויסגעלאָזן. אין סמאָלני גופא, ד״ה אין דעם גענעראַל־שטאַב פון סאָוועט, זיינען נאָך קיין שום ענדערונגען ניט געווען צו באַמערקן. אין די אָפיסעס איז געווען אַלץ ווי פריער.

ט ש כ ע א י ד ז ע איז נאָך אַלץ געווען דער פרעזידענט פון עקזעקו-טיוו-קאָמיטעט, דער שפּעטערדיקער באַלשעוויק און אַמבאַסאַדאָר ס ו ר י ץ איז נאָך אַלץ געווען זיין סעקרעטאַר, אומעטום זיינען נאָך געזעסן דיזעלביקע חברים, וואָס האָבן פריער געאַרבעט אין די פאַר-שיידענע אָפּטיילונגען פון סאָוועט. נאָר אויפן דריטן עטאַזש, דאָרטן,

Отъ Военно-Революціоннаго Комитета при Петроградскомъ Совѣтѣ Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ.

Къ Гражданамъ Россіи.

Временное Правительство низложено. Государственная власть перешла въ руки органа Петроградскаго Совѣта Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ Военно-Революціоннаго Комитета, стоящаго во главѣ Петроградскаго пролетаріата и гарнизона.

Дѣло, за которое боролся народъ: немедленное предложеніе демократическаго мира, отмѣна помѣщичьей собственности на землю, рабочій контроль надъ производствомъ, созданіе Совѣтскаго Правительства — это дѣло обезпечено.

ДА ЗДРАВСТВУЕТЪ РЕВОЛЮЦІЯ РАБОЧИХЪ, СОЛДАТЪ И КРЕСТЬЯНЪ!

Военно-Революціонный Комитетъ при Петроградскомъ Совѣтѣ Рабочихъ и Солдатскихъ Депутатовъ.

25 октября 1917 г. 10 ч. утра.

די אָפיציעלע מעלדונג וועגן דער
באַלשעוויסטישער איבערקערעניש

וואו עס איז געווען די הויפּט-קוואַרטיר פון באַלשעוויסטישן רעוואָלו-ציאָנער-מיליטערישן קאָמיטעט (וואָס איז געווען דער פאַקטישער אָנ-פירער פון אויפשטאַנד) האָט געהערשט אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט. אָבער אַהין זיינען מיר, ניט-באַלשעוויקעס, ניט געגאַנגען.

אין די פאַרשיידענע זאַלן פון דעם קאָלאָסאַלן סמאָלני-אינסטיטוט זיינען פאַרגעקומען מיטינגען, זיצונגען פון די פאַרשיידענע גרופּעס,

פּראָקציעס, פּאַרטייען. דאָס הויז האָט געהוזשעט ווי אַ בינשטאָק. אומעטום האָט זיך געפילט אַ גרויסע אויפרעגונג, אָבער עס זיינען נאָך ניט געווען קיין זיגער און קיין באַזיגטע.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן אויך אונדזערע זיצונגען: די אַלגעמיין־מענשעוויסטישע, די אינטערנאַציאָנאַליסטישע אאַ"וו. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אין דער נאַכט פאַרכאַפּט ניט נאָר דעם מאַריען־פּאַלאַץ מיט דעם פאָר־פּאַרלאַמענט, נאָר אויך דעם טעלעפאָן, דעם טעלעגראַף, די פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג און נאָך אַ ריי אַנדערע געביידעס און סטראַטעגישע פּונקטן. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז קערענסקי האָט באַוויזן אַפּצופאָרן אין צייט, און אַז ער איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ־וואו הינטער פּעטערבורג צו די ניט־באָלשעוויסטישע פראָנט־אַרמייען, כדי צו באַקומען זייער הילף קעגן די באָלשעוויקעס. עס זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז פון קראָנשטאַט זיינען געקומען קיין פּעטערבורג באָלשעוויסטישע קריג־שיפן (אַווראָראַ און אַנדערע) וואָס ווילן באַשיסן פּעטערבורג און ספּעציעל דעם ווינטער־פּאַלאַץ, וואו עס איז נאָך אָפיציעל געזעסן די רעגירונג. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אַחוץ קערענסקין זיינען אַלע אַנדערע מיניסטאָרן נאָך אין פּעטערבורג און אַז עס קומט פאָר אַן אומאונטערבראָכענע זיצונג פון דער רעגירונג אין ווינטער־פּאַלאַץ. פון טשעכעאידזעס און סוריצעס באַריכטן האָבן מיר געוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס ווילן האָבן (צוזאַמען מיט די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן), אַ מערהייט אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן און אַז עס איז דעריבער וואַרשיינלעך, אַז דער צוזאַמענפאָר וועט באַשטעטיקן די איבערקערעניש, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פונם רעוואָלוציאָנער־מיליטערישן קאָמיטעט.

וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די אַנדערע שטעט האָבן מיר ניט געוואוסט, אָבער פון מאָסקווע זיינען אָנגעקומען נאַכריכטן, אַז דאָרטן ווילן זיין באַוואָפנטע קאַמפן. און אַזוי ווי קערענסקי איז אויך אַוועקגעפאָרן פון פּעטערבורג, כדי אַראָפּצוברענגען אַהער אַנטי־באָלשעוויסטישע רעגימענטן, הייסט עס, אַז מען דאַרף זיך ריכטן אויף באַוואָפנטע קאַמפן צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע, צווישן די באָלשעוויקעס און די אַנדערע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

אָבער דאָס איז געווען גראָד דאָס, פאַרוואָס מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן, האָבן אַממייסטן געציטערט. מיר האָבן מיט אַלע מיטלען געוואָלט אויסמיידן אַ ברודער־קאַמף אין די רייען פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן. אַ בירגער־קריג צווישן אונדז און די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע פּריציש־רעאַקציאָנערע עלעמענטן, מילא, דאָס איז געווען אַ זאַך, צו וועלכער מיר זיינען געווען פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט. אויב די פּריצים וועלן מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, אויב

די רעאַקציאָנערע קאַפּיטאַליסטן און די גענעראַלן וועלן זיך אויפהייבן קעגן אונדז, ווי אין די טעג פון קאָרנילאָוון, — נו, וועט מען קעמפן. עס איז בלוט-פאַרגיסונג און עקאָנאָמישער חורבן, אָבער עס איז דאָך ניטאָ קיין אַנדער ברירה.

גאָר אַן אַנדער זאַך איז אָבער אַ קאַמף צווישן צוויי פליגלען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג גופא. דאָס איז אַ שרעקלעכע קאַטאַס-טראָפע פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציע, דאָס וועט צעשפּאַלטן אונדזערע כוחות, וועט אונדז אָפּפרעמדן פּסיכאָלאָגיש איינע פון די אַנדערע און וועט סוף כל סוף ברענגען צו אַ זיג פון דער קאָנטער-רעוואָלוציע. אַזוי האָבן מיר געפילט אין יענעם מאָמענט און אונדזער הויפּט-אויפגאַבע האָבן מיר געזען אין דעם, אַז מען זאָל אויסמיידן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער מענשעוויסטישע און באָלשעוויסטישע אַרבעטער זאָלן זיין געצוואונ-גען צו שיסן איינע אין די אַנדערע, ביי וועלכער די רעכטע סאָציאַ-ליסטן זאָלן מוזן שיסן אויף די לינקע סאָציאַליסטן און פאַרקערט.

אין דער זיצונג פון דער אָפיציעלער מענשעוויסטישער פראַקציע זיינען קיין שום קאָנקרעטע באַשלוסן ניט אָנגענומען געוואָרן. אויך ביי די רעכטע סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערן איז געווען אַן אומבאַשטימטע שטי-מונג, ווייל זיי האָבן זיך גערעכנט מיט דעם, אַז אָט באַלד וועט קומען קערענסקי מיט די געטרייע רעגימענטן און די באָלשעוויסטישע אויפ-שטאַנדלער וועלן זיך צעלויפן, פּונקט ווי זיי פלעגן זיך צעלויפן פון יעדן שאַם אין די יולי-טעג, מיט עטלעכע חדשים צוריק.

דערפאַר אָבער זיינען געווען זייער היציקע און אויפגערעגטע דיס-קוסיעס אויף אונדזער אינטערנאַציאָנאַליסטישער זיצונג.

אונדזער לאַגע איז געווען מאָראַליש די שווערסטע. אין תוך זיינען מיר צו דער קערענסקי-רעגירונג געשטאַנען אין יענעם מאָמענט פּונקט אַזוי פיינטלעך, ווי די באָלשעוויקעס. זי האָט, לויט אונדזער יעמאָלטי-קער מיינונג, קיין זאַך ניט געטאָן, כדי צו ראַטעווען די רעוואָלוציע, כדי אָנצונעמען די נייטיקע שריט אין דער פראַגע פון שלום און דער אַגראַר-רעפאָרם און פּונקט אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן מיר גע-וואָלט, אַז די דאָזיקע רעגירונג זאָל אַוועקגיין און זאָל אָפּטרעטן איר פּלאַץ פאַר אַזאַ רעגירונג, וואָס זאָל קאָנען דורכפירן אַלע נייטיקע רעוואָלוציאָנערע שריט. אָבער אַ *באַוואָפנטער אויפשטאַנד* קעגן דער קערענסקי-רעגירונג, אַן אויפשטאַנד, וואָס זאָל זיין דער אָנ-הייב פון אַ ברודער-קריג אין דער רעוואָלוציע גופא, אַן אויפשטאַנד, וואָס זאָל מאַכן אוממעגלעך די פאַרשטענדיקונג און פאַראייניקונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, — דאָס האָבן מיר באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעכן. מיר האָבן געוואָלט האָבן אַן *אַנדער* רעגירונג, אָבער מיר האָבן בשום אופן ניט געוואָלט אַן אַרויפגעצוואונגענע דיקטאַטור פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. היינט ווי אַזוי זאָל מען געפינען אַן אויסוועג פון די צוויי שטרעבונגען? זאָל מען בלייבן אויף דעם צוזאַ-

מענפֿאַר פֿון די סאָוועטן, אויב די מערהייט וועט באַשטעטיקן די באָל־שעוויסטישע מאַכט־פֿאַרכאַפּונג? זאָל מען אַוועקגיין פֿון צוזאַמענ־פֿאָר? און אויב אַוועקגיין, וואָס זאָל מען דאַן טאָן? זאָל מען זיך פֿאַר־אייניקן מיט קערענסקין ווען ער וועט קומען צוריק מיט זיינע סאָל־דאַטן און וועט זיך נעמען אונטערדריקן דעם באָלשעוויסטישן אויפֿ־שטאַנד? אָדער זאָל מען גיין מיט די באָלשעוויקעס קעמפֿן קעגן קע־רענסקין? אָדער זאָל מען בלייבן אין גאַנצן אין אַ זייט?

מיר האָבן געהאַט אַ באַראַטונג מיט די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָ־לוציאָנערן און געהאַט צו זיי זייער גרויסע טענות: ס'טייטש, איר האָט דאָך אונדז צוגעזאָגט, אַז איר וועט ניט דערלאָזן קיין שום איינזײַטיקע שריט פֿון דעם דאָזיקן קאָמיטעט? איר האָט אונדז פֿאַרזיכערט, אַז די אמתע פֿאַרבינדונגען צווישן די סאָלדאַטן האָט איר און אַז איר וועט האַלטן אין די הענט די באָלשעוויסטישע אַוואַנטוריסטן, אַז זיי זאָלן ניט מאַכן קיין שום שריט, וואָס זאָל צעשטערן דעם איינהייטס־פֿראָנט פֿון אַלע לינקע סאָציאַליסטן?

די לינקע ס.־ר. זיינען געווען פֿאַרשעמט, פֿאַרלאָרן און אַביסל פֿאַר־ביטערט קעגן די באָלשעוויקעס, פֿאַרוואָס יענע האָבן זיי אָפּגענאַרט. אָבער איך פֿערזענלעך האָב געהאַט דעם געפֿיל, אַז ניט אַלע לינקע ס.־ר. זיינען געווען אַזוי געשטימט. עס איז וואַרשיינלעך געווען אַ טייל, וואָס איז באַוואוסטזיניק געגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס און וואָס האָט זיך גאָרניט גענאַרט אין דעם אמתן זין פֿון דער גאַנצער געשעעניש.

מיר האָבן דערנאָך געהאַט אַ צווייטע זיצונג פֿון די אינטערנאַציאָ־נאַליסטן צוזאַמען מיט די פּוילישע חברים, ווי ל אַ פּ י נ ס ק י, מיט די לינקע פּועלי־ציון, ווי נ. ב אַ ר ו א"אַ. און דאָרטן איז אָנגענומען גע־וואָרן, נאָך זייער לאַנגע און היציקע דעבאַטן, דער פֿאָרשלאַג, וואָס איך האָב געמאַכט: שיקן אַ דעלעגאַציע צו די באָלשעוויקעס און זען צו ווירקן אויף זיי, אַז עס זאָל אויסגעמיטן ווערן אַן אינעווייניקסטער ברו־דער־קאַמף צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; פֿאָרשלאָגן זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פֿון ווייטערדיקע איינזײַטיקע שריט צו פֿאַרכאַפּן די מאַכט, און זאָלן בילדן אַ ג ע מ י י נ ז אַ מ ע ק אָ מ י ס י ע פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ פּלאַטפֿאָרם פֿאַר אַ געמיינזאַמער סאָציאַליסטישער רעגירונג. מיר ווילן קלאָר מאַכן דורך אַ געשפּרעך מיט די באָלשעוויקעס, וואָס ס'זיינען די אמתע פּלע־נער פֿון זייער פּאַרטיי. אָבער פֿריער פֿאַר אַלץ דאַרף מען זען אויס־מיידן ווייטערדיקע שריט פֿון די באָלשעוויקעס, וואָס זאָלן מאַכן אומ־פֿאַרמיידלעך דעם אָנהייב פֿון בירגער־קריג. מען דאַרף זען, אַז זייערע קריגס־שיפֿן, וואָס זיינען שוין געקומען פֿון קראָנשטאַט און שטייען אויף דעם טייך ניעוואַ, זאָלן ניט באַשיסן די שטאָט; מען דאַרף זען, אַז עס זאָלן ניט פֿאָרקומען קיין גאַסן־שלאַכטן צווישן די סאָלדאַטן און אַרבעטער, וואָס זיינען אויפֿן צד פֿון די באָלשעוויקעס, און די, וואָס

וועלן פּאַרטיידיקן די רעגירונג, וואָס זיצט פּאַרשפּאַרט אין ווינטער־פּאַלאַץ. מען דאַרף זען, אַז עס זאָל ניט קומען צו אַ שלאַכט צווישן די סאָלדאַטן, וואָס קערענסקי וועט ברענגען אַהער און צווישן דעם באָלשעוויסטישן גאַרניזאָן.

דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן נאָך זייער הייסע דעבאַטן. מאַרטאָוו איז געווען זייער סקעפּטיש צו דער מעגלעכקייט פון אונטער־האַנדלונגען. אַ טייל חברים איז אויך געווען געשטימט סקעפּטיש. אַ טייל גאָר לינקע האָט פאָרלאַנגט, אַז מיר זאָלן זיך ענדגילטיק אָפּשיידן פון קערענסקין און די רעכטע מענשעוויקעס און זאָלן זיך פאַראייניקן מיט די באָלשעוויקעס, אויף וויפיל די לעצטע האָבן שוין געמאַכט דעם אַנטשיידנדיקן שריט. אָבער די מערהייט האָט דאָך געשטימט פאַר מיין פאָרשלאַג. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל גיין פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם באָלשעוויסטישן רעוואָלוציאָנער־מיליטערישן־קאָמיטעט. אין דער קאָמיסיע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פּראָפעסאָר פּ י נ ק ע װ י ט ש, אַ מענשעוויק־אינטערנאַציאָנאַליסט פון פּעטערבורג, אַ פּראָפעסאָר פון דאָרטיקן אוניווערזיטעט (שפּעטער גע־וואָרן אַ באָלשעוויק), איך און אַ דריטער חבר, דוכט זיך ס ו כ אַ נ אָ װ — אָבער איך בין ניט זיכער. מאַרטאָוו האָט ניט געוואָלט אַריין אין דער קאָמיסיע, ווייל ער האָט ניט געגלויבט אין איר דערפאָלג.

און די קאָמיסיע איז טאַקע גלייך אַוועק פירן די אונטערהאַנדלונ־גען. מיר זיינען אַרויף אויפן דריטן שטאָק, וואו עס זיינען געשטאַנען פאַר דער טיר אַ צאָל מענטשן מיט ביקסן און רעוואָלווערן, און געהייסן מעלדן דעם מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט, אַז עס איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס ווילן האָבן אַ געשפּרעך מיט די אָפיציעלע פאַרטרעטער פון דעם קאָמיטעט. די באַוואָפנטע מענטשן זיינען געווען באָלשעוויסטישע אַרבעטער, וואָס האָבן אונדז אַלעמען געקאָנט, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען אונדז געבעטן אַריינקומען אין אַ צימער. דאָרטן האָבן מיר געפונען עטלעכע באָלשעוויקעס. דאָס זיינען געווען פעליקס דזשערזשינסקי, א. בובנאָוו (דער שפּעטערדיקער פאָלקס־קאָמיסאַר, וואָס איז נאָך שפּעטער דערשאָסן געוואָרן אין די מאָסקווער משפטים), און נאָך אַנדערע, וועמעס נעמען איך געדענק איצט ניט.

דעם הויפּט־געשפּרעך האָבן געפירט איך פון איין זייט און דזשער־זשינסקי פון דער אַנדערער זייט. בובנאָוו האָט כמעט די גאַנצע צייט געשוויגן. די אַנדערע האָבן בכלל ניט גערעדט.

מיין ערשטע פראַגע צו דזשערזשינסקין איז געווען, — ווען איך האָב איך פאַרגעלייענט אונדזער רעזאָלוציע, — צי איז דער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט גרייט אָפּצושטעלן אַלע ווייטערדיקע מי־ליטערישע האַנדלונגען ביז דער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן וועט ניט אָננעמען קיין באַשלוס און עס וועלן ניט געמאַכט ווערן אַלע נייטיקע

שריט צוזוגרייטן אַ געמיינזאַמע רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען? עס איז דערביי פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז מיר וועלן אויך זאָרגן דערפאַר, אַז דער צווייטער צד, די קערענסקי־רעגירונג און די רעכטע ס. ר., זאָל ניט אָננעמען קיין שום מיליטערישע מאָסמיטלען קעגן די באָלשעוויקעס אַזוי לאַנג ווי עס ווערן געפירט אונטערהאַנדלונגען. דזשערזשינסקי האָט מיר דערויף געענטפערט, אַז דאָס איז ניט מעגלעך. וואָס געשען איז געשען, און קיין אַנדער וועג איז ניט פאַראַן.

אונדזער מיסיע איז אייגנטלעך דורך דעם געווען פאַרענדיקט, אָבער אַזוי ווי מיר זיינען שוין געווען אין געשפּרעך, האָבן מיר אָנגע־הויבן צו ריידן וועגן אַלגעמיינע פראַגעס. און דאָ האָב איך געפרעגט דזשערזשינסקין:

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז קיין בירגער־קריג וועט ניט זיין און אַז איר וועט האָבן די מאַכט, וועלן מיר קאָנען מיטאַרבעטן מיט אייך? וועלכע פּראָגראַם וועט איר אַרויסשטעלן פאַר אייער רעגירונג אָדער פאַר דער געמיינזאַמער רעגירונג פון די לינקע סאָציאַליסטן? וועט דאָס זיין די פּראָגראַם פון אַ דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע, ווי מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט — וואָס וועט מאַכן שלום, געבן די ערד צו די פּויערים, דורכפירן סאָציאַלע רעפאָרמעס פאַר די אַרבעטער, — אָדער וועט דאָס זיין אין אייער פאַרשטעלונג אַ פּראָגראַם פון אַ ס אָ צ י אַ ־ ל י ס ט י ש ע ר איבערקערעניש? דאָס איז וויכטיק, און מיר מוזן דאָס וויסן, כדי צו אַנטשיידן די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט צו גיין צוזאַמען מיט אייך אָדער ניט.

„מיר דענקען, אַז דאָס וועט זיין אַ מין סאָציאַליסטישע רעוואָלו־ציע", האָט מיר געענטפערט דזשערזשינסקי.

— אַ מין סאָציאַליסטישע אָרדענונג? אָבער, דזשערזשינסקי, האָט איר דען פאַרגעסן, ווי אָפט מיר ביידע האָבן דיסקוטירט מיט די פּ. פּ. ס., וואָס האָבן געטענהט, אַז זיי ווילן אין פרייען פּוילן אַן אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג, וואָס וועט פאַרווירקלעכן אַ רעזשים, וועלכער וועט פאַקטיש זיין אַ מין סאָציאַליסטישער?! מיר האָבן דאָך זיי שטענדיק אויסגעלאַכט, און איצט זאָגט איר דאָסזעלביקע ווי די פּ. פּ. ס.!?

— יאָ, אויב איר ווילט.

און מיט דעם זיינען מיר אַוועק. עס איז פאַר מיר אין יענעם מאָ־מענט געווען קלאָר, אַז די באָלשעוויקעס ווילן קיין שום קאָמפּראָמיס ניט מיט אונדז, ניט מיט די אַנדערע סאָציאַליסטן, אַפילו ניט מיט די לינקע, און אַז זיי האָבן גענומען דעם קורס אויף אַ ראַדיקאַלער סאָציאַ־לער רעוואָלוציע. מיט אַנדערע ווערטער, אַז זיי שטרעבן טאַקע צו דער „פּאַריזער קאָמונע", וועגן וועלכער עס האָט מיט מיר גערעדט לאַ־פּינסקי.

עס איז שוין געווען אָוונט. איך האָב דעם גאַנצן טאָג ניט געגעסן, געווען פאַרמאַטערט און דעפּרימירט, דעריבער האָב איך באַשלאָסן צו־

צופאָרן אַהיים און אומקערן זיך צוריק אין סמאָלני־אינסטיטוט אין אָוונט, ווען עס וועט זיך אָנהייבן די אָפיציעלע זיצונג פון צוזאַמענפאָר.

ווען איך בין אריין אין אָוונט פון 25־טן אָקטאָבער, 1917, אין דעם „ווייסן זאַל" פון סמאָלני־אינסטיטוט, וואו עס האָט זיך געזאָלט עפענען דער צווייטער אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, איז דער זאַל שוין געווען אָנגעפאַקט מיט אַ געוואַלדיקער מאַסע מענטשן. מען איז געזעסן און געשטאַנען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט קוים געקאָנט צוגיין צו דער טריבונע, וואו עס האָבן געזאָלט זיצן די מיטגלידער פון פרעזי־דיום און פון צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

שטייענדיק ביים פענצטער הינטער דעם פרעזידיום־טיש און קוקנ־דיק אַראָפּ אויף דעם אומגעהייער־גרויסן לאַנגן זאַל, האָב איך געזען אַ ים פון קעפּ און מענטשלעכע קערפּערס. דער „ווייסער זאַל" פון סמאָלני־אינסטיטוט איז איינע פון די שענסטע געביידעס אין רוסלאַנד. אַמאָל, פאַר דער רעוואָלוציע, האָבן דאָרטן אויף דעם שפּיגלדיקן פּאַר־קעט, צווישן די וואונדערבאַרע שלאַנקע ווייסע קאָלאָנעס, געטאַנצט אויף די גרויסע בעלער פון צאַרישן הויף די „אינסטיטוטקעס", די שי־לערינס פון יענעם אַריסטאָקראַטישן אינסטיטוט, וואו עס האָבן זיך דערצויגן די טעכטער פון דעם העכסטן רוסישן אַדל. איצט איז דער זאַל געווען אָנגעפאַקט מיט אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן, מאַטראָסן. עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ ניט נאָר וואו צו זיצן, נאָר אַפילו וואו צו שטיין. און כדי בעסער צו זען, זיינען פיל צושויער אַרויפגעקראָכן אויף די הילצערנע שויך־ווענט, מיט וועלכע עס זיינען געווען אַרומגע־רינגלט די דעליקאַטע קאָלאָנעס, און אייניקע מאַטראָסן האָבן אַפילו אַרויפגעקלעטערט אויף די וואונדערבאַרע געשניצטע הילצערנע לייכ־טער (קאַנדעליאַברען), וואָס זיינען געשטאַנען אין זאַל. די לופט איז געווען בלוי פון מאַכאָרקע־רויך און אָנגעפילט מיט דעם גערוך פון שוויים און סאָלדאַטסקע שינעלן. ס'איז געווען אַ שטיק רוסישער דאָרף און רוסי־שע קאַזאַרמע, אַריבערגעפלאַנצט אין איינעם פון די שענסטע און אַריסטאָקראַטישסטע זאַלן פון אַלטן רוסלאַנד. ס'איז געווען אַ סימבאָל פון דער רוסישער רעוואָלוציע, — דער גרויסער, דער פּויערישער, דער סאָלדאַטישער.

מערקווירדיק שטיל איז געווען אין דעם דאָזיקן זאַל, אין וועלכן עס זיינען געזעסן און געשטאַנען אַ פּאָר טויזנט מענטשן. אַלע האָבן מיט דער גרעסטער שפּאַנונג געוואַרט אויף די ווייטערדיקע געשע־ענישן.

אין אָט דער דאָזיקער שטילקייט האָט זיך אָנגעהויבן די אָפיציעלע זיצונג פון צווייטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן. געעפנט די זיצונג האָט נאָך דער אַלטער פרעזידיום, וואָס האָט באַשטימט אַלס פאָרזיצער דעם חבר פיאָדאָר ד אַ ן.

די פּאַרמאַליטעטן האָבן פאַרנומען ניט לאַנג און קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט די פאָרמאַליטעטן. אַרומשפּרייזנדיק נערוועז אויף דער טריבונע צווישן די פענצטער, האָב איך אַלץ געמאַטערט מיין מוח אויף צו געפינען אַ וועג, ווי אַזוי צו פאַרמיידן די געפּערלעכע צע־שפּאַלטונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אויף צוויי קעמפנדיקע מחנות, ווי אַזוי אויפצושטעלן יענע רעוואָלוציאָנערע אייניקייט, אָן וועלכער די רעוואָלוציע האָט, לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג, געמוזט גיין פאַרלוירן. שפּרייזנדיק אַהין און אַהער, ווי דאָס איז געווען מיין גע־וואוינהייט זינט דעם וואַרשעווער „צענטן פּאַוויליאָן", האָב איך „פּאַר־בייגייענדיק" אָפּגעשטעלט אַ פּאָר אַלטע באָלשעוויקעס, מיט וועלכע איך בין געווען פּערזענלעך נעענטער, ווי קאַמענעוו און לונאַטשאַרסקי, און געפּרואווט דערגיין וואָס זיינען זייערע פּלענער: צי וועלן זיי טאַקע דערפירן צו אַן אָפענעם בירגער־קריג צווישן סאָציאַליסטן און סאָציאַ־ליסטן? קאַמענעוו האָט מיך בארואיקט: ניין, וועגן דעם טראַכטן מיר ניט, און די קראָנשטאַטער קריגס־שיפן וועלן ניט שיסן אויף פּע־טערבורג. — דאָס איז שוין געווען אַ קליינע בארואיקונג, אָבער גאָר אַ קליינע.

די פאַרמאַליטעטן זיינען דערלעדיקט געוואָרן. עס איז אויסגע־הערט געוואָרן אַ קורצער באַריכט פון דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע, מען האָט באַשטימט אַ מאַנדאַט־קאָמיסיע און מען איז צוגעטראָטן צו די וואַלן פון דעם פּרעזידיום. און, ווי מיר האָבן אַלע דערוואַרטעט, איז מיט אַ היפּשער מערהייט אויסגעקליבן געוואָרן אַ פּרעזידיום פון דער מערהייט, דער באָלשעוויסטישער. נייע פּירערס האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ אַרום דעם פּרעזידיום־טיש און, באַגריסט פון אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן און אויסרופן, האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ אויבנאָן דער נייער פּרעזידענט, דער באָלשעוויק ק אַ מ ע נ ע װ.

איך געדענק איצט ניט גענוי דעם אינהאַלט פון די רעדעס און איך וויל ניט גיין בלעטערן אין די צאָלרייכע געשיכטעס פון יענעם אָוונט, וואָס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן פאַר די לעצטע 25 יאָר, וואָרים מיין צוועק איז ניט אָנצושרייבן אַ גענויע געשיכטע פון דער רוסישער רע־וואָלוציע, נאָר איבערצוגעבן די געשעענישן אַזוי ווי איך געדענק זיי און ווי איך האָב זיי געזען.

נאָך קאַמענעווס אַריינפיר־רעדע האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן די שאַרפסטע פּאָליטישע דעבאַטעס און טאַקע וועגן דער עיקר־פראַגע, וועגן דער מיליטערישער איבערקערעניש, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן געמאַכט אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט, און וועגן דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. איינער נאָך דעם אַנדערן זיינען אַרויסגע־טראָטן די פאַרטרעטער פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַ־ציעס און האָבן געמאָלדן זייער שטעלונג און זייער שטאַנדפּונקט צו די געשעענישן. מיט אַ שאַרפן בייסנדיקן פּראָטעסט קעגן דער מיליטערי־

שער איבערקערעניש פון די באָלשעוויקעס איז אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי דאָן, וואָס האָט געמאָלדן, אַז די מענשעוויסטישע פּאַרטיי פּראָטעסטירט קעגן דער איינגמעכטיקער מאַכט־פאַרכאַפּונג און אַז אונדזער פּאַרטיי וועט זיך ניט באַטייליקן אין אַ צוזאַמענפאָר, וואָס וועט גוטהייסן די דאָזיקע געוואַלטזאַמע איבערקעריניש פון איין פּאַרטיי קעגן דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע. מיט אַן אַנדערער באַגרינדונג, אָבער מיט דעם זעלביקן אויספיר, אַז מיר גייען אַוועק פון צוזאַמענפאָר, האָט געמאַכט אַ דערקלערונג אין נאָמען פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן חבר מ אַ ר ט אָ ו. דערנאָך זיינען געקומען דערקלערונגען פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, פון די לינקע ס.־ר. און פון אַנדערע גרופּעס.

אין דער צייט, ווען עס האָבן זיך געפירט אָט די דאָזיקע ליידנשאַפטלעכע דעבאַטן, איז דער זאַל שוין מער ניט געווען יענער שטילער זאַל, וואָס האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געוואַרט אויף די ווייטערדיקע געשעענישן. דאָס איז שוין געווען אַ ליידנשאַפטלעכער מאַסן־מיטינג, וואו די פּאָליטישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן אין אַ שטורמישער פאָרם, וואָס האָט געקאָכט און געברויזט פון אַפּלאָדיסמענטן און פון אויסגעשרייען פון איין צד און פון אַנדערן צד.

אינצווישן איז באַוואוסט געוואָרן אין זאַל, אַז באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן באַלאַגערן דעם ו ו י נ ט ע ר - פּ אַ ל אַ ץ, וואו עס איז נאָך געזעסן די צייטווייליקע רעגירונג מיט אַלע מיניסטאָרן, אַחוץ קערענסקין, וואָס איז אַוועקגעפאָרן אויפן פראָנט זוכן הילף קעגן די באָלשעוויקעס. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, זיינען בראש פון די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געגאַנגען „נעמען" דעם ווינטער־פּאַלאַץ, געגאַנגען דער אָפיצער אַ נ ט אָ נ אָ ו - אָ ו ו ס ע י נ ק אָ, אַ פלאַמעדיקער באָלשעוויק, אָבער נאָך אין אָנהייב פון דעם קריג, אין דער פּאַריזער עמיגראַציע, אַ מענשעוויק, — און אָט יענער יונגער ט ש ו ד נ אָ ו ו ס ק י, מיין פריינט פון ווין, וועגן וועלכן איך האָב דערמאָנט אין איינעם פון מיינע פריערדיקע קאַפּיטלען.

אויך איך האָב גענומען אַ וואָרט און האָב אין נאָמען פון די בונדיסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן אַנטוויקלט מיין געדאַנק וועגן דעם, אַז עס מוז געפונען ווערן אַ וועג אויף צו פאַראייניקן אַ ל ע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין א י י ן געמיינזאַמער רעגירונג, און אַז די באָלשעוויקעס מוזן דעריבער, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך ניט שפּעט, אָפּשטעלן זייער מיליטערישן אָנגריף, וואָס מוז פירן צו אַ ברודער־קריג. מען מוז צוטרעטן צו אונטערהאַנדלונגען צווישן אַלע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אויף צו שאַפן אַ געמיינזאַמע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג.

די אַטמאָספּערע אין זאַל איז געוואָרן אַלץ מער און מער אָנגע־שפּאַנט און אויפגערעגט, באַזונדערס ווען אין זאַל האָט זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן דער באַלאַגערונג פון ווינטער־פּאַלאַץ. און דאַן פּלוצים, אין אַ מאָמענט פון שטילקייט, האָט זיך דערהערט דער דונער פון אַ האַרמאַטן־שאָס. דאָס האָט די קריג־שיף „אַווראָראַ" געשאָסן אויף דעם ווינטער־פּאַלאַץ.

איך בין אויפגעשפּרונגען פון מיין פּלאַץ. פאַר מיר זיינען אָט די שאָסן געווען דער אָנהייב פון בירגער־קריג, וואָס האָט פאַר מיר באַ־דייט די קאַטאַסטראָפע פון דער רוסישער רעוואָלוציע. איך האָב זיך געווענדט צו די אַרומשטייענדיקע באַלשעוויקעס מיט אַ פאַרוואורף: „נו, איר האָט דאָך געזאָגט, אַז מען וועט ניט שיסן?!" אָבער זיי האָבן נאָר אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס. זיי, די „ווייכערע" באַל־שעוויקעס, מיט וועלכע איך פלעג זיך באַגעגענען, האָבן שוין אין יענעם מאָמענט אין גאַנצן פאַרלוירן דעם איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן: די פירונג פון דער באַלשעוויסטישער פּאַרטיי איז אַריבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט.

אָט אין דער אָנגעברענטער אַטמאָספּערע, ווען מיר, זיצנדיק אין „ווייסן זאַל" פון סמאָלני־אינסטיטוט, האָבן געוואוסט, אַז אַרום דעם ווינטער־פּאַלאַץ גיסט זיך שוין בלוט, האָט זיך געמאָלדן צום וואָרט, אַלס פאַרטרעטער פון „בונד", חבר הענריק ע ר ל י ך, דער שפּעטערדיקער פירער פון פּוילישן „בונד". מיט אַן אויפגערעגטער שטים האָט ער דער־קלערט אין נאָמען פון די בונדישע דעלעגאַטן, אַז אויך זיי וועלן אַוועק־גיין פון צוזאַמענפאָר אַלס פּראָטעסט קעגן דער אומגעהערטער טאַקטיק פון די באַלשעוויקעס. און ער האָט זיך גלייך געווענדט מיט אַ רוף צו אַלע ניט־באַלשעוויסטישע מיטגלידער פון צוזאַמענפאָר, זיי זאָלן אַוועק צום ווינטער־פּאַלאַץ און שטעלן זיך דאָרטן צום שוץ פון דער רעגירונג, וואָס ווערט באַדראָט דורך אַן אויפשטאַנד.

אין די אָפיציעלע באַריכטן וועגן צוזאַמענפאָר, וואָס זיינען גע־דרוקט געוואָרן אין די סאָוועטישע צייטונגען, איז דער דאָזיקער אויפ־רוף צו גיין באַשיצן דעם ווינטער־פּאַלאַץ איבערגעגעבן געוואָרן אַלס מ י י נ ע אַ רעדע. ווי עס ווייזט אויס, האָבן די רעפּאָרטערס צענויפ־געמישט דעם חבר ערליך און מיך: מיר זיינען געווען ביידע פון „בונד" און ביידע געהאַט בערדלעך. און אַזוי איז דער דאָזיקער גרייז אַריין אין אַלע ווערק, וואו עס ווערט געשריבן וועגן דער דאָזיקער נאַכט. עס האָט מיך אין יענעם מאָמענט אַזוי ווייניק געאַרט, אַז איך האָב אַפילו ניט געמאַכט קיין שום שריט צו פאַרריכטן דעם פעלער. פאַר אונדזערע חברים, וואָס האָבן געוואוסט דעם אונטערשייד פון מיין שטאַנדפּונקט און דעם שטאַנדפּונקט פון די „אָבאָראָנצעס", צו וועלכע עס האָט אויך געהערט דער חבר ערליך, האָט זיך אַזאַ מין אויסבעסערונג ניט גע־פאָדערט, און וועגן „געשיכטע" האָט יעמאָלט קיינער פון אונדז ניט געטראַכט. איך דערמאָן וועגן דעם איצט נאָר דערפאַר, ווייל מיין ווי־

טערדיקע שטעלונג וועט זיין אין גאַנצן ניט קלאָר פאַר דעם לייענער, אויב ער זאָל זיך פאָרשטעלן, אַז אין דער נאַכט פון 25־טן אָקטאָבער האָב איך געקאָנט רופן צו אַן אָפענעם און שאַרפן קאַמף אין די גאַסן צווישן די ביידע פליגלען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. פאַרקערט, מיין גאַנצע טאַקטיק איז אין יענע טעג און נאָך פיל שפּעטער געווען געווענדט אויף דעם, אויסצומיידן אַן עפנטלעכן ברוך צווישן די באָל־שעוויקעס פון איין זייט און אונדז פון דער צווייטער זייט און אויס־צוגעפינען אַ קאָמפּראָמיס, וואָס זאָל אונדז דערלויבן געמיינזאַם צו פירן ווייטער די רוסישע רעוואָלוציע. פיל חברים האַלטן איצט (און האָבן געהאַלטן יעמאָלט), אַז דאָס איז געווען אַ פאַלשע טאַקטיק. איך וויל וועגן דעם איצט ניט דיסקוטירן. אָבער דאָס איז יעמאָלט געווען מיין שטאַנדפּונקט.

די אָפּשטימונג פון דער רעזאָלוציע וועגן גוטהייסן די באָלשע־וויסטישע איבערקערעניש האָט באַוויזן, אַז הינטער דעם דאָזיקן אַקט שטייט אַ באַדייטנדיקע מערהייט פון צוזאַמענפאָר. דורך דעם איז פאַר אונדז געוואָרן אוממעגלעך ווייטער צו באַטייליקן זיך אין די אַרבעטן פון צוזאַמענפאָר און אַזוי־אַרום האָבן מיר, געטריי די פריערדיקע דער־קלערונגען, פאַרלאָזן דעם „וויסן זאַל” פון סמאָלני־אינסטיטוט.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, אָבער קיינער פון אונדז איז נאָך ניט אַוועק אַהיים. מיר, די נאָענטערע מיטגלידער פון צענ־טראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין צימער פון טשכעאידזע.

טשכעאידזע איז געווען נידערגעשלאָגן און קראַנק. ער איז געלעגן אויף אַ קושעטקע מיט אַ שרעקלעכן קאָפּ־ווייטאָג און מיט נאַסע טיכער אויפן קאָפּ. לעבן אים איז געזעסן און האָט אים געלייגט פרישע טיכער אויפן קאָפּ זיין סעקרעטאַר, דער שפּעטערדיקער באָלשעוויק און אַמ־באַסאַדאָר סוריץ. אַרום זיינען געזעסן און געשטאַנען אין קליינע גרו־פּעס די נאָענטסטע חברים, אַלע נידערגעשלאָגענע, אויסגעמאַטערטע און האָבן געשוויגן אָדער געשמועסט צווישן זיך. פון צייט־צו־צייט פלעגט אימיצער אַריינקומען צו אונדז אין צימער און איבערגעבן וואָס עס טוט זיך אין „וויסן זאַל”. די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן זיינען ניט אַוועק. אַ טייל פון די לינקע אינטערנאַציאָנאַליסטן (פון „נאָ־וואַיאַ זשיזן”) זיינען אויך געבליבן אין זאַל. און אין זאַל גופא האָט זיך צעשטורעמט די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציאָנערע סטיכיע. פלאַ־מענדיקע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן איינע נאָך די אַנדערע אויף דעם צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין באָלשע־וויסטישן מאַס־מיטינג, נאָך דעם ווי די אַנדערע פּאַרטייען זיינען אַוועק. אַ באַזונדערס שטאַרקער שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן און אויסגע־שרייען האָט זיך דערטראָגן צו אונדז אין צימער: דאָס איז אַרויסגע־

טראָטן מיט אַ רעדע לענין, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון זיין באַהאַלטונג אין פינלאַנד.

דריי אָדער פיר אַזייגער אין דער פרי, ווען איך האָב דערפילט, אַז מיינע אייגענע קאָפּ־שמערצן הויבן זיך שוין אָן, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים. מיר האָט זיך ניט געוואָלט און איך בין געווען פיזיש ניט אימשטאַנד צו פאָרן צום ווינטער־פאַלאַץ, כדי אַ קוק צו טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך, אָדער אַריינצוקוקן אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג (די שטאָטישע דומע), וואו עס איז פאָרגעקומען אַ פאַראייניקטער מיטינג פון אַלע אַנטי־באָלשעוויסטישע גרופּעס.

שטיל און רואיק איז געווען אין די גאַסן פון פּעטערבורג אין יענער היסטאָרישער נאַכט. שטיל און נידערגעשלאָגן האָב איך זיך דערקליבן אַהיים און בין אַריינגעפאַלן אין אַ שווערן טויטן שלאָף.

איך האָב ניט איין מאָל אָנגעוויזן אויף די טיפערע וואָרצלען פון דער באָלשעוויסטישער כוואַליע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט רוסלאַנד אין הערבסט 1917. אָבער עס בלייבט אַ פאַקט, וואָס האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג, אַז די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע גופא איז פאָרגעקומען ניט אין דער פאָרם פון אַ סטיכישער מאַסן־באַוועגונג, ווי למשל די פעברואַר רעוואָלוציע 1917, נאָר איז געווען אַ ריין מיליטערישע איבערקערעניש. די גאַסן זיינען געווען ליידיק אין דער נאַכט פון 25־טן אָקטאָבער, ווי אויך אין די שפּעטערדיקע טעג. די אַרבעטער זיינען געבליבן אין די היימען און אין די פאַבריקן; ניט געווען קיין מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, ווי דעם 18־טן יוני אָדער אין די טעג פון 3־טן און 4־טן יולי; ניט געווען קיין סטיכישע שטרייקן, ניט געווען קיין אויפגערעגטער עולם, וואָס זאָל פאַרפלייצן די גאַסן און די פּלעצער פון פּעטערבורג. נאָר מיליטערישע טראָקס מיט באַוואָפנטע מענטשן, נאָר טאַנקען און פּאַנצער־אויטאָמאָבילן מיט סאָלדאַטן און מאַשין־געווערן, נאָר באַטאַליאָנען פון סאָלדאַטן אין אוניפאָרמס מיט ביקסן האָט מען געקאָנט זען בייטאָג און ביינאַכט אין די גאַסן פון דער הויפּטשטאָט. די גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, אפילו אין די אַרבעטער קוואַרטאַלן, האָט זיך געהאַלטן פּאַסיוו און אָפּוואַרטנדיק. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן זיי נאָכגעפאָלגט דעם קאַמף צווישן דער רעגירונג און די אויפשטאַנדלער, אָבער אַליין זיינען זיי אויף דער גאַס ניט אַרויס, אַליין האָבן זיי זיך ניט באַטייליקט, ניט אויף איין זייט און ניט אויף דער צווייטער זייט. אַזוי איז געווען אין פּעטראָגראַד.

ריין מיליטעריש איז די לאַגע געווען אַזאַ: אין פּעטערבורג האָבן די באָלשעוויסטישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס פאַרכאַפּט דעם ווינטער־פאַלאַץ און די וויכטיקסטע רעגירונגס אינסטיטוציעס אָן שום קאַמף. דער ווינטער־פאַלאַץ איז כלומרשט פאַרטיידיקט געוואָרן פון אַ פּאָר הונדערט אָפיצער־שילער („יונקערס” האָט מען זיי גערופן אין

רוסלאַנד) און פון אַ „פּרויען־באַטאַליאָן". אָבער אין דער אמתן איז קיין שום קאַמף אַרום ווינטער־פּאַלאַץ ניט געפירט געוואָרן. ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן אין יענע טעג, האָט מען פיל געשאָסן און זייער ווייניק געטראָפן. דער טומל און דער געפילדער איז געווען אַ גרויסער, אָבער קיין ערנסטער ווילן צום קאַמף איז ניט געווען. ניט די טויזנטקעפּיקע מאַסע סאָלדאַטן, מאַטראָסן און באָלשעוויסטישע „רויט־גוואַרדייער", וואָס האָבן „באַלאַגערט" דעם ווינטער־פּאַלאַץ, האָבן געהאַט חשק צו פאַרגיסן בלוט, אייגענע אָדער פרעמדע, — און ניט דאָס הייפל „יונקערס" האָט געקאָנט ערנסט טראַכטן וועגן אַ ווידערשטאַנד קעגן די פאַראייניקטע קרעפטן פון די אָנגרייפער און פון די קריגס־שיפן, וואָס האָבן געשאָסן פון דער נעווא. אַזוי ווי די רעגירונג, וואָס האָט געהאַט אַ זיצונג אין ווינטער־פּאַלאַץ, האָט אויך געוואָלט פאַרמיידן בלוט־פאַרגיסונג, האָבן זיך די מיניסטאָרן אונטערגעגעבן און זיך געלאָזט אַרעסטירן. מען האָט זיי מיט גרוים ליאַרעם אַוועקגעפירט אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג און דאָרטן אַריינגעזעצט. די מאַסע, וואָס איז געבליבן אין פּאַלאַץ, ווען מען האָט די אַרעסטירטע רעגירונג אַוועקגעפירט אין דער פעסטונג, האָט באַנוצט די געלעגנהייט, כדי זיך אַריינצורייסן אין די אַנדערע טיילן פון דעם אומגעהויער גרויסן פּאַלאַץ, באַזונדערס אין דעם צאַרישן וויין־קעלער. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן סצענעס, אויף וועלכע איך וועל זיך אָפּשטעלן שפּעטער.

פּעטערבורג איז אַזוי־אַרום אָן שום קאַמף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער באָלשעוויסטישער פאַרשוועררונג.

אַ גאַנץ אַנדערע לאַגע האָט זיך געשאַפן אין מאָסקווע: דאָרטן האָבן די „יונקערס" פון די אָפיצער־שולן און אַ טייל פון דעם מאָסקווער גאַרניזאָן געשטעלט ווידערשטאַנד קעגן די באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן און רויט־גוואַרדייער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מיליטערישער קאַמף מיט אַ קעגנזייטיקער באָמבאַרדירונג, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג. אויך דאָרטן איז די באַפעלקערונג געזעסן אין די היימען, און געקעמפט צווישן זיך האָבן נאָר מ י ל י ט ע ר י ש ע אָפּטיילונגען פון איין צד און פון צווייטן צד. דער קאַמף איז געענדיקט געוואָרן אין אייניקע טעג אַרום דורך אַ וואָפן־שטילשטאַנד (אַרמיסטיס), וואָס איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן דורך די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, מענשעוויקעס, און וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון ביידע צדדים. פאַקטיש איז די מאַכט אַריבער אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, ד"ה אָ פ י צ י ע ל פון סאָוועט, אָבער די פאַקטישע אָנפירונג פון סאָוועט איז שוין יעמאָלט געלעגן אין די הענט פון די באָלשעוויקעס.

2

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין לאַנד

אין דער פּראָווינץ זיינען אויך קיין גרויסע קאַמפן ניט פאָרגעקומען. אין אַ טייל שטעט זיינען די באָלשעוויקעס געקומען צו דער מאַכט, מייסטנס דורך די סאָוועטן, וואָס זיי האָבן באַהערשט; אין אייניקע ערטער קעגן דעם ווילן פון די סאָוועטן, וואו די מערהייט איז ניט געווען קיין באָלשעוויסטישע. אין פיל שטעט איז די מאַכט געבליבן אין די הענט פון די ניט־באָלשעוויסטישע סאָוועטן. אין אַלגעמיין האָט די פּראָווינץ געוואַרט אויף דער ענטגילטיקער אַנטשיידונג אין פּעטערבורג.

אין פּעטערבורג איז די מאַכט געלעגן אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, אָבער זיי אַליין האָבן זיך נאָך ניט געפילט אַלס מאַכט. אמת, אין דער זיצונג פון סאָוועט־צוזאַמענפאָר, פון וועלכן מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען, זיינען אָנגענומען געוואָרן פייערלעכע דעקרעטן וועגן דעם, אַז די ערד ווערט איבערגעגעבן צו די פּויערים און וועגן מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה, א. ד. גל. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז עס ווערט געבילדעט אַ „רעגירונג פון די סאָוועטן”, אַ ראַט פון פאָלקס־קאָמיסאַרן, אאַ"וו. אָבער די מאַכט פון דער רעגירונג איז אין יענע ערשטע טעג געווען פאַקטיש באַשרענקט אויף די עטלעכע הויפּט־גאַסן פון פּעטערבורג.

צי וועט די דאָזיקע נייע „רעגירונג” טאַקע ווערן אַן אמתע רעגירונג, — דאָס איז געווען פריער פאַר אַלץ אָפּהענגיק פון דעם, וואָס עס וועט זאָגן דער פראָנט. און פריער פאַר אַלץ איז געווען אומקלאָר, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן די מיסיע פון קערענסקין.

אין פּעטערבורג זיינען אַחוץ אַ ריי באָלשעוויסטישע פאָלקן געווען אויך ניט ווייניק קאָזאַקישע חיילות. און די קאָזאַקן זיינען, ריין מיליטעריש גענומען, געווען בעסערע קעמפער און מיט מער דיסציפּלין איידער די דעזאָרגאַניזירטע, פּאַציפיסטיש געשטימטע באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן. מען האָט דעריבער שטענדיק גערעכנט זיך דערמיט, אַז ווען עס וועט קומען צו אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס מיט די באָלשעוויקעס, וועלן די קאָזאַקן זיין די הויפּט־קראַפט פון אַנטי־באָלשעוויסטישן קאַמף. אויך קערענסקי איז וואַשיינלעך געווען אין דעם איבערצייגט, וואָרים ער איז אַוועקגעפאָרן פון פּעטערבורג אין דער נאַכט פון 24־טן אָקטאָבער טאַקע דירעקט צום גענעראַל קראַסנאָוו, דעם קאָמאַנדיר פון די קאָזאַקישע פאָלקן, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער פּעטערבורג. ווען קערענסקי האָט אין זיין שטאַרקער רעדע אין פאָר־פּאַרלאַמענט, מיט אַ פּאָר טעג פריער, דערקלערט, אַז די רעגירונג איז אינפאָרמירט וועגן דעם צוגעגרייטן אויפשטאַנד און פאַרמאָגט די

נייטיקע מיטלען אויף צו אונטערדריקן אים, האָט ער, ווייזט אויס, זיך טאַקע גערעכנט מיט די קאָזאַקן און די אַנדערע ניט־באָלשעוויסטישע רעגימענטן, וואָס זיינען געשטאַנען אין פּעטערבורג אָדער אַרום פּעטערבורג. דאָ איז אָבער פאָרגעקומען אַזאַ דערשיינונג: די אויסגעשפּראָכענע אַנטי־באָלשעוויסטישע אָפּיצערן, קאָזאַקן און ניט־קאָזאַקן, זיינען געווען אָדער אָפענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן, אָדער פּאַטריאָטיש־געשטימטע ליבעראַלן — וואָס האָבן ניט געקאָנט מוחל זיין דער צייטווייליקער רעגירונג דעם קאַמף קעגן קאָרנילאָוון און קאָרנילאָווס אַרעסט. פאַר זיי איז קערענסקי געווען פּונקט אַזאַ סאָציאַליסט און פּאַציפיסט ווי די באָלשעוויקעס, און זיי האָבן אים פיינט געהאַט נאָך מער ווי די באָלשעוויקעס. ער איז פאַר זיי געווען דער צעשטערער פון צאַרישן טראָן, דער פאַרניכטער פון דער צאַרישער אַרמיי (דורך דעם „באַפעל נומ' 1"), דער באַשיצער פון לענינען און אַנדערע „דייטשע שפּיאָנען" אאַ"וו. דער לאָזונג, וואָס די רעכטע און אַפילו די פּאַטריאָטיש־ליבעראַלע אָפיצערן האָבן אין יענעם מאָמענט אַרויסגעגעבן, איז געווען אַזאַ: זאָלן די באָלשעוויקעס אַראָפּוואַרפן קערענסקין! נאָך די באָלשעוויקעס וועלן קומען די אַנאַרכיסטן, אָבער נאָך די אַנאַרכיסטן וועלן קומען די מאָנאַרכיסטן! וואָס לינקער און וואָס רעוואָלוציאָנערער עס וועט זיך פאַרקירעווען די פּאָליטישע סיסטעם, אַלץ גרעסער וועט ווערן דער עקאָנאָמישער און מיליטערישער חורבן, אַלץ שטאַרקער וועט אָנוואַקסן די ר ע אַ ק צ י ע אין די פאָלקסמאַסן. און דאָס וועט צוגרייטן אַ באָדן פאַר אַ געזונטער, קאָנסערוואַטיווער, נאַציאָנאַלער רעגירונג.

דאָס איז געווען די הויפּט־אורזאַך, פאַר וואָס די קאָזאַקן און די אַנדערע ניט־באָלשעוויסטישע אָ פּ י צ ע ר ן האָבן קערענסקין קיין שום הילף ניט געגעבן אין יענע טראַגישע טעג. זיי האָבן באַוואוסטזיניק געהאָלפן די באָלשעוויקעס „צייטווייליק" אַריינצונעמען די מאַכט אין די הענט, כדי דער קערענסקי־רעזשים זאָל ווערן ענטגילטיק פאַרניכטעט. דאָס זיינען געווען די אָפיצערן. און די פּשוטע סאָלדאַטן און קאָזאַקן האָבן אַזוי ווייניק געוואָלט שיסן אויף די אייגענע ברידער, ווי די באָלשעוויסטיש־געשטימטע סאָלדאַטן. די קערענסקי־רעגירונג איז אין זייערע אויגן ניט געווען ווערט, אַז די רוסישע סאָלדאַטן זאָלן גיין שיסן איינע אויף די אַנדערע. און וואָס פאַר אַ ווערט האָט בכלל, ווער עס וועט זיין אין דער רעגירונג? אַלע רעגירונגען טויגן אויף כפּרות.

אָט דאָס איז געווען די הויפּט־שטימונג אויך אין גאַטשינע, ווען קערענסקי איז אַהין געקומען בעטן הילף ביי דער פראָנט־אַרמיי פון גענעראַל קראַסנאָוו. אַנשטאָט צו העלפן קערענסקין, זיינען די קאָזאַקישע פּאָלקן גאָר געווען גרייט אַרויסצוגעבן קערענסקין אין די הענט פון די באָלשעוויקעס. און דער באָלשעוויסטישער מאַטראָס ד י ב ע נ ק אָ איז טאַקע געקומען מיט אַ דעלעגאַציע פון באָלשעוויסטישע פאַר־

טרעטער קיין גאַטשינע, אָבער צו שפּעט, גראָד אין דעם מאָמענט, ווען קערענסקי, איבערגעטאָן אין פרעמדע קליידער, האָט באַוויזן צו אַנט־לויפן און אַרויסראַטעווען זיך פון דעם אַרעסט, וואו גענעראַל קראַסנאָוו האָט אים פּאַקטיש געהאַלטן.

אָבער מיר אין פּעטערבורג האָבן וועגן דעם אַלעם אין די ערשטע טעג פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש נאָך ניט געוואוסט. פאַרקערט, מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז קערענסקי גייט אויף פּעטערבורג מיט באַדייטנדיקע מיליטערישע קרעפטן. מיר האָבן גע־הערט פון מאָסקווע נאַכריכטן וועגן שטאַרקע אַרטילעריע קאַמפן וואָס פאַרניכטן גאַנצע שטאָט־טיילן און וואָס זאָלן האָבן פאַרניכטעט די באַ־רימטע קירך פון וואַסילי בלאַזשעני, איינע פון די גרעסטע קונסט־ווערק וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט. אויך פון אַנדערע שטעט זיינען אָנגעקומען אומרואיקע נאַכריכטן וועגן צוזאַמענשטויסן און קאַמפן, אַזוי אַז אין די טעג פון 26־טן, 27־טן און 28־טן אָקטאָבער, האָבן מיר געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן פּאַקטיש דער בירגער־קריג, וואָס קאָן אָננעמען די שאַרפסטע און בלוטיקסטע פאָרמען.

***

דער דאָזיקער איינדרוק איז פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך דעם, וואָס די ניט־באָלשעוויסטישע גרופּירונגען, פריער פאַר אַלץ די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דער פּויערים־סאָוועט, די פאָלקס־סאָציאַליסטן, די רעכטע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן גענומען פאָרמירן אַן אייגענעם צענטער. אין דעם הויז פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם אַלרוסלענדער פּויערים־סאָוועט, וועלכער איז געשטאַנען אונ־טער דער פירונג פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, זיינען פאָרגעקו־מען אומאונטערבראָכענע זיצונגען פון אַלע דערמאָנטע גרופּעס און עס איז אויפגעקומען אַזוי ווי אַ מין ניט־אָפיציעלע אַנטי־באָלשעוויסטישע קעגן־רעגירונג, וואָס וואָלט געקאָנט טאַקע ווערן אַן אמתע אַנטי־באָל־שעוויסטישע קעגן־רעגירונג, ווען דער בירגער־קריג וואָלט זיך געהאַט אין יענעם מאָמענט ערנסט אַנטוויקלט.

מיר האָבן געלעבט אין אַן אַטמאָספערע פון קלאַנגען און אומ־קלאָרקייט.

די רעגולערע פאַרבינדונגען מיט די אַנדערע שטעט זיינען געווען איבערגעריסן, די סאַמע פאַנטאַסטישע ידיעות פלעגן קומען יעדע מינוט. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט און וואָס עס איז די אמתע לאַגע אַפילו אין דער שטאָט גופא. די אַרבעטער־שאַפט איז אין אַט די טעג געבליבן אַ צעטומעלטע און אַ נידערגעשלאַ־גענע, און וועגן די סאַמע גרעסטע און שטאַרקסטע פאַבריקן האָט מען ניט געוואוסט געגוי אויף וועלכן צד זיי שטייען.

דער דאָזיקער צושטאַנד פון צעטומעלונג, כאַאָס און אומבאַשטימט־קייט איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אין אַ שרעקלעכער מאָס דורך יענער עפּידעמיע פון שיכרות, וואָס האָט יעמאָלט אַרומגעכאַפּט פּעטערבורג.

ערשט פיל שפּעטער האָט דער גרויסער רוסישער פּאָעט אַלעק־סאַנדער ב ל אָ ק, אין זיין באַרימטער פּאָעמע „די צוועלף“, קינסטלע־ריש איבערגעגעבן יענע מערקווירדיקע אַטמאָספערע, וואָס האָט גע־הערשט אין פּעטערבורג אין די ערשטע טעג פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. עס איז געווען אַ געמיש פון אויפריכטיקער רעוואָ־לוציאָנערער התלהבות, פון סטיכישער אומצופרידנקייט פון פאַרבי־טערטע מאַסן, און פון פריי־געלאָזענע אַפּטמאָל פאַרברעכערישע און הולטאַיסקע לײדנשאַפטן.

צו דער זיצונג פון 25־טן אָקטאָבער אין סמאָלני־אינסטיטוט האָט מיך אָוועקגעפירט אין אַ סאָוועט־אויטאָמאָביל מיין אַלטער פריינט, מאַרק ב ר א י ד אָ, וואָס איז געווען אין אַלטן סאָוועט דער פאַר־וואַלטער איבער אַלע אויטאָמאָבילן. צוזאַמען מיט אונדז איז געפאָרן נאָך אַ דריטער מיטגליד פון סאָוועטישן צוזאַמענפאָר, אַ סאָלדאַט פון אַ יאָר 35—30. ער איז געזעסן לעבן אונדז און האָט די גאַנצע צייט געכליפּעט פאַר פרייד. „שטעלט זיך פאָר, חבר, ווי גליקלעך איך בין, — האָט ער די גאַנצע צייט געטענהעט, ניט ווייסנדיק וועמער מיר זיינען און אויף וועלכן צד מיר שטייען, — פריער בין איך געווען איינער אַליין אין אונדזער ראָטע, און אַלע האָבן פון מיר געלאַכט אין די הויפנס. און איצט איז געקומען אונדזער מאַכט! אָ, גאָט, אָ, גאָט — אַ גליק, וואָס פאַר אַ גליק!“ — אויפריכטיקע טרערן האָבן זיך געקייקלט אי־בער זיינע באַקן.

דעם 26־טן אָקטאָבער, אין דער פרי, פאָרנדיק מיט אַ טראַמוואַי, האָב איך זיך שווייגנדיק צוגעהערט צו אַ דיסקוסיע וועגן דער עקאָ־נאָמישער לאַגע, וועגן ברויט, עסנוואַרג, — וואָס דאָס איז געווען די שטענדיקע טעמע אין אַלע אַזעלכע עפנטלעכע דיסקוסיעס, אויפן גאַס און אין די טראַמוואַיען. אַן עלטערער אַרבעטער מיט אַ בייזן בליק האָט די גאַנצע צייט געברומט, אַז ער ווייסט, וואו די גאַנצע ברויט און די גאַנצע פלייש געפינט זיך: ביי די מ ע נ ש ע ו ו י ק ע ס! — עס איז געווען קלאָר, אַז ער הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס מענשעוויקעס זיי־נען, אָבער ער האָט אויף די באָלשעוויסטישע מיטינגען אַזוי אָפט גע־הערט, ווי מען זידלט די „מענשעוויקעס“, אַז דאָס איז פאַר אים גע־וואָרן אַ מין זידל־וואָרט, אַ מין „כל־בו באַגריף“.

אָבער שרעקלעכער פאַר אַלץ זיינען געווען די סימנים פון אַן אמת־ער שיכרות־עפּידעמיע, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט פּעטערבורג אין יענע טעג און נעכט.

גלייך ביים אָנהייב פון קריג, אין 1914, האָט די צאַרישע רעגירונג פאַרבאָטן אין גאַנצן לאַנד דעם פאַרקויף פון בראַנפן און משקה און

איינגעפירט אַן אמתן „פּראָהיבישאַן”, וואָס איז געהאַלטן געוואָרן זייער שטרענג. דאָס האָט געהאַט אויפֿן לאַנד אַ גוטע ווירקונג און איז געווען נוצלעך פֿאַר דער אַרמיי. אָבער ווען עס זיינען געקומען די אויפֿרעגונגען פֿון דער רעוואָלוציע און עס האָבן זיך פֿונאַנדערבערעגט די ליידנשאַפֿטן, איז דאָס באַדערפֿעניש אין אַלקאָהאָל געוואָרן ממש אַ פֿיזיאָלאָגישע ליידנשאַפֿט. ווען אין דער נאַכט פֿון 25־טן אָקטאָבער איז געפֿאַלן די לעצטע וואַנט פֿון געזעצלעכער אויטאָריטעט, פֿון אַן איינגעפֿונדעוועטער רעגירונג, און עס איז געוואָרן אַ מין הפקר־וועלט, האָט מען מער די שיכּרות־סטיכיע ניט געקאָנט איינהאַלטן. דיזעלביקע רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וואָס זיינען געגאַנגען „איינעמען” די „אַלטע וועלט” אין נאָמען פֿון „דריטן אינטערנאַציאָנאַל”, האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פֿון אַריינצורייסן זיך אין די באַרימטע צאַרישע וויין־קעלערס. טויזנטער פֿלעשער זעלטענע ווייַנען, הונדערט־יאָריקע קאָניאַקן און שנאַפּסן זיינען צעראַבירט געוואָרן אין ווינטער־פּאַלאַץ. מאַרטאָוו און לאַפּינסקי האָבן פֿאַר 3 רובל געקויפֿט אויף ניעווסקי פּראָספּעקט ביי אַ סאָלדאַט אַ בוטל רויטן וויין, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַן אויפֿשריפֿט פֿון יעקאַטערינעס צייטן. דער מאַטראָס, וואָס פֿלעגט אַריינקומען צו דער דינסט־מיידל אין אונדזער הויז, האָט געבראַכט אונדז אַ געשאַנק — אַ בוטל קאָניאַק, וואָס איז אַלט געווען איבער הונדערט יאָר און וואָס האָט געהאַט דעם שטעמפּל פֿון צאַרישן הויף. סאָלדאַטן און אַ צוגעשטאַנענער המון פֿון כוליגאַנעס האָבן פּאַגראָמירט די פּריוואַטע וויין־קעלערן און שנאַפּס־פֿאַבריקן, וואָס זיינען געשטאַנען פֿאַרמאַכטע די לעצטע פֿאַר יאָר. אין איין פֿאַבריק, וואו מען האָט אַמאָל געמאַכט קאַרשן־ליקער, האָט די מאַסע געעפֿנט אַ ספּירט־רעזערוואואַר, און דער עולם האָט זיך אַזוי אָנגעשיכּורט, אַז פֿיל מענטשן זיינען דערטרונקען געוואָרן אין דעם גרויסן רעזערוואואַר פֿול מיט ספּירט און קאַרשן.

די נייע רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דער דאָזיקער קראַנקהאַפֿטער און דעמאָראַליזירנדיקער סטיכיע. עס איז דערקלערט געוואָרן קריגס־צושטאַנד און עס איז איינגעפֿירט געוואָרן טויט־שטראָף פֿאַר יעדן, וואָס וועט זיך באַטייליקן אין די אַקטן פֿון די געוואַלטזאַמע בראַנפֿען־ראַבירונגען. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטאָר איבער די שיכּרות־בונטן, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען דעם דאָזיקן „דיקטאַטאָר” גופֿא געמוזט דערשיסן, ווייל ער אַליין איז געווען אַ שיכּור.

פֿינצטער זיינען געווען די גאַסן פֿון פּעטערבורג אין יענע קאַלטע האַרבסט־נעכט פֿון אָקטאָבער, פֿינצטער און פּוסט, אָבער ניט רואיק. יעדע מינוט פֿלעגן זיך פֿון ערגעץ־וואו דערהערן שיסערייען, אויסגעשרייען, שיכּורע געזאַנגען און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט דער הימל ווערן רויט פֿון אַ שריפֿה, וואָס שיכּורע כוליגאַנעס פֿלעגן אָנצינדן.

ביטאָג, אין די אומאונטערבראָכענע זיצונגען, פֿלעגט די אַטמאָ־ספֿערע זיין אָנגעפּילט מיט אומבאַשטימטקייט און שרעקלעכע קלאַנגען. די באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן זאָלן האָבן פֿאַרגוואַלטיקט און דער־מאָרדעט די געפֿאַנגענע סאָלדאַטקעס פֿון פֿרויען־לעגיאָן. אַ באָלשע־וויסטישער המון זאָל האָבן דערטרונקען אין די קאַנאַלן פֿון פּעטערבורג אַ מאַסע געפֿאַנגענע „יונקערס“; שיכורע פּאָגראָמען זאָלן האָבן אַרומ־געכאַפּט גאַנצע טיילן פֿון שטאָט; מאָסקווע איז חרוב געמאַכט דורך דעם אַרטילעריע־פֿייער פֿון ביידע צדדים; קערענסקי מאַרשירט אויף פּעטערבורג מיט אַ גרויסער אַרמיי פֿון פֿראָנט און אָט־אָט וועט זיך אָנהייבן אין פּעטערבורג אַ שרעקלעכע נקמה, ווי אין די טעג, ווען עס איז אונטערגעדריקט געוואָרן די פּאַריזער קאָמונע. געהיימניספֿולע אָנצוהערענישן אויף נייע קאָמיטעטן און אָרגאַניזאַציעס אויף צו קעמפֿן קעגן די באָלשעוויקעס ווערן איבערגעגעבן, אַלס דער גרעסטער סוד.

פֿון פּעטראָפּאַוולאָווסקע פֿעסטונג גיט מען איבער, אַז די דאָרטיקע באָלשעוויסטישע שומרים ווילן דערשיסן די געפֿאַנגענע מיניסטאָרן — און מיר לויפֿן צום טעלעפֿאָן, קלינגען קאָמענעוון, אַז ער זאָל אָננעמען די געהעריקע מיטלען. און דאָס איז טאַקע געווען נייטיק, ווייל די קלאַנ־גען זיינען געווען ריכטיקע.

קלאַנגען און אויפֿרעגונגען ביטאָג, פּאָגראָמען, שיסערייען, שריפֿות ביי נאַכט, פֿולשטענדיקער אָפּשטעל פֿון יעדן נאָרמאַלן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן — אָט דאָס איז געווען די אַטמאָספֿערע, אין וועלכער מיר האָבן געלעבט אין פּעטערבורג אין די ערשטע טעג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

דער דאָזיקער צושטאַנד איז געווען אומדערטרעגלעך פֿאַר אַק־טיווע מענטשן, רעוואָלוציאָנערן, וואָס פֿילן זיך פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דעם גורל פֿון דער רעוואָלוציע און פֿון דעם לאַנד. מען האָט געמוזט עפּעס פּרובירן, כדי אַרויסצוגיין פֿון דעם אומדערטרעגלעכן צושטאַנד. און דאָ איז אויפֿגעקומען דער פּרואוו, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „ו ו י ק ז ש ע ל“.

3

דער „וויקזשעל“

אין די ערשטע עטלעכע טעג נאָך דער באָלשעוויסטישער איבער־קערעניש פֿון 25־טן אָקטאָבער, 1917, איז די מיליטערישע לאַגע פֿון דער נייער באָלשעוויסטישער רעגירונג נאָך ניט געווען קלאָר. ערגעץ־וואו אויפֿן פֿראָנט אַרום פּעטערבורג איז אַרומגעפֿאָרן קערענסקי, זוכנ־דיק הילף פֿאַר דער געזעצלעכער רעגירונג, און קיינער האָט אין פּע־טערבורג ניט געוואוסט גענוי מיט וואָס זיין מיסיע וועט זיך ענדיקן.

וועט ער געפינען, וועט ער ניט געפינען אַ פראָנט־אַרמיי, וואָס וועט אים העלפן צוריק איינעמען פּעטערבורג?

אויך די קאַמפן אין מאָסקווע זיינען נאָך געווען אין פולן ברען און שוידערלעכע נאַכריכטן זיינען פון דאָרטן אָנגעקומען וועגן די שלאַכטן, וואָס האָבן דאָרטן חרוב געמאַכט די שטאָט. די אַרבעטער אין די גרויסע פּעטערבורגער פאַבריקן זיינען נאָך געווען אומאַנטשלאָסן. פיל פּראָווינץ־שטעט האָבן פאַרנומען אַן אַפּוואַרטנדיקע שטעלונג און אויך וויכטיקע טיילן פון דער פראָנט־אַרמיי האָבן נאָך ניט אָנגענומען קיין פעסטן באַשלוס, אויף וועלכן צד זיי זאָלן זיך שטעלן. אין אַט דער לאַגע האָבן זיך, ניט נאָר אין די סאָציאַליסטישע רייען, נאָר אויך צווישן די נייע הערשער, די באָלשעוויקעס, געפונען אַ היפשע ביסל מענטשן, וואָס זיינען געווען גרייט צו גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס, אַבי נאָר אויסצומיידן אַ ברודער־קאַמף צווישן דיביידע רעוואָלוציאָנערע לאַגערן. איך פערזענלעך בין זייער שטאַרק געווען דערפאַר, און האָב אין אונדזער מענשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, אַז מען זאָל אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס. איך האָב זיך בשום אופן ניט גענאַרט אין די פּלענער פון לענינען און זיינע אָנהענגער. נאָך דעם געשפּרעך מיט דזשערזשינסקין און נאָך דער נאַכט פון 25־טן אָקטאָבער האָב איך זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז איבערצייגן לענינען צו גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס וועט זיין אוממעגלעך. אָבער איך האָב געהאָפט, אַז מען וועט אים קאָנען צ ו ו י נ ג ע ן דערצו. און צווינגען איז געווען יעמאָלט מעגלעך, לויט מיין מיינונג, דורך צוויי מיטלען: ערשטנס, דורך דעם, וואָס מען וועט אַרויסרייסן פון זיינע הענט זיין שטאַרקסטן געווער, און דאָס איז — די האָפענונג אַז ער קאָן ברענגען אַ ג י כ ן ש ל ו ם מיט דייטשלאַנד; צווייטנס, דורך דעם דרוק פון די מאַסן וואָס זיינען קעגן ברודער־קאַמף. פאַר מיר איז קיין שום צווייפל ניט געווען, אַז דאָס ערשטע, וואָס די לענין־רעגירונג וועט מאַכן, וועט זיין — פאַרשלאָגן די דייטשן אַ וואָפן־שטילשטאַנד און זאָפאָרטיקע פרידנס־אונטערהאַנדלונגען. און איך האָב פאַראויסגעזען, אַז די קאָלאָסאַלע מערהייט פון די אַרמיי־סאָלדאַטן און פון די פויערים אין די דערפער וועלן נאָכגיין נאָך יענער מאַכט, וואָס וועט זיין די ערשטע צו ברענגען דעם סוף פון דער מלחמה. דעריבער האָב איך אין די פּריוואַטע שמועסן מיט די איינפלוסרייכסטע פירערס פון אונדזער פּאַרטיי פּרובירט צו דערשלאָגן זיך ביי זיי, אַז די קערענסקי רעגירונג זאָל, אַזוי לאַנג ווי עס איז נאָך ניט צו שפּעט, נעמען אויף ז י ך די איניציאַטיוו פון פרידנס־אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן. איך געדענק נאָך איינעם פון אַזוינע געשפּרעכן וואָס איך האָב געהאַט מיט צ ע ר ע ט ע ל י ן.

צערעטעלי, — האָב איך צו אים געזאָגט, — די לאַגע איז אַזאַ, אַז אַרויסרייסן דעם זיג פון די הענט פון די באָלשעוויקעס קאָן מען נאָר דורך אַ רעכטצייטיקן שלום־פאָרשלאַג. ווער עס וועט די מאַסן דער

ערשטער ברענגען דעם שלום, יענער וועט ..גבן די מאַכט. איר וועט ניט געפינען אין פאָלק קיין כוחות און אויפן פראָנט קיין אַרמייען, וואָס זאָלן גיין שיסן אויף מענטשן, וואָס גאַראַנטירן זיי דעם זאָפאָרטיקן סוף פון דער מלחמה. אויב די באָלשעוויקעס וועט זיך איינגעבן צו שליסן שלום מיט די דייטשן, וועלן זיי איינהאַלטן די מאַכט און אונדזער רעוואָלוציע איז פאַרלוירן. ווילט איר ראַטעווען די רעוואָלוציע, מוזט איר זיך אַנטשליסן צו נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון שלום-אונטער־האַנדלונגען. מען דאַרף דאָס ניט מאַכן ווי אַ שריט, וואָס איז געווענדט קעגן די עלאַים. פאַרקערט, גייט און דערציילט דער ענגלישער און



איראַקלי צערעטעלי

פראַנצויזישער רעגירונגען די אמתע לאַגע, דערקלערט זיי, אַז אין רוס־לאַנד וועט אומפאַרמיידלעך זיגן דער באָלשעוויזם, דאָס הייסט סעפּאַ־ראַטער פרידן מיט דייטשלאַנד. עס וועט קומען אַ בירגער-קריג און כאַאָס אין לאַנד, וואָס וועט אין גאַנצן איבערגעבן רוסלאַנד אין רשות פון דייטשלאַנד. איז דען ניט בעסער פאַר די עלאַים, אַז דער שלום זאָל קומען דורך אונדז און ניט דורך דעם באָלשעוויזם?

איך האָב גערעדט מיט מיין אַלטן פריינט צערעטעלי, מיט וועמען איך האָב זיך געקאַנט שוין פון די פריערדיקע צייטן — מיט מיין גאַנצער

איבערצייגונג און מיט דער גאַנצער היץ, צו וועלכער איך בין געווען פעאיק. וואָרים איך האָב אין יענעם מאָמענט אין דער אמתן געפילט, אַז מיר האַלטן אין די הענט דעם גורל פון רוסלאַנד.

צערעטעלי, זייער אַן אויפריכטיקער מענטש מיט אַ גרויסן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זייער אַ קלוגער, האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט, אָבער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו גיין אויף דעם וועג, וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן.

— ס'קאָן זיין, אַז ריין פּראַקטיש זייט איר טאַקע גערעכט, — האָט ער מיר געענטפערט. — ס'קאָן זיין, אַז אַזוי וועט טאַקע קומען, ווי איר דענקט. מעגלעך, אַז פאַר רוסלאַנד איז ניטאָ קיין אַנדערער וועג אין דער היינטיקער לאַגע, ווי אָפּצושטעלן דעם קריג. אָבער מיר קאָנען דאָס ניט טאָן. מיר קאָנען מיט אונדזערע הענט ניט פאַרראַטן די געמיינזאַמע זאַך פון דער גאַנצער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט. אונדזערע הענט מוזן בלייבן ריין. זאָלן די שמוציקע אַרבעט טאָן די, וואָס ווילן דאָס.

דעמזעלביקן ענטפער און כמעט דיזעלביקע ווערטער האָב איך געקראָגן פון אַ ריי אַלטע פריינט, די אָבאָראָנצעס.

איז ניט געבליבן קיין שום אַנדער וועג, ווי צו אָרגאַניזירן דעם דרוק פון די מאַסן אויף ביידע צדדים, אי אויף די באָלשעוויקעס, אי אויף אונדזערע אייגענע אָבאָראָנצעס: מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן.

מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ מין אונטערנעמונג זיינען געווען: ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען די גרעסטע פאַבריקן אין זייער מערהייט געווען אומאַנטשלאָסן, זיך ניט געקאָנט שטעלן ניט אויף איין צד און ניט אויפן צווייטן, און האָבן אָפּגעוואַרט. פון דער אַנדערער זייט האָבן מיר געוואוסט, אַז צווישן די באָלשעוויקעס, און אַפילו אין זייער צענטראַל-קאָמיטעט, זיינען פאַראַן אַ היפּשע צאָל מענטשן, וואָס זיינען נוטה צו אַ קאָמפּראָמיס. דאָס זיינען געווען אַזוינע באָלשעוויסטישע פירערס און טעאָרעטיקער, ווי קאַמענעוו, זינאָוויעוו, ריאַזאַנאָוו, לונאַטשאַרסקי, טעאָדאָראָוויטש, סאָקאָלניקאָוו, ריקאָוו און אַנדערע. מיט פיל פון זיי האָבן מיר געהאַט פּריוואַטע שמועסן און טעלעפאָן-געשפּרעכן און מיר האָבן געהאַט דעם געפיל, אַז זיי וועלן מאַרשירן מיט אונדז, הגם מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז די אַנטשיידנדיקע קראַפט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי זיינען ניט די „ווייכע", נאָר די „האַרטע", צווישן זיי לענין, טראָצקי, דזשערזשינסקי און אַנדערע. אָבער אויב די מיליטערישע אָפּעראַציעס זאָלן זיך לענינען אַזוי גוט ניט איינגעבן און דערצו זאָל נאָך קומען אַ דרוק פון גרויסע אַרבעטער-מאַסן איבערן גאַנצן לאַנד און פון אַ טייל אייגענער פּאַרטיי — דאַן איז אפשר פאַראַן אַ שאַנס, אַז מען זאָל גובר זיין לענינס ווידערשטאַנד.

אין דעם מאָמענט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ניט נאָר די גרויסע פאַבריקן, ווי די פּוטילאָווער און די אָבוכאָווער, נאָר אויך זייער אַ וויכטיקע יוניאָן איז גרייט צו שטעלן זיך אויף אונדזער שטאַנדפּונקט פון אַ קאָמפּראָמיס. דאָס איז געווען די יוניאָן פון די א י י ז נ ב א ן־אַרבעטער און באַאַמטע; אַ יוניאָן, וואָס איז, ווי אַלע יוניאָנס פון יענער צייט אין רוסלאַנד, געווען סאָציאַליסטיש און האָט פאַרמאָגט אין עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אַ ריי לינקע סאָציאַליסטן און אינטערנאַציאָנאַליסטן פון פאַרשיידענע שאַטירונגען. אָט די עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון די אייזנבאַנער האָט זיך גערופן אויף רוסיש „וסעראָסיסקי איספּאָלניטעלני קאָמיטעט זשעלעזנאָדאָראָזשניקאָוו״, אָדער אין ראשי תיבות „וו. אי. ק. זשעל.״ אָדער „וויקזשעל״.

מיר האָבן זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די פירערס פון „וויקזשעל״.

דעם 29־טן אָקטאָבער (11־טן נאָוועמבער) איז פאָרגעקומען אין „ווייסן זאַל״ פון אייזנבאַן־מיניסטעריום דער ערשטער צוזאַמענקונפט פון פאָרטרעטער פון פאַרשיידענע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן פון „וויקזשעל״ אויף אַ באַראַטונג וועגן דער געשאַפענער לאַגע. די אייזנבאַנער זיינען געווען אַ וויכטיקע געווערקשאַפט, אין וועלכער אַלע האָבן זיך גענייטיקט. אָן „וויקזשעל״ האָט מען ניט געקאָנט שיקן קיין סאָלדאַטן ניט פון איין צד און ניט פון צווייטן צד. אַחוץ דעם האָט דער „וויקזשעל, אין אַ טעלעגראַם צו אַלע אייזנבאַן־אַרבעטער איבער גאַנץ רוסלאַנד געמאָלדן, אַז ער וועט אָנווענדן אַלע כוחות, כדי צו דערשלאָגן זיך אַן אויסגלייך צווישן אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, און אויב די צדדים וועלן זיך פאַרעקשנען, וועט ער, דער „וויקזשעל״, דערקלערן אַן אַ ל ג ע מ י י נ ע ם א י י ז נ־ב א ן ־ ס ט ר י י ק איבערן גאַנצן לאַנד.

עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אַלע איינגעלאַדענע אָרגאַניזאַציעס האָבן צוגעשיקט זייערע פאָרטרעטער צו דער דאָזיקער זיצונג. עס זיינען געקומען פאָרטרעטער פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען, פון די טרעיד יוניאָנס, פון דעם נייעם באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט פון די סאָוועטן, פון דער ניי־געגרינדעטער סאָוועט־רעגירונג (אַלעקסעי ריקאָוו), פון דעם „קאָמיטעט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די רעוואָלוציע״ (די אָרגאַניזאַציע פון די רעכטע סאָציאַליסטן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון פויערים־סאָוועט) א״אַ. דאָס ערשטע וואָרט האָט גענומען דער פאָרזיצער פון „וויקזשעל״ און האָט אויספירלעך דערקלערט זיין שטאַנדפּונקט, אַז עס דאַרף געגרינדעט ווערן אַ געמיינזאַמע רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען, וואָס זאָל מאַכן אַ סוף צו דעם ברודער־קאַמף, וואָס קאָן ברענגען צו אַן אמתן בירגער־קריג. דאַן זיינען אַרויסגעטראָטן די פאָרטרעטער פון די פאַרשיידענע פאַרטייען. די פאָרטרע־

טער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן דערקלערט, אַז אין דעם היינטיקן מאָמענט איז נאָך ניט קלאָר, וואָס עס וועט קומען און מען קאָן זיך ניט פאָרשטעלן קיין געמיינזאַמע רעגירונג מיט די באָלשעוויקעס, וואָס האַלטן אין מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן אונדזער אייגענער רעגירונג, און פאַרגיסן דאָס בלוט פון רעוואָלוציאָנערן. פאַרקערט, די פאָרטרעטער פון די אינטערנאַציאָנאַליסטן און די לינקע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן האָבן מיט גרויס באַגייסטערונג אונטערגעשטיצט דעם פאָרשלאַג פון „וויקזשעל״ וועגן דער גרינדונג פון אַ געמיינזאַמער רעגירונג, אָנהייבנדיק פון די פאָלקס־סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר דעם סאַמע רעכטן פליגל פון סאָציאַליזם, און איינגעשלאָסן די באָלשעוויקעס. רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן אָן אַ סוף און איך האָב זיך דערשראָקן, אַז די איניציאַטיוו זאָל ניט דערטרונקען ווערן אין אַ ים פון רעדעס און עס זאָל ניט פאַרלוירן גיין די קאָסטבאַרע צייט, וואָרים יעדע מינוט איז טייער. האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז די פאַרטייען, וואָס נעמען אָן אין פּרינציפּ די מעגלעכקייט פון אַ קאָמפּראָמיס, זאָלן אויסקלייבן אַ קליינע קאָמיסיע, וואָס זאָל פּרובירן אויסאַרבעטן די גרונד־באַדינגונגען פון אַ פּראַקטישן קאָמפּראָמיס. מיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָמיסיע פון 9 מענטשן. צווישן זיי געדענק איך קאָמענעוון און ריאַזאַנאָוון פון די באָלשעוויקעס, מאַרטאָוו און איך — פון די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן. געוועזן אַחוץ דעם פאָרטרעטער פון „וויקזשעל״, פון די לינקע ס.־ר. א״אַ.

פיר נעכט נאָכאַנאַנד האָט די דאָזיקע קאָמיסיע געאַרבעט. אַחוץ דער קאָמיסיע זיינען צוזאַמענגערופן געוואָרן אויך צוויי מאָל פולע זיצונגען מיט אַלע פאָרטרעטער. ניט אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן געוואָלט קומען און ניט אַלע פאַרטייען האָבן געוואָלט אַ קאָמפּראָמיס. כדי צו ווירקן אויף זיי האָבן מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן, אויסגענוצט די צאָלרייכע דעלעגאַציעס פון די פאַבריקן, וואָס פלעגן קומען אין „וויקזשעל״ און געראָטן זיי, זיי זאָלן שיקן גרויסע פאָרטרעטונגען צו יענע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קומען אין „וויקזשעל״. דער אָפּקלאַנג פון די פאַרהאַנדלונגען איז געווען אין שטאָט אַ געוואַלדיקער. עס איז געווען צו זען, אַז דער דאָזיקער געדאַנק וועגן אַ קאָמפּראָמיס אַנטשפּרעכט דער שטימונג פון דער גרויסער מערהייט פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג און דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער מאַסע. „וויקזשעל״ איז אויף אַ צייט געוואָרן דער פּאָליטישער צענטער פון פּעטערבורג. ניט געווען כמעט קיין איין גרויסע פאַבריק, וואָס זאָל ניט האָבן געשיקט אַ באַגריסונג צום „וויקזשעל״. יעדן טאָג פלעגן אָנקומען הונדערטער טעלעגראַמעס פון די אייזנבאַנער און אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד. יעדן טאָג פלעגט דער „וויקזשעל״ דורכן אייזנבאַן־טעלעגראַף אַרויסגעבן אַ בולעטין וועגן גאַנג פון די אונטערהאַנדלונגען.

די נעכט זיינען געווען פינצטערע און אומרואיקע. עס פלעגן פּאַר־קומען גזילות און באַוואָפנטע איבערפאַלן פון שיכורע כוליגאַנעס. דע־ריבער פלעגן די הויז־טויערן זיין פאַרשפּאַרט און די גאַנצע נאַכט פלעגן ביים טויער שטיין באַוואָפנטע איינוואוינער מיט רעוואָלווערן. ווען איך פלעג קומען אין מיין הויז 5—6 אזייגער אין דער פרי, נאָך די נאַכט־זיצונגען אין „וויקזשעל", פלעגן מיר יעדעס מאָל אַרומרינגלען די פריי־ווילוקע וועכטער פון די אַרומיקע הייזער און פלעגן מיך בעטן צו דער־ציילן זיי, וואו עס האַלט מיט די פאַרהאַנדלונגען.

די אונטערהאַנדלונגען זיינען אָבער געגאַנגען זייער שווער און זייער לאַנגזאַם. די רעכטע סאָציאַליסטן האָבן בשום אופן ניט געוואָלט, אַז אין דער רעגירונג זאָלן אַריין די באָלשעוויקעס. דערנאָך האָבן זיי יאָ צוגעשטימט צו דעם, אונטער אונדזער דרוק און אונטערן דרוק פון די פאַבריקן, אָבער מיט דעם תנאי, אַז צווישן די באָלשעוויסטישע מי־ניסטאָרן אָדער פאָלקס־קאָמיסאַרן זאָלן ניט זיין לענין אָדער טראָצקי, אַלס מענטשן, וואָס זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין פאַרברעכנס (אין פאַרבינדונג מיט די דייטשן) און האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קומען צו אַן עפנטלעכן געריכט. פון דער אַנדערער זייט האָבן די באָלשעוויקעס בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען די באַדינגונג, אַז די באַוואָפנטע קאַמפן אין מאָסקווע און אין אַנדערע ערטער זאָלן תיכף אָפּגעשטעלט ווערן. זיי האָט זיך ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון די הענט די מאַכט, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט און זיי האָבן שטענדיק פּרובירט אויסצומאַנ־קירן דעם „קאָמפּראָמיס" אַזוי, אַז די רעאַלע מאַכט זאָל אויך ווייטער בלייבן אין זייערע הענט. יעדער פאָרשלאַג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער קליינער קאָמיסיע, איז גלייך איבערגעגעבן געוואָרן צו דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, צו דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי און צום צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן, און פון דאָרטן פלעגן קומען גלייך אַנדערע קעגן־פאָרשלאַגן.

פון די באָלשעוויקעס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען קאַמענעוו, זינאָוויעוו, סאָקאָלניקאָוו, ריקאָוו, ריאַ־זאַנאָוו. איין מאָל, געדענק איך, איז צוזאַמען מיט זיי געקומען אויך סטאַלין (דאָס איז געווען אין דער ערשטער פולער זיצונג פון „וויק־זשעל" און ניט אין דער קליינער קאָמיסיע). אָבער ער האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און ניט גענומען קיין וואָרט. ווי מיר האָבן שפּעטער פאַרשטאַנען, איז ער געשיקט געוואָרן פון לענינען אַכטונג צו געבן אויף די „ווייכע" באָלשעוויקעס, זיי זאָלן ניט גיין צו ווייט אין קאָמ־פּראָמיס.

עס איז געווען איין נאַכט — אויב איך האָב ניט קיין טעות, איז עס געווען דעם 2־טן נאָוועמבער (לויט דעם אַלטן רוסישן קאַלענדאַר) — ווען מיר האָט זיך געדוכט, אַז אונדזער ציל איז דערגרייכט און אַז אַן אָפּמאַך איז געשלאָסן. קומענדיק אין דער פרי אַהיים, האָב איך

מיינע שכנים מיט גרויס באַפרידיקונג דערקלערט: „נו, איצט איז אַלץ אין אָרדענונג! אַן אויסגלייך איז געשלאָסן, אַ וואָפן־שטילשטאַנד ווערט דערקלערט נאָך היינט אין דער פרי. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט אויס־געקלעפּט ווערן איבער דער גאַנצער שטאָט אַן אויפרוף צו דער באַפעל־קערונג מיט דער רשימה פון דער נייער רעגירונג". ווי גליקלעך זיינען געווען אַלע אַרום, הערנדיק די דאָזיקע בשורה טובה, און ווי צופרידן בין איך געווען, ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפן אַ זייגער 6 אין דער פרי נאָך דער דאָזיקער נאַכט.

איך האָב ניט געזאָגט קיין ליגן, ווען איך האָב דאָס דערקלערט מיינע שכנים. עס איז טאַקע געווען דער ריינסטער אמת. אין אָט דער נאַכט האָט זיך אונדז איינגעגעבן ענדגילטיק צונויפרעדן זיך מיט די באָלשעוויקעס וועגן אַ קאָמפּראָמיס. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַלע באַוואָפנטע קאַמפן ווערן גלייך אָפּגעשטעלט, אַז אַלע אַרעסטירטע ווערן גלייך באַפרייט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זיינען אַוועק פון סאָוועט־צוזאַמענפאָר, וועלן זיך אומקערן אַהין און עס איז פעסט־געשטעלט געוואָרן די צאָל דעלעגאַטן, וואָס יעדע ריכטונג וועט אין סאָוועט האָבן. עס איז באַשטימט געוואָרן, אין וועמעס הענט עס וועט ליגן די מיליטערישע מאַכט אין מאָסקווע און פּעטערבורג און וואָס עס וועלן זיין די פונקציעס פון די שטאָט־פאַרוואַלטונגען (פון די שטאָט־דומעס) אין דיביידע שטעט און עס איז באַשטימט געוואָרן דער צוזאַ־מענשטעל פון דער צוקונפטיקער געמיינזאַמער רעגירונג. די רשימה פון דער נייער רעגירונג האָב איך אַליין פאַרשריבן מיט מיין אייגענער האַנט אויף אַ בלאַט פּאַפּיר און איבערגעגעבן אַ קאָפּיע קאָ־מענעוון. דער אָריגינאַל האָט זיך געפונען ביי מיר ביז צו מיין אָפּפאָר פון רוסלאַנד, און איז דאַן צוגענומען געוואָרן מיט מיין גאַנצן אַרכיוו פון די באָלשעוויקעס. איך האָב אויך אָנגעשריבן מיט מיין אייגענער האַנט דעם אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, וואָס האָט געזאָלט, לויט קאָמענעווס צוזאָג, אָפּגעדרוקט ווערן נאָך אין דער זעלביקער נאַכט און אויסגעקלעפּט ווערן איבער דער גאַנצער שטאָט.

אָבער ווען איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי דעם 3־טן (16־טן) נאָוועמבער, איז קיין שום אויפרוף ניט געווען אויסגעקלעפּט און קיין שום סימנים פון אַ געענדערטער לאַגע האָב איך ניט געזען. אומזיסט האָב איך פאַרן טאָג עטלעכע מאָל פּרובירט טעלעפאָנירן צו קאָמע־נעוון; איך האָב אים בשום אופן ניט געקאָנט קריגן אויפן טעלעפאָן. ערשט שפּעט ביי דער נאַכט, אויף דער לעצטער זיצונג פון דער קאָמי־סיע, האָב איך אים געטראָפן.

„וואָס איז דאָס אַזוינס, חבר קאָמענעוו, — האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים, ווען איך בין געקומען צו דער זיצונג, — וואָס הערט זיך מיטן אָפּמאַך און וואו איז דער אויפרוף?"

„אויפרוף? וועלכער אויפרוף?" — גיט מיט פאַרוואונדערונג אַ פרעג קאַמענעוו, אַנקוקנדיק מיך אומשולדיק מיט זיינע בלויע אויגן.

ערשט דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען, פאַר וואָס פיל חברים האָבן ניט ליב געהאַט קאַמענעוון, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַ קולטורעלער, רואיקער, געלאַסענער און בכלל אַ „זיידענער" מענטש. מען האָט אים אָבער געהאַלטן פאַר אַ שרעקלעכן ליגנער, און דאָס איז ער געווען, ווי איך האָב זיך איצט איבערצייגט.

„וואָס הייסט, וואָס פאַר אַן אויפרוף?" — ענטפער איך אים. — „איר האָט פאַרגעסן, וואָס עס איז פאַרגעקומען אין דער לעצטער נאַכט. מיר זיינען דאָך עפּעס געקומען צו אַן אויסגלייך; מיר האָבן דאָך אַ רשימה פון אַ רעגירונג; מיר האָבן דאָך אויסגעפּאַרטיקט אַ טעקסט פון אַן אויפרוף. וואו איז דאָס אַלץ?"

מיט דער זעלביקער רואיקער אומפאַרשעמטקייט הייבט קאַמע־נעוו אָן מיר צו דערקלערן, אַז דאָס אַלץ זיינען געווען נאָר פּראָיעקטן און וואונטשן, אַז קיין שום פאַרפליכטונגען האָט ער ניט איבערגענו־מען און אַז זיין פּאַרטיי איז ניט מסכים מיט אַ קאָמפּראָמיס אין אַט דער פאָרם.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער פּראָיעקט איז דורכגעפאַלן, און מיר האָבן אויך געוואוסט פאַר וואָס. אין יענע טעג איז קערענסקי, אַ באַזיגטער, אַנטלאָפן פון גאַטשינא. אין יענער נאַכט איז געשלאָסן געוואָרן דער וואָפנשטילשטאַנד אין מאָסקווע, וואָס האָט פאַקטיש גע־מאַכט די באָלשעוויקעס פאַר די הערשער איבער דער שטאָט. אין יע־נעם מאָמענט האָט זיך די באָלשעוויקעס איינגעגעבן, דורך זייערע מענטשן אין „וויקזשעל", אַרויסצובאַקומען טרעינס פאַר דער רויטער גוואַרדיע. לענין האָט זיך מער ניט גענייטיקט אין קיין שום קאָמפּראָ־מיסן. ער איז געווען זיכער אין זיין זיג און ער האָט געהייסן די „ווייכע" איבעררייסן אַלע אונטערהאַנדלונגען. מען האָט אונדז שפּעטער אי־בערגעגעבן, אַז ווען די „ווייכע" באָלשעוויקעס האָבן געפאָדערט אַ קאָמפּראָמיס, האָט לענין געוואָלט ביי זיי דערגיין „ווי פיל דיוויזיעס" די מענשעוויקעס האָבן. אָבער מיר האָבן געהאַט ווייניק די־וויזיעס.

מאַרטאָוו און איך האָבן דאַן אַרויסגעלאָזן אַ דעקלאַראַציע, פאָ־דערנדיק, אַז עס זאָל גלייך אָפּגעשטעלט ווערן דער טעראָר, וואָס האָט אָנגעהויבן צו בושוועון אין פּעטערבורג און אין אַנדערע שטעט, און מיר האָבן אַרויפגעלייגט די שולד פאַר דעם דורכפאַל פון אַ קאָמפּראָ־מיס אויף די באָלשעוויקעס. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן שוין יע־מאָלט געהאַט אין זייערע הענט די גאַנצע פּרעסע, אַלע דרוקערייען, דעם טעלעגראַף און דעם טעלעפאָן און זיי האָבן בעסער געקאָנט צו־קומען צו די מאַסן איידער מיר, אַ מאַכטלאָזע מינדערהייט. און אין די אָפיציעלע דערקלערונגען פון דער סאָוועט-רעגירונג און אין אַלע שפּע־

טערדיקע אָפּיציעלע ביכער, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן וועגן דער געשיכטע פון יענע טעג, ווערט, פאַרשטייט זיך, די גאַנצע שולד אַרויפגעלייגט אויף אונדז. *מיר* האָבן דאָס געוואָלט, אינאיינעם מיט דער גאַנצער קאָנטר־רעוואָלוציע, „אַרויסרייסן" פון לעניננס הענט דעם הערלעכן פּראָלעטאַרישן זיג.

אין די רעכטע קרייזן פון דער באַפעלקערונג איז דאָס וואָרט „וויקזשעל" שפּעטער געוואָרן אַ מין זידל־וואָרט. מען האָט זאָגאַר איינגעפירט אין דער פּרעסע דאָס וואָרט „וויקזשעלעווען", וואָס האָט געמיינט „דרייען זיך", זוכן קאָמפּראָמיסן.

איך האַלט ביזן היינטיקן טאָג, אַז די דאָזיקע באַציאונג צום „וויקזשעל" איז ניט קיין גערעכטע. דער פּרואוו צו דערגרייכן אַ קאָמפּראָמיס איז געווען היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש דורכאויס באַרעכטיקט און נייטיק. מיר, די טאַטעס פון „וויקזשעל", האָבן זייער גוט געקאָנט לענינען און פאַרשטאַנען, אַז לענין וועט *מיט גוטן* קיין מאָל אויף קיין קאָמפּראָמיס ניט איינגיין, אָבער מיר האָבן געהאָפט, אַז די באַדינגונגען וועלן אים צווינגען דערצו. און די דאָזיקע האָפענונג איז גאָר ניט געווען אַזוי אוטאָפּיסטיש. וואָלט דער מיליטערישער ווידערשטאַנד קעגן די באָלשעוויקעס געווען אַ קאָפּיטשקע שטאַרקער, וואָלטן די שלאַכטן געווען שטאַרקערע און וואָלטן זיי געדויערט מיט עטלעכע טעג מער, וואָלט וואַרשיינלעך אין „ווייסן זאַל" פון אייזנבאַן־מיניסטעריום אין פּעטערבורג דאָך געשלאָסן געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס.

עס איז געווען אַ מיינונג, אַז דער גאַנצער „וויקזשעל" איז ביי די באָלשעוויקעס נאָר געווען אַ מיטל אויף אונדז אָפּצונאַרן און אויף צו געווינען צייט, און אַז לענין האָט אונדז בכיוון געשיקט „ווייכע", כדי מיר זאָלן זיך מיט זיי וואַדזשענען און דערווייל־וואָס ניט קעמפן. עס לייגט זיך זייער אויפן שכל, אַז לענין האָט אַזאַ מאַקיאַוועליסטישע טאַקטיק געקאָנט פירן, דאָס איז אינגאַנצן געלעגן אין זיין כאַראַקטער. אָבער די „ווייכע" האָבן דעם דאָזיקן שפּיל געפירט אויפריכטיק און ניט כדי אונדז צו פאַרפירן. אַ סימן איז, אַז אָט די אַלע פריער אויסגערעכנטע באָלשעוויסטישע פירערס האָבן *עפנטלעך* פּראָטעסטירט — אין אַ קאָלעקטיווער דעקלאַראַציע — קעגן לענינען פאַר זיין אָפּזאָגן זיך פון אַ קאָמפּראָמיס. און זיי האָבן ניט נאָר פּראָטעסטירט, זיי האָבן געטאָן נאָך מער: זיי זיינען צום פּראָטעסט *אַרויסגעטראָטן פון דער רעגירונג*, אין וועלכער זיי זיינען געווען קאָמיסאַרן, און פון צענטראַל קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, דערקלערנדיק, אַז זיי ווילן ניט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן ברודער־קאַמף, וואָס וועט קומען צוליב לענינס טאַקטיק. לונאַטשאַרסקי, דער ליבהאָבער פון קונסט, האָט געוויינט ווי אַ קינד, ווען עס איז איבערגעגעבן געוואָרן די נאַכריכט, אַז אין מאָסקווע איז ביי די קאַמפן צעשטערט געוואָרן די באַרימטע קירך פון וואַסילי בלאַזשעני. די נאַכ-

ריכט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פֿאַלש, אָבער לונאַטשאַרסקיס טרערן זיינען געווען עכטע. און פּונקט אַזוי עכט און אויפֿריכטיק איז געווען דער צאָרן פֿון דעם אַלטן ריאַזאַנאָוו, מיט וועמען איך בין געווען אין יענער צייט נאָענט באַפֿריינדעט, וואָס האָט מיר אין דער שפּעטערדיקער צייט ניט איין מאָל געזאָגט, אַז „וויקזשעל" איז געווען דער איינציקער היסטאָרישער שאַנס אויף צו ראַטעווען די רוסישע רעוואָלוציע אי פֿון קאָנטער־רעוואָלוציע, אי פֿון אַ טעראָריסטישער דיקטאַטור.

צי איז דאָס ריכטיק, צי נישט, — איז אַן אַנדער פֿראַגע, אָבער אַזוי האָבן מיר יעמאָלט געמיינט און דער צוועק פֿון מיינע דערמאָנונגען איז צו דערציילן די געשעענישן אַזוי ווי איך געדענק זיי און אַזוי ווי איך האָב זיי איבערגעלעבט.

4

קריג און פרידן: אַ דיסקוסיע אויפֿן פּראָנט

גראַד אין די טעג ווען מיר האָבן פֿאַרהאַנדלט אין „וויקזשעל", האָבן די חברים פֿון וויטעבסק דרינגנדיק געפֿאָדערט, אַז איך זאָל אַראָפּקומען כאָטש אויף אַ פּאָר טעג צו זיי, ווייל די וואַל־קאַמפּאַניע פֿאַר אונדזער צעטל צו דער גרינדונגס־פֿאַרזאַמלונג גייט ניט באַזונדערס גוט.

איך בין „געלאָפֿן", ווי מען זאָגט אין אַמעריקע, אין אייניקע וואַל־קרייזן אַלס דער קאַנדידאַט פֿון „בונד" און פֿון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי. אויף וויפֿיל איך דערמאָן זיך, איז מיין קאַנדידאַטור געווען אַרויסגעשטעלט אין וויטעבסק, האָמעל, יעקאַטערינאָסלאַוו און נאָך ערגעץ־וואו. אַלס אַ רעאַלער וואַל־קרייז, וואו איך האָב געקאָנט טאַקע אויסגעקליבן ווערן, איז פֿאַררעכנט געוואָרן די וויטעבסקער גובערניע. און אָט אַהער האָט מען מיך אַרויסגערופֿן, כדי איך זאָל דורך מיין פּערזענלעכער אָנוועזנהייט אַביסל מיטהעלפֿן דעם קאַמפּיין.

איך האָב באַנוצט דעם איבעררייס אין די אונטערהאַנדלונגען פֿון „וויקזשעל", כדי אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין וויטעבסק.

איך האָב געפֿונען די שטאָט אין אַן אומרואיקע און פּאָליטיש אַ צעטיילטע. דער וויטעבסקער סאָוועט, די וויטעבסקער דעמאָקראַטישע שטאָט־פֿאַרוואַלטונג און די וויטעבסקער אַ ר ב ע ט ע ר אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען אין זייער מערהייט אַנטי־באָלשעוויסטיש. דער מענשעוויק ט אַ ר ל ע און אונדזער בונדיסטישער חבר גריגאָרי אַ ר אָ נ ס אָ ן, וואָס געפֿינט זיך איצט אין ניו־יאָרק, זיינען געשטאַנען בראָש פֿון סאָוועט און פֿון דער שטאָטישער דומע. אָבער די ס אָ ל ד אַ ט ן פֿון וויטעבסקער גאַרניזאָן זיינען געווען באָלשעוויסטיש, און די מאַכט האָט

געהערט צו דעם „מיליטעריש-רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט", וואָס האָט געהערשט איבער דער שטאָט קעגן דעם ווילן פון דער מערהייט אָרגאַניזירטע אַרבעטער.

איך האָב געהאַט זיצונגען מיט די פירערס פון דעם סאָוועט, וואָס האָבן דאָס רוב באַלאַנגט צו די אָבאָראָנצעס און סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. אָבער די באַריכטן, וואָס איך האָב אויסגעהערט פון די חברים פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, האָבן מיך איבערצייגט, אַז די שטימונגען אין דער ברייטער ניט-אָרגאַניזירטער מאַסע, באַזונדערס צווישן די קליינבירגער, איז ניט אַזאַ פעסטע, ווי צווישן די אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער. וויטעבסק איז דאָס רוב געווען אַ אידישע שטאָט. די אידישע קליינבירגער פון וויטעבסק און פון די אַרומיקע שטעט האָבן זיך ניט אינטערעסירט באַזונדערס ניט מיט דעם אַגראַר-דעקרעט, וואָס לענין האָט אַרויסגעלאָזן, און ניט מיטן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער זייערע זין, מענער און ברידער זיינען געווען אויפן פראָנט. די באַפעלקערונג איז געווען שרעקלעך פאַרמאַטערט פון דער לאַנגער מלחמה, און די נייע באָלשעוויסטישע רעגירונג האָט זיי אינטערעסירט פון דעם שטאַנדפונקט, אַז אפשר וועט דאָס ברענגען אַ סוף צו דער פאַרפלוכטער מלחמה. עס איז געווען קאָנטיק, אַז די אידייע פון שלום האָט געצויגן שטאַרקע סימפּאַטיעס אין דער באַפעלקערונג פון דער וויטעבסקער געגנט, וואָס איז געלעגן נאָענט צום פראָנט און וואָס האָט שטאַרק געליטן פון דער מלחמה.

דעם דאָזיקן איינדרוק האָט מיר אַביסל שפּעטער באַשטעטיקט אסתר פרומקין, די פאַרביסענע אָבאָראָנקע, די קעגנערין פון אַ קאָמפּראָמיס מיט די באָלשעוויקעס. זי איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון צ. ק. פון „בונד" צו פירן דעם וואַל-קאַמפּעין אין וויטעבסקער קרייז און זי האָט מיט איר גאַנצער ענערגיע געפירט דאָרטן די אַגיטאַציע פאַר מיין קאַנדידאַטור, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פּאָליטיש איז זי געווען מיינע אַ קעגנערין. אָבער שפּעטער האָט זי זיך מודה געווען, אַז ווען זי פלעגט זיך אָוועקשטעלן שמועסן מיט אידישע פרויען, פלעגן די מאַמעס און די ווייבער פון די סאָלדאַטן אָפט זאָגן, אַז אפשר דאַרף מען טאַקע שטימען פאַר די באָלשעוויקעס: „טאָמער וועלן אונדזערע זין און מענער קאָנען קומען פון פראָנט?!"

דעמזעלביקן איינדרוק, אַז די קראַפט פון דער גאַנצער באָלשעוויסטישער באַוועגונג ליגט דער עיקר אין זייער אַגיטאַציע פאַרן שלום, האָב איך אויך באַקומען אין גאָר אַ שטאַרקער און שאַרפער פאָרם אין פּאָלאָצק, ניט ווייט פון וויטעבסק, וואָס האָט אויך געהערט צו מיין וואַל-קרייז.

פּאָלאָצק איז אַ קליינע שטאָט אויפן ברעג פון דווינע, וואָס האָט ניט געהאַט קיין גרויסע צאָל איינוואוינער און וואָלט ניט געשפּילט קיין ראָל אין די וואַלן, אויב ניט דער קריג. אָבער אין קריג איז פּאָלאָצק

געוואָרן אַ וויכטיקער מיליטערישער צענטער, וואו עס זיינען געשטאַ־נען אַ 20 טויזנט סאָלדאַטן, אַלץ מענטשן מיט וואָל־רעכט. פּאָלאָצק איז געווען דער סאַמע פראָנט: אויף דער צווייטער זייט דווינע זיינען שוין געשטאַנען די דייטשן, און אין די פריערדיקע חדשים האָבן זיך דאָרטן געפירט גאַנץ שאַרפע שלאַכטן. די קליינע שטאָט פּאָלאָצק איז געווען אין גאַנצן פאַרפלייצט מיט מיליטער, ווען איך בין אַהין געקומען. די קליינע ציווילע באַפעלקערונג, ס׳רוב אידן, זיינען בטל בשישים געוואָרן צווישן די מיליטער־לייט. דאָרטן איז אָבער געווען אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם קאַמפּעין פאַר מיין קאַנדידאַטור. ביי־טאָג האָב איך געהאַט אַ אידישן מיטינג, אין דער נאַכט האָט געזאָלט פאָרקומען אַ קאָלאָסאַלער מאַסן־מיטינג פון עטלעכע טויזנט סאָלדאַטן. דער סאָלדאַטישער מיטינג איז פאָרגעקו־מען אין אַ צירק. ווען איך בין געקומען אַהין, איז דער צירק געווען אי־בערגעפּאַקט מיט אַן אומגעהייערער מאַסע סאָלדאַטן אין ערד־קאָלירענע זייער לאַנגע שינעלן: דאָס זיינען געווען קאַוואַלעריסטן. די באַלייכ־טונג אין צירק איז געווען שלעכט. אַלע האָבן גערויכערט, און אַזוי־אַרום האָב איך פון דער הילצערנער עסטראַדע געזען נאָר אַ צעשוואו־מענעם ים פון קעפּ, לאַנגע, טונקעלע שינעלן און וואָלקענס פון בלויען מאַכאָרקע־רויך.

איך האָב גערעדט, פאַרשטייט זיך, וועגן די לעצטע געשעענישן אין פּעטערבורג, איך האָב זיי דערציילט וועגן די אונטערהאַנדלונגען אין „וויקזשעל”. איך האָב אָנגעקלאָגט די באָלשעוויקעס פאַר זייער שפּאַלטערישער אַרבעט, פאַר דעם אָפּזאָג צו גיין אויף אַ קאָמפּראָמיס מיט די אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. איך האָב גערעדט אויך, אַלס אינטערנאַציאָנאַליסט, קעגן קריג און פאַר שלום. אָבער אין דער זעלבער צייט האָב איך דערקלערט, אַז דער וועג וואָס לענין וויל אָנווענדן, וועט ברענגען ניט צו אַ דעמאָקראַטישן יושרדיקן שלום, פאַר וועלכן מיר קעמפן, נאָר צו אַ פולשטענדיקער קאַפּיטולאַציע פון רוס־לאַנד. לענינס רעגירונג האָט יעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די איינצלנע אַרמייען זאָלן אַליין אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען מיט די דייטשן וועגן אַ וואָפן־שטילשטאַנד, ניט וואַרטנדיק אויף צענטראַלע אונטערהאַנדלונגען. די צענטראַלע אונטערהאַנדלונגען האָבן געזאָלט פירן דער רוסישער גענעראַל־שטאַב, און דער אויבערשטער קאָמאַנדיר גענעראַל ד ו כ אָ נ י ן. אָבער דוכאָנין האָט דאָס ניט געוואָלט טאָן, און לענין האָט באַשטימט אויף זיין אָרט דעם באָלשעוויק ק ר י ל ע נ ק אָ, וואָס איז געווען אַ סטודענט פאַר דער מלחמה און איז אין דער מלחמה געוואָרן אַ „פּראַפּאָרשטשיק” (אונטער־לייטענאַנט). איז קרילענקאָ געקומען קיין מאָהילעוו און האָט געלאָזט אַרעסטירן דוכאָנינען, וועמען די סאָלדאַטן און מאַטראָסן האָבן אַרויסגעשלעפּט פון וואַגאָן און דערשאָסן אויף דער שטעל, אין אָנוועזנהייט פון דעם נייעם „אויבער־

קאָמאַנדיר" פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס האָט מאַכטלאָז פּראָטעס־טירט קעגן דעם מאָרד. ביז וואַנען עס האָט זיך איינגעשטעלט אַ נייע קאָמאַנדע פון דער אַרמיי, אַאַז"וו, האָבן די איינצלנע אַרמייען, דיוויזיעס, פּאָלקן און אַפילו ראָטעס באַקומען דאָס רעכט צו פירן שלום־אונטערהאַנדלונגען זעלבסטשטענדיק מיט די געהעריקע דייטשע אַרמייען אָדער קאָמאַנדירן. אַזוי אַרום זיינען די שלום־אונטערהאַנדלונגען, צעברעקלט געוואָרן אויף הונדערטער סעפּאַראַטע אונטערהאַנדלונגען, און דאָס האָט שרעקלעך דעמאָראַליזירט און דעזאָרגאַניזירט די רוסישע אַרמיי. עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי די דייטשן, וואו די אַרמיי איז יעמאָלט, אין נאָוועמבער 1917, נאָך געווען אַבסאָלוט דיסציפּלינירט און צענטראַליזירט, איז קיין שום צעשפּליטערונג און צעברעקלונג ניט געווען; דאָרטן איז אַלץ געגאַנגען לויט אַ באַפעל פון די גענעראַלן הינדענבורג, לודענדאָרף און האָפמאַן.

אָט קעגן דער געפאַר פון אַ רוסישער צעשפּליטערונג און אַ רוסישער פאַרשקלאַפונג צוליב דער דעזאָרגאַניזאַציע פון פראָנט, האָב איך געוואָרנט די רוסישע סאָלדאַטן־קאָוואָלעריסטן אין פּאָלאָצקער צירק. איך האָב זיי געזאָגט, אַז דער איינציקער שאַנס צו ראַטעווען די רוסישע רעוואָלוציע איז, אַז אַ ל ע אירע כוחות זאָלן זיך צוזאַמענגעמען אין איינעם, זאָלן גרינדן אַ געמיינזאַמע רעגירונג, וואָס וועט פאַרהיטן פון אַ בירגער־קריג אין רוסישן פאָלק און וועט זיין פעאיק צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער איינהייטלעכער און דיסציפּלינירטער דייטשער אַרמיי.

עס איז מיר געווען שווער פעסטצושטעלן די שטימונג פון די סאָלדאַטן אין פּאָלאָצקער צירק. מיין רעדע האָט באַקומען שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן. אָבער פּונקט אַזוי שטאַרק האָט מען אַפּלאָדירט די באָלשעוויסטישע רעדנערס, וואָס האָבן גערעדט נאָך מיר.

נאָכן מאַס־מיטינג האָט געזאָלט פאָרקומען אַ זיצונג פון דעם אַרמיי־סאָוועט. איך, אַלס אַ מיטגליד פון צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט, וואָס איז אָקערשט געקומען פון פּעטערבורג, האָב געזאָלט דאָרטן אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן די לעצטע געשעענישן אין דער הויפּט־שטאָט און וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאַגע.

אַ 40—50 מענטשן, לויטער סאָלדאַטן, זיינען געזעסן אַרום לאַנגע הילצערנע טישן אין דעם אַרמיי־קאָמיטעט. אויף איין זייט פון דעם לאַנגען טיש זיינען געזעסן מיר, 7—8 מענשעוויקעס און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן; אויפן צווייטן עק פון לאַנגען טיש איז געזעסן די באָלשעוויסטישע גרופּע, אויך אַ 7—8 מאַן, ניט מער. און צווישן די ביידע גרופּעס איז געזעסן און געשטאַנען די „נייטראַלע", אומפּאַרטייאישע מאַסע, וואָס איז געווען צעטומלט, וואָס האָט געזען, אַז ביידע צדדים זיינען אין עפּעס גערעכט, און האָט זיך ניט געקאָנט אַנטשליסן אויף וועלכן צד זיך צו שטעלן.

כ׳האָב אָפּגעגעבן אַ גענויען באַריכט וועגן די פּעטערבורגער גע־שעענישן. איך האָב נאָך אַמאָל אויספּירלעך געשילדערט די סכּנה פון שפּאַלטונג און ווידער גערופן צו קאָמפּראָמיס און אייניקייט. איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענדיקן, האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט און עס איז אַריין אַ סאָלדאַט מיט אַ טעלעגראַמע אין דער האַנט. דאָס איז געווען אַ ראַדיאָ־טעלעגראַמע פון דער דייטשער אויבער־קאָמאַנדע, אַז די דייטשע רעגירונג זאָגט זיך אָפּ צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט אַן „אומגעזעצלעכער באָלשעוויסטישער רעגירונג”, וואָס רעפּרעזענ־טירט ניט רוסלאַנד. מען האָט שפּעטער פיל דיסקוטירט וועגן דעם, וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ טעלעגראַמע, און ווי אַזוי די דייטשן האָבן פאַר־נומען אַזאַ מין שטעלונג. אָבער אין אונדזער זיצונג אין פּאַלאַצק, האָט די דאָזיקע טעלעגראַמע געווירקט ווי אַ באָמבע. און די דאָזיקע באָמבע האָט אויפגעריסן און פאַרניכטעט אויף אַ מאָמענט דעם גאַנצן איינפלוס פון די באָלשעוויקעס. פאַרלוירענע, נידערגעשלאָגענע זיינען געזעסן די עטלעכע באָלשעוויקעס אויפן צווייטן עק טיש, האָבן געשטאַמלט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. און ווי אייזערנע שפּענער צו אַ מאַג־נעט, אַזוי האָט זיך די נייטראַלע מאַסע אַ רוק געטאָן צו אונדז, צו דעם צווייטן עק פון טיש. דאָס בילד איז געוואָרן סימבאָליש. אויב די דייטשן פאַרהאַנדלען ניט מיט די באָלשעוויקעס, הייסט דאָס, אַז די באָלשעוויקעס וועלן ניט ברענגען קיין שלום, און אויב זיי ברענגען קיין שלום ניט, טאָ צו וואָס דאַרף מען זיי האָבן, די שפּאַלטער, די שרייער, די געוואַלט־טוער?

דערפאַר אָבער זיינען אונדזערע שאַנסן שטאַרק געשטיגן: פאַרט די פאַרטרעטער פון אַ געזעצלעכער רעגירונג, מענטשן וואָס זיינען פאַר אייניקייט, פאַר ברודערשאַפט, פאַר אָפּהיטן די אינטערעסן פון רוסישן פאָטערלאַנד.

אָבער אונדזער טריאומף האָט ניט לאַנג געדויערט: אין אַ שעה אָדער אַנדערהאַלבן אַרום איז געקומען אַן אָפיציעלע אָפּלייקענונג פון דער ערשטער ראַדיאָ־טעלעגראַמע. די דייטשן האָבן יאָ צוגעשטימט צו פירן אָט די צעשפּליטערטע דעזאָרגאַניזירטע פרידנס־פאַרהאַנדלונגען, וואָס דער דייטשער אַרמיי האָבן זיי ניט געבראַכט קיין שום שאָדן און דעם רוסישן פראָנט האָבן זיי פּאַקטיש אין גאַנצן פאַרניכטעט.

די צווייטע טעלעגראַמע האָט ווידער געביטן די אַטמאָספערע אין אונדזער זיצונג, אָבער אין פאַרקערטן זינען. איצט איז שוין די באָל־שעוויסטישע גרופּקע געוואָרן דער מאַגנעט. דער עולם האָט זיך אַ רוק געטאָן צו זיי, און אונדזער עק טיש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן איינזאַמע איזאָלירטע אינזעלע פון פאַרלוירענע און נידערגעשלאָגענע מענטשן.

אָט די נאַכט אין פּאַלאַצק איז פאַר מיר פּערזענלעך געווען די שטאַרקסטע באַשטעטיקונג פון דעם, וואָס איך האָב געפילט די גאַנצע

צייט. די גאַנצע פּראָבלעם פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז אין יע־נעם מאָמענט געלעגן אין דער פראַגע פון שלום. איך בין געווען גע־רעכט, ווען איך האָב געטענהעט צו צערעטעלין, אַז די מאַכט וועט האָבן דער, וואָס וועט דער ערשטער ברענגען דעם שלום. ניט וויכטיק וואָס פאַר אַ שלום און אויף וועלכע באַדינגונגען: דער עיקר איז שלום.

אין דער צייט, ווען די פּאַטריאָטישע אַבאַראָנצעס האָבן געמיינט, אַז דאָס רוסישע פאָלק וועט „קיין מאָל ניט אָננעמען אַ שענדלעכן פרידן", וואָס זאָל באַדייטן די נאַציאָנאַלע נידערלאַגע פון רוסלאַנד; אין דער צייט, ווען דער נאָבעלער צערעטעלי האָט געהאַלטן, אַז מיר טאָרן ניט פאַרראַטן אונדזערע עלאַיס — די פראַנצויזן און ענגלענדער; אין דער צייט, ווען דער היציקער ליבער איז געווען זיכער, אַז דער רוסישער פויער וועט צערייסן אויף שטיקער אַלע פאַררעטער, וואָס וועלן מאַכן אַ סעפּאַראַטן פרידן מיט די דייטשע זיגער, — אין דער צייט האָב איך אין פּאָלאַצק באַשיינפּערלעך געזען דאָס, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געפילט: נעמלעך, אַז דער רוסישער פויער איז גאָר ניט קיין פּאַטריאָט, אַז ער קימערט זיך אין גאַנצן ניט וועגן דער אייראָפּע־אישער דעמאָקראַטיע אָדער אַפילו וועגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער רוסישער מלוכה, אַז ער וויל פרידן פאַר יעדן פּרייז.

5
די מאַסן און די באָלשעוויקעס

פּאָלאָצק האָט דאָס באַשטעטיקט, און דאָס האָבן באַשטעטיקט אויך די רעזולטאַטן פון די וואַלן. אונדזער רשימה האָט באַקומען אין מיין פּאַטער־גובערניע, וואו כמעט אַלע האָבן מיך געקאָנט, אַ מינדערהייט שטימען, און געזיגט האָבן, אין די שטעט, אין די אידישע קליינבירגער־לעכע שטעט, די באָלשעוויקעס. דאָס זיינען געווען אָט יענע מאַמעס, וואָס האָבן איינגעטענהעט מיט אסתר פרומקין, אַז זיי ווילן האָבן זייערע זין צוריק פון פראָנט.

די פרידנס־אַגיטאַציע פון די באָלשעוויקעס איז געווען איינע פון די הויפּט־זיילן, אויף וועלכע עס איז געווען געגרינדעט די באָלשעוויס־טישע מאַכט אין ווינטער 1917. די אויסזיכט גלייך צו פאַרענדיקן דעם קריג און צו האָבן די מעגלעכקייט צוריקקערן זיך אין די דערפער, וואו עס האָט געזאָלט פאַרקומען די לאַנג־דערוואַרטעטע אַגראַר־רעוואָלוציע, איז געווען אַ מעכטיקער צוציענדיקער כוח פאַר דעם צענדליק מיליאָן סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די רוסישע פראָנטן. אין דער דאָזיקער געוואַלטיקער סאָלדאַטן־מאַסע האָבן געהערשט די פאַרשיידנ־סטע פּאָליטישע מיינונגען און שטימונגען. אמתע באָלשעוויקעס זיינען צווישן זיי געווען גאָר ווייניק. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז אוממעגלעך צו געפינען אַרמיי־טיילן וואָס

זאָלן זיין גרייט צו קעמפן קעגן דער סאָוועט-רעגירונג, — קעגן דער רעגירונג פון לענינען, וואָס האָט פאַרענדיקט די מלחמה און געשטעלט אין אויסזיכט די באַלדיקע אַגראַר-רעוואָלוציע.

שוין קערענסקי האָט זיך געמוזט איבערצייגן אין דעם בשעת זיין פּרואוו אין גאַטשינע. אַפילו די קאָזאַקישע פּאָלקן, וואָס זיינען זיכער געווען זייער ווייט פון סאָציאַליזם און רעוואָלוציע, האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו שטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די באָלשעוויסטיש-געשטימטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען געגאַנגען אַרעסטירן קערענסקין. פּונקט די זעלביקע דערפאַרונג האָבן געהאַט די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, ווען זיי האָבן געהאָפט צו געפינען אַן אַנטי-באָלשעוויסטישן כוח אין יענער רוסישער אַרמיי, וואָס איז געשטאַנען אויפן דרום-פראָנט אין רומעניע. לויט אַלע ידיעות זיינען די דאָרטיקע סאָלדאַטן געווען שטאַרק אַנטי-באָלשעוויסטיש. אָבער צו ש י ס ן און ד ע ר ש אָ ס ן צ ו ו ע ר ן צוליב דער רוסישער דעמאָקראַטיע זיינען זיי ניט געווען גרייט.

אויך איך אַליין האָב געהאַט אַזאַ מין דערפאַרונג. גלייך אין די ערשטע פּאָר וואָכן נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש זיינען געוויסע טיילן פון דער דרום-אַרמיי אָנגעקומען ניט ווייט פון פּעטראָגראַד — אין צאַרסקאָיע סעלאָ (שפּעטער קראַסנאָיע סעלאָ). אַ דעלעגאַציע פון יענע פריש-געקומענע סאָלדאַטן, אָנגעפירט פון אַ מיליטערישן דאָקטאָר, אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, איז געקומען צו אונדז אין צענטראַלן קאָמיטעט פון די מענשעוויקעס, און איך בין באַשטימט געוואָרן פון צענטראַל-קאָמיטעט צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער דעלעגאַציע. דעם דאָקטאָר, וועלכער איז געווען דער וואָרט-פירער פון דער סאָלדאַטישער דעלעגאַציע, האָב איך גלייך דערקאַנט. דאָס איז געווען מיין אַלטער באַקאַנטער, דער סאָציאַל-דעמאָקראַט ה י ר ש ב ע ר ג פון ליבאַווע, מיט וועלכן מיר האָבן צוזאַמען אָרגאַניזירט אומלעגאַלע טראַנספּאָרטן פון ליטעראַטור אין ריגע אין 1902. איצט האָבן מיר זיך פון דאָס ניי געטראָפן, מיט פופצן יאָר שפּעטער, אין אַ טראַגישער סיטואַציע.

„מיר זיינען געקומען צו אייך, צום צענטראַל-קאָמיטעט, ווייל מיר זיינען סאָציאַל-דעמאָקראַטן און ווייל מיר האָבן געהערט וועגן אייערע אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויקעס אין „וויקזשעל". וואָס דאַרפן מיר טאָן? פאַרגעסט ניט, אַז מיר זיינען „מענטשן מיט ביקסן" און מיט האַרמאַטן. מיר דאַרפן האָבן אַן איינפאַכן ענטפער: שיסן, אָדער ניט שיסן!"

אַט דעם פּשוטן ענטפער — שיסן, צי ניט שיסן — האָבן מיר, אַלס צענטראַל-קאָמיטעט, ניט געקאָנט געבן, ווייל אונדזער הויפּט-צוועק איז געווען אין יענעם מאָמענט דווקא אויסמיידן שיסערייען אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, ניט צו דערלאָזן צו אַ בירגער-קריג אין די רייען פון די אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע סאָלדאַטן.

אַנשטאָט שיסן, האָבן מיר גערעדט מיט די דעלעגאַטן פון דער דרום-אַרמיי, זיי זאָלן גיין צו די באָלשעוויקעס און צווינגען זיי אויפ-צוגעמען פון דאָס ניי די אונטערהאַנדלונגען. אָבער זייער שנעל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע דיסקוסיע וועגן שיסן, אָדער ניט שיסן, איז געווען אַן איבעריקע, ווייל די סאָלדאַטן, אפילו די, וואָס זיינען ניט געווען צופרידן מיט די באָלשעוויקעס, האָבן אַפילו ניט געטראַכט וועגן שיסן און קעמפן.

און די דאָזיקע שטימונג איז געווען פאַרשפּרייט ניט נאָר צווישן סאָלדאַטן, נאָר אויך צווישן די ברייטע מאַסן פון דער קליינבירגערלעכער באַפעלקערונג. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אַט אין מיין אייגענעם וויטעבסקער וואָל-קרייז האָבן די ברייטע אידישע מאַסן געשטימט פאַר די באָלשעוויקעס.

עס קאָן גרייליך זיין, אַז אַט די וויטעבסקער, פּאָלאָצקער, דווינ-סקער אידישע קרעמערס און באַלמעלאָכעס וואָלטן געשטימט אין גאַנצן אַנדערש, אויב זיי וואָלטן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אין וועלכע אַכט-ניין חדשים אַרום וועלן אַט די זעלביקע באָלשעוויקעס צונעמען ביי זיי די קרעמלעך און די וואַרשטאַטלעך, אַפילו די קלענסטע, און וועלן די אידישע קליינבירגער דערקלערן פאַר „ספּעקולאַנטן" און „בורזשוקעס", וועלכע מען דאַרף פאַרפאָלגן מיט די שטרענגסטע מיטלען פון טעראָר. אָבער אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט מען נאָך וועגן דעם ניט געטראַכט, און קיינער האָט זיך דאָס ניט פאָרגע-שטעלט. און אין יענע חדשים האָט געווירקט מיט דער גאַנצער קראַפט די איבערצייגונג, אַז די באָלשעוויקעס זיינען די יעניקע, וואָס האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער פאַרפלוכטער מלחמה.

דער רוסישער פּויער האָט שוין, וויינקסטנס זינט 1905, געלעבט אין דער שטענדיקער דערוואַרטונג פון אַ ראַדיקאַלער אַגראַר-רעפאָרם.

דער פּויערשער הונגער נאָך ערד, די איינגעוואָרצלטע שנאה צום פּריץ, האָבן געשאַפן דעם באָדן פאַר אַ פּויערשער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד און די טרעגער פון יענער באַוועגונג זיינען געווען אין רוסלאַנד די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. אַזוי גיך ווי עס איז געקומען די פעברואַר-רעוואָלוציע פון 1917, זיינען מיליאָנען פּויע-רים צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, צו קע-רענסקין און טשערנאָוון.

די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן האָבן אַרויסגעשטעלט די פּראָ-גראַם פון לאַנדווירטשאַפטלעכן סאָציאַליזם. זיי האָבן זיך פאָרגע-שטעלט, אַז מען וועט קאָנען אין רוסישן דאָרף אויפבויען אַ מין סאָ-ציאַליסטישע לאַנדווירטשאַפט, אַזוי אַז די ערד, וואָס מען וועט צונע-מען ביי די פּריצים, זאָל ניט ווערן קיין פּריוואַט-אייגנטום פון די פּויערים, נאָר זאָל בלייבן אַ מין קאָלעקטיוו-אייגנטום פון דער מלוכה. די פּויערים האָבן זיך ניט זייער שטאַרק פאַרטראַכט וועגן די צוקונפטי-

קע פאָרמען פון זייער ווירטשאַפט. זייער נאָענטסטער וואונטש איז געווען — צונעמען די ערד ביי די פּריצים, פאַרניכטן אין גאַנצן די פּריצישע ווירטשאַפט, אַרויסטרייבן די פּריצים פון די דערפער, און יעדער פּויער האָט שוין גענוי געוואוסט פאַראויס, וואָס פאַר אַ שטיק פּריצישע ערד אָדער פאַזשניע (לאַנקעס) ער וואָלט געוואָלט האָבן אין זיין באַלעבאַטישקייט.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, סײַ די מענשעוויקעס, סײַ די באָלשעוויקעס, האָבן זיך באַצויגן גאַנץ סקעפּטיש צו די פּלענער פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן וועגן אַ סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד. און דער גרעסטער סקעפּטיקער איז געווען ל ע נ י ן, וואָס האָט אין יאָר 1905—1906 געהאַלטן, אַז אַפילו אַ ר אַ ד י ק אַ ל ע אַגראַר-רעפאָרם איז אויך ניט נייטיק אין רוסלאַנד.

אָבער אין יאָר 1917 איז דער איינפלוס פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן געווען זייער שטאַרק אין די רוסישע דערפער. דער געדאַנק פון אַ פולשטענדיקער אַגראַר-רעפאָרם און פון קאָלעקטיוון אייגנטום איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן געוויסע טיילן פון דער פּויערים באַפעלקערונג, און אַזוי ווי לענינען האָט, אין תוך אַריין, זייער ווייניק געאַרט די לאַנדווירטשאַפט, און זיין ציל איז געווען אַריבערציען אויף זיין צד וואָס מער פּויערים, האָט ער גלייך נאָך דער אָקטאָבער-איבערקערעניש איבערגענומען וואָרט אין וואָרט די אַגראַר-פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ער האָט אַמאָל אויסגעלאַכט. און אָט די אַגראַר-פּראָגראַם פון זיינע קעגנער, קעגן וועלכער ער האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד, האָט ער אָנגענומען אַלס אַ געזעץ (דעקרעט), גלייך אין דעם ערשטן טאָג פון זיין נייער רעגירונג. אויף זיין געוויינטלעכן שטייגער האָט לענין וועגן דעם גערעדט גאַנץ אָפן און ציניש. וואָס דאַרפן מיר זיך צעברעכן דעם קאָפּ? — האָט ער געזאָגט. — די סאָצ.-רעוואָלוציאָנערע פּויערים ווילן האָבן אַגראַר-סאָציאַליזם, נו, אדרבה, זאָלן זיי האָבן אַגראַר-סאָציאַליזם. מיר וועלן אין גאַנצן איבערנעמען די פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און זאָלן די פּויערים הנאה האָבן.

צי האָבן די פּויערים הנאה געהאַט פון דעם אַגראַר-ס אָ צ י אַ ל י ז ם, איז ניט וויכטיק; וויכטיק איז, אַז גאָר שטאַרק הנאה האָבן זיי געהאַט פון דעם, וואָס מען האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט און מען האָט זיי דערמוטיקט צו מאַכן אַ סוף צו די פּריצים.

אין קערענסקים צייטן האָט מען זיי אַגיטירט, אַז זיי זאָלן האָבן געדולד, אַז זיי זאָלן וואַרטן אויף דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג, כדי מען זאָל די אַגראַר-רעפאָרם דורכפירן וואָס מער אָרגאַניזירט, וואָס מער יושרדיק, וואָס מער רואיק. איצט אָבער האָט לענין פון זיי ניט פאַרלאַנגט ניט קיין געדולד, ניט קיין אָרגאַניזירונג, ניט קיין יושר. „רויב דאָס אָנגערויבטע", — דאָס איז געווען דער לאָזונג פון לענינען אין יענעם מאָמענט. דאָס איז געווען דער לאָזונג פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגי-

רונג, וואָס האָט פאַרנומען קערענסקיס פּלאַץ, און דאָס איז געווען אַ לאַ־זונג, וואָס איז געווען אין גאַנצן צום האַרצן די רעוואָלוציאָנער־געשטימטע און פאַרביטערטע פּויערים.

אַ כוואַליע פון פּרימיטיווער אַגראַר־רעוואָלוציע האָט זיך צעגאָסן איבער דעם גאַנצן לאַנד. דאָס גאַנצע דאָרף פלעגט קומען צופאָרן צום פּריצישן הויף, מען פלעגט דעם פּריץ הייסן אָפּפאָרן מיט גוטן מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, איבערלאָזנדיק אין הויף דאָס גאַנצע פאַרמעגן, און אָפט מאָל פלעגט מען דעם פּריץ מיט זיין פאַמיליע באַהאַנדלען גאָר ניט מיט גוטן . . . און די גאַנצע ערד מיט דעם גאַנצן מאַיאָנטעק, מיט דעם הויף פלעגט מען צעטיילן צווישן די פּויערים, צעשמעטערנדיק דערביי אַמאָל אויף דעם אומזיניקסטן אופן ניט נאָר ביבליאָטעקן, בילדער־גאַ־לעריען און דאָס גלייכן, נאָר אויך ווערטפולע אינדוסטריעלע אוןווירט־שאַפטלעכע אונטערנעמונגען. מען פלעגט צעשלעפּן די פערד, די בהמות, די ביכער, די בילדער, די זאַכן, פאַרניכטן ווערטפולע פּי־האַדעוואַניע, מילן, פאַבריקלעך. דער עיקר איז געווען, אַז יעדער פּויער זאָל באַקומען אַ מער אָדער ווייניקער גלייכן טייל פון דער פּרישישער ערד און פון דעם פאַרבליבענעם פּריצישן פאַרמעגן.

אין דער דאָזיקער הפקרדיקער אַגראַר־רעוואָלוציע האָבן אַ גרויסע ראָלע געשפּילט די פּויערים־סאָלדאַטן, וועלכע זיינען אָקערשט געקומען צוריק פון פראָנט. גלייך נאָך דעם, ווי עס איז געשלאָסן געוואָרן דער וואָפן־שטילשטאַנד אויפן פראָנט, און נאָך פריער, האָבן זיך הונדערטער־טויזנ־טער, אפשר מיליאָנען, סאָלדאַטן אַליין „דעמאָביליזירט”, און צוריקגע־קערט אַהיים. עס איז דעזאָרגאַניזירט געוואָרן דער גאַנצער טראַנספּאָרט, דער גאַנצער אייזנבאַן־פאַרקער. די סאָלדאַטן האָבן וועגן קיין זאַך ניט געוואָלט הערן, זיי האָבן קיינעם ניט געפאָלגט, מיט געוואַלד באַלאַגערט סטאַנציעס, פאַרכאַפּט די צוגן, אַרויפגעקראָכן אויף די דעכער פון די וואַ־גאָנעס און מיט געוואַלד געצוואונגען די מאַשיניסטן צו פירן דעם צוג אַהין, וואו זיי האָבן באַדאַרפט.

„קרוטי גאַווורילקאַ” — אַט דאָס איז יעמאָלט געווען דער באַרימט־געוואָרענער לאָזונג פון די זעלבסט־דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן. „גאַוו־רילקאַ”, דאָס זיינען געווען די אייזנבאַן־אַרבעטער, און „קרוטי” האָט גע־הייסן, אַז זיי זאָלן דרייען די אייזנבאַן־דראָטן, וואָס לאָזן דורך די צוגן.

אין אָט דער כוואַליע פון ווירטשאַפטלעכער און טראַנספּאָרט־דעזאָר־גאַניזאַציע, וואָס האָט צעשניטן דאָס גאַנצע לאַנד אויף איינצלנע געביטן; אין אָט דער כוואַליע פון אַגראַר־רעוואָלוציע, וואָס האָט אויף אַ געוויסער צייט אין גאַנצן צעשטערט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, איז געלעגן דער כוח פון באָלשעוויזם אין זיין ערשטן פּעריאָד. דער ריינער אַרבעטער־עלעמענט, די אָרגאַניזירטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־באַווע־גונג אין די שטעט, האָט אין יענעם מאָמענט געשפּילט אין גאַנצן אַ קנאַ־פּע ראָלע און איז דאָס רוב בכלל ניט געווען קיין באָלשעוויסטישע. דער

באָלשעוויזם אין זיין ערשטן פּעריאָד איז געווען אַ באַוועגונג פון דע־מאָביליזירטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט פרידן און פון דאָרפישע פויערים, וואָס האָבן דורכגעפירט זייער אַגראַר־רעוואָלוציע.

גאָר אַנדערש איז געווען אין יענעם פּעריאָד די שטעלונג פון דער רוסישער אינטעליגענץ צו דער באָלשעוויסטישער רעגירונג.

דער הויפּט־כוח פון די באָלשעוויקעס איז געלעגן אין דעם, וואָס די אַנדערע פּאַרטייען האָבן ניט געהאַט קיין שום אָרגאַניזירטע מאַכט. אָבער די אָרגאַניזאַציע פון דער נייער רעגירונג אַליין איז געווען גאָר אַ שוואַכע און האָט זיך געהאַלטן אויף „הינערשע פיסלעך". די סאָלדאַטן און די פויערים, ווי אויך די שטאָטישע קליינבירגער, האָבן ניט געוואָלט קעמפן קעגן די באָלשעוויקעס. און דעריבער האָבן זיך די באָלשעוויקעס געקאָנט האַלטן. אָבער זיי האָבן געגנאַסן פון אַ קנאַפּן איינפלוס אַלס רעגירונג און דאָס איז געקומען צוליב דעם, וואָס די באָלשעוויסטי־שע רעגירונג איז אויפגעקומען קעגן דעם ווילן פון דער רוסישער אינטע־ליגענץ און אין אַ שטענדיקן ביטערן קאַמף קעגן דער אינטעליגענץ. דאָס דאַרף מען האָבן אין זינען, כדי צו פאַרשטיין די ווייטערדיקע אַנטוויק־לונג פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט. די אינטעליגענץ, דאָס הייסט: די באַאַמטע, פּראָפעסאָרן, לערער, די טעכנישע ספּעציאַליסטן, די דאָק־טוירים, די פּאָליטיקער, די ליטעראַטן, די זשורנאַליסטן, די אַדוואָקאַטן — אַט די אַלע עלעמענטן, וואָס האָבן אין אַזאַ אָפּגעשטאַנענעם און ווייַ־ניק־אַנטוויקלטן לאַנד ווי רוסלאַנד פאַרקערפּערט אין זיך כמעט די גאַנ־צע בילדונג און ציוויליזאַציע, וואָס רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט, זיי זיינען געווען פעסט איבערצייגט, אַז אָן זיי קאָן מען אין רוסלאַנד ניט הערשן; אַז אָן זיי קאָן אַ רעגירונג אין רוסלאַנד זיך ניט האַלטן; אַז אָן זיי איז ניט מעגלעך קיין דעמאָקראַטיע, קיין סאָציאַליזם, קיין מאָדערנע מלוכה. זיי זיינען דאָס געווען די פירערס, די אָרגאַניזאַטאָרן, די טעאָרעטיקער פון אַלע פּאַרטייען, פון אַלע באַוועגונגען, פון דער פּרעסע, פון דער ליטע־ראַטור, פון די מלוכה־דעפּאַרטמענטס. פון זיי זיינען אַרויסגעקומען אויך די דעפּוטאַטן, די פּאַרלאַמענטאַריער, די מיניסטאָרן, די אַלע, וואָס האָבן געזאָלט אָנפירן די נייע מלוכה נאָך דער רעוואָלוציע. זייער אידעאַל איז געווען פּאָליטישע דעמאָקראַטיע אין דער פאָרם פון אַ גרינדונגס־פאַר־זאַמלונג, אין דער פאָרם פון אַ פּאַרלאַמענט, מיט פרייע וואַלן, אַ פרייער פּרעסע, און אַזוי ווייטער. און דאָ מיט אַמאָל קומט אָן אַן איבערקערע־ניש, וואָס ווערט געמאַכט אָן זיי, קעגן זיי, ניט אָנגעפרעגט זיך ביי זיי, — אַן איבערקערעניש, וואָס פירט איין אַ דיקטאַטור אָן אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אָן פרייע וואַלן, אָן אַ פרייער פּרעסע.

6

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג

אין דעצעמבער זיינען אין גאַנץ רוסלאַנד פאָרגעקומען די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. יענע וואַלן זיינען פאָרגעקומען לויט דעם סאַמע דעמאָקראַטישן וואַל־געזעץ. וואַל־רעכט האָבן געהאַט אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון נאַציע, קלאַס, מענער און פרויען, אָנהייבנדיק פון דעם עלטער פון 21 יאָר. דער וואַל־קאַמף פון די פאַרטייען האָט זיך געפירט אין די פרייסטע פאָליטישע באַדינגונגען, וואָס מען האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז געווען אַ צייט פון קריג און רעוואָלוציע. אַפילו נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, ווען די באָלשעוויקעס האָבן שוין איינגעפירט טעראָר אין אַ סך ערטער, איז פונדעסטוועגן די פרייהייט פון פראָפּאַגאַנדע געווען כמעט אומבאַשרענקט. און אויב עמיצער האָט זיך יאָ געקאָנט באַקלאָגן אויף געוויסע שטערונגען, זיינען דאָס געווען די רעכטע, די בורזשואַזע פּאַרטייען. אָבער פאַר די לינקע, רעוואָלוציאָנערע, סאָציאַליסטישע ריכטונגען האָט געהערשט פולשטענדיקע פרייהייט פון וואַל־פראָפּאַגאַנדע, און וואָס לינקער אַ באַוועגונג איז געווען, אַלץ פרייער און דרייסטער האָט זיך געפירט איר פראָפּאַגאַנדע ערב די וואַלן.

ניט געקוקט אויף דעם, האָבן די וואַלן געגעבן אַ מערקווירדיק בילד. אומגעפער דרייצן פראָצענט פון אַלע שטימען (און דאָס איז אויך געווען 13 פראָצענט פון די דעפּוטאַטן, ווייל די וואַלן זיינען געווען שטרענג פראָפּאָרציאָנעל), האָבן באַקומען אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען צוזאַמען, סאַי די רעכטע, סאַי די ליבעראַלן (קאַדעטן). 87 פראָצענט פון רוסישן פאָלק האָבן געשטימט פאַר די סאָציאַליסטישע פאַרטייען: די פאָלקס־סאָציאַליסטן, די מענשעוויקעס, די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, די באָלשעוויקעס. צווישן די 87 פראָצענט האָבן העכער פופציק פראָצענט, דאָס הייסט, מער ווי אַ העלפט פון גאַנצן פאַרלאַמענט, געהאַט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, די פאַרטיי פון קערענסקי, אַווקסענטיעוו, טשערנאָוו (צוזאַמען מיט די לינקע ס.־ר.). אַרום 28 פראָצענט האָבן באַקומען די באָלשעוויקעס, און נאָר עטלעכע פראָצענט האָבן באַקומען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מענשעוויקעס, וואָס זיינען פאַקטיש צעריבן געוואָרן ביי די וואַלן צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. מיר האָבן אין גאַנץ רוסלאַנד, אַריינגערעכנט שוין קאַווקאַז, באַקומען אָנדערהאַלבן מיליאָן שטימען, אויב איך האָב ניט קיין טעות. אין דער צייט, ווען ביי די באָלשעוויקעס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אַלע זייערע פראָמינענטע מיטגלידער, און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן איבערהויפּט געהאַט אַ גאַנצן ים דעפּוטאַטן, האָט אונדזער פאַרטיי געהאַט אין דער גאַנצער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אויב איך האָב קיין טעות ניט, 4 אָדער 5

דעפּוטאַטן. צווישן זיי צערעטעלי, טראַיאַנאָווסקי, שישקין און אַ פּאָר אַנדערע. דער „בונד" האָט ניט באַוויזן צו דערוויילן קיין איינציקן קאַנ־דידאַט. וואָרים די אידישע שטעט זיינען דערטרונקען געוואָרן אין יע־דער גובערניע אין דעם ים פון די פויערישע שטימען, און אין די שטעט גופא, וויטעבסק, האָמעל, האָבן מיר געהאַט צו קעמפן פון איין זייט קעגן די כלל־ישראל אידן, פון דער צווייטער זייט, קעגן די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן באַקומען די אונטערשטיצונג פון אַ גרויסן טייל אידישע קליינבירגער. דער אידישער קליינבירגער איז אין יענעם מאָמענט, צו־ליב דער שלום־פראַגע, געווען „רעוואָלוציאָנערער" פון די אידישע אָרגאַ־ניזירטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער.

אַזוי־אַרום האָט אין דעצעמבער, 1917, רוסלאַנד פאַרמאָגט אַ לינק־סאָציאַליסטישע רעגירונג (די באָלשעוויקעס) און אַ רעוואָלוציאָנערן לינקס־דעמאָקראַטישן פּאַרלאַמענט מיט 87 פּראָצענט סאָציאַליסטישע שטימען, — אַ פּאַרלאַמענט, אין וועלכן אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע רעפאָרמעס וואָלטן געקאָנט באַקומען אַ ריזיקע מערהייט. די וויכטיקסטע פון אַלע היסטאָרישע פּראָבלעמען פון רוסלאַנד, די פויערשע לאַנדווירט־שאַפט־רעפאָרם, וואָלט געקאָנט אַנטשידן ווערן בוכשטעבלעך אין עט־לעכע טעג, וואָרים צווישן די אַכציק פּראָצענט סאָציאַליסטן אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז ניט געווען קיין איינציקער, וואָס זאָל צווייפ־לען אין דער נויטווענדיקייט פון דער סאַמע ראַדיקאַלסטער אַגראַר־רע־פאָרם. און עס איז דאָך אַ פּאַקט, אַז דער אַגראַר־דעקרעט פון דער סאָ־וועט־רעגירונג איז, לויט לענינס אייגענער דערקלערונג, איבערגענומען געוואָרן, אָן שום ענדערונגען, פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דאָס הייסט, פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט די אַבסאָלוטע מערהייט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אויך די פאַרשיידענע סאָציאַלע געזעצן וועגן די רעכט פון אַרבעטער וואָלטן אָן שום צווייפל באַקומען די צושטימונג פון דער ריזיקער מערהייט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, ווי אויך אַלע פּאָליטישע רעפאָרמעס (זעלבסטפאַרוואַלטונג, נאַציאָנאַלע רעכט, רעכט פאַר פרויען אאַ"וו.).

נאָר אין א י י ן פראַגע, און טאָקע אין דער וויכטיקסטער אין יענעם מאָמענט, האָבן געקאָנט זיין מיינונגס־פאַרשיידנהייטן צווישן די פאַר־שיידענע לינקע פּאַרטייען און אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען די פראַגע פון ש ל ו ם. אָבער אין דער פראַגע פון שלום איז ניט געווען קיין אייניקייט אַפילו אין באָלשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט גופא. ווען עס איז געקומען צו דעם בריסקער שלום, האָט זיך אויך די פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי גופא צעשפּאָלטן אויף צוויי גלייכע העלפטן. דעריבער איז די פראַגע פון שלום ניט געווען קיין פּאַרטיי־פראַגע און יעדנפאַלס ניט קיין שטרייט־פּונקט צווישן פּאַר־לאַמענט, דאָס הייסט דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און דער סאָוועטן־רעגירונג אין דעצעמבער 1917.

אין יענעם מאמענט האבן, אי אונדזער פארטיי, — וואס האט, אמת, ניט געשפּילט קיין ראָלע אין דער גרינדונגס־פארזאמלונג, וואס האט אָבער נאך געהאט א היפשן איינפלוס אין לאנד, אי אין דער פארטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאנערן, שוין געהערשט גאר אן אנדער באציאונג צו דער פראגע פון שלום. אפילו פאר די סאמע איינגעשפארטסטע „אבאָראנצעס" איז קלאר געוואָרן, אז דער רוסישער פראָנט איז פאקטיש צעפאלן געוואָרן און אז פירן ווייטער די מלחמה קאן רוסלאנד נאר טעאָרעטיש, אויפן פּאפּיר, אָבער ניט פאקטיש. אין דער גרינדונגס־פארזאמלונג וואָלט זיכער אנגענומען געוואָרן א באשלוס, וואס וואָלט פאקטיש ארויסגענומען רוסלאנד פון דער מלחמה.

אָבער מיטארבעטן מיט דער גרינדונגס־פארזאמלונג וואָלט פאר דער באָלשעוויסטישער רעגירונג באדייט, אז זי אנערקענט די אויטאָריטעט פון פארלאמענט, אז זי ווארפט זיך אונטער אונטער זיינע באשלוסן, אז איר צוזאמענשטעל קאן געענדערט ווערן דורכן פארלאמענט. דאס האט לענין, פארשטייט זיך, בשום און ניט געוואָלט.

די באָלשעוויסטישע פּראָפּאגאנדע האט פון יוני 1917 אן געשטעלט די גאנצע צייט די פאָדערונג, אז קערענסקי זאָל וואס גיכער צענויפרופן די גרינדונגס־פארזאמלונג. די באָלשעוויקעס האבן שטענדיק באשולדיקט די צייטווייליקע רעגירונג און די הערשנדיקע פארטייען, אז זיי סאבאָטירן די גרינדונגס־פארזאמלונג, אז זיי ווילן איר ניט צענויפרופן, אז קערענסקי שטרעבט צו פערזענלעכער דיקטאטור און האט מורא פארן פארלאמענט. די מאסן, וואס זיינען נאכגעגאנגען נאך די באָלשעוויקעס, האבן אויפריכטיק געגלויבט אין דער גרינדונגס־פארזאמלונג און האבן דאס באטראכט אלס זייער אידעאל. אָבער לענין איז פון אנהייב אן צוגעגאנגען צו דער פראגע גאנץ אנדערש, אפילו אנדערש ווי פיל פון זיינע אייגענע פארטיי־חברים.

איך האב שוין דערציילט וועגן יענער מערקווירדיקער דיסקוסיע, וואס איך האב געהאט מיט לענינען אין ציריך, שווייצאריע, אין אפּריל, 1917, ערב לענינס אפּפארן קיין רוסלאנד. שוין יעמאָלט איז פאר מיר קלאר געוואָרן, אז לענין טראכט ניט וועגן דער גרינדונגס־פארזאמלונג, נאר וועגן דער דיקטאטור פון זיין אייגענער פארטיי אונטער דער מאסקע פון סאוועטן. וואָלט לענין געוואָלט, אז אין רוסלאנד זאָל אויף דעם פרידלעכסטן און לייכטסטן וועג אויפגעשטעלט ווערן א דעמאָקראטישע רעפּובליק מיט א שטארקן סאָציאליסטישן איינפלוס, וואָלט ער דאס געקאנט דורכפירן דורך דער הארמאנישער מיטארבעט מיט דער גרינדונגס־פארזאמלונג. אָבער לענין האט געהאט גאר אנדערע פּלענער, און דעריבער האט ער באשלאסן, נאך איידער די גרינדונגס־פארזאמלונג איז צושטאנד געקומען, איר צו צעטרייבן און צו פארבייטן איר מיט אנדערע, פאקטיש באָלשעוויסטישע אינסטיטוציעס.

א געווויסע צייט האט זיך לענין געפונען אין א פארלעגנהייט: וואָלטן די וואלן געגעבן א פארלאמענט מיט א בורזשואזער אָדער א רע־

אַקציאָנערער מערהייט, וואָלט זיין לאַגע געווען אַ לייכטע: ער וואָלט יעמאָלט געהאַט אַ פּאָליטישע און מאָראַלישע באַרעכטיקונג אויף אַנ־צונעמען די שאַרפסטע מיטלען קעגן אַזאַ מין פּאַרלאַמענט. אָבער דער פּאַרלאַמענט איז געווען אויף 87 פּראָצענט אַ רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער! דער פּאַרלאַמענט האָט גלייך אין דער ערשטער זיצונג, אונטער דעם פּאָרזיץ פון וויקטאָר טשערנאָוו, אָנגענומען דעמזעלביקן אַגראַר־געזעץ פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט אַרויסגעגעבן אַלס איר אייגענעם דעקרעט.

צעטרייבן אַזאַ מין פּאַרלאַמענט איז געווען ניט איינפאַך. ווארים עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די פּויערים וועלן זיין אומצופרידן. האָט זיך לענין געדרייט אַהין און אַהער, האָט פּאַרעפנטלעכט לאַנגע דערקלערונ־גען, פאַרוואָס די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג טויג ניט פאַר דער רעוואָלוציע. אָבער די אמתע טיפע אורזאַך האָט ער ניט געקאָנט אָפן דערקלערן. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וואָלט געווען אַ געפאַר פאַר זיין דיקטאַטור, וואָס איז געווען פאַר אים וויכטיקער פון אַלץ. ער האָט די רוסישע רעוואָלוציע און די וועלט־רעוואָלוציע געזען אויף אַ גאַר באַזונדערן שטייגער, און פאַר זיינע וועלט־היסטאָרישע פּלענער האָט אין רוס־לאַנד געדאַרפט הערשן ניט דעמאָקראַטיע פון פאָלק, נאָר דיקטאַטור פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

דעם 5־טן יאַנואַר, 1918, האָט זיך די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג גע־עפנט, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע באָלשעוויסטישע מאַטראָסן און סאָלדאַטן, ביי דער פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט פון לאַנד, וואָס איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרטאָן אין סאָלדאַטישער דעמאָביליזאַציע און קאָכיקער אַגראַר־רעוואָלוציע. די פּויערים־סאָלדאַטן זיינען געפאָרן פון פראָנט אַהיים און האָבן זיך וועגן קיין זאַך ניט געקימערט, אַחוץ וועגן באַקומען ערד. אין די טויזנטער און טויזנטער דערפער פון ריזיקן לאַנד זיינען די פּויערים געווען פאַרנומען מיט דער צעטיילונג פון דער פּריצישער ערד, פון די בהמות, פון די פּריצישע פערד אאַ"וו. זיי האָבן די פּאָליטישע פראַגע אין שטאָט געלאָזן אין גאַנצן צו דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי, וועלכע האָט זיי געגעבן „פרידן און ערד". אין יענעם פּעריאָד איז פאָרגעקומען אַ מין צעטיילונג: די באָלשעוויקעס האָבן זיך ניט געמישט אין די ענינים פון דאָרף, און די פּויערים האָבן זיך ניט גע־מישט אין די ענינים פון דער שטאָט. און איינע פון די וויכטיקסטע ענינים פון די באָלשעוויקעס אין די שטעט איז געווען די פאַרניכטונג פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און די אויפשטעלונג פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי־דיקטאַטור דורך די סאָוועטן.

נאָר איין איינציקע זיצונג האָט געהאַט די רוסישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, דער רעוואָלוציאָנערער פּאַרלאַמענט, וועגן וועלכן די בעס־טע עלעמענטן פון פאָלק האָבן געטרוימט כמעט גאַנצע הונדערט יאָר, אָנהייבנדיק פון די „דעקאַבריסטן" אין 1825. שפּעט ביינאַכט איז צו דעם פּרעזידענט פון פּאַרלאַמענט, גענאָסע וויקטאָר טשערנאָוו,

צוגעגאַנגען דער באָלשעוויסטישער מאַטראָס זשעלעזניאַק און האָט אים דערקלערט, אַז די באַוואָפנטע מאַטראָסן און סאָלדאַטן זיינען מיד, אַז זיי ווילן גיין אַהיים שלאָפן, און אַז די זיצונג מוז מען שליסן. איז די זיצונג געשלאָסן געוואָרן, און קיין מאָל מער ניט געעפנט גע־וואָרן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַרויס אַ דעקרעט פון לענינען, אַז די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג ווערט אויפגעלייזט, ווייל זי איז קאָנטר־רע־וואָלוציאָנער.*)

די צעטרייבונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג איז אייגנטלעך געווען דער אמתער אָנהייב פון בירגער-קריג, וואָס האָט דערנאָך גע־בושעוועט אין רוסלאַנד כמעט דריי יאָר. זי האָט ענדגילטיק צעשטערט אַלע האָפענונגען אויף אַ פרידלעכער דעמאָקראַטישער אַנטוויקלונג פון רוסלאַנד. עס איז וויכטיק צו דערמאָנען, אַז אי אין דער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי גופא, אי אין די רייען פון די אינטערנאַציאָנאַלע רע־וואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, זיינען געווען אַ סך מענטשן, וואָס האָבן דאָס פאַרשטאַנען און זיינען געווען קעגן לענינס פּאָליטיק אין באַצוג צו דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. באַזונדערס שאַרף איז אַרויסגעטראָטן קעגן לענינען די באַרימטע דייטש-פּוילישע רעוואָלוציאָנערקע ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס איז מיט אַ יאָר שפּעטער אַזוי טראַגיש אומ־געקומען אין דייטשלאַנד. אין אַ בראָשור, וואָס איז אַרויסגעגעבן גע־וואָרן ערשט נאָך איר טויט, האָט זי מיט גרויס קלאָרקייט באַוויזן, אַז פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט איז געווען אַ גרויסער פעלער, וואָס לענין האָט צעטריבן די גרינדונגס-פאַרזאַמלונג און האָט פאַרניכ־טעט די פּאַרלאַמענטאַרישע דעמאָקראַטיע.

אָבער לענין האָט אין יענעם מאָמענט דערשפּירט, — און אַ חוש האָט ער געהאַט אַ גוטן, — אַז ער קאָן זיך דערלויבן צו פאַרניכטן דעם פּאַרלאַמענט אומבאַשטראָפט, צוליב דער פּאָליטישער גלייכגילטיקייט פון רוסישן פּויער: אי ער, אי טראָצקי, האָבן אין יענעם מאָמענט זייער גאַנצע טאַקטיק געבויט אויף דעם, אַז דער פּויער אין דאָרף וועט פּאָליטיש זיין פּאַסיוו.

לענין האָט געבויט ניט נאָר אויף דער פּאָליטישער גלייכגילטיקייט פון רוסישן פּויער, וואָס איז געווען פאַרטאָן אין גאַנצן אין קריגן ערד, ער האָט אויך געבויט אויף דעם, אַז די אָרגאַניזירטע אַרבעטער וועלן זיין מיט אים, און אין דעם האָט ער געהאַט אַ טעות. די צעטרייבונג פון דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם צווישן די אַרבעטער אין די שטעט. אָבער די אַרבעטער האָבן שוין ניט גע־האַט קיין ווירקלעכע מאַכט.

אונדזער פּאַרטיי און די פּאַרטיי פון סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן האָבן אין דער צווישנצייט, פון אָקטאָבער ביז דעצעמבער, קאָנצענ־טרירט די גאַנצע פּראָפּאַגאַנדע און די גאַנצע קראַפט אַרום דער גרינ־

*) דאָס איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש, ווייל די בורזשואַזע דעפּוטאַטן (קאַ־דעטן א"אַ) זיינען בכלל ניט אַריינגעלאָזן געוואָרן צו דער זיצונג!

דונגס־פאַרזאַמלונג, — האַפנדיק, אַז עס וועט זיך איינגעבן צו שאַפן אַ פאָלקס־באַוועגונג, וואָס זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער דיקטאַטור פון לענינס רעגירונג. איך פערזענלעך בין געווען אין דעם שטאַרק פאַר־טאָן, ווייל איך האָב נאָך אַלץ געהאַט די האָפענונג, אַז די פאַראייני־קונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָט זיך ניט איינגע־געבן אין „וויקזשעל", וועט אפשר האָבן מער דערפאָלג אונטער דעם דרוק פון אַ שטאַרקן רעוואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענט. איך האָב געהאָפט, אַז דער פּאַרלאַמענט וועט צווינגען די באָלשעוויקעס און די אַנ־דערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען צו קומען צו אַן אויסגלייך אין די וויכ־טיקסטע פראַגעס, און וועט אַזוי־אַרום שאַפן דעם באָדן פאַר אַ געמיינ־זאַמער רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטן. די שטימונג צווישן די אַרבע־טער אויף די פּעטערבורגער פאַבריקן איז געווען אַ גינסטיקע פאַר דעם פּלאַן. דער געדאַנק פאַר אַ געמיינזאַמער רעגירונג איז נאָך אַלץ געווען זייער פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער. אויך פון דער פּראָווינץ זיינען אָנגעקומען גוטע נאַכריכטן אין דעם זעלביקן זין. און אין דער באָל־שעוויסטישער פּאַרטיי גופא האָט נאָך אויך געהערשט אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט צו לענינס פּאָליטיק, און אַ גאַנצע ריי פּראָמינענטע באָלשעוויסטישע פירערס האָבן סימפּאַטיזירט מיטן געדאַנק, פאַר וועלכן מיר האָבן געקעמפט אין „וויקזשעל".

און אָט דאָ טאַקע, אין דעצעמבער, גראָד אין די טעג, ווען עס האָט זיך געדאַרפט צוזאַמענקלייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָט זיך מיר געמאַכט אַ געלעגנהייט צו מאָביליזירן אַ שטאַרקע אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציע צו גונסטן פון מיין פּלאַן. אין דעצעמבער האָט זיך באַדאַרפט עפענען דער אַלרוסישער צוזאַמענפאָר פון אַלע אייזנבאַן־אַרבעטער און באַאַמטע. דער צוזאַמענפאָר איז אָרגאַניזירט געוואָרן לויט דער פאָדערונג פון די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געווען אומצופרידן מיט דער אַלטער פירערשאַפט פון „וויקזשעל" און די דאָזיקע פירערשאַפט האָט מיך איינגעלאַדן אַרויסצוטרעטן אויפן צוזאַמענפאָר מיט דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן רעפעראַט. דער צווייטער רעדנער, פון באָלשע־וויסטישן צד, איז געווען זינאָוויעוו. דער צוזאַמענפאָר איז געווען זייער אַ גרויסער און זייער אַ וויכטיקער, סיי מאַטעריעל, ווייל די אייזנבאַן־אַרבעטער האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע מיליטעריש און עקאָנאָמיש, — סיי מאָראַליש־פּאָליטיש, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער דעמאָקראַטיש־געקליבענער אָפענער קאָנגרעס פון רוסישע אַרבעטער נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע. און דער רעזול־טאַט פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג.

אין אַ משך פון צען טעג זיינען אויף דעם אייזנבאַן־צוזאַמענפאָר אין פּעטערבורג פאָרגעקומען גרויסע פּאָליטישע קאַמפן. הונדערטער דעלעגאַטן, טויזנטער געסט האָבן בייגעוואוינט די גרויסע פּאָליטישע דעבאַטעס, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפירט. אַחוץ מיר, זיינען פון אונדזער

צד אַרויסגעטראָטן דער אַלטער מענשעוויק מ אַ ר ט י נ אָ װ, דער באַ־וואוסטער סאָציאַל־דעמאָקראַט ב אַ ז אַ ר אָ װ, אַחוץ דעם ט ש ע ר־נ אָ װ, אַ װ ק ס ע נ ט י ע װ און אַנדערע. פון די באָלשעוויקעס זיי־נען אַרויסגעטראָטן ז י נ אָ װ י ע װ, װ אָ ל אָ ד אַ ר ס ק י (דער אידיש־אַמעריקאַנישער שניידער גאָלדשטיין פון אוקראַינע, וואָס איז געקומען נאָך דער רעוואָלוציע פון ניו־יאָרק קיין רוסלאַנד און האָט דאָרטן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי די באָלשעוויקעס) און אַנדערע די דיסקוסיעס זיינען געווען שטורעמדיקע און ליידנשאַפטלעכע. די מערהייט דעלעגאַטן און געסט זיינען גאַנץ דייטלעך געווען אויף אונדזער זייט. זעענדיק, אַז זיי האַלטן ביים פאַרלירן דעם צוזאַמענפאָר, האָבן די באָלשעוויקעס געמאַכט איינעם פון זייערע געוויינטלעכע „טריקס": ס'האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן עפּעס אַ נייע ריי דעלעגאַטן, וואָס זיינען ניט געווען בארעכטיקט צו זיין אויפן צוזאַמענפאָר לויט די סטאַטוטן פון פאַרבאַנד. מיט דראָאונגען און סקאַנדאַלן און פאַר־שיידענע קונצן, האָט זיך די באָלשעוויקעס איינגעגעבן, אַז מען זאָל די נייע דעלעגאַטן, לויטער באָלשעוויקעס, צולאָזן צום צוזאַמענפאָר. דאָס האָט פאַרקלענערט אונדזער מערהייט. אָבער אפילו נאָך דעם „טריק" האָבן מיר דאָך געהאַט אַ מערהייט, און מיין רעזאָלוציע (וועגן שטיצן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג) איז אָנגענומען געוואָרן מיט 273 שטימען קעגן 261.

עס איז געווען מאָראַליש אַ גרויסער זיג. דער אייזנבאַן־צוזאַמענ־פאָר איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג אונטער די אויגן פון דער נייער סאָוועט־רעגירונג, וואָס האָט געהאַט אין אירע הענט די גאַנצע מאַכט. דער גאַנצער פּרעסטיזש פון דער סאָוועט־רעגירונג, דער גאַנצער איינ־פלוס פון די סאָוועטן, די גאַנצע באַוואָפנטע מאַכט פון די באָלשעווים־טישע סאָלדאַטן איז געשטאַנען הינטער זינאָוויעוון און זיין רעזאָלו־ציע. די פּאַרטיי, וואָס איך האָב פאַרטראָטן, איז געווען אַ צעקלאַפּטע, אַ באַזיגטע, אָן שום פיזישער מאַכט, מיט אַ נישטיקער פאַרטרעטונג אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. אָבער ניט געקוקט אויף דער גאַנצער אָנשטרענגונג פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויפן צוזאַמענפאָר מיט זייער גאַנצער קראַפט, האָט אונדזער רעזאָלוציע געזיגט.

אָבער דער זיג איז געווען נאָר אַ מאָראַלישער. גלייך ווי עס זיינען באַקאַנט געוואָרן די רעזולטאַטן פון דער אָפּשטימונג, האָבן די באָלשע־וויקעס צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט יענעם מיטל, וואָס זיי האָבן דער־נאָך סיסטעמאַטיש באַנוצט: די מ י נ ד ע ר ה י י ט פון אייזנבאַן־צוזאַ־מענפאָר (די 261 דעלעגאַטן) איז אַוועק פון צוזאַמענפאָר און האָט גע־גרינדעט אַ נייעם פאַרבאַנד. און די רעגירונג האָט, פאַרשטייט זיך, יע־נעם פאַרבאַנד אָנערקאַנט אַלס דעם ריכטיקן, געזעצלעכן, און די מער־הייט (די 273 דעלעגאַטן) האָט די סאָוועט־רעגירונג דערקלערט פאַר־אומגעזעצלעך און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

קעגן אַלע פּרינציפּן און געזעצן פון אַרבעטער־דעמאָקראַטיע האָט, ניט די מערהייט, נאָר די מינדערהייט, באַקומען די מאַכט און אַלע רעכט אין דער אָרגאַניזאַציע פון די אייזנבאַן־אַרבעטער.

***

אויך אַ צווייטן פאַרזוך האָב איך געמאַכט אַריינצומישן זיך צו גונסטן דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. און ווידער אַמאָל מיט דעם זעל־ביקן רעזולטאַט. דאָס איז געווען אין דעם טאָג פון 5־טן יאַנואַר, ווען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג האָט זיך געזאָלט צוזאַמענקומען.

אין פּעטערבורג האָט אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר געהערשט אַ גרויסע אויפרעגונג, באַזונדערס צווישן די אַרבעטער. די גרויסע מאַסן אָרגאַניזירטע פּעטערבורגער אַרבעטער זיינען געווען אַנטשידן קעגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס זאָלן צעטרייבן די גרינדונגס־פאַרזאַמ־לונג. אין די פאַבריקן האָט געהערשט אַן אויפרעגונג, מען האָט גע־רעדט וועגן אַן אַלגעמיינעם סטרייק. עס האָט געזאָלט אָרגאַניזירט ווערן, לכבוד דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, אַ ריזיקע אַרבעטער־דע־מאָנסטראַציע, וואָס זאָל מאַכן מאָראַליש און פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך פאַר די באָלשעוויקעס אַנצונעמען צוואַנגס־מיטלען קעגן פּאַרלאַמענט. די באָלשעוויקעס האָבן דאָס געוואוסט זייער גוט און האָבן אין פאַר־לויף פון פיל טעג, אַחוץ פּראָפּאַגאַנדע, אָנגענומען אַנדערע, מער ממשות־דיקע מיטלען. זיי האָבן פאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ מיליטערישן לאַגער. זיי האָבן אויפגעשטעלט מאַשין־געווערן און האַרמאַטן אויף אַלע „סטראַטעגישע פונקטן" פון פּעטערבורג, אויף די בריקן, וואָס פירן איבערן טייך נעווא צו די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, אויף די דעכער פון די הייזער אַרום טאַווּרישן פּאַלאַץ אאַ"וו. די סאָוועט־רעגירונג האָט איבערגענומען אַט די אַלע אויסגעפּרובירטע מיטלען פון פּאָלי־צייאישן קאַמף קעגן אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, וואָס די צאַרישע רעגירונג פלעגט אין די פריערדיקע יאָרן אָנווענדן. אין דער לעצטער מינוט זיינען אויפגעהויבן געוואָרן די בריקן איבער דער נעווא, אַזוי אַז די צענדליקער טויזנטער אַרבעטער פון די אַרבעטער־פאָרשטעט, וואָס האָבן געוואָלט דעמאָנסטרירן פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, האָבן ניט געקאָנט צוקומען צו דעם צענטער פון שטאָט.

ניט געקוקט אויף דעם, איז געווען באַוואוסט, אַז צענדליקער טויזנטער מענטשן וועלן דאָך דעמאָנסטרירן און מיר האָבן געוואוסט פון זיכערע קוואַלן, אַז די באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן וועלן שיסן אין עולם אַריין, און עס קאָן קומען צו אַ בלוט־באָד, אַזוי ווי דעם 9־טן יאַנואַר, 1905.

אַזוי ווי איך האָב שטענדיק געשטרעבט צו פאַרמיידן ברודער־קריג צווישן די צוויי טיילן פון דער רעוואָלוציע, האָב איך געהאַלטן פאַר וויכטיק צו טאָן אַלץ, אַז קיין בלוט־פאַרגיסונג זאָל ניט פאָרקומען אין דעם טאָג פון 5־טן יאַנואַר. דעריבער בין איך גלייך אין דער פרי אַוועק־

געגאַנגען אין די קאַזאַרמעס פון דעם באַרימטן פּעטערבורגער פּרעאָ-בראַזשענסקי פּאָלק, וועגן וועלכן איך האָב געוואוסט, אַז ער איז ניט אין גאַנצן באָלשעוויסטיש. אין יענע שטורעמדיקע טעג זיינען די סאָל-דאַטן-קאַזאַרמעס אין פּעטערבורג, און וואַרשיינלעך אין גאַנץ רוסלאַנד, געווען ניט אַזוי מיליטערישע געביידעס, ווי פּאָליטישע קלובן, וואו עס האָבן זיך פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט געפירט פּאָליטישע מיטינגען.

ווען איך בין געקומען אַהין, האָבן זיך שוין טאַקע דאָרטן געפירט דיסקוסיעס וועגן דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. איך האָב גלייך פאַר-לאַנגט אַ וואָרט. פיל סאָלדאַטן האָבן געקאָנט מיין נאָמען און מען האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו האַלטן אַ גרויסע רעדע. איך האָב די סאָלדאַטן אַזוי פּאָפּולער ווי מעגלעך דערקלערט מיין שטאַנדפּונקט און אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט, אַז זייער פּאָלק, וואָס איז באַרימט אין דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע אין פּעטערבורג, זאָל אין פולן צוזאַמענשטעל, אַלע ווי איין מענטש, זיך באַטייליקן אין דער פרידלע-כעד דעמאָנסטראַציע פאַר דער גרינדונגס-פאַרזאַמלונג. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך בין זיכער, אַז אויב אָן דער שפּיץ פון דער אַרבעטער דעמאָנסטראַציע, וואָס וועט פאַרלאַנגען אַ פרידלעכע צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם רעוואָלוציאָנערן פּאַרלאַמענט און דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועט מאַרשירן זייער פּאָלק, וועלן זיך די באָלשעוויסטישע סאָלדאַטן ניט דערוועגן צו שיסן. און דאָס וועט זיין די בעסטע גאַראַנ-טיע פאַר דעם, אַז דער טאָג פון 5-טן יאַנואַר זאָל דורכגיין אָן בלוט-פאַרגיסונג און אָן ברודער-קאַמף צווישן די פאַרשיידענע טיילן פון דער רעוואָלוציע.

מיין פאָרשלאַג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די סאָל-דאַטן און דעם גרויסן עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום און האָט זיך צוגעהערט. ווען עס וואָלט באַלד אויפן אָרט אָפּגעשטימט געוואָרן מיין פאָרשלאַג, וואָלט ער וואַרשיינלעך באַקומען די גרעסטע מערהייט. אָבער די באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן, וואָס זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געשטאַנען דערביי, האָבן ניט געדרימלט. עס זיינען גלייך אויפ-געשטאַנען אַ פּאָר מיטגלידער פון „סאָלדאַטן-קאָמיטעט" פון דעם פּאָלק און האָבן דערקלערט, אַז אַזאַ מין וויכטיקער פאָרשלאַג דאַרף צוערשט באַטראַכט ווערן אין קאָמיטעט. דער פּאָרזיצער פון מיטינג, אַ מיטל-יאָריקער סאָלדאַט מיט אַ רואיקן פּנים, האָט זיך אַ קורצע צייט גע-וואַקלט, אָבער אונטער דעם דרוק פון די באָלשעוויסטישע פאַרטרעטער האָט ער אָנגענומען דעם שטאַנדפּונקט, אַז מיין פאָרשלאַג דאַרף טאַקע באַטראַכט ווערן צוערשט אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט. צו יענער זיצונג האָט מען מיך שוין ניט צוגעלאָזן און וואָס דאָרטן איז באַשלאָסן געוואָרן ווייס איך ניט. יעדנפאַלס, האָט זיך דער פּאָלק ניט באַטייליקט אין דער דעמאָנסטראַציע. די באָלשעוויקעס האָבן געשאָסן אויף די דעמאָנ-

סטראַנטן פון די דעכער און אַ סך פאַרוואונדעטע און טויטע זיינען יענעם טאָג געפאַלן אויף די גאַסן פון פעטערבורג.

ס'איז ניט באַשערט געווען דער רוסישער רעוואָלוציע צו גיין אויפן וועג פון פרידלעכער אַנטוויקלונג. באַלד נאָך דעם האָבן זיך אָנגעפאַנגען פאַרהאַנדלונגען וועגן ב ר י ס ק ע ר ש ל ו ם און אין רוסלאַנד האָט זיך צעפלאַקערט דער בירגער־קריג מיט אַלע זיינע טרויעריקע רעזולטאַטן.

דער באָלשעוויזם און דער פרידן

1

די שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט דייטשלאַנד

דעם 14־טן נאָוועמבער, אַ וואָך נאָך דער באָלשעוויסטישער איבער־קערעניש, זיינען צוויי באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן מיט אַ ווייסער פאָן צוגעגאַנגען צו די דייטשע טרענטשעס אויפן דווינסקער פראָנט און האָבן פאָרגעשלאָגן אַ וואָפן־שטילשטאַנד. די דייטשע אָפיצערן האָבן זיי זייער פריינטלעך אויפגענומען, האָבן אָבער העפלעך דערקלערט, אַז זיי מוזן וואַרטן אויף אַ באַפעל פון זייער גענעראַל־שטאַב. דער ענט־פער איז געקומען ערשט אין צוויי טעג אַרום, דעם 16־טן נאָוועמבער. צוויי טעג האָט זיך די דייטשע רעגירונג געשלאָגן מיט דער דעה צי זי זאָל אָנערקענען לענינס רעגירונג אַלס די רעגירונג פון רוסלאַנד, אָדער ניט. און גראַד אין איינעם פון די צוויי טעג איז פאָרגעקומען יענע נאַכט־זיצונג אין פּאָלאָצק, אין דער קאַזאַרמע פון דער קאַוואַלעריע־דיוויזיע, וואָס איך האָב באַשריבן אויף ז׳ 189—190.

צוערשט איז געקומען אַ טעלעגראַמע, אַז די דייטשע רעגירונג זאָגט זיך אָפּ צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די באָלשעוויסטישע „פאָלקס־קאָמיסאַרן“, דאַן אָבער איז געקומען אַ צווייטע טעלעגראַמע, אַז די דייטשע רעגירונג וועט יאָ פירן אונטערהאַנדלונגען מיט לענינס רע־גירונג.

דעם 20־טן נאָוועמבער איז פאָרגעקומען די ערשטע באַגעגעניש צווישן די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן און די פאָרטרעטער פון דער דייטשער קאָאַליציע (דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן, בולגאַריע, טער־קיי). דער הויפּט פון די סאָוועטישע דעלעגאַטן איז צוערשט געווען אַדאָלף י אָ פ ע, אַ געוועזענער רוסישער סטודענט אין ווין, אַן אָנהענ־גער און פאַרזענלעכער תלמיד פון טראָצקין. מיט אים צוזאַמען זיינען געווען ק אַ מ ע נ י ע וו, ס אָ ק אָ ל נ י ק אָ וו, דער באָלשעוויס־טישער פּראָפעסאָר פּ אָ ק ר אָ וו ס ק י און, דוכט זיך, די לינקע סאָ־ציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערין ב י צ ע נ ק אָ. די פירערס פון דער דיי־טשער דעלעגאַציע זיינען געווען דער דיפּלאָמאַט פאָן־קילמאַן און דער גענעראַל פאָן־האָפמאַן, דער אויבער־קאָמאַנדיר פון דייטשן מזרח־פראָנט, דערזעלביקער וואָס זאָל האָבן געהאַט באַשלאָסן דורכצולאָזן לענינען און זיינע פריינט דורך דער דייטשער טעריטאָריע אין אָנהייב פון דער רעוואָלוציע.



אַדאָלף יאָפע, דער צווייטער פון לינקס, מיט דער שוואַרצער באָרד, אין ברעסט־ליטאָווסק

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די טראַגעדיע פון ברעסט־ליטאָווסק. די דייטשן האָבן געשפּילט מיט די סאָוועטישע דעלעגאַטן ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז. דער רוסישער פראָנט איז זיך שנעל צעפאַלן. די סאָלדאַטן זיינען זיך צעלאָפן, מיטנעמענדיק מיט זיך די ביקסן, מאַשין־געווערן, שטיוול, קליידער, פערד — אַלץ וואָס מען האָט נאָר געקאָנט. די נייע סאָוועט־רעגירונג האָט פּרובירט איינהאַלטן דעם שטראָם, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. אין פיל ערטער האָבן די סאָלדאַטן פ אַ ר ק ו י פ ט די רוסישע האַרמאַטן צו די דייטשן. אין פינלאַנד האָבן די „רעוואָלו־ציאָנערע" מאַטראָסן, לויט לענינס אייגענער דערקלערונג, פאַרקויפט געווער צו די פינישע ווייס־גווארדייער. די מאַטראָסן פון די קריגס־שיפן פלעגן אַראָפּנעמען וויכטיקע מאַשין־טיילן און קופּערנע אינסטרו־מענטן און זיי פאַרקויפן אָדער אַוועקשלעפּן צו זיך אַהיים אין די דער־פער. די שיפן זיינען דורך דעם פאַרקריפּלט געוואָרן. די אָפיצערן זיי־נען אַנטלאָפן אויס מורא פאַר די סאָלדאַטן, און אַ טייל אָפיצערן, באַ־זונדערס אין פלאָט, זיינען טאַקע דערהרגעט געוואָרן פון די סאָלדאַטן און מאַטראָסן. קיין רוסישער פראָנט איז מער ניט געווען. אָבער די דייטשע דיוויזיעס זיינען נאָך געשטאַנען פעסט און שטאַרק אויף דעם גאַנצן מזרח־פראָנט, און די דייטשע סאָלדאַטן האָבן נאָך געהאָרכזאַם אויסגעפירט אַלע באַפעלן פון די גענעראַלן הינדענבורג, לודענדאָרף און האָפמאַן. דער דייטשער צוזאַמענברוך איז ערשט געקומען מיט אַ גענויעם יאָר שפּעטער, אין נאָוועמבער 1918.

געווים זיינען די רוסישע רעדנערס אויף דער פרידנס־קאָנפערענץ געווען פיל בעסער און טאַלענטפולער, איידער די דייטשע גענעראַלן און דיפּלאָמאַטן. טראָצקי, וועלכער איז שפּעטער באַשטימט געוואָרן פאַר דעם פירער פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע, האָט אין ברעסט־ליטאָווסק געהאַלטן וואונדערבאַרע רעדעס. אָבער די רוסן האָבן פאַר־מאָגט נאָר רעדנערס, די דייטשן האָבן געהאַט דיוויזיעס.

די דייטשן האָבן געלאָזט די רוסן ריידן וויפיל זיי ווילן. זיי האָבן ביי זיך געטראַכט אַזוי: לענין פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז ער מוז זיך אונטערגעבן. נאָר וואָס דען? ער וויל ראַטעווען זיין פּרעסטיזש. טאָ לאָמיר אים לייכטער מאַכן דעם דזשאַב: זאָלן טראָצקי און די אַנ־דערע האַלטן רעדעס און דערנאָך, ווען עס וועט קומען צום „תכלית", וועלן מיר שוין דורכקומען.

אָבער די באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן, און יעדנפאַלס טראָצקי, האָבן ניט נאָר געוואָלט ראַטעווען זייער פּרעסטיזש, זיי האָבן טאַקע אויפריכטיק געהאָפט דורך דער רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אין ברעסט־ליטאָווסק אויפצוהייבן אַ רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין דייטש־לאַנד און אַזוי־אַרום דערשלאָגן זיך אַן אמתדיק דעמאָקראַטישן פרידן. זיי האָבן געהאָפט צו שאַפן אַרום ברעסט־ליטאָווסק אַן אַטמאָספערע פון רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע אין דער גאַנצער וועלט, און דורך דעם אויך אין דייטשלאַנד. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אין דעם

„פאַרברידערונג" צווישן די רוסישע און דייטשע סאָלדאַטן אויפן פראָנט

ניט געגלויבט און האָט געגוי געוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, איז געווען לענין. און דאָס איז קלאָר געוואָרן אין דעם מאָמענט, ווען די אונטערהאַנדלונגען אין ברעסט-ליטאָווסק זיינען אריין אין אַ טעמפּן ווינקל און עס איז מער ניט געווען קיין אויסוועג: די דייטשן האָבן געפאָדערט פּאַקטיש אַ פולשטענדיקע צעטיילונג פון רוסלאַנד און אַז זיי, די דייטשן, זאָלן באַקומען ריזיקע שטיקער טעריטאָריע אונטער דער מאַסקע פון „נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג" פאַר די אוקראַינער, פאַר די באַלטישע געגנטן און אַזוי ווייטער. די רוסן האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן און האָבן געפאָדערט די ערלעכע דורכפירונג פון יענע פּרינציפּן, וואָס זיינען כלומרשט אָנגענומען געוואָרן פון ביידע צדדים. די לאַגע פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע איז געוואָרן אין גאַנצן טראַגיש, ווען אין ברעסט האָט זיך באַוויזן אַ באַזונדערע דעלעגאַציע פון דער אוקראַאינישער „ראַדע" און האָט אונטערגעשריבן אַ באַזונדערן אָפּמאַך מיט די דייטשן. די אוקראַינער זיינען גרייט געווען אונטערצושרייבן אַלץ, אַבי מען זאָל נאָר אָנערקענען אוקראַינע. אָט אין יענעם מאָמענט האָט טראָצקי פּראָקלאַמירט זיין באַרימטן סלאָגאַן: „ניט קריג און ניט פרידן", ניט מיר פירן ווייטער דעם קריג, — ווייל מיר קאָנען ניט, — און ניט מיר שרייבן אונטער דעם דייטשן פרידן, ווייל דאָס איז קעגן אונדזערע פּרינציפּן.

אָבער טראָצקיס דערקלערונג איז געווען אַביסעלע צו-„איינזייטיק"; דער צווייטער צד — די דייטשן — האָבן יאָ געקאָנט פירן קריג. דעם 18-טן פעברואַר האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַן אַטאַקע אויפן גאַנצן רוסישן פראָנט. די דייטשן האָבן אָן איין איינציקן שאָס פאַרנומען דווינסק און די גאַנצע געגנט ביז פּסקאָוו, וואָס איז גאָר נאָענט צו פּעטערבורג.

די באָלשעוויקעס זיינען געווען אינעווייניק צעשפּאָלטן, פון אויבן ביז אונטן. אין צענטראַל-קאָמיטעט איז די מערהייט געווען קעגן דעם ברעסט-ליטאָווסקער פרידן. אויך אין דער באָלשעוויסטישער פראַקציע פון צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט און אין פּעטערבורגער סאָוועט איז די מערהייט געווען געשטימט קעגן אַזאַ פרידן, אָבער לענין איז געווען פאַר. און זיין איינפלוס און זיין אַנטשלאָסנקייט צו קעמפן קעגן דער מערהייט פון זיין אייגענער פּאַרטיי זיינען געווען שטאַרקער איידער די מאַכט פון דער מערהייט. באַזונדערס שאַרף זיינען ארויסגעטראָטן קעגן לענינען ראַדעק און בוכאַרין. דער דאַן נאָך יונגער און טעמפּעראַמענטפולער בוכאַרין האָט געדראָט, אַז ער וועט מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן לענינען, אויב יענער וועט פאַרראַטן די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן קאָמוניזם דורך דעם שענדלעכן ברעסט-ליטאָווסקער פרידן.

אין דער צייט ווען אין דער רעגירונג איז געווען אַ צעשפּאַלטונג, אַ צעטומלעניש און זי איז געשטאַנען אויפן שוועל פון אַן אינעווייניקסטען ברודער-קאַמף, האָט נאָך אַ גרעסערע צעטומלעניש געהערשט

אין דער באַפעלקערונג. די באָלשעוויקעס און די סאָוועטן האָבן גערופן די אַרבעטער־מאַסן צו אַ „באַוואָפנטן ווידערשטאַנד” קעגן דער דייטשער אַרמיי. די גאַנצע נאַכט פון 19־טן פעברואַר האָבן אין פעטערבורג אָן אויפהער געהודיעט און געיאָמערט די סירענעס און די פייפערס פון אַלע פעטערבורגער פאַבריקן, אָניאָגנדיק אַ מורא אויף דער באַפעלקערונג. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און אַ קאַלטע. גרופּעס רויטע אַרמייער און באַוואָפנטע אַרבעטער מיט רעוואָלווערן און ביקסן האָבן זיך געזאַמלט אין די פאַרשטעט פון פעטערבורג. אויטאָמאָבילן און מאָטאָרסאַיקלס זיינען אַרומגעפלויגן אַהין און אַהער איבער דער שטאָט. עס האָט אויסגעזען, אַז מען גרייט זיך צו אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד, און עס זיינען זיכער געווען טויזנטער אויפריכטיקע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען גרייט צו בויען באַריקאַדעס אַרום פעטערבורג און זיך אַנטקעגנשטעלן די אָנקומענדיקע דייטשע דיוויזיעס. אָבער פאַר אַלע מענטשן, וואָס זיינען געווען בעסער באַקאַנט מיט דער לאַגע, איז געווען קלאָר, אַז פאַרטיידיקן פעטערבורג און אָפּהאַלטן די דייטשן איז אוממעגלעך. עס האָט זיך געקאָנט האַנדלען נאָר וועגן דעם, אַז די רעשטלעך פון רוסישן מיליטער, וואָס מען האָט נאָך געקאָנט אַרויסראַטעווען פון חורבן, זאָלן זיך צוריקציען ערגעץ־וואו העט־ווייט אין מזרח־רוסלאַנד: אויפן אוראַל, אין סיביר, און זאָלן דאָרטן אויפשטעלן אויף דאָס ניי דעם רוסישן פראָנט קעגן דייטשלאַנד און ווידער אַריינגיין אין דער מלחמה אויפן צד פון די עלאַים. עס איז געווען זייער אַ גרויסע פראַגע, צי מען קאָן אַזוינס נאָך מאַכן, און פריער פאַר אַלץ איז געווען אַ פראַגע, צי קאָן דאָס מאַכן לענינס רעגירונג. שטורעמדיקע און דראַמאַטישע דעבאַטעס זיינען פאָרגעקומען אין יענע טעג און נעכט אין דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי, אין די סאָוועטן, אין צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט.

אויך ביי די אַנדערע פאַרטייען האָט געהערשט אַ פיבערהאַפטיקע אויפרעגונג. די לינקע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן זיינען אַלע, מיט ווינציקע אויסנאַמען, געווען ק ע ג ן ברעסט־ליטאָווסקער פרידן און פאַר אַ ווייטערדיקער „רעוואָלוציאָנערער מלחמה”. ווען אונטער דעם דרוק פון די באָלשעוויקעס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו אונטערשרייבן דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן, זיינען די לינקע ס. ר., בראש מיט ד״ר ש ט י י נ ב ע ר ג, אַרויסגעטראָטן פון דער סאָוועט־רעגירונג.

אויך אין די רייען פון אונדזער פאַרטיי איז די שטימונג געווען אין דער גרויסער מערהייט קעגן דעם שלום פון ברעסט־ליטאָווסק. מיר, די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן, זיינען אויך קיין מאָל ניט געווען גרייט איינצוגיין אויף אַ שענדלעכן סעפּאַראַטן שלום מיט דעם דייטשן קייזער. איך פערזענלעך האָב אפשר מער פאַר אַלע מיינע חברים געפילט די פ אַ ק ט י ש ע אוממעגלעכקייט פון רוסלאַנד צו פירן ווייטער די מלחמה; אָבער אויך איך האָב אין יענע טעג מיט מיין גאַנצער קראַפט, אפשר שאַרפער פאַר אַלעמען, פאַרטיידיקט דעם

שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף שאַפן אַ נייעם פראָנט אויפן אוראַל, און אַז דער קריג מוז אָנגיין ווייטער אונטער דער פירונג פון אַ פּאַראיי-ניקטער סאָציאַליסטישער רעגירונג. איך האָב געקאָנט אייראָפּע און איך האָב געוואוסט, וואָס פאַר אַ מאָראַלישע קאַטאַסטראָפע עס וועט זיין פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויב די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיך אונטערגעבן דעם „קאַיזער”. סיי אין די אינטערעסן פון רוסלאַנד, סאַי אין די אינטערעסן פון אינטערנאַציאָ-נאַלן סאָציאַליזם, האָט מען ניט געטאָרט אָננעמען דעם ברעסט-ליטאָווו-סקער שלום. און אויב מען טאָר זיך ניט אונטערגעבן, מוז מען קעמפן, ווי שוואַך עס זאָל ניט זיין די האָפענונג אויף אַ זיג.

מיין פריינט מאַרטאָוו, דער אָנערקענטער פירער פון די אינ-טערנאַציאָנאַליסטן-מענשעוויקעס, האָט ניט געגלויבט אין דער מעג-לעכקייט פון קאַמף קעגן די דייטשן און איז געשטאַנען נעענטער צו לע-נינס שטאַנדפּונקט; אָבער אויך ער האָט געהאַלטן, אַז דעם שלום טאָר מען ניט אונטערשרייבן.

וועגן די „אָבאָראָנצעס” איז געוועזן אָפּגערעדט: זיי האָבן אַלע באַטראַכט אי די אונטערהאַנדלונגען, אי דעם ברעסט-ליטאָווסקער שלום אַלס אַ נאַציאָנאַלן פאַרראַט און האָבן מיט דעם גרעסטן ענטו-זיאַזם אונטערגעשטיצט די מיינונג, אַז מען דאַרף ווייטער פירן די מלחמה. אָבער אי די, וואָס זיינען געווען פאַר פאַרזעצן דעם קריג, אי די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָננעמען דעם ברעסט-לי-טאָווסק פרידן, האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די אַנטשיידונג אין דער פראַגע פון שלום וועט אויך אַנטשיידן דעם שיקזאַל פון לענינס רעגירונג. שאַפן אַ נייעם פראָנט, אויפהאַלטן די שטימונג פון נאַציאָ-נאַלער פאַרטיידיקונג וועט די לעניניסטישע רעגירונג, וואָס איז געקו-מען צו דער מאַכט דורך איר פּראָפּאַגאַנדע קעגן קריג, ניט זיין אימשטאַנד. עס וועט מוזן קומען אַ נייע רעגירונג, אָדער די סאָוועט-רעגירונג וועט מוזן איבערגעבויט ווערן אויף אַנדערע יסודות. ווען לע-נין האָט פאַרטיידיקט דעם ברעסט-ליטאָווסקער פרידן האָט ער עס גע-טאָן ניט נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין אַרמיי, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט איינהאַלטן די מאַכט, די הער-שאַפט פון זיין פּאַרטיי.

שעהן-לאַנג האָבן זיך דעם 22-טן פעברואַר געצויגן די זיצונגען פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע אין צענטראַל-קאָמיטעט פון די סאָוועטן. די זיצונג איז פאָרגעקומען הינטער פאַרמאַכטע טירן. מיר, די ניט-באָלשעוויסטישע דעלעגאַטן צו דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָ-מיטעט, וואָס האָט געזאָלט באַשליסן די פראַגע צי מ'זאָל אָננעמען דעם דייטשן פרידן, זיינען געשטאַנען אין די קאָרידאָרן אין רעדלעך און האָבן געוואַרט, עס זאָל זיך עפענען די אַלגעמיינע זיצונג. און אין די רעדלעך מענטשן האָבן זיך געפירט הייסע, ליידנשאַפטלעכע, ביטערע דיסקוסיעס.

גאַר אַ גרויסער עולם פלעגט זיך אַרומקלייבן אַרום אונדזער גרופּע, אַרום מאַרטאָוון. ווידער אַמאָל, ווי אין פּלאָצק, האָב איך דערפילט, אַז די פראַגע פון שלום איז אויך נאָך איצט, אין פעברואַר, 1918, די צענטראַלע פראַגע פון דער מאַכט אין רוסלאַנד. אַזוי גיך ווי עס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די האָפענונג אויף אַ גיכן און פעסטן שלום, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויך דער איינפלוס פון די באָלשעוויקעס און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צורוקן צו אַנדערע מענטשן, צו אַנדערע פּאַרטייען.

די שטימונג איז געווען קעגן די באָלשעוויקעס, קעגן לענינען.

„נו, האָט דען טראָצקי אונדז ניט צוגעזאָגט אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן, אַז דער איינציקער מיטל צו שאַפן אַן אמתען שטאַרקן פראָנט איז — איבערגעבן די מאַכט צו די סאָוועטן, ווייל יעמאָלט וועלן די סאָלדאַטן וויסן, פאַר וואָס זיי קעמפן?! נו, וואו זיינען איצט אייערע סאָלדאַטן? וואו איז אייער שטאַרקער פראָנט?"

די באָלשעוויקעס, וואָס האָבן געהערט אַזעלכע טענות, האָבן ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. דאַן איז צוגעקומען אַן אָנהענגער פון בוכאַרינען און האָט „אויסגעזאָגט פון חדר", — ער האָט דערציילט וואָס עס טוט זיך אויף דער זיצונג פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע: ווי אַזוי בוכאַרין און ראַדעק און ריאַזאַנאָוו און אַנדערע זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן לענינען, און ווי אַזוי קרילענקאָ, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רוסישער אַרמיי, האָט זיי אָפיציעל דערקלערט, אַז קיין שום פראָנט איז ניטאָ, ווייל די סאָלדאַטן צעלויפן זיך ווי די האָזן, און קיינער וויל ניט שיסן; און ראַסקאָלניקאָוו, דער באָלשעוויסטישער הויפּט־קאָמאַנדיר פון רוסישן פלאָט, האָט באַשטעטיקט, אַז קיין פלאָט איז אייגנטלעך ניטאָ, אַז עס איז ניטאָ ווער עס זאָל פירן די שיפן, אַז די מאַטראָסן באַראַבעווען די שיפן און צעלויפן זיך.

לענינען האָט זיך איינגעגעבן צו ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון זיין פּאַרטיי. ער האָט זיי באַוויזן, אַז ניט אונטערשרייבן דעם שלום הייסט פאַרניכטן די סאָוועט־רעגירונג, און כדי איינצושטילן זייער געוויסן, וואָס האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם שענדלעכן שלום, האָט ער אין זיין באַרימטער רעדע אַנטוויקלט די „פילאָסאָפיע" פון באָלשעוויזם. „וואָס מיינט איר, — האָט ער זיי געפרעגט מיט אַ בייסנדיקער איראָניע, — אַ רעוואָלוציע איז אַ יום־טוב, וואו מען שפּאַצירט אַרום מיט רויטע פאָנעס און מען זינגט רעוואָלוציאָנערע לידער?! אַ רעוואָלוציע דאַרף גיין דורך שמוץ און דורך בלוט. מען מוז קריכן אויפן בויך דורך בלאָטע, דורך שמוץ און דורך בלוט, און ווער עס האָט דערצו קיין כוח ניט, איז ניט קיין רעוואָלוציאָנער".

לענינען איז אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויסגעקומען ניט איין מאָל צו אַנטוויקלען די דאָזיקע „פילאָסאָפיע" פון אַ רעוואָלוציע, וואָס גייט דורך שמוץ און דורך בלוט. אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע

מאָל, ווען ער האָט פּראָקלאַמירט אַזוינע געדאַנקען אין אַן אָפענער פאָרם. אַט אין יענעם מאָמענט איז געבוירן געוואָרן אַ סאָרט באָלשע־וויזם, וועלכער איז פריער ניט געווען, דער באָלשעוויזם, פאַר וועלכן אַלע מיטלען זיינען גוט, פאַר וועלכן עס זיינען ניטאָ קיין הייליקע פּרינ־ציפּן, פאַר וועלכן עס איז ניטאָ קיין מאָראַל, פאַר וועלכן עס איז פאַראַן נאָר איין העכסטער צוועק — די עקזיסטענץ פון דער אייגענער מאַכט.

דער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן האָט באַ־שלאָסן אונטערצושרייבן דעם דייטשן אולטימאַטום און דעם גאַנצן פרידנס־אָפּמאַך, אַ פּ י ל ו נ י ט ל י י ע נ ע נ ד י ק א י ם. דאָס „ניט לייענען" דעם אָפּמאַך איז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ באַזונדערס שטאַרקע פאָרם פון רעוואָלוציאָנערן פּראָטעסט. די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געשטימט קעגן און דערקלערט, אַז זיי וועלן אַרויסטרעטן פון דער רעגירונג. אויך אַלע אַנדערע פּאַרטייען האָבן געשטימט קעגן. צווישן די באָלשעוויקעס גופא איז פאַר דעם אָפּמאַך געווען נאָר אַ קליינע מאַיאָריטעט. אָבער אַ ל ע באָלשעוויקעס (אַפילו לענינס קעגנער) האָבן געשטימט פ אַ ר, צוליב פּאַרטיי־דיסציפּלין.

אַזוי־אַרום האָט לענין געזיגט, אַ דאַנק די שטימען פון די באָלשע־וויקעס, וואָס זיינען געווען ק ע ג ן אים, וואָרים אויב אַלע מיטגלידער פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט, די באָלשעוויקעס און די ניט־באָלשעוויקעס, וואָלטן געשטימט פריי, לויט זייערווירקלעכער איבער־צייגונג, וואָלט דער ברעסט־ליטאָווסקער פרידן ניט אָנגענומען געוואָרן; ער וואָלט אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט אַ גרויסער מערהייט.

***

דער באַשלוס פון צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט האָט געדאַרפט באַשטעטיקט ווערן פון אַ סאָוועטן־צוזאַמענפאָר. און יענער „אויסערגע־וויינטלעכער צוזאַמענפאָר" איז פאַררופן געוואָרן אויך אָנהייב מערץ, אין מאָסקווע. די גאַנצע פירערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי איז אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, ערשטנס, צוליבן צוזאַמענפאָר, דער עיקר אָבער, ווייל סאָ'יז באַשלאָסן געוואָרן בכלל צו פאַרלאָזן פּעטער־בורג, ווייל די שטאָט איז געוואָרן צו נאָענט צום פראָנט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָט די רעגירונג באַשלאָסן אַריבערצו־פירן קיין מאָסקווע דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָ־וועטן. און כדי צוצוגרייטן דעם אַריבערפאָר פון אונדזערע פּאַרטיי־אינ־סטיטוציעס בין איך געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע. אויף צו פאָרן האָט מען שוין יעמאָלט באַדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון מיליטעריש־רע־וואָלוציאָנערן קאָמיטעט. בין איך אַוועק צו סווערדלאָוון, וואָס איז גע־ווען דער פּאָרזיצער פון צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט און גלייכצייַ־טיק דער סעקרעטאַר פון קאָמוניסטישן צענטראַל־קאָמיטעט, דורכצו־ריידן זיך מיט אים וועגן די נויטיקע טעכנישע זאַכן. סווערדלאָוו, מיט וועמען איך בין געווען באַקאַנט נאָך פון די פריערדיקע יאָרן, איז גע־

ווען זייער פריינטלעך, האט צוגעזאגט אלץ צו ארגאנזשירן, און האט מיר באלד געגעבן די נייטיקע דערלויבעניש אויף צו פארן קיין מאסקווע אין א באזונדערן וואגאן, וואס איז געווען באשטימט נאר פאר די מיטגלידער פון די רעגירונגס־אינסטיטוציעס. אבער ווען איך בין געקומען אויפן וואקזאל פון ניקאלאיעווער אייזנבאן מיט אלע מיינע שיינע פאפירן, בין איך נאר מיט גרויס מי דורכגעקראכן ביז צו דער באן־פלאטפארמע. די קאלאסאלע געביידע פון ניקאלאיעווער וואקזאל איז געווען בוכשטעבלעך פארפלייצט מיט א ים סאלדאטן און מאטראסן. יעדער האט געשלעפט זעק און פעק. כמעט יעדער מאטראס האט געהאט אויפן רוקן א הילצערנעם קאסטן (טראנק), שווער אנגעלאדעוועט מיט פארשיידענע זאכן. אלע זיינען געשטאנען ענג צוזאמענגעפרעסט, און נאר מיט דער גרעסטער מי, דראענדיק מיט רעוואלווערן און ביקסן, האט די וואך באוויזן דורכצופירן אונדז, די דעלעגאטן פון צענטראלן עקזעקוטיוו־קאמיטעט, צו יענער פלאטפארמע, וואו עס האט געדארפט אנקומען אונדזער ספעציעלער וואגאן. אבער אין דעם מאמענט, ווען דער צוג האט זיך אנגעהויבן לאנגזאם צו קייקלען צו דער פלאטפארמע, האט די גאנצע מאסע זיך א רוק געטאן פאראויס, און האט אונדז, די וואס זיינען געשטאנען פארענט, פשוט אראפגעווארפן אויף די רעלסן, פאר די רעדער פון לאקאמאטיוו. ווען ניט אן אלטער געפעק־טרעגער מיט א גרויסער גראער בארד, וועלכער האט מיר דערלאנגט זיין אלטע, אבער נאך שטארקע האנט, וואלט איך ווארשיינלעך יעמאלט צעקוועטשט געווארן אונטער דעם צוג, וואס האט מיך געזאלט פירן קיין מאסקווע.

איך בין ענדלעך אריין אין וואגאן. קיין פלאץ אויף צו זיצן איז אין ערגעץ ניט געווען; יעדער אינטש איז געווען באזעצט מיט סאלדאטן, מאטראסן, פרויען, קינדער, פעק, זעק. די רייזע האט געדויערט א 14—15 שעה. ארויסגיין פון פלאץ, קומען צוריק, קריגן א טרונק וואסער, — דאס אלץ האט מען געקאנט טאן נאר קריכנדיק איבער די קעפ פון מענטשן. לעבן מיר איז געזעסן א יונגע פרוי מיט א קליין קינד, וואס האט ניט אויפגעהערט א גאנצע נאכט צו שרייען. אזוי ווי איך האב געהאט יעמאלט א געוויסע דערפארונג אין האדעווען מיין אייגענע קליינע טאכטער, האב איך זיך פארנומען מיט ניאנטשען דאס שרייענדיקע קינד. מיט דער הילף פון דער יונגער מוטער, וואס האט געהאט צוטרוי צו מיין בארד און ברילן און האט מיך ווארשיינלעך געהאלטן פאר א דאקטאר, האב איך דאס קינד אביסל איינגעשטילט. עס איז געווען א מערווירדיקע ארבעט פאר א מיטגליד פון צענטראלן עקזעקוטיוו־קאמיטעט, וואס איז געפארן קיין מאסקווע צו באטייליקן זיך אין דער אנטשיידונג איבער קריג און פרידן. אבער עס איז געווען נאך מער מערקווירדיק, אז אין די 14 אדער 15 שעה, וואס איך בין אפגעזעסן אין וואגאן מיט די פיל צענדליקער סאלדאטן און מאטראסן, האט דער עולם ניט גערעדט ניט וועגן פאליטיק, ניט וועגן מלחמה, ניט וועגן שלום — דאס אלץ איז שוין געווען פאר זיי א זאך פון דער פארגאנגענהייט. דער קריג איז געווען פאר זיי

געענדיקט. אין אַלע זייערע געשפּרעכן און געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום דעם דאָרף, אַרום דער ערד, אַרום זייערע פערד און בהמות, אַרום דער פאַמיליע און היימישע ענינים.

אויף דעם „אויסערגעוויינטלעכן צוזאַמענפאָר" פון די סאָוועטן אין מאָסקווע איז פאָרגעקומען די ווערטער־שלאַכט צווישן לענינען און ד"ר שטיינבערגן, וועלכער איז געווען דער קעגן־רעדנער אין דער פראַגע פון ברעסט־ליטאָווסקער פרידן. אָט דאָרטן זיינען די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אַרויס פון דער רעגירונג. דאָרטן האָט אויך א. לאָזאָוו־סקי, דער איצטיקער וויצע־קאָמיסאַר פון אויסלענדישע אָנגעלעגנהייטן, וועלכער איז דאַן געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט און אַ קעגנער פון די באָלשעוויקעס, געמאַכט זיין באַרימטן וויץ וועגן דעם, אַז לענין וועט ברענגען דערצו, אַז גאַנץ רוסלאַנד וועט אַריין אין די גרעניצן פון דער מאָסקווער „סטריט־קאַר"־ליניע „אַ" (דאָס איז געווען אַ רונדע ליניע, וואָס איז געגאַנגען אַרום מאָסקווע, איבער די בולוואַרן).

אויך מאַרטאָוו און איך זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן ברעסט ליטאָוו־סקער פרידן. אָבער קיין געלעגנהייט צו האַלטן אַ גרויסע רעדע האָט מען אונדז ניט געגעבן: עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו אַנטשיידן די פראַגע אָן דיסקוסיע, דורך אַ פּשוטער אָפּשטימונג. די מערהייט האָט געשטימט פאַרן פרידן, און דאָס מאָל איז לענינס מערהייט שוין געווען אַ גרעסערע.

2

דער אָנהייב פון טעראָר

די 4—5 חדשים צווישן אונטערשרייבן דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן און דעם קאַזאַנער אויפשטאַנד, וואָס איז געוואָרן דער אמתער אָנ־הייב פון בירגער־קריג, זיינען געווען די איבערגאַנגס־צייט פון רעוואָלו־ציאָנערער דעמאָקראַטיע צו דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. דאָס איז געווען די צוגרייטונגס־צייט צום בירגער־קריג פון ביידע צדדים און דער אָנהייב פון טעראָר, סיי פון דעם באָלשעוויסטישן, סיי פון דעם אַנטי־באָלשעוויסטישן.

עס זיינען שוין אָנגעשריבן געוואָרן זייער פיל ביכער און אַרטיקלען וועגן יענער צייט, הונדערטער שילדערונגען און זכרונות. די באָלשע־וויסטיש־געשטימטע שרייבערס, וואָס ווילן באַרעכטיקן היסטאָריש לע־נינס טאַקטיק, פאַררופן זיך אויף דעם קאָכעדיקן צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין לויף פון יאָרהונדערטער אין די מאַסן, און וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אויף דער איבערפלאַך, ווי די פייערדיקע צעשמאָלצענע לאַווע פון אַ וואולקאַן. עס וואָלט געווען לעכערלעך צו לייקענען, אַז אַזאַ מין אָנגעזאַמלטע שנאה איז טאַקע געווען ביי די מאַסן, און אַז דער גע־פיל פון נקמה קעגן די פּריצים און פריערדיקע הערשער האָט זייער אָפט

געפירט צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן און גוואַלדטאַטן. אָבער דאָס איז דער עיקר געווען ריכטיק בנוגע יענעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען אין די דערפער: די גוואַלדטאַטן, אָפּט אומזיניקע און ברוטאַלע, קעגן די פּריצים, ווענמאַן מאַיאָנטקעס מען האָט צוגענומען און צעטיילט צווישן די אָרעמע פּויערים, זיינען זייער אָפט געווען רעזולטאַטן פון דעם האַס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן באַהאַלטענערהייט אין משך פון יאָרן און יאָרן. אָבער גאָר, גאָר זעלטן איז מיר אויסגעקומען צו באַמערקן אַזוינס אין די שטעט, צווישן די אַרבעטער. מיר איז אויסגעקומען צו פירן לײַדנשאַפט־לעכע דיסקוסיעס מיט אַרבעטער־פרויען, וואָס האָבן פאַרלאַנגט אָדער גוטגעהייסן, אַז מען זאָל די „בורזשויקעס״ שיקן אויף שמוציקע און שווע־רע אַרבעטן: „זאָלן די „באַריניעס״ (די לעידים) מיט די שיינע הענט אין די זיידענע קליידער אויך פאַרזוכן דעם טעם פון שווערער פּראַצע״ — האָבן זיי געשריען. דאָס האָט גערעדט אין זיי דער דורשט נאָך סאָציאַ־לער נקמה. אָבער אַפילו יענע אַרבעטער־פרויען האָבן ניט פאַרלאַנגט קיין טעראָר.

מיר איז אויך אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין היציקע דיסקוסיעס מיט דעמאָבליזירטע סאָלדאַטן, וואָס זיינען גרייט געווען צו שלאָגן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך דערוועגט צו ריידן קעגן פרידן — קעגן דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן. אָבער מיר איז קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו זען, ניט אין פּעטערבורג, ניט אין מאָסקווע, ניט אין טווער, ניט אין וויטעבסק און ניט אין אַנדערע שטעט, וואו איך האָב גערעדט אויף אַר־בעטער־פאַרזאַמלונגען, אַפילו אַ שפּור פון יענעם בלוט־דורשטיקן טעראָ־ריזם, אין וועלכן מען וויל באַשולדיקן דעם כאַראַקטער פון רוסישן „אָפּ־געשטאַנענעם״ פאָלק. עס פאַרשטייט זיך, אַז שפּעטער, אין לויף פון בירגער־קריג, זיינען אויפגעוועקט געוואָרן לײַדנשאַפטן און געפילן פון ברוטאַליטעט אין ביידע צדדים. אָבער אין אָט דער צוגרייטונגס־צייט, וועגן וועלכער איך שרייב, זיינען די רוסישע מאַסן, ווייניקסטנס אין די שטעט, נאָך געווען אַזוי צוגעוואוינט צו די פרייהייטס־לאָזונגען פון דעם ערשטן יאָר רעוואָלוציע, אַז וועגן קיין שום טעראָר האָט מען ניט געקאָנט ריידן. דער טעראָר איז אריינגעטראָגן געוואָרן דורך אַ פּלאַנ־מעסיקער פּראָפּאַגאַנדע און איז געשפּייזט געוואָרן אין די רייען פון די באָלשעוויקעס גופא דורך יענעם געפיל פון אָפּגעזונדערטקייט און איינ־זאַמקייט, אין וועלכן די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור האָט געלעבט אין יענע חדשים.

נאָך קיין מאָל זיינען די באָלשעוויקעס ניט געווען פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך אַזוי אָפּגעזונדערט, ווי אין יענע חדשים נאָך ברעסט־ליטאָווסק. זיי האָבן געהאַט די מאַכט, זיי זיינען געווען די רעגירונג, זיי האָבן געקאָנט פאַרכאַפּן אַלע אָרגאַניזאַציעס און יוניאָנס, מיט פּראָפּאַ־גאַנדע אָדער געוואַלט, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט אין יענעם מאָמענט הינטער זיך יענעם ים פון מאַסן־סימפּאַטיעס, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געשטיצט אין די חדשים סעפּטעמבער ביז יאַנואַר. די פּויערים האָבן זיך

באַצויגן אין אַלגעמיין פריינטלעך, אָבער אָן שום ענטוזיאַזם און ווי עפּעס צו אַ זאַך, וואָס איז פאַר זיי אַ זייטיקע. זיי זיינען געווען דאַנקבאַר לע־נינען פאַר דעם שלום און פאַר דער ערד, וואָס ער האָט זיי געלאָזן נעמען. אָבער די גאַנצע רעגירונג איז געווען פאַר זיי אַ זייטיקער און „שטאָטי־שער" ענין, וועגן וועלכן זיי האָבן זיך ווייניק וואָס געקימערט. יעדער דאָרף, יעדע געגנט איז געווען פאַרטאָן אין אירע אייגענע לאָקאַלע אָנגע־לעגנהייטן, און רוסלאַנד, אַלס מלוכה, האָט אַזוי ווי אויפגעהערט צו עק־זיסטירן פאַר זיי. גאַנץ אוקראַינע איז בכלל אַוועק פון רוסלאַנד און איז געוואָרן אַ באַזונדערע מלוכה, וואָס איז דאַן באַלד אָקופּירט געוואָרן פון די דייטשן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די שטעט, איז די ערשטע פאַרשיכורונג באַלד אַוועק, און די מער באַוואוסטזיניקע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן, אַז זיי האָבן אייגנטלעך פון דער באָלשעוויסטישער רע־וואָלוציע גאָר ווייניק וואָס געוואונען. די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אין די שטעט האָבן שטאַרקער געפילט די חרפה פון ברעסט־ליטאָווסק, איידער די פויערים אין די דערפער. צו דעם געפיל פון נאַציאָנאַלער שאַנדע איז צוגעקומען די ביטערעווירקלעכקייט פון עקאָנאָמישן קרי־זיס און אַרבעטסלאָזיקייט. די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט צעשטערט דאָס עקאָנאָמישע לעבן, דעם טראַנספּאָרט. די דייטשע אָקו־פּאַציע פון אוקראַינע, די אומאויפהערלעכע צוזאַמענשטויסן און אומ־רוען האָבן געשאַפן אַרבעטלאָזיקייט. די פּרייזן זיינען געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די פויערים, וואָס זיינען געווען פאַרנומען מיט אינערלעכע רייסערייען און מיט טיילן די ערד, האָבן געשיקט אַלץ ווייניקער פּראָ־דוקטן אין די שטעט, און די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן ליידן נויט. דאָס געלט האָט אַלץ מער און מער פאַרלוירן דעם ווערט. ניט געקוקט אויף דער הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס, האָבן דעם העכסטן ווערט געהאַט די צאַרישע „ראָמאַנאָווקע" רובלס. אויפן צווייטן אָרט איז גע־שטאַנען דאָס געלט פון דער קערענסקי־רעגירונג (די „קערענקעס"), און דאָס נייע, באָלשעוויסטישע געלט, האָט נאָך קיינער ניט געוואָלט נעמען.

אויך פּאָליטיש זיינען די אויפגעקלערטע אַרבעטער געווען ניט צופרידן מיט דער נייער מאַכט. אַפילו די, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די באָלשעוויקעס, ווייל זיי האָבן געוואָלט מ'זאָל ענדיקן די מלחמה, האָבן ניט געוואָלט קיין ברודער־קאַמף אין די אַרבעטער־רייען, און די מערסטע פון זיי זיינען געווען פאַר אַ געמיינזאַמער רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אַזוי ווי די באָלשעוויקעס האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, זיינען זיי געוואָרן אַלץ מער און מער אומצופרידן מיט דער דיקטאַטאָרישער האַלטונג פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

אויך צווישן דער אינטעליגענץ איז די אַלגעמיינע שטימונג נאָך געווען קעגן די באָלשעוויקעס, הגם פון סאַבאָטאַזש האָט מען זיך שוין אָפּגעזאָגט. אמת, די באָלשעוויסטישע קאָמיסאַרן האָבן זיך געיאָגט

נאָך איינצלנע אינטעליגענטן, צוזאָגנדיק זיי אַלע גליקן, אויב זיי וועלן קומען אַרבעטן אַלס אָנגעשטעלטע אין די נייע באַלשעוויסטישע קאָמיסאַריאַטן. אָבער די מערסטע פּאָליטיש-ערלעכע אינטעליגענטן האָבן אין דעם דערפילט אַ דערנידערונג: מען וויל זיי „קויפן" אַלס פּאַכלייט, אַלס דינער, אָבער מען וויל זיי ניט אַרייננעמען אין דער רעגירונגס-סיסטעם אַלס גלייכבאַרעכטיקטע פּאַרטנערס, וואָס קאָנען זאָגן אַ דעה. אַ גלייכבאַרעכטיקטער פּאַרטנער אין דער רעגירונג האָט דער פּאָליטיש-באַוואוסטזיניקער אינטעליגענט געקאָנט ווערן נאָר דורך זיין פּאַרטיי, אָבער די באַלשעוויסטישע רעגירונג האָט זיך דאָך אָפּגעזאָגט צו גיין אין שותפות מיט אַנדערע פּאַרטייען.

אַזוי-אַרום איז די באַלשעוויסטישע רעגירונג איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַן אַטמאָספערע פון אָפּגעזונדערטקייט און פּאַראייניזאַמונג, און דאָס האָט ביי די אָנפירנדיקע באַלשעוויקעס אַרויסגערופן דעם ווילן צו טעראָר: אויב זיי ווילן ניט מיט גוטן, וועלן מיר זיי צווינגען מיט געוואַלט!

דער הויפּט-טרעגער פון דעם געדאַנק פון געוואַלט און טעראָר איז געווען **לענין**. ווי טראָצקי האָט באַשריבן אין זיינע דעראינערונגען וועגן לענינען (און דאָס איז געשריבן געוואָרן נאָך דאַן, ווען טראָצקי איז געווען איינער פון די זיילן אין דער באַלשעוויסטישער רעגירונג), האָט לענין ביי יעדער זיצונג פון צענטראַל-קאָמיטעט ניט אויפגעהערט צו מאַכן חוזק פון זיינע פּאַרטיי-חברים, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר טעראָר. „שיינע רעוואָלוציאָנערן זענט איר", — האָט ער זיך אויף זיי געבייזערט. — „איר ווילט זיין יאַקאָבינער (די פירנדיקע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — ר. א.) און איר ווילט ניט האָבן קיין גיליאָטינע?! וואָס איז דאָס פאַר אַ רעוואָלוציע אָן טעראָר?!"

אויך טראָצקי האָט אונטערגעשטיצט די דאָזיקע טאַקטיק פון לענינען. און צו ביסלעך איז די באַלשעוויסטישע רעגירונג טאַקע אַריבערגעגאַנגען צו דער טאַקטיק, וואָס עס האָבן פאַרלאַנגט לענין און טראָצקי, די צוויי איינפלוסרייכסטע פירערס פון דער באַלשעוויסטישער רעוואָלוציע. מען האָט פאַרמאַכט ציישונגען, וואָס האָבן קריטיקירט די באַלשעוויקעס; מען האָט איבערגעגעבן צום „פאָלקס משפּט" וויכטיקע פאַרטרעטער פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיט די באַלשעוויקעס — צווישן זיי ד"ר **בראַמסאָן**, דעם שפּעטערדיקן פירער פון „אָרט", וועלכער האָט געהערט צו די „פאָלקס-סאָציאַליסטן", און די באַרימטע אַרבעטער-פריינטלעכע פילאַנטראָפּישע טוערין, די גרעפין **פּאַנינאַ**, וועלכע איז געווען באַוואוסט אין פּעטערבורג דורך די פאָלקס-אוניווערסיטעטן, וואָס זי האָט געשאַפן פאַר די אַרבעטער אין די צאַרישע ציטן. די משפּטים זיינען ניט געווען קיין שטרענגע, אָבער דער פאַקט גופא האָט באַליידיקט דעם פריייהייטס-געפיל פון די פּעטערבורגער אַרבעטער און אינטעליגענטן, און האָט אַרויסגערופן שטורעמדיקע דעמאָנסטראַציעס. דאַן איז אָבער שוין גע-

קומען צו אַ רײ בלוטיקע טראַגעדיעס. אַ גרופּע באָלשעװיסטישע מאַט־ראָסן, אױפגעהעצט דורך לעינס שטענדיקער טעראָר־פּראָפּאַגאַנדע, האָט זיך אַרײנגעריסן אין אַ שפּיטאָל, וואו עס זײנען געלעגן קראַנק צוויי מיניסטאָרן פון דער ציטװײליקער רעגירונג, די „קאַדעטן" שינגאַריאָװ און קאָקאָשקין („מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן"), האָבן אױסגעשלעפּט די קראַנקע פון די בעטן און האָבן זײ דערשאָסן. די אַנטריסטונג איז געװען אַזױ גרױס, אַז לענין אַלײן האָט געמוזט עפנט־לעך דערקלערן, אַז דאָס איז אַ פאַרברעכן און אַז ער װעט די מערדער שטרענג באַשטראָפן, אַזױ גיך װי מען װעט זײ כאַפּן. אָבער די גאַנצע שטאָט האָט גענוי געװאוסט װער די מערדער זײנען און אַלע האָבן גע־װאוסט, אַז זײ געפינען זיך טאַקע אין סמאָלני־אינסטיטוט, צװישן לע־נינס מענטשן, און קײנער „זוכט" זײ ניט. דאַן האָט עפּעס אַן אַנדער גרופּע באָלשעװיקעס אַרעסטירט אין אַ פּריװאַט־הױז אַ רײ יונגעלײט, האָט זײ אַרױסגעפירט אױפן גאַס און זײ דאָרטן גלײך דערשאָסן אָן שום געריכט און אױספאָרשונג.

אַזױנע פאַקטן האָבן זיך אָנגעהױבן אָנצוקלײבן אַלץ מער און מער. מען האָט געװאוסט, אַז אין סמאָלני אינסטיטוט האָט זיך געגרינדעט אַ ספּעציעלע געהײמע קאָמיסיע („טשעקאַ"), װאָס איז אָנגעפירט געװאָרן פון אוריצקין, דעם געװעזענעם מענשעװיק, דזשערזשינ־סקין, דעם געװעזענעם פּױלישן סאָציאַל־דעמאָקראַט, און פון אַנדערע באָלשעװיקעס. אין שטאָט זײנען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די קאָ־מיסיע אַרעסטירט מענטשן, זעצט זײ אַרײן אין טורמעס און דערשיסט זײ אָפט מאָל אָן שום משפּט און אונטערזוכונג. קײנער האָט ניט גע־װאוסט, װי װײט עס גײען די אַרעסטן און די אומגעזעצלעכע דערשי־סונגען, אָבער אַ פאַקט איז דאָס געװען, און אײנער אַזאַ פאַקט האָט זיך געקאָנט ענדיקן זײער טראַגיש פאַר מײן אײגענער פאַמיליע.

אײן מאָל, אין אַפּריל, דוכט זיך, אָדער אין מערץ, װען איך בין אהײם געקומען פון אַ פּאַרטײ־זיצונג, האָב איך געפונען מײן גאַנצע פאַמיליע אין אַ שרעקלעכער אױפרעגונג. עס זײנען געקומען עפּעס מענטשן און האָבן אַרעסטירט מײן פאָטער, אַ איד פון אַ יאָר 65. װער עס האָט אים אַרעסטירט און פאַרװאָס, װײסט קײנער ניט, װײל די מענטשן האָבן געהאַט רעװאָלװערן און האָבן ניט געענטפערט אױף קײנע שום פראַגעס.

בין איך גלײך אַװעקגעפאָרן אין סמאָלני אינסטיטוט צו זינאָװיעװן, װעלכער איז יעמאָלט געװען דער פּרעזידענט פון פּעטערבורגער סאָ־װעט, דאָס הײסט, דער העכסטער מאַכט־האָבער אין דער גאַנצער שטאָט. מיט מיר צוזאַמען איז אַװעקגעפאָרן מײן שװאָגער אַרטיאָם גערטיק, דער מאַן פון מײן שװעסטער דינה, אַן אַלטער באָלשעװיק, אַ נאָענטער פרײנט פון זינאָװיעװן, און אַלע באָלשעװיקעס האָבן אים זײער גוט געקאָנט.

זיינען מיר זאַלבעצווייט אַוועקגעפאָרן אין סמאָלני אינסטיטוט צו זינאָוויעוון כדי צו דערגיין, וואָס עס הערט זיך מיט מיין פאָטער. זינאָוויעוו האָט אונדז אויפגענומען באַלד און זייער פריינטלעך. ער האָט אָבער פון קיין זאַך ניט געוואוסט. ער האָט אונדז צוגעזאָגט זיך נאָכצופרעגן און אָנצונעמען אַלע מיטלען, אַז מען זאָל מיין פאָטער קיין שלעכטס ניט טאָן.

אויף צומאָרגנס, נאָך אַ שלאָפלאָזער נאַכט ,זיינען מיר ווידער אַוועקגעפאָרן צו זינאָוויעוון. יאָ, דעם פאָטער מיינעם האָט מען טאַקע אַרעסטירט — אַרעסטירט פאַר אַ שרעקלעכן פאַרברעכן: ער זאָל האָבן אומלעגאַל פאַבריקירט בראַנפן, וואָס איז דאָך ביי דער איצטיקער קוואַליע פון שיכרות אַ געפאַר, און אַזוי ווייטער און ווייטער. ניט געקוקט אויף דער גאַנצער טראַגישקייט פון דער לאַגע (פאַר בראַנפן־פאַבריקאַציע האָט מען יעמאָלט געגעבן טויט־שטראָף), האָבן מיר זיך ביידע ניט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער, אַזוי משונהדיק איז געווען די באַשולדיקונג. מיין פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער וואַלד־סוחר און איינער פון די ערלעכסטע מענטשן, וואָס איך האָב ווען עס איז אין מיין לעבן געקאָנט. עס האָט אָבער גענומען אַ היפּשע צייט ביז מיר ביידע האָבן איבערצייגט זינאָוויעוון, אַז דאָס איז אַ נאַרישע מסירה.

ערשט שפּעט אין אָוונט האָט מען מיין פאָטער אַרויסגעפירט פון עפּעס אַ קעלער אין סמאָלני אינסטיטוט און אים איבערגעגעבן אין אונדזערע ביידנס הענט, אונטער אונדזער „פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט״.

ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געשען מיט אים, ווען ער וואָלט ניט געהאַט אַזעלכע צוויי שתדלנים, ווי אַן אָנגעזעענער אַלטער באָלשעוויק, אַ פּערזענלעכער פריינט פון זינאָוויעוון, און אַ באַוואוסטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ מיטגליד פון צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט?!

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז צו מיר געקומען צו־לויפן אַ דעלעגאַציע פון דער אידישער קהילה, אַז איך זאָל זיך משתדל זיין פאַר איינעם אַן אָנגעזעענעם פּעטערבורגער אידישן בעל־הבית און כלל־טוער, וועלכן מען האָט אומשולדיק אַרעסטירט, — מען ווייסט ניט פאַר וואָס. די דעלעגאַטן, וואָס זיינען ביי מיר געווען, האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז דער אַרעסטירטער איז אַ קרבן פון „בלעקמעיל״: עפּעס אַ קליינער קאָמיסאַרל האָט פאַרלאַנגט, אַז דער איד זאָל אים געבן עטלעכע טויזנט רובל, אַז ניט וועט ער חרטה האָבן. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט דורכן טעלעפאָן ביי באַקאַנטע און זיי האָבן מיך באַשטעטיקט, אַז דער איד איז אַן אָנגעזעענער מענטש און אַ באַוואוסטער כלל־טוער. בין איך ווידער אַוועקגעפאָרן אין סמאָלני אינסטיטוט. אָבער אויף צומאָרגנס האָט מען מיר טעלעפאָנירט, אַז מען קאָן גאָר ניט טאָן, ווייל דער אַרעסטירטער איז שוין מער ניטאָ אויף דער וועלט.

אָט די אַטמאָספערע פון אומזיכערקייט, אומגעזעצלאַזיקייט, טעראָר און שרעק האָט געשאַפן אַ פאַרביטערונג און אַ געפיל פון נקמה אויפן צווייטן צד. עס האָבן זיך געשאַפן טעראָריסטישע שטימונגען, און טאַקע ניט צווישן „פריצים" און צאַרישע גענעראַלן, נאָר צווישן אַ טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַליסטישער יוגנט גופא, וואָס האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם טעראָר פון די באָלשעוויקעס. און אָט דאָן האָט דער אידישער פאָלקס-סאָציאַליסט קאַנעגיסער דערשאָסן דעם אידישן באָלשעוויק אוריצקי און אין אַ צייט אַרום האָט מען פון אַן אויטאָמאָביל געשאָסן און טויטלעך פאַרוואונדעט דעם באָל-שעוויק וואָלאָדאַרסקי.

די אַטמאָספערע איז אָנגעהיצט געוואָרן פון ביידע זייטן און עס איז געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז מען שטייט ערב עפּעס אַ גרויסן אויפרייס. די רעגירונג איז אָבער יעמאָלט שוין געהאַט אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, און אַזוי-אַרום האָט זיך די סצענע פון די קאַמפן און פון טעראָר אויך אַריבערגעטראָגן קיין מאָסקווע. דאָרטן האָבן אין אָנהייב זומער אַנאַרכיסטן געוואָרפן באָמבעס אויף מיטגלידער פון דעם צענ-טראַל-קאָמיטעט פון די באָלשעוויקעס. אין מאָסקווע איז אויך פאַרגע-קומען דער אויפשטאַנד פון די לינקע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן (אין אָנהייב יוני), וואָס האָט געגעבן אַ סיגנאַל צו דעם אויפשטאַנד אין יאַראָסלאַוול.

3
מיר פאָרן אַריבער קיין מאָסקווע

אין מאַי 1918 האָט אונדזער פאַרטיי באַשלאָסן אַריבערצופאָרן קיין מאָסקווע, וואו עס האָט זיך שוין געפונען די גאַנצע רעגירונג, דער צענ-טראַלער עקזעקוטיוו-קאָמיטעט און אַלע אַנדערע פאָליטישע פאַרטייען. ווען איך זאָג „אונדזער פאַרטיי", מיין איך די רוסישע סאָציאַל-דעמאָ-קראַטישע פאַרטיי, וואָס האָט אין יאַנואַר 1918 נאָך געהאַט אין פּע-טערבורג אַ צוזאַמענפאָר, און ביי יענעם צוזאַמענפאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטראַל-קאָמיטעט. אַלס פאָרזיצער פון צענטראַל-קאָמי-טעט איז אויסגעקליבן געוואָרן מאַרטאָוו און וויצע-פאָרזיצער טשערעוואַנין און איך. אויף יענעם צוזאַמענפאָר האָט ענדגילטיק געזיגט אונדזער אינטערנאַציאָנאַליסטישע ריכטונג אינאיינעם מיט דער „צענטראַלער" גרופּע פון פ. דאַן. (צו דאַנס גרופּע האָבן נאָך גע-הערט די חברים טשערעוואַנין, גאָריעוו (ליבערס עלטערער ברודער), מאַיסקי, וועלכער איז איצט סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, און אַנדערע). דער רעכטער פליגל, וואָס איז געווען פאַרטראָטן אויפן צוזאַמענפאָר דורך די חברים פּאָטרעסאָוו, באַרים באַגדאַנאָוו, ראָזאַ-נאָוו, לעוויצקי (מאַרטאָווס ברודער), ליבער, קאָלאָקאָלניקאָוו און אַנ-

דערע, האָט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוגיין אין צענטראַל-קאָמיטעט און איז געבליבן אין אָפּאָזיציע צו דער נייער מערהייט. זייער הויפּט-שטיצ-פּונקט איז געווען דער מאָסקווער „ראַיאָן-קאָמיטעט", וואו די רעכטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן האָבן געהאַט די מערהייט.

אויך דער „בונד" האָט געהאַט אַ צוזאַמענפאָר אין פּעטערבורג, אָנהייב דעצעמבער, 1917, און אויך אין „בונד" האָט דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער פליגל באַקומען אַ מערהייט, און עס איז אָנגענומען געוואָרן די פּאָליטישע רעזאָלוציע, וואָס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון מיר און די אַנדערע אינטערנאַציאָנאַליסטן. אָבער די היים פון „בונד" איז געווען ניט אין פּעטערבורג און ניט אין מאָסקווע. דעריבער איז די ביוראָ פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" געבליבן אין מינסק. און אַ צווייטער וויכטיקער צענטער פון „בונד" איז געווען אין אוקראַינע, וואו עס איז געווען אַן אוקראַינער „געגנט-קאָמיטעט" פון „בונד". אין דער שפּיץ פון דער מינסקער ביוראָ זיינען געשטאַנען רחמיאל, אסתר פרומקין, יודין און אַנדערע, וואָס האָבן גראַד באַלאַנגט צום רעכטן פליגל. אויך אין קיעווער געגנט-קאָמיטעט זיינען אין דער שפּיץ געשטאַנען מענטשן, וועלכע זיינען ניט געווען אין גאַנצן איינפאַרשטאַנען מיט אונדזער אינטערנאַציאָנאַליסטישער ריכטונג. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען מ. ראַפעס.

דער „בונד" פון מינסק און פון אוקראַינע זיינען פאַר אונדז געווען שווערע פּראָבלעמען. אָבער סאַי די פּראָבלעם מינסק, און סאַי די פּראָבלעם אוקראַינע איז פאַר אונדז אַנטשיידן געוואָרן דורך דער דייטשער אָקופּאַציע אין פאַרבינדונג מיט דעם ברעסט-ליטאָווסקער שלום. מינסק איז פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן; אוקראַינע איז געוואָרן צוערשט אַ „זעלבסטשטענדיקע" רעפּובליק און דערנאָך איז געקומען סקאָראָפּאַדסקי און די דייטשן. אַזוי-אַרום איז דער רוסישער טייל פון בונדישן צענטראַל-קאָמיטעט געבליבן אַ קליינע גרופּע און זיין פאַרטרעטונג איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין מאָסקווע, וואו איך בין פאַרבליבן דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון „בונד" אין סאָוועט און ביי דער רעגירונג.

אין מאָסקווע זיינען די לעבנס-באַדינגונגען אין פרילינג 1918 געווען פיל בעסער ווי אין פּעטערבורג. אין פּעטערבורג האָט שוין געהערשט אַ ביטערע נויט. עס איז שוין געווען שווער צו באַקומען פּראָדוקטן און אַלץ איז געווען שרעקלעך טייער. אויך פּאָליטיש איז פּעטערבורג געווען אַ געפּאַלענע שטאָט, מיט אַ פּאַראַליזירטער אינדוסטריע, מיט ליידיקע פאַבריקן, אָן דעם פריערדיקן קאָכיקן לעבן.

מאָסקווע אָבער איז נאָך געווען רייך אין פּראָדוקטן און מען האָט אַלץ געקאָנט קריגן, און די גאַסן זיינען געווען אָנגעפילט מיט מענטשן, אַריבערגעקומענע פון פּעטערבורג. דאָס פּאָליטישע לעבן האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. דערפאַר אָבער איז געווען שווער צו באַקומען אַ וואוינונג.

אזוי אָבער ווי עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער זומער, האָב איך מיין פאַמיליע דערווייל באַזעצט אויף אַ „דאַטשע", ניט ווייט פון מאָסקווע און אַליין פלעג איך יעדן טאָג פאָרן אין שטאָט. אין דעמזעלביקן דאַטשע-פלאַץ האָט אויך געוואוינט ליבער און עטלעכע אַנדערע חברים, אזוי אַז מיר זיינען ניט געווען אַליין.

פאַרן צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסלענדער פּאַרטיי האָט די סאָוועט-רעגירונג אָפּגעטראָטן איינע פון די הייזער, וואָס זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן ביי דער בורזשואַזיע. עס איז געווען אַן איין-עטאַזשיקע ווילע, וואָס האָט געהערט צו אַ פריערדיקן גענעראַל. דער פריערדיקער אייגנטימער מיט זיין פאַמיליע האָט געוואוינט אונטן — אין קעלער — וואו עס האָבן אַמאָל געוואוינט די דינער, און דער אויבערשטער עטאַזש מיט די שיינע צימערן זיינען געווען פאַרנומען מיט די אָפיסעס פון אונדזער צענטראַל-קאָמיטעט. אונדזער פּאַרטיי האָט יעמאָלט אין מאָסקווע אַרויסגעגעבן אַ טעגלעכע צייטונג „ווּפּעריאָד", אַ זשורנאַל, בראַשורן, בלעטלעך. מיר האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט די אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד. מיט אונדזער באַלעבאָס, דעם געוועזענעם גענעראַל, האָבן מיר געלעבט בשלום און ער האָט זיך צו אונדז באַצויגן מיט גרויס רעספּעקט, ווייל מיר האָבן ניט געוואָרפן קיין פּאַפּיראָסן אין די בלומען-טעפּ, און האָבן ניט געשפּיגן אויף דער פּאָדלאָגע: ער האָט פאַר דעם שרעקלעך מורא געהאַט, ווען ער האָט דערהערט, אַז צו אים קלייבט זיך אריין עפּעס אַ „סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אַרבעטער פּאַרטיי". ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז מיר באַנעמען זיך ווי לייטישע מענטשן, האָט ער מיט אונדז געשלאָסן שלום און האָט זיך זאָגאָר געוואָלט פאַרשרייבן אין דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי.

אָבער אין דער צייט, ווען די רעגירונג האָט אונדז איבערגעגעבן אַזאַ שיין הויז און האָט אַפילו געגעבן פּאַפּיר פאַר דער צייטונג, איז דאָך די פּאָליטישע אַטמאָספערע געוואָרן אַלץ שאַרפער און שאַרפער.

אין יענע טעג זיינען גראָד פאָרגעקומען וואַלן צו דעם מאָסקווער סאָוועט. די שטימונג פון די אַרבעטער איז, אונטער דעם דרוק פון עקאָנאָמישן קריזיס און דעם יקרות, און אונטער דעם איינפלוס פון דעם שענדלעכן ברעסט-ליטאָווסקער פרידנס-אָפּמאַך, געווען אין יענע וואָכן גאַנץ היפּש אַנטי-באָלשעוויסטיש. אין אַלע וואַל-פאַרזאַמלונגען אין די פאַבריקן האָבן אונדזערע רעדנערס געהאַט גרויס דערפאָלג און די באָלשעוויקעס האָבן מורא געהאַט פאַר אַ מפּלה. דער באָלשעוויק ריאַזאַנאָוו, מיינער אַ פּערזענלעכער פריינט, האָט מיר אין יענע טעג ניט איין מאָל געזאָגט: „נו, איר וועט האָבן דעם סאָוועט, און מיר וועלן האָבן די רעגירונג. עס וועט זיין פּונקט דער היפּוך פון דעם, ווי עס איז געווען פאַר אָקטאָבער: איר האָט יעמאָלט געהאַט די רעגירונג און מיר האָבן געהאַט דעם סאָוועט".

און אַזוינע שטימונגען זיינען געווען ניט נאָר ביי די מאָסקווער אַרבעטער, וואָס זיינען געוויינטלעך געווען מער באָלשעוויסטיש. נאָך אַ

שאַרפערע אַנטי־באָלשעוויסטישע שטימונג האָט געהערשט צווישן די אַרבעטער פון פעטערבורג, אין מערב געגנט (וויטעבסק, האָמעל) און אין אַ ריי אוקראַינער שטעט, אין כאַרקאָוו, פּאָלטאַווע, קאַטערינאָסלאַוו און אַנדערע.

ווייסנדיק דאָס און ניט וועלנדיק פאַרלירן די סאָוועטן, האָט די לענין רעגירונג אָנגענומען אַלץ שאַרפערע מיטלען אויף צו שטערן אונדזער אַגיטאַציע. אונדזער צייטונג „וופּערישאָד" איז צוויי מאָל אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט פאַר אַנטי־באָלשעוויסטישע אַרטיקלען. אויף אַ ריי אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, צום ביישפּיל, אויף אַ גרויסן מיטינג פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן סאָלדאַטן מיט מאַשין־געווערן א. אַז. וו. די באָלשעוויסטישע פּרעסע האָט געפירט קעגן אונדז אַ שטאַרקע העצע. אין אַ ריי פאַבריקן האָט מען קעגן אונדזערע לאָקאָלע קאַנדידאַטן, פּשוטע אַרבעטער, אַרויסגעשטעלט די קאַנדידאַטור פון לענינען.

דאַן איז ווי אַ דונער געקומען דער אויפשטאַנד פון די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן.

אין אָקטאָבער זיינען די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן אַריין אין דער ערשטער סאָוועטן־רעגירונג און האָבן אין גאַנצן אונטערגעשטיצט לענינס פּאָליטיק ביים צעטרייבן די גרינדגנס־פאַרזאַמלונג. ווען מיר, סאָציאַליסטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס זיינען געשוען מיט זיי נאָענט פאַרבונדן אין לויף פון חדשים פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, האָבן זיי געמאַכט פאָרוואורפן וועגן זייער האַלטונג און האָבן זיי דערמאָנט, אַז זיי זיינען דאָך מיט אונדז צוזאַמען שטענדיק געווען פאַר דעמאָקראַטיע, פלעגן זיי ענטפערן, אַז די דעמאָקראַטיע איז דאָך שוין געווען פאַרווירקלעכט אין דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און דאָס פאָלק האָט זיך אין איר אַנטוישט. הייסט דאָס, אַזוי ווי דאָס רוסישע פאָלק האָט שוין (אין דעם איין איינציקן טאָג פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!) דורכגעמאַכט דעם פּעריאָד פון דעמאָקראַטיע, קאָן מען שוין איצט גיין ווייטער — צו דער דיקטאַטור פון אַרבעטער און פּויערים!

אָבער אויב די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געפונען אַ פּלפּול צו באַרואיקן זייער דעמאָקראַטיש געוויסן, האָבן זיי בשום אופן ניט געקאָנט אַראָפּשלינגען די נאַציאָנאַלע שאַנדע פון ברעסט־ליטאָווסקער פרידנס־אָפּמאַך. זיי האָבן שאַרף געקעמפט אין דער רעגירונג און אין צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די סאָוועטן קעגן לענינס טאַקטיק און האָבן אויף דעם ספּעציעלן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן אין מערץ 1918 געשטימט קעגן אונטערשרייבן דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן. שוין אָט אויף דעם צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען דער ערשטער שאַרפער צוזאַמענשטויס צווישן די באָלשעוויקעס און די לינקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. ווען י. נ. שטיינבערג האָט אָנגעהויבן צו שטעלן לענינען איין פראַגע נאָך דער אַנדערער, האָט אים לע־

נין בייז און גראָב געענטפערט: איין נאָר קאָן שטעלן מער פראַגעס, ווי צען חכמים קאָנען ענטפערן.

שוין יעמאָלט איז געווען קלאָר, אַז עס וועט קומען צו אַ שאַרפן צוזאַמענשטויס ניט נאָר אין ווערטער. און דער צוזאַמענשטויס איז געקומען דעם 2־טן אָדער 3־טן יוני.

4

די ערשטע אויפשטאַנדן קעגן די באָלשעוויקעס: לינקע ס.־ר. — יאַראָסלאַוול

דער אויפשטאַנד פון די לינקע ס. ר., וואָס איז געמאַכט געוואָרן דער עיקר צוליב דעם ברעסט־ליטאָווסקער פרידן, איז געפּלאַנעוועט געוואָרן ווי אַ מיטל פון דאָס ניי צו לאָזן אויפפלאַקערן דעם קריג קעגן דייטשלאַנד. און דער פּלאַן איז געווען אַזאַ: די לינקע ס. ר. האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, דעם גראַף מ י ר ב א ך. זיי האָבן גערעכנט, אַז ווען דער דייטשער אַמבאַסאַדאָר וועט געטויט ווערן אין מאָסקווע, וועט דאָס מוזן ברענגען צו אַ דיפּלאָמאַטישן ברוך צווישן דייטשלאַנד און דער סאָוועט־רעגירונג. און אויב עס וועט אין דערזעלביקער צייט זיך איינגעבן אַראָפּצוּוואַרפן לענינס רעגירונג און פאַרבייטן איר מיט אַ נייער, אמתדיק רעוואָלוציאָנערער רעגירונג, וועט דאָס ברענגען צו אַ רעוואָלוציאָנערן קריג פון רוסישן פאָלק קעגן דייטשלאַנד.

דער פּלאַן האָט זיך אין ערשטן טייל איינגעגעבן: צוויי לינקע ס. ר. וואָס האָבן געאַרבעט אין דער „טשעקאַ" — ב ל ו מ ק י ן און אַ נ ד ר ע י ע װ זיינען געקומען מיט אָפיציעלע פּאַפּירן פון „טשעקאַ" — וואָס זיי האָבן אַליין אָנגעשריבן — כלומרשט צו פירן עפּעס וויכטיקע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם דייטשן אַמבאַסאַדאָר. ווען זיי זיינען געבליבן אַליין מיטן גראַף מירבאַך, האָבן זיי אים דערשאָסן מיט זייערע רעוואָלווערן, זיינען אַרויסגעלאָפן פון דער געביידע, און האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן אויף די טשעקאַ־אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן אויף זיי געוואַרט.

דאַן האָט געזאָלט קומען דער צווייטער אַקט — ד ע ר א ו י פ־ ש ט א נ ד ק ע ג ן ל ע נ י נ ע ן. אין אָנהייב איז אויך דאָ אַלץ געגאַנגען גלאַט. דער פאָלק, וואָס איז געווען די מיליטערישע מאַכט פון דער טשעקאַ, האָט זיך געפונען אין די הענט פון די לינקע ס. ר., האָבן זיי איבערראַשט דזשערזשינסקין, דעם פאָרזיצער פון טשעקאַ און אַנדערע באָלשעוויקעס, האָבן זיי אַרעסטירט און האָבן זיך געלאָזט צום קרעמל, כדי צו אַרעסטירן לענינען מיט זיין רעגירונג. אָבער דאָרטן האָט מען שוין אָנגענומען מיטלען. וואַרשיינלעך זיינען די לינקע ס. ר. ניט גע־

ווען גענוג געשיקט און גענוג גיך, מיט איין וואָרט, ס׳איז געקומען צו אַ באַוואָפנטן קאַמף אין די גאַסן פון מאָסקווע דעם 3—4-טן יולי 1918. מען האָט געשאָסן איינע אויף די אַנדערע מיט ביקסן, קוילן-וואַרפערס און האַרמאַטן, און די באָלשעוויקעס האָבן סוף כל סוף געזיגט. אָבער אין דער צייט ווען די לינקע ס. ר. זיינען געווען איידל און האָבן די אַרעס-טירטע באָלשעוויקעס (דזשערזשינסקין און די אַנדערע) ניט געטשע-פּעט, האָבן די באָלשעוויקעס ניט געמאַכט קיין שום צערעמאָניעס מיט די אַרעסטירטע לינקע ס. ר., וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד: די פירערס (אַלעקסאַנדראָוויטש א״אַ) האָט מען דערשאָסן, די אַנדערע אַריינגעזעצט אין תפיסה, אייניקע זיינען אַנטלאָפן קיין אוקראַינע.

בלומקין, וואָס האָט דערשאָסן מירבאַכן, איז שפּעטער באַגנאַדיקט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס און איז אַליין געוואָרן אַ קאָמוניסט. ער האָט נאָך אַ ריי יאָרן געאַרבעט אין דער׳ טשעקאַ. ווען עס האָבן זיך שפּעטער אָנגעהויבן די קאַמפן צווישן סטאַלינען און דער אָפּאָזיציע, איז בלומקין באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט מיטגעבראַכט פון אויס-לאַנד אַ בריוו פון טראָצקין צו ראַדעקן, און סטאַלין האָט אים געלאָזט דערשיסן. דאָס איז שוין געווען, אויב איך האָב ניט קיין טעות, 1932 אָדער 1931.

דער פּלאַן איבערצוררייסן די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָט זיך די לינקע ס. ר. ניט איינגעגעבן. אין זומער 1918 איז די דייטשע רעגירונג שוין ניט געווען גענוג שטאַרק, כדי צו פירן מלחמה מיט רוסלאַנד — זי האָט אַראָפּגעשלונגען דעם מאָרד פון מירבאַכן און די דייטשע אַמבאַסאַדע איז ווייטער געבליבן אין מאָסקווע, אַזוי ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען.

**
*

די אויפרעגונג נאָך דעם אויפשטאַנד פון די לינקע ס. ר. האָט זיך נאָך ניט באַרואיקט, און שוין איז געקומען אַ ווייטערדיקע טראַגעדיע: דער אויפשטאַנד אין יאַראָסלאַוול, אַ מיטל-גרויסע שטאָט ניט ווייט פון מאָסקווע.

דער אויפשטאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן טיילווייז ווי אַ ריין-מילי-טערישער רעוואָלט, אונטער דער אָנפירונג פון אַנטי-באָלשעוויסטישע אָפיצערן. טיילווייז איז דאָס אָבער געווען אַ פ א ל ק ס - א ו י פ-ש ט א נ ד, דער עיקר פון א ר ב ע ט ע ר - אויפשטאַנד; אין יאַראָסלאַוול איז געווען אַ היפּשע צאָל אַרבעטער, דערהויפּט אייזנבאַן-אַרבעטער, וואָס זיינען שוין פון פריער אָן געווען קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט-פאַרכאַפּונג. די עקאָנאָמישע צערודערונג צוליב דער באָלשע-וויסטישער איבערקערעניש און די מיסברויכן פון די קליינע באָלשע-וויסטישע דיקטאַטאָרן אין יאַראָסלאַוול האָבן שטאַרק אויפגערודערט די דאָרטיקע אַרבעטער-מאַסן.

די באָלשעוויקעס האָבן אונטערגעדריקט דעם יאַראָסלאַווער אויפשטאַנד מיט גרויס ברוטאַליטעט. זיי האָבן צעשטערט אַ גרויסן טייל פון דער שטאָט דורך אַרטילעריע און האָבן דערשאָסן זייער אַ סך מענטשען, צווישן זיי אויך אַ היפּשע צאָל אַרבעטער. כמעט אין דער גלייכער צייט זיינען אויך פאָרגעקומען אַ ריי קלענערע אויפשטאַנדן אין אַנדערע שטעט פון מאָסקווער אינדוסטריע־ראַיאָן, ווי אין ריבינסק און אַנדערע. אָבער דער יאַראָסלאַווער אויפשטאַנד איז געווען דער גרעסטער און ער האָט געהאַט אַ באַזונדערס וויכטיקע באַדייטונג פאַר אונדזער פּאַרטיי.

אין יאַראָסלאַוול איז געווען אַ גאַנץ שטאַרקע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט לויט דער ריכטונג געהערט צום רעכטן פליגל פון אונדזער פּאַרטיי. אַ טייל פון דער יאַראָסלאַווער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אויך באַטייליקט אַקטיוו אָדער פּאַסיוו אין דעם יאַראָסלאַווער אויפשטאַנד. אַזוי ווי אונדזער מאָסקווער ראַיאָן־קאָמיטעט איז געווען, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אַ רעכטער און דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען אַ לינקער, איז ביי אונדז אויפגעקומען אַ שאַרפער קאָנפליקט צווישן די לינקע און רעכטע צוליב דעם יאַראָסלאַווער אויפשטאַנד. און ביי דער געלעגנהייט האָט אונדזער פּאַרטיי געמוזט אָננעמען אָן ענדגילטיקע אַנטשיידונג וועגן דעם, ווי אַזוי מיר באַציען זיך צו די פֿאָלקס־אויפשטאַנדן און אַרבעטער־רעוואָלטן קעגן דער באָלשעוויסטישער מאַכט.

מיר האָבן שוין יעמאָלט קלאָר געזען, אַז אין רוסלאַנד גייט עס צו אַ בירגער־קריג און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָננעמען אונדזער באַשלוס מוז מען ניט וועגן די איינצלנע אויפשטאַנדן, נאָר וועגן אונדזער אַלגעמיינער שטעלונג אין דעם קומענדיקן בירגער־קריג. אין דעם בירגער־קריג וועלן קעמפן פון איין צד די רעוואָלוציאָנער־אידעאַליסטישע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס און פּויערים־קלאַס, וואָס גייען מיט די באָלשעוויקעס. און ווער וועט זיין דער צווייטער צד? דאָס איז אין יענעם מאָמענט נאָך ניט געווען אין גאַנצן קלאָר. אָבער מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די פּירערשאַפט אין אָט דעם צווייטן צד וועלן האָבן די רעשטלעך פון דער צאַרישער אַרמיי, די פּריצים, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע מאַיאָנטקעס דורך דער אַגראַר־רעוואָלוציע, און פאַרטרעטער פון פאַרמעגלעכע קלאַסן. געוויס וועלן אויפן צווייטן צד, צוזאַמען מיט די דערמאָנטע פירערס, מיטגיין אויך אַרבעטער און פּויערים, אָבער צי וועט זיין מעגלעך ביי די רוסישע באַדינגונגען, אַז דער אַנטי־באָלשעוויסטישער צד זאָל געפירט ווערן פון דעמאָקראַטישע עלעמענטן? פון מענטשן, וואָס וועלן באַנוצן זייער זיג ניט פאַר רעאַקציאָנערע צוועקן, נאָר כדי אויפצושטעלן אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק? קאָנענדיק די שוואַכקייט און צעקראָכנקייט פון רוסישן ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיזם, וואָס האָט זיך אַזוי בולט אַרויסגעוויזן אין די קאָרנילאָוו־טעג און

אין די טעג פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, האָבן מיר שטאַרק אין דעם געצווייפלט.

פון דער אַנדער זייט זיינען אין אונדזערע רייען געווען שטאַרק פאַרשפּרייט פּעסימיסטישע שטימונגען בנוגע דער פעסטקייט פון דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. פיל חברים זיינען געווען איבערצייגט, אַז ווען עס וועט זיך אָנהייבן דער בירגער־קריג, וועלן די באָלשעוויקעס ווערן באַזיגט און פאַרניכטעט. (אַזוי איז געווען די שטימונג אויף צוויי־שען פיל באָלשעוויקעס אין יענער צייט). אָבער אויב די רע־אַקציע וועט באַזיגן די באָלשעוויקעס, וועט מען זיך גרויזאַם נוקם זיין אין אַלע אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערן בכלל, באָלשעוויקעס צי ניט־באָלשעוויקעס. קאָנען מיר, סאָציאַליסטן, דערלאָזן, אַז אַ טייל פון אונ־דזער אייגענעם קלאַס, אַפילו ווען ער האַנדלט פאַלש און פירט אַ שלעכ־טע פּאָליטיק, זאָל גרויזאַם באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע רעוואָלוציאָ־נער־סאָציאַליסטישע אילוזיעס און אוטאָפּיעס? קאָנען מיר זיין באַ־טייליקט אין דער בלוטיקער אונטערדריקונג פון אַ רוסישער „קאָמונע”? דעריבער האָט אונזער צ. ק. שטרענג פאַרבאָטן יעדע באַטייליקונג אין אויפשטאַנדן און רעוואָלטן.

5

אַ משפט מיט סטאַלינען

די געשילדערטע שטעלונג פון אונדזער פּאַרטיי אין די וויכטיקסטע פּאָליטישע פראַגעס האָט בשום אופן ניט געענדערט די פיינטלעכע טאַק־טיק פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג צו די מענשעוויקעס. אמת, מיר זיינען געווען קעגן אויפשטאַנדן, אָבער מיר זיינען דאָך געווען אויך קעגן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. און מיר זיינען געווען געפער־לעך, ווייל אין יענע זומער־חדשים פון 1918 האָט זיך אין דער רוסישער אַרבעטערשאַפט פאַרשפּרייט אַ שטאַרקע כוואַליע פון פּראָטעסט קעגן די באָלשעוויקעס און פון סימפּאַטיע צו די סאָציאַליסטישע קעגנער פון באָלשעוויזם. ביי די סאָוועטן־וואַלן אין גאַנץ רוסלאַנד האָט אונדזער פּאַרטיי באַקומען אַ גאַנץ היפשע פאַרשטאַרקונג און אין אייניקע ער־טער האָבן מיר אַפילו באַקומען די מערהייט. אונדזער קריטיק און אונ־דזער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען זייער אומאַנגענעם פאַר די באָלשעווי־קעס, און זייער צאָרן קעגן אונדז איז געשטיגן און פאַרשאַרפט געוואָרן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן רדיפות, אַרעסטן, פאַרפאָלגונגען, און אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט איז ממש פאַרשאָטן געוואָרן מיט טעלעגראַמעס, בריוו, פּראָטעסטן פון אַלע שטעט. די 4—5 מענשעוויסטישע פאַר־טרעטער אין צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון די סאָוועטן, דער עיקר מאַרטאָוו, סוכאַנאָוו, איך, זיינען אַרויסגעטראָטן מיט פּראָטעסטן און רעדעס אויף די זיצונגען פון צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט, וואָס איז יעמאָלט געווען אַ מין רוסישער פּאַרלאַמענט, און אונדזערע אַרויס־טרעטונגען האָבן אונדז געמאַכט שטאַרק פּאָפּולער אין לאַנד. (ס'איז

נאָך יעמאָלט געווען אַ ניט-באָלשעוויסטישע פּרעסע, וואָס האָט גע־דרוקט באַריכטן פון אַלע זיצונגען). מיר זיינען אַרויסגעטראָטן אומע־טום מיט לעקציעס און רעדעס אויף די אַרבעטער-מיטינגען, וואָס האָבן זיך נאָך געקאָנט פירן גאַנץ פריי. אויך אונדזערע צייטונגען אין מאָס־קווע („וופּעריאָד"), אין כאַרקאָוו („נאַש גאָלאָס") און אַ פּאָר טוץ קלענערע צייטונגען און זשורנאַלן אין דער פּראָווינץ, האָבן געהאַט אַ היפּשע ווירקונג אין די אַרבעטער-קרייזן. האָבן די באָלשעוויקעס אָנ־געהויבן אַלץ מער און מער צו באַשרענקען די פרייהייט פון אונדזער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז געווען געװנוג אַ קלונג פון לענינען אָדער סטאַלינען אין דער גע-פּע-או, כדי אין עטלעכע מינוט צו „ליקווידירן" יעדע אָרגאַניזאַציע און יעדע צייטונג, וואָס איז אומאַנגענעם פאַר דער דיקטאַטור. אין זומער 1918 האָט מען נאָך געדאַרפט מאַכן „צערעמאָניעס". יעמאָלט זיינען נאָך די באָלשע־וויסטישע אַרבעטער גופא געווען צוגעוואוינט צו אַ היפּשער מאָס פריי־הייט און דעמאָקראַטיע, האָט מען אונדז אָנגעהויבן צו רודפן ניט אויף אַ דירעקטן אופן, נאָר דורך אַן אומוועג. די רעדאַקטאָרן פון אונדזער צייטונג, יולי מאַרטאָוו און פ. דאַן, באַקומען מיט אַמאָל אַ פאָדערונג צום געריכט: אין עפּעס אַן אַרטיקל איז באַליידיקט געוואָרן די סאָ־וועט-רעגירונג. און באַלד באַקומט זיך אַ צווייטער פּאַפּיר פון געריכט פון דעם אויבערשטן טריבונאַל: אין אַן אַרטיקל פון מאַרטאָוון איז פאַרלוימדעט געוואָרן דער פאָלקס-קאָמיסאַר סטאַלין.

אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט מאַרטאָוו, שרייבנדיק וועגן סטאַ־לינען, דערמאָנט וועגן זיין אַקטיווער ראָלע אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער באַרימטער „עקספּראָפּריאַציע" אין טיפליס און וועגן דעם, אַז סטאַלין איז דערפאַר יעמאָלט אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי אויף אַ געוויסער צייט. סטאַלין האָט זיך דערפילט באַליידיקט און האָט דערקלערט, אַז דאָס איז אַ מיאוסע רכילות, און די רכילות איז פאַרשפּרייט געוואָרן ספּעציעל דורך די מענשעוויקעס, כדי צו קאָמפּראָמיטירן אין זיין פּערזאָן די גאַנצע באָלשעוויסטישע רעגירונג.

זיינען מיר אַוועק צום געריכט. דער אָנקלאָגער איז געווען סטאַלין און זיין אַדוואָקאַט איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „פּראַוודאַ" סאָס־נאָווסקי. דער אָנגעקלאָגטער איז געווען מאַרטאָוו; און מאַרטאָוו האָט באַשטימט אַלס זיינע „לאָיערס" פ. לאַפּינסקין און מיך. לאַפּינסקי איז טאַקע געווען אַ לאָיער. איך האָב מיט אַדוואָקאַטור קיין מאָל ניט געהאַט צו טאָן, אָבער לויט דעם סאָוועטישן געזעץ איז געווען דער־לויבט, אַז פּאַרטייִדיקער אין געריכט זאָלן זיין ניט נאָר פּראָפעסיאָנעלע לאָיערס, נאָר אויך פּשוטע בירגער.

מיר האָבן אונדזער טאַקטיק געבויט אויף דעם, אַז פריער פון אַלץ וועלן מיר פאַרלאַנגען, אַז דער גאַנצער פּראָצעס זאָל אַרויסגענומען ווערן פון „אויבערשטן טריבונאַל" און איבערגעגעבן ווערן צו אַ פּשוטן

פּאָלקס-ריכטער. אויב איין בירגער באַליידיקט אַ צווייטן אין אַ צייטונגס-אַרטיקל, טאָ פאַרוואָס מוז זיך מיט דעם פאַרנעמען דווקא דער אויבערשטער טריבונאַל? אויב דער בירגער סטאַלין פילט זיך באַליידיקט פון בירגער מאַרטאָוו, טאָ זאָל ער דערלאַנגען אַ „פּראָשעניע" צו אַ געוויינטלעכן פרידנס-ריכטער, אַזוי ווי דאָס טוען אַלע אַנדערע בירגער פון רוסלאַנד.

דאָס איז געווען דער עיקר-אינהאַלט פון מיין רעדע, וואָס איך האָב געהאַלטן, שטייענדיק ביי אַ קליינעם טישל, ביי וועלכן עס איז געזעסן סטאַלין און געקוקט אויף מיך מיט זיינע בייזע שוואַרצע אויגן. מיר האָבן זיך געקאָנט פּערזענלעך שוין אַ ריי יאָרן. אונדזער באַקאַנטשאַפט איז געווען בשום אופן ניט קיין נאָענטע, אָבער פונדעסטוועגן זיינען מיר ניט איין מאָל געזעסן ביי איין טיש, ווי מיטגלידער פון איין פּאַרטיי.

דעם מאָל איז ער געזעסן אַלס אַ מיטגליד פון דער רעגירונג אין אַ טריבונאַל, וואו דער פאָרזיצער און די מיטגלידער זיינען געווען באָלשעוויקעס, און איך בין געשטאַנען פאַר אים אין דער אומגעוויינטלעכער ראָלע פון אַ „לאָיער", — אמת, אַ פּ אָ ל י ט י ש ן לאָיער, — וואָס האָט געפירט מיט אים ניט אַ פּאַרטיי-דיסקוסיע, ווי ביי די פריערדיקע געלעגנהייטן, — נאָר אַ פּאָליטישן פּראָצעס אין דער צייט פון אַן אָנקומענדיקן בירגער-קריג.

אי לאַפּינסקי, אי מאַרטאָוו האָבן געהאַלטן רעדעס, וואָס האָבן געטראָגן אַ שאַרף פּאָליטישן כאַראַקטער, און נאָך אומאַנגענעמער איז געווען פאַר סטאַלינען און פאַר דעם אויבערשטן טריבונאַל, אַז אין דעם זאַל, וואו עס זיינען אָנגעפּאַקט געווען הונדערטער אַרבעטער, האָט מאַרטאָוו, ניט וואַרטנדיק אויפן פּראָצעס גופא, גלייך אין אָנהייב באַוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אַלע נייטיקע פאַקטן און האָט עדות, וואָס וועלן באַווייזן, אַז זיין באַשולדיקונג קעגן סטאַלינען איז אַבסאָלוט באַגרינדעט.

דער פּראָצעס האָט זיך געענדיקט מיט גאָרניט, ווייל סטאַלין האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם רעזולטאַט. מען האָט די „דעלאָ" ערגעץ וואו פאַררוקט און ווען מיר זיינען געקומען צו דער צווייטער זיצונג פון געריכט, האָט מען אַפילו ניט געקאָנט געפינען די רעקאָרדס פון דער ערשטער זיצונג: אויף אַ מערקווירדיקן אופן זיינען אַלע פּאַפּירן פאַרלוירן געגאַנגען. ניט געקוקט אויף דעם, האָט דאָס געריכט, נעמענדיק אין אַכט ביידע „דיעלעס", אי די באַשולדיקונג קעגן דער סאָוועטרעגירונג, אי רכילות אויף סטאַלינען, אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל קעגן דער רעדאַקציע פון „ווּפּעריאָד". אָבער אין דעם אורטייל איז ניט געווען קיין שטראָף, נאָר אַ שאַרפע וואָרנונג און אַ „מאָראַלישע פאַראורטיילונג".

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערציילן וועגן אַ צווייטן ענין, וואָס איך האָב געהאַט אין יענער צייט מיט דער סאָוועטישער יוסטיץ.

אין פרילינג—זומער 1918 איז מינסק געווען אָקופּירט דורך די דייטשן ,און דער צ. ק. פון „בונד" איז געבליבן אונטער דער אָקו-

פּאַציע. די קייזערלעכע דייטשע רעגירונג האָט יעמאָלט די סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען אין אָקופּירטן רוסלאַנד ניט פֿאַרפאָלגט. אַזוי־אַרום איז אין מינסק, פּונקט ווי אין וואַרשע, געווען אַ לעגאַלע בונדישע אָרגאַ־ניזאַציע. דער פֿאַרטרעטער פֿון „בונד", רחמיאל װ ײ נ ש ט ײ ן איז געווען דער פֿאָרזיצער פֿון דעם מינסקער שטאָט־ראַט, און אַלס אַזוינער האָט ער געהאַט צו טאָן מיט דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. דאָס איז געווען נאַטירלעך און אומפֿאַרמיידלעך און בשום אופֿן ניט קאָמפּרימי־טירנדיק פֿאַר ווײַנשטיינען. וואָס מאַכט אָבער פֿון דעם די באָלשעוויס־טישע „פּראַוודאַ"? באַווײַזט זיך אין איר אַ גרויסער אַרטיקל פֿון דעם באָלשעוויסטישן רעדאַקטאָר ס אָ ס נ אָ ו ו ס ק י (וואָס איז געווען סטאַ־לינס „לאַיער"), לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז דער מינסקער „בונד" בראש מיט ווײַנשטיינען האָט ב אַ ג ר י ס ט די דייטשע אַרמיי ביי דער אָקופּאַציע פֿון מינסק און אַז רחמיאל האָט זיך פּשוט געהאַלדזט מיט די דייטשע גענעראַלן. וואָס זאָל מען טאָן? אָנשרייבן אַן אַרטיקל אין „פּראַוודאַ"? דרוקן זיי ניט. באַשליס איך: אויב סטאַלין קאָן משפּטן מאַרטאָוון פֿאַר רכילות, טאָ פֿאַרוואָס זאָל ווײַנשטיין ניט קאָנען משפּטן סאָסנאָווסקין פֿאַר רכילות?

אַזוי ווי איך בין דער אָפֿיציעלער פֿאַרטרעטער פֿון „בונד" פֿאַר דער רעגירונג און אַזוי ווי איך בין אַ מיטגליד פֿון צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט אין נאָמען פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי פֿון „בונד", דערלאַנג איך אַן אָנקלאַגע אין געריכט, אַז מען זאָל אַרויסרופֿן סאָסנאָווסקין צום משפּט פֿאַר באַליידיקן דעם בירגער ווײַנשטיין, און איך נעם זיך אונטער צו באַווײַזן, אַז די באַשולדיקונג פֿון סאָסנאָווסקין אין דער „פּראַוודאַ" איז אַ ליגן.

קריג איך אין אַ היפּשער צייט אַרום אַ מיטטיילונג, אַז דאָס גע־ריכט נעמט ניט אָן מײַן אָנקלאַגע, וואָרים באַקלאָגן מוז זיך דער באַליי־דיקטער אַליין. שיק איך אַוועק אַ ספּעציעלן מענטשן, כדי אויף אַן אומ־לעגאַלן אופֿן צו באַקומען פֿון דעם אָקופּירטן מינסק אַ פֿולמאַכט פֿון ווײַנשטיינען. מיט גרויס מאַטערניש באַקום איך ענדלעך די דאָזיקע פֿולמאַכט. דערלאַנג איך אין ווײַנשטיינס נאָמען אַ צווייטע בקשה. און ווידער אין אַ צייט אַרום באַקום איך אַן ענטפֿער פֿון געריכט, אַז איך זאָל זיי מיטטיילן דעם ג ע נ ױ י ע ם אַ ד ר ע ס פֿ ו ן ס אָ ס נ אָ װ ו־ס ק י ן, ווײַל אַליין קאָנען זיי אים ניט געפֿינען! סאָסנאָווסקי איז אָבער געווען יעמאָלט דער רעדאַקטאָר פֿון „פּראַוודאַ" און האָט זײַנע גאַנצע טעג פֿאַרבראַכט אין דער רעדאַקציע פֿון דעם צענטראַלן קאָמוניסטישן אָרגאַן.

אַזוי־אַרום האָט זיך פֿון דעם דאָזיקן משפּט קיין זאַך ניט אויסגע־לאָזן. אין חדשים אַרום, ווען מינסק איז שוין געווען באַפֿרייט, און ווײַנשטיין איז געקומען קיין מאָסקווע, איז איינער פֿון די ערשטע מענטשן, וועמען ער האָט באַגעגנט, געווען ס אָ ס נ אָ ו ו ס ק י, און סאָסנאָווסקי האָט אים אַליין מיט אַ געלעכטער דערציילט די מעשה מיטן פּראָצעס.

אָנהייב פון טעראָר:
אַרעסט און טורמע

1

די אַרבעטער־קאָנפערענץ אין מאָסקווע. — דער אַרעסט

איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם, אַז אין אָנהייב זומער 1918, איז די שטימונג צווישן די רוסישע אַרבעטער געווען גאַנץ שטאַרק אַנטי־באָלשעוויסטיש. ניט נאָר אין די גרויסע שטעט, ווי פּעטערבורג, מאָסקווע, כאַרקאָוו, קיעוו, נאָר אויך אין מאָסקווער ראַיאָן (בריאַנסק, טולא) און די פאַבריק־שטעט אויפן אוראַל, האָבן די אַרבעטער שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן די נייע באָלשעוויסטישע מעטאָדן פון רעגירן. אָט אין יענעם מאָמענט איז אויפגעקומען דער געדאַנק צענויפצורופן אַן אַלגעמיינעם רוסישן אַרבעטער־צוזאַמענפאָר, וואָס זאָל נעמען אַ שטעלונג צו דער גאַנצער פראַגע פון רעוואָלוציע און רעגירונג. דער צוזאַמענפאָר האָט געזאָלט אָרגאַניזירט ווערן, אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, דורך פאָרשטייער פון אַלע פאַבריקן און זאַוואָדן אין רוסלאַנד און אין אים האָבן געזאָלט זיין פאָרטראָטן אויך אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען פון דער רוסישער אַרבעטערשאַפט. דאָס איז געווען אַן אַלטער באַליבטער געדאַנק פון פּאַוועל אַקסעלראָד, איינעם פון די גרינדער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. ער האָט נאָך אין די יאָרן 1905—1906 אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז די אַרבעטער גופא, און ניט די אומלעגאַלע, אָדער ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן „פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן"־אינטעליגענטן, זאָלן באַשטימען די טאַקטיק פון רוסישן פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער לאָזונג איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אין זומער 1918. די פּאַרטייען קעמפן צווישן זיך און רייסן זיך, — זאָל מען דעם אַרבעטער גופא פרעגן, וואָס ער וויל און ווי אַזוי ער שטעלט זיך פאַר דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

מיר, די מענשעוויקעס, האָבן שטאַרק אונטערגעשטיצט דעם דאָזיקן געדאַנק. מיר האָבן געזען, אַז עס גייט אומפאַרמיידלעך צו אַ בירגערקריג און מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דער בירגער־קריג וועט רואינירן דאָס לאַנד און ברענגען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציע. דאַרף מען געפינען עפּעס אַן אויסוועג; אַז ניט וועלן די אויפשטאַנדן,

— אַזעלכע ווי עס זיינען פאָרגעקומען אין יאַראָסלאַוו אָדער אין מאָס־קווע — זיך אַריבערוואַרפן אין אַנדערע שטעט, און אַרבעטער וועלן קעמפן קעגן אַרבעטער. לאָמיר, אַלזאָ — האָבן מיר דערקלערט — צו־נויפרופן דעם אַרבעטער־קאָנגרעס אונטער דעם קאָנטראָל פון אַלע פּאַרטייען (כּדי די וואָלן זאָלן זיין ריכטיקע, ערלעכע), און אויף דעם קאָנגרעס וועלן די פּאַרטייען האָבן אַ געלעגנהייט צו דערקלערן און באַגרינדן זייערע שטאַנדפּונקטן און דאַן וועט דער קאָנגרעס אַנטשיידן. דאָס וועט זיין עכטע אַרבעטער־דעמאָקראַטיע. מיר, מענשעוויקעס, האָבן זיך פאַרפליכטעט צו אונטערוואַרפן זיך אונטער דעם באַשלוס פון אַרבעטער־קאָנגרעס און אָנצונעמען זיין אַנטשיידונג, ווי די אַנט־שיידונג זאָל ניט זיין.

דער געדאַנק איז אָפן דיסקוטירט געוואָרן אין דער פּרעסע, אויף הונדערטער פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער, און האָט אַרויסגערופן פיל סימפּאַטיע צווישן די מאַסן. אָבער זייער שאַרף זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם די באָלשעוויקעס. זיי האָבן אָפיציעל דערקלערט, אַז די גאַנ־צע אונטערנעמונג באַטראַכטן זיי אַלס אַ מין קאָנטער־רעוואָלוציע. און דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך, ווייל זיי האָבן געהאַט אַן אורזאַך צו גלויבן, אַז דער באַשלוס פון אַרבעטער־קאָנגרעס וועט ניט זיין אין באָלשעוויסטישן גייסט.

צוליב דעם ווידערשטאַנד פון די באָלשעוויקעס איז געווען אומ־מעגלעך צו אָרגאַניזירן אַן אמתן, גרויסן, קאָמפּעטענטן אַרבעטער־קאָנגרעס פון גאַנץ רוסלאַנד. האָבן מיר באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן דער־ווייל אַן אַרבעטער קאָנפערענץ, וואָס זאָל זיין אַ מין צוגרייטונג צו אַן אמתן ברייטן צוזאַמענפאָר אין אַ שפּעטערדיקן מאָ־מענט.

עס איז געשאַפן געוואָרן אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטע פון פאַרשיידענע פּאַרטייען: מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן, מענשעוויקעס־רעכטע, אינטערנאַציאָנאַליסטן־לינקע, סאָציאַליסטן־רע־וואָלוציאָנערן און פאַרשיידענע אַנדערע גרופּן, אויסער באָלשעוויקעס. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט איינגעלאַדן אויך די באָלשעוויקעס און האָט געלאָזן פאַר זיי פרייע פּלעצער אין קאָמיטעט. אין דער פּרעסע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פּראָגראַם פון דער קאָנפערענץ, דער טאָג, ווען די קאָנפערענץ האָט זיך געזאָלט אָנהייבן, און דער אַדרעס פון זאַל, וואו די זיצונגען האָבן געזאָלט פאָרקומען (אין דעם לאָקאַל פון אַן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו). פון אונזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צענטראַל־קאָמיטעט בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס דער אָפיציעלער פאַרטרעטער פון דער פּאַרטיי. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ נאָך אַ ריי אַנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע חברים, וואָס האָבן פאַרטראָטן דעם צ.־ק. אָדער דער מאָסקווער ראַיאָן קאָמיטעט, אָדער פאַרשיידענע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. צווישן זיי זיינען געווען אַלעקסאַנדער טראָיאַנאָווסקי, דער שפּעטערדיקער קאָמו־

ניסט און סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן; געאָרגי קוטשין, (איצט אַ פאַרשיקטער אין רוסלאַנד), יורי דעניקע (איצט אין ניו־יאָרק, גריגאָרי אַראָנסאָן (אַ דעלעגאַט פון וויטעבסק, איצט אין ניו־יאָרק), קאַמערמאַכער (קעפאַלי), אַ דעלעגאַט פון די דרוקער־אַרבעטער) ניט לאַנג געשטאָרבן) און דער באַוואוסטער בונדיסטישער פירער, יעמאָלט נאָך אַ יונגער מאַן, וויקטאָר אַלטער. עס זיינען געקומען צו דער קאָנפע־רענץ 50—60 דעלעגאַטן פון די פאַרשיידענע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און פאַבריקן פון אַ פּאָר צענדלינג שטעט, אָנהייבנדיק מיט פּעטערבורג און ענדיגענדיק מיט אוראַל.

די קאָנפערענץ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 20־טן יולי, אין דער גע־ביידע פון אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוו. עס זיינען אויסגעהערט געוואָרן באַריכטן פון די ערטער און מען האָט גערעכנט, אַז די קאָנפערענץ וועט געדויערן נאָר עטלעכע טעג. דעם 20־טן, נאָך דער זיצונג, שפּעט ביי דער נאַכט, בין איך אָוועקגעפאָרן אַהיים, דאָס הייסט אויף דער דאַטשע, וואָס האָט זיך געפונען אומגעפער אַ שעה רייזע פון מאָסקווע. די מעשה איז געווען די, וואָס דעם 21־טן יולי איז מיין געבורטס־טאָג און מיינע עלטערן זיינען ספּעציעל געקומען פון פּעטערבורג און האָבן געוואַרט אויף מיר אויף דער דאַטשע. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך וועל זיך צוריקקערן פון דער קאָנפערענץ, דעם 21־טן, אַביסל פריער ווי גע־וויינטלעך, כדי מיר זאָלן נאָך באַוויזן צו פאַרברענגען דעם אָוונט אַלע צוזאַמען אויף דער דאַטשע. דעם 21־טן אין דער פרי בין איך אָוועקגע־פאָרן אין דער שטאָט אָבער געקומען בין איך ערשט אין מיטן נאָ־וועמבער . . .

אַזייגער צען אין דער פרי, דעם 21־טן יולי, האָט זיך אָנגעהויבן די קאָנפערענץ, ווידער אין דער זעלביקער געביידע און ווידער איז וועגן דעם געמאָלדן געוואָרן אין דער פּרעסע. דער זאַל איז געווען געפּאַקט, עס איז געווען היים און אָנגערויכערט, און ביי מיר האָט זיך אָנגעהויבן מיין קאָפּ ווייטאָג (מיגרען). לעבן מיר איז געזעסן וויקטאָר אַלטער און מיר האָבן זיך ביידע שווייגנדיק צוגעהערט צו די באַריכטן און געוואַרט אויף דעם אָנהייב פון די רעפעראַטן. גאַנץ פּלוצלונג, ווייניקסטנס פאַר מיר (איך בין געווען „פאַרטאָן" מיט מיין קאָפּ ווייטאָג), האָבן זיך דער־הערט קולות: „אָט דאָ זיינען זיי! אָט זיינען זיי!"

און מיט אַ הילכיקן טראַסק האָבן זיך געעפנט די טירן פון זאַל און עס האָבן זיך באַוויזן באַוואָפנטע מענטשן מיט רעוואָלווערן אין די הענט, אָנגעטאָן אין שוואַרצע לעדערנע רעקלעך, מיט מיליטערישע לע־דערנע היטלעך אויף די קעפּ.

דאָס איז געווען די „טשעקאַ".

„די הענט אין דער הויך! רואיק זיצן, זיך ניט רירן!" — האָבן זיך דערהערט שטרענגע באַפעלן.

די קאָנפערענץ איז געבליבן רואיק זיצן אויף די ערטער: קיין שום טומל און קיין שום אויפרעגונג. די באַוואָפנטע מענטשן זיינען אריינ־געגאַנגען אין זאַל. הינטער זיי האָבן זיך באַוויזן עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן מיט ביקסן.

„וואָס ווילט איר, וועמען זוכט איר? דאָ איז אַן אַרבעטער־קאָנ־פערענץ", — האָט שטרענג געפרעגט דער טשערמאַן.

„אַן אַרבעטער־קאָנפערענץ?! מיר וויסן, וואָס דאָס איז פאַר אַן אַרבעטער־קאָנפערענץ. דאָ איז אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע פאַרשווע־רונג. מען דאַרף אייך אַלעמען צעשיסן", — האָט געענטפערט דער פירער פון די טשעקיסטן.

אייניקע אַרבעטער־דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ זיינען געוואָרן שרעקלעך אויפגערעגט צוליב דער חוצפּה פון די טשעקיסטן, אָבער מיר האָבן זיי באַרואיקט. מיר האָבן געוואָלט, אַז אויב עס וועט פאָרקומען אַ טראַגעדיע, זאָל דאָס פאָרקומען אין אַ ווירדיקער פאָרם.

„וואָס זאָלן מיר מיט זיי דיסקוטירן, חברים?! זיי זיינען דאָך ניט מער ווי זשאַנדאַרמען, וואָס זיינען געקומען מיט אַ באַפעל פון זייער רעגירונג", — האָט אימיצער באַמערקט.

די טשעקיסטן זיינען שרעקלעך באַליידיקט געוואָרן פאַר פאַרגלייכן זיי מיט זשאַנדאַרמען. אָבער מיר האָבן ניט דערלאָזן קיין שום דיסקו־סיע און האָבן פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן אָדער אַרויסגיין פון זאַל אָדער אַדורכפירן דעם באַפעל, וואָס זיי האָבן באַקומען און קעגן וועלכן מיר פּראָטעסטירן מיט אונזער גאַנצער קראַפט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן דיזעלביקע סצענעס, וואָס איך האָב שוין איבערגעלעבט איין מאָל, ווען מען איז אין וואַרשע געקומען אַרעסטירן אונדזער בונדישער פאַרזאַמלונג. דאָס איז געווען גענוי מיט 14 יאָר פריער, אין יולי 1904.

אויך דאָרטן האָבן זיך פּאָליציסטן אַריינגעריסן אין דעם צימער, וואו מיר האָבן געהאַט די זיצונג. אויך דאָרטן זיינען געשטאַנען מענטשן מיט רעוואָלווערן און פּאָליציסטן מיט ביקסן. אויך דאָרטן זיינען גע־קומען זשאַנדאַרמען, וואָס האָבן דורכגעזוכט די קעשענעס, צוגענומען אַלע פּאַפּירלעך, און אַזוי ווייטער.

דער אונטערשייד איז נאָר געווען, וואָס די טשעקיסטן זיינען געווען פיל גרעבער און געוואַלטזאַמער, איידער די אַמאָליקע זשאַנדאַרמען. ווען אַלטער האָט עפּעס געזאָגט אַ וואָרט דעם סאָלדאַט, וואָס האָט גע־זוכט אין זיינע קעשענעס — האָט יענער אַ מאַך געטאָן מיטן ביקס און אַ געשריי געטאָן, אַז ער וועט אים גלייך דערשיסן. מיר האָבן ביידע אַ שמייכל געטאָן און איבערגעקוקט זיך: ביי אונדז ביידן איז אויפ־געקומען דער זעלביקער געדאַנק — מיר האָבן פאַרגליכן די צאַרישע פּאָליציי מיט דער באָלשעוויסטישער.

לאַנגזאַם איז פאָרגעקומען דער „אָביסק״ (הויז־זוכונג) אין דער קאָנפערענץ. צוערשט האָבן די טשעקיסטן ניט אַנדערש פאַרלאַנגט נאָר מיר זאָלן אַרויסגעבן אונדזער געווער. אָבער קיין געווער האָבן מיר ניט געהאַט. דאַן האָבן זיי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן בוך מיט די פּראָטאָקאָלן (רעקאָרדס), אַלע פּאַפּירן, אַלע רעזאָלוציעס, אַלע באַריכטן.

און ווען זיי האָבן געענדיקט מיט אַלע פּאַפּירלעך האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויפן גאַס, וואו עס זיינען געשטאַנען צוגעגרייטע טראָקס פון דער טשעקאַ, וואו מען האָט אפילו ניט געקאָנט זיצן, נאָר געמוזט שטיין, און אַזוי, שטייענדיק, האָט מען אונדז אַוועקגעפירט אין די טראָקס צו דער געביידע פון דער ווע־טשע־קאַ אויף דער טרויעריק באַרימטער לוביאַנקאַ.

דאָרטן האָט מען אונדז אַלעמען אַריינגעפירט אין אַ לאַנגן ליידיקן קאָרידאָר מיט אַ פּאָר בענקלעך און מיר האָבן זיך צוזעצט ווער אויף די בענקלעך, ווער אויף דעם הילצערנעם דיל, אויפגערעגטע, צערייצטע און אַ ביסל נייגעריקע: וואָס וועט דאָ איצט קומען?

און געקומען איז, ווי אין די פריערדיקע צייטן, אַ „דאָפּראָס״ (פאַרהער).

איך בין אַרויסגערופן געוואָרן דער ערשטער. מען פירט מיך אַריין אין אַ צימער, וואָס איז געווען גלייך ביי דעם קאָרידאָר, וואו מיר האָבן געוואַרט. אין צימער איז געזעסן איין איינציקער יונגער מאַן ביי אַ גרויסן ליידיקן טיש מיט אַ פּאָר בויגן פּאַפּיר און מיט אַ פּען אין האַנט. איך זע, אַז עס איז אַ יונגער אידישער בחור פון אַ יאָר 25. ער קוקט מיר ניט אין די אויגן, פרעגט מיך, צי איך בין אַבראַמאָוויטש און בעט מיך איך זאָל זיך אַוועקזעצן.

איך זעץ זיך אַוועק און קוק אויף דעם יונגן מאַן מיט אַ פאַרוואונדערטן שמייכל: וואָס וועט ער איצט זאָגן? און ער הייבט אָן פרעגן ווי אין די אַמאָליקע צאַרישע צייטן פון די זשאַנדאַרמעריע־פאַרהערן:

„ווייסט איר, פאַר וואָס מען האָט אייך אַרעסטירט?״

איך צעלאַך זיך און זאָג אים, אַז וואָרשיינלעך איז ער נאָך זייער יונג, וואָרים וואָלט ער געווען אַ רעוואָלוציאָנער אין די אַמאָליקע צייטן, וואָלט ער געוואוסט, אַז אַזוי האָבן אַמאָל די זשאַנדאַרמען אָנגעהויבן זייערע פאַרהערן.

ער ווערט אַביסל פאַרלאָרן און גיט אַ געשריי, אַז דאָ איז נישטאָ וואָס צו לאַכן, אַז מען האָט אונדז געכאַפּט ביי אַ פ אַ ר ש וו ע ר ו נ ג, ביי אַ פּרואוו דורך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אַראָפּצוואַרפן די סאָוועטן־רעגירונג, און דערפאַר קומט ט ו י ט ־ ש ט ר אַ ף.

איך צעלאַך זיך שוין אינגאַנצן אָפן און זאָג אים, ער זאָל ניט רעדן אַזוינע נאַרישקייטן. ווען מען מאַכט אַ באַוואָפנטע פאַרשווערונג, מעלדעט מען ניט אין די צייטונגען וועגן דעם אָרט און וועגן דער שעה פון

רער פאַרשווערונג און ביי אַ באַוואָפנטער פאַרשווערונג מוזן זיין וואָפן, אָבער ביי אונדז האָט מען דאָך געפונען נאָר פּאַפּירלעך.

ווערט ער זייער אויפגערעגט און הייבט מיר אָן צו דערציילן, אַז ער איז אַליין אַ בונדיסט און מיינער אַ תלמיד און האָט שטענדיק געהאַט זייער פיל רעספּעקט פאַר מיר, און איצט איז זיין טרויעריקע פליכט באַרמלאָז צו באַשטראָפן אַ מענטשן, וואָס טרעט אַרויס קעגן דער רע־וואָלוציע, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

דאָס איז שוין געווען ניט דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב פון קאָמוניסטן בעת דיסקוסיעס געהערט דעם צווייפלהאַפטן קאָמפּלימענט, אַז זיי זיינען געווען מיינע תלמידים, בונדיסטן אאַז״וו. בין איך אין כעס געוואָרן און אָנגעהויבן צו שרייען, אַז אַזעלכע תלמידים דאַרף איך ניט האָבן און דיסקוטירן פּאָליטיש מיט אים וויל איך ניט. אויב ער וויל דיסקוטירן זאָל ער, אָדער העכערע פאַר אים, גיין מיט מיר אויף אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג און דאָרטן בין איך גרייט צו דיסקוטירן ווי אַ גלייכער, פרייער מענטש. אָבער דיסקוטירן מיט אים, ווען ער זיצט ביים טיש מיט אַ רעוואָלווער און איך, וועמען ער רופט אָן זיין לערער, זיצט אַנטקעגן אים ווי אַן אַרעסטאַנט, אונטער דער אויפזיכט פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן, — אַזוינע דיסקוסיעס וויל איך ניט פירן.

מיט דעם האָט זיך מיין ערשטער „פאַרהער״ געענדיקט. דאָס איז אָבער אויך געווען מיין לעצטער פאַרהער, וואָרים ביז צום סוף פון דער גאַנצער מעשה האָב איך קיין מאָל קיין אַנדערע פאַרהערן ניט געהאַט.

ווען איך בין אַרויס צוריק אין קאָרידאָר, האָט מיך חברה באַגעגנט מיט גרויס צופרידנקייט. די ווענטל צווישן דעם צימער און דעם קאָרי־דאָר איז געווען אַ דינע. האָבן זיי געהערט יעדעס וואָרט פון אונזער דיסקוסיע, און זיי האָבן געפונען, אַז אָס איז דער בעסטער וועג צו ענט־פערן די „סלעדאוואַטיעלעס״ (אונטערזוכונג־באַאַמטע) פון דער טשעקאָ.

איך וויל דאָ גלייך צוגעבן, אַז מיין „תלמיד״, דער סלעדאוואַטיעל, האָט געהאַט אַ טראַגישן סוף. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען אים געפונען אָן אויפגעהאַנגענעם אין זיין האָטעל־צימער. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז ער איז געווען גייסטיק ניט אינגאַנצן נאָרמאַל, אַ מע־לאַנכאָליקער. און די בלוטיקע אַרבעט אין דער טשעקאָ (אין יענעם מאָ־מענט איז זי געווען ביז גאָר אַ בלוטיקע, ווי מיר וועלן זען שפּעטער), איז געווען צופיל פאַר זיין שוואַכער נשמה.

דער פאַרהער פון די אַנדערע אַרעסטירטע האָט זיך געצויגן ביזן אָוונט און דאַן האָט מען מיך אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע אַרעסטירטע און אַוועקגעשיקט, מיט אַ גאַנצע גרופּע אַנדערע אַרעסטירטע, וועלכע איך האָב ניט געקאָנט, אין דעם באַרימטן „שוואַרצן ראַב״ (טשאָרני וואָראָן) דער טרויעריקער שוואַרצער אויטאָמאָביל פון דער טשעקאָ, וואָס איז אין יענע חדשים געווען דער סימבאָל פון טויט און דערשיסונג. אין דער טורמע.

דער „שוואַרצער ראַב" האָט מיך נאָך אַ קורצער רייזע, צוזאַמען מיט אַ טוץ אַנדערע אַרעסטירטע, געבראַכט אין דער באַוואוסטער בוטירקי־טורמע, — אַן אַלטע געביידע, אין וועמעס „טורעמס" עס זיינען געזעסן דורות רוסישע רעוואָלוציאָנערן אין די צאַרישע צייטן.

דער אויפנעם אין דעם אָפּיס פון טורמע איז געווען גאָר ווי אין די אַלטע צייטן: אַרומגעטאַפּט, דורכגעזוכט די קעשענעס, צוגענומען דעם זייגערל, די געלט, אַלע פּאַפּירלעך און אַוועקגעשיקט מיט אַ שליסער איבער די אַלטע לאַנגע שטינקעדיקע קאָרידאָרן. די אַדמיניסטראַציע און די וועכטער זיינען געווען די אַלטע, נאָר די באַלעבאַטים זיינען געווען נייע . . .

צווישן אַלע אָנגעקומענע אַרעסטאַנטן, וואָס זיינען געווען צוזאַמען מיט מיר אין אויפנעם־זאַל, האָב איך ניט געזען קיין איינציקן פון מיינע חברים. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען האָט מיך אַוועקגעשיקט איינעם אַליין, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער אַרבעטער־קאָנפערענץ. ס'איז געווען דעריבער לאָגיש צו דענקען, אַז מען וועט מיך איבערהויפּט אָפּזונדערן פון אַלעמען, פאַרשפּאַרן אין אַן איינצעל־קאַמער. גרויס איז געווען דעריבער מיין פאַרוואונדערונג, ווען דער שליסער האָט מיך געבראַכט צו אַ גרויסער קאַמער, וואָס האָט ממש געהודיעט און געברומט פון מענטשלעכע קולות און געשרייען. ווען איך בין אַריין אין דער קאַמער, האָב איך דערזען אַ 30—40 מענטשן שטייענדיק, ליגנדיק און זיצנדיק אין די מערקווירדיקסטע פּאָזעס און גרופּעס: דאָס איז געווען אַן אַזוי־גערופענע „אַלגעמיינע קאַמער", און ניט פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, נאָר פאַר קרימינעלע.

און דאָ איז מיר ווידער איינגעפאַלן, ווי מערקווירדיק עס חזרט זיך איבער, מיט אַלע איינצלהייטן, מיין אַרעסט אין וואַרשע אין 1904. דאָרטן האָט דער שעף פון דער אָכראַנע מיך אויך אַוועקגעשיקט אין אַן אַלגעמיינער קאַמער אין „ראַטוש" מיט קרימינעלע, ווייל איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן אויף דעם „דאָפּראָס". איצט האָט מיך מיין בונדיסטישער תּלמיד (מינדלין איז געווען זיין נאָמען, אויב איך האָב ניט קיין טעות) ווידער אַוועקגעשיקט אין אַ „קרימינעלער" קאַמער, ווייל איך האָב זיך אָפּגעזאָגט מיט אים צו דיסקוטירן . . .

ווי זאָגט אַ פראַנצויזיש שפּריכוואָרט: „וואָס מער עס ענדערט זיך, אַלץ מער בלייבט עס ביים אַלטן".

ווען דער שליסער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער קאַמער, איז דער טומל אויף אַ מינוט איינגעשטילט געוואָרן.

— אהאַ, אַ נייער. ווער זייט איר און וואָס פאַר אַ דיעלאָ האָט איר? — האָט מיך דער עולם אַרומגערינגלט.

זאָג איך זיי: מיין נאָמען איז אַזאַ און אַזאַ, און אַרעסטירט האָט מען מיך פאַר אַן אַרבעטער־קאָנפערענץ.

— זייט איר דאָך גאָר אַ פּאָליטישער! פאַרוואָס האָט מען אייך געבראַכט אַהער?

ווייס איך ניט.

אָבער דער אינטערעס צו מיין „דיעלאָ” איז שנעל פאַרשוואונדן און דער עולם האָט זיך אומגעקערט צו די פריערדיקע געשפּרעכן און באַשעפטיקונגען.

עס איז געווען אַ מערקווירדיקע קאָלעקציע פון מענטשן און טיפּן. דער גרעסטער טייל זיינען געווען דאָס, וואָס מען האָט אין יענע טעג גערופן „באַנדיטן” (גענגסטערס): דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, דעקלאַסירטע אַרבעטער, יונגע שילער, וואָס האָבן אַוועקגעוואָרפן די שולן און די ביכלעך, — בכלל אַ יוגנט, וואָס האָט אין יענע רווישנדיקע, טומלדיקע טעג פאַרלאָרן דעם וועג און דעם גייסטיקן גלייכגעוויכט און איז דורכגעמישט געוואָרן מיט קרימינעלע עלעמענטן. רעוואָלווערן איז געווען לייכט צו באַקומען אין יענע צייטן, קיין פעסט־איינגעשטעלטע אָרדענונג איז ניט געווען, דער עקאָנאָמישער לעבן איז געווען צעדורדערט; פלעגן גרופּן יונגע לייט אין די פינצטערע נעכט, ווען עלעקטריע האָט ניט געברענט, אַרויס אויפן גאַס מיט רעוואָלווערן, אָפּשטעלן פאַרבייגייער און צונעמען ביי זיי געלט, זייגערלעך, מאַנטלען, פעלצן. מען האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ מין רעוואָלוציאָנערע „עקספּראָפּריאַציע” און אַ העלדישע טאַט. און דאָס אָנגעראַבעוועטע געלט פלעגט מען פאַרהוליען אין געהיימע שענקלעך.

דאָס איז געווען אַ פאַרשפּרייטע דערשיינונג אין יענע חדשים, און דער „באַנדיטיזם” איז ממש געוואָרן אַ מין עפּידעמיע. יעדן טאָג פלעגט מען אין די פינצטערע נעכט אין ווינטער 1917—1918 אָפּשטעלן מענטשן אין די גאַסן פון פּעטערבורג און מאָסקווע און זיי באַראַבעווען. ווער עס האָט געקאָנט, פלעגט אויסמיידן צו גיין אין אָוונט אין די פינצטערע גאַסן. און ווער עס איז געגאַנגען, האָט ריזיקירט צו דערהערן דעם אויסגעשריי: „הייבט אויף די הענט, בירגער, און מאַכט עס שנעל”.

דאָס רוב פלעגן די באַנדיטן צונעמען די צירונג און די פעלצן. מען פלעגט דערציילן אָן אַ צאָל וויצן וועגן די רויבערייען: דער רום איז שוין אַזאַ מענטש, אַז אַפילו וועגן באַנדיטן דערציילט ער וויצן. און איינער פון די באַרימטע וויצן איז געווען, ווי אַזוי אַ באַנדיט צווינגט אַ בירגער זיך אויסצוטאָן האַלב־נאַקעט אין אַ פראָסט און רעדט אים נאָך אוים, ווייזנדיק אויף אַ קליינעם אינגל, וואָס דער באַנדיט האָט געהאָט מיט זיך: „איר שעמט זיך דען גאָרניט, וואָס איר מאַכט אַזוי לאַנגזאַם? האָט איר דען ניט קיין רחמנות אויף דעם אָרימען קינד, וואָס פרירט אין אַזאַ קעלט?”

אָט אַזאַ באַנדע גענגסטערס האָב איך אָנגעטראָפן אין דער „אַלגעמיינער קאַמער” אין בוטירקי. אַ טייל פון די יונגע לייט זיינען געווען

אמתע פאַרברעכער־טיפּן: מיט לאַקירטע שטיוועלעך, מיט דער ספּע־ציפישער עלעגאַנץ פון דער אונטערוועלט, מיט דעם גנבים־סלענג. אָבער אייניקע פון זיי זיינען געווען זייער סימפּאַטישע און אנציענדע יוגנטלעכע מיט אינטעליגענטע און ניט־פאַרדאָרבענע פּנימער. און אויף זיי איז געווען אַ גרויסער רחמנות, וואָרים די טשעקאַ פלעגט יעמאָלט אַלע אַזעלכע „באַנדיטן" צעשיסן, ניט מאַכנדיק קיין לאַנגע פּראָצעסן און אויספאָרשונגען. אָט די גאַנצע גרופּע יונגעלייט זיינען געווען טויט־קאַנדידאַטן, און זיי האָבן דאָס פונקט אַזוי גוט געוואוסט, ווי מיר אַלע אין דער קאַמער.

אחוץ די באַנדיטן זיינען אין דער קאַמער געווען נאָך אַ ריי אומבאַ־שטימטע געשטאַלטן, וואָס מען האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זיי זיינען און וואָס זייער פאַרברעכן באַשטייט: עלטערע פויערים, מענטשן אין סאָלדאַטסקע שינעלן, — אַלע אָפּגעלאָזענע, שמוציקע, הונגעריקע. אַ טייל אַרעסטירטע זיינען געווען אינטעליגענטן ,גוט־אָנגעטאָענע, קולטיווירטע. אַזעלכע אַרעסטאַנטן האָבן וועגן זיך קיין זאַך ניט דערציילט, און איך האָב ביי זיי ניט געפרעגט. די באַנדיטן האָבן מיר געזאָגט, אַז דאָס זיינען „אויסלענדישע שפּיאָנען" און „אָפיצערן". אָבער דאָס איז ניט געווען ריכטיק. די מענטשן, וואָס מען האָט טאַקע באמת חושד געווען אין וויכטיקע פאַרברעכנס, זיינען ניט געזעסן אין „אַלגעמיינע קאַמערעס".

מ'האָט מיך געבראַכט קיין בוטירקי שוין נאָכמיטאָג, כמעט אין אָוונט. איך האָב אַ גאַנצן טאָג ניט געהאַט געגעסן, אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פון אָוונט־ברויט און מען האָט אין דער קאַמער אַריינ־געטראָגן אַ קעסל מיט הייסע קרויט־זופּ אין אַ ביסל שיטערע קאַשע, בין איך געווען אין אַ טראַגי־קאָמישער לאַגע. הונגעריק בין איך געווען און עסן האָב איך ניט געקאָנט, — וואָרים עסן האָט מען געמוזט צו־זעקס פון איין שיסל, כליאָפּנדיק מיט הילצערנע לעפל. אָבער איך האָב קיין מאָל אין מיין לעבן ניט געקאָנט בייקומען מיין ווידערווילן קעגן עסן פון איין טעלער מיט אַנדערע מענטשן. מען האָט מיך אָפּט איבער דעם אויסגעלאַכט, און איך בין אָפּט געבליבן ניט־געגעסן אין מיין יוגנט (אין רוסלאַנד איז אַן אַלגעמיינער מנהג ביי דעם רוסישן פאָלק, — ניט ביי אידן, — צו עסן פון אַ געמיינזאַמער שיסל), אָבער מיין נאַטור האָט דאָס קיין מאָל ניט דערלאָזן. האָב איך, פאַרשטייט זיך, אויך איצט אין בוטירקי ניט געגעסן, הגם מען האָט מיך פון אַלע זייטן איינגעלאַדן צום עסן. איך האָב נאָר גענומען אַ שטיקל ברויט און בין מיט דעם אַנטשלאָפן געוואָרן, ליגנדיק אויף די הילצערנע נאַרעס אָן אַ קישן און אָפילו אָן אַ מאַטראַץ.

אויף צומאָרגנס האָט זיך אָבער מיין לאַגע אין דער קאַמער גרינד־לעך געביטן. ס'זיינען אָנגעקומען צייטונגען (אין די סאָוועטישע טור־מעס פון יענער צייט האָבן די געפאַנגענע געמעגט קויפן צייטונגען), און אין די צייטונגען איז אויף דער ערשטער זייט, אויף אַן עכט־אַמע־

ריקאַנישן סענסאַציאָנעלן אופן, באַשריבן געוואָרן, ווי אַזוי די טשעקאַ האָט אויפגעדעקט אַ געפערלעכע באַוואָפנטע פאַרשווערונג, און אַלס דעם הויפּט־שולדיקן אין דער פאַרשווערונג האָט מען אין די צייטונגען אָנגערופן מיך. אין איינער פון די באָלשעוויסטישע אָוונט־צייטונגען איז אַפילו געווען מיין בילד (אין רוסישע צייטונגען פון יענער צייט זיינען בילדער געווען אַ זעלטנקייט).

בין איך אין אונזער קאַמער גלייך געוואָרן אַ „סטאַר". די באַנדיטן האָבן באַקומען גרויס רעספּעקט צו אַ מענטשן, וואָס אָרגאַניזירט באַוואָפנטע אויפשטאַנדן. די צעטומעלטע אַלטע פויערים, וואָס האָבן אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס זיי זיצן, זיינען געקומען צו מיר פרעגן עצות וועגן זייערע „דיעלעס". די „שפּיאָנען" האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן מיר וועגן זיך, און עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז איינער פון זיי, אַ הויכער מאַן אין אַן ענגלישן טרענטש־קאָוט, איז דער באַוואוסטער אַדוואָקאַט ס ו כ אָ ט י ן, אַן אייניקל פון ל ע װ ו ט אָ ל ס ט אָ י.

מיין גרעסטער דערפאָלג איז אָבער געווען, וואָס איך האָב באַוויזן איינצואָרדענען מיין עסן. איך האָב געפונען אַן אַלטע בלעכערנע קאָנסערוון־פּושקע, האָב איר אויסגעוואַשן און געפּועלט ביי מיינע „קאָלעגן", אַז מען זאָל מיר אַריינגיסן אין דער פּושקע אַ קאָכלעפל זופּ און קאַשע פון גרויסן קעסל. אַזוי ווי מיין פּושקע איז געווען קלענער, איידער די פּאָרציע, וואָס קומט אויס אויף אַן אַרעסטאַנט, האָט קיינער ניט פּראָטעסטירט, הגם פיל אַרעסטאַנטן האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געהאַלטן מיך פאַר אַ משוגענעם. אַמבעסטן האָבן מיך פאַרשטאַנען די פויערים: „אַהאַ, דו ביסט אַ סטאַראָווער". אין מאָסקווער געגנט זיינען פאַראַן אַ סך סטאַראָווערן (ראַסקאָלניקעס), אַ רוסישע סעקטע, וואָס האַלט געוויינטלעך די פּראַוואָסלאַווע קריסטן פאַר אומריין („פּאָגאַני") און עסט ניט פון זייערע טעלער. עס איז אינטערעסאַנט, אַז קיינער האָט ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס איך בין אַ איד. איך בין געווען דער איינציקער איד אין דער קאַמער, און דער גרעסטער טייל אַרעסטאַנטן זיינען געווען רוסן פון מאָסקווע אָדער צענטראַל־רוסלאַנד, וואָס האָבן ניט געוואוסט, וואָס אַזוינס אַ איד איז, און האָבן וואַרשיינלעך קיין מאָל קיין אידן ניט געזען.

דער גרעסטער כבוד פאַר מיר איז אָבער געווען, וואָס די קאַמער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ „סטאַראָסטע" און האָט מיר אָנפאַרטרויט דאָס אויסטיילן די ברויט־פּאָרציעס. עס איז יעמאָלט שוין געווען אַ גאַנץ היפּשער הונגער אין דער טורמע. דאָס עסן איז געווען שלעכט און ווייניק און די הויפּט־שפּייז איז געווען ברויט. איז דאָס צעשניידן די גרויסע שוואַרצע לאַבנס ברויט און די יושרדיקע אויסטיילונג פון די פּאָרציעס איז געווען אַ וויכטיקער ענין אינעם לעבן פון דער קאַמער. אַזאַ וויכטיקע אויפגאַבע האָט מען ניט געקאָנט אָנפאַרטרויען אַבי וועמען, און עס פלעגן אָפט פּאַרקומען געשלעגן צוליב ניט־ערלעכער פאַרטיילונג פון ברויט. ווען דער עולם האָט זיך דערוואוסט ווער איך

בין, האָט מען מיך געבעטן צו נעמען אויף זיך אָט די ערנפולע אַרבעט. פלעג איך אין דער פרי זיך אַוועקשטעלן מיט אַ גרויסן שאַרפן מעסער, וואָס דער שליסער פלעגט מיר איבערגעבן אויף מיין פערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט (אַרעסטירטע טאָרן ניט האָבן ביי זיך קיין מעסערס און קיין שום געפערלעכע אינסטרומענטן) און איך פלעג פייער־לעך צוטרעטן צו דער פאַראַנטוואָרטלעכער צערעמאָניע פון שניידן שטיקלעך ברויט, אַרומגערינגלט פון אַלע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך שטרענג און אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו יעדער באַוועגונג פון מעסער און האָבן גענוי אָפּגעשאַצט יעדע „צוגאָב" צו אַ צו־דינער פּאָרציע.

מיין „ערן־אַרבעט" אין דער אַלגעמיינער קאַמער האָט געדויערט נאָר אַ קורצע צייט. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך אַריבער־געפירט אין דער זעלבער בוטירקי אין אַ „פּ אָ ל י ט י ש ע ר" קאַמער, וואו עס זיינען געזעסן סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. אָט אין דער „סאָציאַליסטישער קאַמער" בין איך אָפּגעזעסן עטלעכע וואָכן, און דווקא די סאַמע געפערלעכסטע וואָכן פון מיין לעבן.

2

אין „סאָציאַליסטישע" טורמעס: בוטירקי, טאַגאַנקא

אין דער „סאָציאַליסטישער קאַמער" אין בוטירקער פריזאָן האָב איך זיך שוין געפילט פיל היימישער, ווי אין דער „קרימינעלער" קאַ־מער. אין אונדזער קאַמער זיינען געזעסן כמעט אויסשליסלעך חברים — סאָציאַל־דעמאָקראַטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, בונדיסטן און אַז. וו. די פירונג איז געווען גענוי דיזעלבע, ווי אין די צייטן פון צאַ־ריזם; מיר האָבן געהאַט „אויטאָנאָמיע" — ד"ה אַן אייגענע קאַסע, אייגענע שפּייז־מיטלען (אַחוץ דעם אַלגעמיינעם טורמע־קעסל, וואָס איז געווען זייער אַ מאָגערער) א. אַז. וו.

אין דער קאַמער האָט געהערשט אָרדענונג, זויבערקייט און חבר־ישע אַטמאָספערע. אַלע פּראָדוקטן, וואָס די פאַמיליעס פלעגן ברענגען פאַר זייערע אַרעסטירטע מיטגלידער, פלעגן אַריינגיין אין דעם געמיינ־זאַמען אייגנטום פון אונדזער „קאָמונע", און מען פלעגט זיי פאַרטיילן גלייכמעסיק צווישן אַלע חברים. געוויינטלעך פלעגט מען פון אַלע פּראָדוקטן מאַכן געמיינזאַמע מאָלצייטן, אַריינגעמענדיק אין דעם אויך די שפּייז פון דער פריזאָן־קיך. יעדן טאָג פלעגט אַ קאָמיסיע פון חברים גיין אין קיך אָפּנעמען דאָס, וואָס אונדז האָט געקומט לויט דער צאָל אַרעסטירטע, און צוגעבן צו דעם אונדזערע אייגענע פּראָדוקטן. אונ־דזערע פאַמיליעס האָבן דאָס געוואוסט, פלעגן אונדזערע פרויען אין דער פרי אויך אַרבעטן לויטן פּרינציפּ פון „קאָמונע": איינע נאָך דער אַנדערער פלעגן זיי אין אַ באַשטימטן סדר צוגרייטן קאָטלעטן אָדער פּיראָגן אָדער אַנדערע מאכלים פאַר דער ג אַ נ צ ע ר ק אַ מ ע ר.

ס'איז געווען ניט קיין לייכטע אַרבעט פאַר די שוואַכע פרויען מיט קליינע קינדער אין אַ צייט, ווען פּראָדוקטן האָט מען שוין שווער גע־קאָנט קריגן. אָבער זיי האָבן בראַוו געטאָן די שווערע אַרבעט.

דער טאָג פלעגט זיין פאַרטיילט לויט אויסגעאַרבעטע פּראָגראַמען: לייען־קרייזלעך, געמיינזאַמע דיסקוסיעס, לידער זינגען אאַז"וו. ס'איז געווען מאָראַליש שרעקלעך שווער צו זיצן אין אַ צייט פון אַ רעוואָ־לוציע אין אַ טורמע פון אַ רעוואָלוציאָנערער רעגירונג. ווי מיר האָבן זיך ניט געמאַטערט צו פאַרטרייבן די צייט, איז דאָך געווען שווער: שוין צענדליקער מאָל דערציילט איינע די אַנדערע די אַלע וויצן און מעשיות, וואָס יעדער האָט געוואוסט; צענדליקער מאָל איבערגעזונגען אַלע לידער, וואָס יעדער האָט געקאָנט, און איבערדיסקוטירט אַלע פּראָ־בלעמען, וואָס האָבן אונדז אינטערעסירט.

דאַן איז אָבער געקומען אַ שרעקלעכער דונער: פאַניאַ קאַפּלאַן האָט געשאָסן אויף לענינען און אים שווער פאַרוואונדעט, און די באָל־שעוויקעס האָבן געענטפערט אויף דעם אַטענטאַט אויף לענינען מיטן „רויטן טעראָר".

צענדליקער טויזנטער לעבעדיקע משכנות זיינען דערשאָסן גע־וואָרן אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד. יעדער אָרטיקער „רעוואָלוציאָנער־מיליטערישער קאָמיטעט", יעדער לאָקאַלער קאָמיסאַר פון דער טשעקאַ האָט געלאָזט דערשיסן צענדליקער, אָפט־מאָל הונדערטער פולשטענדיק־אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן גאָר נישט געהאַט צו טאָן מיטן אַטענטאַט אויף לענינען און האָבן קיין מאָל ניט געהערט וועגן פאַניאַ קאַפּלאַן. מען האָט זיי געהאַלטן אין די טור־מעס אַלס אָרטיקע „בורזשויעס", קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן, קאַדעטן, גע־וועזענע אָפיצערן א. אַז. וו. אַ טייל פון זיי זיינען וואַרשיינלעך טאַקע געווען אַקטיווע קעגנער פון באָלשעוויזם און רעוואָלוציע, אָבער דער גרעסטער טייל זיינען געווען פשוט אָרטיקע באַלעבאַטים, אומפּאָליטי־שע מענטשן, וואָס האָבן טייער באַצאָלט פאַר דעם, וואָס זיי זיינען אַמאָל געווען הויז־באַזיצער אָדער רייכע סוחרים, אָדער אָפיצערן.

די בלוט־באָד פון „רויטן טעראָר" איז געווען אַ שרעקלעכע. באַ־זונדערס האָט אונדז אַלעמען אויפגערעגט די היסטערישע גרויזאַמקייט פון זינאָוויעוון, וואָס איז יעמאָלט געווען דער סאָוועט־פּרעזידענט פון פּעטראָגראַד. זינאָוויעוו, אַ שרעקלעכער פחדן, האָט זיך אַזוי דער־שראָקן פאַר דער מעגלעכקייט, אַז נאָך לענינען וועט מען אפשר מאַכן אַן אַטענטאַט אויף אים, אַז ער האָט געלאָזט אויסשיסן אין פּעטערבורג אין איין נאַכט 800 משכנות, כדי אין פאָראויס אָפּצושרעקן די טעראָ־ריסטן. אַפילו מאַנכע פון די באָלשעוויסטישע פירערס האָבן זינאָוויעוון צוליב דעם פאַראַכטעט און געהאַסט.

עס האָט אָבער געפעלט נאָר אַ האָר, אַז מיר, די געפאַנגענע סאָ־ציאַליסטן, זאָלן האָבן דעם זעלביקן פּסק, ווי די הונדערטער

מענטשן, וואָס זיינען דערשאָסן געוואָרן אין יענע טעג אין מאָסקווע. אָבער וועגן דעם האָבן מיר זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער.

אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט וועגן פּאַניק קאַפּלאַנס שאָס און וועגן דער פּראָקלאַמירונג פון „רויטן טעראָר", בין איך מיט אַמאָל שפּעט אין אָוונט אַרויסגערופן געוואָרן אין קאַנטאָר פון דער טורמע. צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג האָב איך דאָרטן געפונען ריאַזאַנאָוון און מיין פרוי. ריאַזאַנאָוו — אַן אַלטער סאָציאַל-דעמאָקראַט, יעמאָלט איינער פון די אָנגעזעענסטע באָלשעוויסטישע טוערס, אַ וויכטיקער מיטגליד פון די באָלשעוויסטישע געווערקשאַפטן, אַ מיטגליד פון צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט, און, דאכט זיך, אַ געוויסע צייט אויך אַ מיטגליד פון באָלשעוויסטישן צענטראַל-קאָמיטעט, האָט געהערט צו יענע „רעכטע" באָלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין „וויקזשעל" און האָבן געשטרעבט צו אַ געמיינזאַמען פּראַנט פון אַלע סאָציאַליסטן. איך פּערזענלעך איז ער געווען זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש, וואָס איז געווען גרייט צו טאָן אַ טובה אַ חבר.

מיר זיינען געווען גאַנץ נאָענט באַפריינדעט נאָך אין ווין, פאַר דער מלחמה, און אונדזער פריינטשאַפט האָט נאָך אָנגעהאַלטן אין יענעם משוגענעם יאָר 1918. בשעת איך בין געזעסן אין טורמע האָט ער מיט אַ רירנדיקער פריינטשאַפט געזאָרגט פאַר מיין פרוי און האָט מיר שפּעטער פיל געהאָלפן.

איך האָב זיך שטאַרק פאַרוואונדערט, ווען איך האָב אַזוי שפּעט אין דער נאַכט דערזען אין אָפיס פון בוטירקער טורמע ריאַזאַנאָוון מיט מיין פרוי.

„נו, איצט איז שוין אַלץ גוט", — האָט מיר מיט אַן אויפגעלייגטער מינע דערקלערט ריאַזאַנאָוו מיט זיין באַס-שטים.

„וואָס גוט? ווי אַזוי גוט?" — האָב איך געוואָלט פרעגן ביי ריאַזאַנאָוון, אָבער אויף זיין פּנים האָב איך דערזען אַ מערקווירדיקן אויסדרוק, וואָס איך האָב ניט געקאָנט פאַרשטיין. איך האָב אָבער געזען פון זיינעם אַ קרים, אַז ער מאַכט מיך אויפמערקזאַם אויף מיין פרוי, אַז איך זאָל ניט פרעגן קיין קשיות אין איר קעגנוואַרט. האָב איך ניט געפרעגט. מיר זיינען אָפּגעזעסן אַזוי אַ האַלבע שעה, גערעדט וועגן די קינדער, וועגן די אַלגעמיינע נייס און דערנאָך זיינען זיי אַוועקגעפאָרן. אַזוי איז מיר געבליבן אומפאַרשטענדלעך צוליב וואָס זיי זיינען אייגנטלעך געקומען אין אַזאַ שפּעטער שעה אין דער טורמע. ערשט ווען איך בין צוריקגעקומען אין דער קאַמער און מיר האָבן צוזאַמען מיט די חברים אַלץ איבערגערעדט, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דער ריכטיקער דערקלערונג. ריאַזאַנאָווס געהיימניספולע פאַרזיכערונג, אַז „איצט איז שוין אַלץ גוט", — האָט באַדייט, אַז איצט ווייס ער שוין גענוי אַז מען וועט אונדז ניט דערשיסן אַלס משכנות אין „רויטן טעראָר".

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. די פראַגע וועגן אונדז איז באַטראַכט געוואָרן אין צענטראַל-קאָמיטעט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. עס איז דאָרטן פאָרגעקומען אַ היציקע דעבאַטע וועגן דעם, צי זאָל מען אונדז דערשיסן אָדער ניט. טראָצקי, סטאַלין און אַ ריי אַנדערע באָלשעוויסטישע פירערס האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף מיט אונדז ניט מאַכן קיין שום באַזונדערע צערעמאָניעס, און אַז מען דאַרף אונדז אַלעמען אויסשיסן פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן. אָבער לונאַטשאַרסקי, קרופּסקאַיאַ (לענינס



יולי מאַרטאָוו

פרוי) און אַ ריי אַנדערע באָלשעוויקעס האָבן קעגן דעם שאַרף פּראָטעסטירט. און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אונדז ניט צו דערשיסן. אַזוי גיך ווי דער גוטער ריאַזאַנאָוו האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז ער געקומען צולויפן צו מיין פרוי. ער האָט איר ניט דערציילט קיין לאַנגע געשיכטעס, נאָר זי מיטגענומען אין זיין אויטאָמאָביל צו מיר אין טורמע.

דאָס מאָל זיינען מיר געראַטעוועט געוואָרן. אָבער אונדזער לאַגע איז נאָך אַלץ געווען זייער געפערלעך, וואָרים עס האָבן דאָך געקאָנט

פאַרקומען ווייטערדיקע אַטענטאַטן, און דאַן וואָלט געקאָנט קומען אַ קאַטאַסטראָפע. האָט מיין פריינט מאַרטאָוו באַשלאָסן צו אַפּעלירן צו די אויסלענדישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן מיך געקאָנט. ער האָט אָנגעשריבן אַ ספּעציעלן בריוו וועגן מיר צו פרידריך אַדלער, וואָס איז יעמאָלט געזעסן אַ פאַרמשפּטער צום טויט, אָבער אַ „באַגנאַדיקטער" אין ווינער משוגעים פּריזאָן. אַן עסטרייכישע חברטע, מיינע אַ גוטע באַקאַנטע פון ווין, האָט מאַרטאָווס בריוו איבערגעשמוגלט צו אַדלערן און האָט צוריק אַרויסגעשמוגלט דעם בריוו, וואָס אַדלער האָט אָנגעשריבן צו לענינען.

פרידריך אַדלער איז יעמאָלט געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע מענטשן אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. אויף זיין נאָמען זיינען אָנגערופן געוואָרן גאַסן כמעט אין אַלע גרויסע רוסישע שטעט; מען האָט אים אויסגעקליבן אַלס אַן ערן־מיטגליד פון סאָוועט. זיין העלדישקייט אין קאַמף קעגן קריג האָט געשאַפן אַרום זיין נאָמען אַ לעגענדע, און זיין איינפלוס איז געווען זייער שטאַרק. די באָלשעוויקעס האָבן געהאָפט צו האָבן אַדלערן אויף זייער זייט ווען עס וועט קומען די עסטרייכישע רעוואָלוציע. עס קאָן דעריבער זיין, אַז אַדלערס בריוו האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף די באָלשעוויקעס, אַז מען זאָל אונדז לאָזן לעבן.

אַ פאַקט איז יעדנפאַלס, אַז ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך שפּעטער אַנטוישט אין אַדלערן און האָבן אים אויסגעשלאָסן פון דער ערן־מיטגלידערשאַפט אין סאָוועט, האָט זיך לענין אין זיין רעדע ביטער באַקלאָגט איבער אַדלערס אינטערווענץ פאַר מיר.

„שטעלט זיך פאָר, — האָט לענין פּאַטעטיש אויסגעשריען אין זיין רעדע — ווי נייגעריק איך בין געווען, ווען מען האָט מיר איבערגעגעבן אַ בריוו פון אַדלערן, אַרויסגעשיקט פון טורמע. דער ערשטער בריוו פון אַ באַרימטן רעוואָלוציאָנער צום הויפּט פון דער ערשטער אַרבעטער־רעגירונג אין דער וועלט! איך מיינט געוויס, אַז ער האָט מיר געשריבן וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע אָדער געשיקט אונדז באַגריסונגען צו אונדזער זיג? ניין. זיין איינציקע דאגה איז געווען זיך איינצושטעלן פאַר דעם מענשעוויק אַבראַמאָוויטש"...

מען האָט סאָציאַליסטן ניט געשאָסן אין די טעג פון „רויטן טעראָר". איינציקע איינצלנע חברים זיינען יאָ אומגעקומען אין דער פּראָווינץ אין יענע שרעקלעכע טעג, אָבער דאָס זיינען געווען גיכער צופעליקע קרבנות. אין בוטירקער טורמע אין מאָסקווע זיינען די אַרעסטירטע סאָציאַליסטן יעדנפאַלס געבליבן ביים לעבן.

אָבער אויב מען האָט אונדז אַליין ניט דערשאָסן, זיינען מיר דאָך געווען געצוואונגען איבערצולעבן שרעקלעכע סצענעס, ווען מען האָט געשאָסן אַנדערע אַרעסטירטע. די טשעקאַ האָט סיסטעמאַטיש אויסגעראָטן אַלעמען, וועמען זי איז חושד געווען אין אַקטיווער קעגנערשאַפט צום באָלשעוויזם. דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבן אין אַן

ערנסטער פאָרם אין מזרח־רוסלאַנד (דער אויפשטאַנד אין קאַזיאַן) און די באָלשעוויקעס האָבן באַשלאָסן, אַז נאָר גרויזאַמער טעראָר קאָן זיי ראַטעווען.

יעדן מאָרגן פלעגט אין בוטירקי קומען דער „שוואַרצער ראָב" פון דער טשעקאַ מיט אַ קאָמיסאַר און מיט אַ צעטל פון אַרעסטירטע. יעדן מאָרגן פלעגט מען דערהערן אין די קאָרידאָרן דעם אָויסגעשריי: „ס'וועשטשאַמי וואָקאַמערו דוש" — מיט אַלע זאַכן אין דעם שאָוער־קאַמער (אַ באַד־צימער, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זאַמל־פונקט פאַר די, וואָס מען האָט געדאַרפט ברענגען אין דער טשעקאַ, אויף לוביאַנקע). די אַרעסטירטע האָבן שוין געוואוסט, וואָס דאָס באַדייט: ט ו י ט ־ ש ט ר אָ ף!

פלעגן זיך אָנהייבן שוידערלעכע, האַרצרייסנדיקע סצענעס. מאַנכע וועמענס נעמען עס זיינען געווען אויף דעם צעטל, פלעגן בלייבע און רואיקע זיך געזעגענען מיט די איבעריקע אַרעסטירטע און פלעגן אַוועק אָן געשרייען און אָן קולות. אַנדערע פלעגן שרייען און קלאָגן, ווי אָקסן, וואָס מען פירט צו דער שחיטה. אייניקע פלעגן זיך באַהאַלטן אונטער די בעטלעך, פלעגן היסטעריש שרייען און וויינען, און מען פלעגט זיי אַוועקשלעפּן מיט געוואַלט.

טאָג־איין, טאָג־אויס פלעגן פאָרקומען אָט די שרעקלעכע סצענעס, און אונדזערע נערוון האָבן פון דעם שווער געליטן. אַ געדריקטע שווע־רע שטימונג האָט געהערשט אין אונדזער קאַמער. מיר ,די אַרעסטיר־טע, האָבן שטענדיק געוואוסט, ו ו ע ר פון די פאַראורטיילטע עס איז טאַקע אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער און ווער ניט. מיר האָבן נאָך פאַר־שטאַנען ווען עס זיינען מיטאַמאָל פאַרשוואונדן פון בוטירקי די צאַרי־שע מיניסטאָרן, וואָס זיינען דאָרטן געזעסן אין אַ באַזונדערן „טורעם". אָבער מיר האָבן געזען אויך וויפיל צופעליקע אומשולדיקע מענטשן עס זיינען געוואָרן קרבנות פון אַ היסטערישן, זינלאָזן טעראָריזם.

מיר האָבן ניט געקאָנט אָננעמען דעם ציניש־באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט: „אַז מען האַקט האָלץ, פאַלן שפּענדלעך . . ." פאַר אונדז זיינען די דאָזיקע מענטשן, וועלכע מען האָט געשלעפּט צו דער שחיטה, געווען ניט קיין שפּענדלעך, נאָר לעבעדיקע באַשעפענישן, מענטשן, און מאַנכע פון זיי ערלעכע און גוטע מענטשן.

די דערשיסונגען זיינען פאָרגעקומען דאָס רוב הינטערן שטאָט. מ'פלעגט די אַרעסטירטע אַרויספירן אויף טראָקס הינטערן שטאָט, לאָזן די מאָטאָרן רוישן, כדי עס זאָלן זיך ניט הערן די שאָסן, און אויס־שיסן די פאַראורטיילטע מיט רעוואָלווערן. אַ טייל פלעגט מען דער־שיסן אין דער טשעקאַ גופא, אין אַ ספּעציעלן קעלער, וואָס איז אויס־געמויערט געוואָרן מיט בלוט־רינעס ווי אַ שעכט־הויז . . . מיר האָבן אין טורמע געוואוסט וועגן די אַלע שרעקלעכע איינצלהייטן, און מיר האָבן אויך געוואוסט די נעמען פון די צוויי לעטישע הענקער, מאַגאַ און

ריבאַ, וואָס דערשיסן די קרבנות, אויסטוענדיק זיי פריער נאַקעט, ניט צו פאַרדאַרבן די קליידער. זייער אָפט האָבן אַרעסטירטע דערקאַנט אויף די הענקער די קליידער פון זייערע פריינט.

עס זיינען, ווי עס ווייזט אויס, צוויי גאָר־גאָר פאַרשיידענע זאַכן: אַנערקענען טויט־שטראָף אין טעאָריע און צוזען קאָנקרעט, אויף לעבע־דיקע מענטשן, ווי אַזוי טויט־שטראָף ווערט פאַרווירקלעכט. אַ גוואַלטי־קע שנאה קעגן טעראָר און טויט־שטראָף איז איינגעפלאַנצט געוואָרן אין אונדזערע הערצער אין יענע שרעקלעכע וואָכן. און מיר זיינען געווען באַגייסטערט און טיף דאַנקבאַר מאַרטאָוון, ווען מיר האָבן זיך דער־וואוסט, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזן אין דער פאָרם פון אַ בראָשור אַ פיי־ערדיק־געשריבענעם פראָטעסט קעגן טויט־שטראָף („נידער מיט דער טויט־שטראָף!").

פאַר מיר פערזענלעך איז עס געווען אַ גרויסע דערלייכטערונג, ווען מען האָט מיך פון בוטירקי אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער מאָסקווער טורמע, אין טאַגאַנקע.

אין דער טאַגאַנקער טורמע האָב איך געזאָלט קומען אין אַ באַזונ־דער איינצל־קאַמער, און דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט, וואָרים איך בין מיד געוואָרן פון דער אַלגעמיינער קאַמער מיט די אייביקע דיסקו־סיעס, לידער און אונטערהאַלטונגען. איך האָב געוואָלט זיין אַליין און קאָנען רואיק אַרבעטן און לייענען.

אָבער פון מיינע אַרבעטס־פּלענער האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט. ערשטנס, האָב איך ניט באַקומען קיין איינצל־קאַמער. אַלץ איז געווען פאַרנומען און מען האָט געמוזט זיצן צו צוויי אין יעדער „אָדינאָטשקע", וואָס איז געווען געבויט פאַר איינעם. איינער איז געשלאָפן אין דער אייזערנער „קאָיקע" (בעטל), דער צווייטער — אויפן דיל, אויף אַ שטרויענעם מאַטראַץ.

מיין ערשטער שכן אין טאַגאַנקער „אָדינאָטשקע" איז געווען וויק־טאָר אַ ל ט ע ר. איך בין מיט דעם געווען העכסט צופרידן, ווייל, ער־שטנס, איז וויקטאָר געווען אַן אַלטער פריינט און אַן אינטערעסאַנטער קאָפּ, און, צווייטנס — זייער אַ קולטורעלער און דעליקאַטער מענטש, — וואָס דאָס שפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע, ווען מען איז געצוואונגען צו פאַרברענגען טאָג און נאַכט איינאיינעם אויף אַ שטח פון דריי טריט אין דער ברייט און זעקס אין דער לענג. אָבער וויקטאָרן האָט מען אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער באַפרייט; פאַר אים האָט זיך שטאַרק איינגע־שטעלט ט ש י ט ש ע ר י ן, דער פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסלענדישע ענינים, אַ גוטער פריינט פון וויקטאָרן נאָך פון דער לאָנדאָנער צייט, וואו זיי ביידע זיינען געווען עמיגראַנטן־אינטערנאַציאָנאַליסטן בשעת דעם קריג (מיט זיי איז אין לאָנדאָן אויך געווען יעמאָלט מ. ליטווינאָוו).

נאָך וויקטאָרס באַפרייאונג האָב איך באַקומען אַן אַנדער שכן — יורי ד ע נ י ק ע. דאָס איז געווען אַ רוסישער מענשעוויק, אַ יונגער פּראָפעסאָר, אויך זייער אַ געבילדעטער און אינטערעסאַנטער מענטש.

ניט וויקטאָר און ניט דעניקע האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, ניט גע־שטערט צו אַרבעטן, אָבער ווען מען האָט לעבן זיך אַן אינטערעסאַנטן און גייסטיק־באַוועגלעכן קאָמפּאַניאָן, איז ווילנדיק ניט־ווילנדיק רעדט מען מיט אים, און וואָס אינטערעסאַנטער דער קאָמפּאַניאָן איז, אַלץ מער געפינען זיך טעמעס פאַר געשפּרעכן. אַחוץ דעם, האָט ביי אונדז פיל צייט אָפּגענומען די באַלעבאַטישקייט. אין דער בוטירקי טורמע איז „ווירטשאַפטלעכע" טעטיקייט געווען אָרגאַניזירט קאָלעקטיוו, קאָ־מונאַל: יעדער האָט געהאַט איין מאָל אין וואָך זיין טאָג, ווען ער האָט געמוזט אַרבעטן: קערן די דילן, אויסברענגען מיט אַ באַזונדער סאָרט לאָמפּ די וואַנצן (דאָס איז געווען אַ וויכטיקע און ערנסטע אַרבעט!), גיין אין קיך מיט די קעסלען, וואַשן די געפעס א. אַז. וו.; דאָ, אין דער טאַגאַנקער טורמע, האָבן מיר געדאַרפט אַלץ טאָן אַליין און יעדן טאָג האָב איך געמוזט קאָכן, וואָרים אין פאַרגלייך מיט דעניקען בין איך געווען אַ גרויסער קוכער און באַלעבאָס. ס'איז געווען יעמאָלט שוין אַ היפּשער הונגער אין מאָסקווע און די אָפיציעלע קיך פון טורמע האָט אונדז ניט געקאָנט זאַט מאַכן. פלעגט מען אונדז פון דער היים ברענגען פּראָדוקטן, טיילווייז פאַרטיקע און טיילווייז רויע, און מיר פלעגן דאָס אַליין קאָכן אָדער אָנוואַרימען די שוין פאַרטיקע מאכלים.

די טאַגאַנקער טורמע איז געווען אַ נייע, זייער היגיעניש געבויט: מיט טאָילעטס, ווענטילאַציע און ד. גל.; אין קאַמער איז געווען אַ פאַר־מאַכטער טאָילעט־עמער און איבער אים — אַ ווענטילאַציע־רער, האָבן די אַרעסטאַנטן אויסגעפונען אַזאַ מין טעכניק: אויף דעם הילצערנעם קעסטל, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעשלאָסן דער עמער, פלעגט מען אוועקשטעלן אַ קליינעם בלעכענעם אויוועלע און דעם רויך פלעגט מען אַרויספירן דורך דער ווענטילאַציע־רער מיט דער הילף פון אַ קורצער, בלעכענער רער.

פאַר עטלעכע רובל פלעגן די אַרעסטאַנטן (קרימינעלע), וואָס האָבן געאַרבעט אין די מאַסטערסקאַיעס פון טורמע, פאַרקויפן שוין פאַרטיקע אויוועלעך. געהייצט האָט מען מיט שפּענדלעך האָלץ, וואָס די אַרעס־טאַנטן פלעגן אָנקלייבן אין די מאַסטערסקאַיעס.

אַזוי האָט מען געטאָן אויך אין אונדזער קאַמער. און יעדן טאָג פלעגן מיר זיך אַוועקזעצן לעבן אויוועלע און אַראַנזשירן אַ ריכטיקן וואַרימען מאָלצייט: בראָטן קאַרטאָפל, קאָכן אָדער אויפוואַרימען באַרשטש, אַמאָל בראָטן אַ סטעיק. דער קוכער בין איך געווען, און אַלטער אָדער דעניקע פלעגן זיצן און צוקוקן זיך מיט באַגייסטערונג (ווייל הונגעריק איז מען געווען כמעט שטענדיק) צו דער פּראָצעדור פון קאָכן.

אין די אָוונטן פלעגט אונדזער לאַנגער טורמע־קאָרידאָר אָננעמען אַ פאַנטאַסטישן כאַראַקטער. די ליכט פלעגט מען ניט אָנצינדן, נאָר אין יעדער קאַמער האָט לוסטיק געפלאַקערט אין אויוועלע אַ פייערל און אַרום פייער זיינען געזעסן מענטשן און געגעסן.

געווען קעגן אַלע געזעצן פון זיכערקייט, וואָרים די ווענטילאַציע־רערן זיינען געווען הילצערנע און זיי האָבן זיך זייער לייכט געקאָנט אָנצינדן און פאַראורזאַכן אַ גרויסע שריפה. די דירעקציע פון טורמע האָט פון צייט צו צייט אַרויסגעגעבן שטרענגע באַפעלן קעגן די אויוועלעך, און אַ פּאָר מאָל איז מען געקומען און קאָנפיסקירט די אויוועלעך. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום פלעגן זיי זיך ווידער באַווייזן: דער הונגער איז געווען שטאַרקער ווי די שרעק.

אַחוץ דעם איז די שרעק ניט געווען אַזוי גרויס אין טאַגאַנקע ווי אין בוטירקי. דאָרטן, אין דער בוטירקי, איז געווען אַ שטרענגע דירעקציע מיט בייזע וועכטער. אין די טעג פון „רויטן טעראָר“ האָט מען די אַרעסטאַנטן פאַרבאָטן צוצוגיין צו די פענצטער, און ווען מען פלעגט ניט פאָלגן, פלעגן די סאָלדאַטן שיסן אין די פענצטער. איין מאָל האָט מען שיער ניט דערשאָסן איינעם פון די אַרעסטירטע. און ווען מיר האָבן געמאַכט אַ סקאַנדאַל און געבייזערט זיך אויף דעם אַלטן שליסער, וואָס איז געווען אויפן הויף מיט אונדז, האָט אונדז דער אַלטער אַ זאָג געטאָן מיט אַ בייזן שמייכל: „וואָס דערמאָנט איר מיך אַלץ די אַלטע צאַרישע צייטן? איר זאָגט, אַז אַפילו אין דער צאַרישער צייט איז אַזוינס ניט געווען. יאָ, איך ווייס, אין די אַלטע צייטן פלעגן מיר אין די פענצטער ניט שיסן. אָבער איצט זיינען ניט די אַלטע צייטן! מען וועט אייך שוין באַווייזן אַזוינס, וואָס איר האָט אין די צאַרישע צייטן ניט געזען!“

איך האָב זיך שפּעטער ניט איין מאָל דערמאָנט וועגן דעם אַלטן בוטירקער טורמע־וועכטער מיט זיין פינצטערער נבואה. אָבער אין טאַגאַנקע איז די טורמע געווען אַן אַנדערע. דאָרטן זיינען געזעסן זייער פיל „ספּעקולאַנטן“ און „בורזשויעס“ — סוחרים, פאַבריקאַנטן, אינזשע־נערן א. אַז. וו.; איינער פון די אינזשענערן, טאָקע גאָר אַ רעכטער, איז געזעסן הערפּאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אָננעמען זייער אַ הויכע רעגירונגס־שטעלע, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אים אָנגעבאָטן (שפּע־טער האָט ער דאָס אָנגענומען און איז געוואָרן אַ וויכטיקע פּערזענלעכ־קייט). אַ צווייטן, דווקא אַ אידישן פאַבריקאַנט, וואָס האָט געהאַט אין מאָסקווע אַ גרויסע פאַבריק פון גאָלד־פּאַפּיר, האָט מען באַשולדיקט אין איסבאַהאַלטן גאָלד פון דער רעגירונגס־קאָנפיסקאַציע, און אַז. וו. אָט די רייכע מענטשן האָבן קאָרומפּירט די גאַנצע דירעקציע: די באַ־אַמטע פלעגן נעמען כּאַבאַר און טאָן די אַרעסטירטע כלערליי געפע־ליקייטן: דורכלאָזן זאַכן און בריוו אַהין און צוריק, רופן אין קאַנטאָר צום טעלעפאָן, דערלאָזן זעאונגען מיט דער פאַמיליע ניט הינטער דראָ־טענע נעצן אאַז״וו.; צוליב דער אַלגעמיינער אָפּשוואַכונג פון טורמע־דיסציפּלין פאַר די גבירים, האָבן אויך מיר, קבצנים, באַקומען געוויסע פּריווילעגיעס. אַחוץ דעם זיינען מיר דאָך עפּעס געווען פּאָליטיקער, מענטשן מיט באַוואוסטע נעמען. אייניקע פון אונדז האָט מען באַפריים — ווער ווייסט זיי, די סאָציאַליסטן, אפשר וועלן זיי גאָר ווידער ווערן יחסנים ביי דער רעגירונג.

האָט מען אונדז ניט געטשעפּעט. די טירן פון אונדזערע קאַמערן זיינען בייטאָג ניט געווען פאַרשלאָסן. פלעגט מען קאָנען גיין צו די אַנדערע צוגאַסט. אַ טייל האָט געאַרבעט אין גאָרטן פון דער טורמע, און דורך זיי פלעגן מיר באַקומען קרויט פאַר אונדזער באָרשטש, אוגערקעס א. אַז. וו.; ס'איז געווען אַ ביבליאָטעק, וואָס אין איר האָבן געאַרבעט אונדזערע חברים.

מיט די ביכער אין דער ביבליאָטעק איז איין מאָל פאָרגעקומען אַ קוריאָזער פאַל, מיר דוכט זיך אָבער, אַז דאָס איז נאָך געווען אין בוטירקי.

דער עולם אין דער טורמע האָט געלייענט אַוואַנטורע־ראָמאַנען: דאָס איז טאַקע אַ שטאָף, וואָס פּאַסט זייער גוט פאַר אַן אומרואיקער, אויפגערעגטער אַטמאָספערע. קיין דעטעקטיוו־ראָמאַנען האָבן מיר אַפילו ניט געהאַט. אָבער די עלטערע חברים האָבן נאָך געדענקט פון די יאָרן פון זייער יוגנט די ראָמאַנען פון דעם שוין איצט פאַרגעסענעם פראַנצויזישן שרייבער פּאָנסאָן די טעראַי, וואו עס האָט פיגורירט דער העלד ראָקאַמבאָל, אַ מין אַמאָליקער „סופּערמען". אַ קויל פלעגט אים ניט נעמען, אין וואַסער פלעגט ער ניט אונטערגיין, אין פייער פלעגט ער ניט ברענען, און אַ שטיקל רעוואָלוציאָנער איז ער אויך געווען. עס זיינען אויף רוסיש דערשינען 18 בענד פון ראָקאַמבאָלס טרעפעניש; און אין 18־טן באַנד איז געווען אַן אָנזאָג, אַז ראָקאַמבאָל לעבט נאָך אַלץ.

אָט די 18 בענד האָט מען געלייענט ביי אונדז אין קאַמער מיט אַ שטרענגן אָטשערעד (סדר), און יעדער האָט געמוזט געדולדיק (אָדער אומגעדולדיק) וואַרטן אויף זיין נעקסטן באַנד. מיט אַמאָל הייבט זיך אָן אין דער ביבליאָטעק אַ גרויסע אויפרעגונג: פאַרשוואונדן געוואָרן אַלע 18 בענד פון ראָקאַמבאָלן! עטלעכע טעג האָט מען ניט געקאָנט דערגיין, וואָס אַזוינס עס האָט פּאַסירט. דאַן האָט מען אָבער אויסגעפונען די געהיימנים פון דעם פאַרשוואונדענעם ראָקאַמבאָל: מען האָט די גאַנצע 18 בענד אַוועקגעשיקט צו לענינען! ער איז יעמאָלט געלעגן אַ קראַנקער נאָך דעם אַטענטאַט פון פאַניאַ קאַפּלאַן, און אים האָט זיך פאַרגלוסט צו לייענען ראַקאָמבאָלן.

אין טאַגאַנקע האָבן מיר שוין אַליין ניט איבערגעלעבט די טראַגישע טעג פון די שיסונגען. אָבער דער אָנדענק וועגן די דאָזיקע טעג איז נאָך געווען גאָר פריש.

אין דער קאַמער, וואו איך בין געזעסן, איז אויף דער וואַנט געווען אויסגעמאָלט, און טאַקע זייער שיין און פאַכמעניש, אַ גרויסע קאַרטע פון פראַנצויזיש־דייטשן פראָנט. דאָס איז געווען די אַרבעט פון אַ שטאַבאָפיצער, וואָס איז געזעסן אין דער קאַמער, און וואָס איז דערשאָסן געוואָרן גראָד פאַר אונדזער אָנקומען קיין טאַגאַנקע. יעדעס מאָל, ווען דאָס אויג איז געפאַלן אויף דער קאַרטע, איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן דעם אומגליקלעכן צייכענער.

ס'זיינען געווען נאָך אַנדערע דערשאָסענע, וואָס זיינען פריער געזעסן אין טאַגאַנקע און וועמען איך האָב פּערזענלעך געקאַנט. איינער פון זיי איז געווען דער אידישער אַדוואָקאַט פון פּעטערבורג, ווילענקין.

ווילענקינען האָבן מיר אַלע געקאַנט פון פּעטערבורגער סאָוועט, וואו ער איז געווען אַ דעלעגאַט פון עפּעס אַ גוואַרדיע-פּאָלק. זיין נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פון פריער, פון יאָר 1905. ער איז יעמאָלט געווען דער פּאַרזיצער פון דער פּעטערבורגער סטודענטן-גרופּע פון די „קאַדעטן" (ליבעראַלע דעמאָקראַטן, די פּאַרטיי פון מיליוקאָוו און ווינאַווער). דאָס איז אין יענע יאָרן געווען אַ זעלטנקייט, אַ יונגער סטודענטל זאָל זיין ניט קיין סאָציאַליסט, ניט קיין רעוואָלוציאָנער, אַפילו ניט קיין „פאָלקס-סאָציאַליסט" נאָר אַ מעסיקער ליבעראַל.

ווען איך האָב אים באַגעגנט אין פּעטערבורג נאָך דער רעוואָלוציע, אויף אַ זיצונג פון סאָוועט, האָב איך דערזעען אַן עלעגאַנטן גוואַרדיע-אָפיצער, אין אַ גלענצנדיקער יוניפאָרם, מיט רויטע הוסאַרן-הויזן, אַ כוואַטסקן, בראָווּן, מיט פיר „געאָרגיעווסקע" צלמים אויפן ברוסט און — מיט אַ כאַראַקטעריסטישן אידישן פּנים, וואָס האָט אין מיין פאָרשטעלונג גאָר ניט געפּאַסט צו די רויטע הויזן, צו דער כוואַטסקער פיגור און ספּעציעל צו די פיר צלמים. קריגן אַ געאָרגיעווסקי קרעסט איז געווען אין אַלטן רוסלאַנד פאַר אַ סאָלדאַט גאָר אַ שווערער ענין. מען האָט געדאַרפט אַרויסווייזן גאָר אַן אומגעוויינטלעכע העלדישקייט אויפן פראָנט, כדי צו דערשלאָגן זיך צו אַזאַ מין כבוד. און אידן „געאָרגיעווסקע קאַוואַלערן" (אַזוי האָט מען זיי אָפיציעל גערופן) זיינען געווען אין אַלטן רוסלאַנד גאָר אַ גרויסע זעלטנקייט. די אידן האָבן מיט זיי שטאָלצירט אַלס אַ באַווייז פון אידישער גבורה, און זייערע בילדער פלעגט מען דרוקן אין די אידישע בלעטער אין דער צייט פון יענעם קריג. נו, און דאָ זע איך אַ אידן מיט גאַנצע פיר ווייסע צלמים! בין איך נייגעריק צו דערגיין, ווער איז דאָס. זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז „יענער" ווילענקין, איצט אַן אַדוואָקאַט און טאַקע ביז גאָר אַ העלדישער סאָלדאַט אויפן פראָנט, וואָס מען האָט געמוזט מאַכן פאַר אַן אָפיצער, הגם אידן פלעגט מען יעמאָלט ניט מאַכן פאַר אָפיצערן.

איך האָב זיך שפּעטער פּערזענלעך מיט אים באַקאַנט און האָב געזען, אַז ער איז אַ קולטורעלער און סימפּאַטישער מענטש.

ווען איך בין געבראַכט געוואָרן קיין טאַגאַנקע, האָבן מיר די דאָרטיקע חברים דערציילט די טראַגישע געשיכטע פון ווילענקינען. מען האָט אים אַרעסטירט אָן שום באַווייזן. פּשוט, ווי אַ „קאַדעט" און אָפיצער.

ווער עס האָט זיך אויסגעדוכט צו זיין פאַרדעכטיקט, יענעם האָט מען דערשאָסן. וועגן ווילענקינען האָט מען פאַרשטאַנען, אַז ער, דער „קאַדעט", איז זיכער קעגן די באָלשעוויקעס. אָבער דער שעף פון דער טשעקאַ, פעליקס ד ז ש ע ר ז ש י נ ס ק י, האָט אים פּערזענלעך געקאַנט,

טאַקע פון פעטערבורגער סאָוועט, און ווי עס ווייזט אויס, האָט ער גע־האַט אַ געוויסע סימפּאַטיע צו דעם מוטיקן מענטשן מיט זיינע פיר „געאַרגיעס”. יעדנפאַלס, האָט מען ווילענקינען עטלעכע מאָל אַוועק־געפירט פון טורמע מיטן „שוואַרצן ראַב” און אַלע זיינען געווען זיכער, אַז מען וועט אים דערשיסן, אָבער יעדעס מאָל פלעגט מען אים ברענגען צוריק אַ לעבעדיקן. אין דער טשעקאַ פלעגט דזשערזשינסקי מיט אים לאַנג דיסקוטירן, און פלעגט אים אָפּשיקן צוריק.

האָבן זיך אָבער ווילענקינס פריינט איבערגעשראָקן, אַז אפשר וועט מען אים דאָך דערשיסן, און זיי האָבן באַשלאָסן אים צו ראַטעווען. איין מאָל איז אין דער טורמע געקומען אַ קאָמיסאַר פון דער טשעקאַ מיט אַ שריפטלעכן באַפעל, אַז מען זאָל ווילענקינען איבערגעבן אין זיינע הענט. דעם דירעקטאָר פון דער טורמע איז דאָס אויסגעקומען פאַרדעכטיק. האָט ער אָנטעלעפאָנירט אין דער טשעקאַ, און עס האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז קיין שום „קאָמיסאַר” איז ניט געשיקט געוואָרן און אַז דער שריפטלעכער באַפעל איז געווען אַ פאַלשער.

און יעמאָלט האָט דזשערזשינסקי געלאָזט דערשיסן דעם אָרימען ווילענקינען.

3

די דייטשע רעוואָלוציע

אין די סעפּטעמבער־אָקטאָבער־טעג 1918 איז אונדזער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט געווען שטאַרקער פאַר אַלץ פאַרטאָן אין דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אויפן פראָנט אין פראַנקרייך. מיר האָבן אַלע גע־וואוסט, אַז אונדזער גאַנצע רעוואָלוציע הענגט אָפּ פון דעם, וואָס עס וועט פאַסירן אויף דעם פראָנט פון וועלט־קריג, וואָס איז יעמאָלט אַריין אין דער אַנטשיידנדיקער סטאַדיע. מיר האָבן געוואוסט, אַז די עקזיס־טענץ פון דער סאָוועטן־מאַכט האַלט זיך אויף אַ האָר און געפינט זיך נאָך דעם פרידן פון ברעסט־ליטאָווסק אין גאַנצן אין די הענט פון דייטש־לאַנד. ס'זיינען נאָך פאַר מיין אַרעסט (אין יולי) געגאַנגען גלויבווירדיקע קלאַנגען, אַז די דייטשן גרייטן צו עטלעכע דיוויזיעס, וואָס וועלן אין גיכן אָקופּירן סאָוועט־רוסלאַנד און ליקווידירן די גאַנצע רעוואָלוציע. עס פאַר־שטייט זיך, אַז קיין שום ערנסטן ווידערשטאַנד וואָלטן די דייטשע דיווי־זיעס יעמאָלט ניט באַגעגנט: דער גאַנצער שלום פון בריסק איז דאָך געקומען פון דעם, וואָס לענין האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך צו שטעלן אַ מיליטערישן ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן.

ווי מען ווייסט איצט, איז דער קלאַנג וועגן די דייטשע דיוויזיעס טאַקע געווען אַ ריכטיקער. אָבער די דייטשן האָבן ניט באַוויזן דורכצו־פירן זייער פּלאַן: אין אויגוסט האָט זיך אָנגעפאַנגען די געוואַלטיקע אָפענסיווע פון די עלאַיס אין פראַנקרייך, און די דייטשן האָבן געדאַרפט האָבן אַלע זייערע דיוויזיעס פאַר אַנדערע צוועקן, ווי גיין איינצונעמען

רוסלאַנד. אָבער אויב דייטשלאַנד זיגט אין פראַנקרייך, דאַן וואָלט אויך רוסלאַנד געווען פאַרלאָרן, ניט נאָר פראַנקרייך און ענגלאַנד.

דעריבער קאָן מען זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ ליידנשאַפט־לעכן אינטערעס מיר פלעגן זיך יעדן טאָג פאַרזאַמלען אין מיין קאַמער, פאַר דער גרויסער מאַפּע און פלעגן אָנצייכענען, לויט די טעלעגראַמעס פון דער פּרעסע, די נייע ליניעס פון די פראָנטן.

צווישן די אַרעסטירטע אין טאַגאַנקע זיינען יעמאָלט געזעסן צוויי חברים, וואָס האָבן געהאַט ספּעציעלע מיליטערישע קענטענישן. איינער פון זיי איז געווען געאָרגי קוטשין, אַן אַלטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ מיליטערישער פאַמיליע (זיין פאָטער איז געווען אַ גענעראַל), ער אַליין איז אין דער יוגנט געווען אַן אָפיצער, און נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געוואָרן איינער פון די פּאָליטישע קאָמיסאַרן אויפן ריגער פראָנט. אַ צווייטער „מיליטערישער פאַכמאַן" איז געווען אַלעקסאַנדער טראַיאַנאַווסקי, אין זיין יוגנט אַ פּראָפעסיאָנעלער אָפיצער און דערנאָך אַ רעוואָלוציאָנער.

קוטשין און טראַיאַנאַווסקי פלעגן פאַכמעניש אויסטייטשן די לאַגע אויפן פראָנט און עס פלעגן זיך פירן לאַנגע דיסקוסיעס. אָבער די לאַגע איז באַלד געוואָרן קלאָר אָן שום דיסקוסיעס. דייטשלאַנדס מפּלה איז געוואָרן אַלץ קלאָרער און דייטלעכער. דער פראָנט האָט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער געקייקלט צו מזרח צו, אין דער ריכטונג צו דייטשלאַנד. און אַלץ קלאָרער איז געוואָרן פאַר אונדז, אַז איצט קומט די צייט פון דער דייטשער רעוואָלוציע.

אויף די שלאַכטפעלדער פון פראַנקרייך האָבן זיך אָפּגעשפּילט די געוואַלטיקע קאַמפן צווישן די דייטשן און די עלאַיס, וואָס האָבן אין אויגוסט און סעפּטעמבער 1918 צעבראָכן די מאַכט פון דער דייטשער קריגסמאַשין. אין רוסלאַנד גופא האָט זיך אַלץ שאַרפער און שאַרפער צעבושעוועט דער בירגער־קריג. און מיר, עטלעכע צענדליק סאָציאַליסטישע פירערס, זיינען געזעסן אין טאַגאַנקע און בוטירקי און האָבן אַלץ געוואַרט מען זאָל אונדז משפּטן פאַר דער „באַוואָפנטער פאַרשווערונג" פון 21־טן יולי.

די סאָוועט־רעגירונג פון לענין־טראָצקי איז ממש אויסגעגאַנגען פון מאַנגל אין מענטשן, אָבער הונדערטער טויזנטער סאָציאַליסטן איבערן גאַנצן לאַנד האָט מען ניט דערלאָזן צו קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכער מלוכהשער טעטיקייט, פאַרטריבן פון די סאָוועטן און שטאָט־פאַרוואַלטונגען, פון יוניאָנס און אוניווערסיטעטן, ווייל מען האָט מיט קיינעם ניט געוואָלט טיילן די מאַכט, ווייל מ'האָט זיי געוואָלט אַלס געהאָרכזאַמע באַאַמטע, ניט אַלס גלייכבאַרעכטיקטע שותּפים אין אַ געמיינזאַמער רעגירונג מיט אַ געמיינזאַמען פּראָגראַם.

שווער איז געווען צו זיצן אָן אַ שטאָך אַרבעט, פאַרשפּאַרט אין אַ טורמע אין אַזאַ שטורעמדיקער צייט. אָבער מיר, די אַרעסטירטע פון דער „אַרבעטער־קאָנפערענץ", האָבן ניט אויפגעהערט צו פאָדערן, אַז

אָדער מען זאָל אונדז אַרויסלאָזן, אָדער מען זאָל קעגן אונדז פאָרמולירן אַ באַשטימטע באַשולדיקונג און אונדז איבערגעבן צו אַן עפנטלעכן משפט. אונדזער פאָדערונג איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון מאַסן אַרבעטער אין יענע פאַבריקן און אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געשיקט זייערע דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ. אין אייניקע ופן די פאַבריקן זיינען אַפילו פאָרגעקומען פראָטעסט-סטרייקן קעגן אונדזער אַרעסט.

ענדלעך האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז דער באַשולדיקונגס-אַקט איז שוין פאַרטיק און אַז מען וועט אונדז נעמען אויף אַ פאַרהער. אייניקע חברים האָט מען טאַקע אַרויסגערופן צום „פראָקוראָר” (אַטוירני דזשענעראַל). דער דאָזיקער פראָקוראָר איז געווען ניקאָלאַי ק ר י ל ע נ ק אָ, אונדזער אַלעמענס אַן אַלטער באַקאַנטער, אַן אַמאָליקער פעטערבורגער סטודענט, אַ באַלשעוויק, וואָס איז אין 1917 געווען אין מיליטערדינסט ווי אַ „פראַפאָרשטשיק” (דער נידעריקסטער אָפיצער-ראַנג, אַן אונטערליוטענאַנט אָדער „ענסאַין” אין אַמעריקע). אין נאָוועמבער 1917 איז ער באַשטימט געוואָרן פון לענינען אַלס ה ו י פ ט - ק אָ מ אַ נ ד י ר פון דער גאַנצער רוסישער אַרמיי. איצט, אין האַרבסט 1918, איז די מיליטערישע קאַריערע פון קרילענקאָ שוין געווען פאַרענדיקט. די קאָמאַנדע פון דער רוסישער אַרמיי איז געלעגן אין די הענט פון טראָצקין, און קרילענקאָ האָט באַקומען אין זיין רשות די יוסטיץ פון דער רוסישער מלוכה. אויך זיין פרוי איז געווען אַ מין אונטער-סעקרעטאַר (וויצע-מיניסטער) פאַר יוסטיץ (אַסיסטענט אַטוירני דזשענעראַל). אָט צו דעם פאָר-פאָלק קרילענקאָ זיינען דאָס איבערגעגעבן געוואָרן דער שיקזאַל פון אונדזערע אָנגעקלאָגטע קאָנפערענץ-מיטגלידער.

איז דאָ אָבער געווען זייער אַ דעליקאַטער פונקט: קרילענקאָס פרוי, מרס. ראָזמיראָוויטש, אַן אַלטע באַלשעוויטשקע, איז געווען די ערשטע פרוי פון אַלעקסאַנדער טראָיאַנאָווסקי. וואָס איז געווען איינער פון די אָנגעקלאָגטע אין אונדזער פראָצעס. פאַר איר און פאַר קרילענקאָן איז געווען זייער פריקרע צו משפטן טראָיאַנאָווסקין, דעם געוועזענעם מאַן און פריינט. פון דער אַנדער זייט איז יעמאָלט נאָך בכלל געווען אַזאַ נאַאיווע צייט, אַז קרילענקאָ און ראָזמיראָוויטש האָבן זיך געשעמט צו שפילן די קאָמעדיע פון אַ פאַלשן משפט מיט אַלטע חברים און פריינט, שוין ניט גערעדט וועגן טראָיאַנאָווסקין. איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ראָזמיראָוויטש האָט געמאַכט אַ פאַרהער מיט יענע אָנגעקלאָגטע, וועלכע זי האָט פון פריער פערזענלעך ניט געקאָנט. און די אַלטע באַקאַנטע, צווישן זיי מיך, האָט מען בכלל צו קיין שום פאַרהער ניט גערופן. האָבן מיר אָרגאַניזירט אין טורמע אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אָנגעקלאָגטע, האָבן אָנגענומען די נייטיקע באַשלוסן און האָבן דערלאַנגט אַ קאָלעקטיוון פראָטעסט צו דער רעגירונג.

דאַן האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצונעמען אויך די איבעריקע אָנגעקלאָגטע צו די פאַרהערן. אויך מיך האָט מען גענומען. איך האָב געוואַרט אויף דעם טאָג מיט גרויס אומגעדולד. איך האָב געוואָלט כאָטש איין

מאָל האָבן די געלעגנהייט צו זאָגן אַ פּראָמינענטן פאַרטרעטער פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג אַלץ, וואָס איך דענק וועגן דער געשאַפע־נער לאַגע. אָבער ווען מען האָט מיך געבראַכט אין דעם הויז פון קרי־לענקאָ, האָט אויף מיר געוואַרט אַ גרויסע אַנטוישונג: עס איז קיין שום געשפּרעך ניט פאָרגעקומען. קרילענקאָ האָב איך געזען נאָר פון דער ווייטן. זיין פרוי איז בכלל ניט אַרויס צו מיר. און דעם פאַרהער האָט געמאַכט אַ יונגער באַאַמטער, וואָס האָט געהאַט ביי זיך עפּעס אַ גע־שריבענעם צעטעלע, אין וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט אַריינגעקוקט.

דאָס הויז איז געווען אַ פּראַכטפולע ווילע פון אַן אַמאָליקן מיליאָנער, געבויט מיט גרויס לוקסוס. אונטן, וואו די „אַרעסטאַנטן" האָבן געמוזט וואַרטן אויף די „דאָפּראָסן", איז געווען אַ גרויסע, מיט פיל לוקסוס איינגעאָרדנטע קיך, און דאָרטן האָבן געאַרבעט אַ קעכין מיט אַ פּאָר דינער; אויבן זיינען געווען די אָפיסעס און די פּריוואַטע צימערן פון די קרילענקאָס. זיצנדיק אונטן, לעבן קיך, האָב איך געהערט, ווי די באַ־דינער פון די קרילענקאָס האָבן זיך באַראַטן וועגן מיטאָג, וואָס מען קאָכט פאַר די „באַרינעס", און עפּעס האָט זיך גאָר ניט געמערקט אין דעם קיין שפּור פון דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע". אויף אַ מינוט האָט זיך אונטן באַוויזן קרילענקאָ אַליין, און די קעכין האָט זיך אויך מיט אים באַראָטן וועגן עפּעס אַ מאכל, ווי אַזוי מען דאַרף דאָס צוגרייטן.

ער האָט מיך ניט געזען, אָבער איך האָב אים גוט געזען און געהערט דאָס געשפּרעך. און דאַן איז געקומען דער יונגער סעקרעטאַר און האָט מיך גענומען צום פאַרהער. דאָס איז געווען אַ ריין־פאָרמעלער „פאַר־הער", וואָס האָט ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם עצם ענין פון דער דראַ־מאַטישער באַשולדיקונג קעגן אונדז. בין איך זייער בייז געוואָרן און אָנגעשריבן אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן דער גאַנצער פאַלשקייט פון דער „דיעלאָ" און האָב פאַרלאַנגט, אַז מיין שריפטלעכער פּראָטעסט זאָל צו־געגעבן ווערן צו דעם אָפיציעלן באַשולדיקונג מאַטעריאַל.

געקומען צוריק אין טורמע מיט דער זעלביקער אומבאַשטימטקייט, ווי פריער. נאָר איין זאַך איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר: אַז די באָלשע־וויקעס וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין שום נידערטרעכטיקייט, אויב עס וועט קומען צום פּראָצעס. נו, וועלן מיר אויפן פּראָצעס דורכפירן אַ פּאָליטישן קאַמף, און אַזוי גרינג וועלן זיי אונדז ניט בייקומען.

אָט מיט דעם געפיל בין איך אָפּגעזעסן נאָך עטלעכע וואָכן. און יעדן טאָג פלעגן מיר זיך פאַרזאַמלען אין מיין קאַמער, פאַר דער גרויסער קאַרטע פון פראַנקרייך, און גענוי אָנצייכענען די פונקטן און שטעט, וואו עס האָבן זיך געפירט די שלאַכטן אויפן מערב־פראָנט.

דער מערב־פראָנט אין פראַנקרייך האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין יענער „שטיל־שטייענדיקער" פראָנט, וואו עס איז קיין מאָל ניט גע־ווען „קיין שום נייעס". פאַרקערט: יעדן טאָג זיינען געווען נייעס, און נייע פריילעכע. דער דייטשער פראָנט איז אָפּגעטראָטן אַלץ מער און מער

צו מזרח-צו. די דייטשע אַרמיי האָט זיך געקייקלט פון פראַנקרייך און בעלגיע צוריק קיין דייטשלאַנד.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אַפילו בלויז מיט נאָך איין יאָר צוריק, וואָלטן מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן און צימערוואַלדיסטן, גאָר ניט געקליבן אַזוי פיל נחת פון דער דייטשער נידערלאַגע אין פראַנקרייך: מיר האָבן דאָך געשטרעבט דערצו, אַז דער קריג זאָל זיך ענדיקן אָן זיגער און אָן באַזיגטע, אַז עס זאָלן ניט זיין ניט קיין מפּלות און ניט קיין נצחונות פאַר קיינעם ניט. אָבער נאָך דעם פרידן פון ברעסט-ליטאָווסק, נאָך דער ברוטאַלער אונטערדריקונג פון די אָקופּירטע געביטן און נאָך די צוגרייטונגען פון די דייטשן צו אָקופּירן גאַנץ רוסלאַנד, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן ערב דער דייטשער מפּלה אין פראַנקרייך, האָט זיך אונדזער געפיל געביטן. איצט האָבן מיר זיך געפרייט, ווען ווילהעלם-דייטשלאַנד לאַנד איז באַזיגט געוואָרן.

און באַזונדערס גרויס איז געווען אונדזער שמחה, גאָר אַ געוואַלטיקער ענטוזיאַזם איז ביי אונדז אַלעמען אויפגעקומען, ווען, אונטער דער ווירקונג פון דער מיליטערישער מפּלה, איז אויסגעבראָכן די דייטשע רעוואָלוציע פון 9-טן נאָוועמבער 1918.

מען קאָן זיך גאָר ניט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ יום-טוב עס איז געווען אין מאָסקווע, און ספּעציעל אין אונדזער טורמע, ווען ס'איז אָנגעקומען די נאַכריכט וועגן דער דייטשער רעוואָלוציע. זי וועט ראַטעווען די וועלט און וועט ראַטעווען אויך אונדזער רוסישע רעוואָלוציע, וואָס איז פאַרקראָכן אין דעם טעמפּן ווינקל פון באָלשעוויזם. די דייטשע רעוואָלוציע וועט אָנטשיידן אַלע יענע פּראָבלעמען, וואָס רוסלאַנד אַליין קאָן ניט לייזן. אין דייטשלאַנד איז דאָך פאַראַן אַן אַלטע, מעכטיקע אַרבעטער-באַוועגונג, אַ געוואַלטיקע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אמת, אַ געשפּאָלטענע, אָבער דאָך מיט דער מעגלעכקייט פון אַ ווידער-פאַראייניקונג.

מיט פיבערהאַפטער אויפמערקזאַמקייט האָבן מיר געלייענט אין די צייטונגען די אומקלאָרע ידיעות, וואָס זיינען אין די ערשטע טעג געקומען פון דייטשלאַנד. מיר האָבן געזען די נעמען פון שיידעמאַן, עבערט, מיר האָבן געזוכט די נעמען פון קאַוטסקי, בערנשטיין, הוגאָ האַאַזע, הילפערדינג, און האָבן זיי דערוויל ניט געפונען. דערפאַר אָבער האָבן מיר אין די טעלעגראַמעס פון עסטרייך געפונען די ליבע נעמען פון וויקטאָר אַדלער, באַוער, פרידריך אַדלער. פרידריך אַדלער איז באַפרייט געוואָרן פון דער טורמע, זיין פאָטער איז געוואָרן מיניסטער פון אויסלענדישע ענינים. וואונדערבאַרע נייעס זיינען געקומען אויך פון אונגאַרן. דאָס אַלטע אייראָפּע איז צוזאַמענגעבראָכן, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע בלאַט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

אין די אַלע אייראָפּעאישע רעוואָלוציעס האָט זיך געפילט דער איינפלוס פון דער רוסישער רעוואָלוציע: אומעטום האָבן זיך געגרינדעט „ראַטן", סאָוועטן, לויטן רוסישן שטייגער, פון אַרבעטער און סאָל-

דאַטן-רעפּרעזענטאַנטן. אומעטום האָבן זיך געגרינדעט סאָציאַליסטישע רעגירונגען, אָפט מאָל טאַקע אונטער דעם נאָמען „פאָלקס-קאָמיסאַרן" (אין דייטשלאַנד — פ אָ ל ק ס - ב אַ פ ו ל מ ע כ ט י ק ט ע). אין בערלין האָט דער רוסישער אַמבאַסאַדאָר אַדאָלף יאָפע, וואָס איז אַהין געקומען אויפן גרונט פון ברעסט-ליטאָווסקער פרידן, געגעבן געלט און געווער די דייטשע לינקע סאָציאַליסטן נאָך פאַר דער רעוואָלוציע און איז גלייך אַריין אין אָפיציעלער פאַרבינדונג מיט דער נייער רעגירונג, אַנבאַטנדיק איר די גאַנצע הילף פון סאָוועט-רוסלאַנד.

אָבער ניט נאָר מיר, געפאַנגענע סאָציאַליסטן אין טאַגאַנקע און בוטירקי, האָבן טריאומפירט צוליב דער דייטש-עסטרייכישער רעוואָלוציע. אויך אונדזער פּאַרטיי אין לאַנד, מיט וועלכער מיר זיינען געשטאַנען די גאַנצע צייט אין אינטימער פאַרבינדונג, האָט אונדז גלייך געלאָזט וויסן, אַז זיי האַלטן, אַז איצט הייבט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין דער אייראָפּעאישער געשיכטע און אויך אין רוסלאַנד. מען האָט מיר צוגעשיקט אַ פּראָיעקט פון אַ רעזאָלוציע, וואָס אונדזער צענטראַל-קאָמיטעט וויל אָננעמען וועגן דער ניי-געשאַפענער לאַגע.

דער דאָזיקער באַשלוס האָט פלאַמענדיק באַגריסט די דייטשע רעוואָלוציע, האָט אַרויסגעזאָגט די האָפענונג, אַז דאָס וועט ווערן דער אָנהייב פון אַ סאָציאַליסטישן איבערבוי פון גאַנץ אייראָפּע, האָט פאַרלאַנגט אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט און סאָלידאַריטעט צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד, די צוויי גרויסע רעוואָלוציאָנערע לענדער. אין דער זעלביקער צייט האָט די דאָזיקע רעזאָלוציע אויך אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז די באָלשעוויסטישע אָקטאָבער-רעוואָלוציע, וואָס שטייט איצט אין בירגער-קריג, איז ביי אַלע אירע פעלערן געווען אַ היסטאָריש-אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג, און אַז זי קאָן ווערן דער אָנהייב פון אַ נייער, פּרוכטבאַרער אַנטוויקלונג אין רוסלאַנד, אויב זי זאָל זיך אומקערן אויף דעם וועג פון אַרבעטער-דעמאָקראַטיע און זאָל זיך פאַראייניקן מיט דער גרויסער דעמאָקראַטיש-סאָציאַליסטישער אַרבעטער-רעוואָלוציע אין דעם אַנטוויקלטן אינדוסטריעלן דייטשלאַנד.

אָט אַזוי אומגעפער איז געווען דער גרונד-געדאַנק פון דער דערקלערונג פון אונדזער צענטראַל-קאָמיטעט, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פון מאַרטאָוון.

איך האָב געלאָזט וויסן, אַז אין פּרינציפּ בין איך מסכים, איך בין אָבער ניט געווען אין גאַנצן צופרידן מיט דער באַהויפּטונג, אַז ה י ס ט אָ ר י ש איז די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע געווען אומפאַרמיידלעך. אַלץ, וואָס איז געשען, איז סוף כל סוף געווען „אומפאַרמיידלעך" — אַ סימן, אַז דאָס איז געשען. אָבער ווען מען געברויכט אַזוינע אויסדרוקן, מיינט דאָך דאָס, אַז מיר האַלטן די רעוואָלוציע ניט נאָר פאַר אַ פאַקט, נאָר אַז מיר ב אַ ר ע כ ט י ק ן איר, — און מיט דעם בין איך ניט געווען מסכים. דאָך איז די רעזאָלוציע אָנגענומען געוואָרן. זי האָט אין אונדזערע רייען אַרויסגערופן פיל שטרייטן, אָבער אין דעם אַלגע-

מיינעם געפיל פון התפעלות צוליב דער דייטשער רעוואָלוציע איז די שטעלונג אויסגעקומען נאַטירלעך.

אין די רייען פון די באָלשעוויקעס האָט די דייטשע רעוואָלוציע אויך אַרויסגערופן אַ שטאַרקע באַגייסטערונג און פיל האָפענונגען. די פירערס האָבן פריי אויפגעאָטעמט, וואָרים די מפלה פון דער דייטשער אַרמיי האָט אַראָפּגענומען פון רוסלאַנד די סכנה פון אַ דייטשער אינ־טערווענץ. די רוסישע ווייסע גענעראַלן האָבן שוין מער ניט געקאָנט האָפן אויף דער הילף פון די גענעראַלן הינדענבורג, לודענדאָרף אָדער פאָן האָפמאַן.

פון דער אַנדער זייט, האָבן זיך געעפנט גרויסע פּערספּעקטיוון און מעגלעכקייטן פאַר יענער וועלט־רעוואָלוציע, אויף וועלכער זיי האָבן די גאַנצע צייט געוואַרט, אַז זי זאָל זיי ראַטעווען פון דער שווערער לאַגע, אין וועלכער זיי זיינען פאַרקראָכן. זיי האָבן געהאָפט, אַז זיי וועט זיך איינגעבן אַריינצונעמען די יונגע אומדערפאַרענע רעוואָלוציעס אין צענ־טראַל־אייראָפּע אין זייערע געניטע הענט און אָנצופירן מיט זיי. פון דער אַנדער זייט האָבן זיי געוואוסט, אַז אין אייראָפּע זיינען שטאַרק די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, און זיי האָבן זייער גוט געוואוסט, ווי ענג עס זיינען די באַציאונגען צווישן אונדז, מענשעוויקעס, און די אויס־לענדישע סאָציאַליסטן. ווען עס איז געקומען די צייט, אַז מען דאַרף איינשטעלן פריינטלעכע באַציאונגען מיט די דייטשע און עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, קאָן מען ניט מאַכן קיין פּראָצעסן מיט טויט־שטראָפן קעגן די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן־מענשעוויקעס.

און אַזוי איז עס געקומען, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן דעם פּראָצעס פון דער „אַרבעטער־קאָנפערענץ" און באַפרייען אַלע אַרעסטירטע מענשעוויקעס.

איך געדענק שוין ניט גענוי דעם טאָג, אָבער דאָס האָט געמוזט זיין אַרום 15־טן נאָוועמבער 1918, ווען צו מיר אין טורמע זיינען געקומען מיין פרוי מיט ריאַזאַנאָוון און געבראַכט דעם באַפעל וועגן מיין באַ־פרייאונג.

צום ערשטן מאָל נאָך כמעט פיר חדשים בין איך פון דאָס ניי געזעסן אין קרייז פון מיין פאַמיליע, האָב געזען מיינע קינדער, וואָס אין טורמע ביי די זעאונגען האָב איך זיי געזען נאָר פון הינטער די גראַטעס, און בין געזעסן ביי אַ געדעקטן טיש מיט בלומען, וואָס מיינע פריינט האָבן צו־געשיקט פון אַלע זייטן. דעם זעלביקן אָוונט זיינען מיר אַוועק אין מאָס־קווער קינסטלערישע טעאַטער, זען אַ נייע פּיעסע, וואָס סטאַניסלאַווסקי האָט אויפגעפירט.

די באַפרייאונג פון דער טורמע האָט ווידעראַמאָל, ווי אין די פריער־דיקע יאָרן, ניט געבראַכט יענעם פּסיכאָלאָגישן איבערברוך, וואָס מען שטעלט זיך פאָר, ווען מען זיצט אין טורמע. עס דוכט זיך, זיצנדיק אין דער ענגער קאַמער, אַז ווען מען וועט ווערן פריי, וועט דאָס זיין

עפּעס אַ גוואַלטיקע געשעעניש. און געזעסן בין איך דאָס מאָל אין אומ־געהייער שווערע מאַראַלע באַדינגונגען, וואָכנלאַנג אונטער דער שטענ־דיקער סכנה פון טויט.

ניט געקוקט אויף דעם, האָב איך בוכשטעבלעך אויף מאָרגן נאָך דער באַפרייאונג בכלל פאַרגעסן וועגן דער טורמע. עס האָבן זיך אָנגעה־הויבן כמעט אומאויפהערלעכע זיצונגען: פון מענשעוויסטישן צענ־טראַל־קאָמיטעט, פון „בונד", פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַק־ציע אין מאָסקווער סאָוועט, א. ד. גל.

די פּאָליטישע אַטמאָספערע אין מאָסקווע האָט זיך שטאַרק געביטן אין פאַרגלייך מיט דער לאַגע, וואָס איז געווען אין מאָמענט פון מיין אַרעסט.

4

די ווירקונג פון דער דייטשער רעוואָלוציע אין מאָסקווע

די דייטשע רעוואָלוציע איז געווען פאַר די באָלשעוויקעס אַן אָנזאָג אויף יענער וועלט־רעוואָלוציע, וועגן וועלכער זיי האָבן די גאַנצע צייט געטרוימט און מיט וועלכער עס זיינען געווען פאַרבונדן אַלע זייערע פּלענער. דערביי האָבן זיי זיך ניט פאַרלאָזן נאָר אויף דעם מאָראַלן איינפלוס און אויף דעם פּרעסטיזש פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע: זיי האָבן אָנגענומען אויך מער ממשותדיקע מיטלען, כדי אַריינ־צונעמען די דייטשע רעוואָלוציע אין זייערע הענט. זיי האָבן געהאַט אין דייטשלאַנד אַ פּאָליטישע גרופּע, וואָס איז אידעאיש און פּערזענלעך געווען ענג פאַרבונדן מיט דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי: דאָס זיינען געווען ראָזאַ לוקסעמבורג, איר נאָענטער פריינט טישקאָ־יאָגיכעס (אַ פּויליש־אידישער סאָציאַל־דעמאָקראַט, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער אומלעגאַלער „ספּאַרטאַק־גרופּע" אין דייטשלאַנד), קלאַראַ צעטקין, קאַרל ליבקנעכט און אַ ריי אַנדערע לינקע סאָציאַליסטן. אויך אין דער „אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי", וואָס האָט אין דייטשלאַנד אין יענעם מאָמענט אָנגעהויבן שטאַרק צו וואַקסן, זיינען געווען פיל מענטשן, וואָס האָבן פאַרמאָגט שטאַרקע באָלשעוויסטישע סימפּאַטיעס. אין בערלין איז געזעסן דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אַדאָלף י אָ פ ע, וועמענס הויז איז געוואָרן דער צענטער פון די רעוואָלוציאָנערע פאַרבינדונגען צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. ניט נאָר ליבקנעכט און די ספּאַרטאַקיסטן, נאָר אויך די אומאָפּהענגיקע פירערס געאָרג לעדערבור, קורט ראָזענפעלד, הוגאָ האַאַזע א"אַ, זיינען געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרבינדונג מיט יאָפען.

די רעגירונג פון די פּאָלקס־באַפולמעכטיקטע עבערט־שיידעמאַן האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון די צו־אינטימע פריינטשאַפטס־פאָרשלאַגן פון די באָלשעוויקעס. אָבער לעניז האָט געהאַלטן, אַז מען וועט אין בער־

לין מיט דער צייט ווערן בעסער: ווען אויך אין דייטשלאַנד וועט זיך אויפהייבן די כוואַליע פון באָלשעוויזם, דאַן וועלן די דייטשע „קערענ־סקים", פּונקט ווי אין רוסלאַנד, אָפּטרעטן זייער פּלאַץ צו די ראָזאַ לוק־סעמבורגס און קאַרל ליבקנעכטס.

אויך מיר, מענשעוויקעס, האָבן געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער דייטשער רעוואָלוציע. מיר האָבן שטאַרק געהאַלטן פון דער גרוי־סער און שטאַרקער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער גוואַלטיקער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מילא, רוסלאַנד איז אַ פּויערים־לאַנד. אַרבע־טער האָבן מיר ווייניק לגבי דעם פאַרנעם פון לאַנד, און דאָס וואָס מיר פאַרמאָגן שוין אין צאָל פון אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איז אָרים און ניט גענוג אַנטוויקלט. אַנדערש וועט זיין אין דייטשלאַנד: ווען די רעוואָ־לוציע וועט דאָרטן אָננעמען גרויסע און טיפע פאָרמען, וועט בראָש פון לאַנד אַוועקגעשטעלט ווערן דער גוט־אָרגאַניזירטער, פּאָליטיש־געביל־דעטער, דיסציפּלינירטער און זייער צאָלרייכער דייטשער אַרבעטער־קלאַס. אַ וועלט־רעוואָלוציע, וואָס אין דער שפּיץ שטייט אַן אַגראַר־לאַנד אָן אינדוסטריע, — איז אַן אומזין. אָבער אַ וועלט־רעוואָלוציע, וואָס אין צענטער פון איר וועט שטיין דאָס מעכטיקע אינדוסטריעלע דייטשלאַנד, וואָס וועט אָנגעפירט ווערן דורך די צענדליקער מיליאָנען אָרגאַניזירטע און באַוואוסטזיניקע דייטשע אינדוסטריע־פּראָלעטאַריער, דאָס איז שוין אַ פיל ראַיעלערער ענין.

אין די ערשטע וואָכן נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע איז אין מאָס־קווע צוליב די געשילדערטע מאָטיוון פאָרגעקומען אַ געוויסע פּסיכאָ־לאָגישע דערנענטערונג צווישן די באָלשעוויקעס און אונדזער פּאַרטיי. אונדז, די אַרעסטירטע מיטגלידער פון „אַרבעטער־קאָנפערענץ" האָט מען באַפרייט דורך אַן אַ מ נ ע ס ט י ע. אויך אַלע אַנדערע אַרעסטירטע מענשעוויקעס האָט מען באַפרייט. אונדזערע באַשלוסן וועגן דער דייטשער רעוואָלוציע און וועגן דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד, וועגן וועלכע איך האָב פריער דערציילט, האָבן געמאַכט אַ געוויסן איינדרוק אויף די באָלשעוויקעס. מען האָט פּאָלעמיזירט קעגן די ביידע רעזאָ־לוציעס אין דער „פּראַוודאַ" און אין די „איזוועסטיאַ". ראַדעק, קלאַראַ צעטקין, קאַמעניעוו און אַנדערע האָבן וועגן אונדזערע רעזאָלוציעס אָנגעשריבן אַ ריי אַרטיקלען, אָבער ניט אַזוי שאַרף ווי געווייינטלעך, מער אין אַ חברשן טאָן. דורך געמיינזאַמע אַלטע באַקאַנטע האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אין באָלשעוויסטישן צענ־טראַל־קאָמיטעט אָפּצושוואַכן דעם טעראָר קעגן אונדז.

האָבן מיר באַשלאָסן אויסצונוצן די לאַגע און האָבן דערלאַנגט אין דער רעגירונג אַ פאָדערונג, מען זאָל אונדז דערלויבן אַרויסצוגעבן פון דאָס ניי אַ צייטונג. און טאַקע נאָך אַ געוויסער צייט האָט מען אונדז די דאָזיקע דערלויבעניש געגעבן.

די צייטונג האָט באַקומען דעם נאָמען „וסעגדאַ ופּעריאָד" (אימער פאָרווערטס), אַן אָנצוהערעניש אויף אונדזער אַלטער פאַרמאַכטער צײ־

טונג „וופּעריאָד“. אָבער די דערלויבעניש אַליין איז נאָך געווען ווייניק: מען האָט נאָך געדאַרפט קריגן געלט, פּאַפּיר, אַ דירה, אַן אַפּאַראַט אויף צו פאַרשפּרייטן די צייטונג, א. אַז. וו., און דאָס זיינען אַלץ געווען שווערע פּראָבלעמען אין יענער צייט אין מאָסקווע. מילא, אַביסל געלט האָבן מיר באַקומען פון אַן אַלטן בונדיסט (לעוו מערינג, וואָס איז 1940 געשטאָרבן אין פראַנקרייך), אָבער פּאַפּיר האָט מען געקאָנט באַקומען נאָר פון דער רעגירונג. דאָס זעלבע איז געווען מיט אַ דרוקעריי, אַ דירה א. אַז. וו. נאָך לאַנגע לויפעניש און באַמיאונגען, אין וועלכע איך האָב זיך געמוזט גאַנץ אַקטיוו באַטייליקן, האָט מען אַלץ געקראָגן און מען איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אין דער רעדאַקציע האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט באַשטימט די חברים מאַרטאָוו, דאַן און מיך.

די ערשטע נומערן פון אונדזער צייטונג זיינען ממש צעכאַפּט געוואָרן אין די גאַסן ווי מצה-וואַסער. דער עולם, וואָס האָט שוין אין משך פון כמעט אַ יאָר צייט ניט געזען קיין שום אַנדער צייטונג, אַחוץ די באָלשעוויסטישע, האָט זיך אויסגעהונגערט נאָך אַ פרייען וואָרט. ווען מיר וואָלטן געהאַט גענוג פּאַפּיר און טעכנישע מעגלעכקייטן, וואָלט אונדזער צייטונג געקאָנט אין יענעם מאָמענט דערגרייכן אַ גוואַלטיקע צירקולאַציע. אָבער מיר זיינען געווען זייער אָרים און באַשרענקט אין טעכנישע מעגלעכקייטן און האָבן געקאָנט אַרויסגיין נאָר צוויי מאָל אָדער דריי מאָל אַ וואָך. ניט געקוקט אויף דעם, איז אונדזער צייטונג געווען אַ גרויסער דערפאָלג. און דאָס איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן די באָלשעוויקעס. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם דערשיינען פון דער צייטונג, האָט מען איר ווידער פאַרמאַכט.

אָבער אין יענע טעג איז ניט נאָר געוואַקסן אונדזער פּרעסע, אויך אונדזער אָרגאַניזאַציע אין לאַנד איז שטאַרק אויסגעוואַקסן: נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע זיינען באַפרייט געוואָרן די פריער אָקופּירטע טעריטאָריעס פון אוקראַינע און ווייס-רוסלאַנד. אין דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי האָבן זיך צוריק אַריינגעגאָסן די אָרגאַניזאַציעס פון קיעוו, כאַרקאָוו, דאָנבאַס, יעקאַטערינאָסלאַוו, אדעס. אין „בונד“ איז צוריקגעקומען מינסק און די אַנדערע בונדישע שטעט מיטן צ. ק. פון „בונד“ און דעם אוקראַינער געגנט-קאָמיטעט.

גלייך ווי מינסק איז באַפרייט געוואָרן זיינען קיין מאָסקווע געקומען די דעלעגאַטן פון צ. ק. רחמיאל וויינשטיין, אסתר פרומקין, יאַנקל לעווין. געקומען מענטשן פון אוקראַינע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע סעריע בעראַטונגען, זיצונגען, קאָנפערענצן.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אומעטום אָנגעהויבן וואַל-קאַמפּאַניעס אין די סאָוועטן, סיי אין די באַפרייטע טעריטאָריעס, סיי אין רוסלאַנד גופא. און ביי די אַלע וואַלן האָבן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס געצויגן פיל שטימען און האָבן באַקומען אַ היפּשע צאָל דעלעגאַטן. אין מאַנכע ערטער, ווי אין כאַרקאָוו, קיעוו א. אַ. האָבן אונדזערע אָרגאַניזאַציעס אין דער אַרבעטער-סעקציע באַקומען אַ מער-

הייט (די אַרבעטער־סעקציע איז געווען נאָר אַ טייל פון סאָוועט). זייער אינטערעסאַנטע וואַל־פאַרזאַמלונגען זיינען פאָרגעקומען אויך אין מאָסקווע. דאָ האָבן מיר צווישן די דרוקער־אַרבעטער, די כעמישע אַר־בעטער, די אָנגעשטעלטע און די אייזנבאַן־אַרבעטער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס. אויך אין דער הויפּט־פּאָסט, ביי די וואַלן צווישן די פּאָסט־באַאַמטע, האָב איך אַמאָל געמוזט דורכפירן אַ וואַל־מיטינג און געהאַט דערביי אַ היפּשן דערפאָלג.

אָט אין יענעם מאָמענט האָט אונדזער פּאַרטיי באַקומען אַ פאָרשלאַג אַריינצוטרעטן אין דער סאָוועט־רעגירונג.

דער שדכן איז געווען קאַרל ראַדעק. דורך דעם פּוילישן חבר לאַ־פּינסקי, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פריינט און פאַרערער פון מאַר־טאָוון, האָט ראַדעק איין מאָל געלאָזט וויסן, אַז אויב די מענשעוויקעס זאָלן אָפּגעבן אַ געוויסע עפנטלעכע דערקלערונג צו דעם קומענדיקן סאָוועט־צוזאַמענפאָר, וועט מען פון דאָס ניי אַריינעמען עטלעכע פון אונדזערע מענטשן אין צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט (וואָס דאָס איז דאַך געווען אַ מין פּאַרלאַמענט) און אַחוץ דעם וועט מען אַ פּאָר פון אונדזערע מענטשן אַריינעמען אויך אין דער רעגירונג, אויף שטעלעס, וואָס די רעגירונג דענקט, אַז מיר האָבן פאַר דעם פּאַסיקע קאַנדידאַטן.

מיר האָבן דעם דאָזיקן האַלב־אָפיציעלן פאָרשלאַג באַטראַכט — און האָבן אים אָפּגעוואָרפן. אמת, מיר האָבן די גאַנצע צייט געפאָדערט און געחלומט וועגן אַ געמיינזאַמער רעגירונג פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אָבער דער פאָרשלאַג פון ראַדעקן איז גע־ווען פון גאָר אַן אַנדער מין. מיר האָבן געטראַכט וועגן אַ פּאָליטי־שער קאָאַליציע פון די פּאַרטייען, מיט אַ באַשטימטער געמיינ־זאַמער פּלאַטפאָרם, וואָס זאָל אָנערקענט ווערן פון אַלע פּאַרטייען און פון דער רעגירונג. און אַזאַ פּלאַטפאָרם האָט געזאָלט זיין, לויט אונדזער מיינונג, די פּלאַטפאָרם פון פּאָליטישער פרייהייט און דעמאָקראַטיע.

אָנשטאָט דעם שלאָגט אונדז ראַדעק פאָר, אַז מיר זאָלן אַריין אין אַ רעגירונג, וואָס בויט איר גאַנצע פּאָליטיק אויף דיקטאַטור און טעראָר, וואָס אַרבעט דורך דער טשעקאַ און פאַרטרעט אַ פּראָגראַם פון „פול־שטענדיקן סאָציאַליזם" אין רוסלאַנד, וואָס מיר האַלטן דאָס פאַר אומ־מעגלעך. אמת, ראַדעק האָט אונדז פאָרגעשלאָגן, אַז אין אונדזער אָפי־ציעלער דערקלערונג צו דעם סאָוועט־קאָנגרעס קאָנען מיר זאָגן, אַז מיר בלייבן ביי אונדזער אַלגעמיינער שטעלונג, אַלס דעמאָקראַטישע סאָ־ציאַליסטן, — דער עיקר איז, אַז מיר זאָלן דערקלערן, אַז ניט געקוקט אויף דעם וועלן מיר אין דעם איצטיקן מאָמענט אונטערשטיצן די סאָ־וועט־רעגירונג אָן שום איינשרענקונג. אָבער וואָס פאַר אַ פּראַקטישע פּאָליטישע באַדייטונג וואָלט געהאַט אָט די באַמערקונג, אַז אין פּרינ־ציפּ בלייבן מיר ביי אונדזערע אַלטע אָנשויאונגען, ווען פּאַקטיש

וואָלטן מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייל פון דער באָלשעוויסטישער מאַשין?

ווען מיר האָבן די גאַנצע צייט גערעדט וועגן אַ געמיינזאַמער רעגירונג, האָבן מיר געהאַט אין זינען אַן אָפּמאַך פון פּאַרטייען, אַ מין קאָאַליציע פון אַלע פּאָליטישע גרופּן, וואָס גייען אַריין אין דער רעגירונג, מיט די נייטיקע פּאָליטישע און פּראַקטישע גאַראַנטיעס. אַנשטאָט דעם שלאָגט אונדז ראַדעק פאָר, מיר זאָלן געבן אַ פּאָר מענטשן אין דער רעגירונג, אַלס פּ אַ כ ל י י ט אָדער מ ש כ נ ו ת. די רעגירונג וועט האָבן צו טאָן ניט מיט אונדזער פּאַרטיי, אַלס אַזוינע, נאָר מיט אָט די איינצלנע מענטשן, וואָס וועלן ניט קאָנען האָבן קיין שום פּאָליטישן איינפלוס.

צו וואָס עס ברענגט אַזאַ לאַגע, דאָס האָבן מיר טאַקע געזען אין דעם ביישפּיל מיט ל אָ ז אָ וו ס ק י ן. ס. לאָזאָווסקי (זיין אמתער נאָמען איז סאָלאָמאָן ד ר י ד ז אָ), דער איצטיקער וויצע-קאָמיסאַר פון אויסלענדישע ענינים און אָפיציעלער שפּרעכער פון דער סאָוועט-רעגירונג פאַר דער אויסלענדישע פּרעסע, איז געווען אַן אַמאָליקער באָלשעוויק, וואָס האָט בשעת דער מלחמה פון 1914—1918 איבערגעריסן מיט די באָלשעוויקעס. ער האָט געהאַט אַ קליינע אינטערנאַציאָנאַליסטישע גרופּע, וואָס איז אין אַלגעמיין געשטאַנען גאַנץ נאָענט צו אונדז, מענשעוויקעס-אינטערנאַציאָנאַליסטן. בשעת די ברעסטער פרידנס-אונטערהאַנדלונגען, איז לאָזאָווסקי געווען איינער פון די שאַרפסטע קריטיקער פון לעניניזם.

אָבער נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע און אין דער צייט פון בירגער-קריג האָט ער באַשלאָסן מיטצואַרבעטן מיט די באָלשעוויקעס אויפן גרונד פון אומגעפער אַזאַ מין מאָדוס, ווי ראַדעק האָט אונדז פאָרגעשלאָגן. ער האָט אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז ער בלייבט ביי זיינע אַלטע פּרינציפּן א. אַז. וו.

דער פאַקט איז אָבער געווען, אַז זיין קליינע גרופּע, ווען זי האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דעם באָלשעוויסטישן ים אָן שום פּאָליטישע באַדינגונגען, איז דאָרטן באַלד דערטרונקען געוואָרן אָן אַ שפּור. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען די לאָזאָווסקי-אינטערנאַציאָנאַליסטן געוואָרן געוויינטלעכע באָלשעוויקעס, און לאָזאָווסקי אַליין אויך, און קיינער האָט מער ניט געהערט פון אים וועגן זיינע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן, צו וועלכע ער איז כלומרשט געבליבן געטריי. אמת, מיר זיינען געווען אַ פיל שטאַרקערע און גרעסערע אָרגאַניזאַציע ווי לאָזאָווסקיס, אָבער אויך פאַר אונדז איז געווען אַ פּערספּעקטיוו פון פּאָליטישן טויט, אויב מיר גייען אַרויף, ניט אויפן וועג פון מיטאַרבעט, נאָר אויפן וועג פון ק אַ פּ י ט ו ל אַ צ י ע. וואָרים אָננעמען ראַדעקס פאָרשלאָג וואָלט פאַר אונדז באַדייט אַן ערנפולע קאַפּיטולאַציע. כבוד וואָלט מען אונדז אָפּגעגעבן, אָבער אונדזער פּ אָ ל י ט י ש ע עקזיסטענץ, אַלס אַ באַזונדערע פּאָליטישע ריכטונג, וואָלט געוואָרן אוממעגלעך.

דעריבער האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצואוואַרפן ראַדעקס פאָרשלאַג. מאַרטאָוו האָט אָנגעשריבן אַ שאַרפן אַרטיקל וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון לאַזאָווסקין און אין אָט דעם אַרטיקל איז געווען אַ פאַרשטעלטע דערקלערונג וועגן אונדז גופא, אַ דערקלערונג פאַר אונדזערע חברים און פאַר דער וועלט, פאַרוואָס מיר קאָנען נישט גיין אויף דעם וועג פון גייסטיקער און מאָראַלער קאַפּיטולאַציע.

אין דער שפּעטערדיקער צייט האָבן מיר פון דאָס ניי באַקומען אַן ענלעכן פאָרשלאַג און מיר האָבן אים ווידער אָפּגעוואָרפן.

נישט איין מאָל האָבן מיר זיך אין אונדזערע געדאַנקען אומגעקערט צו דער דאָזיקער פראַגע און ווידער אַמאָל געמאַכט אַ חשבון הנפש: צי האָבן מיר דאַן נישט געמאַכט קיין פעלער? צי וואָלט זיך די לאַגע אין רוסלאַנד געביטן, אויב מיר נעמען אָן די דאָזיקע פאָרשלאָגן?

און יעדעס מאָל זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַנדערש האָבן מיר נישט געקאָנט האַנדלען. וואָלטן מיר יעמאָלט אַריין אין דער רעגירונג, וואָלטן מיר פּשוט געוואָרן באָלשעוויקעס און קיין זאַך וואָלט זיך פּאָליטיש נישט געענדערט: עס וואָלטן נאָר אַריינגעקומען אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי נאָך אַ פּאָר צענדליק טויזנט פריערדיקע מענשעוויקעס, וואָס וואָלטן מיט דער צייט, אָדער געוואָרן הונדערט-פּראָצענטיקע באָלשעוויקעס (ווי ראַפּעס, פּעטראָווסקי און אַנדערע בונדיסטן, וואָס זיינען שפּעטער אַוועק אויף דעם דאָזיקן וועג), אָדער בלוטיק „אויסגערייניקט" געוואָרן ביי די קאַמפּן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויב ביי זיי וואָלט געבליבן נאָך אַ פונק פון דער אַלטער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע.

דער אָפּזאָג פון ראַדעקס פאָרשלאַג האָט אָבער בשום און נישט געענדערט אונדזער שטעלונג צום בירגער-קריג און אונדזער גרייטקייט, נישט צו באַטייליקן זיך אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער באָלשעוויסטישער רעגירונג.

5

שטרייטן וועגן כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע

ווען איך רעד וועגן די באַציאונגען צווישן באָלשעוויזם און מענשעוויזם אין יענע טעג, דאַרף מען געדענקען, אַז ביז גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ האָט אין אונדזערע דיסקוסיעס און קאַמפּן פאַרנומען די פראַגע וועגן דעם כ א ר א ק ט ע ר פ ו ן א ו נ ד ז ע ר ר ע װ א ָ ל ו צ י ע.

אין די פריערדיקע יאָרן איז אי אין די מענשעוויסטישע, אי אין די באָלשעוויסטישע רייען געווען אַ פעסט-אָנגענומענער מאַרקסיסטישער כלל, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט זיין אַ ב י ר ג ע ר ל ע ך - ד ע מ א ָ ק ר א ט י ש ע, אויפן שטייגער פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָדער לויט דעם שטייגער פון די רעוואָלוציעס פון 1848.

אי פּלעכאַנאָוו, אי אַקסעלראָד, אי די „איסקראַ", אי דער „בונד", אי לענין, אַלע האָבן געהאַלטן, אַז די היסטאָרישע אויפגאַבע אין רוס־לאַנד איז ניט צו פאַרווירקלעכן גלייך די סאָציאַלע רעוואָלוציע, נאָר צוצוגרייטן דעם פּאָליטישן באָדן פאַר אַן עפּאָכע פון דעמאָקראַטישן קאַפּיטאַליזם, אַלס אַ באַזיס פאַר אַ שטאַרקער סאָציאַליסטישער אַרבע־טער־באַוועגונג. נאָר די „מאַקסימאַליסטן", די אַנאַרכיסטן און, צום טייל, די טראָצקי־פּאַרוואוס־ראָזאַ לוקסעמבורג־גרופּע האָבן באַטראַכט די רוסישע רעוואָלוציע אַלס אַ סאָציאַליסטישע. וועגן דעם האָב איך דערציילט אין דעם קאַפּיטל וועגן לאָנדאָנער צוזאַמענפאָר 1907.

אַזוי איז דאָס געווען ביז אומגעפער 1916. ערשט דאַן איז לענין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די מלחמה וועט פירן צו אַ רעוואָ־לוציע אין דער גאַנצער וועלט, אויך אין די אַנטוויקלטע דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, ווי דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַז. וו., און אויב אַזוי, — האָט לענין געזאָגט, — קאָן שוין אויך די רו־סישע רעוואָלוציע ניט בלייבן בלויז אַ דעמאָקראַטיש־קאַפּיטאַליסטישע, און מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער. אמת, דאָס לאַנד איז טאַקע אָפּגעשטאַנען, אָבער די אָפּגעשטאַנענקייט פון רוסלאַנד וועט אויסגעגליכן ווערן דורך דער מעכטיקער אונטערשטיצונג פון דער סאָ־ציאַליסטישער אייראָפּע, פון די סאָציאַלע רעוואָלוציעס אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך. אָט דאָס איז געווען אין קורצן לענינס הויפּט־געדאַנק בנוגע דעם סאָציאַליזם אין רוסלאַנד.

מיר, מענשעוויקעס, זיינען מיט דעם ניט געווען איינפאַרשטאַנען. אונדזערע רעכטע מענשעוויקעס האָבן בכלל ניט געהאַלטן פון אַ סאָ־ציאַליסטישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע און האָבן לענינס גאַנצן גע־דאַנק געהאַלטן פאַר אַן אוטאָפּיע. די לינקע מענשעוויקעס־אינטערנאַ־ציאָנאַליסטן, ווי מאַרטאָוו, האָבן די רעוואָלוציע אין אייראָפּע יאָ גע־האַלטן פאַר מעגלעך, אָבער אַפילו ביי אַ סאָציאַליסטישער איבערקע־רעניש אין די פּראָגרעסיווע לענדער האָבן זיי אויך ניט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ פולשטענדיקער סאָציאַליזירונג אין רוסלאַנד. געוויס וועט מען דאַן אין רוסלאַנד ניט בלייבן שטיין ביים קאַפּיטאַליזם, מען וועט פּרובירן גיין אַ ביסל ווייטער; אָבער נאָר שטופּנווייז, נע־מענדיק אין אַכט דעם אַגראַרישן, פּויערישן כאַראַקטער פון דער רוס־לענדישער באַפעלקערונג, וואו די אַרבעטער זיינען נאָר אַ קליינער טייל פון דער באַפעלקערונג, — און נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די סאָ־ציאַליסטישע רעקאָנסטרוקציע פון אייראָפּע וועט ווערן אַ פאַקט.

די נייטיקייט זיך צו רעכענען מיט דעם רוסישן פּויערטום און מיט דעם קליינבירגערלעכן כאַראַקטער פון לאַנד האָט פאַרשטאַנען אויך לענין, — פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע! ער האָט נאָך אין אוי־גוסט און סעפּטעמבער 1917 געשריבן וועגן דעם, אַז די באָלשעוויקעס, ווען זיי וועלן קומען צו דער מאַכט, וועלן בשום אופן ניט איינפירן דעם סאָציאַליזם מיט גוואַלט, קעגן דעם ווילן פון דער באַפעלקערונג; זיי

וועלן ניט צונעמען דאָס אייגנטום פון די קליינע און מיטעלע קלאַסן, און אַזוי ווייטער.

אָבער ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט, און געקומען אָן גרויסע קאַמפּן, פאַרהעלטנישמעסיק גאָר לייכט, — איך רייד דאָ וועגן דער ערשטער עפּאָכע נאָך דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, — האָט זיך ביי זיי געביטן די שטימונג. זיי האָבן דערזען, אַז דער ווידער-שטאַנד פון דער „בורזשואַזיע", פאַר וועלכן זיי האָבן מורא געהאַט, איז זייער אַ שוואַכער. קיינער האָט דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד ניט פאַרטיידיקט מיט געווער אין דער האַנט. די גרויסע פּויערשע מאַסע, וואָס איז געגאַנגען מיט די באָלשעוויקעס צוליב שלום און דער אַגראַר-רעוואָלוציע, איז ניט געווען „קאַפּיטאַליסטיש" געשטימט, ווי, להבדיל, די פּויערים אין דייטשלאַנד, אָדער די פאַרמערס אין פראַנקרייך און אין די פאַראייניקטע שטאַטן. און די קאַפּיטאַליסטן גופא זיינען אין רוס-לאַנד געווען צו-שוואַך און צו-קליין אין צאָל צו קאָנען בילדן אַ שטאַר-קע קעגן-קראַפט קעגן באָלשעוויזם. רוסלאַנד איז דאָך פאַר דער רעוואָ-לוציע אייגנטלעך קיין מאָל ניט געווען קיין אמתדיק קאַפּיטאַליסטיש לאַנד: די בורזשואַזיע האָט קיין מאָל ניט געהערשט אין רוס-לאַנד, ניט פּאָליטיש און ניט אידעאיש. רוסלאַנד איז געווען אַ לאַנד פון ערב-קאַפּיטאַליזם, וואו דער מאָדערנער אינדוסטריעלער גרויס-קאַפּיטאַליזם האָט זיך ערשט געזאָלט אַנטוויקלען נאָך דער באַזיי-טיקונג פון צאַריזם.

דעריבער איז די אידעאָלאָגיע פון קאַפּיטאַליסטישן אייגנטום נאָך ניט געווען ביי אונדז טיף פאַרוואָרצלט, ניט צווישן די פּויערים און ניט צווישן דער אינטעליגענץ פון לאַנד. די איינציקע, וואָס האָבן זיך אַקטיוו אָרגאַניזירט אין בירגער-קריג קעגן דעם באָלשעוויזם, זיינען געווען די אָנהענגער פון דער אַלטער אָרדענונג, די פּריצים, די וואָס האָבן געוואָלט אָפּנעמען צוריק די ערד פון די רעוואָלוציאָנערע פּוי-ערים. דעריבער זיינען אין דער שפּיץ פון די „ווייסע" אַרמייען געשטאַ-נען אַלטע צאַרישע גענעראַלן, דוואָריאַנעס. און די בירגערלעך-דעמאָ-קראַטישע עלעמענטן, וואָס זיינען מיט זיי געגאַנגען, האָבן קיין מאָל ניט געהאַט קיין אמתן איינפלוס אין דער „ווייסער" באַוועגונג.

די באָלשעוויקעס האָבן אַזוי אַרום דערפילט זייער קראַפט און די מאַכטלאָזיקייט פון דעם נעבעכדיקן רוסישן „קאַפּיטאַליזם". די איינ-ציקע ערנסטע קעגנער זיינען געווען ניט די מאָדערנע קאַפּיטאַליסטן, נאָר די ערב-קאַפּיטאַליסטישע צאַרישע גענעראַלן, וואָס קעגן זיי, אַלס פּריצים, האָט מען שטענדיק געקאָנט מאָביליזירן די פּויערים, — אַפילו יענע פּויערים, וואָס זיינען בשום אופן ניט געווען סאָציאַליסטיש; אָבער אָפּגעבן די ערד צוריק צו די פּריצים האָבן זיי ניט געוואָלט.

ווען די באָלשעוויקעס האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער רוסישער קאַפּיטאַליזם איז אַזוי שוואַך, האָבן זיי באַשלאָסן צו מאַרשירן פאַר-ווערטס צום פולשטענדיקן סאָציאַליזם. וואָרים פאַר דער גאַנצער באָל-

שעוויסטישער וועלט-אַנשויאונג פון יענער צייט איז דער אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג געווען ניט אַ פראגע פון אָרגאַניזאַציע, פון קולטור, פון קאָנסטרוקטיווער דערציאונג, נאָר אויסשליסלעך אַ פראגע פון מאַכט. אויב מען קאָן ברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די פאַר־מעגלכע קלאַסן, איז דאָס גענוג פאַר אַ סאָציאַליסטישער איבערקערע־ניש. נו, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם ווידערשטאַנד פון די קעגנער קאָן מען יאָ ברעכן מיט גוואַלט.

דער „קריגס־קאָמוניזם" און דער בירגער־קריג

1

אָנהייב פֿון פֿולשטענדיקן קאָמוניזם

אַזוי־אַרום איז אין יוני 1918 אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַרימטער דעקרעט וועגן פֿולשטענדיקער נאַציאָנאַליזאַציע פֿון אַלע אינדוסטריעלע און קאָמערציעלע אונטערנעמונגען אין רוסלאַנד. די מלוכה נעמט איבער די גאַנצע עקאָנאָמיע פֿון לאַנד און וועט אַליין אָרגאַניזירן דאָס גאַנצעווירטשאַפֿטלעכע לעבן פֿון רוסלאַנד לויט אַ באַשטימטן פּלאַן.

די „מלוכה" איז אין יענעם מאָמענט באַשטאַנען פֿון עטלעכע אָפּיסעס אין מאָסקווע און פּעטראָגראַד, וואו די פֿאַרוואַלטערס זיינען געווען יונגע לייט אָן שום פּראַקטישער דערפֿאַרונג, אָן געניטע פֿאַכלייט. אפֿילו אָן אַן אָרגאַניזירטער אַדמיניסטראַציע אין לאַנד. און דער „פּלאַן" האָט זיך געפֿונען אין גאַנצן אין קאָפּ פֿון יורי לאַרין.

לאַרין, מיט זיין אמתן נאָמען לוריע, איז געווען אַ מענשעוויק פֿון די אַלטע איסקראָווסקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן. ער איז געווען אַ פֿיזישער קריפּל, אַ האַלב־פּאַראַליזירטער, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, מיט אַ שוואַרץ בערדל, מיט אַ קוויטשעדיקער „פֿויגעלשער" שטים. אין דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי האָט ער שטענדיק געהערט צו די מענטשן מיט אַ פּלאַן. אין דער צייט פֿון די דומע־וואַלן איז ער געקומען צום צענטראַל־קאָמיטעט מיט אַ פּלאַן אויסגעקליבן צו ווערן אין דער דומע פֿון קיעווער גובערניע אַלס אַן אוקראַינישער פּויער. ער וועט קויפֿן ביי אַ באַקאַנטן פּויער זיין פּאַספּאָרט, און וועט אונטער אַ פֿאַלשן נאָמען אויסגעקליבן ווערן אין דער דומע אַלס אַ פֿאַרטרעטער פֿון די קיעווער פּויערים. ער, דער איד, דער קריפּל, וואָס זיין פּאָטאָגראַפֿיע און זיינע „פֿינגערפּרינטס" זיינען געווען אין דער אָכראַנע.

אין דער צייט פֿון דער רעאַקציע איז לאַרין געווען איינער פֿון די סאַמע עקסטרעמע „ליקווידאַטאָרן", וואָס האָבן פֿאַרלאַנגט, מען זאָל זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן פֿון אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד.

פאַר דער מלחמה איז לאַרין אַ לאַנגע צייט געווען אין דייטשלאַנד און האָט פון דאָרטן געשריבן גאַנץ אינטערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענציעס אין די רוסישע ליבעראַלע צייטונגען. בשעת דער מלחמה איז ער געווען אין קאָפּענהאַגען, דענמאַרק, אַלס אַ רוסישער קאָרעספּאָנדענט און האָט זיך ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט שטודירן די דייטשע קריגס-ווירטשאַפט, דעם אַזוי-גערופענעם דייטשן „קריגס-סאָציאַליזם". דורך דעם איז ער געוואָרן אַ גאַנצער פאַכמאַן אין עקאָנאָמישע פראַגן, ספּעציעל אין דער פראַגע פון אָרגאַניזירטער און פּלאַנירטער עקאָנאָמיק.

ווען לאַרין האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, איז ער געוואָרן איינער פון די הויפּט-פּאַרטיידיקער פון אַ ס ע פּ ע ר אַ ט ן ש ל ו ם מיט דייטשלאַנד, נאָך איידער לענין איז געקומען צו דעם דאָזיקן געדאַנק. דורך דעם האָט ער זיך אַלץ מער דערנעענטערט צום באָלשעוויזם, ניט זייענדיק, אייגנטלעך, קיין מאָל קיין ריכטיקער באָלשעוויק.

און אָט דער לאַרין איז אין זומער 1918 געוואָרן דער הויפּט-פירער און „פּלאַנירער" פון דער רוסישער „סאָציאַליסטישער בויאונג". ער האָט דורכגעפירט דעם דעקרעט וועגן דער פולשטענדיקער נאַציאָנאַליזאַציע פון אַלע אונטערנעמונגען, קליינע און גרויסע. דאַן האָט ער געשאַפן, צום גרעסטן טייל אויפן פּאַפּיר, אַ גאַנצע סיסטעם פון צענטראַלע אינסטיטוציעס פאַר יעדן צווייג פון דער ווירטשאַפט און אינדוסטריע (די אַזוי-גערופענע „גלאַווקי" און „צענטרי": צענטראָ-ספּיטשקאַ, גלאַוו-אוגאָל — דער צענטער פון שוועבעלעך, דער הויפּט-קאָמיטעט פאַר קוילן אאַז"וו) אַלע געשעפטן און קראָמען האָט מען פאַרמאַכט און די סחורות דאָרטן קאָנפיסקירט.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד און די פינאַנצן פון דער מלוכה זיינען אַזוי אויך שוין געווען רואינירט דורך דער מלחמה און בירגערקריג. איצט איז געקומען לאַרין און אין גאַנצן צעשטערט אַלע רעשטן פון דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט. דער באַפעלקערונג האָט מען פאַרבאָטן צו פּראָדוצירן, צו האַנדלען, און אין דער זעלבער צייט איז דער מלוכה-אַפּאַראַט געווען אַבסאָלוט ניט אימשטאַנד עפּעס אַליין אויפצוטאָן. ווער רעדט שוין וועגן בויען נייע אונטערנעמונגען, נאָר אַפילו אָנפירן מיט די אַלטע, איצט נאַציאָנאַליזירטע, איז אויך געווען אַבסאָלוט אוממעגלעך. אָבער גרינדן אַ פאַבריקל אָדער אַ וואַרשטאַטל איז געווען פאַרבאָטן, און דערפאַר האָט מען אַרעסטירט, אַריינגעזעצט אין טורמע און אַמאָל אויך דערשאָסן, ווי פאַר „ספּעקולאַציע". האַנדלען האָט מען ניט געטאָרט, דאָס איז געווען קאָנטר-רעוואָלוציע און ספּעקולאַציע, און „ספּעקולאַנטן" פלעגט מען שיסן. אָבער קיין אָרגאַניזירטער און באַפרידנדיקער האַנדל פון דער מלוכה איז ניט געווען בנמצא.

אַ שרעקלעכע עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד, אין די שטעט. עס זיינען פאַרשוואונדן הייץ-מאַטעריאַלן,

האָלץ אויף צו באַהייצן די הייזער (ווייל פּריוואַטע וואַלד־סוחרים האָבן ניט געטאָרט אַרבעטן, און די רעגירונגס האָלץ־קאָמיטעטן האָבן נאָך קיין זאַך ניט געקאָנט אויפטאָן). עס זיינען פאַרשוואונדן רויע שטאָפן, פאַרשוואונדן סחורות און אינדוסטריע־פּראָדוקטן. דאָס ביסל, וואָס איז נאָך יאָ געווען אין די קראָמען, איז פאַרשוואונדן פון מארק, ווייל די אַלטע באַלעבאַטים האָבן דאָס אויסבאַהאַלטן. אין דער צייט, ווען אין אָפיציעלן מלוכה־האַנדל און אין די אָפיציעלע מלוכה־פּעקטאָרים האָט מען קיין זאַך ניט געקאָנט קריגן, איז אַנגעגאַנגען אַ לעבעדיקער אומלעגאַלער „שוואַרצער האַנדל", אין וועלכן עס האָט טאַקע געבליט די שרעקלעכסטע ספּעקולאַציע. די פּרייזן זיינען געוואָרן אומגעהייער הויך און די צאָל סחורות שרעקלעך קליין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטורעמדיקע אינפלאַציע פון די רוסישע געלט.

אָבער ווען די שטאָט האָט ניט קיין פּראָדוקטן אויף צו געבן דעם דאָרף, און דאָס דאָרף דאַרף האָבן קליידער, מאַנופאַקטור־סחורות, קעראָסין, שוועבעלעך, אייזן־וואַרעס, טשוועקעס, העק, גלאָז, שיך און ד. גל., — הערט דאָס דאָרף אויף צו געבן דער שטאָט ברויט, פלייש, מילך, גרויפּן, קרויט, פלאַקס, האָלץ, פי און צענדליקע אַנדערע פּראָדוקטן.

איז אין דאָרף געוואָרן אַ שרעקלעכער מאַנגל אויף אינדוסטריע־פּראָדוקטן, און די שטאָט איז געוואָרן הונגעריק, קאַלט און פּוסט. אַ גרויסער טייל פון די שטאָטישע אַרבעטער, וואָס שטאַמען פון די דערפער, האָבן פאַרלאָזן די הונגעריקע און טויטע שטעט און זיינען אַוועק צוריק אין די היימישע דערפער, וואו עס איז דאַך געוואָרן אַ בעסערע צייט פאַר די פּויערים, ווייל די פּויערים האָבן באַקומען די פּריצישע ערד. זיינען די שטעט געוואָרן אויסגעליידיקט פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג און בכלל פון דער באַפעלקערונג. מען איז געלאָפן אין די דערפער, אין די קליינע שטעטלעך, וואו עס איז געווען מער צו עסן. צוליב מאַנגל אין אַרבעטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַבריקן און אונטערנעמונגען. עס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן געוויסע נייטיקע פּראָדוקטן, אָן וועלכע עס האָבן ווידער ניט געקאָנט אַרבעטן די אַנדערע פאַבריקן.

אַזוי־אַרום איז פאַראַליזירט געוואָרן די שטאָטישע אינדוסטריע אין אַ סך טיילן פון רוסלאַנד. ניט געקוקט אויף דעם, האָט מען אָבער געדאַרפט קאָרמענען די שטאָטישע באַפעלקערונג. איז ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי שיקן באַוואָפנטע סאָלדאַטן אין די דערפער און נעמען ביי די פּויערים מ י ט ג װ א ל ט ברויט און קאַרטאָפל, פלייש און אייער.

האָבן זיך אָבער די פּויערים קעגן דעם געוועהרט, אָפט מאָל מיט גוואַלט. און די פּויערים אין די יאָרן 1918—1919 זיינען צום גרעסטן טייל געווען סאָלדאַטן, ערשט־צוריקגעקומענע פון פראָנט. כמעט אַלע האָבן מיטגענומען מיט זיך דאָס געווער, אַמאָל אויך אַ מאַשין־געווער. אַ פּאָר באָמבעס אין אַנדערע ענלעכע „סואווענירן" צום אָנדענק.

האָט זיך אין די דערפער אָנגעהויבן אַ ריכטיקע מלחמה צוליב ברויט: די שטאָט איז געקומען נעמען, דער פויער האָט ניט געוואָלט געבן, ווייל די געלט-פּאַפּירלעך האָבן כמעט קיין שום ווערט ניט געהאַט, און קיין סחורות האָבן די באַוואָפנטע „אָטריאַדן" אין דאָרף ניט מיט־געבראַכט.

די גוואַלטיקע „רעקוויזיציעס" (קאָנפיסקאַציע), וואָס פלעגן דורכ־געפירט ווערן אין די דערפער דורך די באַוואָפנטע „פּראָדאָטריאַדן" (פּראָדאָוואָלסטוועננע אָטריאַדן, ד. ה. באַשפּייזונג-גרופּן), האָבן געטריבן די פויערים אין די אָרעמס פון דער קאָנטר-רעוואָלוציע. צעראַבירטע דערפער מיט דערשאָסענע און פאַרוואונדעטע פלעגן זיך אָפט אָנשליסן אין אַנטי-סאָוועטישע באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס פון די „ווייסע". אין אוקראַינע האָט מען אָפט געהערט פון פויערים, אַז זיי זיינען באָל־שעוויקעס (דאָס הייסט אָנהענגער פון אָפּנעמען די ערד ביי די פּריצים), אָבער קיין קאָמוניסטן זיינען זיי ניט (דאָס הייסט, פירן קאָלעקטיווע באַלעבאַטישקייט און אָפּגעבן דאָס ברויט, דאָס ווילן זיי ניט).

די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע, וואָס האָט אָנגעהויבן איר באַרג־אַרויף אַלס אַ וואָרט-פירערין פון פויערישע האָפענונגען אויף אַ גיכער אַגראַר-רעוואָלוציע און אַלס אַ פאַרקערפּערונג פון פויערישער מלחמה־מידקייט, איז געוואָרן אין אַ געווויסן זינען אַ פויערים-פיינטלעכע קראַפט. זי האָט געוואָלט צונעמען ביי די פויערים זייער עקאָנאָמישע פרייהייט; זי האָט צוגענומען ביי זיי מיט גוואַלט, און פּאַקטיש אָן גע־צאָלט, זייערע דאָרפישע פּראָדוקטן.

די פויערים האָבן אויף דעם געענטפערט ניט נאָר מיט פּאָליטישער שנאה, זיי האָבן אויך געענטפערט אויף דעם מיט ע ק אָ נ אָ מ י ש ן ס אַ ב אָ ט אַ ז ש: זיי האָבן אויפגעהערט צו פּראָדוצירן זייערע דאָר־פישע פּראָדוקטן, ריכטיקער געזאָגט, זיי האָבן איינגעשרענקט די פּראָ־דוקציע אויף אַזוי פיל, אַז עס זאָל קלעקן נאָר פאַר דעם א י י ג ע נ ע ם ג ע ב ר ו י ך, און פאַר דער רעגירונג אין שטאָט זאָל קיין זאַך ניט בלייבן.

די דאָזיקע סאַבאָטאַזש-טאַקטיק פון די פויערים האָט אָנגענומען אַ באַזונדערס שאַרפע פאָרם דאַן, ווען די באָלשעוויסטישע לאַרינס האָבן זיך גענומען פאַר דער „רעגוליר̈ונג" און „פּלאַנירונג" ניט נאָר פון דער שטאָטישער אינדוסטריע, נאָר אויך פון דער לאַנדווירטשאַפט.

צו דער „סאָציאַליזאַציע" פון דער אינדוסטריע האָט זיך דער רו־סישער פויער בטבע באַצויגן גאַנץ גלייכגילטיק. פאַר אים איז געווען גאַנץ גלייך, צי די פאַבריקן אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, אין קיעוו און אין יעקאַטערינאָסלאַוו געהערן צו די פאַבריקאַנטן אָדער געפינען זיך אין די הענט פון די אַרבעטער אָדער פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג. די „שטאָט" האָט דער פויער בכלל איבערגעלאָזן צו די באָל־שעוויקעס, וואָס האָבן אים געגעבן די פּריצישע ערד. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געהאַט דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו באַלעבאַטעווען אין

דאָרף, לויט זיין פויערישן פאַרלאַנג, האָט אים ניט אינטערעסירט, וואָס עס קומט פֿאַר אין שטאָט. ווייל מען דאָרט „סאָציאַליזם", זאָל זיין סאָציאַליזם. דערהויפּט נאָר, אַז דער רוסישער פויער האָט, לויט זיין נאַטור, אַליין אויך פיינט געהאַט דעם קאַפּיטאַליסט, דעם פּראָצענטניק, דעם „קולאַק", דעם באַנקיר, דעם הענדלער. אויב די שטאָטישע אַרבעטער און די באָלשעוויסטישע רעגירונג ווילן אויסראָטן ביי זיך די „בורזשויעס", טאָ זאָלן זיי עס טאָן געזונטערהייט. דאָס איז זייער עסק.

אַזאַ מין צעטיילונג פון שטאָט און דאָרף האָט אָנגעהאַלטן אין רוסלאַנד אומגעפער אַ יאָר צייט: פון ווינטער 1917 ביז האַרבסט 1918. אין שטאָט האָבן די באָלשעוויקעס איינגעפירט פולשטענדיקן „סאָציאַליזם", האָבן צוגענומען ביי די באַנקירן די באַנקען, ביי די פאַבריקאַנטן — די פאַבריקן, ביי די סוחרים — די געשעפטן און האָבן אַפילו „נאַציאָנאַליזירט" אַלע קליינע געשעפטן, ביז צו די לאַטוטניקעס-שניידערס און שוסטערס און ביז צו די „באַרבער-שעפער". אין דער זעלביקער צייט איז אין דאָרף פאָרגעקומען אַ צעטיילונג פון דער פריצישער ערד, פון די פי, די פערד א. ד. גל., צווישן די איינצלנע פויערישע באַלעבאַטישקייטן. עס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די גרויסע פריצישע הויפן, עס זיינען צעבראָקלט געוואָרן אויך די רייכערע הויפן פון די פאַרמעגלעכע פויערים און אין רוסלאַנד זיינען אויפגעקומען, נאָך דער אַגראַר-רעוואָלוציע 1917—1918, אַרום 25 מיליאָן קליינע פויערישע הויפן, כמעט אַלע גלייכע, מיט אַ פּאָר אַקער ערד, מיט איין פערד, איין בהמה און אַז. וו.

ווי לאַנג אַזאַ מין גלייכהייט וואָלט געקאָנט אָנהאַלטן, קאָן מען ניט זאָגן. לויט דער דערפאַרונג פון די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון דעם דאָזיקן מיליאָנען-ים קליינע פויערישע באַלעבאַטישקייטן האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן רייכערע פויערים און אָרימערע פויערים. אָבער אין ערשטן יאָר נאָך דער פויערישער רעוואָלוציע איז די סאָציאַלע גלייכהייט אין דאָרף געווען זייער שטאַרק, און די פויערים זיינען געווען פון דעם זייער צופרידן, וואָרים דער פויער איז לויט זיין נאַטור אַ קליינבירגער, וואָס חלומט וועגן אַן אייגענער זעלבשטענדיקער ווירטשאַפט, — אַפילו ווען זי איז קליין, — וואָס וויל זיין אַן אייגענער באַלעבאָס, מיט אַן אייגענעם פערד, אַן אייגענעם וואָגן, אַן אייגענעם בייטש, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע באַלעבאַטים.

אָט דער אידעאַל פון דעם רוסישן פויער, צו וועלכן ער האָט געשטרעבט פאַר דער רעוואָלוציע און וועלכן ער האָט דערגרייכט גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, איז שטאַרק פאַרשטערט געוואָרן דורך דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק פון „קריגס-קאָמוניזם". ערשטנס, האָט די „שטאָט", ד. ה. די רעגירונג, געפאָדערט און גענומען ביי אים מיט גוואַלט זיינע פּראָדוקטן, ניט באַצאָלנדיק דערפאַר דעם ריכטיקן פרייז אין אינדוסטריע-סחורות, אין וועלכע דער פויער האָט זיך שטאַרק

געניייטיקט. צוווייטנס, האָט די סאָוועט־רעגירונג אין יענער צייט באַשלאָסן, אַז ניט נאָר די שטאָטישעווירטשאַפט, נאָר אויך די לאַנדווירטשאַפט אין דאָרף מוז געפירט ווערן לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דער רעגירונג, און עס זיינען באַשטימט געוואָרן אין די גובערניעס און אין די אויעזדן באַזונדערע „קאָמיטעטן", וואָס האָבן אָנגעוויזן די פויערים, וואָס צו זייען, ווען זיי דאַרפן שניידן און אַז. וו.. און עס איז באַשטימט געוואָרן לויטן געזעץ, אַז דער גאַנצער סכום פּראָדוקטן, וואָס דער פויער אַרבעט אויס אין זיין פעלד, אין זיין גאָרטן, אין זיין שטאַל, דאַרף אָפּגעגעבן ווערן צו דער רעגירונג, צו דער מלוכה, אַחוץ אַ באַשטימטע צאָל פּראָדוקטן, וואָס ער מעג לאָזן פאַר זיך, פאַר זיין משפּחה, און פאַר זיין ווירטשאַפט. און עס איז זייער גענוי באַשטימט געוואָרן וויפיל פּוד תבואה און וויפיל פונט פּוטער און וויפיל פונט פלייש יעדער פויער האָט דאָס רעכט צו נעמען פאַר זיך און פאַר זיין פאַמיליע.

2

דער רוסישער פויער און דער „קריגס־קאָמוניזם"

לויט די דאָזיקע דעקרעטן האָט דער פויער פאַקטיש אויפגעהערט צו זיין אַ באַלעבאָס אויף זיין אייגענער ערד, אַ פרייער פּראָדוצירער. ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער ביי דער מלוכה, אַ דאָרף־קנעכט, וואָס האָט קיין אייגענעם ווילן ניט און האָט קיין שליטה ניט איבער זיין אייגענער באַלעבאַטישקייט.

אָט די צוויי גזירות פון דער סאָוועט־רעגירונג, — די גוואַלטזאַמע רעקוויזיציעס פון פּראָדוקטן און די אַריינמישונג פון דער מלוכה אין זיין ווירטשאַפטלעכער פרייהייט, — האָבן אַרויסגערופן אַ גוואַלטיקע אומצופרידנקייט אין די גרויסע מאַסן פון דעם רוסישן פויערים־קלאַס.

אין 1918—1919 זיינען אין רוסלאַנד פאָרגעקומען הונדערטער אויפשטאַנדן און באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן אין אַלע עקן לאַנד. אין טאַמבאָווער גובערניע האָט חדשים־לאַנג געהערשט אַן אמתער בירגערקריג צווישן די פויערים און דער רעגירונג. דער קריג האָט ניט געטראָגן קיין פּאָליטישן כאַראַקטער און האָט גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט דעם אמתן בירגער־קריג וואָס איז פאָרגעקומען אין מזרח־רוסלאַנד אויף דער וואָלגאַ, — דאָס איז געווען אַ פויערים קריג קעגן „קאָמוניזם אין דאָרף".

אין די שטעט האָט אָנגעהויבן צו הערשן אַ שטאַרקער הונגער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די רעגירונג האָט גענומען אויף זיך די פליכט צו דערנערן די באַפעלקערונג. עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן שפּייזקאַרטעס, ברויט־קאַרטעס, שיך־קאַרטעס, פּוטער־קאַרטעס, מילך־קאַרטעס פאַר קינדער, א. אַז. וו.. אָבער די קאַרטעס האָט מען דאָך ניט גע־

קאָנט עסן אָדער טרינקען, און קיין פּראָדוקטן זיינען ניט געווען. אין מאָסקווע, פּעטערבורג, און אין די אַנדערע גרויסע שטעט האָבן די געווינטלעכע בירגער באַקומען אַ פערטל פונט שוואַרצע ברויט אַ טאָג, און די אַרבעטער פלעגן באַקומען אַ האַלבן פונט אָדער דריי־פערטל פונט, און דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מען האָט באַקומען פון דער „סאָציאַליסטישער מלוכה“. קויפן ברויט אָדער פּראָדוקטן אַחוץ די קאַרטעס האָט מען, ערשטנס, ניט געטאָרט לויטן געזעץ, ווייל דאָס האָט געהייסן „ספּעקולאַציע“ און דערפאַר האָט געקומט שטראָף און אַמאָל טויט־שטראָף, און, צווייטנס, האָט מען פּשוט ניט געקאָנט, ווייל עס איז ניט געווען מעגלעך צו ברענגען די פּראָדוקטן פון דאָרף. דער „פרייער האַנדל“ איז געווען פאַרבאָטן, און די פּויערים האָבן ניט געטאָרט פאָרן אין שטאָט מיט זייערע פּראָדוקטן אויפן מאַרק. אומעטום, אויף אַלע אייזנבאַנען, אויף אַלע וועגן אַרום יעדער גרויסער שטאָט, זיינען געשטאַנען באַוואָפנטע סאָלדאַטן („זאַגראַדיטעלניע אָטריאַדי“), וואָס פלעגן דורכזוכן אַלע פּויערישע וואָגנס, אַפילו די איינצלנע פּויערים און פּויערטעס, וואָס פלעגן פאָרן מיט זעק אין שטאָט אַריין, און פלעגן קאָנפיסקירן אַלע שפּייז־מיטלען. דאָס האָט געהייסן: „קאַמף קעגן ספּעקולאַציע“.

אָבער מענטשן האָבן די טבע, אַז זיי ווילן ניט שטאַרבן פון הונגער. פלעגן, ניט געקוקט אויף אַלע פאַרבאָטן און געפאַרן, די שטאָטישע איינוואוינער דאָך אַרויספאָרן אין די דערפער, אַמאָל אַזוי ווייט ווי צען, צוועלף שעה אָדער נאָך מער, און פלעגן זיך אַוועקלאָזן איבער די דערפער, ווי סטאַדעס הונגעריקע היישעריקן. קיין געלט פלעגט מען ניט מיטנעמען, ווייל די פּויערים האָבן ניט געוואָלט נעמען ניט די סאָוועטישע פּאַפּירלעך און ניט אַפילו די „קערענקעס“. פּראָדוקטן פלעגט מען אַזוי־אַרום ניט קויפן, נאָר אויסטוישן. „סחורות־אויסטויש“ הייסט אויף רוסיש „טאָוואַראָ־אָבמיען“, אָבער דער פאָלקס־וויץ האָט געמאַכט דערפון „טאָוואַראַ־אָבמאַן“ (סחורות־אָפּנאַרעריי). גאָלדענע רינגעלעך, זיידענע טיכער, זייגערלעך, בריוועלעך נאָדלען, באַוול און זעקלעך זאַלץ, — דאָס זיינען געווען די בעסטע סחורה אויף אויסצוטוישן אין דאָרף און צו באַקומען דערפאַר פון די פּויערים אַ זעקל מעל, אַ לאַבן געבאַקענע ברויט, אַ זעקל גרויפּן אָדער אַ זאַק קאַרטאָפל. אַמאָל פלעגט מען מיטנעמען אַ מאַנטל אָדער אַ פּאָר הויזן, אָדער גאָר אַ גראַמאָפאָן. דאָס איז געווען די בעסטע סחורה. אָבער עס איז געווען ניט גענוג צו ברענגען אין דאָרף די שטאָטישע סחורות און איינהאַנדלען דאָס זעקל מעל אָדער דעם זאַק קאַרטאָפל (אָדער אפשר גאָר אַמאָל אַ טאָפּ געשמאָלצענע פּוטער). דער הויפּט־קונץ איז געווען צו ברענגען די דאָזיקע פּראָדוקטן אין שטאָט אַריין, אָפּצונאַרן די וואַכזאַמקייט פון די אָטריאַדן, וואָס האָבן געהיט אַלע וועגן און אייזנבאַנען אַרום דער שטאָט. ווען דער צוג פלעגט צוקומען צו דער סטאַנציע, וואו עס זיינען געשטאַנען די אָטריאַדן, פלעגן באַוואָפנטע סאָלדאַטן מיט ביקסן אַרויפשפּרינגען צו די טירן און קיינעם ניט אַרויסלאָזן, ביז וואַנען אַלע וואַגאָנעס זיינען

ניט דורכגעזוכט געוואָרן. מען פלעגט דורכזוכן אַלע זעק, אַלע פּעקלעך, אַלע קעסטלעך, די קעשענעס, די קליידער, אונטער די קליידער, אונטער די בענק, אויף די בענק, און יעדעס מאָל, ווען די סאָלדאַטן פלעגן אַרויס־שלעפּן פון אַ באַהאַלטענעם ווינקל אַ זעקל מעל, אָדער גרויפּן, אָדער אַ שטיק שמאַלץ (סאַלע), פלעגט זיך אויפהויבן אַ געוויין און אַ געיאָמער און אַ ליאַרעם, און עס פלעגן פאָרקומען האַרצרייסנדיקע סצענעס. אַמאָל אויך געשלעגן און שיסערייען. יעדער טרעין, וואָס פלעגט קומען קיין מאָסקווע, פלעגט זיין אַ סצענע פון הונדערטער קליינע מענטשלעכע טראַגעדיעס.

אָבער ניט געקוקט אויף אַלע פאַרפאָלגונגען און אַלע שוועריקייטן, האָט אַן אַרמיי פון צענדליקער טויזנטער „מיעשאָטשניקעס" (מענטשן מיט זעק) געוואַנדערט איבער די דערפער, און מען האָט שטענדיק גע־פונען ווענן און קונצן אויף אָפּצונאַרן די „אָטריאַדן". אַלץ אָפטער און אָפטער פלעגט מען די „אָטריאַדן" פּשוט אונטערקויפן, און צווישן די באַ־וואָפנטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן „געקעמפט קעגן דער ספּעקולאַציע", האָט אָנגעהויבן צו הערשן אַ שרעקלעכע קאָרופּציע און ספּעקולאַציע. מען פלעגט די קאָמיסאַרן אונטערקויפן מיט געלט, מיט אַליין־געמאַכטע בראָנפן („סאַמאָגאָנקע"), מיט פּראָדוקטן, און אַ שטראָם פון „אומלע־גאַלע" שפּייז־פּראָדוקטן פלעגט זיך דאָך אַריינגיסן אין מאָסקווע, פּע־טערבורג און אַנדערע גרויסע שטעט. און דאָס האָט הונדערטער טויזנ־טער מענטשן געראַטעוועט פון הונגער און טויט.

אין יעדערער פון די גרעסערע שטעט האָט זיך געבילדעט, מיט דער צייט, אַן אומלעגאַלער „שוואַרצער מאַרק". אין מאָסקווע איז דאָס גע־ווען די באַרימטע „סוכאַרעווקע" (סוכאַרעווער פּלאַץ), און דאָס דאָ־זיקע וואָרט איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַר דעם אומלעגאַלן האַנדל אין רוסלאַנד.

אויף דער מאָסקווער סוכאַרעווקע פלעגן שטיין טויזנטער מענטשן, וואָס פלעגן קויפן און פאַרקויפן פּראָדוקטן. אַ פערטל מיט אַ לעבל ברויט, אָדער אַ צענדליק עפּל; אַ פאַרמערקע מיט אַ טאָפּ סמעטענע, אָדער אַ פּאָר פונט פוטער; אַ בוטשער מיט אַ שטיק פלייש, וואָס ער האָט גערופן „קאַלבס־פלייש", און וואָס אין דער אמתן איז דאָס געווען דאָס רוב פערד־פלייש פון יונגע פערד. אַמאָל איז דאָס פערד־פלייש געווען גאַר טונקל און דאַר, — דאָס זיינען געווען שטיקער פלייש פון געפּגרטע פערד, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין ווינטער 1918—1919 אין די גאַסן פון מאָסקווע. אויף דער זעלבער סוכאַרעווקע זיינען גע־שטאַנען אויך געוועזענע „בורזשויקעס", פרויען פון אַמאָליקע רייכע אָדער אינטעליגענטע פאַמיליעס, און פלעגן פאַרקויפן זייערע פעלץ־מאַנטלען אָדער זיידענע קליידער, אָדער חתונה־רינגען. אַ טויזנט־קע־פּיקער המון פלעגט זיך צוזאַמענקלייבן אויף דעם סוכאַרעווער מאַרק, און די „טשעקאַ" פלעגט זיך מאַכן דאָס רוב ניט זעענדיק, וואָרים די באָלשעוויקעס אַליין האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אַן דער סוכאַ־

רעוואָלט די מאָסקווער באַפעלקערונג בכלל געמוזט אויסשטאַרבן פון הונגער; אַמאָל פלעגט די „טשעקאַ" מאַכן אַן אָבלאַווע, מיט שי־סערייען, געשלעגן, אַרעסטן. דער המון פלעגט זיך צעלויפן, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום פלעגט די סוכאַרעווקע ווידער זיין געפּאַקט. עס זיינען אָבער געווען גענוג הונגעריקע פּנימער מיט איינגעפאַלענע באַקן, פּוסטע אויגן און ציטערנדיקע הענט אויף די גאַסן פון מאָסקווע.

די רוסישע אינדוסטריע איז געפאַלן אַזוי טיף, אַז עס איז פּראָדו־צירט געוואָרן ניט מער ווי פערצן-פופצן פּראָצענט פון דער פריערדי־קער נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע. אויך די לאַנדווירטשאַפט איז געפאַלן זיי־ער שטאַרק — כמעט אויף העלפט. וואָרים וואָס פאַר אַן אינטערעס האָבן די פּויערים געהאַט צו פּראָדוצירן מער, ווען די רעגירונג האָט ביי זיי סאַי-ווי-סאַי אַלץ צוגענומען און געלאָזן נאָר אַ פּאָר פּוד ברויט, אַ פּאָר פונט פּוטער און אַ פּאָר זעק קאַרטאָפל פאַר זייער אייגענעם געברויך?

האָבן טאַקע די פּויערים אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן אויף זייערע פעלדער און גערטנער נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט פאַר זייער אייגענער באַשפּייזונג. ווען עס פלעגן קומען צו זיי די „פּראָדאַטריאַדן" (די רעקוויזיציע-סאָלדאַטן), כדי אָפּצונעמען דעם „איבערפלוס" פון זיי־ער פּראָדוקציע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיין שום איבערפלוס איז ניטאָ, און אַלץ וואָס זיי האָבן אין שפּייכלער איז נאָר יענער מינימום פּראָדוקטן, וואָס קומט זיי לויטן געזעץ פאַר זייער אייגענעם געברויך.

קעגן אַזאַ מין סאַבאָטאַזש האָט די רעגירונג קיין זאַך ניט געקאָנט אויפטאָן. דער עיקר, אַז דער סאַבאָטאַזש איז געווען ניט קיין אָרגאַ־ניזירטער, נאָר אַ סטיכישער און אַ נאַטירלעכער.

אַזוי-אַרום איז רוסלאַנד אַריין עקאָנאָמיש אין אַ פּעריאָד פון אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע. די צאָל פּראָדוקטן אין גאַנצן לאַנד איז געוואָרן מינימאַל. ווען מיט צוויי יאָר שפּעטער איז געקומען אַ שטאַר־קע טריקעניש און אומגערעטעניש, זיינען אין לאַנד קיין שום שפּייז־רעזערוון ניט געווען, און עס איז אויפגעקומען דער שרעקלעכער הונגער פון 1921, פון וועלכן עס זיינען אויסגעשטאָרבן אַרום פינף מיליאָן נפשות. די דאָזיקע הונגער-קאַטאַסטראָפע איז געווען אַ דירעקטער רע־זולטאַט פון יענער פּאָליטיק פון „מיליטערישן קאָמוניזם", וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן פּרובירט איינפירן אין די יאָרן 1918, 1919 און 1920.

אָבער די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער פּאָליטיק זיינען געווען ניט נאָר עקאָנאָמישע. אויך אויפן פּ אָ ל י ט י ש ן געביט האָט דער „קריגס־קאָמוניזם" געבראַכט צו זייער געפערלעכע און קאַטאַסטראָפאַלע רע־זולטאַטן.

די „ווייסע" באַוועגונג, די קאָנטער-רעוואָלוציע פון די צאַרישע גע־נעראַלן, אָפיצערן, פּריצים און דעם הייפל קאַפּיטאַליסטן, האָט אייגנט־לעך ניט געהאַט קיין שום שאַנסן אויף אַ ממשותדיקן דערפאָלג. וואָרים וועלכע פאָלקס-מאַסן וואָלטן אונטערגעשטיצט די דאָזיקע באַוועגונגען?

די הונדערט מיליאָן פויערים, וועלכע האָבן גענאָסן פון דער אַגראַר־רעוואָלוציע, פון דער עקספּראָפּריאירונג פון די פּריצישע מאַיאָנטקעס, זיינען דאָך זיכער ניט געווען געניגט צו קאָנטר־רעוואָלוציע. וואָרים די קאָנטר־רעוואָלוציע איז דאָך געווען דווקא קעגן זיי; זי האָט דאָך געהאַט דעם צוועק דווקא פון די פויערים צוצונעמען צוריק די פּריצישע ערד! וועגן די אַרבעטער און דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ איז דאָך אָפּגערעדט: זיי האָבן דאָך געווים ניט געהאַט קיין שום אינטערעס אין קאָנטר־רעוואָלוציע, ד. ה. אין דער ווידעראויפשטעלונג פונם פּריציש־צאַריסטישן רעזשים. זיינען געבליבן בלויז געוויסע טיילן פון דער בורזשואַזיע און דער קאָנסערוואַטיווער קליין־בורזשואַזיע אונטער דער אָנפירונג פון די אויבערשטע שיכטן פון דער צאַרישער אַרמיי. אָבער דאָס איז געווען אַ נישטיקע קראַפט, וואָס האָט ניט געהאַט ניט קיין אָרגאַניזאַציע, ניט קיין אידעאָלאָגיע, ניט קיין מאָראַלישן איינפלוס אין לאַנד און ניט קיין אָנשפּאַר אין די וויכטיקסטע פאָלקס־מאַסן. מיט אַט די גרופּקעס וויסע אָפיצירן, רעאַקציאָנערע „מיעשטשאַנעס" אָדער קאַפּיטאַליסטן וואָלט געקאָנט זייער גרינג פאַרטיק ווערן אַ רעגירונג, וואָס האַלט אין אירע הענט די גרויסע שטעט, די אייזנבאַנען, די פאַבריקן, די באַנקען, די גאַנצע פאַרבינדונגען און דעם גרעסטן טייל מיליטער.

אָבער די שוואַכע קאָנטר־רעוואָלוציע האָט באַקומען אַ גוואַלטיקע אונטערשטיצונג מחמת דער באָלשעוויסטישער פּאָליטיק פון מיליטעריש־ן קאָמוניזם. איך האָב שוין דערמאָנט, אַז אין אַ ריי שטעט און געגנטן האָט די פאַלשע פּאָליטיק פון דער סאָוועט־רעגירונג אַפילו אַ טייל פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער געשטויסן צו אַן אויפשטאַנד קעגן דעם סאָוועטישן רעזשים. און נאָך מער צאָרן און פּראָטעסט האָט די דאָזיקע פּאָליטיק אַרויסגערופן אין דאָרף. גאַנצע דערפער און אויעזדן, וואָס זיינען פריער געווען פאַרברענטע באָלשעוויקעס, זיינען אַריבער אין די רייען פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע און האָבן אונטערגעשטיצט די „ווייסע" באַוועגונג. און די רעאַקציאָנערן האָבן זייער געשיקט אויסגענוצט די אומצופרידנקייט פון די פויערים. אָבער ווען צו די „ווייסע" גענעראַלן זיינען צוגעשטאַנען צענטליקער טויזנטער פויערים, זיינען די נישטיקע ווייסע אַרמייען געוואָרן אַ גרויסע און געפערלעכע קראַפט. און עס איז געווען כאַראַקטעריסטיש: אומעטום, וואו ס'פלעגן זיגן די „רויטע" און וואו עס פלעגט אויפגעשטעלט ווערן דער סאָוועטישער רעזשים מיט זיינע קאָמוניסטישע געזעצן, פלעגן תיכף פאַרשוואונדן ווערן אַלע פּראָדוקטן, אַלע סחורות, און עס פלעגט אויפקומען אַ הונגער; און ווי נאָר אַ געגנט פלעגט איינגענומען ווערן פון די „ווייסע" אַרמייען, פלעגן זיך דאָרט גלייך באַווייזן ברויט און מילך און פּוטער און פלייש און אַנדערע סחורות, און די באַפעלקערונג פלעגט האָבן וואָס צו עסן און פון וואָס צו לעבן. אמת, צוזאַמען מיט דער זאַטקייט פלעגט די ווייסע אַרמיי ברענגען מיט זיך אויך פּאָליטישע רעאַקציע, אַנטיסעמיטיזם, קאָנטר־רעוואָלוציע.

די פּאָליטישע שטימונגען פון די פויערים האָבן זיך דעריבער אין יענע יאָרן געוואַקלט אַהין און אַהער, ווי דער פּערפּענדיקל פון אַ זייגער. די אומצופרידנקייט מיט דער סאָוועט־רעגירונג פלעגט טרייבן די פויערים צו די „ווייסע". אָבער ווי נאָר עס פלעגן זיגן די „ווייסע", פלעגט צוזאַמען מיט דער עקאָנאָמישער דערלייכטערונג זיך באַווייזן אָפּיצערן מיט גאָלדענע עפּאָלעטן, פּריצים, צאַרישע אָכראַנע, און מען פלעגט פּרובירן אָפּנעמען צוריק די ערד און די הייזער ביי די פויערים; פלעגן די פויערים דערזען, אַז עס קערן זיך אום צוריק די צייטן פון צאַריזם, פלעגן זיי ווערן איבערגעשראָקן און אומצופרידן, און פלעגן דאָס רוב זיך ווידעראַמאָל אַ דריי־טאָן צו די „רויטע". פלעגן אָבער די „רויטע" זיגן, פלעגן זיך ווידער אָנהויבן די „פּראָדאָטריאַדן", די דערשיסונגען, „קאַמף קעגן ספּעקולאַציע" און קאָמוניסטישע דעקרעטן, און ווידער פלעגט אויפקומען אַ פּראָטעסט קעגן דער סאָוועט־רעגירונג.

פיר, פינף, זעקס מאָל און נאָך מער, זיינען אין לויף פון די יאָרן 1918—1920 אין פאַרשיידענע געגנטן די פויערים אַריבערגעגאַנגען פון „ווייס" צו „רויט" און פון „רויט" צו „ווייס". אין דער אוקראַינע זיינען געווען „גליקלעכע" שטעט, ווי קיעוו אָדער יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו עס האָבן זיך געביטן פאַר די דאָזיקע יאָרן אַכצן אָדער צוואַנציק „רעגירונגען".

סוף־כל־סוף האָבן געזיגט די „רויטע", וואָרים נאָך פיל דערפאַרונגען און ענדערונגען האָבן די פויערים דאָך איינגעזען, אַז אויב עס זאָל ענדגילטיק זיגן די „ווייסע" רעאַקציע, וועט מען ביי זיי די פּריצישע ערד צונעמען; און ווען עס זיגן די „רויטע", וועט מען ביי זיי אָפּנעמען דאָס ברויט, — אָבער די ערד וועט מען דאָך ביי זיי לאָזן, און ערד איז סוף־כל־סוף פאַר דעם פויער וויכטיקער ווי ברויט.

די רוסישע פויערים האָבן אין יענעם מאָמענט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט פאָראויסזען, אַז עס וועט שפּעטער קומען אַ צייט, ווען די „רויטע" וועלן ביי זיי צונעמען אי די תבואה, אי די ערד (דורך דער קאָלעקטיוויזאַציע אין 1929—1930). אָבער דאָס איז שוין אַ שפּעטערדיקע זאַך. אין דעם פּעריאָד, וועגן וועלכן איך שרייב, איז געווען וויכטיק, אַז די פּאָליטיק פון מיליטערישן קאָמוניזם איז געווען דער וואָרצל אי פון אַן עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע, אי פון אַ שרעקלעכער פּאָליטישער געפאַר אין דער פאָרם פון בירגער־קריג. די גאַנצע רוסישע רעוואָלוציע איז יעמאָלט געשטאַנען אויפן שוועל פון פולשטענדיקער נידערלאַגע און דאָס אַלץ צוליב דער פּאָליטיק, וואָס עס האָט געפירט די באָלשעוויסטישע רעגירונג.

אָט דאָס האָט באַשטימט די האַלטונג פון די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן בנוגע צו דער סאָוועט־רעגירונג אין די יאָרן 1918—1919.

3

ווינטער 1918—1919. — מיין אָפּעראַציע

אין טורמע בין איך קראַנק געוואָרן אויף אַ מאָגן-קראַנקהייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ שטאַרקן בלוט-פאַרלוסט, און דאָס האָט מיך זייער אָפּגעשוואַכט. איך האָב, אַרויסגייענדיק פון דער טורמע, זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַזאַ אימפּעט אין דער פּאָליטישער אַרבעט, אַז איך האָב ניט געהאַט פּשוט קיין צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן מיין געזונט. אַחוץ דער פּאָליטישער אַרבעט, איז געווען סתם אַרבעט, — אויף צו פאַרדינען. איך האָב, אַחוץ די רעוואָלוציע-יאָרן 1905—1907, קיין מאָל ניט באַקומען קיין פּאַרטיי-געהאַלט און האָב זיך צוגעוואוינט צו פאַרדינען מיין חיונה דורך נ י ט-פּאָליטישער אַרבעט. אין ווילנע בין איך געווען אַ לערער. אין ווין האָב איך געאַרבעט אין אַ פּאַטענט-ביוראָ אַלס אינזשענער. האָב איך אויך אין מאָסקווע געזוכט צו באַ-קומען אַרבעט. און דאָ איז אויפגעקומען דער פּראָיעקט אַרויסצוגעבן די רוסישע איבערזעצונג פון מאַרקסעס געשיכטס-ווערק, פון זיינע צייטונגס-קאָרעספּאָנדענצן (אין די 60-קער און 70-קער יאָרן) אין דער „ניו יאָרק טריביון” פון דאַנאַ, און זיין באַרימטן בריוו-אויסטויש מיט פרידריך ענגעלס. דאָס זיינען געווען אַ צענדליק דיקע בענד. און פאַר דעם האָט זיך געפונען אַ גוטער אַרויסגעבער: דאָס איז געווען דער מאַרקס-ענגעלס אינסטיטוט, בראש פון וועלכן עס איז יעמאָלט גע-שטאַנען מיין גוטער פריינט ר י אַ ז אַ נ אָ ו. האָבן מיר אָפּגעמאַכט אַזוי: איך האָב אָרגאַניזירט אַ גרופּע געבילדעטע חברים, גענייטע אי-בערזעצער און גוטע קענער פון מאַרקסן, און האָב גענומען אויף זיך די ערשטע רעדאַקציע פון דעם טעקסט. די אַריינפירן ,די וויסנשאַפטלעכע באַמערקונגען און די ענדגילטיקע רעדאַקציע האָט געזאָלט באַזאָרגן ריאַזאַנאָוו אַליין. אַזוי-אַרום איז די גאַנצע גרופּע חברים באַזאָרגט גע-וואָרן מיט אַן אינטערעסאַנטער און גוט-באַצאָלטער אַרבעט, וואָס איז אונדז אַלעמען געווען שטאַרק צום האַרצן.

די אַרבעט איז געווען אַן אָנגענעמע. דער „באָס” (ריאַזאַנאָוו) איז געווען אַן אנגענעמער הגם אַ „קאַפּריזנער” חבר. אָבער צייט איז גע-ווען גאָר ווייניק צוליב דער פּאָליטישער אַרבעט: זיצונגען, רעדאַקציע, מיטינגען, מאַסן-פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, זיצונגען פון סאָוועט, קאָנ-גרעסן, בונדישע זיצונגען א. ד. גל.; אַחוץ דעם די רעדאַקציע פון מאַרקס-ענגעלס און די אידישע ענציקלאָפּעדיע, וואָס האָט זיך יעמאָלט אָנגעהויבן. אָט די אַרבעט וואָלט געווען איבער גענוג פאַר אַ געזונטן מענטשן אין נאָרמאַלע צייטן. די צייטן זיינען אָבער געווען ניט-נאָר-מאַל, גאָר ניט נאָרמאַל, און איך בין געווען קראַנק.

מיר האָבן באַקומען אין מאָסקווע אַ גוטע דירה אין אַ גוטער מאָדערנער הויז, אויף אַרבאַט 51. דאָס איז געווען אַ נייע הויז, מיט אַן

עלעוועיטאָר, מיט דאַמף־הייצונג (סטים־היט), מיט עלעקטרישער באַלייכטונג, מיט אַ באָד־צימער, און — וואָס אין מאָסקווע איז דאָס יעמאָלט גאָר געווען אַ גרויסע זעלטנקייט — מיט אַ גאַז־קיך און אַ גאַז־אויוון אין באָד־צימער. די וואוינונג האָב איך באַקומען דורך אַ צופאַל פון אַ חבר, אַ בונדיסט, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע קיין סיביר אויף אַ שטעלע. און אין דער ערשטער צייט זיינען מיר געווען גליקלעך, וואָס מיר האָבן באַקומען אַזאַ מאָדערנע וואוינונג מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן.

אָבער ווען עס איז געקומען דער ווינטער 1919 (און שפּעטער דער „באַרימטער" ווינטער 1919—1920), און די עלעקטריע האָט ניט געאַרבעט, און די גאַז־סטאַנציע האָט זיך פאַרמאַכט, האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז אַלץ, וואָס איז פריער געווען אַ ברכה, איז איצט געוואָרן אַ קללה: דער עלעוועיטאָר איז ניט געגאַנגען, און מיר האָבן געמוזט קריכן צו־פוס אויפן 7־טן שטאָק; די קיך האָט מען ניט געקאָנט הייצן, ווייל קיין גאַז איז ניט געווען, און קיין געוויינטלעכן האָלץ־אויוון, ווי אין די „פשוטע" הייזער, האָבן מיר אין אונדזער הויז ניט געהאַט. דאָס באָד־צימער האָט מען ניט געקאָנט באַנוצן, ווייל קיין וואַרימע וואַסער איז ניט געווען, און דער גאַז־אויוון האָט אַ טבע, אַז אָן גאַז וויל ער ניט ברענען. אויך די דאַמף־הייצונג האָט ניט געאַרבעט (ניט געווען קיין קוילן). זיינען די ווענט פון הויז אַזוי שטאַרק דורכגעפראָרן געוואָרן אין ווינטער, אַז עס האָבן געפּלאַצט די וואַסער־רערן. האָט מען געמוזט וואַסער שלעפּן פון ברונים אין עמערס אויפן 7־טן שטאָק. און דער טאָילעט האָט אָן וואַסער אויך ניט געוואָלט אַרבעטן, האָט מען געמוזט אין די פּרעסט גיין אין הויף . . . אַלץ איז שרעקלעך פאַרנאַכלעסיקט און פאַרשמוצט געוואָרן אין אונדזער מאָדערנער הויז.

צו עסן האָבן מיר באַקומען אַ פערטל פונט שוואַרצע ברויט אַ טאָג פאַר יעדן פון אונדז. די ברויט איז געווען אויף אַ העלפט געמאָלענע שטרוי, און שפּיציקע שטיקלעך שטרוי אין שפּריי פלעגן בלייבן שטעקן אין מויל און אין האַלדז.

אַ שטיקל פלייש האָט מען געמוזט קויפן אויף דער „סוכאַרעווקע", און דאָס רוב איז דאָס געווען פערד־פלייש. איך האָב דאָס געגעוואוסט, ווייל מיך האָבן די הענדלער ניט געקאָנט אָפּנאַרן (איך האָב אַן אומנאָרמאַל־שאַרפן חוש הריח, און פערד־פלייש האָט אַ באַזונדערן כאַראַקטעריסטישן ריח), אָבער איך האָב זיך געלאָזט אָפּנאַרן, ווייל די קינדער האָט מען אין גאַנצן אָן פלייש ניט געקאָנט לאָזן. איך אַליין האָב קיין פערד־פלייש קיין מאָל ניט געקאָנט עסן, הגם איך עס אַלערליי אומגעוויינטלעכע זאַכן, אָבער מיין פרוי פלעגט אַמאָל יאָ עסן פלייש, ווען זי פלעגט דענקען, אַז דאָס איז קאַלב־פלייש, — און איך פלעג איר ניט אַנטוישן.

מיין געזונט איז אָבער פון אַזאַ מין לעבן און פון דער „דיעטע" ניט געוואָרן בעסער. איך האָב פאַרלאָרן אַזוי פיל בלוט, אַז איך האָב קוים

געקאָנט זיך האַלטן אויף די פיס. אַרויפגיין אויפן 7־טן שטאָק צו־פוס, און דערצו נאָך אַמאָל מיט אַן עמער וואַסער אָדער אַ בינטל שווערע נאַסע האָלץ, איז געווען פאַר מיר אַ גוואַלטיקע אָנשטרענגונג. אַפילו דאָס אַרומפאָרן איבערן שטאָט אין די סטריט־קאַרס (טראַמוואַי) איז געווען אין יענע צייטן אין מאָסקווע אַ שווערע שטיקל אַרבעט. די קאַרס זיינען געגאַנגען זעלטן (געווען ניט גענוג עלעקטרישע קראַפט) און די וואַגאָנען פלעגן זיין שרעקלעך איבערגעפּאַקט. מענטשן פלעגן הענגען אויף די טרעפּ, אויף די בוקסירן, האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאַר די גראַטעס פון פּלאַטפאָרם. און אָט צוויי מאָל, הענגנדיק אַזוי אויף איין האַנט, האָב איך זיך ניט געקאָנט גוט אָנהאַלטן און בין פון סטריט־קאַר אַראָפּגעפאַלן אויף דער גאַס. צום גליק איז געווען פיל שניי, און איך האָב זיך ביידע מאָל ניט צעקאַליעטשעט. עס איז אָבער געוואָרן קלאָר, אַז אַזוי קאָן איך ווייטער ניט לעבן.

בין איך אַוועק צו דאָקטוירים, און זיי האָבן געהייסן מאַכן אַן אָפּעראַציע. אָבער אַן אָפּעראַציע איז שוין יעמאָלט, אין יאַנואַר־פעברואַר 1919, געווען אַ שווערער ענין. ניט געווען אין די שפּיטאָלן קיין מעדיקאַמענטן, ניט קיין וואַטע, ניט קיין אַנעסטעזיע־שטאָפן, ניט קיין הייצונג, ניט קיין וועש, ניט קיין עסן. אַן ערנסטע אָפּעראַציע האָבן די פּראָפעסאָרן אין אַזאַ צייט ניט געוואָלט מאַכן, און מיין אָפּעראַציע איז געווען אַן ערנסטע מחמת מיין אַלגעמיינער שוואַכקייט.

סוף כל סוף האָט דער באַרימטער פּראָפעסאָר פּלעטנעוו, וואָס האָט מיך באַהאַנדלט, דאָך באַשלאָסן, אַז מ'מוז אָפּערירן. פּלעטנעוו איז יעמאָלט געווען אַ „קאַדעט", און האָט מיך באַטראַכט פאַר אַ האַלבן באָלשעוויק.

„אָ, יאָ, איך האָב אייך געהערט אויף אַ פאַרזאַמלונג", — האָט מיר פּלעטנעוו דערקלערט, ווען איך בין צו אים דאָס ערשטע מאָל געקומען. — יאָ, יאָ, איר רעדט גאַנץ פיין, איך האָב געהערט פיל גוטס וועגן אייך. אָבער" . . .

„אָבער וואָס, פּראָפעסאָר?" — פרעג איך אים מיט אַ שמייכל.

„יאָ, מיר קאָנען ניט ווערן קלוג, צי זייט איר פאַר די באָלשעוויקעס, אָדער קעגן זיי".

„נו, און איר אַליין, פּראָפעסאָר?"

„אָ, זיי רופן מיך, איך זאָל מיט זיי אַרבעטן. איר זעט, זיי האָבן מיר געלאָזן מיין גרויסע דירה, און זיי האָבן אַפילו ניט קאָנפיסקירט די טייערע בילדער, וואָס הענגען ביי מיר אויף די ווענט. אָבער צי קאָן אַ פרייער וויסנשאַפטס־מאַן אַרבעטן אונטער אַ דיקטאַטור, און דערצו נאָך אונטער אַ דיקטאַטור פון כאַמעס?"

איך געדענק שוין ניט מיט וואָס עס האָט זיך געענדיקט אונדזער פּאָליטישער געשפּרעך. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז פּלעטנעוו געוואָרן דער הויפּט־דאָקטאָר פון קרעמל און פון אַלע באָלשעוויסטישע

גדולים. ער איז געוואָרן אויך אַ נאָענטער פריינט פון דעם גע־פע־או־
פירער י אַ ג אָ ד אַ. אָבער ווען יאַגאָדאַ איז געפאַלן אין איינעם פון די
מאָסקווער פּראָצעסן, איז אויפן משפט דערשינען אויך פּלעטנעוו, אַלס
מענטש וואָס האָט כלומרשט געהאָלפן פ אַ ר ס מ ע ן ב אָ ל ש ע -
ו ו י ס ט י ש ע פ י ר ע ר ! . . . אויף וויפיל איך געדענק, האָט ער זיך
אין אַלץ „מודה געווען”, און מען האָט אים דערשאָסן.

אָבער אין ווינטער 1919 האָט ער מיר געגעבן אַ גוטע מעדיצינישע
עצה. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מען זאָל מיך אָפּערירן, און דער באַ־
וואוסטער כירורג מאַרטינאָוו האָט געמאַכט די אָפּעראַציע אין דעם
פּריוואַטן קליניק פון דר. באַקונין, — אָט טאַקע פון דער באַרימטער
פאַמיליע באַקונינס.

די אָפּעראַציע איז געווען אַ שווערע, מיט קאָמפּליקאַציעס, און ווען
איך בין אַרויס פון געפאַר, בין איך געווען אַזוי שוואַך, אַז איך האָב אַ
לאַנגע צייט ניט געקאָנט אויפשטיין.

איז געבליבן, אַז מען זאָל מיך אָפּפירן אין אַ סאַנאַטאָריום. האָט
ריאַזאַנאָוו, דער געטרייער פריינט, אויסגעפועלט, אַז מען זאָל מיך,
אַלס זיינעם אַ וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער, אַריינעמען אין אַ סאָ־
וועט אָפּרו־הויז פאַר געלערנטע, און ריאַזאַנאָוו האָט מיך אַליין אַהין
אַוועקגעפירט אין זיין אויטאָמאָביל, אַן אַלטן פאָרדל אויף הויכע רעדער
(די דירעקטאָרן פון וויכטיקע אַנשטאַלטן האָבן געהאַט אייגענע קאַרס).

דער וועג קיין „סערעבריאַני באָר” (דער זילבערנער וואַלד),
ניט ווייט פון מאָסקווע, איז געווען זייער אַ שיינער, אָבער איך בין
געווען צו שוואַך צו געניסן פון דער שיינקייט פון רוסישן ווינטער־וואַלד,
באַדעקט מיט גלאַנציקן און ווייכן שניי. די הויז איז געווען אַן אַמאָ־
ליקע רייכע „דאַטשע” פון עפּעס אַ פאַבריקאַנט. די פּאַציענטן זיינען
דאָס רוב געווען געזונטע, וואָס זיינען געקומען זיך אָפּרוען. אַזוינע
שוואַכע, ווי איך, זיינען געווען ווייניק. דער רוב געסט זיינען געווען
העכערע סאָוועט־באַאַמטע, קאָמוניסטן, קאָמיסאַרן. ניט ווייט פון מיין
צימער איז געלעגן אַן אַלטער באָלשעוויק, אַ שרייבער, מיט וועלכן
איך האָב זיך געקאָנט נאָך פון צירך זינט 1903. אויך דער דאָקטאָר
און זיין געהילף, אַ דאָקטאָרקע, זיין פרוי, זיינען געווען קאָמוניסטן, און
דערצו אַלטע באַקאַנטע. דאָס איז געווען אַ אידישע פאָר־פאָלק פון
אַדעס, וואָס זיינען מיט אונדז צוזאַמען געקומען פון דער שווייץ אין דער
„פּלאָמבירטער טרעין”. זיי זיינען יעמאָלט אין צירך נאָך ניט געווען
קיין באָלשעוויקעס, האָבן זיך געהאַלטן פאַר בונדיסטן און האָבן מיך
שטאַרק געבעטן זיי מיטצונעמען מיט אונדז.

ווען דער דאָקטאָר און זיין פרוי זיינען צום ערשטן מאָל אַריין צו
מיר אין צימער, וואו איך בין געלעגן אַ שוואַכער און קראַפטלאָזער,
האָב איך געזען, אַז זיי שעמען זיך פאַר מיר: ערשטנס, וואָס זיי זיינען
באָלשעוויקעס, אין דער צייט ווען אין צירך איז ער שטאַרק אַרויס־
געטראָטן קעגן די באָלשעוויקעס. עס איז זיי, צווייטנס, געווען פיינ־

לעך, וואס די באלשעוויקעס האבן מיך געהאלטן אין טורמע און דערצו נאך א קראנקן.

אבער ער האט זיך באלד בארואיקט. „נו, מיר האבן אייך געמאכט קראנק, וועלן מיר אייך ווידער מאכן געזונט", — האט ער מיר דער־קלערט. און טאקע אין דער אמתן, דיביידע דאקטוירים האבן פאר מיר זייער געזארגט. זייער זארג, צוזאמען מיטן גוטן עסען אין סאנאטאריום און מיט מיין געזונטער נאטור, האבן געבראכט דערצו, אז אין דריי וואכן ארום האב איך שוין אנגעהויבן ארומגיין, האלטנדיק זיך פאר די ווענט. און נאך אין עטלעכע טעג ארום האב איך שוין געארבעט און געהאט בעראטונגען מיט חברים, וואס זיינען צו מיר אלץ אפטער און אפטער געקומען קיין „סערעבריאני באר".

אין מערץ בין איך שוין געווען אין דער היים און האב זיך פון דאס ניי איינגעשפאנט אין דער ארבעט. אבער איך האב פארזאמט צוליב מיין אפעראציע א וויכטיקע פארטיי־קאנפערענץ, — די קאנפערענץ פון „בונד" אין מינסק.

די קאנפערענץ פון „בונד" אין מינסק איז געווען ביז גאר וויכטיק, ווייל אין „בונד" האט זיך יעמאלט אנגעהויבן א שטארקע פאליטישע שפאלטונג: א טייל פון די בונדישע פירערס האבן אנגעהויבן ארי־בערצוגיין צום קאמוניזם. און די ערשטע גרויסע ארגאניזאציע, וואס איז ארויף אויף דעם וועג, איז געווען די אוקראינישע בונדישע ארגא־ניזאציע, בראש מיט דעם פריערדיקן רעכטן־שברעכטן „אבאראניעץ", משה ר א פ פ ע ס.

אויף דער קאנפערענץ האט געזאלט פארקומען די ערשטע גרויסע שלאכט צווישן די קאמוניסטן און סאציאל־דעמאקראטן אין „בונד". און ס'איז געווען פאר מיר א גרויסער עגמת נפש, וואס מיין קראנקהייט האט מיר געשטערט צו נעמען אן אקטיוון אנטייל אין די קאמפן. אבער דאס, וואס איך האב פארזאמט אין מינסק, האב איך „מיט פראצענטן" אנגעיאגט מיט א יאר שפעטער, ווען עס איז פארגעקומען די שפאלטונג אין „בונד".

4

מיין צווייטער ארעסט. — לעצטע באגעגעניש מיט דזשערזשינסקין

אין מערץ 1919, א קורצע צייט נאך דעם, ווי איך בין געקומען צוריק פון סאנאטאריום, שוין א געזונטער, אבער נאך זייער א שוואכער, האבן מיר באקומען די ווארנונג, אז די טשעקא קלייבט זיך צו מאכן נייע מאסן־ארעסטן. פון וועמען מיר האבן באקומען די ווארנונג, האט קיינער ניט געוואוסט. אבער שוין עטלעכע מאל איז פארגעקומען, אז צו חבר מארטאוון האט טעלעפאנירט א געהיימניספולע שטים און א

נאָמען און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז אין דער און דער נאַכט וועלן זיין אַרעסטן און מען זאָל זיך היטן. און יעדעס מאָל איז דאָס טאַקע געווען ריכטיק.

דעריבער, ווען דער געהיימניספולער פריינט האָט ווידער טעלעפאָנירט מאַרטאָװן וועגן נייע אַרעסטן, האָבן מיר דאָס זייער ערנסט גענומען אין אַכט. אַזוי ווי איך בין נאָך געווען זייער שוואַך און האָב ניט געוואָלט ריזיקירן אַריינצופאַלן פון דאָס ניי אין טורמע, האָב איך באַשלאָסן ניט צו נעכטיקן ביי מיר אין דער היים. גראָד זיינען געווען אָוועקגעפאָרן קיין פעטראָגראַד מיין פאַרהייראַטע שוועסטער מיט איר מאַן און זייער דירה איז געווען ליידיק; נאָר מיין צווייטע שוועסטער, סאָניע, האָט דאָרטן גענעכטיקט. בין איך אַוועק אַהין. דער וועג איז אין געוויינטלעכע ציטן ניט זייער קיין ווייטער, אַרום אַ מייל. אָבער קיין סטריט־קאַר איז שוין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט ניט געווען און מען האָט געדאַרפט גיין צו־פוס. אויף די גאַסן פון מאָסקווע איז געלעגן אַ טיפער, נאַסער שניי. די גאַסן האָט מען יעמאָלט ניט געקערט און ניט גערייניקט. זיינען די גאַסן געווען פאַרבאַריקאַדירט מיט בערג שניי און אייז, איבער וועלכע מען האָט געמוזט אַריבערקלעטערן. און צווישן די בערג שניי זיינען געשטאַנען טיפע קאַלוזשעס בלאָטיקע וואַסער. קיין גוטע קאַלאָשן און פעסטע שיך האָב איך ניט געהאַט, — שיך און גומענע קאַלאָשן זיינען געווען שוין יעמאָלט אַ גרויסע זעלטנקייט.

בין איך אָנגעקומען צום הויז פון מיין שוועסטער אַ פאַרמאַטערטער, אָן כוחות, און מיט נאַסע פיס. איך קום צו צום הויז און זע עפּעס גאָר ניט קיין פריילעכע בילד: די פענצטער פון מיין שוועסטערס דירה זיינען העל באַלויכטן און ביים טויער שטייט אַן אויטאָמאָביל. דאָס באַדייט, אַז עס קומט פאָר אַ הויז־זוכונג! וואָס זאָל איך טאָן? גיין צוריק אַהיים האָט קיין זין ניט. וואָרים אויב מען איז געקומען אַהער, איז מען צו מיר אין הויז אויך געקומען. לאָזן זיך איינס אַזייגער בייַנאַכט איבער די גאַסן פון מאָסקווע זוכן אַ נאַכטלעגער קאָן מען ניט. דער עיקר, אַז איך בין אַזוי מיד, אַז איך האָב אויף דעם קיין כוח ניט. און ווער ווייסט, וואָס זיי וועלן טאָן מיט מיין שוועסטער, אויב זיי געפינען מיך ניט? זיי זיינען דאָך געקומען זיכער מיינעטוועגן, ניט וועגן מיין שוועסטער.

אָפּגעשטאַנען עטלעכע מינוט טראַכטנדיק. דער שאָפער פון אויטאָמאָביל, אַ טשעקיסט, האָט שוין אויף מיך אויפמערקזאַם געקוקט מיט אַ חשד; באַשלים איך פאַטאַליסטיש אַריינצוגיין אין הויז: וואָס וועט זיין, וועט זיין!

איך הייב זיך אויף לאַנגזאַם אויף די טרעפ, און קלינג אָן. די טיר עפנט זיך גאַנץ ברייט, אויפן שוועל שטייט אַ טשעקאַ־קאָמיסאַר אין דער באַרימטער שוואַרצער לעדערנער יאַק, און הינטער זיין רוקן דערזע איך דעם איבערגעשראָקענעם פנים פון מיין שוועסטער סאָניע.

„קומט אַריין, קומט אַריין" — באַגריסט מיך אַביסל איראָניש דער קאָמיסאַר. — „ווער זייט איר, און וואָס קומט איר אַהער אַזוי שפּעט? איר וואוינט דאָ?"

דערקלער איך אים ווער און וואָס איך בין, און פאַרלאַנג פון אים, ער זאָל מיר דערקלערן, וואָס ע ר זוכט אין דעם הויז פון מיין שוועס־טער.

לאָזט זיך אויס, אַז ער איז גאַר געקומען אַרעסטירן מיין שוואָגער, אָבער צוליב וואָס, קאָן ער מיר ניט זאָגן. אַזוי ווי דער שוואָגער איז ניטאָ, מאַכט ער אַ הויז־זוכונג. און אַלע מענטשן, וואָס ער וועט גע־פינען אין דער דירה, ד. ה. אויך אונדז ביידן, מיין שוועסטער און מיך, מוז ער אונטערזוכן און מיטנעמען אין דער טשעקאַ.

איך זע פון זיין געשפּרעך מיט מיר, אַז ער איז ניט קיין פּאָליטי־שער" טשעקיסט, וואָרשיינלעך פון דער אָפּטיילונג, וואָס „קעמפט קעגן ספּעקולאַציע". און איצט הויב איך שוין אָן צו פאַרשטיין די גאַנצע געשיכטע.

אומגעפער אין דעצעמבער 1918, אַ פּאָר וואָכן נאָך מיין באַפריי־אונג פון טאַגאַנקע, האָט די טשעקאַ געהאַט אַרעסטירט מיין שוואָגער באַשולדיקנדיק אים אין עפּעס אַ פאַרברעכן מיט אַ באַנק־טשעק. די באַנקען זיינען שוין יעמאָלט געווען נאַציאָנאַליזירט און דאָס אַרויס־געבן טשעקס אפילו אויף אייגענע דעפּאָזיטס איז געווען אַ „ספּעקו־לאַציע". בין איך אַוועק צו קאַמעניעוון, אַלס דעם פּרעזידענט פון מאָס־קווער סאָוועט, פאַרלאַנגען הילף. ס'איז יעמאָלט געווען די צייט פון „האַרציקע" באַציאונגען צווישן די באָלשעוויקעס און אונדזער פּאַרטיי. קאַמעניעוו איז געווען זייער פריינטלעך, און האָט צוגעזאָגט צו דער־גיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. פאַר דער צייט האָב איך אַליין פעסט־געשטעלט, אַז די מעשה איז געווען גאַר אַ פּשוטע: אַ קאָמיסאַר פון דער טשעקאַ, — אַ געוועזענער דירעקטאָר פון דער פּאָליטישער טורמע אין שעדלעץ, וואָס איז אין די רעאַקציע־יאָרן 1907—1911 באַרימט גע־וואָרן דורך זיינע אכזריות קעגן פּאָליטישע אַרעסטירטע, — האָט גע־נומען כאַבאַר פון די געשעפטסלייט, און איינער פון די דאָזיקע געשעפטס־לייט האָט אים באַצאָלט מיט אַן אַלטן טשעק פון מיין שוואָגער. פאַר־לאַנגט דער גנבישער קאָמיסאַר, אַז מען זאָל אים ווידער געבן כאַבאַר, אַז ניט וועט ער אַרעסטירן מיין שוואָגער פאַרן טשעק. און ער האָט אים טאַקע אַרעסטירט. ווען איך האָב זיך דערוואוסט וועגן דער מעשה, האָב איך דאָס איבערגעגעבן קאַמעניעוון. מיין שוואָגער האָט מען באַ־פרייט און איך האָב וועגן דער גאַנצער געשיכטע פאַרגעסן. איצט איז מיר די אַלטע געשיכטע ווידער געקומען אין זכרון. זאָג איך דעם קאָמיסאַר, אַז ער זאָל אָנפרעגן דורכן טעלעפאָן ביי דזשערזשינסקין, צי ער זאָל מיך טאַקע אַרעסטירן, וואָרים איך ווייס באַשטימט, אַז דאָ איז אַ מיספאַרשטענדעניש, און איך בין דאָך עפּעס אַ מיטגליד פון מאָס־קווער „איספּאָלקאָם" פון סאָוועט.

ווערט דער קאָמיסאַר אַביסל פאַרלאָרן און טעלעפאָנירט אין טשע־קאַ. מיך ריידן האָט ער ניט געלאָזט און איז אַליין אַוועק צום טעלעפאָן. אין אַ פּאָר מינוט קומט ער צוריק און דערקלערט מיר מיט טריאומף, אַז ער האָט גערעדט מיט דזשערזשינסקין, און יענער האָט געהייסן מיך אַרעסטירן.

פאַרפאַלן. מוז מען זיך לאָזן דורכזוכן און פאָרן אויף דער לוביאַנ־קאַ. אַרומגעטאַפּט מיך האָט אַ סאָלדאַט, און דער קאָמיסאַר איז געשטאַ־נען דערביי און האָט צוגעקוקט. ווען מען שלעפּט אַרויס פון מיינע קע־שענעס אַ ריי פּאַפּירלעך, זע איך, אַז צווישן זיי געפינט זיך אויך דער בריוו, וואָס מאַרטאָוו האָט אין יענעם טאָג באַקומען פון לונאַטשאַרסקין, דעם באַוואוסטן באָלשעוויסטישן פאָלקס־קאָמיסאַר. עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן אַן אַרעסטירטן פריינט, און לונאַטשאַרסקי, וואָס איז גע־ווען אַ באָלשעוויסטישער „ליבעראַל", האָט גאַנץ אָפן געזידלט אין דעם בריוו די טשעקאַ.

דעם בריוו האָט מיר מאַרטאָוו געגעבן, איך זאָל אים איבערגעבן צו אַנדערע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, און איך האָב אים אַריינגעלייגט אין קעשענע און וועגן אים פאַרגעסן. איז מיר אין מאָמענט געוואָרן זייער פיינלעך, וואָס לונאַטשאַרסקי קאָן צוליב דעם בריוו האָבן שוועריקייטן. וואָס טוט מען דאָ? דער קאָמיסאַר האָט אַ נעם געטאָן דעם בריוו, ניט געלייענט אים, נאָר אַ קוק געטאָן, אַז דאָס איז אַדרעסירט צו מאַרטאָוון און אים אַוועקגעלייגט אין אַ זייט. אין דעם מאָמענט איז אין צימער אַריינגעקומען אַ צווייטער סאָלדאַט און האָט דעם קאָמיסאַר אַרויסגערופן אין די אַנדערע צימערן, וואו עס זיינען גע־מאַכט געוואָרן זוכונגען אין די געעפנטע אַלמערס, קאַסטנס, א. אַז. וו.

זיינען מיר געבליבן אין צימער זאַלבעדריט: מיין שוועסטער, איך און דער סאָלדאַט מיטן ביקס. איך קוק אויף דעם סאָלדאַט, עפּעס איז זיין פּנים אַ סימפּאַטישער, ניט קיין „טשעקיסטישער". קוק איך אים אין די אויגן און שטרעק אויס מיין האַנט צו לונאַטשאַרסקיס בריוו, נעם אים און שטעק אים אַריין אונטער די קישנס פון דיוואַן, אויף וועלכן איך בין געזעסן. דער סאָלדאַט קוקט און שווייגט. מיר ביידע שווייגן אויך.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום קומט אַריין צוריק דער קאָמיסאַר, גייט צו צום טיש, נעמט צוזאַמען אַלע פּאַפּירלעך און קומט מיט פאַרוואונ־דערונג אויף דעם פּעקל: „און וואו איז דער בריוו?"

„וועלכער בריוו?" — מאַך איך מיט אַ פאַרוואונדערטער מינע.

„נו, אָט דער בריוו, וואָס איז געווען ביי אייך אין קעשענע! מאַכט ניט קיין שטיק, גיט אַהער דעם בריוו".

„איך ווייס ניט וועגן וואָס איר רעדט, איך האָב קיין שום בריוו ניט, איר קאָנט מיך נאָך אַמאָל אַרומזוכן, אויב איר ווילט".

דער קאָמיסאַר קוקט אויף מיר, קוקט אויף דעם סאָלדאַט, גיט אַ קוועטש מיט די פּלייצעס:

„נו, קלייבט זיך אין וועג, אויף דער לוביאַנקע וועט מען שוין אַלץ אויפקלערן".

מיר זעצן זיך אַריין אין אויטאָמאָביל, נעמען מיט צוויי פּעקלעך מיט זייף, אַ האַנטוך, אַ העמד און אַ קישעלע, און לאָזן זיך אין וועג. די טעכניק פון אַרעסטן איז ניט קיין נייס ניט פאַר מיר, ניט פאַר סאָניען.

אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען מיר ביי דער לוביאַנקא-הויז. אַלץ איז באַלויכטן און אַלץ איז איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. אומעטום סאָלדאַטן מיט ביקסן און אָן אַ צאָל אַרעסטירטע מענער און פרויען. סאָניען טיילט מען אָפּ פון מיר און מען שטעלט איר אין דער לאַין פון די פרויען. איך שטעל זיך אין דער לאַין פון די מענער: אַ לאַנגע, לאַנגע שורה פון יונגע און אַלטע מענער, וואָס וואַרטן מען זאָל זיי אַרומזוכן, אָפּנעמען ביי זיי די געלט און אַנדערע זאַכן און צענויפשטעלן אין גרופּן פאַר די פאַרשיידענע טורמעס.

איך שטיי געדולדיק און וואַרט אין דער ריי, — און זע ווי עפּעס אַ באַקאַנטער פּנים אין דער אוניפאָרם פון דער טשעקאַ דרייט זיך אַרום מיר אַהין און אַהער. ער גייט פאַרביי איין מאָל, אַ צווייטן מאָל און דערנאָך גייט ער צו צו מיר.

— חבר אַבראַמאָוויטש?

— יאָ, און ווער זייט איר?

ענטפערט ער ניט, נאָר גיט אַ פרעג מיט אַ פאַרוואונדערטער שטים:

— און וואָס טוט איר דאָ?

— נו, דאָס מוזט איר דאָך בעסער וויסן. מיט מיין אייגענעם ווילן וואָלט איך אַהער געוויס ניט געקומען.

— דאָ מוז זיין עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש. אייך האָט מען ניט געזאָלט אַרעסטירן. וואַרט איין מינוט, איך קום גלייך צוריק.

ווען ער איז אַוועק, דערמאָן איך זיך, אַז דאָס איז דער באַוואוסטער טשעקיסט ב ע ל ע נ ק י, — יענער, וואָס האָט אונדז אַרעסטירט דעם לעצטן זומער אויף דער אַרבעטער-קאָנפערענץ.

גיי איך צו צו סאָניעס ריי און זאָג איר, זי זאָל דערווייל ניט לאָזן זיך אַרויספירן אויפן הויף אין דער טורמע. ס'ווייזט אויס, אַז עס איז פאַרט אַ מיספאַרשטענדעניש. און טאַקע אין דער אמתן, איידער איך האָב באַוויזן נאָך צו ענדיקן מיין געשפרעך מיט סאָניען, באַווייזט זיך פון דאָס ניי בעלענקי און זאָגט:

— קומט מיט מיר, אַוואַניעסאָוו וויל מיט אייך ריידן.

נעם איך מיט סאָניען און מיר גייען צום צימער פון אוואַניעסאָוון. אַוואַניעסאָוו איז איינער פון די וויצע-פּרעזידענטן פון דער טשעקאַ.

איך קאָן זיך מיט אים פון די אַלטע צייטן, ווען ער איז נאָך געלעגן אַ שווער-קראַנקער מיט טובערקולאָז אין דאַוואָס, שווייצאַריע, און אין סאַניטאַריום מיט מיין שוועסטער פּאָולינע.

מיר גייען אַריין אין אַוואַניעסאָווס צימער, און ווי ער דערזעט מיך, דערקלערט ער: „דאָס איז אַ מיספאַרשטענדעניש. עס איז ניט געווען קיין באַפעל צו אַרעסטירן די מענשעוויקעס. איר זייט פריי, און דער זעלבער אויטאָמאָביל, וואָס האָט אייך געבראַכט אַהער, וועט אייך אַוועקפירן צוריק אַהיים".

— גוט, — ענטפער איך קורץ. — אָבער דער קאָמיסאַר האָט דאָך טעלעפאָנירט וועגן מיר.

— דער קאָמיסאַר האָט מיר ניט געזאָגט, אַז דאָס איז דער מ ע נ־ ש ע װ י ק אַבראַמאָוויטש, האָב איך ניט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זייט איר.

— אָבער איך בין דאָך ניט אַליין. מיט מיר איז מיין שוועסטער.

— אייער שוועסטער וועט אויך באַפרייט ווערן צוזאַמען מיט אייך. און וואו איז פּאָולינע? — גיט ער מיט אַמאָל אַ פרעג.

— זי איז אין שווייצאַריע. א י ר קאָנט איר ניט אַרעסטירן.

גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און איך וויל אַוועקגיין. אָבער אין דעם מאָמענט עפנט זיך די טיר און עס לויפט אַריין דזשערזשינסקי. אויך ער לויפט צו צו מיר און זאָגט דאָס זעלבע ווי אַוואַניעסאָוו: „ס'איז ניט געווען קיין באַפעל צו אַרעסטירן די מענשעוויקעס. פאַרוואָס מען האָט אייך אַרעסטירט, ווייס איך ניט".

זאָג איך אים, ווי אַזוי די מעשה איז געווען. כאַפּט ער זיך אויף: „אַהאַ, איר זייט געווען אין דער וואוינונג פון סאַפּיראַ? דאָס איז אַ גע־פערלעכער וואָפן-הענדלער. מיר זוכן אים אומעטום. וואו איז ער?"
— דאָ מוז זיין עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש. מיין שוואָגער איז ניט קיין וואָפן-הענדלער.

דערצייל איך אים די גאַנצע מעשה מיט דעם טשעק און דעם גנבישן קאָמיסאַר.

— איר מוזט קאָנען דעם נאָמען פון דעם קאָמיסאַר, דזשערזשינ־סקי, — זאָג איך אים, — דאָס איז יענער באַרימטער טורמע-דירעקטאָר פון שעדליעץ, וואָס האָט געשלאָגן און געפייניקט פּאָליטישע אַרעס־טירטע.

ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן, אַזוי האָט זיך דזשערזשינ־סקי אַ וואָרף געטאָן, ווען ער האָט דערהערט דעם נאָמען פון דעם קאָ־מיסאַר.

— וואָס, אָט דער נפש איז ביי אונדז אַ קאָמיסאַר?! — און אַ מבול עכט-פּוילישע דריי-גאָרנדיקע זידל-ווערטער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דזשערזשינסקיס מויל: „איר זעט מיט וועמען עס קומט מיר אויס צו

אַרבעטן? פּשאַ קרעוו, פּשאַ קרעוו. אָבער איך וועל אים ווייזן. איך וועל אים, איך וועל אים״ . . .

און ער האָט געכאַפּט דעם טעלעפאָן און האָט אָנגעהויבן צו טעלע־פאָנירן אויף פּויליש, אין פאַרשיידענע פּלעצער און שטעט.

אַרויסגייענדיק פון אַוואַניעסאָווס צימער, בין איך געווען זיכער, אַז דעם קאָמיסאַר וועט מען גלייך אין דרזועלביקער נאַכט דערשיסן. אין וואָכן אַרום האָב איך אָבער געהערט, אַז דער קאָמיסאַר אַרבעט נאָך אַלץ אין ער טשעקאַ.

ס׳איז נאָך געווען פינצטער, ווען דער אויטאָמאָביל האָט מיך מיט סאָניען מיט אונדזערע פּעקלעך געבראַכט צוריק און מיין שוועסטערס דירה. אין דער קיך זיינען געזעסן טשעקאַ־סאָלדאַטן און האָבן געטרונ־קען טיי. זיי זיינען געלאָזן געוואָרן אין הויז ווי אַ „זאַסאַדע״, — צו אַרעסטירן אַלע באַזוכער, וואָס וועלן קומען צו אונדז אין הויז.

דער קאָמיסאַר, וואָס האָט אונדז געבראַכט אַהיים, האָט זיי אַלע־מען מיטגענומען און אונדזער דירה איז באַפרייט געוואָרן פון דער באַ־לאַגערונג. ווען ס׳איז געוואָרן גאָר ליכטיק, בין איך אַוועק אַהיים, צו באַרואיקן מיין פרוי, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַנונג וועגן די אַלע טרעפעניש פון דער שטורעמדיקער נאַכט.

אַזוי האָט מיין „באַזוך״ אין דער טשעקאַ געדויערט נאָר עטלעכע שעה.

5

מיין אַרבעט אין בילדונגס־קאָמיסאַריאַט

סוף זומער 1919 האָט מען זיך צו מיר און אַ ריי אַנדערע מענשע־וויסטישע אינטעליגענטן געווענדט מיט אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן ווערן „וויסנשאַפטלעכע מיטאַרבעטער״ ביי דעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג. די מערץ־רעוואָלוציע און דאַן די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָבן אַריינגעטראָגן אַ טיפע צערודערונג אין דעם לעבן פון די רוסישע שולן. און גאָר גרויס איז די איבערקערעניש געווען אין די מוחות פון די לערער און פּעדאַגאָגן.

אין לאַנד איז אָנגעגאַנגען אַ ראַדיקאַלע רעוואָלוציע אויף אַלע גע־ביטן. ס׳איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער קאַפּיטאַליזם, דאָס פּריוואַט־איינטום, ס׳איז פאַרניכטעט געוואָרן די גאַנצע „אַלטע וועלט״. ניט שוין־זשע וועלן די רוסישע שולן בלייבן די אַלטע? זאָלן ניט געענדערט ווערן אַלע לימודים, מעטאָדן און פּראָגראַמען?!

ס׳האָט ניט אויסגעפעלט אין דער וועלט־פּעדאַגאָגיק קיין ראַדיקאַ־לע און אַפילו רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן פון לערנען. אין אַמעריקע, אין דייטשלאַנד זיינען געמאַכט געוואָרן פּרואוון און עקספּערימענטן, וואָס האָבן שוין לאַנג געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון רוסישע פּע־

דאַגאָגן און לערער. און אין רוסלאַנד גופא זיינען געווען אַ צאָל נייע און אינטערעסאַנטע שולן מיט גאָר מאָדערנע בילדונגס-פּרינציפּן. אָבער אַ רעוואָלוציע האָט זיך איר אייגענע לאָגיק פון אַנטוויקלונג. אַמבעסטן האָט דאָס אויסגעדריקט ניקאָלאַי בוכאַרין, יעמאָלט דער וויכ-טיקסטער באָלשעוויסטישער טעאָרעטיקער, אין זיין בוך וועגן דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג. אַן עקאָנאָמישע רעוואָלוציע, זאָגט ער, מוז צוערשט אַלץ צעשטערן און צעברעכן, אַזוי אַז די פּראָדוקציע זאָל דערגיין ביז נול, ביז גאָרנישט, אַזוי אַז עס זאָלן בלייבן „אַ נאַקעטער מענטש אויף דער נאַקעטער ערד". און ערשט דאַן קאָן זיך אָנהייבן דער ווידער-אויפבוי פון אַ נייער סיסטעם.

אָט אַזוי, פון איין עקסטרעם צום צווייטן, איז יעמאָלט געגאַנגען אַלץ אין רוסלאַנד. אין די שפּיטאָלן און קראַנקן-הייזער האָט מען גע-מאַכט אַן אַדמיניסטראַציע, אין וועלכער די נאַכט-שומרים, די דינער, די קעכינס און די ניט-געלערנטע נוירסעס האָבן געהאַט מער איינפלוס איידער די דאָקטוירים, — עס זיינען געמאַכט געוואָרן די ווילדסטע עקספּערימענטן. אין די שפּיטאָלן איז ניט געווען ניט קיין באַהייצונג און ניט קיין עסן פאַר די קראַנקע, עס האָט אויסגעפעלט רפואות, וואַטע, וועש, כלאָראָפאָרם, ספּירט. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן אומ-אויפהערלעכע קאָנפערענצן פון „מעדפערסאָנאַל", פון די קראַנקן-שוועסטער, דינער און די פאָר אומגליקלעכע דאָקטוירים אויסגעאַרבעט אַלץ נייע וועלט-דערשיטערנדיקע פּלענער וועגן רעפאָרמירן און רע-וואָלוציאָנירן די גאַנצע מעדיצין.

דאָס זעלבע איז געווען אין דער קונסט, אין טעאַטער, וכדומה. אומעטום זיינען געמאַכט געוואָרן „וועלט-רעוואָלוציאָנערע" ענדערונ-גען, וואָס האָבן אָפט מאָל אַלץ צעשטערט, וואָס זיינען אַמאָל געווען זייער אינטערעסאַנט, וואָס האָבן אָבער דאָס רוב קיין האַפט ניט גע-האַט. מאָסקווע און פּעטראָגראַד זיינען געווען פול מיט רעפאָרמאַ-טאָרן און פּראָיעקטן-מאַכער, וואָס אַ היפּשער טייל פון זיי זיינען געווען פּשוטע רעוואָלוציאָנערע געשעפטסמאַכער און ספּעקולאַנטן.

אויף די גאַסן און פּלעצער פון די גרויסע שטעט האָבן זיך באַוויזן העכסט „רעוואָלוציאָנערע", פוטוריסטישע, קוביסטישע און אַנדערע „איסטישע" קונסטווערק, פּלאַקאַטן, סקולפּטורן, דענקמאָלער, וואָס האָבן געהאַט נאָר איין פעלער: קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס און וועך אויף זיי איז געשילדערט.

אין די טעאַטערן האָבן די אַרטיסטן געמאַכט קונצן און געקראָכן בוכשטעבלעך, אויב ניט אויף די ווענט, איז אויף טרעפּ און לייטערס, וואָס קיינער האָט ניט געקאָנט זאָגן, וואָס דאָס באַדייט.

ס'איז געווען רעוואָלוציע, און מען האָט ניט געדאַרפט פרעגן קיין קשיות. אַזוי איז דאָס אויך געווען מיט דער פּעדאַגאָגיק, מיט דעם לער-נען אין די שולן. אין די שולן האָבן די קינדער באַקומען „אויטאָנאָמיע", אַליין-פאַרוואַלטונג, און די לערער האָבן ניט געטאָרט אַ וואָרט זאָגן

און האָבן פאַרלוירן יעדע דעה איבער די תלמידים. אין די מיטל-שולן זיינען האַלב-דערוואַקסענע מיידלעך פאַראייניקט געוואָרן מיט יונגע-לייט, וואָס האָבן ניט געקאָנט אַנטרינען פון דער געמיינזאַמער דערציאונג פון ביידע געשלעכטן פון די קינדער-יאָרן אָן. און פון דעם זיינען געקומען אין דער אומרואיקער און צעטומלטער שטורעמדיקער צייט גרויסע פּלאָנטערס און טראַגעדיעס.

די אַלטע פּראָגראַמען זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן, די אַלטע מעטאָדן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן, און קיין נייע זיינען נאָך ניט געווען אויסגעאַרבעט. אַט צוליב דעם טאַקע האָט לונאַטשאַרסקי באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו אונדז, מענשעוויסטישע לערער און שול-טוערס, מיר זאָלן העלפן אויסאַרבעטן נייע פּראָגראַמען פאַר די מיטל-שולן פון נייעם רוסלאַנד.

דער דירעקטער אָנפירער פון דער אַרבעט האָט געזאָלט זיין פּראָפעסאָר פּאָקראָווסקי, לונאַטשאַרסקיס געהילף, אַן אַלטער באָלשעוויק, מיט וועמען איך בין געווען באַקאַנט נאָך פון דער פריערדיקער געמיינזאַמער פּאַרטיי-אַרבעט. אין דער קאָמיסיע זיינען אַריין: גאָרעוו (באָריס גאָלדמאַן, ליבערס עלטערער ברודער), איסאַק רובין, אַ באַוואוסטער עקאָנאָמיסט, אַ בונדיסט וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַזע טרויעריקע ראָלע אין מענשעוויסטישן פּראָצעס פון 1931, ניקאָלאַי סוכאַנאָוו, יערמאַנסקי, יורי דעניקע און אַ ריי אַנדערע חברים.

די אַרבעטן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט אַ פייערלעכער זיצונג אונטער דעם פאָרזיץ פון לונאַטשאַרסקין. איך האָב באַקומען דאָס וואָרט צו אַ מין אַריינפיר און איך האָב גאַנץ אָפן קריטיקירט די אַלע איבערגעטריבענע „פּראָיעקטן” און כלומרשט-רעוואָלוציאָנערע שפּילעריי, מיט וועלכע די נייע שולן פאַרנעמען זיך. צו מיין גרויסער איבעררעשונג איז דער פאָרזיצער לונאַטשאַרסקי גאָר ניט געווען באַליידיקט פון מיין קריטיק קעגן זיין קאָמיסאַריאַט. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און ווי עס האָט אויסגעזען, איז ער גאָר געווען איינפאַרשטאַנען מיט מיר, ווען איך האָב דערקלערט, אַז איך האַלט פון אַלע מעטאָדן אַחוץ די שלעכטע און פון אַלע שולן אַחוץ די, וואָס די קינדער לערנען זיך אין זיי ניט.

די אָנגענומענע מעטאָדע אין די סאָוועטישע שולן איז געווען אין יענעם מאָמענט די אַזוי-גערופענע „אַרבעטס-מעטאָדע”. דאָס איז אייגנטלעך ניט געווען קיין נייס: אויף אַט דעם פּרינציפּ זיינען געווען געבויט די מעטאָדן פון דעם דייטשן פּעדאַגאָג קערשענשטיינער, אַ ריי אַמעריקאַנער סקולס און אַזוי ווייטער. אָבער אין רוסלאַנד האָט מען די מעטאָדע „פאַרטיפט”, פאַראַלגעמיינערט און דערפירט צו אַן אומזין.

עס איז אין גאַנצן פאַרשטענדלעך און נוצלעך, ווען מען לערנט געאָמעטריע ניט לויט צייכענונגען אין ביכלעך, נאָר דורך דעם, וואָס די קינדער שניידן אויס פיגורן פון קאַרטאָן, בויען געאָמעטרישע

פיגורן פון ליים און האָלץ און ד. גל.; מען לערנט געאָגראַפיע דורך וואַנדערן אין די וועלדער, אויף די בערגלעך און טייכן, און דורך צייכענען מאַפּעס לויט דער נאַטור; מען לערנט נאַטור־וויסנ־שאַפט אָדער פיזיק דורך עקספּערימענטן אין לאַבאָראַטאָריע, אין וואַלד, אין פעלד. דאָס איז לאָגיש און געזונט. אָבער ווי אַזוי לערנט מען געשיכטע דורך „אַרבעט"? אָדער פילאָסאָפיע? אָדער ליטע־ראַטור? אָבער די „רעוואָלוציע", וואָס לאָזט אומעטום הערשן דעם פּרינציפּ פון אַרבעט, האָט פאַרלאַנגט, אַז אַלע לימודים זאָלן געלערנט ווערן דורך אַרבעט. ווי אַזוי טוט מען דאָס? האָט מען אויס־געפונען אַרגומענטן און קינדישע איינפאַלן, אַבי נאָר עס זאָל זיין דער כלל, אַז עס הערשט די „אַרבעטס"־מעטאָדע.

„ווי אַזוי ווילט איר שטודירן מאַרקסיזם לויט דער אַרבעטס־מעטאָדע?" — האָב איך אַמאָל אַ פרעג געטאָן אין דער קאָמיסיע ביי אַזאַ ברענענדיקער קאָמוניסטקע.

„וואָס הייסט? לאָזט די שילער אויסשניידן און אַריינשטעלן אין ראַמען די בילדער פון מאַרקס און ענגעלס" — האָט זי מיר באַלד גע־ענטפערט.

די דאָזיקע טעאָריעס האָבן אויף עטלעכע יאָר אין גאַנצן רואינירט די רוסישע שולן. די קינדער פלעגן פאַרלאָזן די שולן, ניט קאָנענדיק ריכטיק אָנווענדן די רוסישע אָרטאָגראַפיע, אַפילו די נייע; ניט האָבנ־דיק גענוג וויסן אין מאַטעמאַטיק, געשיכטע, ליטעראַטור, פּאָליטישע עקאָנאָמיע. דערפאַר האָט מען מיט זיי געקנעלט טאָג און נאַכט „דיאַ־מאַט" (דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם) אין דער אויסטייטשונג פון בו־כאַרינען אין זיין „אלף־בית פון קאָמוניזם".

אין אַ צענדליק יאָר אַרום האָט מען דאָס אַלץ פאַרגעסן און אַרויס־געוואָרפן פון די שולן. מען האָט איינגעפירט צוריק דיסציפּלין, „אָט־מיעטקעס" (מאַרקס), אוניפאָרמס פאַר שילער. מען האָט זיך אין אַ סך הינזיכטן אומגעקערט צו די גאָר־גאָר אַלטע לערן־מעטאָדן פון דער צאַ־רישער צייט. און פונקט אַזוי איז מען אין טעאַטער געקומען צוריק צו סטאַניסלאַווסקין און אין דער קונסט זיינען פאַרשוואונדן די פוטוריסטן מיט זייערע גרינע מענטשן און וויאָלעטענע פערד. די רוסישע פּלאַ־קאַטן (פּאָסטערס) זיינען געוואָרן די קאָנסערוואַטיווסטע און רעאַליס־טישסטע אין איירָאָפּע, פונקט אַזוי ווי די סאָוועטישע שולן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער „פּעדאַגאָגישער רעוואָלוציע". אָבער אין זומער 1919 איז די רעוואָלוציע נאָך געווען אין סאַמע ברען, און עס האָט אונדז געקאָסט אין דער פּראָגראַם־קאָמיסיע פיל מי אויסצוהיטן די קינדער אין די מיטלשולן פון די ערגסטע עקספּערימענטן.

איך פּערזענלעך האָב גענומען אויף זיך די אויפגאַבע פאַרן לימוד פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע. ס'איז געווען ניט קיין לייכטער דזשאָב, ווייל דאָ האָט מען אויף יעדן שריט געהאַט צו טאָן מיט פּאָליטיק. פונדעסטוועגן האָט זיך מיר איינגעגעבן צו דערפירן מיין

אַרבעט ביזן סוף: מיין פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן, — מיט דער גוטהייסונג פון דעם העכסטן אויטאָריטעט אויפן געביט פון טעאָרעטישער עקאָנאָמיע — ניקאָלאַי בוכאַרין. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיין פּראָגראַם איז ניט געווען דורכגעדרונגען מיטן קאָמוניסטישן גייסט און איז ניט געווען אין איינקלאַנג מיט בוכאַרינס „אלף-בית". בין איך געווען זיכער, אַז ער וועט מיין פּראָגראַם אָפּוואַרפן. צו מיין איבערראַשונג האָט בוכאַרין מיין פּראָגראַם אָנגענומען און זי איז אָפיציעל איינגעפירט געוואָרן.

ווען די קאָמיסיע איז פאַרטיק געוואָרן מיט אירע אַרבעטן, האָט זי באַשלאָסן, לויט מיין פאָרשלאָג, צו פאַררופן אַן אַלרוסישע קאָנפערענץ פון פאַך-לערער און איינצואָרדענען פאַר זיי אַ ספּעציעלן קורס, כדי זיי זאָלן זיך אין קעגנזייטיקע דיסקוסיעס און באַראַטונגען באַקאָנען מיט די נייע פּראָגראַמען. און מיר, די פאַרפאַסערס פון די פּראָגראַמען, זאָלן קאָנען פאַרטרעטן און פאַרטיידיקן פּערזענלעך אונדזערע אָנשויאונגען.

מיין פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן און אַזאַ קאָנפערענץ מיט קורסן איז טאַקע איינגעאָרדנט געוואָרן. איינער פון די וויכטיקסטע קורסן האָט געזאָלט זיין וועגן „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם". און די מערהייט האָט געהאַלטן, אַז די הויפּט-לעקציע אויף דער טעמע זאָל איך איבערנעמען. אָבער פּאָקראָווסקי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאָרשלאָג, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז איך וועל צו שטאַרק אונטערשטרייכן דעם עקאָנאָמישן מאָמענט אין היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. און די עקאָנאָמיק איז יעמאָלט געווען אַ קראַנקע און אָנגעווייטיקטע פראַגע. די עקאָנאָמיק איז אין יענעם מאָמענט געווען אַן אַרגומענט קעגן דער פולשטענדיקער סאָציאַליזאַציע פון לאַנד, האָט מען וועגן דעם ניט געטאָרט ריידן און דעם טראָפּ פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט מען אין יענעם מאָמענט געמוזט שטעלן אויף דער אידעע פון קלאַסנקאַמף, פון רעוואָלוציאָנערן ווילן, פון קאָמוניסטישער איינגעשפּאַרטקייט א. אַז. וו. דער באַלשעוויסטישער מאַרקסיזם איז יעמאָלט געוואָרן אַן אידעאַליסטישער. דאָס איז געווען דער היפוך פון מאַטעריאַליזם, וואָס איז ביי די מאַרקסיסטן דאָך שטענדיק געווען אַן עקאָנאָמישער, אָבער די רוסישע קאָמוניסטן האָבן שוין יעמאָלט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו פאַרבייטן מאַרקסן אויף לענינען — און דערנאָך אויף סטאַלינען.

אַזוי-אַרום האָט די לעקציע וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם געלייענט בוכאַרין.

איך האָב פריער דערמאָנט, אַז די פראַגע וועגן די לעקציעס און די לערער-קורסן איז באַטראַכט געוואָרן אין דער באַלשעוויסטישער אָנפירונג. איך וויל אונטערשטרייכן, אַז אין יענעם פעריאָד האָט זיך די העכסטע באַלשעוויסטישע אינסטאַנץ, דער צענטראַל-קאָמיטעט, און אַמאָל דער „ראַט פון די פאָלקס-קאָמיסאַרן", פאַרנומען מיט די קלענ-

סטע דעטאַלן און איינצלהייטן פון יעדער פּאָליטישער און אַפילו טעכ־נישער זאַך.

אָט, צום ביישפּיל, אין נאָוועמבער, 1918, ווען מען האָט אונדז באַפרייט פון טורמע, איז אויף מיין באַפרייאונגס־באַפעל געשטאַנען: „לויט דער באַשטימונג פון צענטראַל־קאָמי־טעט פון וו. ק. פּ. (ב)" (אַלרוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי, באָל־שעוויקעס). דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדער קאָמוניסטי־שער פּאַרטיי האָט לויט דער יעמאָלטיקער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע ניט געהאַט קיין שום שייכות צו אַרעסטן און באַפרייאונגען, אָבער די פּאַקטישע אַנטשיידונג פון אונדזער גורל איז געלעגן אין די הענט פון לענינס צענטראַל־קאָמיטעט. מיט אַ צוויי יאָר שפּעטער, ווען מאַרטאָוו און איך האָבן באַקומען פּאַספּאָרטן אויף צו פאָרן קיין אויסלאַנד, איז דער דאָזיקער באַשלוס אונדז מיטגעטיילט געוואָרן אין אַן אָפיציעלן פּאַפּיר פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי!

אָבער ניט נאָר קליינע פּאָליטישע ענינים זיינען אָפטמאָל דערגאַנ־גען צו לענינען פּערזענלעך. אָט, למשל, טאַקע אין דער זעלביקער פּראָ־גראַם־קאָמיסיע פאַר די מיטל־שולן, וועגן וועלכער איך האָב דערציילט, איז אַמאָל באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער סעקרעטאַר זאָל באַקומען אַ פערד מיט אַ שליטן: ס'איז שוין געווען ווינטער 1919—1920. דאָס אַרומ־פאָרן איבער מאָסקווע איז יעמאָלט געווען אַ שווערער ענין. קיין איז־וואָזטשיקעס זיינען ניט געווען, ווער רעדט שוין וועגן טעקסים. די סטריט־קאַרס האָט מען ניט געקאָנט באַנוצן, ווייל אַריינקריכן אין אַזאַ קאַר איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת־נפשות. דעריבער האָבן אַלע העכערע באַ־אַמטע פון דער רעגירונג באַקומען עפּעס אַ טראַנספּאָרט־מיטל: די הוי־כע באַאַמטע האָבן געהאַט אויטאָמאָבילן, די קלענערע פלעגן באַקומען אַ פערד מיט אַ וואָגן, אין ווינטער אַ שליטן.

אָבער אין אַ צייט אַרום האָט זיך אונדזער קאָמיסיע דערוואוסט, אַז אונדז גיט מען ניט קיין פערד: לענין האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף ניט!

איך האָב צוערשט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ שפּאַס, איינער פון יענע וויצן, וואָס זיינען געווען אַזוי צאָלרייך אין יענע טעג. (אַגב, האָט מען צום וויניקסטן אַ העלפט פון יענע וויצן שטענדיק פאַרבונדן מיט דעם נאָמען פון קאַרל ראַדעק, וואָס האָט געשמט פאַר דעם גרעסטן באָל־שעוויסטישן וויצלינג און קיבעצער).

אָבער זייער אַן אָנגעזעענער קאָמוניסט האָט מיך גאַנץ ערנסט פאַר־זיכערט, אַז די פראַגע וועגן אויטאָמאָבילן און פערד ווערט באַטראַכט אין „סאָוונאַרקאָם" (ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, דאָס הייסט, די העכ־סטע רעגירונג פון סאָוועט־רוסלאַנד), און אַז לענין אַליין קוקט שטענדיק דורך דעם צעטל פון „נייע פערד". האָט ער פון יענעם צעטל אויסגע־מעקט מיט זיין אייגענער האַנט דאָס פערד פאַר אונדזער קאָמיסיע. ווי איינער זאָגט: אַ מענשעוויסטישע קאָמיסיע קאָן גיין צו־פוס.

6

דער בירגער־קריג

דער רוסישער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבן אין זומער 1918. אָבער דעם גרעסטן פאַרנעם און דעם ריכטיקן ברען האָט ער באַקומען ערשט אין זומער־האַרבסט 1919. דער אָנהייב פונם בירגער־קריג איז געווען דער *קאַזאַנער אויפשטאַנד*. און דער דאָזיקער אויפשטאַנד איז געמאַכט געוואָרן פון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן מיט דער הילף פון די טשעכישע „לעגיאָנערן”.

די טשעכישע לעגיאָנען זיינען געווען פריווילִיקע פאָרמאַציעס פון טשעכישע פאַטריאָטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אין דער עסטרייכישער אימפעריע, צו וועלכער טשעכיע האָט יעמאָלט געהערט. דאָס זיינען געווען, ווי מיר וואָלטן איצט געזאָגט, „פרייע טשעכן”, לויט דעם שטייגער פון גענעראַל דע־גאָלס „פרייע פראַנצויזן”. די לעגיאָנערן זיינען געווען אַלע דעמאָקראַטן, ראַדיקאַלן. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען געווען אַרבעטער־סאָציאַליסטן — פאַרשטייט זיך, לייִדנשאַפטלעכע טשעכישע נאַציאָנאַליסטן. די לעגיאָנען זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אין רוסלאַנד גראָד ווען די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבן. ווען לענין האָט געשלאָסן דעם בריסקער שלום, האָבן די טשעכן בשום אופן ניט געוואָלט אָפּשטעלן זייער קאַמף קעגן די עסטרייכער און קעגן די דייטשן, און האָבן געפאָדערט, אַז מען זאָל זיי, איבער סיביר און וולאַדיוואָסטאָק, לאָזן אָפּפאָרן פון רוסלאַנד קיין פראַנקרייך, זיי זאָלן דאָרטן קאָנען ווייטער פירן די מלחמה פאַר דער פרייער טשעכיע.

אייגנטלעך האָבן די באָלשעוויקעס זיך גאָרניט געדאַרפט קריגן מיט די טשעכן. ס'איז געווען ניט זייערע ביזנעס, צי די טשעכן וועלן ווייטער פירן מלחמה, צי ניט. אָבער צוליב אַ ריי טעמים איז אויפגעקומען אַן אומצוטרוי צווישן די טשעכן און דער סאָוועט־רעגירונג. די טשעכן זיינען געווען אַנטי־באָלשעוויסטיש געשטימט, אַלס דעמאָקראַטן און, דער עיקר, אַלס טשעכישע פאַטריאָטן. זיי האָבן זיך ניט געמישט אין די אינעווייניקסטע רוסישע קאַמפן, אָבער די באָלשעוויקעס האָבן פאַר זיי מורא געהאַט, ווייל זיי זיינען מיליטעריש געווען אַ היפשער כוח, — און האָבן זיי רק ניט דערלויבט אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד. צולעצט האָט טראָצקי פון זיי פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן זיך לאָזן אַנטוואָפנען און יעמאָלט וועט מען זיי לאָזן פאָרן. אָט אין יענעם מאָמענט האָבן די טשעכן דערקלערט, אַז זיי וועלן מיט גוואַלט זיך לאָזן פאָרן קיין סיביר.

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ קריטישע לאַגע, און עס האָט זיך געענדיקט מיט אַן אויפשטאַנד פון די טשעכן. דעם אויפשטאַנד האָבן גלייך אויסגענוצט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג געגרייט צו אַ קאַמף קעגן די באָלשעוויקעס, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן דאָך אומגעזעצלעך צעטריבן די געזעצלעכע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג

און האָבן צעשטערט די יסודות פון דער דעמאָקראַטישער אָרדענונג אין רוסלאַנד.

דער בירגער־קריג האָט זיך אָנגעהויבן. ס'איז געקומען דער געלונגענער אויפשטאַנד אין קאַזאַן. די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן האָבן געגרינדעט דעם „קאָמיטעט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג", אין וועלכן ס'זיינען אַריין די אָנגעזעענסטע דעפּוטאַטן פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. סאָציאַליסטן, פּויערים, אַרבעטער זיינען געשטאַנען אין די רייען פון די ס.־ר. און סאָציאַליסטן, אַרבעטער, פּויערים האָבן געקעמפט אויך אין די רייען פון די באָלשעוויקעס — ס'איז געווען אין אמתן זינען פון וואָרט אַ ב ר ו ד ע ר ־ ק ר י ג.

מיר האָבן דאָס פאַראויסגעזען פון אָנהייב אָן, און מיר האָבן דעריבער אָפּגעוואָרפן יעדע באַטייליקונג אין בירגער־קריג.

אין זומער 1918 איז צו מיר אַמאָל געקומען אַלעקסאַנדער ט ר אָ י אַ נ אָ װ ס ק י, דער שפּעטערדיקער סאָוועט־אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, יעמאָלט נאָך אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי, און האָט מיר פאָרגעשלאָגן צו טרעפן זיך מיט אַ פּאָר וויכטיקע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווילן זיך דורכריידן וועגן אַ וויכטיקן ענין. איך בין אָוועק צוזאַמען מיט טראָיאַנאָווסקין צו דער באַגעגענונג. ס'זיינען געווען צוויי באַוואוסטע ס.־ר. און איין באַוואוסטער פאָרשטייער פון די „פאָלקס־סאָציאַליסטן". און די טעמע, וואָס זיי האָבן זייער פאָרזיכטיק און דיפּלאָמאַטיש באַרירט אין געשפּרעך, איז געווען די מעגלעכקייט פון אַ בירגער־קריג. דאָס איז געווען נאָך פאַר דעם קאַזאַנער אויפשטאַנד, אָבער זיי האָבן וואַרשיינלעך שוין געוואוסט, אַז עפּעס גרייט זיך צו. זיי האָבן ניט געמאַכט קיין שום קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, זיי האָבן נאָר געוואָלט וויסן וואָס וועט זיין די פּאָזיציע פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי אין פאַל פון אַ בירגער־קריג.

איך האָב זיי גאַנץ דייטלעך קלאָר געמאַכט, אַז מיר וועלן זיך בשום אופן ניט באַטייליקן אין בירגער־קריג. און ווען עס איז געקומען צו רייד, אין אַ פאָרזיכטיקער פאָרם, אַז עס קאָן געמאָלט זיין, אַז די עלאַיִם (פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע) זאָלן אין פאַל פון אַ בירגער־קריג זיך שטעלן אויף אונדזער צד, און אונדז מיטהעלפן קעגן די באָלשעוויקעס, — דאַן בין איך שוין געוואָרן גאָר שאַרף און האָב דערקלערט, אַז מיר וועלן אַרויסטרעטן ק ע ג ן יעדער אינטערווענץ פון אויסלענדישע מלוכות אין די אינעווייניקסטע פּאָליטישע קאַמפן אין רוסלאַנד.

מיט דעם האָט זיך אונדזער געשפּרעך געענדיקט. ערשט מיט וואָכן שפּעטער האָב איך געניי פאַרשטאַנען דעם זינען פון אונדזער שמועס. עס איז געקומען דער קאַזאַנער אויפשטאַנד, דער קאָמיטעט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, און דאַן די אינטערווענץ פון די עלאַיִם (אין אָדעס, אַרכאַנגעלסק, אין קאַווקאַז, אין סיביר).

מיר האָבן זיך אַנטשידן געוועריט קעגן בירגער־קריג אין 1918, און האָבן זיך אין אים ניט באַטייליקט, הגם מיר זיינען געווען מסכים, אַז די

שולד פאַרן בירגער־קריג טראָגן די באָלשעוויקעס. מיר זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער אויסלענדישער אינטערווענץ, הגם מיר האָבן געוואוסט, אַז די עלאַים קעמפן אין רוסלאַנד ניט כדי צו פאַרכאַפּן טיילן פון רוסלאַנד, און אַפילו ניט כדי אַראָפּצוואַרפן די סאָוועט־רעגירונג, נאָר דער עיקר, כדי צו האַלטן אין רוסלאַנד עפּעס אַ שטיקל פראָנט קעגן דייטשלאַנד.

אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער, אין אָנהייב 1919, ווען די וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, איז די אויסלענדישע אַריינמישונג געוואָרן אין גאַנצן אומבאַרעכטיקט. און אין דער זעלביקער צייט איז דער בירגער־קריג געוואָרן אַלץ ווילדער און אכזריותדיקער. די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און דעמאָקראַטן האָבן געשפּילט אַלץ אַ קלענערע ראָלע אין די אַנטי־באָלשעוויסטישע אַרמייען, און די פירונג איז אַלץ מער אַריבער צו די צאַרישע גענעראַלן און רעאַקציאָנערע אָפיצערן און פּריצים. די טעריטאָריעס, וואָס פלעגן איינגענומען ווערן דורך די „ווייסע", פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין ראַיאָנען פון פּאָליטישער און סאָציאַלער רעאַקציע. פּאָגראָמען אויף אידן, פאַרפאָלגונגען פון סאָציאַליסטן, אַרעסטן פון ליבעראַלן, צוריקנעמונג פון דער פּויערשער ערד, — דאָס זיינען געווען דאָס רוב די כאַראַקטעריסטישע שטריכן, ווען די „ווייסע" פלעגן קומען אין אַ שטאָט.

און דאָס האָט אין גאַנצן אַרונטערגעריסן דעם פּרעסטיזש און דעם איינפלוס פון דער „ווייסער" באַוועגונג. זי איז געוואָרן ניט יענער אַנטי־באָלשעוויזם לשם דעמאָקראַטיע, וועגן וועלכן עס האָבן געטרוימט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, ווען זיי האָבן אָנגעהויבן דעם אויפשטאַנד אין קאַזאַן; דאָס איז שוין געוואָרן אַ רעאַקציאָנער־פּריציש־מאָנאַרכיסטישע באַוועגונג, אין וועלכער עס האָבן געהערשט רעאַקציאָנערע גענעראַלן, אַדמיראַלן, געוועזענע אָפיצערן פון דער „אָכראַנע" און די געוועזענע פּאָגראָם־ספּעציאַליסטן פון די שוואַרצע מאות.

איך האָב שוין באַשריבן, ווי אַזוי די מאַסן רוסישע און אוקראַינישע פּויערים פלעגן זיך אַריבערוואַרפן פון איין צד צום צווייטן.

און אָט די האַלטונג פון די פּויערים־מאַסן האָט סוף כל סוף אָנטשידן דעם אויסגאַנג פון בירגער־קריג. געזיגט האָבן די באָלשעוויקעס, סאַי צוליב אָט דער האַלטונג פון די פּויערים, סאַי צוליב דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פון דער אַלטער אַרמיי און דער גרעסטער טייל פון די וואָפן און מיליטערישן מאַטעריאַל איז געבליבן ביי דער סאָוועט־רעגירונג און ניט ביי די „ווייסע".

מיר האָבן יעמאָלט אין רוסלאַנד וועגן בירגער־קריגן אין אַנדערע לענדער ניט פיל געוואוסט. ווען איך האָב זיך שפּעטער גענויער באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון אַמעריקאַנער בירגער־קריג, האָב איך דערזען, אַז ס'איז פאַראַן פיל ענלעכקייט אין דער אַנטוויקלונג פון די ביידע בירגער־קריגן, ניט געקוקט אויף דער קאָלאָסאַלער פאַרשיידנקייט פון די ביידע לענדער, פון דער גאַנצער פּאָליטישער און סאָציאַלער לאַגע. די

גוואַלטיקע אומאָרדענונג, וואָס האָט געהערשט, די אומגעהייערע פאַרשווענדונג פון מענטשן, כוחות און מאַטעריאַל, די אומפעאיקייט פון דער רעגירונג אין קאַמף קעגן די רעבעלן, וואָס זיינען מיליטעריש פיל טיכטיקער געווען ווי די רעגירונג, און דאָך דער זיג פון דער רעגירונג!

ווי גרוים עס איז געווען דער כאַאָס און די אומאָרדענונג אויף ביידע זייטן אין רוסלאַנד, איז שווער זיך פאָרצושטעלן. זיצנדיק אין מאָסקווע אויף דעם צד, האָבן מיר ממש ניט געגלויבט אונדזערע חושים, ווען מיר האָבן געזען, אַז מען באַזיגט דאָך די „ווייסע". די פאַבריקן האָבן ניט געאַרבעט, די אייזנבאַנען זיינען ניט געפאָרן, צו עסן איז ניט געווען וואָס, קיין קוילן און האָלץ איז ניט געווען, שיך און קליידער פאַר די סאָלדאַטן איז ניט געווען, אַפילו קיין געווער איז אויך ניט געווען גענוג.

5. טראָצקי מיט זיין שטאַב בשעת דעם בירגער־קריג אין רוסלאַנד

אָבער ווי עס ווייזט אויס — מיר אַליין האָבן דאָס ניט געקאָנט זען, זיצנדיק אין מאָסקווע, — איז אויף יענעם צד געווען נאָך ערגער, אַפילו ריין טעכניש. און פון דעם אומבאַשרייבלעכן כאַאָס האָט זיך אַלץ מער און מער אויסקריסטאַליזירט דער זיג פון די באָלשעוויקעס.

אמת, עס זיינען געווען מאָמענטן פון העכסטער געפאַר און פאַניק, למשל, ווען גענעראַל יודעניטש איז שוין געשטאַנען ביי די טויערן פון פעטערבורג, אָדער ווען גענעראַל שקוראָ איז געשטאַנען ביי אָריאל און טולא. פיל באָלשעוויקעס זיינען אין יענע טעג אַרומגעגאַנגען מיט פאַלשע פאַספּאָרטן אין קעשענע, פאָראויסזעענדיק די נידערלאַגע. אָבער

מען מוז צוגעבן, אַז די ענערגיע פון די באַלשעוויקעס איז אין יענע טעג געווען אַ גוואַלטיקע, און אַ באַזונדערס מערקווירדיקע ראָלע האָט אין יענע געפערלעכע חדשים געשפּילט טראָצקי. ער האָט געוואוסט ווי אַזוי אַריינצובלאָזן ענערגיע און מוט, אַרומפאַרנדיק איבערן גאַנצן פראָנט אין זיין באַרימטער טרעין, און דאָס וויכטיקסטע איז געווען, וואָס ער האָט געוואוסט ווי אַזוי צו באַצויבערן און צוציען צו זיך אַ געוויסן טייל פון די אַלטע רוסישע מיליטער־לייט, וואָס אָן זייער הילף וואָלט דער זיג ניט געווען מעגלעך.

די שטימונגען אין אונדזערע פּאַרטיי־קרייזן זיינען געווען געמישטע. די שווידרהאַפטע ברוטאַליטעטן, וואָס זיינען אָפּגעטאָן געוואָרן אין דעם בירגער־קריג, האָבן אַלעמען שרעקלעך אויפגערעגט. ווען די „רויטע" פלעגן פאַרלאָזן אַ שטאָט, פלעגט מען געפינען אין די קעלערן פון דער „טשעקאַ" הונדערטער דערשאָסענע, אָפט מאָל אין גאַנצן אומשולדיקע מענטשן, וואָס מען האָט דערשאָסן צוליב אָנשרעקן, ווי לעבעדיקע משכנות. מען פלעגט דערציילן, און ליידער איז אין דעם געווען פיל אמת, וועגן שרעקלעכע פּייניקונגען פון די אַרעסטירטע און געפאַנגענע.

אמת, אויך די „ווייסע" זיינען געווען ניט ווייניקער סאַדיסטיש, אָבער פון „ווייסע" פּאָגראָמשטשיקעס דערוואַרט קיינער ניט קיין מענטש־לעכקייט. אָבער פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־רעגירונג האָט מען דערוואַרט אַן אַנדער פּאָליטיק, אַן אַנדער מאָראַל, אַן אַנדער באַהאַנדלונג פון געפאַנגענע, און דעריבער איז גראָד דער סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַ־טישער עולם געווען אַזוי געדריקט פון די אַלע שווידערלעכע פאַקטן פון באָלשעוויסטישן רויטן טעראָר.

מאַנכע פון אונדזערע אייגענע חברים זיינען געווען אַזוי שטאַרק אונטער דעם דאָזיקן איינדרוק, אַז זיי האָבן באַשלאָסן, — דאָס איז נאָך געווען אין יאָר 1918, ווען די „ווייסע" האָבן נאָך ניט אין גאַנצן באַוויזן זייער אמתן פּרצוף, — צו באַטייליקן זיך אין אַנטי־באָלשעוויסטישן קאַמף צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אויפן אוראַל, דווקא אין דעם געגנט, וואו דער באָלשעוויזם איז אין די פריערדיקע יאָרן געווען גאַנץ שטאַרק, האָבן זיך גאַנצע פאַבריקן מיט טויזנטער אַרבעטער געשטעלט אויפן צד פון די אַנטי־באָלשעוויקעס. אַזוינע אויפשטאַנדן פון די אַרבעטער קעגן דער סאָוועט־רעגירונג זיינען פאָרגעקומען, אחוץ אין יאַראָסלאַוול — וועגן וואָס איך האָב שוין דערציילט — אויך אויף דער וואָלגע, ווי, צום ביישפּיל, אין צאַריצין און אַסטראַכאַן. דאָרטן זיי־נען די אויפשטאַנדן באַזונדערס ברוטאַל אונטערדריקט געוואָרן פון סטאַלינען.

אויך אין די רייען פון אונדזערע נאָענטע חברים האָבן זיך געפונען אָנהענגער פון אָט דער טאַקטיק. צווישן זיי איז געווען איוואַן מאַיסקי, איצט סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן, יעמאָלט נאָך אַ מיטגליד פון אונדזער מענשעוויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט. ער איז, ניט פאָלגנ־דיק אַ פאָרמעלן באַשלוס פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַוועק פון מאָסקווע

קיין סיביר (אין זומער 1918) און איז דאָרטן, לויט דעם באַשלוס פֿון אונדזער אָרטיקער גרופּע, געוואָרן אַרבעטס־מיניסטער אין דער אַנטי־באָלשעוויסטישער רעגירונג, וואָס איז שפּעטער אַריבער אונטער דער שליטה פֿון אַדמיראַל קאָלטשאַק. מיר האָבן מאַיסקין דערפֿאַר אויסגע־שלאָסן פֿון דער פּאַרטיי, פּונקט אַזוי ווי איינִיקע אַנדערע חברים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער „וויסער״ באַוועגונג. צווישן זיי איז געווען אויך דוד זאַסלאַווסקי, אַ געוועזענער בונדישער שרייבער, אַ מיט־אַרבעטער פֿון דער ווילנער „פֿאָלקסצייטונג״, וועלכער איז אין קיעוו אין יענע חדשים אַריין אין פֿאַרשיידענע „ווייסע״ קאָמיטעטן. איצט איז זאַסלאַווסקי דער עדיטאָריעל־שרייבער אין דער „פּראַוודאַ״, און זיינע אַרטיקלען ווערן גאַנץ אָפֿט ציטירט אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע.

וואָס מער דער בירגער־קריג איז געגאַנגען, און וואָס קלאָרער עס איז געוואָרן, אין האַרבסט 1919, אַז די רעאַקציאָנערע פּיזיאָנאָמיע פֿון דער „ווייסער״ באַוועגונג, אַז די גוואַלטיקע געפֿאַר פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג פֿאַר דער גאַנצער רעוואָלוציע, אַלץ מער האָט זיך אונדזער פּאַרטיי, באַזונדערס אונטער דעם איינדרוק פֿון דער דייטשער רעוואָ־לוציע, געשטעלט אויף דעם באָדן פֿון אַקטיוו מיטהעלפֿן דער סאָוועט־רעגירונג אין דעם בירגער־קריג קעגן די „ווייסע״.

אין דער „בונד״, אין די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי האָבן אָנגע־נומען אַ באַשלוס, אַז אַלע מיטגלידער פֿון דער פּאַרטיי ווערן מאָבי־ליזירט אויפֿן פֿראָנט, פֿאַר יענער אַרבעט, פֿאַר וועלכער זיי זיינען אַמבעסטן צוגעפּאַסט. ניט נאָר אונדזערע יונגע מיטגלידער, נאָר אויך די מיטל־יאָריקע און אַפֿילו די עלטערע מענטשן, ווי דאָקטוי־רים, אָרגאַניזאַטאָרן, עקאָנאָמיסטן, פּראָפּאַגאַנדיסטן זיינען געשיקט גע־וואָרן פֿון אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט אין איינקלאַנג מיט דער סאָוועט־רעגירונג אויף אַרבעט פֿאַרן פֿראָנט.

אַחוץ דעם האָבן מיר אין אַלע וויכטיקע פּונקטן דורכגעפֿירט קאַמ־פּיינס אויף די פֿאַבריקן און זאַוואָדן, רופֿנדיק די סאָציאַליסטישע אַר־בעטערשאַפֿט צום קאַמף. צווישן די רעדנער, וואָס זיינען אַרומגעפֿאָרן איבער די פֿאַבריקן אין טולאַ, אין מאָסקווע, אין כאַרקאָוו, אין בריאַנסק, איז געווען אויך דער אָנגעזעענער מענשעוויק אַנדריי ווישינסקי. דאָס איז יענער ווישינסקי, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ קאָמוניסט און וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־פּראָקוראָר (אַטוירני דזשע־נעראַל) פֿון סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז דאָס שפּעטער געווען דער פּראָ־קוראָר אָדער פֿאָרזיצער אויף כמעט אַלע באַרימטע מאָסקווער „פּראָ־צעסן״. איצט איז ער וויצע־קאָמיסאַר פֿאַר אויסלענדישע ענינים.

ניט געקוקט אויף דער אונטערשטיצונג, וואָס מיר האָבן געגעבן דער סאָוועט־רעגירונג און דער רויטער אַרמיי בשעת דעם בירגער־קריג, זיי־נען אונדזערע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן מיט די באָלשעוויקעס דאָך גע־בליבן גאַנץ שאַרף. זיי האָבן זיך געדרייט ניט נאָר אַרום דער פֿראַגע פֿון פּאָליטישן רעזשים און פֿון טעראָר, — אין צענטער האָט זיך יעמאָלט געשטעלט נאָך אַ פּיל גרעסערע פֿראַגע, — די אַלטע פֿראַגע וועגן דעם כאַראַקטער פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע.

7

מיר שלאָגן פאָר אַן אויסוועג

אין דעם פּרט איז געווען זייער כאַראַקטעריסטיש אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט אין הארבסט 1919 מיט אַן אַלטן פריינט, דעם באַוואוסטן בונדיסט משה ר אַ פ ע ס, וועלכער איז אַריבער יעמאָלט, צוזאַמען מיט דער מערהייט פון אוקראַינישן „בונד", צו דעם קאָמוניזם. די באַגעגעניש איז געווען אַ צופעליקע. מיר האָבן זיך געטראָפן אויף דער אייזנבאַן, אין אַן איבערגעפּאַקטן צוג, און זיינען אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט, דיסקוטירנדיק פּאָליטיש-סאָציאַלע פּראָבלעמען. ראַפעס איז קיין מאָל ניט געווען קיין גרויסער טעאָרעטיקער, אָבער ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ פּראַקטישן חוש, מיט אַ בונדישער דערציאונג און ער איז דעריבער געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דורכשניטלעכן פּאַרטייִ-מענטש, וועלכער איז געווען אַנטשיידנדיק אין דער בונדישער באַוועגונג פון יענער צייט.

דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש נאָך אַ לאַנגן איבעררייס פון כמעט צוויי יאָר. פריער זיינען מיר געווען מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" און ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, בשעת איך בין געבליבן אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט, און עס איז געווען דעריבער נאַטירלעך, אַז דער הויפּט-פּונקט פון אונדזער געשפּרעך איז געווען די באַציאונג צום קאָמוניזם און צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

„הייסט עס, איר זייט געוואָרן אַ קאָמוניסט", — זאָג איך צו ראַפעסן. — „איך וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס האָט אייך געצוואונגען צו בייטן אייער אַלטע שטעלונג? איר זייט דאָך אַ מאַרקסיסט. איך האָף, אַז איר זייט געבליבן אַ מאַרקסיסט. מיר, מאַרקסיסטן, האָבן שטענדיק געטענהט, אַז רוסלאַנד איז עקאָנאָמיש, סאָציאַל און קולטורעל אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד, מיט אַ מערהייט פון פּויערים, און אַז אין אַזאַ לאַנד קאָן דער סאָציאַליזם, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען אים, ניט פאַרווירקלעכט ווערן. איצט זייט איר אַ קאָמוניסט, דאָס הייסט, איר האַלט, אַז מען קאָן אויפן שטעל פאַרווירקלעכן אין רוסלאַנד אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג. וואָס האָט אייך געצוואונגען צו בייטן אייער שטעלונג?"

אויף אָט דער פראַגע און אויף מיינע ווייטערדיקע פראַגעס האָט מיר ראַפעס געענטפערט אין אַ געשפּרעך, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט. זיין הויפּט-אַרגומענט איז געווען אַזאַ — און איך ברענג אים דאָ, ווייל ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר זייער פיל געוועזענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן אין יענע טעג געהאַט גע-ביטן זייער אַלטע שטעלונג.

„אַזוי לאַנג", — האָט מיר געענטפערט ראַפעס, — „ווי עס האָט זיך געהאַנדלט נאָר וועגן ר ו ס ל אַ נ ד, בין איך געווען פעלזן-פעסט איבער-צייגט, פּונקט אַזוי ווי איר, אַז וועגן קיין שום סאָציאַליזם קאָן מען ניט

טראַכטן. מיר האָבן כמעט 90 פּראָצענט פּויערים אין אונדזער לאַנד, מיר האָבן ווייניק אינדוסטריע, מיר האָבן אַ קליינעם אַרבעטער־קלאַס. ווי אַזוי קאָן מען אין אַזאַ לאַנד פּרובירן פאַרווירקלעכן אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג? אָבער די דייטשע רעוואָלוציע האָט אַלץ געביטן: איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַבראַמאָוויטש, און איר קאָנט דאָך גוט דייטשלאַנד, אַז אין דייטשלאַנד איז יאָ מעגלעך אַ פולשטענדיקע סאָציאַליסטישע אָרדענונג. אויב דייטשלאַנד זאָל אַרויף אויפן וועג פון סאָציאַליזם און מיטרייסן מיט זיך גאַנץ צענטראַל־אייראָפּע, דאַן הייסט עס, אַז די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט געזיגט. אָבער אויב אין אייראָפּע ווערט אויפגעשטעלט אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, באַקומט אויך די פראַגע וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אַן אַנדער פּנים. דאַן שטייט ניט די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי קאָן דאָס אָפּגעשטאַנענע רוסלאַנד פאַרווירקלעכן ביי זיך אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג, דאַן שטעלט זיך די פראַגע גאָר אַנדערש: ווי אַזוי זאָל אַ סאָציאַליסטיש אָרגאַניזירטע אייראָפּע פאַרווירקלעכן אין רוסלאַנד אַ מער אָדער ווייניקער סאָציאַליסטישע אָרדענונג. דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס אַליין וואָלט קיין מאָל ניט געקאָנט וועגן דעם חלומען, אָבער אַ סאָציאַליסטישע אייראָפּע קאָן אַזוינס יאָ דורכפירן. דעריבער קאָנען מיר איצט ניט זאָגן: אייראָפּע זאָל ווערן סאָציאַליסטיש און רוסלאַנד זאָל בלייבן קאַפּיטאַליסטיש. די מעגלעכקייט, און נאָך מער — די וואַרשיינלעכקייט, פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע מוז אויך ענדערן די מאַרקסיסטישע שטעלונג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד".

אין דער מעגלעכקייט פון אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע אין אייראָפּע האָב איך יעמאָלט, אין האַרבסט 1919, אויך ניט געלייקנט. איך בין געווען ניט אַזוי אָפּטימיסטיש, ווי ראַפּעס, וועגן דער וואַרשיינלעכקייט פון אַזאַ מין איבערקערעניש. אָבער אין פּרינציפּ האָב איך עס געהאַלטן אין גאַנצן פאַר מעגלעך און דאָס איז יעמאָלט געווען אַן אָנגענומענע אָנשויאונג ניט נאָר ביי אונדז, די סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן אין רוסלאַנד, וואָס זיינען געווען נאָך היפּש אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט. דאָס איז געווען אויך אַן אָנגענומענע טעאָריע אין אייראָפּע גופא און צווישן די דייטשע סאָציאַליסטן און אַפילו ניט־סאָציאַליסטן. די גרעסטע מערהייט איז געווען איבערצייגט, אַז דייטשלאַנד וועט אויף אַ פרידלעכן אופן רעאָרגאַניזירט ווערן אין אַ דעמאָקראַטיש־קאָלעקטיוויסטישער מלוכה מיט אַ סאָציאַליזירטער אינדוסטריע. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „סאָציאַליזירונגס קאָמיסיע" אין דייטשלאַנד, בראש פון וועלכער עס זיינען געשטעלט געוואָרן קאַרל קאַוטסקי, רודאָלף הילפערדינג און אַנדערע פירערס פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אַן ענלעכע סאָציאַליזירונגס־קאָמיסיע איז געשאַפן געוואָרן אין עסטרייך, בראש פון וועלכער עס זיינען געשטאַנען אָטאָ באַוער, פרידריך אַדלער, קאַרל רענער און אַנדערע סאָציאַליסטישע פירערס.

אויך פון די אַנדערע לענדער פון אייראָפּע זיינען אָנגעקומען ידיעות וועגן סאָציאַליזאַציע-פּלענער.

אָבער מיר, מענשעוויקעס, האָבן געהאַלטן, אַז פאַר דעם פאָרשריט פון דער אייראָפּעאישער רעוואָלוציע איז נייטיק, אַז רוסלאַנד זאָל זיין עקאָנאָמיש וואָס שטאַרקער, וואָס פעסטער; אַז די דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד זאָל זיין וואָס זיכערער, און מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז אַ דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד מיט אַ האַלבער אָדער פערטל-סאָציאַליסטישער אָרדענונג וועט זיין אַ גרעסערער געווינס און אַ גרעסערע שטיצע פאַרן אייראָפּעאישן סאָציאַליזם, איידער אַ פול-שטענדיק סאָציאַליזירטע רוסלאַנד מיט אַן אָפּגעשוואַכטער עקאָנאָמיק און מיט אַן אינעווייניקסטן שאַרפן בירגער-קריג.

אַרויסגייענדיק אָט פון דער פאָרשטעלונג, האָבן מיר אויסגעאַרבעט און פאָרעפנטלעכט אַ ריי פּראַקטישע פּראָיעקטן. באַזונדערס איז באַוואוסט געוואָרן די פּראָגראַם: „וואָס זאָל מען טאָן?" (טשטאָ דיעלאַט?), וואָס אונדזער צענטראַל-קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט אין זומער 1919, אַלס אַ מענשעוויסטישן ענטפער אויף דער געשאַפענער אינטערנאַציאָנאַלער און רוסישער לאַגע.

אין יענעם פּראָגראַם האָבן מיר אויף דעם פּאָליטישן געביט פאַרלאַנגט פולשטענדיקע דורכפירונג פון סאָוועטן-דעמאָקראַטיע (לויט דער אָנגענומענער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע) און אויף דעם עקאָנאָמישן געביט האָבן מיר פאָרגעשלאָגן אַ פאַראייניקונג פון אַ סאָציאַליזירטער גרוים-אינדוסטריע (די אַזוי-גערופענע „שליסל-אינדוסטריעס", ווי ענערגיע-קוואַלן, קוילן, מעטאַל-אינדוסטריע, אייזנבאַנען) מיט פריוואַטער אינדוסטריע אין די מיטל-גרויסע און קליינע אונטערנעמונגען. אויף דעם געביט פון האַנדל און פינאַנץ האָבן מיר פאַרלאַנגט די נאַציאָנאַליזירונג פון די באַנקען, דעם קאָנטראָל פון אויסלענדישן האַנדל, קאָמבינירט מיט פרייען האַנדל אינעווייניק אין לאַנד. אונדזער געדאַנק איז געווען, אַז כדי די מלוכה זאָל קאָנען מיט דערפאָלג קאָנטראָלירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון לאַנד און פירן אַלץ ווייטער און ווייטער אויפן וועג פון דער סאָציאַליזירונג, איז גאָר ניט נייטיק, אַז אַלע אונטערנעמונגען, פאַבריקן, קראָמען, געשעפטן זאָלן ווערן נאַציאָנאַליזירט. עס איז נאָר נייטיק, אַז די הויפּט-שליסלען פון דער אינדוסטריע און פון האַנדל זאָלן זיך געפינען אין די הענט פון דער מלוכה, און אָט דורך די פּאָזיציעס וועט ביי דער היינטיקער קאָנצענטרירונג פון דעם גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן זיין מעגלעך פאַר דער מלוכה צו רעגולירן, קאָנטראָלירן און אָנפירן מיט דער גאַנצער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון לאַנד.

וואָס אָנבאַלאַנגט דאָס דאָרף, טאָ האָבן מיר פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל די פּויערים, וואָס האָבן אָקערשט באַקומען די ערד פון די פּריצים און וואָס ווילן געניסן פון דער אַגראַר-רעוואָלוציע, לאָזן אין גאַנצן צורו, זיי זאָלן קאָנען פירן זייער באַלעבאַטישקייט אַזוי ווי זיי פאַרשטייען אַליין.

דאַן וועט דער פּויער זיין צופרידן; ער וועט, מיט דער אונטערשטיצונג פון דער מלוכה, פאַרגרעסערן זיין פּראָדוקציע, און דורך דעם וועט אויך דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס איז געבויט אויף דער פּויערים-ווירטשאַפט, ווערן רייכער, שטאַרקער און רייפער פאַרן סאָציאַליזם.

אָט אַרום דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג פון סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד האָבן זיך די גאַנצע צייט געדרייט די קאַמפן צווישן די מענשעוויקעס און די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד.

אין יענער צייט האָט זיך צום ערשטן מאָל געשאַפן יענע מערקווירדיקע היסטאָרישע סיטואַציע, אין וועלכער מאַרקסיסטן, סאָציאַליסטן פון לאַנגע יאָרן, זיינען אַריינגעקומען אין אָפּאָזיציע צו אַ רעגירונג, וואָס האָט, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, „געגעבן מער", איידער מיר האָבן פון איר פאַרלאַנגט! די נאָרמאַלע שטעלונג פון אַ סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי צו אַ רעגירונג איז דאָך די, וואָס זי פאַרלאַנגט אַלץ ווייטערדיקע, אַלץ מער ראַדיקאַלע רעפאָרמעס און ענדערונגען, און די רעגירונג וויל דאָס געוויינטלעך ניט געבן. דאָ אָבער זיינען מיר געקומען אין אַ לאַגע, ווען מיר, פאַרטרעטער פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער-קלאַס, האָבן פאַרלאַנגט ניט „מ ע ר", נאָר „ו ו י י נ י ק ע ר". אין דער גאַנצער געשיכטע פון אונדזער צייט איז צום ערשטן מאָל געשאַפן געוואָרן אַזאַ מערקווירדיקע לאַגע פאַר אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַ סך מענטשן האָבן דאָס קיין מאָל ניט געקאָנט באַגרייפן. זיי האָט זיך שטענדיק אויסגעדוכט, אַז די דאָזיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אויפגעהערט צו זיין סאָציאַליסטיש, וואָרים ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל פאָדערן מען זאָל נ י ט פאַרווירקלעכן פולשטענדיקן סאָציאַליזם?!

אין דעם מאָמענט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גאָר ווייניק מענטשן האָבן ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס עס מיינט „מאַרקסיזם".

עס זיינען אויך פריער געווען אין דער געשיכטע פון מאַרקסיזם מאָמענטן, ווען מאַרקסיסטן-סאָציאַליסטן האָבן זיך ניט געיאָגט נאָך „זאָפאָרטיקן סאָציאַליזם" (ענגעלס און די באַקוניסטן אין שפּאַניע, פּלע-כאַנאָוו און די „נאַראָדניקעס" אין רוסלאַנד). אָבער דאָס זיינען געווען קורצע עפּיזאָדן, דיסקוסיעס פון שרייבער און טעאָרעטיקער. מיר אָבער, די מענשעוויקעס, זיינען אַריינגעקומען אין רוסלאַנד אין 1919 אין אַ לאַגע, ווען די שטרייטן זיינען שוין ניט געווען קיין טעאָרעטישע, ווען מיר האָבן פּ ר אַ ק ט י ש געהאַט צו טאָן מיט אַ ר ע ג י ר ו נ ג, מיט אַן אַרמיי, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס פּראַקטישע אויפגאַבע דעם אויפבוי פון סאָציאַליזם. און מיר אַליין זיינען אויך געווען ניט קיין היי-פּעלע שרייבער, נאָר אַ לעבעדיקע פּאַרטיי מיט אַ פערטל מיליאָן מיט-גלידער.

ווי אַזוי האָבן זיך אָבער די אַרבעטער אַליין באַצויגן צו אונדזער שטרייט, צו דעם אידעאָלאָגישן קאַמף צווישן מענשעוויזם און באָלשע-וויזם?

וועגן דעם זיינען קיינע גענויע דאַטעס ניט פאַראַן. אין זומער 1918 האָבן מיר פּרובירט פעסטשטעלן די מיינונג פון אַרבעטער דורך אַן אַר־בעטער־קאָנגרעס. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן דאָס ניט דערלאָזן, און האָבן די אַרבעטער־קאָנפערענץ אַרעסטירט.

איך געדענק אייניקע דיסקוסיעס אין גרויסע פאַבריקן פאַר טויזנטער אַרבעטער. איינע פון די גרעסטע דיסקוסיעס האָב איך געהאַט אין דער שטאָט טווער, וואָס הייסט איצט קאַלינין.

איך האָב אין מיין רעדע גענוי דערקלערט אונדזער מענשעוויסטיש סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט. איך האָב דערקלערט, פאַרוואָס איך האַלט, אַז מיר, רוסישע אַרבעטער־פירערס, וואָס האָבן שטענדיק געקעמפט פאַר דער אידעע פון סאָציאַליזם, טאָרן זיך איצט ניט נעמען פאַר דער דירעקטער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער אידעאַל אין פולער מאָס און מוזן האָבן געדולד, ביז וואַנען עס וועט קומען די צייט דערצו. דאָס איז געווים געווען ניט קיין פּאָפּולערער שטאַנדפּונקט אין אַזאַ קאָ־כעדיקער צייט, ווי דער זומער 1919, ווען דער נסיון איז געווען אַזוי שטאַרק און דער ווידערשטאַנד פון דער בורזשואַזיע האָט זיך אויסגע־דוכט אַזוי שוואַך און נישטיק. די מייסטע פאַבריקאַנטן זיינען זיך צע־לאָפן, איבערלאָזנדיק די פאַבריקן. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן: די גרעסטע שטערונג צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם איז דאָך דער ווי־דערשטאַנד פון די קאַפּיטאַליסטן; נו, אַז די קאַפּיטאַליסטן זיינען ניטאָ, אָדער זיי זיינען ניט גענוג שטאַרק, איז וואָס שטערט אונדז דורכצופירן דעם סאָציאַליזם? און די קאָמוניסטישע רעדנערס, וואָס האָבן גערעדט נאָך מיר, זיינען טאַקע אַרויסגעטראָטן איינער נאָך דעם אַנדערן מיט אַזעלכע רייד, אַפּעלירנדיק צו דער רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג פון די מאַסן, אויפהעצנדיק די סאָציאַלע ליידנשאַפטן פון די אַרבעטער. עס איז אָבער געווען מערקווירדיק, אַז ניט געקוקט אויף דער פּסיכאָלאָגיש־אומגינסטיקער לאַגע, אין וועלכער מיר איז אויסגעקומען צו ריידן, האָט דאָך אַ גרויסער טייל, אפשר די מערהייט פון די פאַרזאַמלטע אַרבעטער, זיך זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו מיינע רייד און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז זיי זיינען מיט מיר איינפאַרשטאַנען. עס איז אָבער געווען אַ געוויסע צעטיילונג אין דעם עולם. און די דאָזיקע צעטיילונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר טווער, נאָר פאַר דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס אין רוסלאַנד. די מער אָרגאַניזירטע, מער באַ־וואוסטזיניקע, פאַרטייאיש־געשולטע אַרבעטער זיינען דאָס רוב געגאַנגען מיט דעם מענשעוויסטישן גאַנג. זיי האָבן געקאָנט די אינעווייניקסטע שוואַכקייט פון רוסלענדישן אַרבעטער־קלאַס, זיי האָבן פאַרשטאַנען די שוועריקייט פון סאָציאַליסטישער בויאונג דורך אַ קליינעם פּראָלעטאַ־רישן אינדזל אין אַ גוואַלטיקן ים פון פּויערים, און זיי זיינען געווען איינ־פאַרשטאַנען מיט אַ פאַרזיכטיקער און רואיקער טאַקטיק. פאַרקערט, די אַנדערע אַרבעטער, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג אַריבערגעקומען פון די דערפער אין די פאַבריקן בשעת דער מלחמה, באַזונדערס פרויען (און

דער פּראָצענט פרויען איז אין יעדער מלחמה אַ גוואַלטיקער אין דער אינ־דוסטריע), זיינען געווען אַנדערש געשטימט.

די נייע אַרבעטער־עלעמענטן, וואָס האָבן ניט געהאַט דורכגעמאַכט אונדזערע קרייזלעך, וואָס האָבן ניט באַקומען קיין מאַרקסיסטישע דער־ציאונג, — ביי זיי איז שטאַרק געווען דער קול פון סאָציאַלער ליידנ־שאַפט, פון קלאַסן־שנאה, פון רעוואָלוציאָנערער סטיכישקייט. זיי זיינען דאָס רוב גענאַנגען מיט די באָלשעוויקעס.

אַזוי איז עס געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג אין טווער, וועגן וועל־כער איך דערצייל, און אַזוי איז געווען אין צענדליק אַנדערע פאַרזאַמ־לונגען פון אַרבעטער, אין וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו ריידן.

עס קאָן אויסקומען מאָדנע, אָבער ס'איז דאָך אַזוי געווען: דער הויפּט־כוח פון באָלשעוויזם איז אין רוסלאַנד אין יענע יאָרן געקומען ניט פון שטאָט, נאָר פון דאָרף. יאָ, ביי זיך אין דאָרף האָבן די דאָזיקע רעוואָ־לוציאָנער־געשטימטע פויערים און פויערטעס קיין קאָמוניזם ניט גע־וואָלט האָבן. ווען די זעלביקע טעקסטיל־אַרבעטערינס פון טווער אָדער די דעמאָביליזירטע „רויטע אַרמייער", וואָס האָבן ביי די פאַבריק־מי־טינגען ממש געוואָלט דערשיסן אונדז, די „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע מענשעוויקעס", — פלעגן זיך אומקערן אין זייערע דערפער, פלעגן זיי דאָרטן גאַנץ איינגעשפּאַרט קעמפן קעגן די „פּראָדאָטריאַדן". ביי זיך אין דאָרף האָבן זיי קיין „קאָמוניזם" ניט געוואָלט, אָבער אין שטאָט אָפּנעמען די פאַבריקן ביי די „בלוט־זויגער", די פאַבריקאַנטן, אַרויסטרייבן פון די שיינע וואוינונגען די אויסגעפּוצטע „בורזשויקעס", פאַרניכטן די „פּריצים" אין די שטעט אַזוי ווי זיי האָבן זיי פאַרניכטעט אין די דערפער, — פאַר דעם זיינען זיי געווען פלאַם און פייער. אַ קליי־נער אייגנטימער ביי זיך אין דאָרף, איז דער רוסישער רעוואָלוציאָ־נערער פויער געווען אַ פלאַמעדיקער קאָמוניסט אין שטאָט.

דאָס איז געווען דער מערקווירדיקער ווידערשפּרוך פון דער רוסי־שער אַנטוויקלונג, און די רעוואָלוציאָנער־אוטאָפּיסטישע שטימונג פון די רוסישע פויערים האָט אין יענע חדשים באַהערשט די שטעט. די פוי־ערים זיינען געווען די מאַכט, סאַי אַלס סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, סאַי אַלס צייטווייליקע אַרבעטער אין די פאַבריקן, און זיי האָבן אַנטשידן דעם זיג פון באָלשעוויזם.

דער באָלשעוויזם און דער „בונד"

1

די האַמלער באַראַטונג פון „בונד"

די טעאָרעטישע שטרייטן וועגן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד און די דער־וואַרטונגען וועגן דער רעוואָלוציע אין איראָפּע האָבן אַלץ מער און מער צעטרייסלט די אינעווייניקסטע פעסטקייט פון „בונד", וואָס איז ביז 1919 געבליבן די שטאַרקסטע און זיכערסטע פעסטונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד. אין אַלע פּאַרטייען זיינען געווען שפּאַל־טונגען, אָפּשפּאַלטונגען, פראַקציעס, קאַמפן. נאָר אין „בונד" האָט ביז נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע געהערשט אָרגאַניזאַציאָנעלע איינִיקייט. וואָרים „דער בונד איז איינער, און מער איז קיינער", — ווי מ'האָט גע־זונגען אויף די בונדישע „ליאַמעס".

אָבער די דייטשע רעוואָלוציע פון 1918 און די דייטשע אָקופּאַציע פון מינסק, אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, האָבן געשאַפן נייע שטימונגען אין די רייען פון די בונדיסטן.

דער „נס" פון דער דייטשער רעוואָלוציע האָט געשאַפן שטאַרקע קאָמוניסטישע שטימונגען צווישן די אידישע מאַסן. און דער פירער פון אוקראַינישן בונד — משה ראַפעס האָט זיך אונטערגעגעבן אונטער די דאָזיקע שטימונגען.

אויף דער מינסקער קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין פרילינג 1919 (און אויף וועלכער איך האָב ניט געקאָנט קומען צוליב מיין אָפּעראַציע), איז ראַפעס געווען איינגעלאַדן און האָט דאָרטן פאָר־געשלאָגן, אַז דער גאַנצער „בונד" זאָל זיך שטעלן אויף דער קאָמוניסטי־שער פּלאַטפאָרם. דאָרטן זיינען קעגן אים אַרויסגעטראָטן דער עיקר א. ליטוואַק, י. יודין־אייזענשטאַט און אַנדערע. אָבער די הויפּט־פירער פון צענטראַל־קאָמיטעט, רחמיאל וויינשטיין און אסתר פרומקין, האָבן פאַרנומען אַ וואַקלדיקע און אומזיכערע פּאָזיציע.

אי וויינשטיין, אי אסתר האָבן די גאַנצע צייט, ביז 1918, געהערט צום רעכטן פליגל פון „בונד" און פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי. די עטלעכע חדשים דייטשע אָקופּאַציע צוזאַמען מיט די האָפענונגען אויף דער אייראָפּעאישער רעוואָלוציע האָבן אויך אין מינסקער „בונד" געביטן די שטימונגען. און ווען רחמיאל מיט אסתרן און מיט דעם אינ־

גערן בונדיסטישן טוער יענקל לעווין זיינען געקומען נאָך דער באַפרייאונג פון מינסק קיין מאָסקווע, — זיינען דאָס שוין געווען אַנדערע מענטשן. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך געביטן אסתר. זי איז, ניט געקוקט אויף אירע גרויסע פעאיקייטן, געווען שטענדיק אַ מענטש מיט שטימונגען.

אין ווינטער 1918—1919, ווען זי איז געווען אין מאָסקווע, איז זי גראָד געווען אין דער גייסטיקער איבערברוך-צייט: זי האָט שוין אָנגעהויבן אַנטשוישט צו ווערן אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און באַגייסטערט צו ווערן פאַרן באָלשעוויזם. אָבער זי האָט נאָך געהאַלטן ביים סאַמע אָנהייב. אונדזערע דעבאַטעס און דיסקוסיעס זיינען געווען זייער ערנסטע און לײַדנשאַפטלעכע, אָבער מיר האָבן נאָך געקאָנט ריידן צווישן זיך ווי פריינט און חברים. איך האָב זייער הויך געשעצט אירע פעאיקייטן, און זי האָט זיך אויך שטענדיק באַצויגן צו מיר מיט סימפּאַטיע און אַכטונג. אָבער איך האָב געפילט, אַז זי גייט אַוועק פון אונדז.

פיל ווייניקער האָב איך געהאַט דעם געפיל בנוגע רחמיאל וויינשטיין. אויך צווישן ווײַנשטיינען און מיר האָט געהערשט אַ קעגנזייטיקע פריינטשאַפט. ווײַנשטיין, אַ רואיקער, איינגעהאַלטענער און באַזאָנענער מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, האָט אָבער באַלאַנגט צו יענעם סאָרט מענטשן, וואָס דאַרפן שטענדיק האָבן אימיצן אויף צו באַוואונדערן און צו פאָלגן.

רחמיאל איז פון זיין סיבירער פאַרשיקונגס-צייט, גראָד פאַר דער רעוואָלוציע, געווען גוט באַפריינדעט מיט לעוו קאַמעניעוו. ווען ער איז געקומען קיין מאָסקווע, האָט ער גלייך געמאַכט אַ באַזוך ביי קאַמענעוון, אי ווי ביי אַן אַלטע באַקאַנטן, אי ווי ביי אַ מיטגליד פון דער רעגירונג. ער האָט זיך דאַן געווענדט צו קאַמעניעוון וועגן פאַרשיידענע מינסקער עקאָנאָמישע ענינים. קאַמעניעוו האָט אים זייער פריינטלעך אויפגענומען און האָט מיט אים אָפן געשמועסט איבער פאַרשיידענע פּאָליטישע פראַגעס. אין איינעם פון אַזעלכע געשפּרעכן האָט ער ווײַנשטיינען דערציילט אַזאַ מין פאַל:

ביי דער ניי-יאָר וועטשערינקע אין קרעמל (דעם 31-טן דעצעמבער 1918) האָט זיך דזשערזשינסקי, דער אַלמעכטיקער פירער פון דער טשעקאַ, שרעקלעך אָנגעשיכורט. ווײַנענדיק מיט ביטערע שיכורע טרערן, האָט דער „אייזערנער" דזשערזשינסקי זיך געבעטן רחמים ביי זיינע פריינט, ביי לענינען, קאַמעניעוון און אַנדערע, זיי זאָלן אים דערשיסן. „איך האָב פאַרגאָסן אַזוי פיל בלוט", — האָט ער געשריען, — „אַז איך טאָר מער ניט לעבן. איר אַליין מוזט מיך איצט דערשיסן. די רעוואָלוציע טאָר ניט דערלאָזן, אַז אַזעלכע מענטשן ווי איך זאָלן בלייבן לעבן..."

ווען רחמיאל האָט מיר דעם שוידערלעכן עפּיזאָד דערציילט, איז ער אַליין געווען טיף דערשיטערט: די פראַגע פון באָלשעוויסטישן טעראָר איז געווען פאַר אים, ווי אויך פאַר אסתרן, איינע פון די שווערסטע געוויסנס-פראַגן אין זייער באַציאונג צום באָלשעוויזם. ווען ניט דער

טעראָר, וואָלטן ניט נאָר זיי, נאָר זייער פּיל סאָציאַליסטן אין יענער צייט געווען צוגעשטאַנען צו די באָלשעוויקעס.

פּאַר זעקס-זיבן חדשים זינט יאַנואַר 1919 איז די אַנטוויקלונג פון קאָמוניסטישע שטימונגען אין מינסקער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" אַוועק נאָך פּיל ווייטער. צוליב פאַרשיידענע טעמים, איז דער צענטראַל-קאָמיטעט אַריבערגעפאָרן קיין האָמעל. און דאָרטן, אין דער אַלטער בונדישער שטאָט האָמעל, אין וועלכער איך בין מער ניט געווען זינט 1905—1906, האָט געזאָלט פאָרקומען אַ מין קליינע קאָנפערענץ, אַ פּאַר-טיי-באַראַטונג, וואו די גרונט-פּראָבלעמען פון אונדזער טאַקטיק זאָלן דורכגעלופטערט ווערן. דער עיקר האָט געזאָלט קלאָר ווערן, צי מען קאָן זיך צונויפריידן מיט די לינקע, אָדער זיי זיינען שוין אַוועק אַזוי ווייט, אַז קיין שום געמיינזאַמע שפּראַך קאָן שוין צווישן אונדז ניט זיין.

⁂

פון מאָסקווע זיינען מיר געפאָרן זאַלבעדריט, איך און נאָך צוויי בונדיסטן. פאָרן האָט מען געדאַרפט ביז בריאַנסק, און דאָרטן נעמען אַ צווייטן צוג קיין האָמעל. די רייזע ביז בריאַנסק איז געגאַנגען גלאַט: מיר האָבן באַקומען פּלעצער אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן „פּאַר דעלעגאַטן", וואו עס האָבן געמעגט פאָרן נאָר מענטשן, וואָס האָבן באַזונדערע דער-לויבענישן („קאָמאַנדיראָווקעס") פון צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון „בונד" און אַלע אַנדערע „סאָוועטישע", דאָס הייסט, לעגאַלע פּאַרטייען, האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פאַר זייערע פאַרטיי-דעלעגאַטן פּלעצער אין יענעם ספּעציעלן וואַגאָן.

ווען מיר זיינען אויפן מאָסקווער וואָקזאַל אַריין אין יענעם וואַגאָן, איז דער ערשטער „דעלעגאַט", וועלכן איך האָב דערזען, געווען משה ראַפעס! ער איז אויך געפאָרן אויף דעמזעלביקן וועג, איבער בריאַנסק און האָמעל, און פון דאָרטן נאָך ווייטער, ערגעץ-וואו קיין אוקראַינע. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז אונדזערע פּלעצער זאָלן זיין אין איין אָפּ-טיילונג און אַזוי-אַרום זיינען מיר די גאַנצע נאַכט געפאָרן צוזאַמען און האָבן די גאַנצע צייט געפירט דיסקוסיעס וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן אייראָפּע און אַזוי ווייטער. (אַ טייל פון געשפּרעך האָב איך איבער-געגעבן אין פאָריקן קאַפּיטל.)

אָבער ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין בריאַנסק, איז שוין די לאַגע געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. די דירעקטע צוגן פון מאָסקווע זיינען נאָך ווי-ניט-איז געגאַנגען. אָבער אויף די זייטיקע און קלענערע אייזנבאַן-ליניעס איז דער פאַרקער געווען זייער אַ שלעכטער און ניט קיין רעגול-מעסיקער. ס'איז ניט געווען קיין קוילן און אַפילו ניט קיין האָלץ פאַר די לאָקאָמאָטיוון, עס זיינען אויך ניט געווען גענוג וואַגאָנען. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווען אַ צוג וועט אָנקומען און ווען ער וועט אָפּפאָרן. אויף די סטאַנציעס פלעגן מענטשן וואַרטן גאַנצע טעג, ביז אַ צוג איז אָנגע-קומען און ערשט דאַן איז ניט פאַר אַלעמען געווען פּלאַץ.

אַזוי איז דאָס געווען אין בריאַנסק. ווען מיר זיינען אַרויס פון אונדזער „דעלעגאַטסקי" וואַגאָן מיט די שלאָף־בענקלעך, און האָבן פּרובירט אַריין אין וואַרט־זאַל פון דער סטאַנציע, האָבן מיר דערזען אַ בילד, וואָס איז אַפילו פאַר אונדז, שוין צוגעוואוינטע צו דער לאַגע, געווען אַ „שאָק". דער ריזיקער זאַל פון דער בריאַנסקער סטאַנציע איז געווען אָנגעפּילט מיט מענטשן פון איין עק ביז צום צווייטן, פון איין וואַנט ביז צו דער אַנדערער. די מענטשן זיינען געלעגן, געשטאַנען, געזעסן אין דריי שיכטן, איינע איבער די אַנדערע. אונטן, אויף דער שרעקלעך־שמוציקער שטיינערנער פּאָדלאָגע, זיינען געדיכט, איינער ביי דעם אַנדערן, געלעגן און געזעסן סאָלדאַטן, פּויערים, אַרבעטער, פרויען, קינדער. דורכצוגיין צווישן די ליגנדיקע און זיצנדיקע מענטשן איז ניט געווען קיין שום מעגלעכקייט, מ'האָט פּשוט געטראָטן אויף מענטשן. אייניקע זיינען געלעגן אויף קאָלדרעס מיט קישנס, אַנדערע אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, און אַנדערע זיינען געזעסן אויף פּעקלעך. די צווייטע שיכט — דאָס זיינען געווען די, וואָס זיינען געזעסן אָדער געלעגן אויף די בענקלעך און די שטולן; די דריטע, די אויבערשטע שיכט, איז געלעגן אויסגעצויגן אויף די טישן פון וואַרט־זאַל, וואו עס איז אין נאָרמאַלע צייטן געווען אַ רעסטאָראַן.

אַ טייל פון עולם איז געשלאָפן, כראָפּנדיק אויף פאַרשיידענע ניגונים — ס'איז געווען ביינאַכט. אַ טייל האָט געגעסן, אַ טייל איז סתם געזעסן, ווי פאַרשטיינערט. ווען אימיצער האָט געדאַרפט אַרויסגיין צוליב אַ נאַטירלעכער באַדערפעניש, האָט ער געמוזט פאַרזיכטיק שפּאַנען איבער שלאָפנדיקע מענטשן, איבער קליינע קינדער, וואָס האָבן געוויינט און געשריען; אַריבערקלעטערן איבער שטולן, און, דער עיקר, אָננעמען מיטלען צו זיכרן זיינע פּעק פון גנבים און זאָרגן דערפאַר, אַז אַן אַנדערער זאָל אינצווישן ניט פאַרכאַפּן זיין פּלאַץ.

מיר האָבן זיך ניט געוואָלט אַריינשטופּן אין דעם מענטשלעכן געדרענג און זיינען געבליבן אַ לאַנגע צייט אויף דער פּלאַטפאָרם. אָבער די נאַכט איז געווען זייער אַ קאַלטע, זיינען מיר דאָך אַריין אין זאַל, ביי דער סאַמע טיר, זיך אַביסל אָנצוואַרעמען. אָבער ניט לאַנג האָט געדויערט אונדזער גליק. 6 אַזייגער אין דער פרי האָט זיך דערהערט אַ שטרענגער געשריי: „אַלע אַרויס פון זאַל!" דאָס האָבן געשריען סאָלדאַטן־וועכטער מיט ביקסן. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, אָבער געהאָרכזאַם האָט זיך דער געדיכטער מענטשלעכער שטראָם אַרויסגעגאָסן אויפן קאַלטן פּלאַץ פאַרן וואָקזאַל מיט די פּעק, די קישנס, די קליינע קינדער. און אין זאַל האָבן זיך אַריינגעלאָזן אַ צענדלינג פרויען און מענער מיט בעזימער — רייניקן און אויפראַמען. מיט טרוקענע בעזימער, אויפהייבנדיק אַ שרעקלעכן שטויב, האָבן די „רייניקער" אויסגעקערט גאַנצע הויפנס שמוץ — רעשטלעך פון שפּייז, פּאַפּיר, שטרוי, שמאַטעס, אַלץ וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן אין 24 שעה צייט פון עטלעכע הונדערט שמוציקע, ניט־געוואַשענע, ניט־געקעמטע, פאַרוואָרלאָזטע מענטשן.

דער עולם איז שווייגנדיק אָפּגעשטאַנען אַן ערך אַ שעה־אַנדער־האַלבן אויפן גאַס, ביז מען האָט פון דאָס ניי געעפנט דעם וואָקזאַל, און ווידער האָט זיך דאָס לעבן איינגעאָרדנט אין דריי שיכטן אין דעם זאַל.

ראַפּעס, אַ מענטש אַ פּראַקטישער און אַ פלינקער, איז שוין עטלעכע מאָל געווען אין דער „אייזנבאַן־טשעקאַ" פון וואָקזאַל, דערגייִן נייס וועגן דעם צוג קיין האָמעל און צו פאַרזיכערן זיך מיט פלעצער פאַר אונדז, די „דעלעגאַטן". דער צוג, — האָט מען אים געזאָגט, — וועט אין עטלעכע שעה אַרום קומען, אָבער צי מיר וועלן קריגן פלעצער איז מען ניט געווען זייער זיכער, טראָץ אונדזערע „מאַנדאַטן" (קרעדענשלס) מיט שיינע שטעמפּלען. הונדערטער מענטשן וואַרטן דאָ שוין צוויי טעג אויפן צוג — איר זעט דאָך אַליין, וואָס דאָ טוט זיך!

מילא, מוז מען וואַרטן. און טאַקע אַזייגער 11 אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אין דעם מענטשן־ים, וואָס האָט פאַרפלייצט די באַן־סטאַנציע אין בריאַנסק. עפּעס ווי דורך אַ ראַדיאָ (און קיין ראַדיאָ איז יעמאָלט ניט געווען ביי אונדז) האָט זיך דער עולם דערוואוסט, אַז דער צוג איז שוין אַרויס פון דער נאָענטסטער סטאַנציע און באַלד וועט ער אָנקומען. די פּלאַטפאָרמע פון דער סטאַנציע איז שוואַרץ געוואָרן פון מענטשן, מיט פּעק און זעק, מיט קינד און קייט. אַלע האָבן זיך גע־שטופּט אַלץ נעענטער צום ראַנד, דאָרטן וואו עס האָבן זיך געדאַרפט אָפּשטעלן די וואַגאָנעס. אַ לעבעדיקע וואַנט פון טשעקיסטן אין שוואַרצע לעדערנע רעקלעך און באַוואָפנטע סאָלדאַטן מיט ביקסן, האָבן אָפּגע־צאַמט די פּלאַטפאָרם, כדי די מענטשן זאָלן זיך ניט קאָנען אַ שפּאַר טאָן אויפן צוג. באַלד האָט זיך באַוויזן דער רויך פון לאָקאָמאָטיוו, און צו דער סטאַנציע בריאַנסק איז לאַנגזאַם צוגעפאָרן אַ לאַנגער, לאַנגער צוג, וואָס איז אין גאַנצן באַשטאַנען פון קורצע רויטע פראַכט־וואַגאָנען — „טעפּלושקעס".

די טעפּלושקעס זיינען געווען פראַכט־וואַגאָנען, אין וועלכע מען פלעגט פריער פירן סחורות אָדער בהמות — אָבער אין דער צייט פון דער פאַריקער מלחמה פלעגט מען אין זיי אַריינשטעלן קליינע אייזערנע אייוועלעך אין ווינטער און באַהייצן זיי מיט האָלץ, ביי האַלב־אָפענע טירן. דערפאַר פלעגט מען זיי רופן „טעפּלושקעס", דאָס הייסט, „וואַ־רימע" וואַגאָנען. די צוגן מיט געוויינטלעכע וואַגאָנען פון דריטן קלאַס, מיט האַרטע, הילצערנע בענקלעך, פלעגט מען רופן פאַר דער מלחמה „מאַקסים", אויפן נאָמען פון מאַקסים גאָרקי. דאָס האָט מען געמיינט אַ צוג פאַר פּשוטע מענטשן, באָסיאַקעס, ווי די העלדן, וועלכע מאַקסים גאָרקי האָט געשילדערט. אָבער איצט, אין 1919, זיינען די „מאַקסימס" שוין באַטראַכט געוואָרן פאַר לוקסוס־וואַגאָנען, ווי אַ מין פּולמאַן־טרעין. מען איז געווען גליקלעך, ווען מען האָט געקאָנט באַקומען אַ פּלאַץ אין טעפּלושקע, אַמאָל גאָר אויפן דאַך פון אַ טעפּלושקע.

דער לאַנגער צוג קריכט צו לאַנגזאַם צום בריאַנסקער וואָקזאַל, איין טעפּלושקע נאָך דער אַנדערער. אַלע טעפּלושקעס זיינען אָנגעפּאַקט מיט

מענטשן, און אויף די טרעפּלעך שטייען מענטשן און עס זעט זיך גאָר ניט, ווי אַזוי נאָך מענטשן זאָלן קאָנען אַריינקריכן אין די איבערגעפּאַקטע רויטע הילצערנע קעסטלעך מיט די אייוועלעך. די וואַך-סאָלדאַטן פון בריאַנסקער סטאַנציע נעמען אַרויס די ביקסן און הייבן אָן צו שיסן אין דער לופט, כדי איינצוהאַלטן דעם גרויסן עולם, וואָס רוקט זיך אַלץ נענטער און נעענטער צום ראַנד פון דער פּלאַטפאָרם און גרייט זיך צו שטורעמען מיט גוואַלט דעם צוג. די פרויען קוויטשען, די קליינע קינדער שרייען און וויינען.

מיר קוקן זיך איבער צווישן זיך: ניטאָ קיין שום האָפענונג. מיר וועלן זיכער שוין ניט קאָנען נעמען דעם צוג. פאַרפאַלן די באַראַטונג אין האַמעל.

אין מיטן דערינען גיט ראַפּעס אַ געשריי און וויינזט מיט דער האַנט: אין סאַמע צענטער פון די רויטע טעפּלושקעס באַווייזט זיך אַ טונקלבלויער גרויסער לוקסוס-וואַגאָן פון ערשטן קלאַס, מיט רויטע סאַמעטענע בענק. אויף די טרעפּ שטייען באַוואָפנטע מאַטראָסן און סאָלדאַטן מיט ביקסן און שרייען: „בירגער, אַהער טאָר מען ניט, דאָס איז אַ וואַגאָן פאַר אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן!"

דער „דיפּלאָמאַטישער וואַגאָן" קומט צו נעענטער צו אונדזער גרופּע, ער איז כמעט אין גאַנצן אַ ליידיקער, נאָר איין פּנים זעט זיך אין דעם גרויסן מיטעלן שפּיגל-פענצטער, און דאָס איז גאָר עפּעס אַ באַקאַנטער פּנים. נאָך אַ מינוט און איך דערקאָן אים: דאָס איז דאָך פריץ פּלאַטען, דער סעקרעטאַר פון דער שווייצאַרישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, דערזעלביקער פּלאַטען, וועלכער האָט געפירט פון ציריך דעם „פּלאָמבירטן וואַגאָן" מיט לענינען און זיינע פריינט.

איך הייב אָן צו מאַכן מיט דער האַנט. ער דערקאָנט מיך און הייבט אויך אָן צו מאַכן מיט די הענט. און ווען דער צוג שטעלט זיך אָפּ, קומט ער צו צו דער טיר און הייסט זיינע וואַך-סאָלדאַטן אַריינלאָזן מיך מיט מיינע פריינט אין „דיפּלאָמאַטישן וואַגאָן". צוזאַמען מיט אונדז רייסט זיך אַריין אויך אַ צענדלינג סאָלדאַטן און מאַטראָסן, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אונדז. „איך וויל שלּיסן אַן אָפּמאַך מיט די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן", — דערקלערט מיט אַ פּיפּיקן שמייכעלע איינער פון די מאַטראָסן, אַ ריז מיט אַ כיטרען און גוטמוטיקן פּנים.

דער מאַטראָס, וואָס וויל שליסן אַ דיפּלאָמאַטישן אָפּמאַך, און זיינע פריינט שטעלן זיך אַוועק אויף די טרעפּלעך צוזאַמען מיט די וואַך-סאָלדאַטן און דערלאָזן ניט, אַז אונדזער וואַגאָן זאָל פאַרפלייצט ווערן פון עולם. מיר זיינען געראַטעוועט, מיר וועלן שוין איצט קומען קיין האַמעל אויף דער באַראַטונג פון „בונד".

איך באַקאָן פּלאַטענען מיט מיינע פריינט. עס הויבן זיך אָן שמועסן, דיסקוסיעס, דעראַינערונגען. אין אָוונט זיינען מיר אין האַמעל.

די האַמלער זיצונגען זיינען טרויעריקע און געשפּאַנטע. אסתר טרעט אַרויס מיט אַ דעקלאַראַציע, וואָס איך האָב געמוזט אָנרופן: „דער

קאָמוניסטישער מאַניפעסט פון „בונד". רחמיאל איז ניט אַזוי ראַדיקאַל, אָבער זיינע סימפּאַטיעס זיינען אויך אויף יענעם צד. אונדזער פליגל באַשטייט פון ליטוואַקן, יודינען, מיר און אַ רייע אַנדערע חברים, וואָס גייען ניט אַריין אין צענטראַל-קאָמיטעט, אָבער עס איז קאָנטיק, אַז מיר זיינען אין דער מינדערהייט. מיר זעען אויך דייטלעך, אַז קיין אויסגלייך צווישן אונדז קאָן ניט זיין: מיר זיינען קעגן דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, זיי זיינען פאַר, הגם דעם טעראָר ווילן זיי ניט. מיר זיינען קעגן וועלט-קאָמוניזם, זיי זיינען פאַר, הגם אפשר ניט אין גאַנצן אַזוי ווי זינאָוויעוו און לענין.

אַזוי ווי איך האַלט גראַד ביים „בונד", וויל איך שוין פאַר איינוועגס דערציילן אויך וועגן סוף פון דעם קאַמף, וואָס האָט זיך אין זיין אַנט־שיידנדיקער פאָרם אָנגעהויבן אויף דער האַמלער באַראַטונג, אויף וועל־כער די ענדגילטיקע שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען, איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין אַפּריל, 1920.

2

די שפּאַלטונג פון „בונד"

די זעקס חדשים צווישן דער באַראַטונג און דער קאָנפערענץ זיינען געווען אַ צייט פון שאַרפע דיסקוסיעס און אידעאישע קאַמפן אין „בונד".

דער צענטראַל-קאָמיטעט איז געזעסן אין מינסק און האַמעל, און מיר, די פירערס פון דער אָפּאָזיציע, זיינען געווען צום טייל צעזייט איבער דער פּראָווינץ, צום גרעסטן טייל אָבער אין מאָסקווע, ווייט פון אידישן ראַיאָן. האָט די מערהייט שטאַרק אויסגענוצט די לאַגע פאַר איר צד. ניט אַלע מאָל זיינען געדרוקט געוואָרן אונדזערע דיסקוסיע-אַרטיקלען אין „וועקער", ס'זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אַרטיקע אָרגאַניזאַציעס. די מערהייט האָט זיך געפירט אין אַלגעמיין אַזוי, ווי אַלע פּראַגעס וואָלטן שוין געווען באַשלאָסן אין ז י י ע ר גייסט: אסתר האָט אין האַמעל, ביי די וואַלן צום סאָוועט, אַגיטירט ניט פאַר דער סאָציאַל-דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי, פון וועלכער דער „בונד" איז נאָך אָפיציעל געווען אַ טייל, נאָר פאַר דער קאָמוניסטישער. אין וויטעבסק איז געווען ראָס זעלביקע, אַזוי אויך אין אַנדערע שטעט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זיי האָבן באַקומען אַ מערהייט דעלע־גאַטן אויף דער קאָנפערענץ: אַרום 60 פּראָצענט.

דער חשבון איז געווען ניט קיין גאַנץ ריכטיקער. די מערהייט האָט געפּפלט די דעלעגאַטן פון וויטעבסק, ווייל אונדזערע דאָרטיקע חברים האָבן זיך אין לעצטן מאָמענט אָפּגעזונדערט פון אָפיציעלן קאָמיטעט, וואָס האָט געפירט אין גאַנצן אַ קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. פון די בונ־דישע אָרגאַניזאַציעס אין סאַמאַרע און סאַראַטאָוו זיינען געפאָרן אויף דער קאָנפערענץ דריי סאָציאַל-דעמאָקראַטישע דעלעגאַטן, אָבער זיי

האָבן ניט באַוויזן צו קומען אין צייט. עס זיינען געווען אַ ריי אַנדערע דעלעגאַציעס פון בונדישן ראַיאָן, וועגן וועלכע עס זיינען געגאַנגען שטרייטן און וועלכע האָבן געהערט צו אונדזער ריכטונג.

עס קאָן זיין, אַז אויב מ'וואָלט געקאָנט גאַנץ רואיק און אומפּאַר־טייאיש אויסמעסטן די כוחות פון ביידע צדדים, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען געווען כמעט גלייך אויף גלייך. אָבער דאָס וואָלט, פאַר־שטייט זיך, קיין זאַך ניט געענדערט אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג.

יעדנפאַלס האָבן מיר אויף דער 12־טער קאָנפערענץ פון „בונד" גע־האַט אַ מינדערהייט. די מערהייט, אונטער דער פירונג פון אסתר פרומ־קין און רחמיאל וויינשטיין, איז געווען פעסט אַנטשלאָסן אָנצונעמען די קאָמוניסטישע פּראָגראַם און אַריינצוטרעטן אין דער אַלרוסישער קאָ־מוניסטישער פּאַרטיי און אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. אָבער אויב זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּראָ־גראַם, האָבן זיי זיך נאָך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון דער פירמע פון „בונד" און פון בונדיזם. זיי האָבן געוואָלט בלייבן דער אַלטער „בונד" אָבער מיט קאָמוניזם.

אונדזער מינדערהייט, וואָס אין איר נאָמען האָבן גערעדט יודין, ליטוואַק און איך, האָט דורכאויס געלייקנט די מעגלעכקייט פון צוזאַמענ־גיסן דעם „בונד" מיט קאָמוניזם און האָט אָנגעוויזן, אַז ווען מען זאָגט זיך אָפּ פון סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט מען במילא דורך דעם ליקווי־דירט אויך דעם „בונד".

די קאָנפערענץ האָט זיך געעפנט אין אַ היציקער און אָנגעשפּאַנטער שטימונג אין מאָסקווע, אין באַרימטן האָטעל מעטראָפּאָל, וואו עס פלעגן אויך פאָרקומען די זיצונגען פון דעם צענטראַלן עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון די סאָוועטן.

אין פּרעזידיום זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פאָרטרעטער פון דער מערהייט און דער מינדערהייט (יודין און איך). אַלץ קאָרעקט, העפלעך. ביי די באַגריסונגען איז אויך אָפּגעהיט געוואָרן „קאָרעקטקייט": אין נאָמען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט באַגריסט די קאָנפערענץ מאַרטאָוו, אין נאָמען פון „צווייטן צד" — אַ קאָמוניסט, אַ פאָרטרעטער פון אידישן קאָמיסאַריאַט.

דאָן איז געקומען דער ערשטער צוזאַמענשטויס. דעם באַריכט פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָפּגעגעבן רחמיאל וויינשטיין. אָבער דער מינ־דערהייט פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט מען שוין ניט געגעבן קיין וואָרט פאַר זייער קעגן־באַריכט. אַלס פּראָטעסט זיינען די פאָרטרעטער פון דער מינדערהייט אַרויס פון פּרעזידיום.

דאָן האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע הויפּט־שלאַכט. אסתר האָט באַגרינדעט די נייטיקייט, אַז דער „בונד" זאָל אָננעמען די פּראָגראַם פון קאָמוניזם. איך בין אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט וועגן דער באַרעכ־טיקונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, צו וועלכער דער „בונד" האָט באַלאַנגט פון זיין ערשטן טאָג אָן.

אסתרס פּלאַטפאָרם איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט. די מערהייט האָט געמאַכט אַ רווישיקע אָוואַציע פאַר אסתרן, די מינדערהייט האָט געענטפערט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער קעגן־אָוואַציע פאַר מיר.

ווײַנשטיין און אַנדערע האָבן געפּרוּווט אָפּשוואַכן אסתרס פּלאַטפאָרם מיט אויסבעסערונגען. רחמיאל האָט געוואָלט, מען זאָל צוגעבן, אַז טעראָר קעגן די סאָציאַליסטן דאַרף מען ניט אָנווענדן. די מערהייט האָט דאָס אָפּגעוואָרפן. אונדזערע חברים זײַנען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער אַלס פּראָטעסט. די שטימונג איז געוואָרן אַ שטורעמדיקע.

איך האָב באַרואיקט דעם עולם און אין דער אַלגעמיינער שטילקייט בין איך אויפגעשטאַנען און האָב פאָרגעלייענט די דעקלאַראַציע, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט.

„איר האָט אָקערשט אָנגענומען אַ באַשלוס", — האָב איך געזאָגט, — „וואָס בינדט אײַך צו אָן שום באַשרענקונג און באַדינגונג צום קאָמוניזם, און אײַער באַשלוס איז ניט אַ דעקלאַראַציע פון טעאָרעטישע פּרינציפּן. דאָס איז אַ פולשטענדיקע צושטימונג צו דער פּראַקטיק פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור, וואָס האָט די מלוכה־מאַכט אין אירע הענט. דאָס באַדײַט, אַז איר שטעלט זיך אויפן צד פון דער מאַכט אין איר קאַמף קעגן אונדז, קעגן דער גאַנצער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטערשאַפט.

„איר האָט דאָ גערעדט וועגן דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט פון דעם „בונד", וועגן זײַן אַלטער פאָן, איר האָט דאָ געזונגען אונדזער אַלטע „שבועה". עס איז אונדז געווען שווער און פּײַנלעך צו הערן אַזוינע רייד פון מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם עצם וועזן פון „בונד", וואָס האָבן אַרויסגעוואָרפן פון זייערע הערצער ניט נאָר דעם „בונד", נאָר אויך דעם בונדיזם, — פון מענטשן, וואָס ווילן אין עטלעכע וואָכן אַרום פאַרראַטן זײַן גייסט און האַלטן נאָר אָן זײַן נאָמען, צוליב אויסרעכענונג אָדער אויס געוואוינהייט. איר וועט פאַרראַטן דעם גייסט פון „בונד", ווײַל דער קאָמוניזם דערלאָזט אַזאַ גייסט ניט, ווײַל דער תּוך פון קאָמוניזם לייקנט אי די עקזיסטענץ פון זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אי די גאַנצע וועלט־אָנשויאונג פון „בונד".

„מיר זײַנען אַלע אויסגעוואַקסן אין „בונד", מאַנכע פון אונדז זײַנען געשטאַנען בײַ זײַן וויגעלע. אָבער מיר מוזן איצט פעסט און אומדערשראָקן אויסקלײַבן אונדזער וועג. מיר האָבן אונדזער וועג אויסגעקליבן. מיר גייען אָוועק פון אײַער קאָנפערענץ. איר זײַט מער ניט דער „בונד". דער „בונד" זײַנען מיר, און מיר אַליין..."

מיט אויפגעהויבענע קעפּ, מיט דעם געזאַנג פון דער „שבועה" זײַנען מיר אַרויס פון זאַל, — און מיט דעם געזאַנג פון דער „שבועה" האָבן אונדז געענטפערט די בונדיסטן־קאָמוניסטן, וואָס זײַנען געבליבן אין זאַל.

אָבער ניט לאַנג האָבן זיי נאָך געזונגען די „שבועה", ניט לאַנג האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז דווקא זיי רעפּרעזענטירן די אמתע טראַדיציעס פון ריכטיקן בונדיזם. ווייניקער ווי אין אַ יאָר אַרום האָט די מינסקער קאָנ-פערענץ פון „קאָמבונד" (קאָמוניסטישער בונד) אָנגענומען דעם באַשלוס פונאַנדערצולאָזן זייער אָרגאַניזאַציע און אַריינצוטרעטן אין דער קאָמו-ניסטישער פאַרטיי, אַפילו ניט אַלס באַזונדערע סעקציע, נאָר אַלס איינ-צעלנע מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. מאַנכע דעלעגאַטן האָבן דערביי געוויינט, אסתר האָט געשוואוירן צו היטן דעם געדאַנק פון „בונד" ביז עס וועט לעבן אַ אידישער פּראָלעטאַריאַט.

און מיר, סאָציאַל-דעמאָקראַטישע בונדיסטן?

אַזוי לאַנג, ווי עס איז געווען די פיזישע, ד. ה. פּאָליציייאישע מעג-לעכקייט, האָבן מיר געהאַט אַ „סאָציאַל-דעמאָקראַטישן בונד". אויף מאָרגן נאָך דער שפּאַלטונג, דעם 19-טן אַפּריל, 1920, האָבן מיר גע-עפנט די 12-טע קאָנפערענץ פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישן „בונד". מאַרטאָוו און טראָיאַנאָווסקי זיינען געקומען אונדז באַגריסן אין נאָמען פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי. פּאָליטישע און אָרגאַ-ניזאַציאָנעלע רעפעראַטן זיינען געהאַלטן געוואָרן. עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער צענטראַל-קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריין: יודין, ליטוואַק, איך, גריגאָרי אַראָנסאָן, סערגעי בראַון, ראָזאַ לעוויט, דער בלעכער-אַרבעטער פּאָפּליאַק, איליא סוועטיצקי, בענסקי (לעווינסאָן) און אַנדערע. מיר האָבן אַפילו אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן בלעטלעך (אין דער פאָרם פון „צירקולאַרן" פון צענטראַל-קאָמיטעט, ווייל קיין זשור-נאַל האָט מען ניט דערלויבט).

נאָך מערץ 1921, ווען מען האָט ענדגילטיק אונטערגעדריקט די גאַנ-צע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, איז אונטערגעגאַנגען אויך דער „בונד", אַלס אַן אָפענע מאַסן-אָרגאַניזאַציע. דער „בונד", פּונקט ווי די מענשעוויקעס, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומלעגאַלער גרופּע, וואָס האָט זיך געמוזט באַהאַלטן פון דער גע-פּע-או און פון אירע שפּיאָנען און פּראָ-וואָקאַטאָרן.

די אַלטע בונדיסטן זיינען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן. ליבער איז שוין געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט בשעת אונדזער שפּאַלטונג, דעריבער איז ער אין ערגעץ ביי מיר ניט דערמאָנט געוואָרן. די אַנדערע האָבן געהאַט דעם זעלביקן שיקזאַל מיט אַ יאָר אָדער צוויי שפּעטער. יודין, אַראָנסאָן און איך זיינען אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד. בענסקי און סוועטיצקי זיינען געשטאָרבן. די אַנדערע געפינען זיך, אויב זיי לעבן נאָך, אין פאַרשיקונג אָדער טורמע.

אויך אויפן „קאָמבונדישן" (קאָמוניסטיש-בונדיסטישן) צד זיינען ניט פיל אַלטע טוערס געבליבן ביי דער אַרבעט און ביים לעבן. טשעמע-רינסקי איז דערשאָסן געוואָרן; רחמיאל איז באַגאַנגען זעלבסט-מאָרד אין טורמע. אין טורמע איז אויך געשטאָרבן אסתר. וועגן די איבעריקע ווייס איך ניט. אָבער אַ סך זיינען שוין ניטאָ.

אַזוי האָט דער קאָמוניזם אין רוסלאַנד פאַרניכטעט אונדזער „בונד”, פאַרניכטעט *ביידע* פליגלען — ניט נאָר דעם רעכטן, נאָר אויך דעם לינקן פליגל — פאַרניכטעט פאָליטיש און פיזיש.

און דער לינקער פליגל איז געבראָכן געוואָרן אויך מאָראַליש. וואָרים איידער אסתר איז פאַרניכטעט געוואָרן פיזיש, איז זי אַרומגעפאָרן איבער אויסלאַנד און רוסלאַנד, קלאַפּנדיק זיך אל-חטא פאַר די זינד פון בונדיזם, פאַרשילטנדיק עפנטלעך די יאָרן, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן „בונד”. אַזוינס האָב איך זיך אַפילו ניט געקאָנט פאָרשטעלן לייענענדיק מיין דעקלאַראַציע אין האָטעל „מעטראָפּאָל” ביי דער שפּאַלטונג פון „בונד”.

די געבורט פון „קאָמינטערן"

1

די גרינדונג פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל

אייגנטלעך זיינען מיר, אינטערנאַציאָנאַליסטן-מענשעוויקעס, געווען אין איין אינטערנאַציאָנאַל מיט די באָלשעוויקעס. דאָס איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס מען האָט גערופן: די ציממערוואַלדער.

אָבער נאָך פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט זיך אין ציממערוואַלד געבילדעט אַ לינקער פליגל, בראש פון וועלכן עס זיינען געשטאַנען: לענין, זינאָוויעוו, ראַדעק, מינצענבערג, פאָול לעווי און אַנדערע. דער דאָזיקער פליגל האָט געהאַלטן, אַז עס איז ניט גענוג, אַז דער קריג זאָל זיך ענדיקן „אָן זיגער און אָן באַזיגטע, אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס", — נאָר עס איז נייטיק, אַז די וועלט-מלחמה צווישן מלוכות זאָל אַריבערגיין אין אַ בירגער-קריג צווישן קלאַסן — צווישן קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער. ד. ה., דער קריג דאַרף זיך ענדיקן מיט אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

די דאָזיקע טעאָריע האָט לענין טאַקע באַוויזן צו פאַרווירקלעכן ביי זיך אין לאַנד, און ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען צו דער מאַכט, האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל און זיי האָבן באַשלאָסן אַריינצונעמען אין אים נאָר יענע פּאַרטייען, וואָס אָנערקענען די פּרינציפּן פון לעניניזם. יעדע פּאַרטיי, וואָס גייט אַריין אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט געמוזט אָננעמען די „21 פּונקטן" פון זינאָוויעוון, און די פּונקטן האָבן געפאָדערט, אַז יעדע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי זאָל זיך צעשפּאַלטן, זאָל אַרויסטרייבן פון אירע רייען אַלע יענע, וואָס זיינען ניט מסכים מיטן לעניניזם און אַז. וו.; פּראַקטיש האָט דאָס באַדייט, אַז אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דער וועלט האָבן געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין געהאָרכזאַמע תלמידים פון לענינען, און אין מאָסקווע האָט געמוזט געשאַפן ווערן אַ צענטער, וואָס זאָל אָנפירן מיט דער קומענדיקער רעוואָלוציע אין דער גאַנצער וועלט.

איך פאַרשפּאַר דאָ אויסצומאָלן די פּראַקטישע פּרינציפּן פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן דער „דריטער", און וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „קאָמוניסטישער" (אָדער אָפּגעקירצט: „קאָמינטערן"), ווייל די לייענער האָבן פון זייער אייגענער דערפאַרונג זיך שוין גענוי באַקאַנט מיט די דאָזיקע פּרינציפּן און דער פּראַקטיק פון קאָמינטערן.

יעמאָלט, אין די יאָרן 1919—1920, איז דער דאָזיקער אינטערנאַ־ציאָנאַל ערשט געגרינדעט געוואָרן. די אַרבעטערשאַפט אין דער גאַנצער וועלט איז געווען שרעקלעך אויפגערודערט דורך דעם מערקווירדיקן גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. די אַלגעמיינע באַגייסטערונג, וואָס עס האָט אַרויסגערופן די מערץ־רעוואָלוציע 1917, איז צום טייל אויסגע־לאָשן געוואָרן, ווען עס זיינען געקומען די נאָכריכטן וועגן קאַטאַסטראָ־פעס, וועגן בירגער־קריג, וועגן בריסקער שלום און — דער עיקר — וועגן ברודער־קאַמף צווישן די רוסישע סאָציאַליסטן. אָבער דאַן איז גע־קומען די נאָכריכט וועגן דעם „זיג פון סאָציאַליזם", וועגן אַן „אַרבעטער־רעגירונג", וועגן אירע דערפאָלגן אין בירגער־קריג. און די אויסלענדישע אַרבעטער האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן. די ידיעות פון רוס־לאַנד זיינען געווען פול מיט ווידערשפרוכן: איינע זיינען באַגייסטערט, די אַנדערע זאָגן, אַז עס איז שלעכט. אין סאָציאַליזם ווילט זיך גלויבן, אָבער עס איז טרויעריק, אַז עס קומט פאָר אַ ברודער־קריג און אַז. וו. יעדנפאַלס איז דער אינטערעס צו די געשעענישן אין רוסלאַנד געווען אַ גוואַלטיקער און וואָס מער עס איז געוואַקסן די מאַכט פון דער סאָוועט־רעגירונג און וואָס קלאָרער עס איז געוואָרן, אַז זי וועט בלייבן די זיגערין אין בירגער־קריג, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער פּרעסטיזש פון לענינען און פון זיין רעגירונג אין דער גאַנצער אַרבעטער־וועלט. אַן אומאונטער־בראָכענע קייט פון אויסלענדישע דעלעגאַציעס האָט זיך געצויגן קיין מאָסקווע פון אַלע עקן וועלט, ניט געקוקט אויף דער בלאָקאַדע, אויף די טראַנספּאָרט־ און פּאַס־שוועריקייטן. אָט אַזוי ווי פרומע אידן פאָרן קיין ירושלים, אָדער ווי פרומע מאַכמעדאַנער פאָרן קיין מעקאַ, אַזוי זיינען ענגלישע, אַמעריקאַנישע, פראַנצויזישע, דייטשע, עסטרייכישע, איטאַליענישע, באַלקאַנישע, שוועדישע, נאָרוועגישע און אַנדערע סאָ־ציאַליסטן עולה רגל געווען צו לענינען. עס האָט געשווינדלט און געגרוי־בעלט אויף די גאַסן פון מאָסקווע מיט טערקישע, אַרמענישע, פּערסישע, אינדישע, כינעזישע און אַנדערע קאָלאָניאַלע רעוואָלוציאָנערן און דעלע־גאַטן. אַזוי האָט זיך געצויגן דעם גאַנצן ווינטער 1919—1920, און באַ־זונדערס גוואַלטיק איז געווען דער צושטראָם פון געסט אין זומער 1920, ווען עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועט די רויטע אַרמיי נעמען וואַרשע און די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע וועט פאַרפלייצן גאַנץ מזרח־אייראָפּע, און פון דאָרטן אויך צענטראַל־אייראָפּע, איינגעשלאָסן דייטשלאַנד, עסטרייך, איטאַליע און אַז. וו.

איינציקע פון די דאָזיקע אויסלענדישע סאָציאַליסטישע דעלעגאַציעס זיינען געקומען אויך דורכריידן זיך מיט אונדז, די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטן, באַזונדערס מיט מאַרטאָוון, וועמעס נאָמען עס איז געווען גוט באַקאַנט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. עס איז געקומען צו אונדז די דעלעגאַציע פון דער איטאַליענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, בראש מיט ס ע ר ר אַ ט י. שפּעטער האָט אונדז באַזוכט אַ דעלעגאַציע פון די דייטשע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן בראש מיט די חברים ק ר י ס־פּ י ע ן און ווילהעלם ד י ט מ אַ ן. אין אַפּריל 1920 איז אין מאָסקווע

געקומען אַ גרויסע דעלעגאַציע פון די ענגלישע טרעיד-יוניאָנס און פון דער לעיבאָר פּאַרטיי, בראש מיט טאָם שאָו, דעם טעקסטיל-אַרבעטער פירער, פּוירסעל, מרס. סנאָודען, און אַנדערע.

די איטאַליענער זיינען געקומען צו אונדז מער צוליב העפלעכקייט און ניט כדי זיך צו אינפאָרמירן. די מערהייט פון זיי איז געזעסן שווייגנדיק ביי אונדז אין צענטראַל-קאָמיטעט און האָבן געקוקט אויף אונדז מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, באַזונדערס באָרדיגאַ, דער פירער פון עקסטרעם-לינקן פליגל, ווי אויף אַ בייזן וואונדער: מענטשן, ווי מאַרטאָוו, סאָציאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן, זיצן אין אַ לאַנד, וואו עס קומט פאָר די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע און גייען ניט מיט לענינען! און צוליב וואָס? צוליב אַביסל טעראָר קעגן די בורזשויעס. אין מיין באַגריסונגס-רעדע אין נאָמען פון צענטראַל-קאָמיטעט האָב איך פּרובירט געבן צו פאַרשטיין די איטאַליענער וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָבער ריידן האָט מען באַדאַרפט אויף פראַנצויזיש, ווייל קיין אַנדערע פרעמדע שפּראַך האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען, און מיין פראַנצויזיש איז יעמאָלט ניט געווען זייער גוט. אָבער ווען איך וואָלט אַפילו גערעדט פראַנצויזיש גלענצנד, וואָלט איך אויך ניט געקאָנט דערקלערן די אַביסל פּרימיטיוו-רעוואָלוציאָנערע איטאַליענער, אין וואָס עס באַשטייען די חלוקי דעות צווישן אונדז און לענינען. אָבער ווען אַזאַ באָרדיגאַ האָט ניט פאַרשטאַנען, האָט דער אמתער פירער פון דער דעלעגאַציע יאָ פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען סעראַטי, און אין פּריוואַטע שמועסן מיט אונדז, מיט מאַרטאָוון און מיר, האָט ער דערציילט אַ מאַסע אינטערעסאַנטע שטריכן וועגן זיינע באַגעגענישן מיט לעניען, וועגן זיינע געשפּרעכן מיט באַלאַבאַנאָוואַ. איין זאַך האָט אים מער ווי אַלץ דערשיטערט, דאָס איז געווען די פאַרגעטערונג פון לענינען, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאַרשפּרייט.

מיר האָבן געהאַט אַ געשפּרעך מיט לענינען, — דערציילט אונדז סעראַטי, — דאָס הייסט, ער האָט גערעדט און מיר האָבן געהערט. אָבער צום סוף קאָן איך זיך ניט איינהאַלטן און הייב אָן מיט אים צו דיסקוטירן. אָבער מיט אַמאָל זע איך, ווי באַלאַבאַנאָוואַ קוקט אויף מיר מיט אירע גרויסע דערשראָקענע אויגן. וואָס איז? — פרעג איך ביי איר — אַרויסגייענדיק פון לענינען — וואָס זייט איר געווען אַזוי דערשראָקן? אָבער זי קאָן נאָך אַלץ ניט קומען צו זיך: „איר האָט דיסקוטירט מיט לענינען?!”

הייסט עס, אַז מיט לענינען טאָר מען שוין ניט דיסקוטירן, דאָס איז אַ גאָט! מען דאַרף אים נאָר הערן און פאָלגן, ענטפערן אים טאָר מען ניט! — האָט ביטער באַמערקט סעראַטי.

ניט געקוקט אויף דעם, איז די איטאַליענישע פּאַרטיי אַריין אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל און סעראַטין איז אויסגעקומען צו אַרבעטן ניט נאָר אונטער דער קאָמאַנדע פון לענינען, נאָר אונטער דעם קאָנטראָל פון די אַגענטן, וואָס לענין האָט געשיקט קיין איטאַליע. און ווען מיר האָבן זיך מיט אים געזען שפּעטער אין בערלין, איז סעראַטי שוין ניט געווען

קיין קאָמוניסט און האָט שוין פֿולשטענדיק פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס מיר זיינען ניט געגאַנגען מיט לענינען.

נאָך איין אינטערעסאַנטן איטאַליענישן דעלעגאַט האָבן מיר יעמאָלט באַגעגנט אין מאָסקווע, אַ הויכגעוואַקסענער מאַן, מיט אַ גרויסער האַלב־גרויער באָרד. דאָס איז געווען דער פֿירער פֿון די איטאַליענישע געווערקשאַפֿטן ד אַ ר אַ ג אָ נ אַ. ער איז שפּעטער אַריבער צו די פֿאַשיסטישע געווערקשאַפֿטן.

גאָר אַנדערש זיינען געווען אונדזערע באַגעגענישן מיט די דייטשע אומאָפּהענגיקע. זיי זיינען געקומען דירעקט צו אונדז (ד. ה., נאָר דיטמאַן און קריספּיען, דער דריטער דעלעגאַט איז געווען אַ קאָמוניסט און איז צו אונדז ניט געקומען), מיט בריוו און רעקאָמענדאַציעס פֿון אונדזערע בערלינער פֿריינט — ווי לעדעבור, הילפֿערדינג, קאַוטסקי, אַלעקסאַנדער שטיין (איצט אין ניו יאָרק) און אַנדערע. מיט זיי האָבן מיר זיך באַגעגנט ווי מיט פֿריינט און געזיינונגס־גענאָסן, און מיר האָבן מיט זיי פֿאַרבראַכט זייער פֿיל צייט אין געשפּרעכן און קעגנזייטיקע אינפֿאָרמאַציעס. מיר זיינען פֿאַר זיי ניט געווען קיין פֿרעמדע אומפֿאַרשטענדלעכע משוגעים, ווי פֿאַר באָרדיגאַן און זיינע פֿריינט, נאָר חברים, וועמענס מיינונגען און אָנשויאונגען זיינען געווען וויכטיק און נייטיק, כדי צו באַשטימען זייער האַלטונג צו דער גאַנצער רוסישער פֿראַגע און צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל. מיט זיי ביידן האָב איך גלייך געשלאָסן פּערזענלעכע פֿריינטשאַפֿט, וואָס איז געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. זיי האָבן ניט פֿאַרשטאַנען קיין איין וואָרט רוסיש, זיי האָבן זיך געפֿילט איינזאַם און פֿאַרלאָזן אינם האָטעל, וואו ס׳האָבן געלעבט די אויסלענדישע דעלעגאַטן אונטער דער אויפֿזיכט פֿון טשעקאַ־אַגענטן. זיי האָט געשאַדט דאָס שלעכטע עסן יעמאָלט אין מאָסקווע, און זיי זיינען געווען גליקלעך, ניט נאָר פּאָליטיש, נאָר אויך פּערזענלעך, וואָס זיי האָבן אין מאָסקווע געפֿונען גענאָסן, וואָס האָבן געזאָרגט פֿאַר זיי ווי חברים.

די פֿראַגע וועגן זייער אַריינטריט אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט געזאָלט באַשלאָסן ווערן אין אָקטאָבער 1920 אויף דעם צוזאַמענפֿאָר פֿון דער אומאָפּהענגיקער פּאַרטיי אין האַלע. און אָט צו דעם צוזאַמענפֿאָר האָבן זיי אונדז איינגעלאַדן, אַלס פֿאַרטרעטער פֿון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. מאַרטאָוו איז טאַקע אַרויסגעטראָטן אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר, אויף וועלכן דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז געווען פֿאַרטראָטן דורך זינאָוויעוון, און מאַרטאָווס רעדע, צוזאַמען מיט די אינפֿאָרמאַציעס פֿון קריספּיען און דיטמאַן, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפֿן צוזאַמענפֿאָר.

אָבער די גרעסטע פּאָליטישע ווירקונג האָט אַרויסגערופֿן יעמאָלט אין מאָסקווע די ע נ ג ל י ש ע ד ע ל ע ג אַ צ י ע, וועגן וועלכער איך האָב שוין דערמאָנט. דאָס איז געווען ניט קיין דעלעגאַציע צום קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דאָס איז געווען אַ דעלעגאַציע פֿון די אָרגאַניזירטע ענגלישע אַרבעטער, וואָס האָט זיך געוואָלט באַקאַנען מיט דער

לאַגע אין רוסלאַנד. די באָלשעוויקעס האָבן אַרומגעפֿירט די ענגלישע דעלעגאַטן איבער די פֿאַבריקן, איבער אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונגען, מען האָט פֿאַר זיי געמאַכט אַ פֿייערלעכע אויפֿנאַמע אין סאָוועט, און עס זייַנען געהאַלטן געוואָרן קעגנזייטיקע באַגריסונגען פֿון די סאָוועטישע פֿאַרטרעטער פֿון פֿון די ענגלישע געסט.

צו אונדז, אין אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט, זייַנען געקומען נאָר אַ טייל פֿון די ענגלישע דעלעגאַטן, — די, וואָס זייַנען געשטאַנען נאָענט צו דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אָט יעמאָלט האָב איך זיך באַקאַנט מיט טאָם ש אָ ו, וואָס האָט גערעדט זייער גוט דייטש און פֿראַנצויזיש (מייַן ענגליש איז נאָך יעמאָלט געווען גאָר שוואַך) און מיט ראָדען ב א ק ס ט אָ ן, וואָס האָט אַחוץ פֿראַנצויזיש און דייטש נאָך גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען רוסיש. פֿון זיי ביידן האָבן מיר זיך זייער פֿיל דערוואוסט וועגן אייראָפּע און ענגלאַנד און מיר האָבן זיי אינפֿאָרמירט וועגן רוסלאַנד, וויפֿיל מיר האָבן געקאָנט.

אויף דער פֿייערלעכער אויפֿנאַמע אין מאָסקווער סאָוועט, אויף וועלכער עס זייַנען געווען פֿאַרטראָטן אויך אונדזערע סאָוועט־דעפּוטאַטן, האָב איך אין נאָמען פֿון אונדזער פֿאַרטיי באַגריסט די ענגלישע געסט און האָב זיי קלאָר געמאַכט אונדזער שטעלונג צום באָלשעוויזם און צום קריג, וואָס איז יעמאָלט אָנגעגאַנגען צווישן פּוילן און רוסלאַנד. מייַן רעדע האָב איך געהאַלטן אין רוסיש, אַזוי אַז די סאָוועט־מיטגלידער זאָלן דאָס קאָנען פֿאַרשטיין, און דאַן בין איך אַרויף אויף דער טריבונע און האָב איבערגעגעבן די דעלעגאַטן די ענגלישע איבערזעצונג פֿון מייַן רעדע. דער אָפֿיציעלער איבערזעצער, וואָס האָט באַגלייט די דעלעגאַציע, האָט גענומען דעם טעקסט צו זיך, כדי כלומרשט דאָ אויפֿן שטעל איבערצוגעבן מייַן רעדע אויף ענגליש, אָבער דער פֿאָרזיצער קאַמעניעוו האָט דערקלערט, אַז אויף דעם איז ניטאָ קיין צייט, און דעריבער וועט מען די געסט איבערגעבן דעם געשריבענעם טעקסט פֿון מייַן רעדע. אָבער וויפֿיל טאָם שאָו און די אַנדערע האָבן ניט געזוכט דעם ענגלישן טעקסט פֿון מייַן רעדע, האָבן זיי אים ערגעץ ניט געפֿונען. ער איז געבליבן ביי דעם איבערזעצער, איינעם יאַוואָרסקי, וועמען מען האָט געהאַלטן פֿאַר אַן אומפּאַרטייאישן מענטשן און דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געדינט אין דער טשעקאַ. דערפֿאַר האָבן מיר זיך נוקם געווען אָן דער טשעקאַ אויף אַן אַנדער אופֿן.

דער פֿאַראיין פֿון די דרוקער־אַרבעטער, בראש פֿון וועלכן עס זייַנען יעמאָלט געשטאַנען אונדזערע חברים ד ע װ י אַ ט ק י ן און ק ע פּ אַ ל י (מ. קאַמערמאַכער, ניט לאַנג געשטאָרבן), האָט באַשלאָסן צו פֿאַררופֿן אַ גרויסן אַרבעטער מיטינג פֿון זייער פֿאַך צו באַגריסן די ענגלישע דעלעגאַציע. דער דרוקער־פֿאַראיין איז געווען אַ מענשעוויסטישער, ניט קיין באָלשעוויסטישער, און צו דער פֿאַרזאַמלונג זייַנען געקומען עטלעכע טויזנט מענטשן. אָט אויף דער פֿאַרזאַמלונג, נאָך די רעדעס פֿון די אַפּי-

ציעלע רעדנערס, איז מיט אַמאָל אַרויף אויף דער טריבונע אַ מאַן, און דער פאָרזיצער האָט אים פאָרגעשטעלט: וויקטאָר טשערנאָוו.

דאָס איז געווען דער באַוואוסטער פירער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, דער פרעזידענט פון דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועמען די טשעקאַ האָט יעמאָלט אַרומגעזוכט מיט ליכט אין גאַנץ מאָסקווע, און וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין אומלעגאַלע קוואַרטירן. אַ מערקווירדיקע שטילקייט, און דערנאָך אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן האָט פאַרהילכט דעם זאַל. די טשעקיסטן זיינען געשטאַנען ווי פאַרלוירענע. אַרעסטירן טשערנאָוון אין דער אַנוועזנקייט פון די ענגלישע דעלעגאַטן האָט מען ניט געקאָנט, — וואָרים יענע האָבן דאָך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ געוועזענער סאָציאַליסטישער מיניסטער און דערצו נאָך אַ מיטגליד פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. האָבן די טשעקיסטן גלייך אָנגענומען מיטלען אים צו אַרעסטירן ביים אַרויסגאַנג פון זאַל. אָבער אונדזערע חברה זעצער און דרוקער האָבן אויך אָנגענומען זייערע מיטלען, און ווען טשערנאָוו האָט געענדיקט זיין רעדע, וואָס איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ גוואַלטיקער אָוואַציע, איז ער פאַרשוואונדן אָן אַ שפור, און די טשעקיסטן האָבן אים ניט געקאָנט געפינען.

פאַר די ענגלישע דעלעגאַטן איז די געשיכטע מיט מיין פאַרשוואונדענער רעדע און די אַרויסטרעטונג פון טשערנאָוון געווען אַ גוטע אָפּלייקענונג פון די פאַרזיכערונגען פון די באָלשעוויקעס, אַז זייער רעזשים איז אַ רעזשים פון סאָציאַליסטישער פרייהייט.

2

דער ווינטער 1919—1920. — פוילישיסאָוועטישער קריג

דער ווינטער 1919—1920 איז אין באַצוג צו לעבנס־באַדינגונגען געווען דער שרעקלעכסטער אין מיין לעבן. איצט, אין פאַרגלייך צו דעם לעבן אין באַלאַגערטן לענינגראַד און און די נאַצי־אָקופּירטע לענדער, ווערט דער לעבנס־שטייגער פון דער מאָסקווער באַפעלקערונג אין יענעם ווינטער אויסקומען אפשר ניט אַזוי טראַגיש, אָבער אין יענער צייט איז דאָס געווען גאַנץ שווער אַריבערצוטראָגן.

צוליב דעם בירגער־קריג, דעם קריגס־קאָמוניזם און דער צעשטערונג פון טראַנספּאָרט, איז אין מאָסקווע ניט געווען ניט קיין ברויט, ניט קיין אַנדערע עסנווארג, ניט קיין קוילן אָדער האָלץ אויף צו באַהייצן די הייזער, ניט קיין קעראָסין פאַר די לאָמפּן, ניט קיין עלעקטריע, ניט קיין גאַז. אין די הייזער, באַזונדערס אין די מאָדערנע הייזער מיט סטים־היט, האָט מען גאָרניט געהייצט, און אין די וואוינונגען איז געווען אַ ביטערע קעלט. מיר האָבן וואָכן־לאַנג זיך ניט געקאָנט אויסטאָן און פלעגן שלאָפן אין די קליידער, — אין די פעלצן אָדער אין מאַנטלען. די איינציקע באַהייצונג פון דער גאַנצער וואוינונג איז געווען אַ קליינינקער אייוועלע,

געמאַכט פון דינע בלעך, וואָס מען פלעגט פּרובירן אָנוואַרעמען דורך פאַרברענען ציישונגען אָדער פייכטע שפּענדלעך פון נאַסע האָלץ. אין אַ סך פאַלן האָט מען צוליב דער אומדערטרעגלעכער קעלט „פאַרהייצט" די מעבל, אָדער די וויניק־נייטיקע ביכער פון די אייגענע ביבליאָטעקן. אַזאַ צענויפגעשטשאָבעטע בלעכן אייוועלע (מען פלעגט עס רופן: „די בורזשויקע") האָט געוויינטלעך ניט געהאַט קיין קוימען. פלעגט מען מאַכן פון בלעך רערן, און די רערן פלעגט מען אויף דראָטן אויפהענגען אונטער דער סטעליע און אַרויספירן אויף דער גאַס דורך אַ פענצטער אָדער אַ פאָרטקע. אין די רערן פלעגט זיך אָנקלייבן שוואַרצע פעך (סמאָלע) פון רויך, און פון דאָרטן פלעגן שטענדיק טריפן שוואַרצע שטינקנדיקע טראָפּנס. כדי זיי זאָלן ניט באַשמוצן די פאַדלאָגע און די מעבל, פלעגט מען אונטער די רינעס אוועקשטעלן שיסלען אָדער טעלער.

קיין וואַרימע וואַסער אויף צו וואַשן זיך און אויף צו באָדן זיך איז ניט געווען. עס פלעגט קאָסטן אונדזערע פרויען אַן אַ שיעור מי און האָ־רעוואַניע צו האַלטן ריין די קינדער, באַזונדערס דערפאַר, וואָס קיין זייף איז אויך ניט געווען. און האַלטן ריין די פאַמיליע האָט מען געמוזט ניט נאָר צוליב זויבערקייט, נאָר פשוט צוליבן געזונט. עס האָט געהערשט אַ שרעקלעכע טיפוס־עפּידעמיע, און מען האָט זיך געמוזט היטן פון לייז. פון קעלט און פון וויניק פעטס (קיין פוטער און קיין שמאַלץ איז ניט געווען) זיינען ביי די קינדער און אויך ביי פיל דערוואַקסענע די הענט שטענדיק געווען געשוואָלן און באַדעקט מיט וואונדן.

מיטן עסן איז געווען גאָר ניט פריילעך. אַ פערטל פונט שוואַרצע ברויט מיט קלייען און פיל שטרוי — דאָס איז געווען אַלץ, וואָס מען האָט באַקומען אויף די שפּייז־קאַרטעס. פון צייט צו צייט פלעגט מען אַרויסגעבן אַביסל צוקער אָדער געזאַלצענע געטריקנטע פיש (וואָבלע). אונדזער הויפּט־עסן איז געווען קאַשע פון הירזש (פּשענאַ). מען פלעגט מאַכן פון דעם לאַטקעס, קאָטלעטן, פודינגס (אָן פוטער און אָן צוקער, נאָר מיט סאַכאַרין), קאַשעס מיט אַביסל בוימל (גרינלעכע ליין־אויל). אַ צווייטער מאכל איז באַשטאַנען פון פאַרפרוירענע, זיסלעך־טונקעלע, האַלב־פאַרפוילטע קאַרטאָפליעס. פון דעם פלעגט מען מאַכן בלינצעס און פון די קאַרטאָפל־שאָלעכץ פלעגן מאַנכע באַלעבאָסטעס צוגרייטן גאָר געשמאַקע לאַטקעס. די פישלעך פלעגט מען בראָטן אין „לעבער־טראַן" (פיש־אויל). דאָס האָט שרעקלעך געשטונקען, אָבער דערפאַר זיי־נען אין דעם געווען וויטאַמינען.

איך פערזענלעך בין געווען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע: אַלס מיט־גליד פון דער וויסנשאַפטלעכער עקספּערטן־קאָמיסיע ביים קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס־בילדונג בין איך געווען באַרעכטיקט צו באַקומען די „אַקאַ־דעמישע" שפּייז־פּאַרציע, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר פּראָפעסאָרן, שרייבער און וויסנשאַפטסלייט. אַלע האָבן מקנא געווען די פּראָפעסאָרן, ווייל זיי האָבן יעדן חודש באַקומען אַ פאָר הערינג, אַ פאָר פונט צוקער און, דוכט זיך, אויך אַביסל פוטער אָדער בוימעל. אין די טעג, ווען מען

פלעגט פאַרטיילן די אַקאַדעמישע שפּייז־פּאַרציעס, האָט מען אין די גאַסן פון מאָסקווע געקאָנט זען די באַרימטסטע מענטשן פון דער וויסנשאַפט און ליטעראַטור, וועלכע האָבן אויף קליינע שליטלעך אַליין געשלעפּט צו זיך אַהיים די טייערע פּראָדוקטן. באַזונדערס אָפט פלעג איך טרעפן דעם באַרימטן רוסישן פּאָעט באַלמאָנט, וועלכער האָט געוואוינט נישט ווייט פון מיר.

אָבער ווי טרויעריק און גרויזאַם עס זיינען נישט געווען די מאַטע־ריעלע באַדינגונגען פון אונדזער מאָסקווער לעבן, האָבן מיר דאָך גאַר־ווייניק געזאָרגט וועגן עסן און טרינקען: אונדזער גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט און ענערגיע פלעגט זיין געווענדט אויף די גוואַלטיקע פּאָלי־טישע און געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, וואָס האָבן זיך יעמאָלט אָפּ־געשפּילט אין רוסלאַנד.

דער בירגער־קריג האָט זיך שוין געהאַט אַזוי ווי געענדיקט מיט דעם זיג פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג. די רויטע אַרמיי, און איר פירער, טראָצקי, זיינען געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע פון זייער פּרעסטיזש און זייער איינפלוס אין דער מלוכה. אַלע עקאָנאָמי־שע און סאָציאַלע שוועריקייטן, מיט וועלכע רוסלאַנד איז געווען באַ־דריקט, האָט מען געהאָפט בייצוקומען מיט די זעלביקע מיטלען, מיט וועלכע מען האָט באַזיגט קאָלטשאַקן און דעניקינען, דאָס הייסט: מיט טעראָר פון דער טשעקאַ און דער מיליטערישער מאַכט פון דער רויטער אַרמיי. אַלע אונדזערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָדערונגען האָבן באַגעגנט אַלץ אַ שאַרפערן ווידערשטאַנד מצד די באָלשעוויקעס דיק־טאַטאָרן, וועלכע זיינען געווען פאַרשיכורט פון זייער זיג איבער די „ווייסע".

און גראָד אין דעם מאָמענט איז געקומען דער **קריג מיט פּוילן.**

אַלץ, וואָס מיר האָבן יעמאָלט געוואוסט, זיצנדיק אין מאָסקווע און האָבנדיק די איינציקע אינפאָרמאַציע פון די סאָוועטישע צייטונגען — איז געווען, אַז אין קריג איז שולדיק פּוילן, און אַז פּילסודסקי, בשותפות מיט די רוסישע ווייס־גוואַרדייער און מאַנכע אויסלענדישע רעאַקציאָ־נערע קרייזן, ווילן פאַרכאַפּן אַ שטיק רוסלאַנד און אונטערדריקן די רעוואָלוציע. עס איז געווען נאַטירלעך, אַז פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן אונטערגעשטיצט די סאָוועט־רעגירונג אין קאַמף קעגן די ווייסע גענע־ראַלן, מוזן מיר אויך אונטערשטיצן די סאָוועט־רעגירונג אין קאַמף קעגן דעם פּויליש־ווייס־גוואַרדייאישן אָנגריף (פּילסודסקי האָט אין קיעוו און אין אַנדערע ערטער טאַקע געאַרבעט צוזאַמען מיט די „ווייסע"). אין אַט דעם זין האָבן מיר געמאַכט אַן אָפיציעלע דערקלערונג אויפן צו־זאַמענפאָר פון די סאָוועטן. מיר האָבן זיך דערביי פאַרגעשטעלט, אַז אויב די רויטע אַרמיי וועט באַזיגן די לעגיאָנערן פון פּילסודסקין, וועט זי אויפן גרעניץ פון פּוילן און דייטשלאַנד זיך טרעפן מיט דער באַנייטער דייטשער רעוואָלוציע. דאָס וועט באַדייטן, אַז רוסלאַנד, דייטשלאַנד

און גאַנץ צענטראַל־אייראָפּע וועלן ווערן פאַראייניקט אין איין ריזי־קער רעוואָלוציאָנערער טעריטאָריע, וואָס וועט דערגיין ביזן טייך ריין, אויף דעם דייטש־פראַנצויזישן גרעניץ. די רעוואָלוציע וועט דאַן שטיין ביי די טויערן פון פראַנקרייך און גאַנץ מערב־אייראָפּע.

אמת, אַזאַ רעוואָלוציע וועט גיין אונטער די פאָנען פון דער רויטער אַרמיי. אָבער אין יענער צייט האָבן מיר נאָך אַלע געהאָפט, אַז, ערשטנס, וועט די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור גופא זיך נאָך בייטן אין לויף פון די געשעענישן, און, צווייטנס, האָבן מיר געהאָפט, אַז די גוואַלטיקע דעמאָקראַטישע מאַכט פון די אָרגאַניזירטע אייראָפּעאישע אַרבעטער וועט זיין פּאָליטיש, אידעאיש און עקאָנאָמיש שטאַרקער פון דעם שוואַכן האַלב־פּויערישן רוסישן באָלשעוויזם, און אַז די אָנפירונג פון דער אייראָפּעאישער רעוואָלוציע וועט ניט בלייבן אין די הענט פון די באָלשעוויקעס, ווען די אַלגעמיין־אייראָפּעאישע רעוואָלוציע וועט קומען.

אַלע גוואַלטיקע וועלט־היסטאָרישע האָפענונגען האָבן פאַר אונדז ניט פאַרשטעלט די גרויסע אינעווייניקסטע פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיקט, דער רוסיש־פּוילישער קריג און די עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע אין לאַנד האָבן פאַרלאַנגט פריער פאַר אַלץ עפּעס גרויסע מיטלען אויף צו פאַרענטפערן די וויכטיקע עקאָנאָמישע פראַגעס פון ווידער־אויפבויען דיווירטשאַפט פון לאַנד.

באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס

1

די מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס אין 1920

די אויפגאַבע, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם סדר היום, איז געווען גאָר אַ פשוטע: נאָכגעבן די רוסישע פויערים, דערלאָזן פון דאָס ניי געוויסע עלעמענטן פון קליינעם און מיטעלען פריוואַט-קאַפּיטאַליזם, אָפּזאָגן זיך פון קאָמוניזם. פון די שפּעטערדיקע דאָקומענטן האָט זיך די וועלט דערוואוסט, אַז אַזוינע געדאַנקען האָבן אין יענעם מאָמענט אויך געהאַט אַ טייל באָלשעוויקעס גופא. טראָצקי האָט שפּעטער דער־ציילט אין זיינע דעראינערונגען, אַז ער האָט לעניניען יעמאָלט געהאַט פאָרגעשלאָגן כמעט דיזעלביקע פּראַקטישע שריט, וואָס מיר, מענ־שעוויקעס, האָבן געפאָדערט און וואָס לענין אַליין האָט מיט אַ יאָר שפּעטער דורכגעפירט אונטער דעם נאָמען פון „נעפּ" („נייע עקאָנאָ־מישע פּאָליטיק").

אָבער גראָד טראָצקי איז אין פרילינג 1920 אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּראָיעקט וועגן מיליטאַריזירן דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פון רוסלאַנד, שאַפנדיק די באַרימטע „אַרבעטס-אַרמייען": איינפירן אַלגעמיינע אַרבעטס-פליכט און אָרגאַניזירן אַלע מאָביליזירטע אַרבע־טער (און פויערים) פון רוסלאַנד אין מיליטאַריזירטע אַרבעטס-אַרמייען, וואָס זאָלן אַרבעטן אונטער דער מיליטערישער דיסציפּלין און אונטער דער אָנפירונג פון מיליטערישע קאָמאַנדירן.

כדי דאָס צו דערווייזן „וויסנשאַפטלעך", האָט טראָצקי צוגעטראַכט אַ גאַנצע „וועלט-אָנשויאונג". דער מענטש, — האָט ער געטענהט, — איז פון דער נאַטור אַ פוילער. אויב מען זאָל אים ניט צווינגען, וועט ער ניט אַרבעטן. אין קאַפּיטאַליזם האָט אים צו דער אַרבעט גע־טריבן דער הונגער. אין אונדזער סאָציאַליסטישער אָרדענונג מוז אים טרייבן צו דער אַרבעט גוואַלט, שטראָף, צוואַנג פון דער מלוכה-מאַכט. די רויטע אַרמיי האָט באַוויזן, אַז זי איז די איינציקע אָרגאַניזירנדיקע מאַכט אין אונדזער מלוכה, — אַ ראיה, אַז דעם בירגער-קריג האָט מען געוואונען, און די ניט-מיליטערישע אינדוסטריע, די ציווילע, אַרבעט שלעכט. הייסט דאָס, אַז מען דאַרף אַלץ איבערגעבן אין די הענט פון דער רויטער אַרמיי און דאַן וועט שוין אַלץ גיין ווי געשמירט.

קעגן אַזעלכע פּלענער און קעגן טראָצקים „וועלט-אַנשויאונג” איז מיר אין יענעם פרילינג אויסגעקומען זייער פיל אַרויסצוטרעטן. באַזונדערס גרויסע אַרויסטרעטונגען האָב איך געמאַכט אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די רוסישע טרעיד-יוניאָנס און אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די „סאָוונאַרכאָזן”, די „סאָוועטן פאַר דער פאָלקס-ווירטשאַפט” (דאָס זיינען געווען די רעגירונגס-קאָמיטעטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער גאַנצער סאָציאַליזירטער ווירטשאַפט אויף די ערטער).

אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די טרעיד-יוניאָנס האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו האַלטן אַ קעגן-רעפעראַט קעגן טראָצקים באַריכט וועגן די אַרבעטס-אַרמייען. עס איז ניט לייכט געווען אַרויסצוטרעטן קעגן טראָצקין, אי צוליב זיין גרויסן רעדנערישן טאַלענט, אי צוליב יענעם גוואַלטיקן פּרעסטיזש, וואָס ער האָט יעמאָלט פאַרמאָגט אַלס דער זיגער אין בירגער-קריג, אַלס דער העכסטער קאָמאַנדיר פון דער גלאָררייכער רויטער אַרמיי. אָבער די אידעאישע פּאָזיציע פון אונדזער צד איז געווען זייער אַ שטאַרקע. די גאַנצע אומפּראַקטישקייט און ווילדקייט פון טראָצקים פּלאַן וועגן אַ סאָציאַליסטישער בויאונג דורך אַ ק אַ ז אַ ר מ ע, איז געווען פאַר די אַרבעטער אַ זאַך, וואָס זיי האָבן געקאָנט איינזען אַפילו ביי זייער גרויסן רעספּעקט פאַר טראָצקין. עס איז מיר דעריבער געלונגען צו מאַכן אַ געוויסן איינדרוק אויף די צוהערער מיט מיין קעגן-רעדע און מיט מיין שלוס-וואָרט.

טראָצקים פּלאַן האָט באַדייט די איינפירונג פון אַ דיקטאַטאָרישן דירעקטאָר אין יעדער פאַבריק, די אָפּשאַפונג פון די אַרבעטער-קאָמיטעטן אין די פאַבריקן די איינפירונג פון אַן אייזערנער דיסציפּלין מיט שטרענגע שטראָפן און מיט אָוועקנעמען ביי די אַרבעטער זייער באַוועגונגס-פרייהייט, און אַזוי ווייטער. דאָס איז די סיסטעם, וואָס איז איינגעפירט, מער אָדער ווייניקער, איצט. אָבער אין יענעם מאָמענט האָבן די רוסישע אַרבעטער נאָך געהאַט די מעגלעכקייט זיך אַנטקעגן צו שטעלן און ניט צו דערלאָזן אַזאַ מין סיסטעם. אחוץ דעם, האָט יעמאָלט אויסגעפעלט יעדער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פאַר אַזוינע פּלענער: אין אַ לאַנד, וואו עס איז ניט געווען ניט קיין ברויט, ניט קיין רוי-שטאָפן, האָט מען מיט דיסציפּלין אַליין ניט געקאָנט קיין זאַך אויפטאָן. און סאַי די רוישטאָפן, סאַי דאָס ברויט האָט מען געדאַרפט קריגן ביי די פ ו י ע ר י ם, און אַז מען זאָל קאָנען די פויערים צווינגען צו אַרבעטן אונטער אַ קאַזאַרמע-דיסציפּלין, ווי סאָלדאַטן, האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל.

וועגן דעם אַלעם, און וועגן דער פילאָסאָפיע פון טראָצקין האָב איך יעמאָלט גערעדט אין מיינע רעפעראַטן, און האָב אָנגעמערקט אַן אַנדער פּלאַן, געבויט אויף פרייהייט און זעלבסט-דיסציפּלין, אויף אַ פאַרשטענדיקונג מיט די פויערים, און אַזוי ווייטער.

טראָצקי האָט זיין רעדע אַרויסגעגעבן אין דער פאָרם פון אַ בוך. ער פּאָלעמיזירט דאָרטן שטאַרק מיט מיר, אָבער ער ברענגט אין ערגעץ

ניט מיינע ענטפערס. אויף דעם דאָזיקן בוך האָט געענטפערט קאַרל קאַוטסקי מיט זיין באַוואוסטן בוך וועגן „טעראָריזם און קאָמוניזם", און קאַטוטסקיס ענטפער, וואָס איז אַרויס אין בערלין, 1921, ווען איך בין שוין דאָרטן געווען, האָב איך אַרויסגעגעבן אויף רוסיש מיט מיינער אַ פאָררעדע.

אויך מיין רעדע אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די „סאָוונאַרכאָזן", וואו איך בין ווידער אַרויסגעטראָטן קעגן טראָצקין, איז געווען געדרוקט אין די צייטונגען — אין דער רוסישער צייטונג פון אונדזער פאַרטיי אין כאַרקאָוו און אין נאָך אַנדערע צייטונגען פון סאָציאַליסטישע לאַגער.

טראָצקיס פּלענער זיינען קיין מאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן. די אַרבעטער־סטרייקס אין פּעטערבורג און אין אַנדערע שטעט און, דער עיקר — דער אויפשטאַנד פון די קראָנשטאַטער מאַטראָסן האָבן אַלע פּלענער צונישט געמאַכט. אונדזערע סאָציאַליסטישע אַרגומענטן האָבן אויף לענינען און טראָצקין ניט געווירקט, דערפאַר אָבער האָבן אויף זיי גאָר שטאַרק געווירקט די האַרמאַטן פון די קראָנשטאַטער קאָמוניסטישע מאַטראָסן.

סוף 1919 — אָנהייב 1920, איז אונדזער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי געווען אין רוסלאַנד אין זייער אַ מאָדנער לאַגע. פון איין זייט זיינען מיר געווען אַ לעגאַלע „סאָוועטישע" פּאַרטיי, וואָס איז געווען פאַרטראָטן אין אַ ריי לאָקאַלע סאָוועטן, ווייניקסטנס אין אַלע גרעסערע שטעט, ווי קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, כאַרקאָוו, אָדעס, פּעטראָגראַד, מאָסקווע, האָמעל, וויטעבסק, מינסק, בריאַנסק און אַזוי ווייטער. פון דער אַנדערער זייט, זיינען דעלעגאַטן צו אונדזערע קאָנפערענצן אַרעסטירט געוואָרן, אונדזערע צייטונגען און בלעטלעך פלעגן שטענדיק פאַרבאָטן ווערן, אונדזערע פאַרטרעטער אין אַ ריי שטעט זיינען געזעסן אין די טורמעס. מען פלעגט אונדז אָפיציעל, אַלס פּאַרטיי, איינלאַדן אויף די צוזאַמענפאָרן פון די סאָוועטן און מיר פלעגן דאָרטן קאָנען האַלטן רעדעס און מאַכן דערקלערונגען. דער צענטראַלער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פלעגט אָננעמען אונדזערע אָפיציעלע באַשטעטיקונגען אויף צו באַקומען פּלעצער אויף דער אייזנבאַן פאַר אונדזערע דעלעגאַטן אין „דעלעגאַטן־וואַגאָן", און אין דער זעלביקער צייט האָט מען אין קיעוו אַרעסטירט אונדזער גאַנצע אָרגאַניזאַציע און איר איבערגעגעבן צו אַן עפנטלעכן געריכט פאַר „קאָנטער־רעוואָלוציע". (אַלע אַרבעטער פון קיעוו האָבן געסטרייקט אַלס פּראָטעסט קעגן דעם משפט).

אין דעם בירגער־קריג האָבן מיר אונטערגעשטיצט די סאָוועט־רעגירונג, און אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט האָט מאָביליזירט אונדזערע מיטגלידער און געשיקט זיי אויפן פראָנט. און אין דערזעלביקער צייט האָט מען אין דער באָלשעוויסטישער פּרעסע ניט אויפגעהערט צו העצן די באַפעלקערונג קעגן אונדזער פּאַרטיי אַלס אַ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער", און אונדזערע מאָביליזירטע חברים, וואָס זיינען אָקערשט געקומען פון פראָנט, האָט מען אָפטמאָל אַרעסטירט און געמשפט אַלס

קאָנטער-רעוואָלוציאָנערן. ווען עס איז געקומען דער פּויליש-סאָוועטי-שער קריג, האָט אונדזער פּאַרטיי דערקלערט, אַז זי וועט אונטערשטיצן רוסלאַנד קעגן דעם פּוילישן אָנגריף, הגם זי וועט ניט אויפהערן צו קרי-טיקירן די פעלערן און פאַרברעכנס פון דעם סאָוועטישן רעזשים. די באָלשעוויקעס האָבן מיט צופרידנהייט אָנגענומען אונדזער באַשלוס און האָבן געלאָזט אונדזערע מענטשן פאַרנעמען וויכטיקע שטעלעס אין דער טעכנישער באַדינונג פון פראָנט. אָבער ווען אין מאָסקווער אַר-סענאַל איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער אויפרייס, זיינען אויף די גאַסן פון מאָסקווע אויסגעקלעפּט געוואָרן אויפרופן פון דער רעגירונג, אין וועלכע עס איז געווען דערקלערט, אַז דער אויפרייס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון פּוילישע שפּיאָנען און . . . מענשעוויקעס!

דאָס איז אַלץ געגאַנגען אין איינעם ביי די באָלשעוויקעס: לעגאַלי-טעט און אומלעגאַליטעט, מיטאַרבעט אין מלוכה-געשעפטן און באַ-שולדיקונגען אין קאָנטער-רעוואָלוציע, איינלאַדונגען אויף די סאָוועטן-צוזאַמענפאָרן און אַרעסטן.

גאָר מערקווירדיק איז געווען די איינלאַדונג, וואָס מיר האָבן באַ-קומען צו דעם זיבעטן קאָנגרעס פון די סאָוועטן, אין דעצעמבער, 1919.

אין יענעם מאָמענט האָבן מיר פאַרמאָגט גאַנץ שטאַרקע פאַרטרע-טונגען אין מאָסקווער און אין אַ ריי אַנדערע סאָוועטן, אָבער דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר האָבן מיר כמעט ניט געהאַט, וואָרים די אָרטיקע באָלשעוויסטישע סאָוועטן האָבן ניט געגעבן קיין פאַרטרעטונג זייערע מענשעוויסטישע מינדערהייטן. אָבער די סאָוועט-רעגירונג האָט גע-וואָלט, אַז מיר זאָלן זיין אויפן צוזאַמענפאָר — מיר האָבן איר אונטער-געשטיצט אין בירגער-קריג, און דאָס איז געווען וויכטיק פאַר די באָל-שעוויקעס סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד (אין פראַנצויזישן פּאַרלאַ-מענט, צום ביישפּיל, זיינען אונדזערע דערקלערונגען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך באָלשעוויסטישע פאַרטרעטער). האָט לענין געהייסן איינלאַדן פאַרטרעטער פון אונדזער צענטראַל-קאָמיטעט אַלס ערן-געסט. מיר האָבן באַשלאָסן אָנצונעמען די איינלאַדונג, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן אויף אַזאַ מין גרויסער טריבונע — קיין צייטונגען און קיין עפנטלעכע צוזאַמענפאָרן האָבן מיר דאָך שוין מער כמעט ניט געקאָנט האָבן! אָבער איידער מיר האָבן אָנגענומען די איינ-לאַדונג, האָבן מיר געהאַט אַ שמועס מיט לעוו ק אַ מ ע נ י ע וו ן, וועלכער איז יעמאָלט געווען דער פּרעזידענט פון מאָסקווער סאָוועט און דער וויים-פּרעזידענט פון צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט, און וועלכער האָט געזאָלט זיין דער טשערמאַן אויף דעם צוזאַמענפאָר. מיר האָבן אים דערקלערט, אַז מיר וועלן אָננעמען די איינלאַדונג נאָר דאַן, ווען די באָלשעוויקעס וועלן אונדז ג אַ ר אַ נ ט י ר ן די פריי-הייט אַרויסצוטרעטן און אָפּגעבן דערקלערונגען וועגן אַלע וויכטיקע פּונקטן. קאַמעניעוו האָט דאָס אונדז צוגעזאָגט — אין אַ געשפּרעך, וואָס די פאַרטרעטער פון אונדזער פאַרטיי האָבן מיט אים געהאַט אין

זיין פּריוואַטער וואוינונג אין ‑קרעמל (דאָס איז, אַגב, געווען דאָס ער־שטע און דאָס איינציקע מאָל, וואָס איך בין געווען אין קרעמל אין אַ פּריוואַטער וואוינונג פון אַן אָנגעזעענעם באָלשעוויק). אָבער די לייע־נער פון מיינע דערינערונגען ווייסן שוין, אַז אויף קאָמעניעווס צוזאָגן האָט מען זיך ווייניק גערעכנט פּאַרלאָזן. דעריבער בין איך געגאַנגען צו אים ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר חברים. ער האָט אַזוי קלאָר און פעסט צוגעזאָגט, אַז מיר האָבן דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. ווען אונדזערע דעלעגאַטן צום קאָנגרעס, די חברים מאַרטאָוו, פ. דאַן און איך (עס איז געווען נאָך אַ פערטער, נאָר איך געדענק שוין ניט ווער), זיינען געקומען צום קאָנגרעס, אין דעם מאָסקווער „גרויסן טעאַטער", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונדזערע פּלעצער האָט מען באַשטימט ניט אויף דער רעדנער־פּלאַטפאָרם, נאָר אין דער אַזוי־גערופענער „צאַרישער לאָזשע" (באָקס): (אין אַלע מלוכה־טעאַטערס פון אַלטן רוסלאַנד איז שטענדיק געווען אַ „צאַרישע לאָזשע", די גרעסטע און די שענסטע לאָזשע, פּונקט אַנטקעגן דער סצענע, מיט רויטע סאַמעטענע שטולן, מיט גאָלדענע באַצירונגען אַרום און אַרום, און מיט דער גאַנצער פּראַכט, וואָס פּאַסט פאַר אַ „צאַר", אָדער אַ גובערנאַטאָר אין דער פּראָווינץ־שטאָט).

אין דער „צאַרישער לאָזשע" פון „גרויסן טעאַטער" האָט מען אַוועקגעזעצט אַלע ערן־געסט: אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, דעלעגאַטן פון אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, און אונדז, די פאַרטרעטער פון דער סאָציאַליסטישער אָפּאָזיציע. אַזוי ווי אויפן צוזאַמענפאָר זיינען געווען לעניז, טראָצקי און אַנדערע גדולים פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג, האָט מען דעם טעאַטער זייער שטאַרק באַוואַכט: ניט נאָר דער גאַנצער פּלאַץ אַרום דעם טעאַטער, ניט נאָר אַלע אַריינגאַנגען און אַרויסגאַנגען, נאָר אויך אינעווייניק: אויף אַלע טרעפּ, ביי אַלע טירן, זיינען געשטאַנען באַוואָפנטע סאָלדאַטן, טשעקיסטן און „אָרדנערס" פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַרויסגיין און אַריינגיין אין אונדזער „ערן־לאָזשע" איז געווען כמעט אַן אוממעגלעכע זאַך. און עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אוממעגלעך פון אונדזער לאָזשע צוצוקומען צו דער סצענע, וואו עס איז געזעסן דער פּרעזידיום, די פאַרטרעטער פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונג און אַנדערע פּראָמינענטע פּערזענ־לעכקייטן. דער „גרויסער טעאַטער" אין מאָסקווע איז אַזוי גרויס, אַז פון דער לאָזשע ביז צו דער סצענע איז אַ וויטער מהלך. — אַזוי־אַרום זיינען מיר, די ערן־געסט, געווען פּאַקטיש אָפּגעשניטן פון דעם צוזאַמענפאָר, אי פון פּרעזידיום, אי פון די דעלעגאַטן. מיר זיינען געווען ניט אַזוי ע ר ן ‑ ג ע ס ט, ווי ע ר ן ‑ ג ע פ אַ נ ג ע נ ע. דער איינציקער מיטל, ווי אַזוי צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיטן פּרעזידיום, איז געווען — שיקן אים אַ צעטעלע דורך איינעם פון די יונגע טשעקיסטן, וואָס האָבן אונדז באַוואַכט.

ווען מיר האָבן זיך געגרייט צו דעם צוזאַמענפאָר, האָבן מיר פאַר־שטאַנען, אַז קיין סך רעדעס וועט מען אונדז ניט דערלויבן, ניט געקוקט

אויף אַלע צוזאָגן פון קאַמעניעוון. דעריבער האָבן מיר זיך באַשרענקט אויף צוויי טעמעס: מאַרטאָוו האָט געזאָלט אַרויסטרעטן ביי דער אַל-געמיינער פּאָליטיק, אין דער דעבאַטע וועגן די גרונד-פּראָגן פון דער רעוואָלוציע; און איך האָב געזאָלט באַקומען אַ וואָרט, כדי אָפּצוגעבן אַ דערקלערונג וועגן דער ר ו י ט ע ר אַ ר מ י י און אונדזער שטעלונג צום בירגער-קריג. אין לעצטן מאָמענט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אויף דער טאָג-אָרדענונג פון צוזאַמענפאָר שטייט נאָך אַ פּראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז שטאַרק: דאָס איז געווען טראָצקים פאָרשלאַג אָפּצונעמען די ערן-מיטגלידערשאַפט פון סאָוועט ביי חבר פרידריך אַ ד ל ע ר.

איך האָב שוין דערמאָנט, אַז פרידריך אַדלער איז אין דער צייט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אין 1917 און 1918, געווען איינע פון די פּאָפּולערסטע אינטערנאַציאָנאַלע פיגורן אין רוסלאַנד.

אָבער נאָך דער עסטרייכישער רעוואָלוציע 1918, זיינען די באָל-שעוויקעס שטאַרק אַנטוישט געוואָרן אין אַדלערן: ער איז ניט צוגע-שטאַנען צום קאָמוניזם. ער האָט ביי זיך אין עסטרייך, צוזאַמען מיט אָטאָ באַוערן, געפירט אַ פּאָליטיק פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, און ניט פון באָלשעוויזם.

באַזונדערס שאַרף איז קעגן אַדלערן שטענדיק אַרויסגעטראָטן טראָצקי. און אויף דעם קאָנגרעס, וועגן וועלכן איך דערצייל, האָט טראָצקי געזאָלט אַרויסטרעטן מיט אַ פאָרשלאַג צו פאַרדאַמען פרידריך אַדלערן און אָפּצונעמען ביי אים דעם טיטל פון אַן ערן-מיטגליד פון צענטראַלן עקזעקוטיוו-קאָמיטעט.

ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אַ וואָרט אין אָט דער פראַגע און אַרויסצוטרעטן קעגן טראָצקין. איך האָב דאָס געוואָלט טאָן, ערשטנס, ווייל איך האָב גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע באַדייטונג עס וועט האָבן דער קאַמף אַרום אַדלערן; און צווייטנס, ווייל איך האָב זיך געפילט באַזונ-דערס פאַרבונדן מיט אַדלערן, ניט נאָר דורך פּערזענלעכער פריינט-שאַפט, נאָר אויך דורך דער ראָלע, וואָס אַדלער האָט געשפּילט אין מיין באַפרייאונג פון דער סאָוועטישער טורמע. איינע פון זיינע „קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע" פאַרברעכנס, וואָס לענין האָט אים ביטער פאַרגע-וואָרפן, איז דאָך געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר מיר!

איז ביי אונדז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מאַרטאָוו זאָל ריידן וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטיק; די דערקלערונג וועגן דער רויטער אַרמיי זאָל אָפּגעבן חבר דאַן, און איך זאָל נעמען אַ וואָרט אין דער אַדלער-דעבאַטע. אָבער פון די אַלע פּלענער האָט זיך אויסגעלאָזן נאָר איינס: מען האָט דאַנען געגעבן אַ וואָרט פאַר אַ קורצער דערקלערונג וועגן דער רויטער אַרמיי און אונדזער באַציאונג צום בירגער-קריג, אָבער קיין ווערטער וועגן די אַנדערע פראַגעס האָבן מיר ניט באַקומען. מיר

האָבן געהאַלטן אין איין שיקן צעטלעך צו קאָמעניעוון אין פּרעזידיום, אָבער מיר האָבן גאָרניט אויסגעפירט. קאַמעניעוו האָט אונדז ווידער אָפּגענאַרט.

דאָס איז געווען דער לעצטער קאָנגרעס פון די סאָוועטן, אויף וועלכן איך בין געווען. אין ווינטער 1920—1921 איז אונדזער פּאַרטיי ווידער איינגעלאַדן געוואָרן. יעמאָלט האָט זיך אונדזערע דעלעגאַטן איינגעגעבן צו האַלטן צוויי גרעסערע רעדעס. איינע פון די רעדעס — די רעדע פון חבר דאַלין (איצט אין ניו יאָרק) האָט פאַרלאַנגט די ענדערונג פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק: ער האָט פאָרגעשלאָגן דאָס, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „נעפּ" (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק). דאָס איז געווען אין דעצעמבער, 1920. דער סאָוועטן-קאָנגרעס האָט עס אָפּגעוואָרפן מיט אַנטריסטונג און די פאָרשלאָגן פון אונדזער פּאַרטיי זיינען דערקלערט געוואָרן אַלס „קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע". אין מערץ, 1921, האָט לענין דעם „נעפּ" דורכגעפירט אין לעבן, און דאָן איז דאָס, פאַרשטייט זיך, דערקלערט געוואָרן פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע.

ווען איך האָלט שוין ביי דער באַציאונג צווישן אונדזער פּאַרטיי און די סאָוועטן, וויל איך דערציילן וועגן מיין אייגענער דערפאַרונג מיט דעם מאָסקווער סאָוועט. אין יענער צייט, וועגן וועלכער איך רייד, זיינען אַ פּאָר טוץ אונדזערע חברים אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגלידער פון מאָסקווער סאָוועט, צווישן זיי אויך איך. אויסגעקליבן בין איך געוואָרן פון די אַרבעטער פון אַ גרויסער ביר-ברויערי (דער „טרעכגאָרני זאַוואָד"). איך האָב אייגנטלעך מיט ביר-ברויעריי קיין מאָל ניט געהאַט צו טאָן. אָבער די מעשה איז געווען די, וואָס די יוניאָן פון כעמישע אַרבעטער האָט זיך יעמאָלט געפונען אין מענשעוויסטישע הענט (פּונקט אַזוי ווי די דרוקער און אַ פּאָר אַנדערע יוניאָנס) און די חברים פון דער כעמיקער-יוניאָן האָבן מיר פאָרגעשלאָגן איך זאָל אָננעמען די קאַנדידאַטור פון אונדזערע חברים, וואָס האָבן געאַרבעט אַלס אַרבעטער אין דער טרעכגאָרני ביר-ברויעריי.

מיר איז אויסגעקומען צו פירן אַ גאַנץ שווערן וואַל-קאַמף אין דער דאָזיקער פאַבריק. מיין קעגן-קאַנדידאַט איז געווען אַן אַלטער באָלשעוויק, אַ גאַנץ געניטער און געשיקטער רעדנער. די אַרבעטער פון דער ברויעריי זיינען באַשטאַנען צום טייל פון גוטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, אָבער עס איז געווען אַ היפּשע צאָל פרויען צווישן די אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען גאַנץ ווייניק באַהאַוונט אין פּאָליטיק. ניט געקוקט אויף דעם, האָב איך געוואונען, און בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפּוטאַט צום מאָסקווער סאָוועט. מיין דזשאָב איז געווען ניט קיין לייכטער.

די קאָמוניסטישע גרופּע פון דער פאַבריק האָט די גאַנצע צייט געפירט קעגן מיך אַן אָפענעם און באַהאַלטענעם קאַמף. ווי נאָר עס איז אין דער פאַבריק געווען עפּעס אַ צרה אָדער אַ שוועריקייט, האָט מען

דאָס אַרויפגעוואָרפן אויף מיך. און שוועריקייטן און צרות זיינען געווען אין יענער צייט זייער פיל: די אַרבעטער האָבן געהונגערט, די פאַבריק האָט ניט געאַרבעט, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין רוי-מאַטעריאַלן; דער עולם איז געווען היפש דעמאָראַליזירט דורך דעם שטענדיקן הונגער, און די פרויען האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע קליינע קינדער. אַזוי ווי אין דער פאַבריק זיינען געווען געווייסע זאַפּאַסן זאַלץ, צוקער און אַנדערע שטאָפן, וואָס זיינען נייטיק געווען פאַר דער פּראָדוקציע, זיינען ביי די אַרבעטער אָפט אויפגעקומען פלענער צו נעמען אַ טייל פון די פּראָדוקטן און אויסבייטן זיי ביי די אַרומיקע פויערים אויף ברויט, מעל, קאַרטאָפל און נאָך אַזעלכע זאַכן. אַזוי האָבן געהאַנדלט די אַרבעטער אין אַלע פאַבריקן אַרום און אַרום. עס איז שוין געווען אַ מנהג אַזאַ, אַז אַ טייל פאַבריק-פּראָדוקטן פלעגט מען אין יעדער פאַבריק אויסבייטן אויף עסנוואַרג פאַר די אַרבעטער. עס איז געווען ניט אין גאַנצן „לייטיש", פון מלוכהשן שטאַנדפּונקט, אָבער די אַרבעטער האָט מען דאָך ניט געקאָנט לאָזן הונגערן, ווייל הונגעריקע אַרבעטער קאָנען ניט אַרבעטן. האָבן די קאָמוניסטן אין דער טרעכגאָרני ביר-ברויעריי געהאַנדלט אַזוי, אַז זיי האָבן, פון איין זייט, אונטערגעהעצט די אַרבעטער צו פאַרקויפן וואָס מער צוקער און זאַלץ, און ווען די אַרבעטער פלעגן קומען צום פאַבריק-קאָמיטעט ער זאָל דאָס טאָן, פלעגט דער פאַבריק-קאָמיטעט, וואו עס זיינען געזעסן קאָמוניסטן, אַרויסרופן מיך, אַלס דעפּוטאַט, און פאָדערן פון מיר, איך זאָל ניט דערלאָזן אַזעלכע אומגעזעצלעכע זאַכן.

אַזוי זיינען אַדורך עטלעכע חדשים און מיין לאַגע אין דער פאַבריק איז נאָך אַלץ געווען אַ גאַנץ שטאַרקע, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די קאָמוניסטן פלעגן אָפט צענויפרופן פאַרזאַמלונגען און אָראָפּברענגען זייערע רעדנערס. אָבער דאַן האָבן זיי דאָך אויסגעפונען אַ מיטל קעגן מיך. אין יעדער ברויעריי האָט מען שטענדיק פערד און קי, וועלכע מען האָדעוועט מיט אָפּפאַלן פון דער פּראָדוקציע. עס זיינען געווען קי אויך אין דער טרעכגאָרני ברויעריי, און די מילך פון די קי איז געווען די הויפּט-שפּייז פון די קליינע קינדער פון די פאַבריק-אַרבעטאָרינס. איז מען איין מאָל געקומען פון מאָסקווער „איספּאָלקאָם" (עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון סאָוועט) און מען האָט דערקלערט, אַז די קי וועט מוזן צונעמען אַ שפּיטאָל. סטייטש, אין שפּיטאָל ליגען קראַנקע און הונגערן, און דאָ זיינען געזונטע! איז געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה אין דער פאַבריק. מען האָט גלייך אַרויסגערופן מיך, דעם דעפּוטאַט, איך זאָל אָפּראַטעווען די קי, און אָט ביי די אונטערהאַנדלונגען איז געוואָרן קלאָר סאַי פאַר מיר, סאַי פאַר אַלע אַרבעטאָרינס, אַז די קי וועט מען צונעמען, אויב איך זאָל בלייבן ווייטער דער דעפּוטאַט. מען האָט צוזאַמענגערופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. דאָרטן האָט מען, פאַרשטייט זיך, גערעדט ניט וועגן די קי, נאָר עס איז אַרויסגעטראָטן מיין באָלשעוויסטישער קאָנקורענט מיט אַ באָלשעוויסטישער רעדע קעגן מענשעוויזם. אָבער ווען עס איז געקומען צו אַן אָפּשטימונג, האָט אַ טייל פרויען ניט

געשטימט פאַר מיר, און איך בין געבליבן אין דער מינדערהייט מיט אַ פּאָר שטימען. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז שוין צו מיר אַהיים גע־קומען צולויפן מיט אַ פריילעכער מינע דער טשערמאַן פון דעם פאַבריק־קאָמיטעט — אָפּצונעמען ביי מיר מיין דעפּוטאַטן־בילעט. די קי האָבן זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פון פּאָליטישע באַווייזן און פּראָגראַמען.

ווען די ענגלישע אַרבעטער־דעלעגאַציע איז געווען אין מאָסקווע, האָב איך זיי דערציילט די מעשה מיט די קי. איך האָב שפּעטער גע־הערט, אַז זיי האָבן דאָס פאַרעפנטלעכט אין דער ענגלישער פּרעסע, און אַז דאָס האָט געמאַכט יעמאָלט אין די אַרבעטער־קרייזן פון ענגלאַנד אַ גאַנץ גרויסן רושם.

2

איך באַשלים צו פאָרן אין דייטשלאַנד

די באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט די פאַרשיידענע אויסלענדישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אין 1919 און אין 1920 געווען אין מאָסקווע, האָבן אין מיר פאַרשטאַרקט די געדאַנקען און שטימונגען, וואָס זיינען שוין אויפגעקומען אין מיר פריער — גלייך נאָך דער דייטשער רע־וואָלוציע.

אַלס אַן אָנהענגער פון „צימערוואַלד" בין איך געווען אַ שאַרפער קעגנער און קריטיקער פון די אַזוי־גערופענע „מערהייט־סאָציאַליסטן", דאָס הייסט, פון די סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געהערט צו דער מערהייט פון דער דייטשער, עסטרייכישער און פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און וואָס האָבן פאַרנומען דעם „פּאַטריאָטישן" שטאַנדפּונקט אין דער מלחמה. אַנשטאָט צו זיין פּאַטריאָטן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, זיינען זיי געווען נאַציאָנאַליסטן פון זייערע „פאָטערלענ־דער", פון זייערע רעגירונגען און גענעראַל־שטאַבן. דאָס האָט גע־בראַכט דערצו, וואָס די סאָציאַליסטן פון די פאַרשיידענע לענדער זיינען געשטאַנען אין קאַמף **איינע קעגן די אַנדערע**, ניט נאָר אין געצוואונגענעם קאַמף, ווי סאָלדאַטן פון פיינטלעכע אַרמייען, נאָר אויך אידעאָלאָגיש, פּאָליטיש און מאָראַליש, ווי אָנהענגער פון פאַר־שיידענע אימפּעריאַליזמען און נאַציאָנאַליזמען. די דייטשע מערהייט־סאָציאַליסטן האָבן געוואָלט, אַז זיגן זאָלן די דייטשע אַרמייען; די פראַנצויזישע מערהייט־סאָציאַליסטן האָבן געשטרעבט צום זיג פון די עלאַים, און אַזוי ווייטער.

מיר, צימערוואַלדיסטן, האָבן אַזאַ טאַקטיק פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען געהאַלטן פאַר פאַלש. מיר, צימערוואַלדיסטן אין רוסלאַנד, האָבן געהאָפט, אַז די לינקע סאָציאַליסטן אין אַלע לענדער — די עסט־רייכישע, די „אומאָפּהענגיקע" אין דייטשלאַנד און זייער גלייכן —

וועלן אַריינגעמען די מאַכט אין זייערע הענט און וועלן אָרגאַניזירן אין אייראָפּע אַ רעוואָלוציע, וואָס וועט זיין אין דער זעלביקער צייט אי אַ סאָציאַליסטישע, אי אַ דעמאָקראַטישע. מיר האָבן ניט געוואָלט, אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע זאָל ווערן אַ באָלשעוויסטישע, ווייל מיר האָבן אין רוסלאַנד קלאָר געזען, וואָס דאָס מיינט פאַרן פאָלק און פאַר אַרבעטער.

פון דער אַנדער זייט זיינען מיר געווען שרעקלעך אַנטוישט, ווען עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע באַריכטן פון דער דייטשער רעוואָ-לוציע. מיר האָבן ניט געקאָנט פאַרשטיין און באַרעכטיקן די האַלטונג פון עבערטן, שיידעמאַנען און נאָסקען אין די ערשטע וואָכן און חדשים פון דער דייטשער רעוואָלוציע. אונדז האָט זיך געדוכט, אַז זיי מאַכן אַ געוואַלטיקן פעלער, וואָס זיי לאָזן צו רו די פּרייסישע יונקערס, די וועסטפאַלער קוילן- און שטאָל-מאַגנאַטן; וואָס זיי טרייבן ניט אַרויס פון די אַמטן אַלע אַלטע באַאַמטע פון ווילהעלם דעם צווייטן, און אַזוי ווייטער און ווייטער. פון דער אַנדער זייט, האָבן מיר פון רוס-לאַנד געזען, ווי אַזוי עס ווערט אין דייטשלאַנד, מיט סאָוועטישער הילף, צוגעגרייט דער פונדאַמענט פון אַ דייטשער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס איז אין תוך אַ „מאָסקווער" אַגענטור. מיר האָבן פאַר-שטאַנען, אַז דאָס מוז ברענגען צו אַ בירגער-קריג אין דייטשלאַנד מיט אַלע רעזולטאַטן, וואָס מיר האָבן אַזוי גענוי געזען אין רוסלאַנד. שוין אין מיין ערשטן אַרטיקל אין אונדזער צייטונג „וסעגדאַ ופּעריאָד" (אימער פאָרווערטס), וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אונדז אַ געוויסע צייט דערלויבט אַרויסצוגעבן אין די ערשטע וואָכן נאָך דער דייטשער רעוואָלוציע, האָב איך געשריבן וועגן דער געפאַר פון אַ בירגער-קריג צווישן דייטשע אַרבעטער און וועגן דער נייטיקייט פאַרן דייטשן סאָ-ציאַליזם אויסצוגעפינען אַ וועג צו איינהייט און צו אַ דעמאָקראַטיש-סאָציאַליסטישער איבערבויאונג פון דייטשלאַנד.

עס איז אָבער געוואָרן אַלץ קלאָרער און קלאָרער, אַז די דייטשע רעוואָלוציע גייט ניט אויף אָט דעם וועג. די מערהייט-סאָציאַליסטן האָבן ניט אַרויסגעוויזן ניט קיין רעוואָלוציאָנערן גייסט, ניט אַפילו פּשוט געגנוג דעמאָקראַטישן מוט. אין דערזעלבער צייט האָבן די דיי-טשע קאָמוניסטן (ספּאַרטאַקיסטן) געזוכט צו מאַכן אויפשטאַנדן, וואָס האָבן זיך געענדיקט זייער טראַגיש, ווי, צום ביישפּיל, מיטן מאָרד פון ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רעגירונג, כדי זיך צו ראַטעווען פון די קאָמוניסטן, איז געווען געצוואונ-גען צו פאַרבינדן זיך מיט די רעאַקציאָנערע מיליטערלייט, אָפיצערן און „פריוווילִיקע", און איז אַזוי-אַרום אַרונטערגעפאַלן אונטער דעם איינ-פלוס פון רעכטע נאַציאָנאַליסטישע קרייזן.

און וואו איז געווען דער אינטערנאַציאָנאַל פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען? יענער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זיין היסטאָרישע אויפגאַבע איז געווען צו זיכערן די צוזאַמענאַרבעט פון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַר-

טייען, און זיך קעגנצושטעלן סיי דעם ניי־געגרינדעטן דריטן אינטער־נאַציאָנאַל, וועמענס איינפלוס עס איז שטאַרק געוואַקסן און סיי דעם שמאָלקעפּיקן נאַציאָנאַליזם פון די מערהייט־סאָציאַליסטן?!

עס זיינען אָבער געווען אין אייראָפּע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעמזעלביקן שטאַנדפּונקט ווי מיר, רוסישע אינטערנאַציאָנאַליסטן. די גרויסע און שטאַרקע עסטרייכישע פּאַרטיי איז נאָך דער רעוואָלוציע 1918 אַריינגעקומען אונטער דעם פולשטענדיקן איינפלוס פון פרידריך אַדלער, אָטאָ באַוער און אונדזערע אַנדערע פריינט. אין דייטשלאַנד איז אויפגעוואַקסן אַ מעכ־טיקע „אומאָפּהענגיקע" סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט געהאַט אין 1919—1920 (מיט קאַוטסקי, הילפערדינג און אַנדערע אַלס פירערס) אַרום אַ מיליאָן מיטגלידער, און מיר האָבן געוואוסט, אַז די באָלשעווי־קעס אַרבעטן זייער שווער אויף צו באַקומען קאָנטראָל אין דער דאָזי־קער פּאַרטיי. אויך אין פראַנקרייך איז אַ גרויסער טייל פון דער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי ניט געווען צופרידן מיטן דריטן אינטערנאַציאָ־נאַל און עס איז געווען פיל האָפענונג, אַז אונדזערע פריינט (לעאָן בלום, פּאָל פאָר, זשאַן לאָנגע און אַנדערע) זאָלן קאָנען איינהאַלטן די מער־הייט פון דער פּאַרטיי אין די סאָציאַליסטישע רייען. אין ענגלאַנד זיי־נען אונדזערע האָפענונגען געווען פאַרבונדן מיט דער „אומאָפּהענגי־קער לעיבאָר פּאַרטיי" (אַי־על־פּי). אויך אין דער שווייץ, אין האָלאַנד און אויפן באַלקאַן זיינען געווען עלעמענטן, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָענט צו אונדז, און אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן מיר געהאַט פריינטלעכע באַציאונגען מיט מאָריס הילקוויט און יודזשין דעבס.

אונדזער געדאַנק איז געווען אַזאַ: העלפן שאַפן אַ נייעם אינטער־נאַציאָנאַל, וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך אַלע יענע לינקע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען, וואָס ווילן ניט גיין אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל און וואָס קאָנען אין דערזעלביקער צייט ניט מיטמאַכן די שוואַכע, וואַקל־דיקע, ניט אַנטשלאָסענע פּאָליטיק פון די „מערהייטלער".

דער דאָזיקער געדאַנק איז נאָך פיל מער פאַרשאַרפט געוואָרן, זינט מיר האָבן זיך אין מאָסקווע באַגעגנט מיט די פאַרטרעטער פון די אוים־לענדישע לינקע סאָציאַליסטן, וועלכע זיינען געקומען קיין מאָסקווע אַלס דעלעגאַטן צום דריטן אינטערנאַציאָנאַל. מיר האָבן דערזען, אַז דאָס זיינען אין גרונד גאָר ניט קיין קאָמוניסטן, נאָר פּשוט לינקע סאָ־ציאַליסטן, וועלכע זיינען פאַרבלענדט געוואָרן פון דעם גלאַנץ פון לע־נינס זיגן, און וואָס זיינען אין תוך געבליבן דעמאָקראַטישע סאָציאַ־ליסטן.

אונדזער פּאַרטיי איז שוין יעמאָלט געווען אַ שוואַכע, אין פאַר־גלייך צו די גרויסע אייראָפּעאישע פּאַרטייען. אָבער מיר האָבן געהאַט איין מעלה, וואָס אונדזערע אייראָפּעאישע חברים האָבן ניט פאַרמאָגט: מיר האָבן געהאַט די דערפאַרונג פון צוויי רעוואָלוציעס.

שמועסנדיק אין מאָסקווע מיט די אויסלענדישע דעלעגאַטן, האָבן מיר קלאָר געזען, ווי נאַאיוו און ניט-געניט אין רעוואָלוציאָנערע ענינים עס זיינען די אייראָפּייער, אַפילו די געבילדעטסטע און קליגסטע צווישן זיי. פאַרטיק ווערן מיט די קאָמוניסטן וואָלטן זיי ביי פאַרשיידענע אונטערהאַנדלונגען אין קיין אופן ניט געקאָנט. פון דער אַנדער זייט, האָבן מיר באַמערקט אַז די אויסלענדישע סאָציאַליסטן באַציִען זיך צו אונדז מיט אַ געוויסער אַכטונג, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי האָבן געזען, — און מיר האָבן זיי ניט אָפּגענאַרט, — אַז מיר זיינען אין רוס-לאַנד געוואָרן אַ שוואַכע און פאַרפאָלגטע פּאַרטיי.

איז ביי אונדז, ספּעציעל ביי מיר, דאַן אויפגעקומען דער פּלאַן, אַרויסצושיקן קיין אויסלאַנד אַ דעלעגאַציע פון אַ פּאָר מענטשן — אין דער ערשטער ריי מאַרטאָוון, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם גרעסטן מאָראַ-לישן איינפלוס אין אויסלאַנד — כדי דאָרטן פּראַקטיש און אידעאיש מיטצוהעלפן דעם אויפבוי פון דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל און אין דער זעלבער צייט אויפקלערן די אינטערנאַציאָנאַלע געזעלשאַפטלעכע מיינונג וועגן רוסישן באָלשעוויזם.

אין דעם גייסט האָב איך צוגעשטעלט באַריכטן צו די קאָנפערענצן פון „בונד" און פון די מענשעוויקעס, וואָס זיינען יעמאָלט פאָרגעקומען. מיינע רעזאָלוציעס וועגן בויען אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל זיינען אָנגע-נומען געוואָרן אויף ביידע קאָנפערענצן.

מיט דעם זיינען ביי מיר אויך געווען פאַרבונדן געדאַנקען וועגן דער צוקונפט פון דער רוסישער רעוואָלוציע גופא. וואָס וועט ווערן מיט דער רוסישער רעוואָלוציע, מיט דעם רוסישן אַרבעטער-קלאַס, מיט דער דיקטאַטור אין רוסלאַנד? ווי אַזוי וועט די רוסישע רעוואָ-לוציע ווירקן ווייטער אויף דער סאָציאַליסטישער וועלט-באַוועגונג?

זומער 1920 בין איך געוואָרן זייער פּעסימיסטיש בנוגע דער אַנט-וויקלונג פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. איך האָב אָנ-געהויבן איינצוזען, אַז דער באָלשעוויסטישער רעזשים, אַזוי ווי ער האָט זיך געהאַט אויסגעפורעמט, מוז גיין ווייטער און ווייטער אויפן וועג פון טעראָר און אונטערדריקונג. יענע האָפענונגען, וואָס מיר האָבן געהאַט אין די ערשטע חדשים פון באָלשעוויזם, אַז עס וועט זיך איינגעבן צו צווינגען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי, זי זאָל פרייוויליק איינ-גיין אויף אַ געמיינזאַמער רעגירונג מיט אַ דעמאָקראַטיש-סאָציאַליס-טישער פּראָגראַם, — זיינען ביי מיר אַלץ קלענער געוואָרן.

איך האָב געזען, וואָס עס איז געוואָרן מיט די באָלשעוויקעס, ווען זיי האָבן געוואונען דעם בירגער-קריג און זיינען געוואָרן פעסט אין זייער מאַכט. אין די מאָמענטן פון געפאַר, ווען זיי זיינען ניט געווען זיכער אין זייער זיג, האָבן זיי אונדז פאַרגעשלאָגן אַריינצוגיין אין דער רעגירונג, האָבן געמאַכט הנחות אונדז און אַנדערע עלעמענטן פון דער רוסלענדער דעמאָקראַטיע. איצט איז אָבער זייער זיכערקייט און גרויסהאַלטעריי געוואַקסן מיט יעדן טאָג: די גאַנצע סאָציאַליסטישע

וועלט איז געקומען צו זיי בעטן זיך מען זאָל זיי אַריינגעמען אין דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אויך די רעגירונגען פון אַלע לענדער האָבן אָנגע־הויבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער סאָוועט־רעגירונג. די הער־שאַפט פון די באָלשעוויקעס איז אַלץ מער געוואָרן די הערשאַפט פון קאָמוניסטישן אַפּאַראַט, און דער אַפּאַראַט, די „מאַשין", איז אַלץ מער געוואָרן די מאַשין פון דער „טשעקאַ".

אין זומער 1920 איז פאַרגעקומען אַ זיצונג פון אונדזער מענשע־וויסטישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מאָסקווע. עס זיינען געווען פאַר־טרעטער פון אוקראַינע און פון אַנדערע געגנטן, און מיר האָבן געהאַט אַן אינטימען שמועס וועגן אַלע אָנגעווייטאַקטע פּראָבלעמען פון רו־סישן לעבן. מאַרטאָוו און אַנדערע חברים זיינען נאָך געווען איבער־צייגט, אַז אין באָלשעוויזם קאָנען פאַרקומען אינעווייניקסטע ענדערונ־גען. עס איז נאָך מעגלעך אַן עוואָלוציע צום גוטן. פאַרקערט, איך בין געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז אויב דער באָלשעוויזם זאָל בלייבן ווייטער ביי דער מאַכט אָן קאַטאַסטראָפעס און דערשיטערונ־גען, איז אומפאַרמיידלעך, אַז די דיקטאַטור זאָל ווערן אַלץ שאַרפער, דער טעראָר אַלץ ערגער, און אונדזער לאַגע אַלץ טראַגישער. אין עט־לעכע חדשים אַרום וועלן מיר אַלע זיצן אין טורמע.

אָבער איין זאַך איז פאַר אונדז אַלעמען געווען קלאָר: אַזוי ווי די לאַגע איז געווען אין זומער־האַרבסט 1920, האָט עס לאַנג ניט געקאָנט בלייבן. די עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען אומדערטרעגלעך, דער הונ־גער — גרויזאַם, קיין סחורות זיינען ניט געווען, די פויערים האָבן ניט באַאַרבעט די פעלדער, די אַרבעטער האָבן געהאַלטן אין צעלויפן זיך פון די פאַבריקן. עס איז געווען קלאָר, אַז אויך טראָצקיס „אַרבעטס־אַרמייען" האָבן ניט געהאָלפן; פאַרקערט, זיי מאַכן נאָך די לאַגע שווערער. דעריבער איז קלאָר, אַז עס גייט אין רוסלאַנד צו אַ שאַרפן קריזיס, אפשר צו אַ קאַטאַסטראָפע. אין מאָמענט, ווען די קאַטאַסטראָ־פע וועט קומען, וועט דער באָלשעוויזם פון דאָס ניי שטיין אויפן שייד־וועג: אַהער, אָדער אַהין?

די דערוואַרטונג פון אַ נייעם קריזיס אין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט דער האָפענונג, אַז אין אייראָפּע קאָן מען שאַפן אַ מעכטיקע פאַראיי־ניקונג פון די לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט אַרויסגערופן ביי מיר דעם שוין־דערמאָנטן פּלאַן: אונדזער פּאַרטיי זאָל אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל העלפן אָרגאַניזירן דעם נייעם אינ־טערנאַציאָנאַל, און אין דער זעלבער צייט אינפאָרמירן די אויסלענדישע ברודער־פּאַרטייען וועגן דער אמתער לאַגע אין רוסלאַנד און וועגן דעם אמתן כאַראַקטער פון רוסישן באָלשעוויזם, אַזוי אַז דער נייער אינ־טערנאַציאָנאַל זאָל ניט אַריינפאַלן אונטער די באָלשעוויסטישע אילו־זיעס, נאָר זאָל, פאַרקערט, ווערן אַ מאָראַלע קראַפט, וואָס וועט ווירקן אויף רוסלאַנד אין גייסט פון דעמאָקראַטיע און אייניקייט. אַזוי־אַרום וועט זיין אין דער וועלט אַ מאַכט, אַ פּראָלעטאַרישע, וואָס וועט באַ־

נוצן איר איינפלוס, בכדי אין מאמענט פון דעם קומענדיקן רוסישן קריזיס צו קאנען צווינגען די באלשעוויקעס צו א פאראייניקונג פון אלע פראלעטארישע כוחות אין רוסלאנד און אין דער גאנצער וועלט.

מיט דעם דאזיקן פלאן בין איך געקומען צום „בונד", נאך פ א ר דער שפאלטונג. דער צענטראל-קאמיטעט פון „בונד", אין וועלכן עס זיינען נאך יעמאלט געווען אסתר פרומקין און רחמיאל וויינשטיין, האט צו דעם פלאן צוגעשטימט. עס פארשטייט זיך, אז זיי האבן שוין געקוקט אויפן באלשעוויזם און דעם דריטן אינטערנאציאנאל אנדערש, ווי איך. אבער אי אויף דער מינסקער קאנפערענץ פון מערץ, 1919, אי אפילו שפעטער האבן די לינקע בונדיסטן נאר רק פראטעסטירט קעגן די פארפאלגונגען פון די רוסישע סאציאליסטן און האבן געפאדערט, אז די סאוועט-רעגירונג זאל זיך אפזאגן פון טעראר. אזוי-ארום זיינען זיי אויך ניט געווען קעגן דעם פארזוך צו שאפן א פאראייניקונג פון א ל ע לינקע סאציאליסטישע פארטייען אין דער וועלט, וואס זאל ווירקן פארן דעמאקראטישן סאציאליזם אין רוסלאנד.

עס קאן זיין, אז מאנכע פון די אלטע בונדיסטן האבן געהאט נאך אן אנדער מיין דערביי. אפשר האבן זיי געוואלט, אז איך זאל אפפארן פון רוסלאנד, כדי מען זאל מיך ניט ארעסטירן: ניט געקוקט אויף אונדזערע פאליטישע מיינונגס-פארשיידנהייטן, זיינען יעמאלט אי אסתר אי רחמיאל געווען זייער וואַרימע פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע פריינט אי פון מיר, אי פון מיין פאמיליע.

אזוי צי אזוי, דער צענטראל-קאמיטעט האט אנגענומען מיין פלאן און האט באשטימט 30 טויזנט רובל אויף רייזע הוצאות, וואס איז יע־מאלט געווען ארום 500 דאלאר. דאס רעשט האט געזאלט געבן די מענ־שעוויסטישע פארטיי.

די 30 טויזנט רובל האב איך באקומען אין ווינטער 1919—1920 אין נייאינקע „ראמאנאוועסקע" רובלס (צארישע געלט), ווייל די צארישע פאפירלעך האבן אין אויסלאנד (און אין רוסלאנד!) געהאט דעם גרעסטן ווערט. גראד אין יענער צייט איז אין מאסקווע געווען א דעלעגאציע פון דער לעטישער רעגירונג און אין דער דעלעגאציע איז געווען אלס מיטגליד אונדזערער אן אלטער לעטישער חבר. האב איך אים איבער־געגעבן דאס געלט, ער זאל דאס גלייך אויסבייטן אין לעטלאנד אויף אמעריקאנער דאלארס אדער ענגלישע פונטן און עס האלטן ביי זיך, ביז אונדזער דעלעגאציע וועט קומען אין אויסלאנד. דער חבר האט דאס געלט מיטגענומען, אבער אויסגעביטן האט ער זיי ניט. ווען מיר זיינען געקומען קיין אויסלאנד מיט א יאר שפעטער, האבן מיר פאר די „ראָ־מאנאוועסקע" רובלס באקומען ארום . . . 30 דאלאר. דאס איז געווען דער גאנצער „קאפיטאל", מיט וועלכן מארטאוו און איך האבן אנגע־הויבן אונדזער טעטיקייט אלס „אויסלענדישע דעלעגאציע פון דער רוס־לענדער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי" אין נאוועמבער 1920, אין בערלין.

3
מאַרטאָוו און איך באַקומען אויסלענדישע פּעסער

אָבער איידער מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע, האָבן נאָך פּאַסירט פאַרשיידענע זאַכן.

די חברים פון אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט האָבן ניט אַזוי פּעסימיסטיש געקוקט אויף דער צוקונפטיקער אַנטוויקלונג פון באָלשעוויזם, ווי איך. זיי האָבן געהאָפט, אַז דער באָלשעוויסטישער רעזשים וועט סוף כל סוף דאָך דעמאָקראַטיזירן זיך אונטער דעם דרוק פון לעבן. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן זיי אויך פאַרשטאַנען די גאַנצע וויכטיקייט פון אינטערנאַציאָנאַלער ווידער־אויפלעבונג פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז אונדזער שטים וועט האָבן אַ ווירקונג אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע. אַ סימן, אַז די דייטשע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן האָבן אונדז ספּעציעל איינגעלאַדן צו זייער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אָקטאָבער, 1920, אין דער שטאָט האַלע.

אונדזער מענשעוויסטישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָנגענומען דעם באַשלוס צו שיקן אַ דעלעגאַציע צו יענעם צוזאַמענפאָר און צו באַפולמעכטיקן די דעלעגאַציע אָנצונעמען אַלע נייטיקע שריט אויף צו שאַפן אַ נייע אינערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון אַלע לינקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אין דער דעלעגאַציע זיינען אויסגעקליבן געוואָרן מאַרטאָוו און איך.

אָבער אַרויספאָרן פון רוסלאַנד אָן אַ דערלויבעניש פון דער סאָוועט־רעגירונג האָט מען דאָך ניט געקאָנט, האָט אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט דערלאַנגט אָן אָפיציעלן פּאַפּיר צו דער רעגירונג, פאַרלאַנגענדיק אויסלענדישע פּעסער פאַר מאַרטאָוון און מיר, כדי מיר זאָלן קאָנען פאָרן קיין אויסלאַנד אַלס דעלעגאַטן פון אונדזער פּאַרטיי.

קאָפּיעס פון דער דערקלערונג האָבן מיר אַרויסגעשיקט צו אַלע אויסלענדישע דעלעגאַטן, וואָס זיינען יעמאָלט געווען אין מאָסקווע און האָבן געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אונדזער צוועק איז דערביי געווען אַ קלאָרער: מיר זיינען געווען כמעט ווי זיכער, אַז מען וועט אונדז מיט גוטן קיין אויסלענדישע פּעסער ניט געבן. אָבער די באָלשעוויקעס האָבן זיך יעמאָלט נאָך געשעמט אָפן צוצוגעבן זייער טעראָר און אונטערדריקונג פון פרייהייט. יענער ציניזם פון אָפענער דיקטאַטור, וואָס באַרימט זיך מיט טעראָר און אומפרייהייט, איז אויפגעקומען אין די באָלשעוויסטישע רייען ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן; יעמאָלט, אין 1920, איז ער נאָך ניט געווען אָנגענומען אין מאָסקווע. די באָלשעוויקעס האָבן זיך געסטאַרעט צו באַווייזן דער וועלט, אַז דווקא ביי זיי הערשט פרייהייט, אמתע און פול-

שטענדיקע פרייהייט. ניט געבן אַן אויסלענדישן פּאַספּאָרט צו אַזאַ מענטשן ווי מאַרטאָוו, וואָלט הייסן צוגעבן פאַר דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט, אַז די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור אונטערדריקט ניט נאָר די בורזשואַזיע, נאָר אַפילו וועלט-באַרימטע לינקע סאָציאַליסטן.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער האָט די באָלשעוויסטישע רעגירונג זיך ניט געשעמט צו טאָן נאָך טויזנט מאָל ערגערע זאַכן. אָבער אין 1920 איז דאָס נאָך געווען פּסיכאָלאָגיש אוממעגלעך. אַחוץ דעם, איז אפשר געווען נאָך אַ מאָטיוו, וואָס האָט געווירקט אויף דער רעגירונג אין יענעם מאָמענט: וועגן דעם דערציילט אין זיינע דערינערונגען וועגן לענינען ל ו נ אַ ט ש אַ ר ס ק י, וועלכער איז געווען דער באָלשעוויסטישער פאָלקס-קאָמיסאַר פאַר בילדונג. ער באַשרייבט יענע זיצונג פון באָלשעוויסטישן צענטראַל-קאָמיטעט, אין וועלכער עס איז פאַרהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אונדזערע פּאַספּאָרטן. אַ טייל מיטגלידער פון דעם באָלשעוויסטישן צענטראַל-קאָמיטעט זיינען געווען קעגן דעם, אַז מען זאָל אונדז געבען די פּאַספּאָרטן. זיי האָבן געטענהט, אַז מאַרטאָוו וועט אָנמאַכן אַ סך צרות אין אויסלאַנד אַ דאַנק זיין גרויסן מאָראַלישן איינפלוס אויף די אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן. צו־וואָס דאַרף מען לאָזן מאַרטאָוון פאָרן קיין אויסלאַנד, וואו ער קאָן זיין שעדלעך פאַר די פּלענער פון די באָלשעוויקעם? זאָל ער בעסער בלייבן אין רוסלאַנד, וואו מען וועט צו יעדער צייט אים קאָנען מאַכן אומשעדלעך.

אָבער, — דערציילט לונאַטשאַרסקי, — דער „אַלטער" (לענינען האָבן זיינע פריינט שטענדיק גערופן: „איליטש" אָדער „סטאַריק" — דער אַלטער), האָט ניט געוואָלט הערן דערפון און האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל די פּאַספּאָרטן אַרויסגעבן. אַפילו ווען טראָצקי איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פאָרשלאַג, — און טראָצקי האָט יעמאָלט געהאַט אַ געוואַלטיקן איינפלוס, — איז לענין פאָרט געבליבן ביי דאָס זייניקע. יעמאָלט, — שרייבט לונאַטשאַרסקי, — האָבן מיר פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דאָ גייט: לענין האָט פּערזענלעך געוואָלט ראַטעווען זיין אַלטן פריינט מאַרטאָוון. ער האָט געוואוסט, אַז אויב מאַרטאָוו וועט בלייבן אין רוסלאַנד, וועט ער אים סוף־כל־סוף מוזן אַרעסטירן אָדער אפשר נאָך ערגער . . . האָט ער געוואָלט געבן אים די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד.

איך ווייס ניט, צי דאָס איז טאַקע אמת, אָדער צי דאָס איז געווען אַ השערה פון לונאַטשאַרסקין, וועלכער איז, לויט זיין נאַטור, געווען אַ סענטימענטאַלער מענטש. אַז לענין האָט פּערזענלעך ליב געהאַט און הויך געשעצט מאַרטאָוון, איז אַ פאַקט, אָבער ביי לענינען האָבן געווייינטלעך פּערזענלעכע סענטימענטן געשפּילט אַ קנאַפּע ראָלע אין זיינע פּאָליטישע שריט. עס קאָן זיין, אַז ביידע מאָטיוון האָבן דאַן געווירקט: אי די מורא פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן סקאַנדאַל, וואָס וואָלט אויסגעבראָכן אויב מען דערלויבט ניט מאַרטאָוון צו פאָרן קיין אויסלאַנד, אי יענער מאָטיוו, וועגן וועלכן עס שרייבט לונאַטשאַרסקי. יעדנ-

פּאַלם זיינען מיר אין אונדזער צענטראַל־קאָמיטעט געווען ניט ווייניק איבערראַשט, ווען מיר האָבן באַקומען אַן אָפיציעלע מעלדונג פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער וו. ק. פּ. (אַלרוסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי), אַז מאַרטאָוו און איך קאָנען באַקומען אויסלענדישע פּאַספּאָרטן. עס איז געווען קלאָר, אַז די פראַגע איז געגאַנגען, אייגנטלעך, וועגן מאַרטאָוון. וואָרים אויב מען גיט אַ פּאַספּאָרט מאַרטאָוון, איז שוין אוממעגלעך געווען ניט צו געבן מיר.

דאָס איז געווען, אויב איך האָב ניט קיין טעות, סוף אויגוסט אָדער אָנהייב סעפּטעמבער. האָבן מיר גלייך דערלאַנגט אַן אָפיציעלע בקשה אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט, און דאָס האָט געהייסן — אין דער „טשעקאַ": וואָרים ווען מיר האָבן טעלעפאָנירט אין אויסלענדישן קאָמיסאַריאַט וועגן די פּאַספּאָרטן, האָט מען אונדז אָוועקגעשיקט אין דער „טשעקאַ". איך האָב עטלעכע מאָל גערעדט טעלעפאָניש מיט יאַגאָדאַן, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער „באַרימטער" יאַגאָדאַ. דאַן איז ער נאָך געווען אַ באַשיידענער מיטאַרבעטער ביי דעם גרויסן דזשערזשינסקין.

עס האָט גענומען עטלעכע וואָכן, ביז מיר האָבן באַקומען די פּאַספּאָרטן און ביז מיר האָבן בייגעקומען אַלע פאָרמאַליטעטן און שוועריקייטן. באַזונדערס פיל שוועריקייטן זיינען געווען ביי מיר. וואָרים איך האָב באַשלאָסן מיטצונעמען מיט זיך מיין פרוי און די קינדער.

מאַרטאָוו איז ניט געווען פאַרהייראַט און האָט ניט געהאַט קיין פאַמיליע. ביי מיר איז אָבער די פראַגע געשטאַנען אַנדערש: וואָס וועט זיין אין אויסלאַנד, האָב איך ניט געוואוסט, און וואָס עס וועט פאָרקומען אין רוסלאַנד פאַר דער צייט פון מיין רייזע איז אויך ניט געווען קלאָר.

נאָכמער: יאַגאָדאַ, דער באַאַמטער פון דער „טשעקאַ", וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט די אויסלענדישע פּאַספּאָרטן, איז געווען אַן אַלטער באָלשעוויק און אַ פּערזענלעכער פריינט פון מיין שוואָגער „אַרטיאָם" גערטיק, וועלכער איז אויך געווען איינער פון דער „אַלטער באָלשעוויסטישער גוואַרדיע". אָט דער שוואָגער איז צו מיר איין מאָל געקומען אין יענע וואָכן און האָט מיט מיר אָנגעהויבן צו ריידן וועגן מיין רייזע קיין אויסלאַנד. „עס איז גוט, וואָס דו פאָרסט־אָפּ", — האָט ער מיר געזאָגט, — „ווייל אויב ניט, וועסטו באַלד ווידער אַריינפאַלן אין טורמע און דאָס מאָל שוין אויף לאַנג. אָבער געדענק, אַז ווען דו פאָרסט אַוועק, איז דאָס אויך אויף לאַנג. באַלד וועט מען זיך נעמען צו אייער פּאַרטיי און צוריק וועט מען אייך שוין קיין רוסלאַנד ניט אַריינלאָזן".

ווי איך האָב פאַרשטאַנען, האָט אַרטיאָם די דאָזיקע אינפאָרמאַציע געהאַט פון יאַגאָדאַן. הייסט דאָס, אַז זי איז געווען ריכטיק; ריכטיק אין דעם זין, אַז דאָס זיינען די פּלענער פון די באָלשעוויקעס. אָבער צי זיינען די באָלשעוויסטישע פּלענער גופא ריכטיקע? ווער קאָן זאָגן,

וואָס עס וועט זיין מיט די באָלשעוויקעס אַליין אין די נאָענטסטע חדשים? דאָס לאַנד גייט מיט גיכע שריט צו אַ שאַרפן קריזיס, אפשר צו אַ קאַטאַסטראָפע. ווער קאָן פאָראויסזאָגן די צוקונפט? אַלזאָ, פאַר די סטראַשונקעס פון יאַגאָדאַן האָב איך זיך ניט געשראָקן, אָבער עס איז געווען אַן ערגערע זאַך: איך וועל אין אויסלאַנד מוזן שאַרף אַרויס-טרעטן קעגן די באָלשעוויקעס. צי וועלן זיי מיין פאַמיליע ניט נעמען אַלס לעבעדיקע משכנות? זיי האָבן דאָך אַזוינס שוין געמאַכט מיט די ווידערשפעניקע אַפּיצערן, און איך אַליין האָב וועגן דעם אָנגעשריבן אַ שאַרפן אַרטיקל אין אונדזער כאַרקאָווער צייטונג. וואָס וועט זיין, ווען זיי וועלן די זעלביקע סיסטעם אויך אָנווענדן בנוגע צו מיר?

נאָך דעם ווי איך האָב גוט דורכגעטראַכט די לאַגע, האָב איך באַ-שלאָסן ניט צו פאָרן אַליין, הגם אין יענעם מאָמענט בין איך געווען זיכער, אַז איך פאָר בלויז אויף עטלעכע מאָנאַטן, העכסטנס. אָבער אפילו אין אַט דער קורצער צייט פון עטלעכע מאָנאַטן האָב איך ניט געוואָלט ריזיקירן מיט דעם, אַז איך זאָל זיין געבונדן אין מיין פּאָליטי-שער טעטיקייט דורך דער מורא פאַר מיין פרוי און קינדער.

האָב איך פאַרלאַנגט אַ פּאַספּאָרט פאַר מיין פאַמיליע, און דאָס האָט מיך פאַרהאַלטן פאַר אַן איבעריקע פאַר וואָכן.

און אין יענע פאַר וואָכן זיינען פאָרגעקומען צוויי געשעענישן, וואָס האָבן געקאָנט ענדערן אַלע מיינע פּלענער. ערשטנס, איז צו מיר אין איין פינצטערער נאַכט געקומען די „טשעקאַ" און האָט מיך אַרעסטירט.

לויט דעם אופן, ווי מען האָט ביי מיר געזוכט און ווי מען האָט מיך באַהאַנדלט, האָב איך גלייך געזען, אַז דאָס מיינט מען ניט מיך, אַלס מענשעוויק און דעלעגאַט קיין אויסלאַנד. דאָס איז געווען, קאָנטיק, אַן אַלגעמיינע „אַבלאַווע" אין אונדזער קוואַרטאַל: מען האָט גענומען אַלע „פאַרדעכטיקע". און אין מיין קוואַרטאַל בין איך געווען באַוואוסט ווי אַ מענשעוויק, אַ געוועזענער דעפּוטאַט פון סאָוועט, און אַזוי ווייטער.

טאַקע אין דער אמתן, אָנשטאָט אַוועקצופירן מיך מיטן „שוואַרצן ראָב" אויף לוביאַנקע, האָט מען מיך אַוועקגעפירט צו-פוס אין דער לאָקאַלער טשעקאַ פון קוואַרטאַל, און אַהין האָט מען יעדע מינוט גע-בראַכט נייע גרופּעס אַרעסטירטע, דאָס רוב מענטשן, וואָס זיינען אין גאַנצן ניט געווען קיין פּאָליטישע. דערנאָך האָט מען די גאַנצע כאַ-ליאַסטרע אַוועקגעפירט אויף דער לוביאַנקע. דאָרטן, ביים „סאָרטירן" די אַרעסטירטע, האָט מיר אַ העכערער באַאַמטער פון דער טשעקאַ דער-קלערט, אַז דאָס איז געווען אַ טעות און אַז מיך האָט מען אומזיסט אַרעסטירט. נאָך אין דער זעלבער נאַכט בין איך געקומען צוריק אַהיים צו מיין פרוי, וועלכע האָט שוין געהאַט אויפגעגעבן יעדע האָפענונג אי אויף צו זען מיך אויף דער פרייהייט, אי וועגן פאָרן קיין אויסלאַנד.

אַ צווייטע געשעעניש אין די לעצטע טעג פאַר מיין אָפּפאָרן איז געווען דאָס פּלוצלונגדיקע אָנקומען פון מיין אַלטן בונדישן חבר און פּערזענלעכן פריינט, משה אַ ל ג י ן.

4
אַלגין אין מאָסקווע

אַלגין האָט פאַרלאָזן ווין נאָך פאַר דער מלחמה,, אין יוני 1914. אין דער צייט פון קריג איז ער אַרויסגעפאָרן קיין ניו יאָרק, און איז דאָרטן געוואָרן „מאָיסעי" אַלגין, אַ שרייבער און מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס" און טיילווייז אויך אין דער ענגלישער פרעסע.

איך האָב פון אים ניט געהאַט געהערט די גאַנצע יאָרן פון דער רעוואָלוציע און האָב וועגן אים גאָר ניט געטראַכט אין דעם מאָמענט, ווען מיין טיר אויפן אַרבאַט 51, אין מאָסקווע, האָט זיך געעפנט, און ס'האָט זיך אַריינגעלאָזן מיט זיין געוויינטלעכן געשריי און געפילדער, משה אַלגין, אָדער „אַלעטשקאַ", ווי מען האָט אים אין מיין הויז גערופן.

גרויס איז געווען די איבעררעשונג און די שמחה אין מיין הויז, און אויך אַלגין איז געווען זייער גליקלעך, וואָס ער זעט אונדז אַלעמען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שמועסן און געשפּרעכן אָן אַ סוף. עטלעכע אָוונטן איז אַלגין אָפּגעזעסן אין מיינע קליינע צימערלעך, אויסהערנדיק מיין אינפאָרמאַציע און מיינע דערקלערונגען וועגן דער רעוואָלוציע, וועגן אונדזערע באַציאונגען צו די באָלשעוויקעס, וועגן אונדזערע טעאָרעטישע און פּאָליטישע קאַמפן, און וועגן מיינע פּערזענלעכע ענינים און פּלענער.

אָבער זיין אינפאָרמאַציע וועגן רוסלאַנד האָט אַלגין באַקומען ניט נאָר פון מיר. דורך מאַקס ליפּעץ (ד"ר גאָלדפאַרב), וועלכער איז גראָד יעמאָלט אַריבערגעגאַנגען צום קאָמוניזם, האָט אַלגין געהאַט אַ אַנדערע איינדרוקן, אַ אַנדערע באַקאַנטשאַפטן און באַגעגענישן. שוין בשעת אונדזערע געשפּרעכן אין מיין דירה, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַלגין איז ניט מיט אונדז, די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. אָבער ער האָט מיט מיר ניט דיסקוטירט. ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט דערגיין ביי מיר, וואָס מיר דענקען און ווילן. איך האָב ניט געהאַט קיין סודות, און האָב אים גאַנץ אָפן און קלאָר געשילדערט אונדזער פּאָליטישע פּאָזיציע, אונדזער פּראָגראַם, אונדזער קוק אויף דער רוסישער רעוואָלוציע און אויפן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אָבער אויב איך האָב געפילט, אַז אַלגינס פּאָליטישע סימפּאַטיעס זיינען ניט מיט אונדז, איז פאַר מיר דאָך געווען קלאָר, אַז זיינע פּערזענלעכע סימפּאַטיעס און פריינטשאַפט צו מיר און צו מיין פאַמיליע זיינען געבליבן די אַלטע. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט און מיט יעדערן פון אונדז. און ווען ער האָט זיך דערוואוסט וועגן מיין פּלאַן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד, איז ער געוואָרן

פלאַם און פייער. מיר מוזן טאַקע פאָרן, וואָרים מײַן פרוי איז קראַנק און זעט אויס אַזוי שלעכט, און די קינדער זײַנען שוואַכע, און אַז. וו.

אַזוי ווי אַלגין איז געווען מײַנער אַן אַלטער און אינטימער פרײַנט, און דערצו נאָך אַ בונדיסט, האָב איך אים דערציילט אויך וועגן מײַנע מאַטעריעלע ענינים: וועגן די „ראָמאַנאָווסקע״ געלט, וואָס וואַרט אויף אונדז אין ריגע, און וועגן דער פּערזענלעכער שווערוקייט, אין וועלכער איך האָב זיך יעמאָלט געפונען. מיר זײַנען געווען נאַקעטע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, און קיין שום אויסזיכטן אויף פאַרדינסט האָבן מיר דאָך אין אויסלאַנד ניט געהאַט, און דער גאַנצער פּאַרטיי־קאַפּיטאַל פאַר דער דעלעגאַציע זײַנען די 500 דאָלאַר, וואָס מיר האָפן צו באַקומען אין ריגע פאַר די „ראָמאַנאָווער״ רובלס.

אַלגין האָט זיך באַנומען ווי אַ פרײַנט און אַ דזשענטלמען: ער האָט מיך ממש געצוואונגען צו נעמען בײַ אים צוויי הונדערט דאָלאַר, וואָס ער ההאָט געהאַט מיט זיך, און האָט מיר געגעבן בריוו צו זײַנע פאַרשיי־דענע אַמעריקאַנער פרײַנט, זיי זאָלן מיר גלײַך אַרויסשיקן געלט אויף זײַן חשבון. די בריוו האָב איך ניט באַנוצט, אָבער די צוויי הונדערט דאָלאַר, וואָס אַלגין האָט מיר געגעבן, זײַנען געווען דער איינציקער קאַ־פּיטאַל, מיט וועלכן איך האָב סוף אָקטאָבער, 1920, זיך אַוועקגעלאָזן אין ווײַטן וועג אַרײַן. און דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן בכלל מײַן גאַנ־צער קאַפּיטאַל, ווײַל פון די ריגער געלט האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם: צוליב דער אינפלאַציע פון די „ראָמאַנאָווסקע״ רובלס האָב איך באַקומען פון ריגע אין גאַנצן דרײַסיק דאָלאַר.

ווי ווייניק דזשענטלמעניש דער זעלביקער אַלגין איז אָבער געוואָרן אין דעצעמבער, 1924, ווען ער איז שוין געווען אַ פּאַרטיי־קאָמוניסט, און איך בין געקומען קיין אַמעריקע אויף אַ לעקטשור־טור. דער זעלביקער אַלגין האָט מיך עפנטלעך אין דער „פרײַהייט״ און אין „דעילי וואָרקער״ באַשולדיקט אין דעם, אַז איך בין אַנטלאָפן פון רוסלאַנד, אַז איך האָב „אויסגענאַרט״ בײַ דער סאָוועט־רעגירונג אַ פּאַספּאָרט און אַז איך האָב „געגנבעט״ רעגירונגס־געלטער!

ניט געקוקט אויף דעם, בלײַבט אַ פאַקט, אַז אַלגין האָט געהאַנדלט ווי אַן אמתער פרײַנט יעמאָלט אין מאָסקווע, און אַ דאַנק אים האָב איך בכלל באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן מײַן פּלאַן וועגן אָפּ־פאָרן קיין אויסלאַנד.

סוף אָקטאָבער 1920 איז ענדלעך געקומען דער מאָמענט, ווען אַלע צוגרייטונגען צו דער רייזע זײַנען שוין געווען פאַרטיק. פאַרטיק געווען דער פּאַס, און אויפן פּאַס זײַנען געווען אַלע נייטיקע וויזעס: די דײַטשע און די עסטאָנישע טראַנזיט־וויזע.

דער פּאַס איז געווען אַ סאָוועטישער, מיט אַ פאָטאָגראַפיע און אַלע פּיטשעווקעס. די דײַטשע וויזע האָב איך באַקומען פון דײַטשן פאַר־טרעטער אין מאָסקווע, און דאָס איז אין יענעם מאָמענט געווען גראָד אַ דײַטשער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסט פון די לינקע. ער האָט מיך פער־

זענלעך געקאָנט און איז געווען צופרידן צו געבן אונדז אַלע נייטיקע הילף. דאָרטן, וואו עס איז געשטאַנען די דייטשע וויזע, איז געווען אָנגעשריבן: „צוועק פון דער רייזע — אין אויפטראַג פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי". און אונטער דעם דייטשן וויזע-שטעמפּל איז געשטאַנען דער וויזע-שטעמפּל פון דעם עסטאָנישן קאָנסול אין מאָסקווע און אונטער די ביידע שטעמפּלען איז געשטאַנען די „אַרויספאָר-דערלויבעניש" פון דער טשעקאַ: אַ פּאַס איז ניט געווען גענוג. אויפן סאָוועטישן פּאַס האָט געמוזט שטיין די אַרויספאָר-וויזע פון דער סאָוועטישער פּאָליציי.

אָבער מיט אַ פּאַס אַליין קאָן מען ניט פאָרן: מען דאַרף האָבן געלט און דערנאָך אויך רייזע-קליידער. אי מיין פאַמיליע, אי איך אַליין זיינען געוואָרן כמעט נאַקעט און באָרוועס אין די יאָרן פון הונגער אין מאָסקווע. מיין פרוים פוטערנעם מאַנטל האָבן מיר שוין לאַנג געהאַט אויסגעביטן אויף דער סוכאַרעווקע אויף אַ פּוד מעל. מיין זייגער (אַ גאָלדענער, אַ געשאַנק פון מיין פאָטער) האָב איך געהאַט פאַרזעצט און קיין מאָל ניט געקאָנט אויסקויפן. קיין אַנשטענדיקן אַנצוג האָב איך ניט געהאַט: אין מאָסקווע אויף ארומצושלעפּן די שליטעלעך מיט דעם „פּאַיאָק" (עסנוואַרג-פּאַרציע) און אויף צו האַקן האָלץ האָט געטויגט מיין אַלטער רעקל און די צעקנייטשטע פאַרלאַטעטע הויזן. קיין גאַנצע שיך האָב איך ניט געהאַט. קומען אין אַזוינע בגדים אין אויסלאַנד איז געווען אוממעגלעך.

האָב איך געקראָגן אַ געטראָגענעם אַנצוג ביי אַ פריינט. אָבער קיין שיך האָב איך בשום אופן ניט געקאָנט באַקומען אויף אַ פּריוואַטן אופן. האָב איך זיך געווענדט צו דער אָפּיציעלער רעגירונגס-שטעלע, וואָס האָט צו טאָן מיט שיך. דער פאַרוואַלטער פון דער שטעלע איז גראָד געווען אַ מענשעוויק, און ער האָט זיך מיט פלאַם און פייער גענומען פאַר דער שווערער אויפגאַבע צו געפינען פאַר מיר אַ פּאָר פּאַסיקע שיך, כדי איך זאָל קאָנען קומען קיין אויסלאַנד ווי אַן אַנשטענדיק-אָנגעטאָנענער מענטש. עס איז אָבער ניט געווען לייכט צו געפינען דאָס, וואָס איך האָב געזוכט. דער גאַנצער „רעזערוו" פון לייכטע, ניט-מיליטערישע שיך איז יעמאָלט, אין דעם מאָסקווער מלוכה-סקלאַד באַשטאַנען, פון אומגעפער אַ צענדליק פּאָר. און אַלע זיינען געווען אָדער צו גרויס אָדער צו קליין. ענדלעך, נאָך לאַנגע זוכענישן, האָבן מיר מיט פאַראייניקטע כוחות געפונען אַ פּאָר, וואָס איך האָב געקאָנט אָנטאָן, און מיט טריאומף בין איך אַוועק אַהיים, טראָגנדיק אויף מיינע פיס אַן ערך 10 פּראָצענט פון דעם גאַנצן מאָסקווער שיך-רעזערוו! מיינע צוגרייטונגען צו דער ווייטער רייזע זיינען געווען פאַרטיק.

מיר זיינען אַלע געווען אַזוי פעסט איבערצייגט, אַז רוסלאַנד שטייט ערב גרויסע ענדערונגען, אַז קיינער פון אונדז האָט ניט געצווייפעלט, אַז אונדזער רייזע קיין אויסלאַנד איז נאָר אַ קורצע. דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן ניט מיטצונעמען פיל זאַכן. קליידער האָבן מיר האָ

ווי סאַי ניט געהאַט, אָבער ביכער, מאַנוסקריפּטן, וועש און אַזוי ווייטער האָב איך יאָ געהאַט, פונדעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן דאָס אַלץ ניט מיטצונעמען, עס זאָל זיין לייכטער און בילקער צו פאָרן אַהין און . . . צוריק.

אונדזערע האָפענונגען און אויסרעכענונגען קאָנען זיך אויסדוכטן איצט, מיט העכער 23 יאָר שפּעטער, זייער נאַאיוו. אין דער אמתן זיינען מיר אויף 50 פּראָצענט געווען אין גאַנצן גערעכט. ניט שפּעטער ווי מיט פיר חדשים נאָך אונדזער אָפּפאָרן זיינען טאַקע אין רוסלאַנד פאָרגע־קומען ענדערונגען — און די פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט זיך גרינט־לעך געביטן. און זי האָט זיך געביטן פּונקט אין דער ריכטונג, ווי מיר האָבן דאָס פאָראויסגעזען: דער אויפשטאַנד פון די קראָנשטאַטער מאַט־ראָסן האָט פאַרניכטעט דעם „מיליטערישן קאָמוניזם" און טראָצקיס „אַרבעטס־אַרמייען", און די סאָוועט־רעגירונג האָט אָנגענומען דעם „נעפּ", די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, די פּאָליטיק פון הנחות צום פויע־רים־קלאַס, וואָס אונדזער פּאַרטיי האָט אַזוי לאַנג געפאָדערט. אָבער אָננעמענדיק די פּראָגראַם פון אונדזער פּאַרטיי, האָט לענין אין זיין באַ־רימטער רעדע וועגן דער איינפירונג פון „נעפּ" (אין מערץ 1921) דער־קלערט: „אָבער די מענשעוויקעס און די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן וועלן מיר האַלטן אין די טורמעס" . . .

אָט דעם צוזאָג האָט לענין און דערנאָך סטאַלין הייליק דורכגעפירט. מיר האָבן, הייסט דאָס, גאַנץ ריכטיק פאָראויסגעזען, אַז די גאַנצע פּאָ־ליטיק פון לענינס דיקטאַטור וועט זיך ענדערן, אָבער מיר האָבן ניט פאָר־אויסגעזען די צווייטע העלפט פון דער ענדערונג. און אָט די צווייטע העלפט — די פאַרשאַרפונג פון טעראָר קעגן סאָציאַליסטן — האָט גע־בראַכט דערצו, אַז אונדזער צוריק־קומען קיין רוסלאַנד האָט זיך פאַר־צויגן אַ קאָפּעטשקע לענגער, ווי מיר האָבן געהאָפט.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך דערמאָנט, אַז ביי מיר פערזענ־לעך זיינען שוין יעמאָלט געווען היפש־פּעסימיסטישע געדאַנקען וועגן דער אַנטוויקלונג פון באָלשעוויסטישן טעראָר. אָבער עס פאַרשטייט זיך, אַז אַפילו איך בין אין מיין שוואַרצסטן פּעסימיזם ניט געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי עס איז געקומען אין דערווירקלעכקייט.

5

גוד־באַי, מאָסקווע!

ענדלעך איז אַלץ געווען פאַרטיק. מען האָט געבראַכט אויף אונדזער הויף צוויי איזוואָשציקעס, וואָס קריגן דאָס איז שוין אויך געוואָרן יע־מאָלט אין מאָסקווע ניט קיין לייכטע פּראָבלעם. „איינער" פון די איז־וואָשציקעס איז געווען אַן אַלטע פרוי. איך ווייס ניט, ווער עס איז געווען עלטער: די פרוי, איר פערדל אָדער דער וואָגן, וואָס איז פון אַלע זייטן

געווען פאַרבונדן מיט שטריקלעך. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, מיט גרויס פאַר־זיכט, זיינען מיר דערקראָכן ביזן וואַקזאַל, און ענדלעך זיינען מיר גע־זעסן אין אַ וואַגאָן מיט אַלע אונדזערע פּעקלעך און זעקלעך.

פון מאָסקווע האָט אונדזער וועג געפירט קיין פּעטערבורג. דאָרטן האָבן געוואוינט מיינע עלטערן, און ביי זיי האָבן מיר איבערגענעכטיקט. אויפן צווייטן טאָג האָבן די אַלטע אונדז אַריינגעזעצט אין צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין רעוועל (טאַלין), אין דער פרייער מלוכה עסטאָניע. דעם פאָטער האָב איך פון יעמאָלט אָן שוין מער ניט געזען. די מוטער איז נאָכן טויט פון פאָטער אַריבערגעפאָרן צו אונדז אין אויסלאַנד און איז שפּעטער געשטאָרבן אין פּאַריז אין 1928.

רעוועל, אַ קליינע אָבער זייער שיינע אַלטע שטאָט, האָט געמאַכט אויף אונדז, נאָך דער הונגעריקער, אָפּגעריסענער מאָסקווע, אַן אויפ־טרייסלענדיקן איינדרוק. מיר האָבן שוין אין משך פון דריי יאָר ניט געזען אַזוי פיל עסנוואַרג און פאַרשיידענע סחורות, ווי אין דער קליינער רעוועל, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַמאָל אַ קליינע רוסישע פּראָווינץ־שטאָט. די שטאָט איז געווען פול מיט רוסישע עמיגראַנטן, און האָט געקוואָלן פון דעם שטאָלץ איבער דער שפּאָגל־נייער עסטאָנישער מלוכה.

צוליב די שוועריקייטן מיט דעם פּאַס פאַר מיין פאַמיליע, האָב איך פאַרשפּעטיקט צו דער שיף, וואָס האָט מיך געזאָלט ברענגען אין צייט צו דעם צוזאַמענפאָר פון די דייטשע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן אין האַלע. מאַרטאָוון האָב איך שוין דעריבער אין רעוועל ניט געטראָפן: ער איז שוין געווען אין האַלע, און האָט דאָרטן געמאַכט זיין היסטאָרישע אַרויסטרעטונג קעגן זינאָוויעוון.

ערשט מיט צען טעג שפּעטער האָב איך ענדלעך געפונען פּלאַץ אויף אַ קליינער דייטשער שיף, וואָס האָט אונדז געזאָלט ברענגען קיין שטעטין, דייטשלאַנד. ס'איז געווען ניט אַ שיף, נאָר אַ שיפל, אין גאַנצן פון אַ פּאָר הונדערט טאָן. די רייזע האָט גענומען איבער פיר טעג, אַנשטאָט אַנדערטהאַלבן. געפאָרן זיינען מיר זייער לאַנגזאַם, ניט נאָר ווייל דאָס שיפל איז געווען קליין, נאָר ווייל די וואַסערן פון באַלטישן ים זיינען גע־ווען פול מיט אָפּגעריסענע שווימענדיקע מינעס, און מען האָט געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק. אין די פינצטערע נאָוועמבער־נעכט איז דאָס שיפל געשטאַנען, ווייל מען האָט מורא געהאַט אָנצושטויסן זיך אין דער פינצטער אויף אַ מינע.

דער ים איז אין נאָוועמבער געווען אַ שטורעמדיקער און מיר אַלע, אַפילו די קינדער, האָבן שטאַרק געליטן פון ים־קראַנקהייט. אַחוץ דעם האָבן מיר אַלע שלעכט פאַרטראָגן דאָס צו־גוטע עסן. אַלץ איז געווען פאַר אונדז צו־פעט און צופיל: מיר האָבן זיך דאָך אָפּגעוואוינט פון עסן.

מיין טאָכטער, וואָס איז יעמאָלט געווען אַרום 4 יאָר אַלט, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עסן דאָס ווייסע ברויט, וואָס מיר האָבן באַקומען אין רע־וועל און אויף דער שיף. אַזאַ מין ווייס ברויט האָט זי נאָך קיין מאָל אין

איר לעבן ניט געהאַט געזען, און האָט פאַר דעם מורא געהאַט. זי האָט אויך אין רעוועל צום ערשטן מאָל געזען אַן אָרענדזש.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין שטעטין שטאַרק אויסגעמאַטערטע. אין דייטשלאַנד האָט מען אונדז אויפגענומען גאַנץ פריינטלעך. מיין וויזע „אין אויפטראַג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי" האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט די באַאַמטע אין שטעטינער האַפן. אָבער זיי האָבן מיר גאָרניט געזאָגט. ווי איך בין זיך משער, האָבן זיי טעלעפאָנירט קיין בערלין און דאָרטן האָט מען זיי געהייסן מיך אַריינלאָזן. מיט אונדז צוזאַמען איז געפאָרן פון מאָסקווע איינע אַ יונגע בונדיסטקע פון וואַרשע, העליע, אַ מיטגליד פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט".

איך האָב זי ניט געפרעגט וועגן אירע ביזנעס: זי איז געווען גאָר אַ יונג מיידל, האָט זיך געהאַלטן געוואַלטיק „קאָנספּיראַטיוו", אין פולן באַוואוסטזיין פון דער גרויסער פּאָליטישער וויכטיקייט פון איר מיסיע. אַחוץ דעם האָט זי מיך וואַרשיינלעך באַטראַכט אַלס אַ „רעכטן", און זי איז דאָך געווען אַ לינקע.

אָבער ווען מיר זיינען צוגעקומען נעענטער צום שטעטינער האַפן, איז זי עפּעס געוואָרן אומרואיק, און דאַן האָט זי מיר אָנפאַרטרויט דעם סוד, אַז זי האָט ניט קיין דייטשע וויזע. וואָס טוט מען? אפשר קאָן איך איר אַרויסהעלפן: איך פאַר דאָך עפּעס ווי אַן אָפיציעלער דעלע־גאַט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און דער פּאָליציי־פּרעזי־דענט פון שטעטין, ווי פון כמעט אַלע גרעסערע דייטשע שטעט יעמאָלט, איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. גוט, עס פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל זיך איינשטעלן פאַר אַ בונדיסטישע חברטע, אַפילו אַ לינקע (דעם אמת גערעדט, האָב איך פאַרדעכטיקט, אַז זי איז ניט נאָר לינק, נאָר אויך קאָ־מוניסטיש) אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז מיין הילף איז ניט געווען נייטיק: זי האָט אַליין אַזוי לאַנג איינגעטענהט מיט די באַאַמטע, אַז זיי האָבן זי דורכגעלאָזן.

זייענדיק פאַרנומען מיט די אַלע פּראַקטישע אָנגעלעגנהייטן, האָב איך ניט געהאַט קיין צייט אַרומצוקוקן זיך ניט אין דער שטאָט, ניט אין דעם גאַנצן אַרום פון דעם רעפּובליקאַנישן דייטשלאַנד. אָבער במילא, בערלין איז שוין ניט ווייט, און דאָרטן וועל איך אַלץ דערגיין.

די פאָרמאַליטעטן אין שטעטין האָבן אונדז פאַרהאַלטן אַ גאַנצן טאָג. און ווען דער צוג קיין בערלין איז אַרויסגעפאָרן פון שטעטין, איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. אַרום איינס אַ זייגער ביינאַכט זיינען מיר ענדלעך אָנגעקומען אין דער שטאָט, אין וועלכער איז האָב געזאָלט פאַר־ברענגען עטלעכע חדשים און פאַרבראַכט האָב איך כמעט 13 יאָר. וואָס נעענטער דער צוג איז געקומען צו בערלין, אַלץ אומגעדולדיקער בין איך געוואָרן, געשטאַנען ביים פענצטער און געזוכט צו דערקאָנען די געגנטן אַרום דער שיינער שטאָט.

אָבער וואָס נעענטער מיר זיינען צוגעקומען צו דער הויפּט־שטאָט פון רעפּובליקאַנישן דייטשלאַנד, אַלץ פינצטערער איז געוואָרן די געגנט. עס איז געווען דער 9־טער נאָוועמבער, דער יאָר־טאָג פון דער רעוואָלוציע, און צום צווייטן יאָר־טאָג פון דער רעוואָלוציע האָבן די אינערלעכע קאַמפן אין דייטשלאַנד געבראַכט צו אַן אַלגעמיינעם סטרייק פון אַלע אַרבעטער אין בערלין.

ס'איז געווען פינצטער אין די גאַסן, ווייל עס האָבן געסטרייקט די עלעקטריק־ און גאַז־אַרבעטער אין די שטאָטישע אונטערנעמונגען. עס זיינען ניט געגאַנגען קיין טראַמווייען און קיין באָסעס, ווייל עס האָבן געסטרייקט די טראַנספּאָרט־אַרבעטער. עס זיינען ניט געווען קיין טעקסיס, ווייל עס האָבן געסטרייקט די טעקסי־דראַיווערס. עס זיינען אויך ניט געווען קיין געפּעק־טרעגער.

אין דעם יובל־טאָג פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע בין איך אַריינגעקומען ניט אין אַ יום־טובדיקן, פריילעכן, טאַנצנדיקן בערלין, נאָר אין אַ פינצטערער, פאַרביטערטער סצענע פון בלוטיקע ברודער־קאַמפן. דאָס איז געווען סימבאָליש פאַר דעם יעמאָלטיקן דייטשלאַנד.

מיין אַלטער פּאַנעוועזשער חבר מאַרק בראַידאָ און זיין פרוי יעווא בראַידאָ, ביידע באַוואוסטע טוער פון דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי, האָבן אונדז באַגעגנט אויפן „שטעטינער באַנהויף" אין בערלין. זיי האָבן געהאַט פאַרלאָזן רוסלאַנד שוין מיט עטלעכע חדשים פאַר מיר און האָבן זיך באַזעצט אין בערלין.

אויף צומאָרגנס האָבן זיך אָנגעהויבן זיצונגען און צוזאַמענקונפטן. מאַרטאָוו און איך האָבן, לויט דעם אויפטראָג פון צענטראַל־קאָמיטעט, געבילדעט זאַלבעצווייט די „אויסלענדישע דעלעגאַציע" פון דער רוס־לענדער ס.־ד. פּאַרטיי און פון בונד, און אונדזער ערשטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג איז געווען אַ פייערלעכע ווענדונג צו אַלע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען פון דער וועלט, אַז זיי זאָלן פאַרלאַנגען פון זייערע רע־גירונגען, אַז מ'זאָל גלייך אָפּשטעלן יעדע אינטערווענץ אין רוסלאַנד און זאָל אָפיציעל אָנערקענען די סאָוועט־רעגירונג ווי די רעגירונג פון רוסלאַנד.

דער דאָזיקער אויפרוף, וואָס איז לאָגיש אַרויסגעדרונגען פון אונ־דזער גאַנצער פּאָזיציע אין בירגער־קריג האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט. ער האָט אָבער אַרויסגערופן אַ שטורעמדיקן פּראָטעסט מצד די „ווייסע" רוסישע עמיגראַנטן און זייערע צייטונגען. זיי האָבן דערקלערט, אַז מיר זיינען „פאַרשטעלטע באָלשעוויקעס", — הגם אין אונדזער דער־קלערונג האָבן מיר גאַנץ שאַרף אונטערגעשטראָכן אונדזער פּרינצי־פּיעלע אָפּאָזיציע צו דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור. און אין דער־זעלביקער צייט האָט די דייטשע און די גאַנצע אייראָפּעאישע קאָמו־

ניסטישע פרעסע דערקלערט אונדז פאַר „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן" און „פיינד פון רוסלאַנד". און אָט אַזוי איז דאָס געבליבן די גאַנצע יאָרן וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין אויסלאַנד: פאַר די „ווייסע" זיינען מיר געווען „האַלבע באָלשעוויקעס", פאַר די קאָמוניסטן — „אַגענטן פון דער בורזשואַזיע".

אין אייניקע טעג נאָך מיין אָנקומען קיין בערלין האָט די בערלינער אָרגאַניזאַציע פון דער דייטשער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איינגעאָרדנט פאַר מאַרטאָוו און מיר אַ מאַסן־קבלת־פּנים, אויף וועלכן עס זיינען געווען איבער פינף טויזנט דייטשע אַרבעטער, לינקע סאָציאַליסטן.

מאַרטאָוו האָט גערעדט נאָר קורץ, מחמת זיין האַלדז־קראַנקהייט (ער איז אין אַפּריל 1923 געשטאָרבן פון האַלדז־טובערקולאָז) און דעם הויפּט־רעפעראַט האָב איך געהאַלטן. העכער צוויי שעה צייט האָב איך דערציילט וועגן דער אמתער לאַגע אין רוסלאַנד און וועגן די פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דער עולם האָט זיך צוגעהערט מיט געוואַלטיקער און געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט: צום ערשטן מאָל האָבן זיי באַקומען אַ גענויעם און פּינקטלעכן באַריכט וועגן דער געהיימניספולער רוסישער רעוואָלוציע, וועגן וועלכער זיי האָבן אַזויפיל געהערט און אַזוי וויניק געוואוסט.

ווען איך בין אַרויס פון זאַל, האָט מיך אָפּגעשטעלט אַן אַלטער בונדיסט, וואָס האָט געלעבט אין בערלין נאָך פון דער צייט פאַר דער מלחמה. „חבר אַבראַמאָוויטש, איך קען אייך שוין לאַנג און וויים, אַז אַלץ וואָס איר דערציילט איז אמת, אָבער צו וואָס דאַרפן די דייטשע אַרבעטער וויסן דעם אמת? זיי זיינען ניט קיין רעוואָלוציאָנערן, די דייטשן, און ווען זיי וועלן דערגיין דעם אמת וועגן רוסלאַנד, וועלן זיי שוין אינגאַנצן אויפהערן צו זיין רעוואָלוציאָנער" . . .

אָט די פּראָבלעם וועגן דערציילן דעם אמת אָדער פאַרשווייגן די אמתע לאַגע אין רוסלאַנד צוליב רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע, איז געוואָרן אַ שטענדיקע מאָראַליש־פּאָליטישע פּראָבלעם פאַר אונדז אינם גאַנצן משך פון אונדזער עמיגראַציע. זי האָט אונדז פאַרפאָלגט אי דאַן ווען מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן (אין פעברואַר 1921) דעם זשורנאַל „סאָציאַליסטיטשעסקי וועסטניק", אי דאַן ווען מיר האָבן אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיט אַלע אויסלענדישע אַרבעטער־פּאַרטייען און האָבן זיי, אין ביכער, בראָשורן און אַרטיקלען, אינפאָרמירט איבער די פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אָבער דאָס אַלץ געהערט שוין צו אַן אַנדער פּעריאָד פון מיין לעבן, אַן אַנדער עפּאָכע ניט נאָר פאַר מיר פּערזענלעך.



ר. אַבראַמאָוויטש, זיין פרוי און זיין זון מאַרק אין 1929

אנשטאָט אַ שלום־וואָרט

איך האָב געשריבן וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע נאָך 25 יאָר, אין ליכט פון פּאָליטישע דערפאַרונגען, וואָס איך האָב דערוואָרבן אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, נאָך דעם זיג פון פאַשיזם און נאָך דער איינגאַרטיקער אַנטוויקלונג פון רוסישן באָלשעוויזם. איך האָב געשריבן די דעראינערונגען ניט מיט דעם צוועק צו באַגרינדן וועלכע ניט איז טעאָריעס אָדער צו באַרעכטיקן וועלכע ניט איז האַנדלונגען, מיינע אייגענע אָדער פון מיינע פּאַרטיי־פריינט. איך האָב זיך באַמיט צו באַשרייבן די געשעענישן אַזוי ווי איך געדענק זיי, צו שילדערן די מענטשן און די פאַקטן, אַזוי ווי איך האָב זיי געזען און פאַרשטאַנען אין מאָמענט, ווען די געשעענישן זיינען פאָרגעקומען. אָבער אַ צייט פון 25 יאָר מוז ענדערן דעם צוגאַנג און בייטן אפילו דעם אָנדענק וועגן די געשעענישן, צי דער שרייבער וויל דאָס, צי ניט. פיל איינדרוקן זיינען איצט אָפּגעשוואַכט געוואָרן און פיל זאַכן זעען אויס אַנדערש, און וויפיל מען זאָל זיך ניט באַמיען אָפּצופרישן די אַלטע עמאָציעס און איינדרוקן, וועלן זיי שטענדיק זיין אָפּגעפאַרבט אַ ביסל מיט אַן אַנדער קאָליר, ווי אין מאָמענט פון די געשעענישן.

עס איז גאָר אַ פרימיטיווער „מאַרקסיזם" צו דענקען, אַז אַלץ וואָס איז געשען האָט געמוזט זיין, און אַז די גאַנצע אַנטוויקלונג איז געווען אַ מוז־זאַך, אַן אויטאָמאַטישער פּראָצעס, וואָס מען האָט אים בשום אופן ניט געקאָנט אויסמיידן אָדער ענדערן. פאַרקערט: איך בין איבערצייגט, און איך האָב פּראָבירט ניט איין מאָל צו באַווייזן מיינע לייענער, אַז די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט געקאָנט אַוועקגיין אויף אַן אַנדער וועג, אויב די טוערס און די פירערס וואָלטן אין צייט אָנגענומען אַן אַנדער טאַקטיק. צוליב אַ גאַנצער ריי היסטאָרישע אורזאַכן, וואָס האָבן טיפע וואָרצלען, און צוליב אַ גאַנ־

צער ריי פערזענלעכע אורזאַכן, וואָס זיינען געווען אַ היסטאָרישער צופאַל, האָבן די פירערס אויף איין צד און אויף דעם צווייטן צד געמאַכט שווערע היסטאָרישע פעלערן און טאַקטישע טעותים. מיין אויפגאַבע אין די דעראינערונגען איז געווען אַנצואווייזן, ווי אַזוי איך האָב אין *יענעם מאָמענט* געזען די אַנטוויקלונג און אין וואָס עס איז, לויט מיין מיינונג, באַשטאַנען אָט דער פעלער פון מיינע חברים און פון מיינע קעגנער.

אין דער רוסישער רעוואָלוציע 1917 איז געווען איין זאַך, וואָס איז געלעגן אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, און פאַר וועלכער מיר אַלע זיינען ניט געווען פאַראַנטוואָרטלעך: די רעוואָלוציע קעגן דעם האַלב-פעאָדאַלן צאַריזם איז געווען אַ פאַרשפעטיקטע. דער איבערגאַנג פון דער זעלבסט-הערשונג צו אַ מער מאָדערנעם פאַרלאַמענטאַרישן און דעמאָקראַטישן רעזשים האָט געזאָלט פאָרקומען אין רוסלאַנד נאָך אין די 70-קער אָדער 80-קער יאָרן. ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער און די הויף-קרייזן פון זיין צייט וואָלטן געפונען אין זיך די קלוגשאַפט צו געבן אַ קאָנסטיטוציע, וואָלט רוסלאַנד אין גאָר אַ גיכער צייט אָנגעיאָגט די מערב-אייראָפעאישע לענדער און וואָלט אין אָנהייב פון 20-טן יאָרהונדערט געשטאַנען אויף איין שטופע מיט די פראָגרעסיווסטע און אינדוסטריעל-אַנטוויקלסטע לענדער אין דער וועלט.

דער לעצטער מאָמענט, ווען רוסלאַנד וואָלט נאָך געקאָנט אַרויפגיין אויף דעם וועג פון אַ פרידלעכער, פראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, איז געווען 1905. יעמאָלט האָט די רעוואָלוציע געהאַלטן ביים זיגן, — אַ רעוואָלוציע, אַ דעמאָקראַטישע, וואָס וואָלט געעפנט אַ וועג פאַר אַ דעמאָקראַטישער און פראָגרעסיווער אַנטוויקלונג אין דער געוואַלטיקער רוסישער אימפעריע. אָבער דער ווידערשטאַנד פון דעם שוין אינעווייניק צעפוילטן צאַריסטישן אַדל און די פחדנות פון דער שוואַכער און אומאַנטוויקלטער בורזשואַזיע זיינען געווען צו גרויס: די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט ניט געזיגט, געזיגט האָט סטאָליפין, וואָס האָט געהאַלטן, אַז רוסלאַנד דאַרף ניט קיין דעמאָקראַטיע און קיין פאַרלאַמענטן. פון דעם מאָמענט אָן איז שוין אייגנטלעך די רעוואָלוציע געווען אַ פאַרשפעטיקטע אין היסטאָרישן זין פון וואָרט. דאָס הייסט, אַז די געשיכטע האָט דורכגעלאָזן דעם לעצטן מאָמענט, כדי רוסלאַנד זאָל קאָנען אַרויפגיין אויפן וועג פון עוואָלוציע צו אַ מאָדערנער קאַפיטאַליסטישער מלוכה.

די רעוואָלוציע, וואָס איז געקומען מיט 12 יאָר שפעטער — אין מערץ 1917, האָט אייגנטלעך ניט „אַראָפגעוואָרפן” דעם צאַריזם: די רעוואָלוציע אַליין איז געקומען, ווייל דער צאַריזם איז *פון זיך אַליין צעפאַלן געוואָרן* אונטער די קלעפ פון די מיליטערישע מפלות. אָבער די רעוואָלוציע איז שוין מער ניט געווען דאָס, וואָס זי האָט געזאָלט און געקאָנט זיין היסטאָריש אין 1905.

די „אַלטע סיסטעם” — דער צאַריזם — איז צוזאַמענגעבראָכן. ס'איז אָבער ניט געווען קיין אַנדער כוח, וואָס זאָל איבערנעמען די ממשלה אין דער מלוכה און פירן אין יענער ריכטונג, וואָס איז היסטאָריש געווען

באַשטימט פאַר רוסלאַנד. וואָלט אין רוסלאַנד געווען אַן אַנטוויקלטע און פעאיקע בורזשואַזע אינטעליגענץ, וואָס באַהערשט אידעאיש און גייסטיק די ברייטע פאָלקסמאַסן; וואָלט אין רוסלאַנד יעמאָלט געווען אַ גרויסע מאַסע פון קאַפּיטאַליסטיש־געזאָנטע, אַנטוויקלטע און קולטור־רעלע פויערים, וואָס זאָלן זיין ענלעך צו די פרייע פאַרמערס פון די אַנט־וויקלטע לענדער, — יעמאָלט וואָלט ניט געווען קיין שום פראַגע, ווי אַזוי די רעוואָלוציע וואָלט געגאַנגען. זי וואָלט געגאַנגען לויט דעם מוסטער פון יענע בירגערלעך־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציעס, וואָס זיינען פאָרגע־קומען אין אייראָפּע אין 19־טן יאָרהונדערט. זי וואָלט געבראַכט צו דער הערשאַפט פון אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישער אָרדענונג, פון אַ דעמאָ־קראַטיש־בירגערלעכע רעפּובליק מיט אַלע יענע סאָציאַלע רעכט פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס זיינען פאַראַן אין די אַנדערע אַנטוויקלטע בירגערלעך־דעמאָקראַטישע לענדער פון דער וועלט.

אין רוסלאַנד זיינען אָבער אַזוינע אַנטוויקלטע, עקאָנאָמיש און גייס־טיק מעכטיקע בירגערלעכע קלאַסן ניט געווען. די רוסישע בורזשואַזיע איז געווען אַ שוואַכע און פּאָליטיש ניט קיין אַנטוויקלטע און ניט קיין זעלבשטענדיקע. די גוואַלטיקע מאַסע רוסישע, אוקראַאינישע, ווייס־רוסישע און אַנדערע פויערים האָט געלעבט נאָך אין פאַר־קאַפּיטאַליסטי־שע פאַרשטעלונגען און באַדינגונגען. פאַר זיי איז דער קאַפּיטאַליזם גע־ווען אַ זאַך, וועלכע זיי האָבן נאָך ניט דורכגעמאַכט: די דאָזיקע מאַסן האָבן ניט געהאַט ניט קיין „קאַפּיטאַליסטישן באַוואוסטזיין", ניט דעם „אייגנטום־פאַנאַטיזם" פון קליינע קאַפּיטאַליסטן, ניט דעם קלאַסן־האַס קעגן אינדוסטריעלע אַרבעטער. פון דער אַנדער זייט זיינען אין רוס־לאַנד געווען לפי ערך זייער שטאַרק די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאַרטייען, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס, אַלס אַזעל־כער, איז אין רוסלאַנד געווען — לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג —קליין אין צאָל.

די פיזישע מאַכט איז צוליב דעם קריג אַריינגעפאַלן אין די הענט פון מיליאָנען און מיליאָנען רוסישע פויערים און אַרבעטער, וואָס זיינען געשטאַנען מאָביליזירטע אויף דעם פראָנט מיט ביקסן און מאַשין־געווערן אין די הענט. דער קריג האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד, האָט צעשטערט די מאַשין פון דער מלוכה, האָט דעזאָרגאַניזירט דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן, האָט דערשיטערט און צעטרייסלט אַלע היסטאָרישע און קולטורעלע טראַדיציעס.

עס איז ריכטיק, וואָס עס האָבן אין 1917 געשריבן פיל שרייבערס: די מלוכה־מאַכט האָט זיך געוואָלגערט אויפן גאַס און קיינער האָט איר ניט געוואָלט אויפהייבן! דער אַלטער רעזשים איז געווען מאָראַליש און מאַטעריעל צעשמעטערט; די בורזשואַזע קלאַסן זיינען געווען איינ־געשראָקן און צו שוואַך, ניט נאָר כדי צו נעמען די מאַכט, נאָר אפילו זיך צו פאַרטיידיקן. די ברייטע מאַסן פון רעוואָלוציאָנערן פאָלק, פון די רע־וואָלוציאָנערע אַרבעטער און פויערים, וואָס זיינען געווען פאַרטראָטן

דורך די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָבן געקאָנט נעמען די מאַכט, נאָר זיי האָבן זיך פאַר איר געשראָקן! וואָרים נעמען איר וואָלט געהייסן, נעמען אויף זיך אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן. דאָס הייסט, זיי וואָלטן *געקאָנט*, אָבער זיי האָבן פאַר דעם *מורא געהאַט*: זיי האָבן געקאָנט *פיזיש*, אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט *מאָראַליש*. וואָרים די ערשטע אויפגאַבע, וואָס די נייע מאַכט וואָלט געמוזט דורכפירן איז געווען — מאַכן אַ סוף *צו דער מלחמה*. שליסן שלום, וויניקסטנס פאַר רוסלאַנד, איז געווען דער אַבסאָלוט־אומפאַרמיידלעכער פאָר־באַדינג פון דערפאָלג פאַר יעדער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, וואָס וואָלט איבערגענומען די רעגירונג. די רעוואָלוציע גופא איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם ווילן צו פרידן, פון דער שרעקלעכער אויסגעמאַטערטקייט דורכן שווערן און לאַנגן קריג. פירן די רעוואָלוציע ווייטער צום זיג האָט מען נאָר געקאָנט — דורכפירנדיק אָט די הויפּט־אויפגאַבע פון דעם גאַנצן היסטאָרישן פּראָצעס. דאָס האָט געמיינט געבן דעם פאָלק שלום, אַליין אײנס אויף װעלכן װעג און גאַנץ גלייך מיט װעלכע מיטלען. קערענסקי און צערעטעלי, דער פירער פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און דער איינפלוסרייכער פירער פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן דאָס פאַרשטאַנען, אָבער געבן שלום האָבן זיי געקאָנט אויף אַזאַ וועג, וואָס איז פאַר זיי געווען מאָראַליש און אידייאיש ניט אָננעמבאַר. האָבן זיי פּאַקטיש ניט געקעמפט פאַר זייער מאַכט און האָבן געלאָזן דעם וואָגן פאָרן אָן אַ פירער. און די מאַכט האָט איבערגענומען יענער, וואָס האָט אויך קלאָר געזען די לאַגע, וואָס איז אָבער געווען פון ערשטן מאָמענט אָן אַנטשלאָסן צו באַצאָלן יעדן פּרייז פאַר דער מאַכט, אַפילו דעם פּרייז פון אַ שענדלעכן פרידן — דעם ברעסט־ליטאָווסק. דאָס איז געווען *לענין*.

אַלזאָ, די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן האָבן געקאָנט ראַטעווען די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע; זיי האָט אָבער אויסגעפעלט דער מוט צו מאַכן פּראַקטישע אויספירונגען פון דעם, וואָס זיי האָבן אַליין פאַרשטאַנען.

אַזוי האָט געקאָנט קומען צו דער מאַכט אַ באַוועגונג, וואָס עס האָט אָנגעהויבן ווי אַ קליינע און נישטיקע גרופּע, וואָס איז עטלעכע מאָל געשטאַנען ערב אַ פולשטענדיקער קאַטאַסטראָפע, און וואָס איז, ניט געקוקט אויף דעם, געוואָרן אַ געוואַלטיקע פאָלקס־באַוועגונג סוף 1917. וואָרים אין איר איז, דורך אַ היסטאָרישן צופאַל, געווען אַ פירער, וואָס האָט זיך ניט געשראָקן צו אָפּפערן טעאָריעס, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מאַכט.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געבראַכט די דיקטאַטור פון אַ פּאַרטיי־מאַשין. די דאָזיקע מאַשין האָט זיך באַטראַכט אַלס אַ פּאַרטיי פון דער פּראָלעטאַרישער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. די רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן פון עטלעכע צענדליק טויזנט סאָציאַליסטן מיט די הענט פון מיליאָנען פויערים און האַלב־פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן

וועגן סאָציאַליזם ניט געהאַט קיין שום אַנונג, און ביי דער שטילער „נייטראַליטעט” פון 160 מיליאָן פּויערים, וואָס האָבן זיך באַצויגן אין גאַנצן גלייכגילטיק צו אַלע אידעאָלאָגיעס און צוקונפט־פּלענער. אַפילו דער בירגער־קריג גופא איז געוואונען געוואָרן מיט דער הילף פון עלעמענטן, וואָס זיינען געווען גלייכגילטיק אָדער נייטראַל צו די אידעאַלן פון באָלשעוויזם. טראָצקי דערציילט אין זיינע דערינערונגען, ווי איבעראַשט, און מען קאָן זאָגן, איבערגעשראָקן, עס איז געווען לענין, ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון טראָצקין, אַז די רויטע אַרמיי, וואָס קעמפט קעגן די „ווייסע”, ווערט אָנגעפירט און קאָמאַנדירט פון 30 טויזנט צאַרישע אָפיצערן! דערנאָך האָט לענין פון דעם געמאַכט אַ גאַנצע טעאָריע: „מיר וועלן בויען די וועלט, אונדזער וועלט, מיט די ציגל, וואָס די קאַפּיטאַליסטן האָבן געמאַכט, און געמאַכט קעגן אונדז!”

אָט אין יענע יאָרן פון בירגער־קריג איז אָנגעגאַנגען אַ טיפער אידעאישער קאַמף צווישן די באָלשעוויקעס און אונדז, מענשעוויקעס, אַ קאַמף, וואָס זיין הויפּט־טעמע איז געווען: צי איז מעגלעך אויפצובויען אַ סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין אַ סאָציאַל־, עקאָנאָמיש־ און קולטורעל־אָפּגעשטאַנענעם פּויערים־לאַנד? צי קאָן מען בויען סאָציאַליזם פון פרעמדע „ציגל” אין אַ לאַנד אָן אינדוסטריע און פּראָלעטאַריאַט, אָן קולטור און בילדונג?

די מאַכט פון די באָלשעוויקעס, ווי די מאַכט פון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די יאָרן 1917—1920, איז געלעגן ניט אין דער קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט, ניט אין די עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און קולטורעלע פּאָזיציעס פון אַרבעטער־קלאַס און פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, נאָר אין דער שוואַכקייט פון די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן, אין דער נישטיקייט פון דער רוסלענדער בורזשואַזיע. דער כוח, וואָס האָט אַזוי פאַרפירט דעם באָלשעוויזם, איז געווען אַ נעגאַטיווער: די שוואַכקייט פון קעגנער. דעריבער איז אויך דער דערפאָלג פון דער באַוועגונג געווען אין אַ געוויסן זינען אַ נעגאַטיווער. ניטאָ אין רוסלאַנד קיין קאַפּיטאַליסטן, ניטאָ קיין פּריוואַטע עקספּלואַטאַציע. דאָס אַלץ איז טאַקע ניטאָ. אָבער וואָס איז פאַראַן? צי איז פאַראַן סאָציאַליזם?

יעמאָלט, אין די יאָרן 1918־1919־1920 איז דאָס נאָך ניט געווען קלאָר. אין גאַנצן איז עס קלאָר געוואָרן ערשט אין צען־פופצן יאָר אַרום. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאָלגנדעס: די באָלשעוויקעס זיינען געווען גערעכט, און ניט מיר, ווען זיי האָבן געטענהט, אַז אין די ספּעציעלע רוסישע באַדינגונגען איז פאַר אַ קליינער, אָבער שטאַרק אָרגאַניזירטער פּאַרטיי יאָ מעגלעך צו האַלטן די מאַכט, צו באַהערשן מיט געוואַלט די פּויערים און צו בויען אַן „אייגענע אָרדענונג”. מיר, מענשעוויקעס, האָבן אין דעם ניט געגלויבט; מיר זיינען געווען זיכער, אַז ערגעץ־וואו אויפן וועג פון דער דאָזיקער „בויאונג” וועט די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי ליידן

א גוואַלדיגע מפּלה, און עס וועט קומען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם זיינען מיר געווען אומגערעכט: מיר האָבן ניט גענוג אָפּגעשאַצט די גוואַלדיקע באַ־דייטונג פון דער מלוכה-מאַכט און פון אַן אייזערנער דיקטאַטור. אַ מאָ־דערנע דיקטאַטור האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין שטאַרקער, איידער דער שטומער ווידערשטאַנד פון אַ גאַנצן פאָלק, פון הונדערט מיליאָן פויערים, אַפילו פון די גרויסע טיילן פון אייגענעם „דיקטאַטאָרישן" קלאַס.

אָבער, אויב די באָלשעוויקעס זיינען געווען גערעכט אין דער פראַגע פון מאַכט, זיינען, לויט מיין טיפער איבערצייגונג, די מענשעוויקעס געווען גערעכט אין תוך, אין עצם פרינציפּ. די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי קאָן ביי געוויסע באַדינגונגען האַלטן די מאַכט מיט דער הילף פון אַ הונ־דערט-פּראָצענטיקער טאָטאַליטאַרער, אייזערנער דיקטאַטור און בויען איר „אייגענע אָרדענונג". אָבער די דאָזיקע „אָרדענונג" קאָן ביי אַזוינע באַדינגונגען קיין מאָל ניט זיין קיין ס אָ צ י אַ ל י ז ם.

שוין דער פּאָליטישער כאַראַקטער פון דער דיקטאַטור גופא און, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, דער כאַראַקטער פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי, וואָס איז די טרעגערין פון דער דיקטאַטור, מוז זיך ראַדיקאַל ענדערן אין גאַנג פון אַזאַ מין אַנטוויקלונג. די באָלשעוויסטישע דיקטאַ־טור איז אין די ערשטע חדשים פון איר עקזיסטענץ געווען אין פיל פונקטן נאָך שטאַרק דעמאָקראַטיש און פרייהייטלעך, — און דאָס קאָן דער לייענער זעען פון מיינע דערינערונגען. די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי איז אין די ערשטע פּאַר מאָנאַטן פון איר עקזיסטענץ נאָך געווען אַ רעוואָ־לוציאָנערע, פרייהייטלעכע מאַסן-פּאַרטיי, מיט אינעווייניקסטער דעמאָ־קראַטיע און באַוועגונגס-פרייהייט פאַר די מיטגלידער. אָבער די לאַגע פון דער דיקטאַטור אַלס מינדערהייט פון פאָלק האָט איר געצוואונגען אַריבערצוגיין צו טעראָר, צוערשט אין לאַנד. דער טעראָר האָט פאַר־ניכטעט אַלץ מער די פּאָליטישע פרייהייט אין פאָלק, אָבער שפּעטער אויך אין דער דיקטאַטור גופא.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָט אַלץ מער אויפגעהערט צו זיין אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי און איז אַלץ מער און מער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאַרטיי פון דיקטאַטאָרישע באַאַמטע, „טשינאָוו־ניקעס" און ביוראָקראַטן. אַנשטאָט צו זיין אַן אויסדרוק פון דעם סאָ־ציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט אין זיין פרייער זעלבסט־באַשטימונג, איז זי געוואָרן מיט דער צייט אַלץ מער און מער אַן אינ־סטרומענט אויף צו באַהערשן און צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער-מאַסן אין די אינטערעסן פון דער מ ל ו כ ה און פון יענע צילן, וואָס די מלוכה שטעלט זיך. און די מלוכה ווערט אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער, בשעת דער אַרבעטער ווערט אַלץ מאַכטלאָזער. אין די ערשטע חדשים האָט זיך לענין אַנטשולדיקט יעדעס מאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אָנרירן די פריי־הייט ניט נאָר פון אַ קאָמוניסט, נאָר אַפילו פון אַ מענשעוויק אין אַ סאָ־וועט. און אין פופצן אָדער זעכצן יאָר אַרום האָט דער נייער פירער פון

דער דיקטאַטאָרישער פּאַרטיי שוין ניט געדאַרפט האָבן קיין אַנטשולדיקונג צו דערשיסן איין-און-צוואַנציק מיטגלידער פון אייגענעם באָלשעוויסטישן צענטראַל-קאָמיטעט, — צווישן זיי די, וואָס האָבן מיט זייערע הענט געמאַכט די אָקטאָבער-רעוואָלוציע און געלייגט דעם גרונט-שטיין פאַר דער „סאָציאַליסטישער בויאונג" אין רוסלאַנד. און די דאָזיקע מערקווירדיקע „עוואָלוציע" קאָן ניט דערקלערט ווערן דורך דעם שלעכטן כאַראַקטער פון איין מענטש, ווי דאָס טענהן די טראָצקיסטן. די סיבות זיינען פיל טיפער: זיי ליגן אין דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע.

דאָס זיינען אַלץ זאַכן, וואָס זיינען געשען פיל שפּעטער. דאָס איז די אַנטוויקלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דאַן, ווען איך בין שוין מער ניט געווען אין רוסלאַנד און האָב געלעבט, אַלס עמיגראַנט, אין בערלין און אין פּאַריז. אָבער אַ היסטאָרישער פאַקט בלייבט, אַז מיר, די קעגנער פון קאָמוניזם, האָבן שוין דאַן, ווען מיר האָבן נאָך געלעבט אין רוסלאַנד, אונטער דער האַלב-דעמאָקראַטישער דיקטאַטור פון לענינען, פאָראויסגעזען וואוהין די דיקטאַטור וועט ברענגען רוסלאַנד און דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

און מיין צוועק, ווען איך האָב געשריבן די דערינערונגען, איז געווען צו ווייזן, ווי אַזוי עס איז געקומען, אַז מיר, אַלטע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געקעמפט פאַרן סאָציאַליזם, האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצומאַכן דעם „סאָציאַליסטישן עקספּערימענט" פון לענין און טראָצקי. מיר האָבן דאָס געטאָן, ווייל מיר האָבן ניט געגלויבט אין דעם, אַז דאָס וועט טאַקע ברענגען צום סאָציאַליזם. די געשיכטע האָט ביז איצט באַוויזן, אַז אין דעם זיינען מיר געווען גערעכט. די אויסערלעכע מאַכט פון באָלשעוויזם איז אָנגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ טיפער ענדערונג פונם אינהאַלט.